STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06764

OYFN BERGL IN NEGEV

Riwka Gevirtzman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רבקה געווירצמאן

אויפן בערגל אין נגב

ראמאן

פארלאג „ניי לעבן"

רבקה געווירצמאן
RIWKA GEVIRTZMAN

אויפן בערגל אין נגב

OIFN BERGEL IN NEGEV

ראמאן

כל הזכויות שמורות
להוצאה ולסופרת
All rights reserved

נדפס בישראל
Printed in Israel

דפוס „מופת" — יצחק רייזמן
ת"א, עין־הקורא 6, טל. 32968

רבקה געווירצמאַן

קאַפּיטל 1

אין הייסן נגב, אויף אַ בערגל, איינגעטונקט אין בוימער און קליינע הייזקעס, שטייט דער קיבוץ. אין דאָזיקן גריגעם אינזעלע, אין אַ ים זאַמד, גייט אויף אַ לעבן. אַ לעבן פון יונגע יידישע קינדער, וועלכע זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פון דער גאַרער וועלט.

הערלעך זעט אויס דאָס ווינקעלע. אין דעם פריען באַגינען, ווען די זון שיינט אויף און ברענגט פרייד און לעבן, און אין די פאַרנאַכטן, ווען די זון זעצט זיך ווייט, ווייט אויפן האָריזאָנט, אין די מאָמענטן — האָט שרה ליב צו שטיין נעבן גרויסן בוים, וועלכער געפינט זיך דאָ הונדערטער יאָרן און ברענגט אַריין שאָטן אין דעם ברענענדיקן מדבר.

ווער איז שרה? ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט איז שרה, אַן איבערגעבליבן ביים לעבן מיידעלע, געווען אויסבאַהאַלטן ביי אַ באַקאַנטן קריסט. ער האָט זי אַליין איבערגעגעבן די בחורים פון דער יידישער בריגאַדע, וועלכע האָבן נאָך דער מלחמה, געזוכט פאַרלוירענע ברידער און שוועסטער, אויפגעזאַמלט די רעשטלעך קינדערלעך, וועלכע זיינען פאַרבליבן ביים לעבן. מיט אַט דער יוגנט, איז זי אָנגעקומען אין לאַנד.

דער קיבוץ אין נגב האָט אויפגענומען עטלעכע אַזעלכע קינדערלעך און צווישן זיי אויך שרה. דאָס איז איר ביאָגראַפיע, וועלכע מיר ווייסן.

שרה האָט זיך געהאָדעוועט און מיטגעוואַקסן מיטן קיבוץ צוזאַמען. אָט קומט צו אַ נייע וווינונג, אָט קומט אויף אַן עס־צימער, אַ קינדער גאָרטן, און לערערינס, אפילו בהמהלעך זיינען געוואַקסן צוזאַמען. שרה האָט זיך איינגעלעבט אין דער געגנט מיט אירע חברים און חברטעס ביז זי איז דערגאַנגען צו דער סטאַדיע פון אַ האַלבן טאָג אַרבעט און אַ האַלבן טאָג לערנען.

וואונדער שיין איז שרה. זי איז שוין זעכצן יאָר אַלט. איר ווייס פנימל, וועלכן זי האָט מיטגעבראַכט פון דער היים איז ברוין געוואָרן פון דער הייסער נגבֿ־זון. אירע פיס, אַזוי ווי געטאָקטע, האָבן זיך אַרויסגעזען ווען זי איז געווען אָנגעטאָן אין די כאַקי־הייזעלעך, וועלכע זיינען געווען געפּאַסט גוט אין איר טאַליע און ברייטער אַרום די היפטן. איר ווייס בלוזקעלע האָט רייצנד פאַרדעקט אירע יונגע רייפע ברוסטן, אָבער האָבן זיך דייטלעך אַרויסגעפּילט צוליב איר נעטער קליידונג און אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ העל געבלימלט טיכל. אַפילו די שוואַרצע זונען־ברילן מיט די ווייסע רעמלעך, האָבן איר הערלעך געקליידט.

איר האַרץ האָט געשפּראָצט מיט פרייד. שטענדיק אַ לעבעדיקע, אַ פריילעכע, איז זי געוואָרן דער ליבלינג פון קיבוץ סיי ביי די עלטערע און סיי ביי ייִנגערע.

אין איינעם אַ טאָג זיינען אָנגעקומען יונגע ייִנגלעך. צווישן די דאָזיקע האָט זיך אויך געפונען רמי.

דאָס ערשטע מאָל ווען רמי האָט דערזען שרהן, איז עס געווען אין איינעם אַ פאַרנאַכט, ווען זי איז געזעסן אויף אַ באַנק אונטערן בוים און אַרומגעכאַפּט מיט איר בליק דעם גאַנצן אַרום. פון ווייטן האָט זיך געזען אַ וואַנדערנדיקער קאַראַוואַן פון קעמלען, וועלכע די לעצטע זונען־שטראַלן האָבן באַשיינט זייער גאַנג. אויך רמי, וועלכער איז שטיל צוגעגאַנגען צו שרהן איז פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם בילד און ביידנס בליקן זיינען געווען געווענדעט אַהין.

אינסטינקטיוו האָבן זיך זייערע בליקן באַגעגנט.

ווער ביסטו? — האָט רמי אַ פרעג געטאָן, — ווי הייסן דיינע עלטערן?

— איך האָב ניט קיין עלטערן — האָט שרה געענטפערט. — זיי זיינען אומגעקומען ווייט, ווייט אויף דער ציוויליזירטער ערד פון אייראָפּע. מיך האָט מען אַהער געבראַכט פון דאָרט. בין צוערשט געווען אין קיבוץ בית־אלפא אין עמק, צופוסנס פון דעם באַרג גלבוע. שפּעטער זיינען מיר אַריבער אַהער.

— און ווער ביסטו? — האָט זי דרייסט אַ פרעג געטאָן, אויפהויבנדיק אירע אויגן.

רמי, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַן בוים איבערגעוואָרפן אַ פוס איבער אַ פוס, האָט געענטפערט:

— מיינע עלטערן וווינען אין ניו־יאָרק. מיך האָט געצויגן אַהער,

ווייל דער זיידע פלעגט מיר אַ סך דערציילן פון אונזער היסטאָריש לאַנד, וועלכעס שלעכטע מענטשן האָבן אונז פון דאָרט פאַרטריבן. אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך זיך געמאָלן, אַז ווען איך וועל זיין אַ גרויסער, וועל איך פאָרן אַהין, דאָרט ווו אונזער פאָלק האָט געשפּונען זיין לעבן. און אָט, ביי דער ערשטער געלעגנהייט בין איך דאָ אַהערגעקומען. איך בענק שטאַרק נאָך מיינע עלטערן — האָט רמי אויסגערופן. — אין מיר גייט אָן אַ געראַנגל צווישן הימלאַנד און טאַטע־מאַמע...

— און אַ מיידל אויך? — האָט שרה שמייכלענדיק אַ פרעג געטאָן.

רמי האָט זיך פאַרטראַכט און אַ פאַרשעמטער אַראָפּגעלאָזט די אויגן, דערביי מיט דעם שוך אָפּגעשאַרט דעם זאַמד ווו, ער איז געשטאַנען. ניין — האָט ער געענטפערט, — דאָס שיקסל פון שול האָט ער ניט ליב געהאַט.

— ווּעסטו פאָרן צוריק? — האָט שרה געפרעגט אים אַנקוקנדיק, אויסדרייענדיק אַ ביסל איר קאָפּ.

— איך האָב זיי צוגעזאָגט, אַנדערש וואָלטן זיי מיך ניט געלאָזט פאָרן.

פון דער וויטן זיינען אָנגעקומען רמיס חברים, וועלכע האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד, אונטערן בוים. שפּעט אין דער נאַכט זיינען זיי געגאַנגען שלאָפן.

אויף מאָרגן, ווען נאָך דער אַרבעט איז מען געזעסן אין דער שול און געלערנט — איז רמי איבערגעגאַנגען אויף דער באַנק, ווו שרה איז געזעסן. אין שרהס האַרץ האָט זיך צעגאָסן אַ איבערלעכע פרייד, זי האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר זיך אָפּגערוקט אַ ביסל ווייטער צום ברעג, מאַכנדיק פאַר אים געראַומער. פראַגן, וועלכע זיינען שווער געווען, האָט זי שוין רמין געפרעגט, און ער האָט איר געלערנט.

אין אָוונט, ווען רמי האָט צוריקגעבראַכט פון פעלד די פעקלעך שטרוי און די מיידלעך האָבן זיי אויסגעלייגט אויף אַ הויכן באַרג, איז אויך שרה געווען צווישן זיי. זי האָט ניט געפילט, אַז זי איז אַזוי הויך אַרויף. זי איז געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט און אין געדאַנק איז איר געווען רמי. פון פרייד האָט זיך פון איר ברוסט אַרויסגעריסן אַ געזאַנג, וועלכער איז גלייך דערגאַנגען צו רמיס אויערן. ער האָט אַ הויב געטאָן זיינע אויגן און פאַר אים האָט זיך באַוויזן די שיינע שרה מיט די געטאַקטע פאַרבראַונטע פון זון פיס. דאָס טיכל אויפן קאָפּ האָט געפלאַטערט פון ווינט.

אויפן בערגל אין נגב

ווען דער בארג שטרוי איז שוין געווען הויך גענוג, האט שרה ערשט איצט באמערקט, אז זי קאן ניט אראפ. וויפל זי האט זיך באמיט אראפ־צוגיין פון שטויס שטרוי, האט זיך איר דאס ניט איינגעגעבן. רמי האט געלאכט און זיך אפגערופן: — שרה, דאס קאסט א קוש נעם איך דיך אראפ פון אויבן. שרה האט נאך ניט באוויזן צו ענטפערן, ווי רמי איז שוין געווען אינדערהויך, אנגעכאפט איר ביי דער טאליע, און זיך גע־נומען אראפגליטשן. שרה האט פון שרעק ארומגענומען רמין, זיך געטו־ליעט אין אים און ווען זיי זיינען שוין געווען אויפן באדן, האט ער פאר־לאנגט דאס צוגעזאגטע.

— ניט איצט! — האט שרה געענטפערט.

די חברים און חברטעס, וועלכע זיינען געשטאנען דערנעבן און גע־לאכט האבן דורכאויס געצווונגען שרהן צו האלטן ווארט, זי האט זיך אבער פארשעמט, ווייל ביז איצט האט זי נאך ניט געקושט א יינגל אין די אויגן פון אנדערע. רמי האט איר נאך אלץ געהאלטן ארומגענומען און פארלאנגט דאס צוגעזאגטע. אבער שרה, רויט ווערנדיק פון נאאיוויטעט, האט געפרוווט זיך באפרייען פון אים. אבער זיינע געזונטע הענט האבן איר פעסט געהאלטן ביי דער טאליע. ער האט זיך אפגערופן: אויב איך באקום ניט, וועסטו עס באקומען, און פאר אלע אין די אויגן האט ער זי א קוש געטאן אין די ליפן. שרה האט זיך געראנגלט, אבער זי איז צו שוואך געווען אין דעם מאמענט סיי פיזיש, סיי גייסטיק אים זיך קעגנ־צושטעלן. ווען ער האט זי באפרייט, איז זי א פארשעמטע אנטלאפן צו איר אין צימער.

* * *

אין אווענט, ווען זי איז געקומען לערנען, געפינענדיק רמין אויף זיין פלאץ, האט זי זיך געזעצט אויף א צווייטער באנק. רמין האט עס באנג געטאן. אבער ער האט גארניט געזאגט. די לעקציע איז אים אין קאפ ניט געגאנגען. זיין מענער שטאלץ איז באריירט געווארן. נאך דעם לערנען, איז ער גלייך געגאנגען אין זיין צימער. אויף מארגן איז ער צו דער שעה ניט געגאנגען. ווען אויפן צווייטן טאג איז רמי אויך ניט געקומען — האט שרהן אנגעהויבן פארדריסן איר האנדלונג. אייגנטלעך, וואס האט פאסירט — האט זי גערעדט צו זיך — דער קוש איז אים געווארן צוגע־זאגט, איך האב מיין ווארט ניט געהאלטן. ער האט מיך געקושט, ווייל ער האט מיך ליב און איך האב אים זיכער ליב. א געראנגל איז אנגעגאנגען

אין איר האַרץ. צום ערשטן מאָל איז זי געוואָרן ערנסט. צום ערשטן מאָל האָט זי אָנגעהויבן ליידן פון ליבע. ערשט איצט האָט זי גענומען פילן ווי אַ ניט באַטירלעכע קראַפט שטויסט איר צו אים. זי האָט אָנגעהויבן פילן, אַז רמי פעלט איר. מער האָט זי זיך ניט געקאָנט צוימען, ווי ס׳איז נאָר אָנגעקומען דער אָוונט, האָט זי זיך נאָכן אַרומוואַשן, אָנגעטאָן אין די קורצע הייזלעך מיט דער ווייסער בלוזע און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אָנגעקלאַפּט אין זיין צימער.

— אַריין! — האָט זי דערהערט זיין קול.

רמי איז געזעסן פאַרטיפט אין זיינע ביכער און ניט באַמערקט ווער עס איז געקומען. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז דאָס איז די שכנה, וועלכע קומט אים בעטן דערלויבן הערן ראַדיאָ, וועלכן ער האָט מיטגעבראַכט פון אַמעריקע.

שרהן האָט פאַרדראָסן, וואָס רמי קוקט איר אַפילו ניט אָן, האָט זי פּלוצלונג אויסגערופן: — איך וויל דיר ניט שטערן, רמי, איך וויל נאָר וויסן, פאַרוואָס דו קומסט ניט אין דער שול.

איר קלינגענדיקע שטים האָט אים אויפגעוועקט, ווי פון שלאָף. ער האָט האַסטיק אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און דערזען שרהן שטיין נעבן טיר, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, נאָר מיט אויגן אויפגעהויבענע, אַזעלכע שמייכלענדיקע, וואָס קאָנען דורכשפּיזן דאָס קאַלטסטע האַרץ.

— שרה! דו? אָ, ווי גוט, וואָס דו ביסט געקומען. איך בין געווען ברוגז אויף דיר, דאָך האָב איך אויף דעם געוואַרט, וויסנדיק, אַז דאָס איז אַ חלום. דאָס קאָן קיינמאָל ניט זיין. ביסטו געקומען מיר אָפּגעבן דיין חוב?.....

שרה איז צוגעגאַנגען נעענטער צום טישל, זיך געזעצט אויף זיין סאָפע, איבערגעוואָרפן אַ פוס איבער אַ פוס און די קני אַריינגענומען אין אירע פאַרפלאָכטענע הענט. רמי האָט זיך געזעצט נעבן איר. שרה האָט אים אַרומגענומען, צוגעדריקט זיין קאָפּ צו אירע ברוסטן און אַ שטאַרקן קוש אָפּגעדריקט אויף זיינע ליפּן.

— רמי! — האָט שרה זיך אָפּגערופן. — איך האָב דיך ליב, דו ביסט מיר געוואָרן נאָענט. איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין נאָענטן מענטש, אַ פריינד, פאַר וועמען זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן. איך האָב ניט געהאַט קיין מוטער צערטלעכקייט און קיין פאָטער ליבע. איך וויל האָבן אַ פריינד, אַזאַ, ווי דו ביסט, אָבער שעץ מיינע געפילן, ווייל איך בין נאָך יונג אין דערפאַרונג.

שרה האָט געקוקט אויף רמין מיט אַזעלכע מאָדנע בענקענדיקע אויגן פון וועלכע רמי האָט געפילט, אַז שרה וואָלט געוואָלט פאַרבינדן איר גורל מיט זיינעם. פאַר זיינע אויגן איז פאַרבייגעשוואומען זיין משפחה אין אַמעריקע. די טאָכטער פון זיין פּאַטערס שותף אין די ביזנעס, העלען, מיט וועלכער ער איז געווען גוט באַפריינדעט. ווי ניט ווילנדיק, האָט ער אַ דריי געטאָן דאָס רינגל אויפן פינגער, וועלכער העלען האָט אים געשאָנקען, פאַר זיין אָפּפאָרן קיין ישראל. אַ פאַרשעמטער, האָט רמי געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ און זיך געזען ווייט, ווייט, אין דער היים, ווען ער שטייט אויף אינדערפרי און זיין מוטער טראָגט אים צו צו זיין בעט דעם רייכן פרישטיק. פאַר זיינע אויגן שטייט זיין מוטער נעבן בעט און קושט אים. זי האָט אים ליב, דעם איינציקן זון אירן. זי ציטערט איבער אים. דאָס גאַנצע גליק פון דער וועלט, וואָלט זיין מוטער געוואָלט זאָל זיך געפינען אין איר רמי. אָט איז שוין דער זייגער צען. העלען פאָרט אָן מיט איר שיינעם נייעם קאַדילאַק, גיט אַ צייכן און רופט רמין צו פאָרן צוזאַמען צו די למודים. דער אויטאָ איז אָפן, פון ווינט פליען די בלאָנדע האָר פון העלענס קאָפּ איבער איר שיינעם געזיכט. העלען לאַכט, שטיפט און דער אויטאָ גליטשט זיך איבערן ברייטן שאָסיי. ווייט אויסער דער שטאָט צום אוניווערזיטעט.

אינטערעסאַנט — טראַכט רמי, — העלען איז דאָך אַזוי שיין, אַזוי רייך, און אַזוי פול מיט לעבן. און דאָ זיצט אַ פּשוט מיידעלע, אין קורצע הייזעלעך, קוקט אויף אים מיט אַזעלכע מאָדנע נאַאיווע בליקן, רעדט פון אַ וועלט, וואָס האָט אירע עלטערן אומגעבראַכט ערגעץ אויף די פעלדער פון פוילן. און גראָד איר האָט ער ליב, גראָד פון איר האָט ער געוואָלט דעם קוש, און ווי זאַפטיק דער קוש איז עס געווען. ווי האָט געציטערט זיין קערפּער ווען ביידנס ליפּן האָבן זיך באַהאַפטן. פאַרוואָס זיינען אירע אויגן אַזוי פול מיט גלאַנץ, עס דוכט זיך אים, ווי זיי וואָלטן זיך געווייקט אין טרערן אָבער דאָס זיינען ניט געווען קיין טרערן, נאָר זילבערנע וואַסערלעך, אַזעלכע קלאָרע, לויטערע.

שרה האָט געפילט דעם אינערלעכן געראַנגל, וואָס עס גייט אָן אין זיין האַרץ. ביידע האָבן זיי איצט געשוויגן. ביי ביידן האָבן געפעלט ווערטער צום רעדן. שרה האָט אָבער אַ פרעג געטאָן: — רמי! עפּעס קומט פאָר אין דיר. מיט עפּעס ראַנגלסטו זיך. שטער איך דיר אין דיינע פּלענער פון דיין לעבנס-וועג? דאָס שיקסל, זאָגסטו, אַרט דיך ניט, און אַ יידיש מיידל אַרט דיך יאָ? שעם זיך ניט, דערציייל מיר. איז זי אַ שיינע?

בענקט איר איינער נאָך דעם צווייטן? איך וויל דיר ניט שטערן, ווייל מיך קאָנסטו סך הכל אַ פּאָר טעג. אמת, איך האָב דיך ליב באַקומען. אָבער איך וויל ניט צונעמען וועמענס ליבע. איך פֿיל איר מיט, אַקוראַט ווי איך פֿיל דיר מיט. אויב דו ווילסט, קאָן איך אַוועקגיין. מיר האָט זיך נאָר געדוכט, אַז דו ביסט אַליין. די עטלעכע טעג, וואָס איך האָב דיך באַקאַנט, האָב איך געזען, אַז דו חברסט זיך ניט מיט קיינעם פֿון קיבוץ. — שרה האָט זיך אַ הויב געטאָן פֿון איר אָרט, ווו זי איז געזעסן און גע־וואָלט אַוועקגיין. רמי האָט אָבער איר אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר דער האַנט און זיך אָפּגערופֿן, — זיץ דאָ, גיי ניט, ווייל דאָס וועט מיר ווי טאָן.

— פֿאַר וואָס וועט דיר ווי טאָן. קאָן מען ליבן צווייען? רמי!

— ניין, שרה, מען קאָן ניט ליבן קיין צוויי. איך האָב טאַקע אַ גוטע חברה געלאָזט אין אַמעריקע. זי הייסט העלען, דאָס איז איר מתנה — ער האָט אַראָפּגענומען דאָס רינגל פֿון זיין פֿינגער. — אָבער איך האָב איר קיינמאָל גאָרניט צוגעזאָגט. איך האָב איר אַפֿילו קיין מאָל קיין קוש ניט געגעבן, ווייל איך האָב איר ניט ליב. פּשוט מיר זיינען צוגעווינט, ווייל איר פֿאָטער איז שותּף אין מיין פֿאָטערס געשעפֿטן, אָבער דיר, שרה, האָב איך ליב. איך ווייס ניט פֿאַרוואָס, נאָר עס ברענט אין מיין האַרץ אַ פֿייערל און איך פֿיל, אַז דו האָסט עס אָנגעצונדן. אין דיין אָנוועזנהייט פֿיל איך זיך אַזוי גוט. דו ווייסט ניט וויפֿל איך האָב געליטן אין די פּאָר טעג, וועלכע איך האָב דיך ניט געזען. איך האָב אייגנטלעך דיך יאָ געזען, אָבער פֿון דער ווייטנס, און איך האָב געוואָלט צו דיר צוגיין, אָבער מיין מענער־עגאָאיזם האָט מיך ניט געלאָזן. איך האָב געוואָלט דו זאָלסט קומען צו מיר. דו האָסט עס ניט געטאָן און דאָס האָט מיך שטאַרק פֿאַר־דראָסן. אָבער, אַז דו ביסט איצט געקומען, און אָפּגעגעבן דיין חוב, פֿיל איך, אַז איך וועל ניט קאָנען זיין ווייט פֿון דיר. דיינע רייד נאָכן קוש, דיין פֿראַגע: „איצט ביזטו שוין ניט ברוגז", האָט ממש צעבראָכן מיין האַרץ. און דורך דעם ברוך האָסטו זיך אַריינגעגנבעט איבעווייניק. איך וויל, שרה, אַז דו זאָלסט פֿאַרבלייבן מיינע אויף אייביק. איך וויל, אַז מיר זאָלן זיין איינע פּאַרן צווייטן.

רמי האָט אויפֿגעהערט רעדן און געוואַרט אויף שרהס ענטפֿער. שרה איז געזעסן אויף דער סאַפּע אָן אומעטיקע אָבער מיט אַ האַרץ פֿול מיט ליבע. איצט האָט זי אים אַרומגענומען און ווידער האָבן זייערע ליפּן זיך באַהאַפֿטן. — דאָס איז מיין ענטפֿער אויף דיין ביטע — האָט שרה גע־

זאָגט. — אָבער עס וועט מיך ווי טאָן, רמי, — אויב העלען וועט דערפון ליידן.

— איך האָב איר גאָרניט צוגעזאָגט און זי ווייסט עס. דאָס רינגל, וואָס זי האָט מיר געגעבן האָב איך ניט געוואָלט נעמען, האָט זי מיך פאַרזיכערט, אַז דאָס האָט ניט קיין שייכות מיט אירע מחשבות. איך האָב עס גענומען און גיב עס דיר איבער. — רמי האָט אַראָפּגענומען דאָס רינגל פון זיין פינגער, אָנגעטאָן אויף שרהס פינגער, וועלכער האָט צופעליק געפּאַסט. — און דאָס — זאָגט רמי — וועט זיין דיר אַ צייכן פון מיין טרייקייט צו דיר. איך פאַרבינד מיין גורל מיט דיר, שרה, און אויב דו וועסט וועלן, אויך מיטן קיבוץ. ווייל גליק איז דאָרט, וווּ ס'איז דאָ ליבע. מיין ניט, אַז ליבע וווינט אין פּאַלאַצן.

— רמי! — האָט שרה אויסגערופן, אַריינגעמענדיק זיין האַנט אין אירע און איר געגלעט, דערביי אַ פרעג געטאָן — וועלכן חן האָב איך געפונען אין דיינע אויגן?

— איך ווייס ניט, וואָס דיר צו זאָגן — האָט רמי געענטפערט — צי דאָס איז דיין עלנטקייט, אָן טאַטע־מאַמע, און דו בויטיקסט זיך אין אַ פריינד, אָדער דיין ליבער שמייכל, דיין גוטסקייט און דיין אויפריכ־טיקייט, דאָס אַלץ צוזאַמען האָט מיך געבונדן ווי מיט אייזערנע קייטן, ווייל די פּאָר טעג, וואָס דו ביסט ניט געווען מיט מיר נאָענט, האָט מיך ממש צעבראָכן. איך האָב געפילט, אַז איך גיי אויס אין בענקשאַפט צו דיר. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז אָן דיר וועל איך ניט קאָנען געפינען קיין רו.

נאַרישער יינגל, וואָס דו ביסט! האָט שרה אים געזאָגט, צוציענדיק זיינע ליפּן צו אירע. רמי איז געווען איבערגליקלעך, צו זיינע קושן האָט ניט גענומען קיין ענדע, ביז שרה האָט זיך אויפגעהויבן, געבראַכט אין אָרדענונג זיין צימער, ווייל די קליידונג זיינע און אַנדערע שטוב־זאַכן זיינען ניט געלעגן אויפן אָרט, ווי אַ געניטע הויז־ווירטין ווינטשט זיך. און ווען דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן עלף, איז שרה אַוועק צו זיך אין צימער.

* * *

די נאַכט האָבן ביידע ניט געשלאָפן. ביי ביידן זיינען די מוחות פול געווען מיט מחשבות. שרה האָט געטראַכט, וואָס וועלן מאָרגן אירע חברטעס ביי דער אַרבעט זאָגן, ווען זיי וועלן זען דאָס רינגל אויף דער

האַנט. זיי וועלן זיכער פרעגן, ווער האָט מיר דאָס רינגל געשאָנקען? וועל איך זיי ענטפערן, אַז דאָס איז אַ מתנה פון רמי. דער גאַנצער קיבוץ וועט דערפון רעדן. מען וועט זיי געבן צוזאַמען אַ צימער און זיי וועלן בויען דאָ זייער לעבן, אין הייסן נגב.

✶

און רמי? זיין ליבע צו שרהן, האָט געשטעלט אין שאָטן די היים אין אַמעריקע. אָבער אַ געדאַנק האָט אים געמאַטערט, וואָס וועט ער טאָן מיט די עלטערן? זיין מוטער וויל דורכאויס, ער זאָל חתונה האָבן מיט העלען. ער האָט ליב זיין מוטער און איצט וועט ער זיין געצוווּנגען איר זיך קעגנ־שטעלן. דאָס וועט איר ווי טאָן, אָבער זיך אָפּזאָגן פון שרהן וועט ער אויך ניט. ער האָט אויך געוווּסט, אַז זיין מוטער האָט ליב העלען. רמי האָט ניט געקאָנט באַשטימען, ווי זיך צו פירן. ער האָט זיך געקייקלט אויף זיין געלעגער פון פיין און ווייטיק ער מוז אָבער געפינען די לייזונג. פּלוצלונג האָט ער זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסקוקנדיק אין דרויסן, האָט ער דעצידירט. אין ליבע עקזיסטירט ניט קיין סענטימענטן פאַר טאַטע מאַמע, מען לעבט ניט אָפּ אַ לעבן אין דער היים. מען האָט חתונה און מען גייט צו דער פרוי. און די פרוי דאַרף זיין די, וועלכע ער ווילט אויס. ער האָט געוואָלט שרהן. ער וועט איר ניט פאַרלאָזן. ער וועט שרייבן דער מוטער אַלץ און זאָל זי פונדערווייטנס אויפנעמען די זאַך ווי ס׳איז. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, אָנגעצונדן דאָס נאַכט־לעמפּל און האָט אָנגעשריבן אַ בריוו אַ היים. אין בריוו האָט ער דערציילט, אַז כאָטש ער איז געפאָרן אויף אַ קורצע צייט קיין ישראל, האָט ער באַקאַנענדיק אַ מיידל, אַ יתומה, דעצידירט צו בלייבן אין לאַנד. ער האָט דעם בריוו איבערגעלאָזן אָן אָפּענעם אויפן טיש, איז אַריין אין בעט און אַ האַרציקע ברכה האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַרץ צו שרהן.

און שרה? טראַכטנדיק וועגן זייער צוזאַמענלעבן, האָט זי אַ לייכטן שמייכל געטאָן. אָ, ווי נאַריש איך בין! איך מאַך פּלענער און בוי מיין צוקונפט אין חלומות. ווו איז די זיכערקייט, אַז רמי וועט מיט מיר חתונה האָבן? ער האָט מיר צוגעזאָגט? איז זיין צוזאָג ניט קיין מיטל מיך אויסצונוצן, אַזוי ווי אַנדערע יינגלעך זאָגן צו מיידלעך און שפּעטער וואַרפן זיי זיי אַוועק? וועט ער אויך צעברעכן מיין האַרץ און מיינע געפילן, ווי עס האָט פּאַסירט מיט אַנדערע פּאַרלעך? קאָן מען היינטיקע צייטן גלויבן

בחורים ? אפשר מיינט ער נאָר אין מיר דעם קערפּער און ניט מיין נשמה ? אָבער ווי שיין ער האָט זיך געהאַלטן אין נעכטיקן אָוונט. ווי צערטלעך ער האָט זיך באַנומען. ניין, איך טאָר ניט טראַכטן וועגן אים אַזוי. איך טאָר ניט. ער ווייסט, אַז איך בין אַ עלענדע יתומה. טאָמער וועט ער מיר נאָר וועלן אויסנוצן פאַר זיינע ליידנשאַפטלעכע פאַרלאַנגען, וועל איך ניט לעבן. צי וועל איך אָבער קענען זיך האַלטן קעגן אים פעסט אין מאָמענטן פון ליבע שוואַכקייטן ? עס דוכט זיך מיר, אַז ניט. גראד איצט האָט איר פאַר־כאַפּט אַ בענקשאַפט צו אים. זי האָט אַזוי געוואָלט זיין געליבט און געאַכ־טעט. זי האָט געוואָלט, ער זאָל איר דריקן פעסט אין זיינע אָרעמס און קושן, קושן הייס, ווי עס זיינען די קושן ביי אויפריכטיקע פאַרליבטע.

זי האָט זיך געראַנגלט אין ווייען פון ליבע און ליידנשאַפט, אירע יונגע בלוטן האָבן אויפגעזאָדן און שפּעט, שפּעט, איז זי, אַ מידע פון געדאַנקען, אריין אין איר בעט.

אויפגעשטאַנען איז שרה, ווען אַלע זיינען געגאַנגען צו זייערע אַרבעטן. דער לייכטער דרעמל, וואָס זי האָט געכאַפּט, אין באַגינען, האָט אָפּגעפרישט אירע כוחות. איר אַרבעט איז לעצטנס געוואָרן צוגעטיילט אין קינדער־־היים, וועלכע זי האָט אַזוי ליב געהאָט. דוד האָט עס באַזאָרגט, ניט דערציילנדיק איר דערפון. היינט, מער ווי שטענדיק, האָט זי געקושט די זיסע קינדערלעך. איר האַרץ האָט געזונגען פון פרייד און אָנגעשטעקט דעם גאַנצן אַרום. און ווען רמי איז נאָך געווען אין פעלד, האָט שרה אָנגעריסן בלומען, אַריינגעטראָגן זיי אין רמיס צימער און עס זאָרגפעליק אַריינגעשטעלט אין פלעשלעך פון סמעטענע. פּלוצלונג האָט זי דערזען אַ בריוו אויפן טיש. דער בריוו איז געווען אָפן. זי האָט אים איבערגעלייענט. ערשט איצט האָט זי געפילט, ווי רמי האָט איר ליב. לאַנג פאַרזאָמען זיך האָט זי ניט געהאַט קיין צייט. זי האָט אויף גיך אויפגערוימט זיין צימער, פאַרבעט דאָס בעטל, אויסגעקערט, אַפילו דעם פּאָל געוואַשן. די אַרבעט איז איר פון די הענט געלאָפן און ווען רמי איז געקומען אַ האַלב מידער פון דער אַרבעט און איז אַריין אין צימער, איז ער, ווי אַ פאַרכישופטער, שטיין געבליבן. וואָס טוט זיך דאָ ? — האָט ער אויסגערופן. ער האָט זיין צימער ניט דערקענט. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די אַרבעט פון שרהן. ווען דער פאַרנאַכט איז צוגעפאַלן און ער האָט זיך געטראָפן מיט שרהן אין עס־צימער, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— שרה, דו ביסט עס געווען ביי מיר היינט בייטאָג ?

— ניין, — האָט זי לאַכנדיק געענטפערט. — וואָס האָט פּאַסירט?
— האָט זי אַ פרעג געטאָן מיט אַ שמייכל.
— גאָרנישט — האָט רמי געענטפערט.

נאָכן עסן, ווען רמי האָט געוואָלט זי זאָל צו אים קומען האָט זי גע־זאָגט, אַז אין אַ שעה אַרום וועט זי זיין. גיך איז זי אַוועק צו זיך, אַרומ־געוואַשן זיך, איבערגעטאָן אין אַ ניי קליידל, וואָס דער קיבוץ האָט לעצטנס איינגעקויפט, און אַ שטראַלנדיקע, גיך געלאָפן אַהין, ווו איר האַרץ האָט געצויגן. אין צימער האָט זי געטראָפן רמין זיצן ביים ראַדיאָ, פאַר־טיפט אין אַ בוך. דער ראַדיאָ האָט אַרויסגעגעבן הערלעכע סענטימענטאַלע געזאַנגען. שרה האָט באַמערקט, אַז אַזוי ווי זי האָט געלאָזן דאָס צימער אינדערפרי, אַזוי איז עס איצט ווייטער.

— שרה! וועמענס אַרבעט איז עס? — האָט רמי גענומען אירע הענט אין זיינע.

— אַזוי דאַרף אויסזען אַ צימער פון פאַרליבטע, — האָט שרה גע־ענטפערט און אָפּגעדרוקט אַ קוש אויף זיינע ליפּן.

— רמי, — האָט שרה זיך אָפּגערופן. — ביז היינט פרי האָב איך פאַר דיר און פאַר דיין ליבע מורא געהאַט. איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט ווי אַלע יינגלעך אין די יאָרן. אָבער איך האָב געלייענט דיין בריוו צו די עלטערן, און איך זע, אַז דו ביסט אַ גוטער און דיין ליבע איז ערנסט. איך פאַרזיכער דיך, אַז דו וועסט אין מיר געפונען אַ טרייע לעבנס־באַ־גלייטערין אויף אונזער גאַנצן לעבן. אָבער וואָס וועסטו טאָן מיט דיינע עלטערן, זיי ווינען דאָרט רייך, זיי ווילן נחת. ניו־יאָרק גלאַנצט מיט פּראַכט, און וואָס האָסטו דאָ?

— אָט די דאָזיקע זאַמדן, אָט דאָס בערגל אין נגב, האָט געגעבן אינהאַלט. דאָ האָב איך דיך געפונען. דאָס אָרט איז מיר טייערער פון אַלץ. איך וועל פאַרלאָזן דאָס דאָרטיקע גליק, וועלכעס באַשטייט פון קוקן אין טעלעוויזיע, פאָרן אויף פּיקניקן. מיר איז ליב דאָס לאַנד. איך וויל ניט זיין אויף פרעמדער ערד, איך וויל ניט הערן דאָס וואָרט ייד אין גימנאַזיע. איך וויל זיין שטאָלץ מיטן וואָרט ייד אין מיין יידישער היים, דערצו האָבן דיך נעבן זיך — האָט רמי אַרומגענומען שרהן און איר געקושט.
— איך וועל בעטן דעם פאָטער און די מוטער זיי זאָלן וואַרפן זייערע האַנדל־געשעפטן און קומען אַהער.

— און אַז זיי וועלן דיך נישט פאָלגן? — האָט שרה געפרעגט.
— דער גאַנג פון לעבן איז: אַ מוטער געבוירט דאָס קינד, האָדעוועט

עס, דערציט עס, ביז עס גייט אָוועק זיין אייגענעם וועג. איך בין אין דער סטאַדיע צו גיין מיין וועג. איך האָב אַלע דאַנקען פאַר מיינע עלטערן. אָבער היינט בין איך אַ מענטש פאַר זיך. וועלן זיי ניט וועלן קומען, טאָ זאָלן זיי דאָרטן בלייבן. איך בלייב מיט דיר דאָ און גראַד אין דעם קיבוץ, אויפן בערגל אין נגב. דאָ וועלן מיר בויען אונזער היים. דאָ וועלן מיר חתונה האָבן אויב דו וועסט וועלן, און אַז גאָט וועט וועלן, וועלן אונז געבוירן קינדער, מיר וועלן אונזער הייזל איינטונקען אין גרינס, מיר וועלן פלאַנצן אַן אַלייע פון צוויי רייעןביימער, וועלכע זאָלן פירן צו אונזער וווינונג. דיביידע רייען בוימער וועלן זיין דער סימבאָל פון אונזער צו־זאַמענבונד.

שרה האָט פון פרייד געוויינט. טרערן האָבן איר גערונען פון די אויגן, ווען זי האָט איר קאָפּ געלייגט אויף זיין שויס.

— פאַרוואָס וויינסטו ? — האָט רמי אַ פרעג געטאָן שרהן. — פאַר־ליבטע וויינען ?

— יאָ, רמי — האָט שרה געענטפערט — טרערן זיינען ניט נאָר ביי אַן אומגליק, ס'זיינען דאָ אויך טרערן פון גליק. מיין האַרץ איז אַזוי פול, איך פיל אין מיר אַן אַנדערע. ניט אַזאַ ווי איך בין געווען נעכטן, אייער־נעכטן. פון מיין האַרץ שפּאַרט אַרויס גליק, פרייד, לעבנס לוסט. מיר דוכט זיך איצט, אַז די וועלט איז אַזוי שיין. אַזוי ליבלעך, איך האָב קיינמאָל אין מיינע זעכצן יאָר ניט געפילט, אַז אַ האַרץ קאָן וויינען פון גליק. איך קאָן דיר ניט דערציילן פון דעם, וואָס איך האָב דורכגעלעבט. איך בין געווען ביי קריסטן, ניט געקוקט וואָס זיי זיינען געווען צו מיר גוט, האָב איך זיך געפילט דאָרט אַזוי עלנט. דאָרטן זיינען געווען נאָך מיידלעך אין מיין עלטער, אָבער ווי פרעמד זיי זיינען מיר געווען. דאָ, אין קיבוץ, אויפן בערגל פון נגב, זיינען דאָך אויך דאָ מיידלעך, אויך פרעמדע, איך קאָן דאָך זיי ניט. איך ווייס ניט פון וואַנען זיי קומען, ווער זיי זיינען ? אָבער איך האָב זיי ליב. צי דערפאַר, וואָס מיר דוכט זיך, אַז זיי זיינען יידישע טעכטער, יידישע קינדער. קינדער פון מיין פאָלק. עפּעס פיל איך אַזאַ נאָענטקייט צו זיי. עס דוכט זיך מיר, אַז זיי זיינען מיינע שוועסטער, אַז איין גורל פאַרבינדט אונז. ווייל סיי זיי און סיי מיר ווערן פון די קריסטן באַנומען ווי פרעמדע, און דערפאַר זיינען זיי מיר נאָענט.

— פאַרלעש די ליכט, רמי ! איך וויל איצט זיצן מיט דיר אין דער פינצטער. די לבנה שיינט אַריין צו אונז, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט אויך

בעמען אַנטייל אין מיין גליק, אַ, רמי, ווי איך האָב דיך ליב, דוכט זיך מיר, אַז מיר וואָלטן געווען די גליקלעכסטע מענטשן אין דער וועלט.

רמי האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט. ער האָט געעפנט ברייט דאָס פענצטער. אַ שטאַרקער ווינט האָט זיך אַריינגעריסן און באַוועגט די פאָרהאַנגען, וועלכע רמי האָט פאַנאַנדערגערוקט.ביידע האָבן איצט אַריינגעאָטעמט די ריינע נאַכט־לופט פון נגב. שרה האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט, ווו זי איז געלעגן, צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויס־געקוקט אין דרויסן. הערלעך האָט אויסגעזען די וויסטעניש אַרום. אויך מדבר איז שיין, ווען פאַרליבטע אויגן קוקן אויף דעם. רמי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, זיך געשטעלט הינטער שרהס פּלייצעס און אויך מיטגעקוקט אין דעם ווייטן האָריזאָנט. שרה האָט אַריבערגענומען רמיס האַנט איבער איר אַקסל און איר געגלעט און פון צייט צו צייט אויך געקושט.

— אָט דאָרטן, ווייט ווייט פאַר טויזנטער און טויזנטער קילאָמעטער, וווינען מענטשן, דיין טאַטע־מאַמע, דיינע פריינד, דיינע חברים און אויך העלען. זאָג מיר דעם אמת רמי, — האָט זי אָפּגעדרייט איר געזיכט און אַרויפגעקוקט צו אים אין דער הויך — בענקסטו נאָך איר?

— שרה! דאַרפסט וועגן איר ניט רעדן, ווייל עס צווינגט מיר קיינער ניט צו פאַרבינדן מיין גורל מיט דיינעם. עס טוט מיר ווי דיינע פראַגן. ווייל וואָס מיינסטו, אַז מיינע געפילן צו דיר זיינען פאַלשע? מיינסטו אַז איך רעד פון ליבע צו דיר, דערפאַר ווייל איך וויל דיך אויסנוצן און דו זאָלסט זיין מיינע, אויף דער צייט, וואָס איך געפין זיך דאָ? מיינסטו, אַז אויך איך בין פון די, וועלכע ווילן אויסנאַרן ליבע פון דיר? ביין שרה, דערמאָן מיר עס ניט. סוף כל סוף זיינען מיר מענטשן און ניט קיין חיות. האָב איך ניט קיין רעכט אויף ליבע? מיינסטו ניט, אַז אַ מאַן קאָן אויך ליבן און אַפילו ליידן דערפון. גלויב מיר, אַז עס געפינען זיך מענער, וואָס ליידן אָפּ אַ גאַנץ לעבן, ווען זייערס אַ מיידל נאַרט זיי אָפּ. וועסט טרעפן אַ סך מענער, וועלכע גייען פון זינען, אפשר ווייסטו ניט, וועל איך דיר דערציילן אַ פאַל: ווען דו זיצט אַמאָל אין אַ קאַפע אין תל־אביב, טרעפסטו אָפט אַ יונגן, שיינעם בחור אַרומגיין זאַמלען נדבות. ביי פרויען נעמט ער ניט קיין געלט און ער קוקט אַפילו ניט אויף זיי. אַלע אין תל־אביב קאָנען אים. וועסט אויך באַמערקן, אַז ווען אַ צווייטער אָרעמאַן קומט צו נאָך אַ נדבה, גיט ער אים צוואַנציק מאָל מער וויפל ער באַקומט. זיין וווינונג איז אַ הילצערנע ביידל הינטער דער שטאָט. ער וווינט דאָרט

אַליין, און ווי ס'איז געוואָרן פעסטגעשטעלט, איז ער האַלב משוגע און די משוגעת קומט אים צוליב אַ ליבע. און ווייסטו ווער ער איז? ער איז איינער פון די רייכסטע זין פון אַמעריקע. ער האָט געענדיקט דאָקטאָר, אָבער זיינע עלטערן האָבן אים געשטערט חתונה האָבן מיט דעם מיידל, וועלכע ער האָט ליב געהאַט. דאָס האָט אים אַזוי צעבראָכן, אַז ער האָט פאַרלאָזט דאָס הויז פון זיינע עלטערן, וואַנדערט איבער דער וועלט און היינט איז ער אין ישראל. די עלטערן האָבן אים אָפּגעזוכט און ווילן אים אַהיים נעמען. עס דערוואַרט אים דאָרט אַ גליק פון רייכטום, ווייל ער איז אַן איינציקער זון ביי זיי. אָבער ווען ער האָט זיך אַמאָל צופעליק, צי ניט צופעליק געטראָפן מיט זיין פאָטער, גראַד ווען ער איז צוגעגאַנגען אין קאָפע בעטן אַ נדבה און זיין פאָטער האָט אים געגעבן אַ הונדערט דאָ־לאַרדיקן באַנקנאָט, האָט ער עס צוריק געגעבן און אַפילו מיט אים רעדן ניט געוואָלט. האַלט ניט, אַז די מענער זיינען ווייט פון ערלעכקייט. האָב איך דיר מיין וואָרט געגעבן, וועט עס קיינער ניט ענדערן, נאָר דער טויט. וועסט זיין מיינע און איך דיינער. פאַרשטייט זיך אויב דער פּאָראַט וועט ניט קומען פון דיין זייט.

שרה האָט אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט און געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטע. ס'איז ביי איר ניט געווען קיין צווייפל, אַז רמי רעדט אויפריכטיק.

— וואָלסטו מיט מיר חתונה געהאַט? ווען איך לייג דיר פאָר? מיר קאָנען עס זאָגן אין מזכירות און זיי וועלן עס מיט פרייד אויפנעמען.

— יאָ, שרה, איך וואָלט עס געטאָן. אַפילו מאָרגן. אָבער איך בין אויך טריי מיינע עלטערן. ס'איז מיין פליכט דערציילן אַלץ מיין טאַטע מאַמע, ווייל ביי מיין חתונה וויל איך, אַז זיי זאָלן בייזיין. איך בין זיי טריי אַזוי, ווי איך בין טריי דיר.

— און אויב זיי וועלן דיר שטערן? — האָט שרה אַ פרעג געטאָן.

— שטערן קאָנען זיי מיר ניט. זיי קאָנען נאָר זאָגן, אַז זיי וועלן ניט קומען צו דער חתונה. אויב זיי וועלן מיר אַזוי ענטפערן, וועט מיין געוויסן זיין ריין כלפּי דאָס טייערסטע וואָס עס עקזיסטירט אויף דער וועלט אויי־סער אַ פרוי, אַ כלה, דאָס זיינען עלטערן. טאַטע־מאַמע זיינען איינע אויף דער וועלט. אַ קינד דאַרף זיין טריי זיינע עלטערן. אָבער עלטערן טאָרן קיינמאָל ניט שטערן זייערע קינדער אין אויסוויילן זייער לעבנס־באַגליי־טער, ווייל דאָס זיינען געפילן.

— אָבער שרה, ס'איז שוין שפּעט. איך וויל ניט, אַז חברים פון קי־

בוץ זאָלן שלעכט טראַכטן פון אונז, גיי דיר אין דיין צימער. דאַרפסט זיך אויסרוען, ווייל דיר מאַטערן איצט אויך מאָראַלישע געפילן. זיי אין מיר זיכער, — האָט רמי אַרומגענומען שרהן אַרום איר טאַליע און צו־געצויגן צו זיך. — איך שווער דיר אייביקע ליבע און טרייקייט. גלויב מיר ווי דו גלויבסט זיך. קיין כוח אין דער וועלט וועט אונז ניט שיידן.

— איך וויל דאָ פאַרבלייבן נאָך אַ ביסל, — האָט שרה אויסגערופן.

— ס'איז מיר אַ שאָד דיך צו פאַרלאָזן אַפילו אויף אַ קורצער צייט.

— אַ, שרה! דאָס לעבן וועט אונז נאָך אַזוי פיל אָפּרייסן איינעם פון די אַנדערע. בן גוריון האָט פּראָקלאַמירט די מדינה, די אַראַבער וועלן זיך צעבונטעווען, שונאים האָבן מיר אַזויפיל, זעסט דעם אַרום? אויסער דעם ים. דאָרט זיצן פיינט. איך וויל ניט רעדן צי עס איז באַרעכטיקט אָדער ניט. אָבער זיי וועלן ניט שווייגן. מיר וועלן מוזן נעמען די ביקס אין דער האַנט, אַזוי ווי אַנדערע זין און טעכטער האָבן עס געטאָן פאַר זייער פאָטערלאַנד, קיינער וויל ניט זיצן אויף אַ פרעמדן באָדן און עסן פרעמד ברויט, ווי גוט דער גוי זאָל ניט זיין. עס זייבען דאָ גוים, וועלכע ווייזן אַרויס צו אונז פריינדלעכקייט, אָבער דאָך ווייסן זיי, אַז מיר זיינען פרעמדע, צוגעקומענע צו זיי און ניט זיי צו אונז. איך האָב עס געפילט אין אוניווערזיטעט. כאָטש איידל, דעליקאַט, דאָס שיקסל האָט מיר גע־זאָגט, אַז ביי איר איז ניטאָ קיין אונטערשייד פון רעליגיע, ווייל זי האַלט ניט דערפון. אָבער איך האַלט — זאָגט רמי, — אַז אין זיי פליסט עשו'ס בלוט. דאָס איז אַ טבע אַזאַ. דאָס איז זייער מענטאַליטעט. אמת, מען קאָן ביי זיי רייך ווערן. האָבן געלט, לעבן אין לוקסוס. אָבער וועסט קיינמאָל ניט פילן דאָס גליק, וואָס עס הייסט אייגן. דו פאַרשטייסט גאָרנישט און קיינער וועט עס אַזוי לייכט ניט פאַרשטיין, וואָס עס הייסט עסן דאָס ברויט, וועלכער דו האָסט אַליין פאַרזייט און אַליין געשניטן. ווידער וועל איך דיר זאָגן, אַז אפשר קומט עס פון מיין ייִדן. אָבער אַזוי איז עס. דעריבער וועט נאָך דאָס לעבן ניט איינמאָל אָפּרייסן איינעם פון צווייטן. און דאָס, וואָס דו ווילסט דאָ בלייבן ביי מיר אַ ביסל לענגער, וויל איך עס ניט. פשוט, איך קאָן דיך נאָך צו ווייניק און איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט וועגן מיר טראַכטן, אַזוי ווי דו האָסט זיך עס נעכטן פאַרגעשטעלט, ווען דו האָסט מורא געהאַט פאַר אַ בחור.

— אָבער דו פאַרהאַלטסט דאָך ניט מיך. איך וויל פאַרבלייבן אַליין מיט מיין ווילן, — האָט שרה געענטפערט.

— שרה, גיי איצט צו דיר אין צימער. זאָלן דיינע חברטעס שלעכט

ניט רעדן וועגן דיר, ווייל איך וויל ניט, אַז מאָרגן זאָלן זיי אין חדר אוכל, צי ביי דער אַרבעט, זאָגן אַז שרה איז געקומען די נאַכט שפּעט אַהיים. איך בין דיין און דו ביסט מיין. — ער האָט זי אַרומגענומען און האַרציק געקושט. — קום שרה, איך פיל, אַז דו דאַרפסט איצט דאָ ניט זיין...

שרה און רמי זיינען אַרויס פון זיין צימער. ער האָט זי צוגעפירט אין איר היים, ווידער האָבן זיי זיך האַרציק געקושט און געזעגנט.

* * *

רמי האָט די נאַכט אויך ניט געקאָנט שלאָפן. זי ליידט די קליינע — האָט ער אויסגערופן צו זיך. — ס'איז אפשר מיר שווער זי צו פאַרשטיין. איך ווייס פון מיין סטודיום, אַז פרויען זיינען פילבאַר אויף ליבע־געפילן, אָבער מען דאַרף זיין פּראַקטיש — האָט ער צו זיך גערעדט. — און אויב איך האָב איר ליב, וועט זיין גוט ווען מיר וועלן חתונה האָבן. דאַרף איך טאַקע ניט וואַרטן. — רמי האָט איצט אויף גיך אָנגעשריבן אַ בריוו אַהיים, אין וועלכן ער האָט אָפן געגעבן אָנצוהערן, אַז מיט דעם דאָזיקן מיידל וועט ער אין גיכן חתונה האָבן און ער לאַדט זיי איין אויף דער חתונה. ער וויל אָבער ניט באַשטימען דעם טאָג, אָן זייער וויסן און ער בעט, זיי זאָלן אים גלייך ענטפערן.

* * *

ווען דער בריוו איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע צו זיינע עלטערן, האָט זיין מוטער באַקומען ספּאַזמען. — נאָ, לייען, — זאָגט זי צו איר מאַן. — לאָז קינדער אַליין אַרויספאָרן. דער נגבֿ מיט די זאַמדן איז זיין חלום, זיין היים, זיין לוקסוס. זיין סטודיום איז אים גאָרניט. און וואָס וועלן זאָגן העלענס עלטערן? דיין שותף. ער וועט נאָך ווערן ברוגז און זיך אָפּטיילן פון די ביזנעס. ווי וועלן מיר עס קאָנען אַליין באַהויפּטן? און העלען איז דאָך אַזאַ שיין מיידל. איר פיגור איז ווי געטאָקט, זי האָט רמין ליב, ביז משוגעת. אויך אונז האָט זי ליב. וואָס וועט זיין, ווען זי וועט זיך דערוויסן? ניין! מיר טאָרן עס ניט דערלאָזן. ער מוז קומען אַהיים. איך מיין, — זאָגט זיין מוטער — אַז מיר זאָלן מיט אים רעדן טעלעפאָניש. אַ טעלעגראַם וועט גאָרניט געבן.

און רמיס פאָטער? אַ שטילער מענטש, שטענדיק אַ פּאַרטאָנער אין

די געשעפֿטן, האָט אָבער רמין גוט פֿאַרשטאַנען. ער האָט פּרובירט רעדן צו זיין פֿרוי, אַז עס וועט גאָרניט העלפֿן. האָט רמי ליב באַקומען דאָס מיידל, וועט אים קיין כוח אין דער וועלט ניט צווינגען צו בייטן זיין מיינונג. דער פֿאָטער האָט געוווסט, אַז רמי האָט ניט ליב געהאַט העלען. זיי זיינען געווען גוטע חברים און ניט מער. העלען פֿלעגט אָפֿט קומען מיט איר מאַשין און אַרויסנעמען רמין אויף שפּאַציר, אַוועקפֿאָרן ווייט אויסער דער שטאָט, אָבער רמי האָט גרעסערע צילן אין לעבן. דערפֿאַר האָט ער זיין פֿרוי פֿאַרזיכערט, אַז מיט רמין וועט זי גאָרניט מאַכן. נאָר זי מוז צושטימען צום גורל.

— ניין! — האָט זי געענטפֿערט. — אַ מיידל פֿון קיבוץ וועט איר רמין ניט פֿאַרדרייען דעם קאָפּ. עפּעס אַן אויסוווּרף — האָט זי זיך אָפּגערופֿן, — האָט אים אַריינגעכאַפּט און האַלט אים אין אירע הענט. זי פֿאַרט קיין ישראל — זאָגט זי — און וועט אים ברענגען אַהיים. זי וועט זיך איינשטעלן. ער איז אַ גוטער זון, ער וועט איר פֿאָלגן — האָט זי געזאָגט. דער פֿאָטער האָט איר אָבער געוואָרנט, אַז איר אַרבעט איז אומזיסט. ביי דעם דאָזיקן געשפּרעך איז אָנגעקומען העלען. אַ פֿריילעכע, אַ שטראָלנדיקע, אַ פֿאַרפּוצטע. זי איז געקומען זיך נאָכפֿרעגן, וואָס עס שרייבט רמי.

די מוטער האָט איר געוויזן דעם בריוו, העלען האָט אים איבערגעלייענט, האָט אָבער קיין ספּעציעלע אויפֿרעגונג ניט אַרויסגעוויזן.

— העלען! — האָט די מוטער אויסגערופֿן. — איך מיין, אַז ווען מיר זאָלן ביידע פֿאָרן קיין ישראל, וועלן מיר אים איבערצייגן צו קומען אַהיים און אָפּרייסן פֿון זיין נגב מיט דער ווילדער סטעפּ-מיידל.

— איך בין גרייט צו פֿאָרן קיין ישראל, — האָט העלען געענטפֿערט, — אָבער איר דאַרפֿט ניט רעדן וועגן דער שרה, ווי אַ סטעפּ-מיידל. איך און רמי האָבן זיך געזען, אָבער מיר האָבן קיינמאָל ניט גערעדט ווי אַ ייִנגל מיט אַ מיידל. רמי האָט רעכט דערצו. אָבער אויב איר מיינט, אַז דאָס וועט אייך ברענגען גליק אין האָבן רמין נעבן זיך, וועל איך עס טאָן. מיינע עלטערן וועלן עס אויך דערלויבן.

— מיר פֿאָרן? — האָט רמיס מוטער ערנסט אַ פֿרעג געטאָן.

— איך וועל אייך געבן מאָרגן מיין ענטפֿער, קאָנקרעט נאָכן שמועס מיט מיינע עלטערן.

ווען העלען האָט דערציילט אירע עלטערן וועגן פּלאַן, האָבן זיי איר געגעבן די הסכמה.

ביידע פֿרויען האָבן באַשלאָסן אַרויסצופֿאָרן קיין ישראל.

רבקה געווירצמאן

* * *

ווען העלען האָט געמאָלדן דעם רעקטאָר פון אוניווערסיטעט, אַז זי איז געצוווּנגען איבערצורייסן אירע לימודים און אַרויספאָרן קיין ישראל — האָט דער רעקטאָר איר דאָס פאַרבאָטן. אין מיטן יאָר וועט ער אויף דעם ניט דער־לויבן. העלען האָט דאָס דערציילט אירע עלטערן — און שפּעטער רמיס מוטער. אין איינעם אַן אָוונט, ווען ביידע משפּחות זיינען געזעסן צו־זאַמען און פאַרבראַכט ביי דער טעלעוויזיע, האָבן זיי באַשלאָסן אָפּצו־וואַרטן מיט דער רייזע, ביז העלען וועט פאַרענדיקן לערנען. דאָס האָט נאָך געדאַרפט דויערן עטלעכע מאָנאַט. דערווייל האָט רמיס מוטער אָנ־געשריבן אַ שאַרפן בריוו צו איר זון, וווּ זי מוסרט אים זייער שטאַרק. אין איר בריוו שרייבט זי, אַז ער איז נאָך צו יונג חתונה צו האָבן, און אַז זי פאַרלאַנגט דורכאויס, ער זאָל קומען אַהיים. ווען ניט ? פּאַרט זי איינגיכן קיין ישראל צוזאַמען מיט העלען. זי האָט למעשה שוין געוואָלט פאָרן, נאָר מען באַפרייט ניט העלען פון די לימודים. זי מיינט, אַז אויב רמי וועט ניט קומען אין משך פון חודש אַהיים, וועט זי אין דריי מאָנאַט אַרום קו־מען אין לאַנד. און דאָס וואָס ער שרייבט, אַז ער וועט אין גיכן חתונה האָבן, זאָל ער זיך עס אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. זיי באַשטימען, אַז רמי מוז חתונה האָבן מיט העלען און אַנדערש קאָן עס ניט זיין. זייער פאַרמעגן פוןביידנס שותפים, וועט איבערגיין — שרייבט זי — צו זיי. אַזוי אַרום איז פאַר אים מיט העלען דאָ אַ געזיכערטע צוקונפט. די געשעפטן גייען גוט. ס'איז נאָך אַ מלחמה, מען פאַרלאַנגט זייערע סחורות, זיי קאָנען ניט נאָכקומען דעם פאַרלאַנג. אין יעדן טאָג, וואָס זיי מוזן טראַכטן וועגן רמין, קאָסט זיי געלט.

דער פאָטער — שרייבט זי, פילט זיך שוואַך און ער וואָלט געוואָלט, אַז רמי זאָל אַריין אין די ביזנעס.

* * *

אין איינעם אַן אָוונט, ווען רמי איז געקומען פון דער אַרבעט, האָט ער געטראָפן שרהן אַ פריילעכע. זי איז אים אַנטקעגן געלאָפן מיט דעם בריוו, וואָס איז אָנגעקומען פון אַמעריקע. זי האָט דעם בריוו ניט געעפנט. זי איז זיכער געווען, אַז אינעם בריוו, איז פאַרזיגלט איר גליק. רמי, זייענדיק נאָך אין די אַרבעטס־קליידער, האָט אַרומגענומען שרהן, זיי האָבן זיך צעקושט און אָוועקגייענדיק אין אַ זייט, אונטער אַ שאָטן־בוים, האָט רמי געעפנט דעם בריוו. שרה איז געשטאַנען פון דער ווייטנס און געלייענט

פון רמיס געזיכט. רמי האָט די אויגן ניט אַראָפּגענומען פונעם בריוו. זי זעט, ער ווערט אומעטיק. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם איז אויך איר שמייכל פאַרשווונדן. זי האָט אַרויסגעפילט, אַז דער בריוו איז ניט פאַר זייער גליק. רמי האָט פאַרביסן די ליפּן, האָט איינגעקנייטשט דעם בריוו אין פיר טיילן, אים אַריינגעלייגט אין זיין בלוזע־קעשענע. ער האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, נאָר אַרומגענומען שרהן ביי דער טאַליע און אַזוי זיינען זיי געגאַנגען אין זיין צימער. שרה האָט מורא געהאַט צו פרעגן רמין, וואָס זיין מוטער שרייבט. זי האָט געוואַרט אויף זיין אייגענעם ענטפער.

אין זיין צימער האָט ער געלייגט זיין רוק־זאַק אין דער זייט. דעם בריוו געוואָרפן אויפן טיש און אַן אומעטיקער אויסגערופן:

— שרה! די מוטער מיט העלען גרייטן זיך קומען אַהער. זי שרייבט, אַז באַשטימען דעם חתונה־טאָג וועלן זיי דאָן, ווען זיי וועלן דאָ זיין.

שרה האָט גאָרניט געענטפערט. אירע ראָזע שטריכן אויפן געזיכט זיינען בלאַסער געוואָרן.

— רמי, — האָט זי געזאָגט, — איך גיי צו מיין אַרבעט אין קינדערגאָרטן. דו ביסט מיד און זיכער דענערווירט. מיר וועלן זיך טרעפן אין עס־צימער

— ניין, — האָט רמי געענטפערט, מיר וועלן עסן צוזאַמען דאָ. אויב דיין אַרבעט רופט דיך, גיי. איך וועל זיך אַרומוואַשן, זיך איבערטאָן און דאַן קום אַהער ווען דו וועסט קאָנען. איך וועל וואַרטן.

שרה האָט פון אומעט און טרויער געוואָלט אַוועק אָן אַ קוש. זי האָט געמיינט, אַז רמי האָט איר שוין ניט ליב, אָבער ווען ער האָט איר פאַרהאַלטן, אַרומגענומען און קושנדיק געדריקט צו זיך, האָט זי אַן אַנדער שטימונג באַקומען. רמי האָט געלאַכט.

— וואָס מיינסטו? — האָט ער אויסגערופן, — מיין מוטערס קומען אַהער, וועט איר העלפן? און אַז זי וועט מיטברענגען העלען וועט זי וואָס פועלן? עס קאָן נאָך געשען, אַז העלען וועט אויך וועלן פאַרבלייבן דאָ אין לאַנד. אויב מיר וועלן איר נאָר פאַרלייגן. מיין מוטער מיינט, אַז איך בין נאָך אַ קינד פאַר בר־מצווה. זי פאַרגעסט, אַז איך בין שוין אין דער עלטער, וואָס איך זוך מיין וועג אין לעבן און ניט דעם וועג, וועלכן זיי ווילן מיר געבן.

— וועסט מיך ניט איבערלאָזן, רמי? — האָט שרה, אויפהייבנדיק אירע אויגן צו רמי, אַ פרעג געטאָן.

— שרה! — האָט ער אויסגערופן, — גיי רואיק צו דיין אַרבעט,

קום וואָס פריער, מיר וועלן אַרומרעדן ברייטער די פראַגע ווען דו וועסט זיין צוריק. איין זאַך, וואָס איך בעט דיר, זיי זיכער אין מיר, אַזוי ווי דו ביסט זיכער אין זיך. מיר האָבן אַ היים, דער קיבוץ זאָרגט פאַר אונז, דער קיבוץ גיט אונז אַלץ, וואָס מיר דאַרפן. איך מוז ניט אָנקומען צו מיינע עלטערנס פאַרמעגן, איך דאַרף עס אויך ניט. גיי, — האָט רמי זי אָפּגעלאָזט.

שרה איז אַרויס פון רמיס צימער אַ שמייכלענדיקע. גיך איז זי גע־גאַנגען צו איר אַרבעט. זי האָט היינט מיט אַ גאַנצער שעה פריער זיך באַ־פרייט, אַוועק צו זיך איבערטאָן. דאָס קאַלטע וואַסער פון טוש, האָט איר נאָך וואַרעמער געמאַכט איר האַרץ.

רמי, כאָטש ער איז געווען פעסט ביי זיך, אַז פאַר יעדן פרייז אין דער וועלט, וועט ער שרהן ניט פאַרלאָזן, האָט אים דאָך פאַרדראָסן, וואָס זיין מוטער שטערט אים. אָבער ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט זיין מו־טערס קאַפּריזן ניט אויסשטיין. געגנוג האָט זיך שוין זיין פאָטער געבויגן אונטער זיין מוטערס האַנדלונגען. וואָס מיינט זי? — האָט ער גערעדט צו זיך, אַז מיט מיר וועט זי אויך אַזוי פירן? זי וויל קומען מיט העלען, נאָך וואָס דאַרף זי העלען? זי מיינט, אַז העלענס געזיכט וועט מיר צוי־בערן, אָדער זי וועט פאַרגלייכן העלען מיט שרהן. זי מיינט, אַז שענערס ווי העלען איז גאָר ניטאָ. די מוטער פאַרגעסט אָבער, אַז אין מענטש עק־זיסטירן צוויי שיינקייטן. אויסערלעך — דאָס געזיכט, דער קערפּער, די פיגור. אינערלעך — דאָס האַרץ. מיין מוטער קאָן העלענס געזיכט, הע־לענס קערפּער, אָבער ניט איר נשמה. איך האָב ליב שרהס נשמה און ניט נאָר איר קערפּער. בפרט, אַז שרה איז אויסערלעך אויך שענער, שלאַנ־קער און ליבלעכער פון העלען. העלען איז אַ פּוסט צעבאַלעוועט מיידל אין גרויסן ניו־יאָרק, טענץ, פּיקניקס, פאַרוויילונגען, דאָס איז ניט אַלץ אין משפּחה לעבן. ווי אַנדערש עס לעבן די חברים אין קיבוץ. יעדן טאָג, וואָס זיי טוען, שאַפן זיי געשיכטע. מיט יעדן פעסטונג, וואָס זיי בויען, גרייטן זיי אַ היים פאַר יידן, וועלכע זיינען צעשפּרייט איבער אַלע קאָנ־טינענטן. און יידן קומען. און דאָרט?

אַ קלאַפּ אין טיר האָט איבערגעריסן זיינע געדאַנקען. ער האָט ניט באַוויזן צו ענטפערן, ווי שרה איז שוין אַריינגעלאָפן ווי אַ ווינט אין שטוב.

— שרה! האָסט גאַרניט געוואַרט אויף מיין ענטפער, — האָט רמי אויסגערופן. — טאָמער בין איך נאָך ניט קיין אָנגעטאָענער?

— ביסט מיינער סיי אין די קליידער און סיי אָן די קליידער,

אַזוי ווי איך בין דיינע, — האָט זי געלאַכט. אָבער גלייך האָט זי זיך דערמאָנט אין דעם בריוו, וואָס איז געלעגן אויפן טישל.

רמי האָט נאָך פאַרענדיקט אַרומווישן זיך דעם קאָפּ און דעם האַלדז מיטן האַנטוך נאָך זיין טוש. זיין ווייסע גופיה (אונטערהעמד), האָט נאָך מער געבלאַנקט אויף זיין פון זון פאַרברוינטן קערפּער. שרה האָט געגרייט צום טיש. פלינק האָט זי צוגעגרייט דאָס עסן, סערווירט מיטן גאַנצן קאָמ־פאָרט אַפילו מויל־סערוועטן האָבן ניט געפעלט. רמי האָט אַז עפּן געטאָן דאָס צווייטע טייל פענצטער, וואָס איז געווען צוגעמאַכט פאַר דער זון. איצט איז שוין די זון געווען אונטערגעגאַנגען ווייט אויפן האָריזאָנט.

דער מערב־ווינט האָט אַריינגעשלאָגן מיט זיין גאַנצן כוח, און גע־גלעטביידנס געזיכטער. רמי איז געווען גראַד גוט אויפגעלייגט.

שרה האָט שוין מער ניט געקאָנט זיך באַהערשן. זי האָט געמוזט אויסרופן: — רמי! וואָס שרייבט דיין מוטער? זי מוז מיך זיכער אָנרופן מיט די ערגסטע נעמען, „אויסגעלאַסענע", „אַריינגענומען אין אירע הענט", „פאַרפירט", און נאָך אַזעלכע אויסדרוקן.

— יאָ, שרה, זי באַליידיקט דיך, אָבער די באַליידיקונג איז אויך מיינע. איך פאַרשטיי זי. סוף כל סוף האָט זי מיך געבוירן, דערצויגן, אויפ־געהאָדעוועט. דער פאָטער פאַרדינט פאַרמעגנס. זי וויל עס מיר אָוועקגעבן און דאָ קומט אַ מיידעלע פון 16—17 יאָר און נעמט עס אַלץ פון איר צו. וואָלסטו בעסער געווען? איך בין נאָך ביי איר אַ קינד. ביי חיות איז עס אַנדערש. אַ חיה האָט אויך ליב אירע קינדער, אָבער ביז זיי קאָנען שוין אַליין באַשטיין. אַ מאַמע ניט. זי מיינט, אַז ווען איך וועל זיין שוין אַמאָל אַ פאָטער פון קינדער, וועל איך נאָך אַלץ זיין איר קינד. אָבער נעם עס ניט אין אַכט. איך וועל דיך ניט פאַרלאָזן. איך שווער דיר ביי אַלץ וואָס איז מיר טייער, אַז צעשיידן קאָן אונז נאָר דער טויט ניט קיין מענטש, ווער עס זאָל עס ניט זיין. און איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר גלויבן. טאָמער גלויבסטו מיר ניט, איז דאָס אַ סך ערגער, ווי מיין מוטערס ווילן.

— יאָ, רמי, איך גלויב דיר און האָב צו דיר דעם פולן צוטרוי. דאָס זעלבע וועסטו הערן פון מיר. איך האָב שוין ניט איינמאָל געהערט ליבע־רייד פון סעקרעטאַר פון קיבוץ. אַלע מיידלעך פלעגן מיר זאָגן, אַז ער רעדט שטענדיק וועגן מיר. אָבער זינט איך האָב דיך באַקאַנט, האָב איך ניט קיין רו.

— דוד קאָן מיט מיר קאָנקורירן. ער איז שענער פון מיר — האָט רמי

אויסגערופן. — אָבער זאָל באמת העלען קומען אַהער... — האָט ער גע־לאַכט...

שרה און רמי האָבן פאַרענדיקט זייער עסן.ביידע האָבן אַראָפּגענומען פון טיש די כלים. שרה האָט עס אַרומגעוואַשן און רמי האָט עס אַרומ־געווישט. אָבער פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַן אַליאַרם. ביידע זיינען אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. אַ פרעמדער עראָפּלאַן האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן קיבוץ.

— גייט אַריין אין שוץ־קעלער! — האָבן געשריען די חברים, וועלכע זיינען געלאָפן אין קעלער. רמי און שרה האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. ערגעץ פון ווייטנס האָט זיך געהערט אַן אויפרייס.

— ס'איז מלחמה! — האָט רמי אויסגערופן. — די אַראַבער האָבן אונז דערקלערט קריג. מיר וועלן זיך מוזן פאַרטיידיקן — האָט רמי אַ פאַר־זאָרגטער דערקלערט שרהן. נאָכן אַליאַרם זיינען זיי אַריין אין קולטור־זאַל. דאָרט זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט די עלטערע חברים פון קיבוץ. זיי האָבן גערעדט וועגן דעם אַראַבישן אָנגריף, וואָס גייט אָן און וועט זיך פאַר־שטאַרקן. זיי האָבן דערציילט פון אָנגעגריפענע אויטאָבוסן מיט יידן, פון וועלכע אייניקע זיינען אומגעקומען. שרה און רמי זיינען געזעסן פאַר־טראַכט און קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. פּלוצלונג האָט אַ חבר אויסגערופן:

— מיר מוזן מאָרגן גאַנץ פרי אַרויספאָרן אין די פעלדער. איינזאַמלען די תבואות, באַזאָרגן מיט שפּייז אונזערע בהמות, ווייל אויב עס וועט זיין קריג וועט עס לאַנג דויערן. — אַלע חברים האָבן צוגעשטימט.

באַגינען, נאָך איידער די זון האָט גענומען שיינען איז שוין שרה געווען אויף איר פונקט. אַלע האָבן דעם טאָג געאַרבעט מער ווי שטענדיק. מאַשינען זיינען געלאָפן אין פעלד און פון פעלד. שפּעט, שפּעט אין דער נאַכט, איז די אַרבעט פאַרענדיקט געוואָרן. און ווען שרה מיט רמין זיינען געזעסן אַרומגענומענע אין רמיס צימער, האָט שרה אויסגערופן:

— ווייסט רמי, איך האָב מורא פאַר דער מלחמה, דו ביסט אַן אַמע־ריקאַנער בירגער, פאָר אַהיים, וועסט צוריקקומען נאָך דער מלחמה, איך בין אַ פרוי. מיר וועט גאָרניט טרעפן. וועסט קומען נאָך דעם קריג, וועלן מיר חתונה האָבן.

— דו קענסט ניט די אַראַבער, שרה, ווען זיי וועלן זען אַ זעלנער מיט אַ ביקס אין פעלד און אין צווייטן אָרט אַן יידיש מיידל וועלן זיי לויפן צו דעם מיידל. איך וועל דיך ניט לאָזן אַליין.

— רמי! איך בין ניט אַליין. מיר זיינען דאָ צוויי הונדערט מיידלעך,

זיי זיינען ניט אַזעלכע, ווי אין אַנדערע לענדער. די חברים האָבן דאָ דער־ציילט, אַז זינט ארץ ישראל בויט זיך, שטייט יעדעס מיידל, אָרעם ביי אָרעם מיטן יינגל אויף אַלע פּאָזיציעס. סיי ביי בוי, סיי אין דער „הגנה" און סיי אין די קאַמפן. מיר האָבן דאָ געהאַט אין גליל שווערע מאָמענטן און אונזערע מיידלעך האָבן אַריינגעשריבן אַ הערלעך קאַפּיטל אין קאַמף פאַר ארץ ישראל. מיר ווייסן, אַז מיר האָבן ניט קיין צוריק־וועג. פון דאַנען וועלן מיר זיך ניט רירן, ווייל מיר האָבן ניט וווהין. ווו קאָן איך פאָרן? מיינע עלטערן זיינען אומגעקומען דורכן דייטש. קיין משפחה האָב איך ניט. אַלנפאַלס, איך קאָן זיי ניט. פון איין זייט, שטייט דער פיינט און גרייפט אונז אָן, פון דעם צווייטער זייט, האָבן מיר דעם ים. אָפּטרעטן קאָנען מיר נאָר אין ים אַריין. דעריבער ווייסן מיר, אַז אונזער גאַנג איז קודם שלום מיט שכנים. און ווען ניט, איז קאַמף. דאָס הייסט, קאַמף פאָרן לעבן. קאַמף פאַר עקזיסטענץ, דעריבער קעמפט דאָ יעדער פאַר זיין לעבן און פאָרן לעבן פון זיין משפחה. דו האָסט דיין פאַמיליע אין ניו־יאָרק, ווען דו קעמפסט דאָ, קעמפסטו פאַר פרעמדע. און אויב חס־וחלילה מען קומט אום? — שרה האָט דאָס וואָרט מורא געהאַט אַרויסצוברענגען. איצט האָט זי פאַרשטאַנען, אַז עס קאָן זיין אויך אומקום. איר האַרץ האָט זיך געשראָקן דערפאַר. האָט זי זיך ווידער געבעטן: „רמי פאָר אַהיים".

רמי האָט אַ קוק געטאָן אויף שרהן און שאַרף אַ זאָג געטאָן:

— אַלע דאָ זיינען מיינע טאַטעס און מאַמעס, איז באַשערט צו לעבן, וועל איך בלייבן לעבן. אויך אויפן אַמעריקאַנער באָדן קומען פאָר מלחמות. דער טויט, אויב ער דאַרף קומען, וועט ער קומען. איך בעט דיר, שרה — רעד ניט מער וועגן דעם, איך בלייב דאָ, און וועל זיך שטעלן אויף יעדן פּלאַץ, ווו מען וועט מיך רופן.

טיף אין האַרצן האָט שרה געוואָלט, אַז רמי זאָל בלייבן נעבן איר, כאָטש זי האָט געוווסט, אַז רמי וועט דאַרפן אויספילן פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטן, אָבער ביי איר יונגקייט האָט זי זיך ניט געקאָנט דעצידירן.

ווען רמי און שרה זיינען אַריין אין עס־זאַל, האָבן זיי געפונען אַ מעל־דונג, אַז אַלע מענער דאַרפן זיך מאָרגן פרי פאַרזאַמלען אויף אַ באַראַטונג. שרה און רמי האָבן די מעלדונג געלייענט שטייענדיק ביים אַריינגאַנג. שרה האָט נאָר אַ הויב געטאָן אירע שיינע אויגן און באַטראַכט רמין. ער איז געווען ערנסט, אָבער רואיק. איר בליק האָט אים צוגעצויגן צו איר געזיכט, וועלכן ער האָט אַ גלעט געטאָן און אַרומנעמענדיק איר ביי דער טאַליע, צוגעגאַנגען צום טיש.

צומאָרגנס אינדערפרי, זיינען די מענער ניט אַרויס אין פעלד. אַ גרופּע יונגע קיבוץ־חברים האָבן באַקומען אַ מעלדונג, היינט פאַרנאַכט צוגרייטן זיך אַרויסצופאָרן צו אַ מאָביליזאַציע־פּונקט. רמי איז אין דער רשימה ניט געווען. דאָס האָט אים שווער געטראָפן. ער איז צוגעגאַנגען צום סעקרעטאַר און געפרעגט די סיבה דערפון.

דער ענטפער איז געווען:

— דו ביסט אַן אַמעריקאַנער בירגער. און צווייטנס, ביסט נאָך ניט קיין חבר אין קיבוץ. זינט דו ביסט דאָ, האָסטו קיין ביטע ניט אָנגעגעבן. האַלטן מיר דיך, פאַר אַ נאָענטן אָבער ניט קיין אייגענעם.

רמי האָט פּראָטעסטירט און אויסגערופן:

— איך פאַרלאַנג מיך אָנצונעמען אַלס קיבוץ־מיטגליד. איך בין מיט שרהן אַ פּאָר. מיר האָבן באַשלאָסן פאַרלאַנגען אַ צימער צוזאַמען, אָבער די צייט האָט אונז געטראָפן אין מיטן. איך בעט מיך אָננעמען אַלס גלייכן חבר מיט רעכטן און פליכטן.

דער ענטפער איז באַלד געקומען און רמי איז געוואָרן אַן אָפיציעלער חבר. מיט דער צווייטער גרופּע איז רמי מאָביליזירט געוואָרן.

און ווען אין איינעם אַ טאָג, האָט די גרופּע געדאַרפט אַרויספאָרן, איז צווישן זיי, מיטן רוקזאַק אויף דער פּלייצע, געווען אויך רמי. שרה איז געשטאַנען נעבן לאַסט־אויטאָ, אַ פאַרשטאַרטע, אומעטיק. ערשט איצט האָט זי געפילט, ווי ליב זי האָט רמין. ערשט איצט האָט איר פאַרדראָסן פאַר די דורכגעלאָפענע טעג און נעכט.ביידע האָבן ניט גערעדט. נאָר די אויגן זייערע האָבן אַלץ געזאָגט. פּלוצלונג האָט רמי זיך אָפּגערופן:

— שרה! איך מיין, אַז די מלחמה וועט לאַנג ניט דויערן. אַמעריקע מישט זיך אַריין. אין דער אונאָ רעדט מען וועגן ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט. איך האָף אין אַ וואָך אַרום צו זיין צוריק.

דערווייל האָבן עלטערן זיך געזעגנט מיט זייערע קינדער. יונגע פרויען מיט זייערע מענער. אויך די קינדערלעך האָבן זיך געדרייט אַרום זייערע על־טערן און ווען אַלץ איז געווען גרייט, האָט זיך דערהערט אַן אויסרוף: „אַרויף אויפן אויטאָ!" מענער האָבן געוואָרפן זייערע פּעקלעך אין אויטאָ אַריין. יעדער האָט זיך געזעגנט מיט זיינע נאָענטע. מענער, פרויען האָבן זיך אַרומגענומען און געקושט. רמי איז אויך צוגעגאַנגען צו שרהן האָט זי עפּנטלעך איינגעשלאָסן אין זיינע אָרעמס און אַ הארציקער לאַנגער קוש האָט זיי פאַראייניקט. די חברים האָבן איצט פאַרשטאַנען רמין.

אין געציילטע מינוטן, זיינען אַלע מענער שוין געווען פאַרזאַמלט אין

אויטאָ. אַ סיגנאַל האָט אָנגעזאָגט, אַז דער אויטאָ רירט פון אָרט. מיט אויפ־געהויבענע הענט האָבן די בחורים געזעגנט זייערע נאָענטע. אַלע בליקן האָבן לאַנג באַגלייט זייערע מחשבות, ביז דער אויטאָ איז פאַרשווונדן הינטערן בערגל. ערשט איצט האָט שרה דערפילט, ווי עס וואָלט זיך ביי איר אָפּגעריסן איר האַרץ. מיט לאַנגזאַמע טריט איז זי אַליין, פון קיינעם ניט געטרייסט, פון קיינעם ניט באַגלייט, אַוועק צו רמין אין צימער. זי האָט נאָך ניט באַוויזן אַריינגיין אינעווייניק, ווי אַ קוואַל פון טרערן האָט זיך אַרויסגעגאָסן פון אירע אויגן. זי האָט אַ פאַל געטאָן אויפן בעט, איינגע־בראָכן איר קאָפּ אין קישעלע און ביטער געוויינט. ניט געווען אַזאַ כוח, וועלכער זאָל איר אין איר געוויין צוימען. לאַנג איז זי דאָרט געווען, ביז די טרערן האָבן אויסגעטריקנט. אָבער דאָס וויינען האָט איר אַ ביסל באַרו־איקט. זי האָט ביי זיך באַשלאָסן אַריינגיין ווינען אין רמיס צימער. פריער איז ניט געווען קיין סך אָרט, האָבן די מיידלעך געוווינט צוזאַמען. איצט זיינען פריי געוואָרן פּלעצער. אין סעקרעטאַריאַט האָט מען איר דערלויבט צו טוישן די וווינונג. יעדער פרייע מינוט האָט זי געקוקט אויף זיינע בילדער. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז זי איז מיט אים צוזאַמען.

שרה האָט שרעקלעך געבענקט נאָך רמי. איצט האָט זי פאַרשטאַנען, וואָס עס הייסט ליבע. ביז היינט איז עס געווען ביי איר נאַטירלעך. זיין אַנוועזנהייט, זיינע קושן, זיינע אומאַרומגען האָבן אויסגעדריקט פיזישע באַפרידיקונגען פון ליבע, אָבער ניט ליבע אַליין. ביי שרהן האָט זיך איצט אַנטוויקלט אַזאַ געפיל פון ליבע, וועלכע זי האָט געזען אין פילם. און ווען עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט, האָט זי קיין ליכט ניט אָנגעצונדן. זי האָט נאָר געעפנט דאָס פענצטער, זיך געלייגט אין די קליידער אויף זיין בעטל און געקוקט אין דער ווייטקייט אַריין. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז דאָרטן, ווייט, ווייט, געפינט ער זיך. וואָס טראַכט ער? — האָט זי זיך אַ פרעג געטאָן, — האָט ער מיך אַזוי ליב ווי איך אים? ניין! דאָס קאָן ניט זיין, אַ מאַן קאָן אַזוי ניט ליבן אַ פרוי, ווי אַ פרוי אַ מאַן. זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט אויפן הימל. גראַד איז עס געווען אַ לבנה־נאַכט. יואַלקנס האָבן פאַרביי אירע אויגן פאַרבייגעשוועבט, אין איר האַרצן האָט זי געשיקט איר ברכה, אַט דורך די וואָלקנס. אפשר דעקן זיי צו זיין גע־שטאַלט? אפשר שוועבן די וואָלקנס דאָרט, וווּ רמי געפינט זיך? עס האָט זיך איצט ביי איר אַנטוויקלט אַ האַס צו מלחמה, פריער האָט זי עס אַזוי ניט פאַרשטאַנען. צו וואָס דאַרף מען עס? — האָט זי נאַאיוו געטראַכט — פעלט דען באַדן פאַר אַלע מענטשן אויף דער וועלט. די וועלט איז דאָך אַזוי גרויס

און זי פאַרמאָגט דאָך אַזוי פיל שיינקייט אין איר עקזיסטענץ. פאַרוואָס מאָרדעט אַ מענטש אַ מענטשן? וועמען האָבן מיר שלעכטס געטאָן? וועמען האָט געשטערט אונזער אַרבעט אין נגב? מיר בויען בליענדיקע ישובים אין מדבריות. מיר שאַפן באַדינגונגען פאַר נייע לעבנס־מעגלעכקייטן. עס איז איר איצט געקומען אויפן זכרון די צייט, ווען זי איז מיט אַ סך נאָענטע, מיט אירע עלטערן געלעגן אין קעלער און באָמבעס האָבן פון דער הויך אויפגעריסן. זי דערמאָנט זיך איצט, ווי זיי זיינען ביינאַכט געלאָפן איבער פעלדער און וועלדער, ווי ניט גערן זי האָט עס געהאַט. עס דערמאָנט זיך איר אַ באָמבע־אויפרייס נעבן זייער גרופּע. און זי איז געבליבן ליגן אַ פּאַר־חלשטע, ווען מענטשן האָבן איר אויפגעהויבן. זיינען דאָס געווען פרעמדע. איר טאַטע־מאַמע האָט זי ניט געפונען. זי דערמאָנט זיך, ווי זי האָט אַ סך קינדער געזען טויטע. דאָס איז מלחמה — האָט זי אויסגערופן — אַט דאָס זעלבע וועט זיך אָפּשפּילן איצט אויך אויף אונזער ערד? דאָס זעלבע? איז עס ניט גענוג?

אַ שוידער איז איר דורך איבערן קערפּער. מענטשן פאַלן אויף די פעל־דער און קיינער קאָן זיי ניט העלפן. איך גיי אויך צו זיי — האָט זי אויסגע־רופן, — זיי דאַרפן מיין הילף. אין קיבוץ האָב איך געענדיקט דעם קורס פון ערשטער הילף. איך בין שוין אַ קראַנקן־שוועסטער. איך מוז זיין נעבן זיי העלפן אין אַלע צייטן. און שרה האָט פעסט דעצידירט, זי גיט זיך אָן פרייוויליק אין דער אַרמיי. מען וועט איר נעמען. זי וועט פאַרלאַנגען צו זיין אין זעלבן אָרט, וווּ רמי געפינט זיך. זי וועט זיין נעבן אים. זי וועט אים ניט לאָזן אַליין.

אויף מאָרגן, ווען זי איז אַריין אין סעקרעטאַריאַט און געמאָלדן, אַז זי וויל זיך פרייוויליק מאָביליזירן, איז איר ביטע אָנגענומען געוואָרן.

אַ צופרידענע איז שרה אַרויס פון סעקרעטאַריאַט. זי האָט ליב באַקומען די חברים, וועלכע האָבן איר דערמעגלעכט אַריינצוגיין אין „צבא הגנה לישראל". ביי דער אַרבעט איז איר אַנטקעגן געקומען דוד. — שרה! — האָט ער אויסגערופן — איך האָב ניט געוואָלט שטימען פאַר דיין ביטע, ווייל איך וויל דו זאָלסט דאָ בלייבן. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך האָב דיך ליב, אמת, איך האָב עס ניט אַרויסגעבראַכט אין דער עפנטלעכקייט. אָבער מיינע גאַנצע חלומות ביזטו. זינט דו ביסט אַהער אָנגעקומען, האָב איך ניט קיין רו. איצט מעג איך דיר זאָגן, איך האָב שטענדיק געזאָרגט, אַז דו זאָלסט באַקו־מען אין קיבוץ די לייכטסטע אַרבעט. איך פלעג דיר אָפּהיטן אין אַלע דיינע

וועגן. איך האָב ניט געוווסט, אַז דו ביסט אַזוי ווייט אַוועק מיט רמי. איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט דאָך שענקען מיר אויפמערקזאַמקייט.

— פאַרוואָס האָסטו זיך איצט דערמאָנט? דוד. איך האָב געמערקט דיין אויפמערקזאַמקייט. איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז איך בין דיר געפעלן. ווייל ווי קום איך צו דיר? דו ביסט סעקרעטאַר, די זאָרג פון קיבוץ ליגט אין דיינע הענט. איך האָב געמיינט, אַז דער קיבוץ און נאָר דער קיבוץ איז דיין גאַנץ לעבן.

— שרה! איצט איז ניט די צייט צום רעדן. איך וועל קומען צו דיר נאָך דער אַרבעט. ווו געפינסטו זיך אין אָוונט?

— אין צימער פון רמי — האָט שרה געענטפערט.

— דאַן בין איך ביי דיר אַכט אַזייגער.

— איך וועל וואַרטן דוד, אָבער עס איז אַרויסגעוואָרפן דיין מי. ווייל מיר האָבן זיך ליב. אַלנפאַלס איך האָב ליב רמין און איך מיין, אַז ער מיך אויך.

— מיר וועלן רעדן שפּעטער — האָט דוד געענטפערט און אַוועק אין מזכירות צו זיינע פליכטן.

דער אָוונט איז גיך צוגעפאַלן. שרה האָט מיט האַרץ קלאַפּעניש זיך געגרייט צו דער באַגעגעניש. אָ, ווי זי וואָלט געוואָלט ער זאָל איצט איר צורו לאָזן. וואָלט דאָס ניט געווען דוד, וואָלט זי אים ניט איינגעלאַדן צו זיך, אָבער פאַר אים האָט זי געהאַט אויך גרויס רעספּעקט. זי האָט געוווסט אַז צפורה, חנה און דליה זוכן זיין געזעלשאַפט, אָבער ער האָט מיט קיינער ניט געוואָלט זיך פאַרבינדן. זי דערמאָנט זיך זייערע געשפּרעכן, ווי יעדע איינע זאָגט, אַז ווען דוד וואָלט איר געקושט, וואָלטן זיי זיך ניט קעגנגעשטעלט.

דוד, אויסער זיין הויכן אַמט, אויסער די מעגלעכקייטן צו פאָרן מיט אים אין זיין אויטאָ קיין תל־אביב, חיפה אָדער ערגעץ ווו אַנדערש, איז אויך געווען שיין. שלאַנק, ער איז נאָך ניט געווען קיין צוויי און צוואַנציק יאָר. שטענדיק פלעגט ער גיין שיין און ריין אָנגעטאָן. אַ שטילער, באַשיידענער, פלעגט ער זיצן אין חדר־אוכל. זייער אָפט אין לייען־זאַל, פאַרטיפט אין אַ בוך אָדער אַ צייטונג. זי דערמאָנט זיך איצט, ווי זי פלעגט אויך אַהין אַריינקומען כדי צו כאַפּן אַ בליק אויף אים. אָבער ער האָט גאָרניט גערעדט.

פונקט אַכט אָוונט איז דוד אַריינגעקומען אין רמיס צימער. שרה איז געלעגן אויף רמיס בעטל און זיך געמאַכט לייענדיק אַ בוך. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסע בלוזקע און כאַקי הויזעלעך, פון וועלכע עס פלעגן

זיך אַרויסזעען צוויי שיינע פאַרברווינטע פיס.ביידנס בליקן האָבן זיך באַ־געגנט, בליקן פאַרשנדיקע, פאַרדעכטיקטע, שרה האָט פאַר דודן ניט מורא געהאַט, ווייל זי האָט געוווסט, אַז דוד איז אַ גאַיוּוער בחור און וועט איר קיין שלעכטס ניט טאָן. אָבער דאָך איז זי אַראָפּ פון בעט, פאַרריכט די אויבערדעקע, צוגערוקט דעם שטול צום טיש און זיך געזעצט.

דוד האָט אַרומגעכאַפּט מיט זיין בליק דעם צימער. אַלץ איז געווען אַזוי זאָרגפעליק אויפגערוימט. צוזאַמענגעשטעלט. יעדע, אַפילו ביליקע קליינע זאַך, איז געלעגן אויף איר אָרט, אַזוי ווי דאָס וואָלט די האַנט פון אַן אַרכיטעקט עס געמאָלט. אַלץ האָט געגלאַנצט מיט ריינקייט. עס האָט זיך געפילט, אַז די האַנט פון אַ פרוי האָט עס אַלץ פאַרזאָגט.

— ווי שיין און אָנגענעם דאָ איז — האָט דוד אויסגערופן. — ווי מיר, מענער, האָבן ניט קיין אַנונג וועגן אַזעלכע קלייניקייטן, וואָס מאַכן אַזוי גוט אויף דער נשמה.

— זיכער! — האָט שרה געענטפערט. — איר שאַצט קיינמאָל ניט אָפּ די אַרבעט פון דער הויז־פרוי. איר מיינט, אַז דאָס מאַכט זיך אַליין, און אַז דאָס איז בכלל פּוסטע זאַכן. אין יעדער זאַך דאַרף זיין אַ הייליקייט, דאָן רוט דאָרט די שכינה.

— אָבער ניט ביי אַלע איז דאָס זעלבע, — האָט דוד זיך אָפּגערופן. — אַ סך צימערן געפינען זיך אין קיבוץ, אָבער אַלע זיינען כמעט אויפן זעלבן שטייגער.

— אַלע מיידלעך האָבן ליב ריינקייט, ציכטיקייט, נאָר עס איז ניטאָ פאַר וועמען עס צו טאָן. איז מען אָפּגעלאָזן. אַז איך קום אַהער, איז מיר דאָס אָרט הייליק און טייער. וויל איך, אַז דאָרט, וווּ ס'איז הייליק, זאָל אויך זיין אָנגענעם. וואָלט איך ניט ליב געהאַט רמין, וואָלט איך אפשר אויך ניט געווען בעסער.

— רמי! רמי! — האָט דוד אַראָפּגעלאָזן זיין קאָפּ. — ווי גליקלעך מוז ער זיך פילן, וואָס ער האָט דיך אַלס אַ חברה באַקומען.

— ער האָט עס מיר קיינמאָל ניט געזאָגט — האָט שרה אַ שמייכל געטאָן

— איז פון וואַנען ביסטו אַזוי זיכער אין אים?

— אַ, דאָס יאַ, — האָט שרה געענטפערט. — אַלנפאַלס איך וועל אים זיין טריי. ווי ער וועט זיך פירן אַזוי וועט ער אויספירן.

— פון וואַנען איז דיין זיכערקייט? — האָט דוד אַ פרעג געטאָן. —

ער איז אן אמעריקאנער יינגל. ער איז אהער געקומען פון לוקסוס. נאר אויף א באזוך!

— איך האב אים געפרעגט, פארוואס ער פארט ניט קיין אמעריקע צו זיינע עלטערן, האט ער מיר געענטפערט, אז זיין היים אין דער קיבוץ. דא אויפן בערגל אין נגב. און ער האט אויסגעקליבן דעם וועג פון קעמפן מיט די אראבער. ער אנטלויפט ניט ווי א סך פון די דאזיקע, וועלכע האבן זיך דערשראקן און פארלאזן דאס לאנד. וויפל איך האב אים צוגערעדט צו דעם, האט ער מיר געענטפערט, אז אפילו איך וועל אויפהערן אים ליב צו האבן וועט ער אויך ניט פארן, ווייל דא איז זיין היים.

— ער האט דאך גארניט באקומען קיין דערציאונג פון א באוועגונג? און דאך איז ער אזוי פאטריאטיש געשטימט — האט דוד א פרעג געטאן'

— איך האב אים אויך דאס זעלבע געפרעגט, האט ער מיר געענטפערט, אז ישראל געהערט ניט צו די אדער יענער פארטיי.... ישראל געהערט צום יידישן פאלק און דאס איז די פארטיי, וועלכע דארף בויען דאס לאנד. און טאמער איז דא א פארטיי, וואס וויל זיך אריינרעדן, אז דאס לאנד געהערט איר, קאן זי נאר געניסן פון דאס לאנד פיזיש, אבער ניט מאראליש. זיי קאנען דאס לאנד מיטן נאמען אויסנוצן פאר זייערע פערזענלעכע מאמענטאלע באפרידיקונגען, אבער בשום אופן ניט מאראליש, ווייל מאראליש זיינען מיר אלע די אייגנטימער פון לאנד. און שרה! — זאגט ער — אויב איך האב דיר דא געטראפן, איז עס פאר מיר מיין היים. און ער האט זיך מאביליזירט. ווער ווייסט, ווו ער געפינט זיך איצט. און איך זיץ דא מיט א צווייטן און פארברענג. וואס וואלט געווען, דוד, ווען ער קומט אהער איצט אריין? וואס וואלט ער געזאגט? אזוי זיינען פרויען. דער בחור איז קוים ארויס פון שטוב און אנדערע פארנעמען זיין ארט. דעריבער בעט איך דיך, דוד, לאז מיר פריי גיין מיין וועג. בלייבן טריי דעם קיבוץ. און אז רמי וועט בשלום צוריקקומען, וועלן מיר בויען אונזער היים דא אויפן בערגל פון נגב. דא וועלן מיר זיך פארווארצלען צוזאמען מיטן קיבוץ. דא וועלן מיר פלאנצן ביימעלעך. די ביימעלעך וועלן וואקסן און אז עס וועט אונז געבוירן ווערן א קינד, וועט עס וואקסן צוזאמען מיט אונז. א ניי לעבן אין באנייטן לאנד. דאס לעבן איז צופרידן דארט, ווו עס האט פרייד. און פרייד שאפן די מענטשן פון ארום. די זעלבע מענטשן קאנען אויך דעמאראליזירן. בעט איך דיך, דוד, לאז מיך צורו און זאלן מיר פארבלייבן גוטע פריינד.

— שרה! — האט דוד זיך אפגערופן — דו ביסט פולשטענדיק גערעכט. דו זאגסט, אז פרייד איז דארט, ווו עס ווערט עס געשאפן. איך וויל,

אַז דו זאָלסט מיך פאַרשטיין. מיין נשמה בענקט נאָך די דאָזיקע פרייד. און די פרייד ביסטו.

— האָסט פאַרשפּעטיקט און זאָלן מיר דערפון מער ניט רעדן. איך וועל אים זיין טריי ביז מיינע געפילן צו אים וועלן זיך ניט ענדערן.

— קאָנען זיי זיך ענדערן? — האָט דוד אַ פרעג געטאָן.

— טאָמער וועלן זיי זיך ענדערן, פאַרבלייבט אַ פּוסטקייט אין מיין האַרצן און ניט קיין ליבע. ווייל ליב האָבן צוויי מאָל קאָן מען ניט. אויב פּוסטקייט, איז עס ניט כדאי פאַר קיינעם. דאַן וועל איך זען וואָס איך האָב צו טאָן. דערווייל האַלט עס ניט ביי דעם. מעגסט עס וויסן, דוד. רמי איז רייך פון דער היים, זיינע עלטערן ווילן אים איבערגעבן זייער פאַרמעגן. ער איז אַן איינאיינציקער זון ביי זיי. ער האָט באַשלאָסן דאָ צו בלייבן.

* * *

ווען דוד איז אַריין צו שרהן אין צימער — האָט פון דערווייטנס דאָס באַמערקט צפורה און דליה. זייער נייגעריקייט האָט זיי געטריבן צו זען, וואָס דאָרט קומט פאָר. — זעסט, צפורה, — האָט דליה זיך אָפּגערופן, — ערשט נעכטן איז רמי אַוועק אויפן פראָנט און שרה נעמט שוין אויף דודן ביי זיך אין צימער. איך האָב דיר פון לאַנג געזאָגט, אַז זי איז יענץ פויגעלע... זאָל נאָר רמי קומען אויף אורלויב, וועל איך אים עס דערציילן. זאָל ער וויסן, זאָל ער אַזוי ניט גלויבן שרהן. וויפל איך האָב געוואָלט אים איבערצייגן, אַז שרה איז ניט קיין מיידל פאַר אים, האָט עס ניט געהאָלפן. איצט וועט ער שוין פאַרשטיין. צפורה און דליה האָבן זיך געשטעלט הינטערן בוים און אַזוי ווי דאָס פענצטער איז געווען אָפן, האָבן זיי אַלץ געזען וואָס עס טוט זיך אינעווייניק. אַקוראַט אין דער דאָזיקער מינוט איז שרה צוגעגאַנגען צו דודן, האָט אים געגעבן איר האַנט און אויסגערופן: — דוד, גיי דיר איצט אַהיים. איך בין מיד און איך וויל זיך אויסרוען. פאַרגעס פון מיר.

דוד האָט לאַנג געהאַלטן שרהס האַנט און עס איז אים געווען אַ שאָד איר אָפּצולאָזן. דליה האָט געוויזן צפורהן, ווי דוד דריקט שרהס האַנט. און ווען ער איז שפּעטער אַרויס פון שרהס צימער, זענען זיי ביידע פון דערווייטנס אים נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן ספּעציעל געלאַכט אויפן קול, כדי צו ציען זיין אויפמערקזאַמקייט. דוד האָט זיך אָבער געמאַכט ניט הערנדיק און אַוועק ווייטער מיט דעם וועגל, וואָס האָט געפירט אין סעקרעטאַריאַט. שרה האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט און גראַד היינטיקן אָוונט, האָט זי פאַר־

מאַכט די טיר און פענצטער. עפּעס האָט איר געשראָקן דעם אָוונט צו בלייבן אַליין. אָבער ווי זי האָט זיך אַריינגעלייגט אין איר בעט, איז זי גלייך איינגעשלאָפן.

רמי אויפן פראָנט

מיט יעדער שעה האָט זיך פאַרשטאַרקט דער אַראַבישער אָנגריף אויף די גרענעצן פון ישראל. די אַראַבער פון ירדן, סיריע, לבנון, מצרים און איראַק האָבן זיך אַריינגעריסן אין די יידישע ישובים. די ישראל־אַרמיי איז נאָך ניט געווען גוט אָרגאַניזירט. דער עיקר: עס האָט געפעלט געווער. ניט אויף איין אָרט, האָבן עטלעכע זעלנער פאַרמאָגט נאָר איין ביקס. דערפאַר האָבן זיי פאַרמאָגט שטאַרקן ווילן צום זיגן. איז געפאַלן אַ זעלנער — האָט מען רואיק אים אַראָפּגענומען פון שלאַכט־פעלד און זיין אָרט האָט פאַר־נומען אַ צווייטער.

אויף איינעם אַ פראָנט האָט זיך געפונען רמי. זיין גרופּע איז אָנגעגריפן געוואָרן פון דריי זייטן. די אַראַבער האָבן באַנוצט אַ סך געווער. די קוילן זיינען געפלויגן ווי האָגל. אַ סכנה איז געווען ניט נאָר צו שטיין אויף די פּאָזיציעס און קעמפן, נאָר אַפילו אויפצוהיטן דעם קאָפּ עטוואָס העכער פון די טראַנשייען.

דאָס פייער האָט זיך געשטאַרקט פון מינוט צו מינוט. די קאָמענדע האָט באַשלאָסן אָפּצוטרעטן פון דער פּאָזיציע און איבערגיין אויף אַ צווייטער. די דאָזיקע לאַגע האָט טיילווייז דעמאָראַליזירט אונזערע זעלנער. מען האָט געפילט, אַז מען וועט ניט אויסהאַלטן דעם אָנגריף. רמי האָט באַמערקט, אַז דער אַראַבישער אָנגריף איז מיט געווער, אָבער ניט מיט קיין זעלנער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די אַראַבער ווילן זיך ניט באַגעגענען פּנים אל פּנים מיט די ישראל בחורים. האָט רמי פּלוצלונג אויסגערופן צו זיינע חברים:

— חברה! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — די פּאָזיציע מוזן מיר האַלטן פאַר יעדן פּרייז. זאָלן מיר אָפּטרעטן, ווערט פריי דער וועג צו תל־אביב. צו די נייע פּאָזיציעס אונזערע וועלן מיר ביי אַזאַ פייער ניט דערגרייכן. איך לייג פאָר, מיר זאָלן אַרויס פון די אָקאָפּעס און זיך וואַרפן אויפן פיינט. ביי דער סיטואַציע, אין וועלכער מיר געפינען זיך, וועלן מיר

דעם פיינט איבערראַשן. ער וועט מיינען, אַז מיר זיינען אַ סך אין דער צאָל אויב מיר וואַגן זיך דערויף.ביידע מאַשין־געווערן וועלן דעקן אונזער פאַראויסגאַנג. מיר האָבן ניט קיין וועג צוריק. געדענקט — האָט ער צו־געגעבן — מיר האָבן הינטער זיך אונזערע היימען, אונזערע עלטערן, ברי־דער און שוועסטער. דער קאַמף פאַרן פּונקט איז אַ קאַמף פאַר דער מדינת ישראל. אין דאָזיקן קאַמף איז אָפּהענגיק אונזער לאַנד און מיט דעם אונ־זער פאָלק. לאָמיר אָנגרייפן מיט אַלע אונזערע גייסטיקע כוחות, מער ווי מיט די פיזישע.

עטלעכע קיבוץ־חברים האָבן געהאַלטן מיט רמין. לאַנג וואַרטן האָט מען אויך ניט געקאָנט. די נאַכט איז צוגעפאַלן גיך. אַ טייל האָבן געבעטן וואַרטן אויף אַן ענטפער פון דער העכערער לייטונג, אויב מען זאָל דעם פּונקט אויפגעבן. רמי האָט אויסגעשריגן:

— מיר גייען פרייוויליק! ווער איז מיט מיר?!

— אַלע! — האָט זיך דערהערט אַן ענטפער און מיט אַן אויסגעשריי „קדימה!" — האָט רמי דער ערשטער זיך אַ ריס געטאָן פאַראויס, האַלטנדיק זיין ביקס אין דער האַנט. רמי איז געלאָפן ווי אַ טייוול גלייך צו די אַראַבישע פּאָזיציעס, וועלכע זיינען געווען סך הכל אַ פּאָר הונדערט מעטער ווייט. אַ שאַרפער מאַשינען געווער האָט גענומען שטעפּן די לופט. דאָס האָבן אונזערע יאַטן געגעבן דעקונג אונזער אָנגרייפנדיקער גרופּע. רמי האָט ניט געקוקט, ווער עס לויפט מיט אים מיט. די אַראַבער האָבן געעפנט אַ שטאַרק פייער, נאָכדעם ווי זיי זיינען געקומען צו זיך. אָט איז שוין רמי נאָענט פון די אַראַבישע פּאָזיציעס. אַ האַנט־גראַנאַט האָט אויפגעריסן נעבן אַן אַראַ־בישער גרופּע, וועלכע האָט זיך באַנוצט מיט אַ שווערן הארמאַט. רמי וואַרפט אַ צווייטן גראַנאַט. דער הארמאַט איז שטיל געוואָרן. דער ערשטער רייסט רמי אריין אין אָקאָפּעס פון די אַראַבער. איבערראַשטע פונעם אָנגריף אַנטלויפן זיי אין פּאַניק, מע הערט דייטלעך זייערע געשרייען, אללא.

איינער נאָכן אַנדערן שפּרינגען די יידישע זעלנער אין די אָקאָפּעס און עס אַנטוויקלט זיך אַ ניט גלייכער קאַמף צווישן אַ פּאָר צענדליק יידישע בחורים מיט הונדערטער אַראַבער. די אַראַבער טרעטן אָפּ. אונזערע בחורים באַקומען מוט און לויפן פאַראויס. אָבער דאָ האָט פּלוצלונג אויפגעריסן אַ האַנט־גראַנאַט ביי אונזערס אַ זעלנער. קאַנטיק געטראָפן פון אַן אַראַבי־שער קויל. דער זעלנער איז געפאַלן טויט. אַ באַרג זאַמד האָט פאַרשאָטן רמיס אויגן. ער האָט געפילט אַ ווייטיק אין זיין רעכטער האַנט. זיין ביקס איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. ער האָט פאַרלוירן די גלייך־געוויכט

און געפאַלן. אַ צווייטער זעלנער איז צוגעלאָפן, געפּרוווט רמין אויפהויבן, אָבער רמי האָט אויסגערופן: —איך בין פאַרוווּנדעט, איך פיל אַז די כוחות גייען מיר אויס. חברים! לאָזט מיך אָפּ, פאַרענדיקט די אַרבעט כל זמן די אַראַבער זיינען אין פּאַניק. יאָגט זיי, איר וועט נאָך אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן די פּאָזיציע אין אונזערע הענט. פון דער דאָזיקער פּאָזיציע אויפן בערגל אין נגב, וועלן מיר באַהערשן די גאַנצע אומגעגנט. — מער האָט ער ניט געקאָנט רעדן. ער איז געבליבן ליגן באַוווסטלאָז. אַ פּאָר ווערטער האָט ער נאָך אַרויסגעמורמלט: — גיט אָפּ שרהן אַ גרוס פון מיר. זאָגט איר, אַז אין איר נאָמען, פאַר איר לעבן האָב איך געקעמפט.

אין געציילטע מינוטן אַרום האָט אונזער ראַדיאָ־אָפּעראַטאָר געמאָלדן אין גענעראַל־שטאַב: דאָס בערגל איקס איז אין אונזערע הענט. דאָ געפינט זיך אַ סך געווער. שיקט הילף, ניט צום קאַמף, נאָר צום פאַרפעסטיקן די פּאָזיציע. מיר נויטיקן זיך אין אַרטילעריע פּאַכמענער. עטלעכע צענדליק אַראַבער ליגן טויט,אַ טייל האָבן מיר געפאַנגען. אונזערע פאַרלוסטן: צוויי טויטע און זעקס פאַרוווּנדעטע. מיר נויטן זיך אין מעדיצינישע הילף.

דער ענטפער איז געקומען: .האַלט זיך, הילף איז אין וועג. אַן אַמבו־לאַנס מיט אַ דאָקטאָר און קראַנקן־שוועסטער זיינען שוין אַרויס.

בערך אין אַ האַלבער שעה, איז דער אַמבולאַנס אָנגעקומען צום אָרט. אין דער גאַנצער אומגעגנט האָט געהערשט רו. אַלע פאַרוווּנדעטע זיינען גלייך אַריינגענומען געוואָרן אין אַמבולאַנס, צווישן זיי האָט זיך געפונען רמי.

מיטן שפּראָץ אויף באַגינען איז אָנגעקומען פאַרשטאַרקונג, וועלכע האָט איבערגענומען די פּאָזיציע אין זייערע הענט. ווען רמיס חברים האָבן דער־ציילט וועגן רמיס רוף אָנצוגרייפן די פּאָזיציע, האָבן די צה״ל־אָפיצירן זיך אַליין ניט געגלויבט, אַז אַזאַ זאַך איז מעגלעך געווען.

* * *

אין דעם מיליטערישן שפּיטאָל, אויף אַ קלאָר ווייס ליילעך, אין אַ שיין און ריין צימער, איז צווישן די שווער פאַרוווּנדעטע זעלנער, געלעגן אויך רמי. זיין געזיכט איז געווען פאַרבאַנדאַזשירט. זיין רעכטער פוס האָט אַנט־האַלטן עטלעכע שאַראַפּנעלן. רמי איז נאָך ניט געקומען צום באַוווסטזיין. אָבער זיין האַרץ קלאַפּט נאָרמאַל. די היץ איז אַראָפּ. רמי ליגט אָבער אָן באַוועגונג שוין דעם צווייטן טאָג. צווישן זיינע חברים איז אָנגעגאַנגען

אַ וויכוח, זאָל מען דערציילן אין קיבוץ, וועגן רמין איצט, אָדער נאָך צו־וואַרטן. די חברים האָבן געוווסט, אַז ווען די ידיעה פון רמיס לאַגע וועט דערגיין אין קיבוץ, וועט עס אויך דערגיין צו שרהן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן יאָ צו מעלדן דעם קיבוץ. אַ קורצע טעלעגראַמע האָט אָנגעזאָגט: „רמי פיינגאָלד איז שווער פאַרוואונדעט. העלדיש פאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע. געפינט זיך אין מיליטערישן שפּיטאָל, עס איז מעגלעך אים צו באַזוכן".

שרה האָט אַ פּאַרגעפיל

אין מיטן דער נאַכט האָט שרה אויפגעוואַכט. עס האָט זיך איר געחלומט אַ שלעכטער חלום. זי האָט פאַר זיך געזען איר טאַטע־מאַמע. אַזעלכע שיינע, הויכע, האָבן איר געצערטלט און געקושט. עס איז איר אַזוי גוט געווען. פּלוצלונג זיינען זיי פאַרשוואונדן. אַט זעט זי זיך אין אַ קלויסטער, ווי אַ נאָנע באַדינט איר און לערנט מיט איר די ערשטע תפילות. אַט זעט זי אין געדאַנק אַראַבישע רוצחים מיט שוואַרצע אָפּגעברענטע פּנים און זון פּנימער און ברייטע הויזנס, אַט זעט זי אַ שלאַכט און יידישע יונגע בחורים קעמפן ווי לייבן קעגן די הויכע גראָבע אַראַבער. רמי איז פאַרוואונדעט. דאָס האַרץ קלאַפּט איר ווי מיט האַמערס. רמי! — שרייט זי פון שלאָף. ווען זי האָט געעפנט די אויגן און אָנגעצונדן דאָס נאַכט־לעמפּל, וועלכער איז געשטאַנען נעבן איר בעטל — האָבן שוואַרצע שאָטנס זיך געשלענגלט איבער די ווענט. אַ שרעק און בענקשאַפט איז איר באַפאַלן צוזאַמען. זי האָט שוין נישט געקאָנט מער שלאָפן. שרה איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געחלומט פון רמי. פון די זיסע אָוונטן אין וועלכע זי האָט צוזאַמען מיט אים פאַרבראַכט. לאַנג איז זי אַזוי געלעגן, ביז דער וועכטער האָט אויסגערופן צו דער אַרבעט. מיט פרייד איז זי אויפגעשטאַנען, אָנגעטאָן די אַרבעטס־קליידער און די ערשטע געווען אויפן אַרבעטס־פּלאַץ. אַ מאָדנער שטילשווייגן האָט עפּעס היינט געהערשט ביי דער אַרבעט. יעדן טאָג פלעגן די מיידלעך זיך וויצלען, זיך דערציילן וועגן יינגלעך, און היינט — שטיל — רואיק. קיינער רעדט נישט אַרויס פון מויל קיין וואָרט. דאָס האָט איר באַאומרואיקט. זי האָט אָבער גאָרניט געפרעגט נאָר ווייטער געטאָן איר אַרבעט אין קינדער הויז.

אינדערפרי,ביים עסן פרישטיק, האָט זי געזוכט אין עס־צימער די פּאָסט. פאַר אַלע זיינען געווען בריוו, פאַר איר ניט. עס איז איר אויסגעקומען ניט נאָרמאַל. רמי זאָל ניט שרייבן? שוין דריי טעג ווי רמי איז אויפן פראָנט. יעדן אָוונט הערט זי אין ראַדיאָ וועגן די קאַמפן וואָס קומען פאָר. זי הערט פון געפאַלענע זעלנער, זי לייענט די טרויער־אַנאָנסן פון די משפּ־חות, וועלכע באַוויינען זייערע קינדער. וועגן רמין האָט זי גאָרניט געהערט און ווען זי האָט אין מזכירות אָנגעפרעגט, האָט מען איר אויך גאָרניט דער־ציילט. נאָר צפורה, פון קנאה האָט איר געזאָגט, אַז רמי איז פאַרוווּנדעט און געפינט זיך אין שפּיטאָל.

שרה האָט ווי פאַרחלשט, גיך זיך געלאָזט אין סעקרעטאַריאַט און פאַר־לאַנגט פּרטים. ערשט איצט האָט מען איר געוויזן די טעלעגראַמע.

— איר וועט מיר דערלויבן צו פאָרן צו אים? — האָט זי געפרעגט.

— מיר וועלן דיר דערלויבן. אָבער היינט איז געקומען אַ באַפעל, אַז דו מוזט זיך צושטעלן צו דיין באַזע, אַלס קראַנקן־שוועסטער. ווייל עס פעלן אויס אַרבעטס־הענט. די באַזע איז אין רחובות. צען אַזייגער דאַרפסטו זיך דאָרט מעלדן.

שרה האָט אויף גיך צונויפגענומען אירע נויטיקע זאַכן און ווען דער זייגער האָט געשלאָגן 9.30 איז דער אויטאָ אַרויס פון קיבוץ הויף. אויפן וועג האָט זי מיטן קיבוץ־שאָפער כמעט ניט גערעדט, ווייל אויף אירע פראַגן האָט ער געענטפערט, אַז ער ווייסט גאָרניט. אַקוראַט צען אַזייגער איז שרה געווען אין איר באַזע. פון די ערשטע האָט מען איר רעגיסטרירט און גלייך אָפּגעשיקט אין דעם מיליטערישן שפּיטאָל.

די אָרטיקע הויפּט־שוועסטער האָט איר אויפגענומען, אויסגעפאָרשט אירע קוואַליפיקאַציעס און דערקלערט, אַז דערווייל בלייבט זי דאָ. גיך האָט זי זיך איבערגעטאָן אין די שוועסטער־קליידער און אין אַ שעה אַרום האָט זי שוין באַדינט די קראַנקע זעלנער. אויף איין פלאַץ, ווען זי האָט איבערגעבונדן אַ וווּנד, האָט זי געהערט, ווי צוויי זעלנער רעדן וועגן דער העלדישקייט פון רמי, ווי אַזוי ער האָט מיט זיין מוט געראַטעוועט די פּאָ־זיציע. אָבער לויט זייערע רייד האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ער איז טויט. איר האַרץ האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. די געזינטערע זעלנער האָבן זיך געוויצלט אויף איר חשבון. ווען מיר האָבן איר אין די אַקאַפּעס — וואָלטן זיי די שלאַכטן געוווּנען. נאָר כדי איר אָפּצוהיטן. פלינק האָט זי איר אַרבעט אָפּגעטאָן און געגאַנגען פון זעלנער צו זעלנער. ביי איין זעלנער האָט זי זיך לענגער אָפּגעשטעלט. זיין געזיכט איז געווען פאַרבאַנדאַזשירט. עס האָבן

זיך אַרויסגעזעצן נאָר די אויגן און די נאָז. ביידע פּיס זיינען געווען אין באַנדאַזשן. קיין פּנים האָט זי ניט דערקאָנט, אָבער איר האַרץ האָט פאַרגע־פילט, אַז דאָס מוז זיין רמי. נעבן אים זיינען געשטאַנען אַפּאַראַטן. איבער־בינדן דאָס געזיכט האָט מען ניט געטאָרט. דער זעלנער איז אָבער נאָך אַלץ געלעגן אָן באַוואוסטזיין. ווען זי האָט אָבער געעפנט זיין בלוזע, כדי דער דאָקטאָר זאָל מיט זיין טרייבל אויסהערן דעם פּולס, האָט זי באַמערקט דעם גאָלדענעם מגן־דוד מיט איר נאָמען, וועלכן זי האָט געשאָנקען רמין אין דער נאַכט פון זיין אָפּפאָרן, שעפּטשענדיק, אַז דער מגן־דוד זאָל אים שיצן. שרה האָט זיך קוים געהאַלטן אויף אירע פּיס. דער דאָקטאָר האָט באַמערקט איר אויפרעגונג און אַ פרעג געטאָן:

— שרה! וואָס איז דיר?

— גאָרניט! האָט זי געענטפערט. — דאָס איז דער מגן־דוד, וועלכן איך האָב געשאָנקען מיין חבר אין קיבוץ.

— איז רמי פיינגאָלד דיין חבר? — האָט דער דאָקטאָר אַ פרעג געטאָן.

— יאָ! — האָט זי געענטפערט.

— דאַן דערלויב איך דיר צו זיין נעבן אים ווען דו ווילסט. און איך מיין, אַז איך וועל דיר באַשטימען צו זאָרגן פאַר אים. ווייל ער איז שטאַרק באַשעדיקט און ער דאַרף אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. ער איז נאָך ניט ביים באַוואוסטזיין. אָבער דער קריזיס וועט זיין מן־הסתם היינט ביינאַכט אָדער מאָרגן פרי. אָן צווייפל, אַז דיין אָנוועזנהייט וועט אים שטאַרקן. גיב אים אָפּט אַ לעפל פון דער רפואה און היט אים אָפּ. פּרוביר אויך רעדן צו אים, ער זאָל דיין שטים הערן.

שרה האָט פון דאַנקבאַרקייט אַ קוש געטאָן דעם דאָקטאָרס האַנט. דער דאָקטאָר האָט אַ גלעט געטאָן פאָטערלעך איר געזיכט און אויסגערופן:

— אָרעם מיידל! ווער קאָן פילן דיין האַרץ אין דער מינוט. בלייב דאָ, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, ווען ער מיט די איבעריקע דאָקטוירים זיינען אַוועק אין די אַנדערע צימערן צו די אַנדערע זעלנער.

ווען אַלע זיינען אַרויס, האָט שרה צוגעבראַכט אַ שטול און זיך גע־זעצט קעגנאיבער רמין. — רמי! רמי! — האָט זי שטיל אַריינגערעדט אין זיינע אויערן.

רמי איז געלעגן אין בעט אָן באַוואוסטזיין. זיין פּולס האָט שטאַרק געקלאַפּט. זי האָט עס געפילט האַלטנדיק זיין האַנט אין אירער. זי האָט אָפּגעדעקט זיין ברוסט און צוגעלייגט איר קאָפּ. דער אויער אירער האָט

אויפֿגענומען יעדן ריר פֿון זיין האַרץ. ער וועט זיין געזונט — האָט זי גע־רעדט צו זיך. — ער מוז זיין געזונט. ער מוז לעבן צוליב מיר. איך מוז אים ברענגען צו זיין באַוווסטזיין. רמי איז אָבער געלעגן הילפֿלאָז און ניט געוווסט, וואָס מיט אים טוט זיך. שרה האָט פּינקטלעך אים אַריינגעגעבן די רפֿואות, וועלכע די דאָקטוירים האָבן אים צוגעשריבן. זי האָט געוווסט, אַז איר שטים, אויב ער וועט דערהערן, וועט אים ברענגען גיכער צום באַוווסט־זיין, גיכער ווי ווער אַנדערש. דעריבער האָט זי אָנגענומען זיין האַנט און זי געגלעט. אָפֿט צוגעלייגט זיין האַנט צו איר פּנים און מיט טרערן אין די אויגן געשעפּטשעט אַ הייסע תּפֿילה.

שעהן זיינען געלאָפֿן ווי סעקונדן. די שוועסטערס האָבן איר פֿאָרגע־לייגט צו טוישן די וואַך, ווייל זי איז מיד און קאָן נאָך קראַנק ווערן. זי האָט אָבער אָפּגעוואָרפֿן זייער פֿאָרשלאַג מיט שוועסטער דאַנק. זי וועט ניט אַוועקגיין פֿון אָרט — זאָגט זי — ביז ער וועט ניט עפֿענען זיינע אויגן און וועט איר ניט זען. אַלע זייערע ביטעס האָבן ניט געהאָלפֿן. אָפֿט פֿלעגט זי איינדרימלען לייגנדיק איר קאָפּ אויף דעם ראַנד פֿון בעט און אַזוי אָפּגעשלאָפֿן אַ לאַנגע צייט. זי האָט ניט געפֿילט, ווי אירע פּיס ברעכן זיך. דאָקטוירים פֿלעגן אָפֿט באַזוכן און זאָגן, אַז אַ דאַנק די איבערגעגעבנקייט פֿון דער שוועסטער, וועט רמי גיך קומען צום באַוווסטזיין. און טאַקע צו מאָרגנס, האָט ער צום ערשטן מאָל זיינע אויגן געעפֿנט.

זיין ערשטע באַוועגונג איז געווען אַ פֿיינלעכע. ער האָט דערפֿילט ווייטיקן אין גאַנצן קערפּער. דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז אַ גוטער סימן, ווייל פֿילנדיק די ווייטיקן, איז אַ סימן, אַז זיין גאַנצער קערפּער לעבט און די גלידער באַוועגן זיך אין זייער נאָרמאַלן גאַנג. און דעם מאָמענט, האָט שרה אָנגענומען זיין האַנט און אויסגערופֿן — רמי! דערקענסט מיך ניט?! שרה איז איצט געווען שיין, ווי אַ מלאך. אירע שוועסטער־קליידער האָבן איר זייער געפּאַסט. איר מאַטער אויסגעמאַטערטער פּנים האָט נאָך איידעלער אויסגעדריקט אירע שיינע געזיכטס־שטריכן.

— וואַסער, וואַסער! — האָט רמי געבעטן. — עס דורשט מיך — און האָט זיינע אויגן פֿון ווייטיק צוגעמאַכט. שרה האָט אויסגעדריקט מיטלייד. זי האָט איצט אים מיטגעפֿילט. זיינע ליידן זיינען געווען אירע ליידן. אין סעקונדן האָט זי געבראַכט וואַסער און אונטערהאַלטנדיק זיין קאָפּ אונטער איר האַנט, האָט זי אים ביסלעכווייז געגעבן טרינקען. רמי האָט געטרונקען ווי אַ דורשטיקער מענטש אין מדבר, און ווען ער האָט זיין דורשט געשטילט, האָט ער אַ פֿאַל געטאָן אויפֿן קישן פֿון מידקייט. שרה האָט געוווסט, אַז איצט

וועט ער גוט שלאָפן. דאָס וואַסער וועט טאָן זיינס אין קערפּער פון איר געליבטן רמי. אַקוראַט צו די שעה, ווען שרה איז געזעסן פאַרטיפט, לייענענדיק אַ בוך, האָט רמי געעפנט זיינע אויגן און באַטראַכט דעם אַרום. ער האָט איצט זיך דערזען ליגן אין אַ זויבער בעט פון „קאַפּלאַן"־שפּיטאָל. נעבן אים זיינען געלעגן אַנדערע פאַרוווּנדעטע זעלנער. אָבער אין אַ בעסערן צושטאַנד פון זיינעם.

ווען רמי האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער ניט באַמערקט שרהן, ווייל דאָס בוך האָט פאַרשטעלט איר געזיכט. אָבער בעטנדיק טרינקען, האָט שרה אַוועקגעלייגט דאָס בוך אויפן בעט, זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט רמיס אויגן. רמי איז איבערראַשט געוואָרן און אויסגעשריען:

— צי האָב איך ניט קיין טעות?

— ניין! מיין ליבער, — האָט שרה געענטפערט. — דו האָסט ניט קיין טעות. דאָס איז שרה. דיין שרה, יאָ, דיין שרה — זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער זיין געזיכט און אים געקושט אין די ליפּן.

— שרה! — האָט רמי איר אַרומגענומען, מער מיט אינטואיציע, ווי מיט זיין כוח. אויך שרה האָט פאַרפלאָכטן איר האַנט אַרום זיין קערפּער און זיך געטוליעט אין אים. די שוועסטער און דאָקטוירים, וועלכע זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם צימער פון רמי, האָבן פון איבערראַשונג געוויינט, ווי צוויי אומגליקלעכע האָבן זיך געפונען אין אַזאַ טראַגיש־גליקלעכער מינוט. מיט אַמאָל האָט זיך רמי געשטאַרקט. ער האָט אַנגענומען שרהס האַנט און צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן און געקושט. שרה האָט זיך ניט קעגנגעשטעלט.

— וועל איך נאָך געזונט ווערן? — האָט רמי אַ פרעג געטאָן די דאָקטוירים, — וועל איך קאָנען אַראָפּ פון בעט, אַרבעטן צוריק אויף די פעלדער פון נגב? וועל איך נאָך זיין אַ מענטש, ווי איר אַלע?

— יאָ! — האָבן די דאָקטוירים געענטפערט. — נאָך אַ פּאָר טעג און דו וועסט שוין פון בעט אַראָפּ און וועסט אויך געזונט ווערן.

— וואָס איז מיטן בערגל? — האָט רמי אַ פרעג געטאָן — איז עס אין אונזערע הענט, אָדער ביי די אַראַבער?

— ביי אונז, רמי! — האָט אַ זעלנער געענטפערט. — אויך איך בין פאַרוווּנדעט געוואָרן, אָבער שפּעטער פון דיר. באַגינען ווען עס זיינען געקומען פאַרשטאַרקונגען, האָט מען מיך אַוועקגענומען. דאָס בערגל וועלן שוין די אַראַבער ניט אָנזען, ווי לאַנג די וועלט וועט שטיין און ווי לאַנג מדינת ישראל וועט עקזיסטירן. סיידן עס וועט הערשן שלום צווישן אונז און זיי. דאָס איז אַלץ דיר צו פאַרדאַנקען. דו האָסט געראַטעוועט דעם וועג קיין

תל־אביב. א סך קרבנות האָסטו מיט דיין מוט פאַרמיטן דעם צה״ל און די שטאָט־בירגער... רמי האָט איצט געפרעגט, וואָס הערט זיך אין קיבוץ. צי איז אַלץ אין אָרדנונג, און ווער באַאַרבעט די פעלדער?

— אַלץ איז אין אָרדענונג. — האָט שרה געענטפערט. — זאָרג ניט.

— האָט שרה געבעטן זיך ביי רמין. — זאָרג איצט פאַר דיין גיכן געזונט ווערן, כדי דו זאָלסט קומען אַהיים. אויף די פראָנטן איז דערווייל שטיל געוואָרן. מען האָט געצוווּנגען צו שליסן אַ וואָפנאיבערריים. אונ״אָ־זעלנער היטן די גרענעצן.

דערווייל זיינען אָנגעקומען חברים פון זיין קיבוץ און אים געבראַכט פרוכטן און אַ בריוו פון זיין מוטער. רמי האָט דעם בריוו געעפנט און אים דורכגעלייענט צוערשט מיט די אויגן. דאַן האָט ער זיך שטאַרק צע־לאַכט און אויסגערופן:

— מיין מוטער שרייבט מיר, אַז איך זאָל גלייך קומען אַהיים.

שרה האָט אונטערגעהויבן דאָס קישן, רמי זאָל בעסער קאָנען ליגן און דערביי זיך אָפּגערופן:

— רמי! לאַך ניט פון דיין מוטער. זי איז אַ מאַמע. עס איז איר נעענ־טער איר זון, ווי טויזנטער פרעמדע. איך פאַרשטיי זי, רמי. וועסט טאַקע ווערן געזונט, און אַז דאָס מיליטער וועט דיך באַפרייען, וועסטו פאָרן אַהיים...

— יאָ, שרה! איך וועל טאַקע פאָרן אַהיים, דאָרט אויפן בערגל אין נגב. מיט דיר צוזאַמען.

— זיי צוערשט געזונט. — האָט שרה שוין אַ צופרידענע געענטפערט. דער דאָקטאָר איז אריינגעקומען, געהייסן אַלע אַרויסגיין, אויך שרהן. אַנ־דערע קראַנקן־שוועסטער זיינען אַריין. מען האָט די זעלנער איבערגעבונדן די וווּנדן, וווּנדן אין אַלע טיילן פון קערפּער, טיילן אַפילו, וואָס וועלן קיינ־מאָל ניט צוריקברענגען דעם מאַן אַלס אַ מאַן. נאָכן באַזוך, איז שרה צוריק אַריין אין צימער. אָבער מ׳האָט איר געזאָגט, אַז איצט איז זי שוין דאָ מער ניט נויטיק און זי קאָן פאָרן אַהיים. שרה האָט זיך אָבער אָנטזאָגט צו פאָרן און געבעטן איר געבן אלערליי געהילפס־אַרבעטן אויפן פלאַץ. עס זיינען אַדורך אַ פּאָר טעג און רמי איז שוין געזעסן אויפן גרינעם גראָז אין הויף. אָן באַנדאַזשן און זיינע וווּנדן האָבן זיך מיט יעדן טאָג געהיילט, ביז רמי איז געשיקט געוואָרן אַהיים אויף אַ מאָנאַט אורלויב.

שרה האָט אים געבראַכט אין קיבוץ און ווייטער איז זי פון אים ניט אָפּגעטראָטן — אַפילו געשלאָפן אין זיין צימער.

ווען רמי איז שוין גוט געקומען צו זיך, האָט ער געשיקט אַהיים אַ בריוו און געמאָלדן, אַז ער האָט זיך פרייוויליק מאָביליזירט און געוואָרן פאַר־ווונדעט. אַלץ איז שוין אַדורך און ער געפינט זיך צוריק אין קיבוץ און ער האָט באַשלאָסן דאָ צו בלייבן. אויב די עלטערן ווילן, קאָנען זיי אַהער קומען. ער וועט פאָרן צו גאַסט נאָך זיין חתונה מיט שרהן און אויב זיי ווילן זיין ביי דער חתונה, איז ער גרייט צו וואַרטן.

שרה האָט אויף דעם גאָרניט געענטפערט. איך קאָן ניט דיינע על־טערן — האָט זי זיך אָפּגערופן, — אָבער אַלץ איז אָפּהענגיק פון דיר, רמי.

מיטן שליסן דעם וואָפנשטילשטאַנד, איז רמי באַפרייט געוואָרן פון ווייַ־טערדיקן מיליטער־פליכט. רמי איז שוין געווען פיזיש פעאיק אויסצופירן געוויסע אַרבעטן אין קיבוץ און ער האָט עס געטאָן.

אויך שרה האָט איצט איבערגענומען אירע פליכטן. איר האַרץ האָט געזונגען פאַר פרייד, וואָס רמי איז לעבעדיק אַרויס פון אַזאַ געפאַר. ס'האָט אָבער אין איר זיך אַריינגעגנבעט אַ געפיל פון שרעק צוליב רמיס מוטער. וועט רמי זיין שטאַרקער פון זיין מאַמען, אָדער ער וועט זיך לאָזן איבער־רעדן. ניין — זאָגט זי צו זיך. — רמי וועט מיך ניט פאַרלאָזן און איך וועל ניט פאָרן קיין אַמעריקע. ווער ווייסט, ווי זיין מוטער זעט אויס. איז זי אַ שלעכטע, אָדער וועט זי אונז ניט שטערן אין אונזער גליק. די געדאַנקען האָבן איר געמאַטערט.

דערווייל זיינען אַוועק אַ פּאָר וואָכן. רמי איז שוין פולשטענדיק געזונט. ווידער פאָרט ער אויפן טראַקטאָר. באַאַרבעט די ערד. פירט אויס די שווער־סטע אַרבעטן אין קיבוץ. גייט אָפט אויף נאַכט־שמירה. אַ ניי לעבן איז אין אים אַריין. זינט רמי איז צוריקגעקומען, איז דוד מער צו שרהן ניט צוגע־שטאַנען. אויך צפורה האָט געשוויגן. ווייל צו שטאַרק האָט שרה און רמי זיך ליב געהאַט, אַז ווער זאָל זיי קאָנען שטערן אין זייער גליק.

רמיס מוטער קומט קיין ישראל

ווען רמיס בריוו איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, איז געוואָרן אַ פּאַניק ביי זיינע עלטערן. פרוי פיינגאָלד האָט ניט געקאָנט זיך שענקען. מען לאָזט

אַזאַ יונגן ייִנגל אַליין אין לעבן, מאָביליזירט זיך. ער מיינט, אַז מלחמה איז אַ שפּילעכל — האָט זי געשריִען צום מאַן. — ניין, זי וועט ניט דערלאָזן, אַז איר רמי זאָל פאַרבלייבן אין ישראל. זי מוז אים ברענגען צוריק אַהיים.

שרה און רמי האָבן איצט באַקומען נייע זאָרגן: ווו וועט קומען די מוטער? אַהער אין קיבוץ? אָדער זיי וועלן מוזן פאָרן צו איר? די אַרבעט אין קיבוץ ברענט, עס פעלן אַרבעטס-הענט, ווייל אַ סך זיינען מאָביליזירט.

— מיר וועלן איר ברענגען אַהער — האָט רמי זיך אָפּגערופן. — ווען זי וועט קומען קיין חיפה, וועלן מיר פאָרן איר אָפּנעמען און גלייך ברענגען אין קיבוץ. איך וועל דיר פאָרשטעלן פאַר איר.

— און אַז איך וועל איר ניט געפעלן, וואָס וועט דאַן זיין? — האָט שרה אַ פרעג געטאָן.

— וועט זי מיט דיר ניט חתונה האָבן, — האָט רמי געלאַכט.

— ניין, רמי, וועסט פאָלגן דיין מוטער און דו וועסט פאָרן אַהיים. דאָרט האָסטו אַ העלען. און מיך וועסטו דאָ לאָזן.

— מיין ניט, שרה, אַז מיין מוטער איז אַ שלעכטע. זי האָט מיר ליב און וועט אַלץ טאָן פאַר מיר. זי וועט מיר פאָלגן און ניט איך איר.

— און טאָמער ניט? — האָט שרה געוואָלט וויסן.

— איך דאַרף שוין צו איר ניט אָנקומען און לאָמיר, קליינע, וועגן דעם ניט רעדן. וועסט זען, אַז אַלץ וועט זיך גוט ענדיקן. אויב גאָט האָט מיר געלאָזט לעבן, איז עס צוליב דיר, שרה.

רמי האָט אַרומגענומען שרהן און איר געדריקט צו זיין האַרצן. ניטאָ קיין כוח, וואָס וועט מיר פון דיר צונעמען — האָט רמי זיך אָפּגערופן. שרה, איך וויל דו זאָלסט בלייבן היינט נעכטיקן ביי מיר. — האָט רמי מיט אַ געפיל פון האַרץ-ציטער אויסגערופן. — מיר האָבן זיך ליב און פאַר מיר איז אַלץ איינס, צי מיר האָבן חתונה געהאַט אָדער ניט.

די ביטע האָט צוערשט שרהן שטאַרק איבעראַשט. זי האָט עס ניט דערוואַרט. כאָטש זי האָט געפילט, אַז ניט איינמאָל האָט ער עס געוואָלט איר פאָרלייגן.

— ס'איז ניט שיין פאַר די חברים. — האָט שרה זיך אָפּגערופן. וואָס וועט מען רעדן, כאָטש איך גלויב דיר און מיר האָבן זיך ליב.

— מיר אַרט ניט, וואָס אַנדערע וועלן רעדן. איך קאָן מאָרגן מעלדן אין סעקרעטאַריאַט, אַז מען זאָל אונז געבן אַ צימער און צוגרייטן אַ חתונה. ווען נאָך עטלעכע פאַרלעך וועלן אַריין אין פאַמיליען-לעבן.

שרה האָט לאַנג זי געראַנגלט מיט זיך. זאָל זי בלייבן אָדער ניט. רמי האָט געפֿילט איר צווייפֿל. שרה האָט אויפֿגעהויבן אירע אויגן און אים אָנגעקוקט אַזוי ליבלעך, פֿון וועלכע ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי איז גרייט צו זײַן פֿאָרשלאָג.

— רמי! — האָט שרה אויסגערופֿן — מוז דאָס פּאַסירן? עס וועט מיך פֿאַרדריסן.

— איך וועל דיר ניט צווינגען, אָבער פֿאַר מיר ביסטו אַלץ, געליבטע פֿרוי. איך וועל דיר ניט פֿאַרבײַטן אויף קיינע אין דער וועלט. איך ווייס ניט אויב דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז איך זאָל קומען אַהער אַלס טוריסט און דאָ פֿאַרבלײַבן און דיר האָט גאָט געגעבן לעבן. אין אַזאַ שטורמישער צײַט וואָס מיר, אונזער פֿאָלק, איז דורכגעגאַנגען אין דער מלחמה, ביסט אָנגעקומען אַהער, און דאָ האָבן מיר זיך געטראָפֿן.

רמי האָט גענומען שרהן צו זיך אויפֿן שויס און איר שטאַרק און האַרציק געקושט, אויף וועלכן שרה האָט אים געענטפֿערט מיט האַרציקע קושן. גליק האָט געהערשט אין ביידנס הערצער. שרה האָט אָבער ניט געקאָנט זיך באַרואיקן פֿון רמיס פֿאַרלאַנג. עפּעס האָט איר געשראָקן. צי איז עס געווען נאַאיוויטעט, שרעק אָדער אומוויסן. און נאַטירלעך, פֿון קיינעם ניט געלערנט. פֿון קיין מוטער ניט צוגעגרייט צו אַ נײַעם גאַנג אין באַציאונג צום מאַן. רמי האָט באַמערקט שרהס אומרואיקייט און איר געפֿרעגט אויף דעם. זי האָט געענטפֿערט, אַז זי וואָלט ניט געוואָלט בלײַבן דאָ אויף אַ גאַנצע נאַכט, אָבער זי וויל ניט, אַז רמי זאָל זײַן דערפֿאַר אין כעס אויף איר.

— איך וויל דיר ניט צווינגען צו דעם. — האָט רמי געענטפֿערט.

שרה איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון זײַן שויס, צוגעדריקט זײַן קאָפּ צו איר ברוסט און אים שטאַרק געקושט. רמי האָט גוט פֿאַרשטאַנען שרהן אין דעם מאָמענט. ער האָט אַרויסגעלייענט פֿון דעם, אַז שרה איז אין שרעק. מער האָט ער דערפֿון ניט גערעדט. שרה האָט געגרייט עסן אויפֿן טיש, און געזוכט זײַן רואיקייט. אָבער דאָך האָט זי ניט געקאָנט זיך שענקען, וואָס זי איז ניט גרייט צו געניסן פֿון זייער ליבע ביז איבער אַלע גרענעצן.

נאָכן עסן האָט שרה ווידער אַ פֿרעג געטאָן רמין צי ער איז ניט בייז.

— אַ צווייט מאָל, רמי. — האָט שרה אים פֿאַרזיכערט...

— דאַרפֿסט מער וועגן דעם ניט רעדן. — האָט רמי געזאָגט. — דאָס וועט גאָרניט ענדערן אין אונזער ליבע. שרה האָט אַראָפּגענומען פֿון טיש,

אויפגערוימט דעם פיינעם צימער. ווען דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן עלף, האָט רמי זיך אָפּגערופן:

— שרה! עס איז שפּעט, ביסט מיד. ניט נאָר פון היינט. איך ווייס, אַז דו האָסט אַ סך טייערע נעכט מיר געווידמעט. גיי אין דיין צימער. קום, איך וועל דיך באַגלייטן.

שרהן האָט זיך געדוכט, אַז רמי רעדט עס פון כעס. כאָטש זי האָט ניט געפילט דערפון. שרה האָט אַרויפגעוואָרפן אויף אירע אַקסלען דעם סוועטער און ביידע זיינען אַרויס אויפן וועג צו איר אַהיים.

דער אָוונט איז געווען אַ קאַלטער, ווי אַלע נעכט אין נגב. בייטאָג ברענט די היץ און ביינאַכט ציטערט מען פון קעלט. שרה האָט זיך געטו־ליעט צו רמין. רמי האָט איר אַרומגענומען שטאַרק ביי דער טאַליע און אַזוי האָבן זיי שפּאַצירט אויף דער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט צו איר מיידל־היים. ביים אַריינגאַנג זיינען זיי לאַנג ניט געשטאַנען. נאָך אַ האַר־ציקן קוש האָבן זיי זיך צעשיידט. גיך האָט שרה צוגעגרייט איר בעטל. פאַרלאָשן דאָס ליכט. זיך אויסגעטאָן, און לאַנג איז זי געלעגן מיט אָפענע אויגן. וויפל זי האָט געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן, האָט זי ניט געקאָנט. עס האָט אין איר זיך געראַנגלט דאָס געוויסן — האָט זי גוט געטאָן, וואָס זי איז ניט געבליבן ביי רמין אין צימער, אָדער ניט. רמי איז זיכער בייז אויף איר, ער וועט ווערן אָפּגעקילט. מאָרגן וועט ער איר אויפנעמען ניט ווי שטענדיק, ליבלעך. פאַרוואָס בין איך ניט געבליבן ביי אים? — האָט זי נאָר גערעדט צו זיך. — ער האָט דאָך געזאָגט, אַז פאַר אים בין איך גלייך אַ געליבטע, אָדער אַ פרוי. וואָס טראַכט רמי איצט? ער מוז ליידן, שטאַרק ליידן. שרהן האָט פאַרדראָסן איצט אויף איר נאַאיווער האַנדלונג. וואָלט זי זיך ניט געשעמט פאַר זיך, וואָלט זי איצט אויפגעשטאַנען, זיך אָנגעטאָן און געגאַנגען צו אים. האָט דאָך צפורה איר אַמאָל דערציילט פון אַזאַ פאַל מיט איר חבר. זי האָט דאַן פאַרשטאַנען שלעכט איר חברה. איצט פאַרשטייט זי עס אַנדערש. דער שלאָף האָט דערווייל געטאָן זיינס. די נאַכט פינצטערניש האָט איר אַריינגענומען אין אירע געזעצן. און ערשט שפּעט, שפּעט אין באַגינען איז זי איינגעשלאָפן.

אויך רמי איז די נאַכט ניט געשלאָפן רואיק. פון איין זייט האָט אים פאַרדראָסן, פאַרוואָס שרה באַציט זיך אַזוי, אייגנטלעך האָט ער איר פאַר־זיכערט, אַז ער וועט איר אויף קיינע ניט טוישן. דאָס איז זיין באַשערטע און מיט איר וועט ער חתונה האָבן. זי האָט ניט געדאַרפט זיך קעגנשטעלן. אפשר האָט זי אים ניט ליב, — האָט ער געטראַכט. אָבער פון אירע קושן

און אומאַרמונגען, האָט ער אַרויסגעפילט, אַז זי האָט אים יאָ ליב. רמי האָט אָבער געזוכט אַ זכות־אבות פאַר שרהן. זי איז נאָך אַ קינד — האָט ער געטראַכט — ס'איז איר שווער געווען בייצושטיין זיין פאַרלאַנג און איר אָפזאָג. — ער האָט גוט געטאָן — זאָגט ער צו זיך, — וואָס ער האָט איר ניט געצוווּנגען דאָ צו בלייבן. כאָטש ווען ער וואָלט זיך שטאַרק איינגע־שטעלט, וואָלט זי יאָ געבליבן.

ס'איז בעסער אַזוי, האָט רמי באַשלאָסן. איך וועל מער געשעצט זיין אין אירע אויגן. זי וועט אײנזען, אַז ביי מיר עקזיסטירט ניט נאָר קערפּער ליבע. אויך רמי האָט זיך געראַנגלט מיט זיין געוויסן. ער האָט נאָך געפילט קליינע וויטיקן דאָ אָדער דאָרט אין זיין גוף.

אויף צומאָרגנס אינדערפרי, האָבן זיי זיך באַגעגנט צופעליק. שרה איז געגאַנגען צו איר אַרבעט. רמי — האָט שרה אויסגערופן. — עס האָט מיר באַנק געטאָן, וואָס איך בין פון דיר אַזוי קאַלט אַוועק. דו מוזט זיין גוט אין כעס.

— טראַכט ניט וועגן דעם מער. איך וויל ניט דיינע געפילן טרעטן. אַלץ דאַרף קומען נאַטירלעך און נאָרמאַל. די געזעצן פון ליבע האָבן זיך זייער לאָגיק. מיר זיינען מענטשן און ניט קיין חיות. ווי האָט זיך דיר געשלאָפן ?

— אַזוי ווי דיר, רמי ! — האָט שרה געזאָגט. זי האָט זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ פוס־פינגער און אים אַ קוש געטאָן אין די ליפּן. — איך וועל היינט פאַרשפּעטיקן אַ שעה — האָט שרה זיך אָפּגערופן. מען רופט מיר אין סעקרעטאַריאַט נאָך דער אַרבעט. מיר וועלן עסן אָוונט־ברויט צוזאַמען.

שרה האָט מיט לופט־קושן אים געזעגנט און אַוועקגעלאָפן אין איר קינדער־הויז, ווי זי וואָלט דאָרטן פאַרשפּעטיקט. רמי האָט איר נאָכגעקוקט. זי איז שיין, שרה. איר קערפּער איז שלאַנק. לאַנג האָט ער איר נאָכגע־קוקט. אויך שרה האָט זיך עטלעכע מאָל אומגעדרייט נאָכצוקוקן רמין. ביים אַריינגאַנג האָט זי אים נאָכאַמאָל געשיקט אַ לופט־קוש און פאַרשוווּנדן צווישן די ווענט פון איר אַרבעטס־פּלאַץ.

נאָכן הייסן אַרבעטס־טאָג, נאָכדעם ווי שרה האָט זיך געטושט מיט קאַלט וואַסער, איז זי געגאַנגען אין סעקרעטאַריאַט. דאָרט האָט אויף איר געוואַרט דוד.

— שלום דיר שרה ! — האָט ער אויסגערופן.

— שלום דיר דוד. וואָס מאַכסטו ? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— בענק און ליידט — האָט ער געענטפערט.

— דאָס איז אינטערעסאַנט — האָט שרה געענטפערט. — מען זאָגט, אַז דאָס איז שענער ווי ליבע אַליין — אַזוי שרייבט אויך מאָפּאַסאַן אין זיינע שריפטן, וועלכע איך האָב געלייענט לעצטנס אין שפּיטאָל, ווו רמי איז געלעגן און זיך געראַנגלט צווישן לעבן און טויט. ווייסט אָבער טרעפן אַ שענערע און בעסערע פון מיר. און ערשט דאַן וועסטו זען ווי נאַריש מיר מענטשן זיינען. אַלץ איז נאָר אַ פאַרבלענדעניש. עס דוכט זיך, סוף־סוף איז יעדע מיידל דאָס זעלבע מיידל. אַלע פאַרשאַפן זיי ליידן און גליק, אַקוראַט ווי יעדער ייִנגל. נאָר פשוט, אַ געוווינהייט. — האָט שרה אָראָפּגעלאָזט איר קאָפּ און זיך פאַררויטלט.

— שרה, — האָט דוד אויסגערופן — אייער ביטע איז געוואָרן אָנגענומען. איר קאָנט באַקומען אַן אַנדערהאַלבן צימער וווינונג. מיר רעכענען אייך איין פּאָר אַ פּאָר. מיר האָפן, אַז איר וועט גאָר אין גיכן פאַרגרעסערן אונזער קיבוץ־משפּחה — האָט דוד געשמייכלט.

— ווי נאַטירלעך, — האָט שרה געענטפערט, — אונז פעלן מענטשן. קיין סך ווילן ניט קומען, ווען מיר עס שאַפן דאָ...

— זאָג רמין, אַז ער קאָן באַשטעטיקן זיינע פּאַפּירן ביים קאָנסול. ער ווייסט שוין אין וואָס עס גייט. ווען ער וויל פּרטים, זאָל ער קומען מאָרגן אַהער.

— אַ דאַנק, — האָט שרה געענטפערט, און אַרויס פון סעקרעטאַריאַט אַ פריילעכע איז שרה געגאַנגען מיט גיכע טריט צו רמין אין צימער. ווען זי איז אַריינגעקומען, איז דער טיש שוין גרייט געווען מיט אַלערליי שפּייזן, פיין סערווירט. רמי איז געלעגן אויף דער סאָפע און אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג.

— האָסט לאַנג געוואַרט ? — האָט שרה נאַאיוו אַ פרעג געטאָן און זיך געזעצט נעבן אים.

— וואָס מאַכט דוד ? — האָט רמי אַ פרעג געטאָן.

— צוויי זאַכן האָט ער מיר געזאָגט : ערשטנס, אַז דו זאָלסט קומען נעמען דיינע פּאַפּירן פאַרן קאָנסול. און צווייטנס — זאָגט ער, אַז אונזער ביטע איז געוואָרן אָנגענומען און מיר קריגן אַן אַנדערהאַלבן צימער־וווינונג אין איינעם פון די ניי־געבויטע הייזער. ניט אין קיין צריף.

— ווילסטו גאָרניט עסן ? — האָט רמי געפרעגט שרהן.

— די צוויי ידיעות, פון וועלכע איינע פאַרשטיי איך גוט, האָבן מיר שוין זאַט געמאַכט. איצט זע איך, אַז דו מיינסט עס מיט דיין ליבע ערנסט.

איך האָב זיך געשראָקן אַ ביסל פאַר דיר. איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט סוף־סוף ניט מער ווי אַ מאַן, און אַלע ייִנגלעך רעדן צו מיידלעך שיין, ווען זיי ווילן זייערס דערגרייכן. כאָטש איך האָב ניט געצווייפלט אין דיין אויפריכטיקייט, האָט מיר צפורהס פאַרגאַנגענהייט געשראָקן. זעסט דאָך, ווי זי איז איצט אַליין, נאָכדעם ווי איך ווייס איר געשיכטע. דערפאַר פאַרשטיי מיך, רמי...

— איך פאַרשטיי דיך גוט, און גלויב מיר, אַז דאָס וואָס דו ביסט נעבעכן ניט פאַרבליבן ביי מיר, האָט מיר נאָך מער פאַרשטאַרקט אין מיין אַכטונג צו דיר. איצט זע איך, אַז דו ביסט אַ שיינע און ריינע יידישע טאָכטער. איצט זע איך, אַז דיין פאַרגאַנגענהייט גייט מיט דיין עלטער.

רמי האָט איינגעשלאָסן שרהן אין זיינע אָרעמס און איר שטאַרק געקושט.

— מיט דעם וועסטו ניט זאַט ווערן — האָט שרה אויסגערופן. — קום צום טיש

— זאַט, און נאָך ווי זאַט. — האָט רמי געענטפערט.

ביידע האָבן זיי איצט געגעסן זייער אָוונט־ברויט מיט אַפּעטיט. גליק האָט געהערשט צווישן רמי און שרה אָן אַ גרענעץ.

דער דרויסן איז גראָד אין דעם אָוונט געווען אַ וואַרעמער. ס׳איז געווען אַ לבנה־נאַכט. שרה און רמי זיינען אַרויס אויף אַ שפּאַציר. ווידער האָבן זיי זיך געזעצט אויף דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען אונטערן בוים. פאַר זייערע אויגן האָט זיך באַוויזן די פּאַנאָראַמע אַרום די ווייטע זאַמדן פון נגב. שרה איז געזעסן איינגעטוליעט אין רמין און ניט גערעדט קיין וואָרט. איר האַרץ איז פול געווען מיט גליק. מיט יוגנט־ליבע. זי האָט גע־וואָלט וויינען, זיך פרייען. זי האָט געהאַט פאַרלאַנגען אָן אַ גרענעץ.

— ווי גוט איז צו זיין געליבט, און ליב צו האָבן. — האָט שרה זיך אָפּגערופן. די נאַטור האָט געוווּסט ווי צו באַשענקען דעם מענטש מיטן געפיל פון ליבע. איצט פאַרשטיי איך, וואָס עס הייסט אַ האַרץ וויינט פון פרייד. אַ האַרץ ליידט צוליב ליבע. רמי! איך פיל מיך אַזוי גליקלעך. קאָן דאָס אַזוי אָנהאַלטן לאַנג? קאָן מען אייביק זיין גליקלעך?

— יעדע תקופה, שרה, האָט זיך אירע געפילן. אַלץ קומט מיט דער נאַטור און די נאַטור באַשענקט דעם מענטש אין אַלע זיינע צייטן. פון געבורט ביזן טויט איז אַ לאַנגער וועג — און אַמאָל אויך אַ קורצער. אָט ווי איך האָב זיך געראַנגלט צווישן טויט און לעבן. אַ סך יונגע לעבנס ווערן פאַרשניטן אין זייער רעכטן בלי. אַ סך מענטשן זיינען אומגעקומען

מיט פאַרוווּנדעטע הערצער פון ליבע. ליבע צו זייערע נאָענטע פון דער משפּחה, ליבע פון ייִנגל צו מיידל — און פאַרקערט, ליבע פון קינד צו דער מוטער און פון דער מוטער צום קינד. אַ סך קומען אום אויף די פראָנטן, ווו איינער שעכט דעם צווייטן פאַר גאָרניט. אַזוי פירט זיך די וועלט. בע־סער געזאָגט, אַזוי פירן די מענטשן די וועלט. גליק קאָן אָבער זיך ציִען לאַנג, אויב די מענטשהייט געלינגט אויסצולעבן זייערע יאָרן אין דער תקופה פון געבורט ביזן נאָרמאַלן טויט דורך דער עלטער. זעסט דעם בוים? — זאָגט רמי, — זומער בליט ער אין פולער פּראַכט. אין פרילינג פון זיין לעבן, גיט ער אַרויס אַזעלכע שמעקעדיקע ריחות. ער בליט אָבער אָפּ און גיט אַרויס זיינע פּרוכטן. אין האַרבסט גיט ער אָפּ זיינע בלעטער און אין ווינטער קומען שטורמען, ווינטן, רעגן און זאַמדן. איז ער שטאַרק, האַלט ער אויס, ביז עס קומט ווידער זיין פרילינג און ווידער בליט ער. און אַזוי גייט זיין לעבן. דאָס זעלבע איז אויך מיט אונז מענטשן, אין טאָג פון געבוירן האָבן מיר אַנדערע פאַרלאַנגען, מיטן עלטער ווערן קומען אויף נייע פּראָבלעמען. איצט קומט אונזער פרילינג. די דאָזיקע יאָרן זיינען פרילינג־יאָרן. און שפּעטער מוז קומען די פּרוכט דערפון. דער דראַנג צו פאַרבינדונג צווישן מענלעכן און ווייבלעכן געשלעכט, איז אַ נאַטירלעכער, אויף וועלכן גאָט, אָדער די נאַטור האָט געגעבן דעם מענטשן כדי ער זאָל שאַפן נייע דורות, עס זאָל ניט בלייבן שטיין די וועלט אַ טויטע. די ליבע טוט זיך אירס אין אונזערע יאָרן. שפּעטער, ווען מ'האָט חתונה, קומען קינ־דער. די ליבע צווישן מאַן און ווייב פאַרקלענערט זיך און זי גייט איבער צום קינד. ביידע האָבן אינטערעס אין זייער פּרוכט און ליבן צוזאַמען זייער קינד.

— רמי! — האָט שרה פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן — ווען אַ ייִנגל און אַ מיידל לעבן צוזאַמען, מוז געבוירן ווערן אַ קינד?

— ניין. דאָס מוז אַזוי ניט זיין אין אונזערע צייטן. אַמאָל איז עס טאַקע אַזוי געווען.

— אָבער לאָמיר ניט רעדן דערפון. איך וועל דיר ענטפערן אויף דיין ערשטער פראַגע: די קינדער ווערן גרעסער. זיי אַנטוויקלען זייער וועלט, זייער גאַנג אין לעבן. פאָטער און מוטער באַקומען דאַן אַנדערע זאָרגן. אַט, למשל, ווי מיינע עלטערן כלפּי מיר. ביי דיר איז עס אַנדערש, ווייל דיינע עלטערן זיינען אומגעקומען און דו ביסט פאַרבליבן אַליין. מיינע עלטערן האָבן גרויס זאָרג פאַר מיר און ווילן מיר געבן גליק לויט זייער פאַרשטאַנד. זיי קוקן אויף מיר איצט לויט זייער הייַנטיקער אויפפאַסונג. זיי ווילן מיר

געבן רייכטום אויפן אַרט פון ליבע. זיי ווילן איך זאָל זיך פאַרבינדן מיט העלען. זיי זעען דאָס גליק אין דעם און איך זע דאָס גליק אין אונזער פאַרבינדונג.

— יאָ, טייערע שרה, איך מיין, אַז דו האָסט מיר פאַרשטאַנען. און אויב איך האָב שוין באַקומען די צושטימונג פון קיבוץ צו באַקומען אַ וווי־נונג פאַר אונז, פיל איך זיך דער גליקלעכסטער אין דער וועלט. איך ווייס נאָר ניט ווי דו פילסט.

שרה איז געלעגן אויף דער באַנק און געהאַלטן איר קאָפּ אויף רמיס שויס. רמיס ליפּן האָבן זיך אָפּט צוזאַמענגעגאָסן מיט שרהס. איר סוועטער האָט צוגעדעקט אירע אַקסלען און ברוסטן. שרה איז איצט געלעגן און געטראַכט וועגן רמיס רייד. ווי נאַטירלעך ער האָט עס איר געגעבן צו פאַר־שטיין דעם גאַנג פון לעבן, פאַרוואָס פאַרשטייען עס ניט אַזוי אַלע מענטשן ? — האָט זי געטראַכט.

די לבנה האָט זיך שוין געזעצט אויף מערב. די צייט איז געלאָפן ווי אַ שטורעם־ווינט. אַקאָרשט איז דער זייגער געווען ניין און שוין איז ער צוועלף.

— ס׳איז שפּעט, — האָט שרה זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף. ווי גיך גייען אַדורך די שעהן. זי האָט זיך אויפגעהויבן און זיי האָבן גענומען גיין אַהיים. די סטעזשקע האָט געפירט פאַרביי רמיס צימער. ביים אַריינגאַנג זיינען זיי שטיין געבליבן, רמי האָט גאַרניט געזאָגט. שרה האָט אַ מינוט גע־צווייפלט און ניט וואַרטנדיק אויף רמיס ביטע איז זי אַריין אין זיין וווינונג. רמי האָט געוואָלט אָנצינדן דאָס ליכט. שרה האָט ניט געלאָזן. — מען דאַרף ניט — האָט זי אויסגערופן. דיין צימער איז ליכטיק פאַר מיר ווי די שענ־סטע זון וואָלט אַהער אַריינגעשיינט.

ווידער האָבן זיי זיך אַרומגענומען און אַ שטאַרקער קוש האָט זיי צוזאַמענגעשלאָסן. שרה איז שפּעטער צוגעגאַנגען צום פענצטער, איר האַרץ האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס, אירע געפילן זיינען פול געווען מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט צו רמין. שרה האָט ניט געמערקט ווי רמי האָט זיך אויסגעטאָן און אַריין אין זיין בעט. ער האָט גאַרניט געזאָגט. אַ לאַנגע ווײַלע איז שרה געשטאַנען און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. שפּעטער האָט זי אויסגעדרייט איר קאָפּ צו רמין. איז צו אים צוגעגאַנגען, זיך געזעצט אויפן ראַנד פון בעט און אים געקושט. זי האָט אַליין ניט געפילט ווי זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אירע קליידער און צוויי קערפּערס האָבן זיך פאַראייניקט אין איינעם...

א האלבע שעה שפעטער, האט רמי געפילט ווי פון שרהס אויגן רינען טרערן. זי האט געוויינט. איר געוויין איז אבער געווען א שטילער. אירע טרערן האט ער דערפילט ווען זי האט אים געקושט.

— פארוואס וויינסטו? — האט רמי א פרעג געטאן.

— ווייל איך בין איצט אין דיינע אויגן ביליק געווארן, רמי. איך פיל מיך שולדיק, דו וועסט מיר שוין מארגן ניט ליב האבן מער.

— טייער קינד מיינס. — האט רמי געקושט שרהן. מארגן גיט מען אונז אונזער בייע וווינונג. אפילו מארגן בין איך גרייט מיט דיר זיך פארבינדן אפיציעל.

— און דיינע עלטערן? — האט שרה געפרעגט.

— מיין עלטערן וועלן אויף מיר גארניט ווירקן, גלייב מיר שרה. ערשט איצט דארפסטו מיר גלייבן, ווייל איך האב דיר מער ליב ווי דו מיר.

— נארישער יינגל, — האט שרה געגלעט זיין געזיכט. — הלואי זאל עס אייביק אזוי זיין, איך האב זיך דיר איבערגעגעבן און דאס אליין איז פאר דיר א באוויז...

לאנג האבן זיי נאך אזוי גערעדט צווישן זיך, און שפעט איינגעשלאפן. ווען רמי איז אויפגעשטאנען איז שוין שרה אין צימער ניט געווען. זי איז היינט ארויס מיט א שעה פריער צו איר ארבעט. זי האט זיך געשעמט צו טרעפן זיך מיט רמיס אויגן. רמי האט ניט געפילט שרהס אוועקגיין פון הויז, ווייל זי האט אויך ניט געוואלט מ'זאל איר זען ארויסגיין פון רמיס צימער.

א פארטראכטע, און אויסערלעך שטארק אומעטיק האט שרה איצט אויסגעזען, די גאנצע צייט פון איר ארבעט האט זיך אין איר מוח גע־פלאנטערט דאס, וואס עס איז נעכטן ביינאכט פארגעקומען. האט עס גע־מוזט פאסירן? — האט זי זיך געפרעגט. די ארבעט איז איר גוט געגאנגען. זי האט נאך מיט מער ליבע זיך איבערגעגעבן די קליינווארג. דאס האט ארויסגערופן ביי די קינדער רעאקציע. זיי האבן זיך אין איר מער געטו־ליעט. געשטיפט און זיך געשפילט. שרה האט זיי אנגעקוקט. אט, נאך א ביסל צייט רעדט זי צו זיך און צווישן אזעלכע קינדערלעך, וועט אויך ארומלויפן מיינס א קינד. עס וועט זיכער זיין א מיידעלע. וועל איך פאר־פלעכטן א בלאען באנד אויף אירע האר. און רמי וועט עס ליב האבן. עס איז דאך זיין קינד. דאס הארץ האט איר געקוואלן פון פרייד.

אבער וואס וועט זיין מיט רמין? ווי וועל איך אים אין אוונט אנקוקן? ווי וועט ער מיך אויפנעמען. איך וועל זיך שעמען אים קוקן אין די אויגן.

פאַרוואָס האָט עס פּאַסירט — האָט זי אויסגערופן אָבער די אַרבעט האָט איר ניט געלאָזן לאַנג טראַכטן. אומעטום האָט זי געזאָלט זיין. פלוצלונג ווי אומגעריכט איז פאַר איר אויסגעוואַקסן רמי. זי האָט אים ניט באַמערקט אַריינקומען. זי האָט נאָר געפילט ווי אַ פּאָר געזונטע הענט האָבן געדריקט אירע אַקסלען און ווען זי האָט אויסגעדרייט איר געזיכט צו רמין, האָט זי זיך איבערגעשראָקן. זי האָט אים ניט דערוואַרט אין דער דאָזיקער מינוט. איר געזיכט איז רויט געוואָרן פון צוויי מאָמענטן. ערשטנס: וואָס רמי איז אַזוי פּלוצלונג אָנגעקומען. צווייטנס, זי האָט זיך דערמאָנט, וואָס עס איז פאָרגעקומען נעכטן ביינאַכט.

— רמי! וואָס פּלוצלונג? — האָט שרה אַ פרעג געטאָן ווי ניט מיט איר שטים.

— איך האָב באַקומען אַ בריוו, אַז מיין מוטער קומט און איך מוז פאָרן איר אָפּנעמען אין חיפה. איך וויל דו זאָלסט מיטפאָרן מיט מיר.

— ווען דאַרף קומען די שיף? — האָט שרה אַ פרעג געטאָן.

— היינט ביינאַכט. — האָט רמי געענטפערט.

— האָבן מיר נאָך צייט צו טראַכטן —האָט געזאָגט שרה. זי האָט געוואָלט, אַז רמי זאָל איצט ניט זיין נעבן איר. — איך האָב אַ סך אַרבעט רמי, מיר וועלן זיך טרעפן ביי דיר נאָך דער אַרבעט. גיי איצט.

רמי האָט זיך ניט געשעמט פאַר די קליינוואַרג. ער האָט שרהן אַרומ־גענומען און שטאַרק געקושט אירע ליפּן, פון וועלכע זי האָט זיך געריסן מיט געלעכטער פון זיינע הענט. שעם זיך פאַר די קינדער — האָט זי אויסגערופן.

רמי האָט איר נאָך אַ קוש געטאָן און אַ פריילעכער אַרויסגעלאָפן פון קינדער־היים, ווו שרה האָט געאַרבעט.

— ער האָט מיך באמת ליב — האָט זי געטראַכט. — איצט זע איך עס — ס'איז גוט, וואָס ער איז געקומען, ווייל איך וואָלט צו אים ניט געגאַנגען — האָט זי געטראַכט. אָבער פּלוצלונג איז זי אומעטיק געוואָרן. היינט דאַרף קומען זיין מוטער, זי וועט קעמפן קעגן מיר. זי וועט אים צונעמען אַהיים, צו איר העלען, און רמי וועט מיך לאָזן אַליין בפרט נאָך דעם, וואָס עס איז נעכטן געשען, ניין —רופט זי אויס. איך וועל ניט בעטן זיך ביי אים, איך וועל ניט קעמפן, וועט ער מיך וועלן פאַרבייטן זאָל ער. איך מוז זיך האַלטן שטאָלץ, איך וועל איר אויפנעמען האַרציק ווי אַן איי־גענע מאַמע, וועל זאָרגן פאַר איר. זי וועט רייצן. זי וועט פאַרגלייכן מיך צו העלען. איך — אַ מיידל פון קיבוץ. העלען — אַ מיידל פון ניו־יאָרק,

פול מיט לוקסוס. דערצו די טאַכטער פון שותף און וועט שרייען „ביזנעס" און וועלכע ביזנעס. „אַמעריקע" איך וועל ניט ביישטיין. זאָל זיין וואָס עס וויל, האָט זי באַשלאָסן. וואָס האָב איך וואָס אָנצוווערן, זאָל זיך מיר דוכטן, אַז קיין רמי עקזיסטירט ניט.

* * *

ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט. שרה האָט געענדיקט איר אַרבעט. גיך איז זי געלאָפן צו זיך אין צימער. זיך אָפּגעפרישט מיט אַ קאַלטן טוש. זי האָט ניט באַוויזן אַרויסצוגיין פון איר טוש, ווי רמי איז אָנגעקומען.

— ווער איז דאָרט? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— איך, רמי! — האָט ער געענטפערט און שפּאַסיק אַ פרעג געטאָן, — מען קאָן אַריין.

— איך וועל דיר געבן אַריין — האָט שרה לאַכנדיק אויסגעשריגן. רמי איז אַריין אין צימער, זיך געזעצט אויף איר בעטל און באַקוקט איר קליידונג. שרה האָט אַרויסגעוואָרפן אויף זיך איר שלאָף־ראָק אַרומגעבונדן אַרום דער טאַליע מיטן גאַרטל. אַריינקומענדיק אין צימער האָט רמי איר אַ כאַפּ געטאָן אויף זיין שויס און גענומען קושן. שרה האָט זיך געוועדט אַראָפּ פון זיין שויס, גענומען אירע קליידער פון זיין האַנט און זיך אַוועק איבערטאָן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז זי געשטאַנען פאַר אים אָן אָנגעטוענע. זי האָט איצט הערלעך געשיינט און רמי האָט אַזש געשמייכלט פון צופרידנקייט.

— ווען קומט די מוטער? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— היינט צוועלף ביינאַכט. מיר האָבן נאָך זעקס שעה. צוויי שעה די רייזע. אַזוי אַרום אַז מיר דאַרפן זיך גרייטן.

— רמי! — האָט שרה אויסגערופן — פאַר אָן מיר. באמת, צו וואָס דאַרפסטו מיר האָבן. וועסט וועלן, וועסטו איר אַליין דערציילן. געוווין איר צו. וועסט זען ווי זי וועט רעאַגירן. צו וואָס זאָל איך זיין דערביי ווען איר וועט זיך קריגן. וועסט איר ברענגען אַהער, וועל איך איר באַקאַנען.

— שרה! דאָס איז אַ באַפעל — האָט ער אויסגערופן. — אין מיליטער האָט מען מיך געלערנט, ניט קעגנשטעלן זיך. באַפעל איז באַפעל. מיר פאָרן. איך נעם די מאַשין אויף מיין אחריות. פאַרשאַף מיר ניט קיין פיין, פאַרקערט. ווען איך וועל קומען מיט דיר, וועט זי זען, אַז מיר זיינען אַ פּאָר און עס וועט איר גאָרניט העלפן. זי וועט זיך אַפילו שעמען צו רעדן

אין דיין אַנוועזנהייט און אויב דו ווילסט ניט פאָרן, איז אַ סימן, אַז דו האָסט מיך ניט ליב. — האָט רמי אַרויסגערעדט אין אַ ברוגזדיקן טאָן. שרה איז צוגעגאַנגען צו רמין, האָט אים אַרומגענומען און אַ שטאַרקן קוש געטאָן אין די ליפּן. דערביי אַרויסגערעדט: — וואָלט איך דיך ניט ליב געהאָט, וואָלט ניט פּאַסירט דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט נעכטן ביינאַכט. קיין מיידל וועט זיך אַזוי לייכט ניט באַציִען צו אַ בחור, אויב זי האָט אים ניט ליב. דעריבער זאָלסטו אַזוי ניט רעדן, אָבער פאַר דיין מוטער האָב איך מורא. עפּעס שרעקט זי מיך.

די צייט איז דערווייל געלאָפן. דאַסמאָל זיינען זיי געגאַנגען עסן אין חדר אוכל. שרה האָט אויף גיך אויפגערוימט רמיס צימער. פרישע שמעקנ־דיקע רויזן האָט זי אַרויפגעשטעלט אויפן טיש און אין די בלומען־טעפּ, וועל־כע האָבן געהאָנגען אויף די ווענט. פּונקט זיבן אָוונט, זיינען זיי מיטן „סטיישן"־וואָגן, אַרויסגעפאָרן קיין חיפה צו דער שיף. די רייזע איז געווען אַן אָנגענעמע. די נייעס האָט דערציילט, אַז אויף די גרענעצן איז רואיק. ס'איז וואָפנשטילשטאַנד. נאָך די „נייעס", האָט „קול ישראל" טראַנס־מיטירט שיינע פאָלקס־לידער, וועלכע האָבן זיך געטראָגן פון אויטאָ־קאַסטן. ס'איז געווען אַ וואַרעמער פאַרנאַכט. שרה האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן. די נאַטור איז געווען הערלעך. ס'איז איר אויסגעקומען ווי די ביימער און טעלעפאָן־סלופּעס לויפן גיך פאַרביי זיי.

— זע, רמי, ווי שיין אונזער לאַנד איז — האָט שרה אויסגערופן.
— ווי שיין מען קאָן לעבן. ווען מען זאָל אונז נאָר לאָזן און זאָל שוין מער קיין מלחמות צווישן אונז ניט פאָרקומען.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין חיפה'ר פּאָרט, איז שוין די שיף געווען. אין צאָל־אַמט האָבן זיי באַמערקט שטיין אַ פרוי. רמי האָט דערקענט זיין מוטער. ער איז צו איר צוגעלאָפן און געפאַלן אין אירע אָרעמס. זי האָט גע־וויינט פון פרייד, האָט אים געקושט און קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויס־ברענגען. פון דער וויטן איז געשטאַנען שרה און מיטגעוויינט פון זייער פרייד. זי איז געשטאַנען אין אַ זייט, מען זאָל איר ניט באַמערקן. ווען רמי און זיין מוטער האָבן זיך שוין באַרואיקט. ערשט דאַן האָט ער אַ ווונק געטאָן צו שרהן זי זאָל צוגיין. שרה, וועלכע איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייס, גוט געפּאַסטע בלוזע און אַ גראַנעט רעקל, די האָר אָנדולירט פּעך שוואַרץ, האָט אויסגעזען, ווי אַ שיינער מלאך. זי איז צוגעגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט אויף אירע הויכע אָפּשאָץ־שיך מיט לאַנגע שפּיצן,

לויט דער נייער מאָדע, און אויסגעשטרעקט איר ווייסע, ווייכע האַנט רמיס מוטער.

— ווער איז די פריילין ? — האָט די מוטער אַ פרעג געטאָן.

— דאָס איז מיין מיידל פון קיבוץ, וועגן וועלכער איך האָב דיר אַמאָל געשריבן, — האָט רמי געענטפערט.

— ס'איז מיר אָנגענעם אייך צו באַקענען — האָט פרוי פיינגאָלד געענטפערט און דערביי איר אָנגעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס. אָבער מיט אַ פריינדלעכן שמייכל.

— מיר פאָרן צו אונז, — האָט רמי אויסגערופן.

— נאָ, מיר פאָרן אין תל־אביב. אין האָטעל „דן" דער פאָטער וועט נאָך היינט טעלעפאָנירן, אַזוי האָבן מיר אָפּגערעדט. מעגלעך, אַז דו וועסט נאָך קאָנען רעדן מיטן פאָטער און מיט העלען, — האָט זי אויסגערופן, כדי מיט דעם אַ שטאָך טאָן שרהן.

שרה האָט זיך אָפּגערופן:

— רמי, דיין מוטער איז גערעכט, דעם קיבוץ וועט זי ניט פאַרזאַמען.

— ווי רופט מען דיך דאָ ? רמי ? פאַרוואָס ניט רענאַלד ?

— ווייל רמי איז אַ יידישער נאָמען, מוטער, — האָט ער געענטפערט.

טרעגער האָבן אַרויסגעטראָגן איר באַגאַזש. שרה האָט זיך געוואָלט זעצן אין דער צווייטער ריי פון דער מאַשין, אָבער רמי האָט געזעצט זיין מוטער נעבן זיך און שרהן נעבן דער מוטער. זייער מאַשין האָט גערירט האַסטיק פון אָרט און געפלויגן ווי אַ טייוול אויפן ברייטן אַספּאַלט־שאָסיי, וואָס פירט קיין תל־אביב. רמי האָט אין דער צייט זיך נאָכגעפרעגט אויפן פאָטער און אויף די ביזנעס. העלען האָט ער ניט דערמאָנט.

פרוי פיינגאָלד האָט דעם גאַנצן וועג דערציילט וועגן איר רייזע, ווי זי האָט געבענקט נאָך רמין. וועגן אַמעריקע, וועגן די ביזנעס. ווי זיי ווערן רייכער יעדן טאָג. זיי האָבן שוין געבויט נאָך אַ פאַבריק. העלען קומט צו זיי אַלע טאָג. און פרעגט זיך נאָך, וועגן דיר, רמי. — זי בענקט די קליינע, — האָט רמיס מוטער ספּעציעל אונטערגעשטראָכן. — מיט קיין שום חבר האָט זי ניט געוואָלט אַרויס אין געזעלשאַפט. זי פלעגט מיר לייסטן געזעלשאַפט. אירע עלטערן קומען יעדן אָוונט. מען שפּילט אַ פּינאָקל. מען קוקט אין דער טעלעוויזיע. די גאַנצע שלאַכטן, וואָס ביי אייך זיינען פאָרגעקומען, האָבן מיר אַלץ געזען. אָ, ווי העסלעך די אַראַבער זעען אויס. — האָט זי מיט עקל זיך אויסגעדריקט וועגן זיי.

— און אונזערע נעגער זיינען בעסער? — האָט רמי אַ פרעג געטאָן, כדי אָפּצושלאָגן אירע געדאַנקען.

— זיכער זיינען זיי בעסער, — האָט רמיס מוטער געענטפערט.

שרה איז געזעסן און מיט קיין איין וואָרט זיך ניט אָפּגערופן. זי האָט נאָר געקוקט אַרויס, באַטראַכט די לאַנדשאַפט, וואָס איז פאַרבייגעלאָפן פאַר אירע אויגן, ווי אין אַ פילם. די פעלדער האָבן געגרינט. בהמות האָבן זיך דאָ און דאָרט געפּאַשעט. אַט לויפט דורך אַ באַן, אַט זעט זי פון דער ווייטן שווימען אַ שיף, אַט פליט אַן עראָפּלאַן, און אויטאָס — פול אויטאָס אויפן שאָסיי תל־אביב — חיפה.

— איר זעט, מוטער — האָט שרה אויסגערופן. — די בהמות זיינען יידישע בהמות. די שיף — איז אַ יידישע, די מאַטראָסן מיטן שיפס־קאַפּיטאַן און דער גאַנצער פּערסאָנאַל אויף דער שיף — זיינען יידן, דער עראָפּלאַן איז אַ יידישער און יידישע קינדער פירן מיט אים אָן, די באַן איז אויך אַ יידישע. — האָט איר עס אין אייער אַמעריקע?

— וואָס אַרט מיך, אַז מיט דער באַן פירן אָן גויים? — פאַרט זי ניט? אַז מיט די עראָפּלאַנען פירן אָן גויים, — פליען זיי ניט? אַז די בהמות זיינען גוייִשע, — איז עס ניט די זעלבע מילך? צו וואָס דאַרפן מיר עס? מיר זיצן אין גרויסן ניו־יאָרק, קריגן אַלץ צוגעשטעלט אין שטוב אַריין. הלמאי, מיין קינד — רופט זי אויס געבנדיק שרהן אַ גלעט איבערן קאָפּ — זאָל פעלן אייער מדינת ישראל, דאָס, וואָס עס פעלט אונזער אַמעריקע.

— יאָ, האָט שרה אויסגערופן. — דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן, האָבן מיר אויך. אָבער איר פאַרמאָגט ניט דאָס, וואָס מיר פאַרמאָגן — אַן אייגענע היים. ניט וויכטיק, אַ רייכע אָדער אַן אָרעמע, אַ שיינע, אָדער אַ מיאוסע, — אָבער אַן אייגענע. מיין צימער איז מיר טייערער ווי אַ פרעמדער פּאַלאַץ. גליק — זאָגן די ביכער, געפינט מען ווו ס׳איז אייגנס. איבער אַמעריקע קאָן אַמאָל אַריבער, דאָס וואָס ס׳איז אַריבער פּוילן און ליטע, און אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. אויך מיר זיינען געוועזן רייך אין דער היים — זאָגט שרה, אַזוי האָבן מיר מיינע שטאָטישע דערציילט. אויך ביי אונז האָבן געאַרבעט אַ סך דינסטן, ווו איז דאָס גאַנצע רייכטום? אַוועק מיטן פייער, צוזאַמען מיט מיין גאַנצער משפחה! אויך ביי מיין מוטער האָט מען זיך געבעטן — איבערפירן דאָס פאַרמעגן און זיך איבערפלאַנצן אויפן אייגענעם באָדן. האָט זי אויך אַזוי גערעדט. מיט מיין פאָטער וואָלט מען שוין געקאָנט דורכקומען, אָבער די מוטער האָט זיך געשראָקן פאַר די אַראַבער. און צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער קולטורעלער פּאַליאַק מיטן העכסט „קול־

טורעלן" דייטש האָבן אויף אַ „קולטורעלן" אופן אומגעבראַכט זעקס מיל־יאָן פון אונזער פאָלק. וויפל וואָלטן פון זיי געלעבט, ווען זיי זייגען דאָ אין לאַנד ? וועגן די אַראַבער — מיט זיי וועלן מיר זיך געבן אַן עצה. מיר רופן זיי צו שלום, צו אַ צוזאַמענלעבן. וועלן זיי אונז הערן, וועלן זיי זיין גליקלעך, גליקלעכער ווי זיי האָבן דאָ פריער געלעבט. וועלן זיי הערן זייערע פירער — וועלן זיי פאַרפירט ווערן.

פרוי פײַנגאָלד איז געזעסן אַן איבערראַשטע. אַזוי רעדט אַ מיידל פון ישראל. זי האָט געהערט אַמעריקאַנער מיידלעך רעדן. אָבער דאָס איז געווען וועגן פריזור, וועגן קליידלעך און באַיס. וועגן נייע אויטאָ־מאָדעלן, וועגן פיקניק א.א.וו. שׂרהס רייד האָבן איר געפעלן. דאָס האָט זיך געמערקט פון איר פאַרוואונדערונג. ווי זי האָט עס געקוקט אויף שׂרהן ?... זי איז שיין, און דוכט זיך אַפילו — שענער פון העלען. קליגער געוויס. — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. ס'איז ניט גוט. עס וועט זיין אַ שווערער קאַמף. איצט פאַרשטיי איך שוין רמין...

דערווייל זייגען זיי אָנגעקומען אין האָטעל. נאָך אין דרויסן זייגען די באַדינער אַרויסגעלאָפן און אָנגעהויבן טראָגן זייער באַגאַזש, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ סך וואַליזן, אַ דינער האָט זיי געעפנט די טיר פונם אויטאָ און די טיר פון האָטעל־אַריינגאַנג.

אין גרויסן אויפנאַם־זאַל האָט דערוואַרט פרוי פײַנגאָלד אַ גרויסע איבערראַשונג. דער רוים איז געווען שענער ווי אין אַ סך האָטעלן פון גרויסן אַמעריקע. מיטן „עלעוועיטאַר" האָט מען זיי אַרויפגעבראַכט אין צימער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום ים פון איין זייט און צו דער ווייטער תל־אביב פון דער צווייטער זייט.

— ווי שיין דאָ איז ? — האָט פרוי פײַנגאָלד אויסגערופן.

— דאָס איז נאָך ניט די שיינקייט, מוטער. — האָט רמי זיך אָפּגערופן. — וועסט קומען אין קיבוץ, ערשט דאָרט וועסטו זען שיינקייט. דאָרט וועט זיך פאַר דיר עפענען אַ נייע וועלט. וועסט ניט זען דעם לוקסוס, דערפאַר וועסטו זיך אָבער פילן גוט.

דער טעלעפאָן אין צימער האָט זיי אָנגעפרעגט צי זיי ווילן גיין עסן אין עס־זאַל, אָדער זאָל מען דאָס עסן ברענגען צו זיי אין צימער.

— מיר גייען אין זאַל. — האָט פרוי פײַנגאָלד געענטפערט.

שׂרה האָט געשוויגן. זי האָט ניט געוווסט וואָס צו קלערן. זי האָט זיך אָנגעהערט וועגן די אַמעריקאַנער, אַז זיי קאָנען אַליין גיין עסן און איר

דאָ איבערלאָזן. באַלד וועט זי זיך דאָ וועגן דעם איבערצייגן, — איז דאָס אמת, וואָס מ׳דערציילט וועגן זיי אָדער ניט.

— קומט — האָט רמיס מוטער אויסגערופן, איר זייט געוויס הונגעריק.

— ניט איבעריקס. — האָט שרה געענטפערט.

— מיר גייען אַלע. — האָט פרוי פיינגאָלד אויסגערופן, און אָפּוואַשנ־דיק די הענט און דאָס געזיכט פון וועג־שטויב, זיינען זיי אַריין אין עס־זאַל. ביי אַ שיין סערווירטן טיש זיינען געזעסן געסט און זיך געגרייט צום עסן. אויף יעדן פּלאַץ איז שוין געווען געגרייט אויך אַ קליינער „טעלסטאַר״־אַפּאַראַט. דאָס איז די נייעסטע טעכניק פון רופן וועמען צום טעלעפאָן, כדי דער צווייטער זאָל ניט הערן ווער וועמען עס רופט. פון דעם אַלעם האָט פרוי פיינגאָלד געפילט, אַז ישראל גייט אויף פון אַן עקזאָטיש ווינקל צו אַ מאָדערנער לאַנד, ווו קעמל און „סילאָן״ באַגעגענען זיך.ביים טיש איז אויך געזעסן אַן אויסלענדער מיט אַ זון, שוועסטער און מוטער. דער יונגער גאַסט, האָט ניט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון שרהן. זיין פרייע דערציאונג האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אַ פרעג טאָן אין ענגליש דער משפחה: ווער איז דאָס מיידל? זי געפעלט מיר. רמי האָט געענטפערט, אַז דאָס איז זיין כלה.

— נאָך ניט. — האָט פרוי פיינגאָלד געענטפערט.

— „יעס!״ — האָט רמי אַן אַנגעברוגזטער געענטפערט.

שרה האָט ניט פאַרשטאַנען וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט. זי האָט אָבער געפילט פון גאַנצן אַרום, וואָס דאָ קומט פאָר.

נאָכן עסן זיינען זיי אַוועק צו זיך אין צימער.

פרוי פיינגאָלד האָט אויסגעפּאַקט אַ וואַליזע און געגעבן רמין עטלעכע „מתנות״: — דאָס איז פון העלען — האָט זי געזאָגט. רמי האָט עס גע־לייגט אין אַ זייט.

— רמי, — האָט שרה זיך אָפּגערופן. — איך וועל פאָרן אַהיים. פיר מיך צו צום אויטאָבוס. דו ווייסט דאָך, אַז די אַרבעט וואַרט אויף מיר. דו וועסט בלייבן מיט דיין מוטער.

— ניין! — האָט זיך רמי אָפּגערופן זייער ערנסט. — דו בלייבסט דאָ מיט אונז, אַזוי לאַנג ווי איך. צוזאַמען וועלן מיר פאָרן אַהיים...

פרוי פיינגאָלד האָט אַ מאָדנעם בליק געטאָן אויף רמין און רמי האָט גוט פאַרשטאַנען איר בליק. רמי האָט זיך אויסגעדרייט צו דער מוטער און אויסגערופן:

— מוטער! מיין לעבן האָב איך צו פאַרדאַנקען אַט דער מיידל. ווען

איך בין פאַרוואונדעט געוואָרן, איז זי ספּעציעל פון קיבוץ צו מיר אין שפּי־טאָל געקומען. איך האָב געדאַרפט האָבן אַ „שוועסטער", וואָס זאָל זיצן נעבן מיין בעט טאָג און נאַכט. ווייל איך האָב זיך ניט געקאָנט באַוועגן. זי איז גאַנצע נעכט ניט געשלאָפן, האָט מיך באַדינט און געטאָן אַלץ פאַר מיר. דאָקטוירים האָבן מיר געזאָגט, אַז אַ דאַנק איר איבערגעגעבנקייט צו מיר, בין איך געבליבן לעבן. מיר האָבן באַשלאָסן חתונה האָבן. איך וויל דו זאָלסט עס איצט וויסן, ווייל אַלע פּרוון פון אייער זייט מיך אָפּצורייסן פון שרהן וועלן ניט געלונגען. סיידן שרה זאָל מיך פאַרלאָזן, וועל איך אויך דאַן ניט חתונה האָבן. נאָר פאַרבלייבן אַן אַלטער בחור.

שרה האָט צושפּאַצירט צום פענצטער. זי איז אויסערלעך געווען ערנסט, אָבער איר האַרץ האָט געקוואָלן פון די רייד, וועלכע זי האָט איצט געהערט. די מוטער האָט נערוועז געקוקט אויף רמין און געשוויגן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט בייזן וועט זי גאָרניט אויפטאָן. זי האָט גענומען אָנ־ווענדן איר אַלטע טאַקטיק — לאָזן רעדן צו דער צייט. אין איר מוח איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: געבן אים איר הסכמה. אָבער עס ברענט דאָך ניט!

— האָט זי אויסגערופן. איך וועל אייך ניט שטערן אין אייער לעבנס־וועג. אָבער עס מוז דאָך ניט זיין שוין. וועסט פאָרן מיט מיר אַהיים, וועסטו זיך אַ ביסל אויסרוען. וועסט אין אַמעריקע דערליידיקן דיינע ענינים, וועסט באַקומען קאַפּיטאַל. דו מוזט ניט וווינען אין קיבוץ. מיר קאָנען אייך איינ־אָרדענען אַ געשעפט אין תל־אביב. איך האָב געזען, פיינע געשעפטן. איר וועט וועלן אַ פאַבריק, וועלן מיר אייך אויפשטעלן אַ פאַבריק. געלט דאַנקען גאָט, וועט ניט פעלן. פאַרוואָס זאָלט איר זיך דאַרפן פּייניקן אין אָרעמקייט, ווען איר קאָנט האָבן אַלץ לייכטער און בעסער? — ריכטיק? — האָט פרוי פיינגאָלד אַ פרעג געטאָן שרהן.

שרה איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער. האָט איר אַרומגענומען און איר אַ קוש געטאָן, דערביי האָט זי אויסגערופן:

— איך דאַנק אייך פרוי פיינגאָלד. איר רעדט לאָגיש, נאָר דאָס אַלץ לאָז איך איבער פאַר רמין צו דעצידירן.

— אפשר רופן מיר אים ריינאָלד און ניט רמי? — האָט די מוטער אַ פרעג געטאָן.

— פאַר מיר איז ער רמי. דאָס איז מיר האַרציק. ריינאָלד קלינגט עפּעס אַזוי פרעמד. דאָס דערווייטערט. וואָס אַרט אייך ווי מען וועט אים רופן?

— אין ישראל הייס איך רמי. אין אַמעריקע וועל איך הייסן מיסטער

ריינאַלד פיינגאָלד. געפעלט אייך מיין פשרה? — האָט רמי אַ פריילעכער אויסגערופן און אַ כאַפּ געטאָן שרהן אויף די הענט פון באַגייסטערונג, וואָס זיין מוטער האָט צו אים אַזוי שיין גערעדט.

— לאָז אָפּ, „ווילדער״! — האָט שרה אויסגעשריען, — שעמסט זיך גאָרניט פאַר דיין מוטער?

— אויב מיין מוטער גיט מיר איר „אָ־קיי״ האָב איך זיך ניט וואָס צו שעמען, ווייל מיר זיינען שוין אָפּיציעל חתן־כלה. און איך ווייס ניט צי איך מוז פאָרן קיין אַמעריקע. זאָל אַמעריקע קומען צו מיר...

— זעסטו, דאָס ניט! אויב איך האָב אייך נאָכגעגעבן, מוזט איר אויך מיר פאַרשטיין. — האָט די מוטער כיטרע אַ זאָג געטאָן. עס מאַכט ניט אויס, אַ פּאָר וואָכן זיין פון דער ווייטנס, שאַדט ניט, פאַרקערט: די ליבע ווערט שפּעטער שטאַרקער... אָבער איצט איז שוין שפּעט, מיר אַלע זיינען מיד און מען מוז זיך אויסרוען.

— אפשר פאַר איך דאָך אַהיים? — האָט שרה ווידער אַ זאָג געטאָן.

— וועגן דעם איז ניטאָ וואָס צו רעדן, שרה! דו האָסט באַקומען דיין חופש, נוץ אים אויס וויפל מיין מוטער וועט וועלן דאָ זיין, וועלן מיר זיין. זי איז עס ווערט. שפּעטער וועט זי פאָרן מיט אונז אַהיים. דאָרט וועלן מיר וועגן אַלץ קאָנען רעדן. קיין ביזנעס האָט זי דאָך דאָ ניט צו מאַכן. אויף קאָנפערענצן קומט זי ניט. קיין ציוניסטקע איז זי ניט. טאָ וואָס האָט זי דאָ צו טאָן? בלייבסטו דאָ שרה, ביז מיר וועלן פאָרן צוזאַמען, — בסדר?

שרה איז מסכים געווען.

די נאַכט איז גיך דורכגעלאָפן, ווייל ווי אויסגערוט מ'איז ניט געווען, האָט דאָך די רייזע מיד געמאַכט. אויף צומאָרגנס האָבן זיי באַשלאָסן באַזוכן תל־אביב און איינקויפן זיך זאַכן. אַ פּאָר טעג זיינען אַדורך ווי שעהן.

— איצט מוטער, — זאָגט רמי, — וועלן מיר פאָרן אין קיבוץ. וועסט זען אַ נייע וועלט. נייע מענטשן, אַנדערע מענטשן, ווי אין שטאָט.

זיי האָבן ווידער פאַרפּאַקט זייערע וואַליזן. רמי האָט באַצאָלט דעם חשבון און שוין אַכט פרי האָט זיך זייער „סטיישן״ געגליטשט אויפן שאָסיי באר־שבע — נגב.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ וואַרעמער. די זון האָט נאָך ניט געברענט אַזוי הייס, אָבער דער שאָסיי איז געווען פול מיט פאַרנדיקע, אויטאָבוסן, אויטאָס און פריוואַטע מאַשינען. די באַוועגונג איז שוין געווען אַ גרויסע. ערשט הינטער דער שטאָט רחובות האָבן זיך גענומען באַווייזן פעלדער,

פאַרזייטע, פאַראַקערטע. אומעטום האָבן זיך באַוועגט מענטשן אויף די פעלדער. סטאַדעס בהמות האָבן זיך געפּאַשעט, דאָס גלייכן שעפּסן. ווו ניט ווו האָבן זיך געמערקט אַראַבישע פויערים אָנגעטאָענע אין זייערע ווייסע אבאיעס מיט די שוואַרצע רייפן אַרום זייערע קעפּ.

פרוי פיינגאָלד קוקט זיי אָן מיט נייגיר. דאָס ערשטע מאָל זעט זי זיי — די דאַזיקע „בלוטיקע שונאים פון די יידן און ישראל" — רופט זי אויס. — אָט, יעדער פון זיי איז גרייט, ביי דער ערשטער געלעגנהייט צו מאָרדן אַ ייד, זיי וואַרטן נאָר די צייט זאָל קומען.

— ניט אמת — רופט זיך אָפּ רמי. מיר זיינען מיט זיי שכנים. מיר האָבן זיך גוט איינגעלעבט. ווען מיר ווייטער וויסן ווי זיך צו פירן מיט זיי, — וועלן זיי זיין אונזערע פריינד. — אָבער דאָס איז ניט וויכטיק! — האָט רמי אויסגערופן. — ווי דער גורל וועט שמידן אונזער לעבן דאָ, אַזוי וועט עס זיין. שרה איז געזעסן פאַראומערט. עס איז אויף איר פּלוצלונג אָנגעפאַלן אַ טרויער, פון וועלכן זי האָט אַליין ניט געוווּסט, ווי אַזוי איז עס געקומען צו דעם. זי האָט געפילט, אַז דאָס גליק אין איר ווייטערדיקן לעבן, מיטן אָנקומען פון רמיס מוטער — האָט זיך פון איר דערווייטערט, און ווייטערט זיך אָן אויפהער. דער גאַנצער וועג פון דער רייזע, — האָט זי נאָר געקלערט פון די געשפּרעכן, וועלכע זי האָט געהאַט מיט פרוי פיינגאָלד. רמי האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן בליקן אויף שרהן. ער האָט עס אַרויסגעפילט, ער האָט אָבער מיט קיין וואָרט זיך ניט אָפּגערופן. נאָר געהאַלטן דאָס רעדל פון אויטאָ פעסט, אויסמיידנדיק וועג־סכנות. ענדלעך האָט זיך פון דערווייטן אָנגעהויבן זען די הייזקעס פונעם קיבוץ אין נגב. זיי זיינען אַלע איינגעטונקענע אין אַ וואַלד פון בוימער.

וואָס ווייטער זיי זיינען געפאָרן, אַלץ ווייניקער ישובים האָבן זיך געזען. זאַמדן, פאַרהאַרטעוועטע און פון זון אָפּגעברענטע שטיינער — זיינען געלעגן ביי די זייטן.

און זאַמדן? — אַ ים פון זאַמדן האָט פאַרשאָטן דעם גאַנצן אַרום. זיי פאָרן דורך אַ זייטיקן גוט אַספאַלטירטן שאָסיי אַלץ העכער און העכער. דאָס איז דאָס בערגל אין נגב; דאָ וווינען מיר — האָט רמי אויסגערופן. דאָ ווערט באַנייט אונזער היסטאָריע. באַכדעם ווי מיר האָבן עס פאַרלאָזט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. דאָ האָבן געטראָטן אונזערע אור־עלטערן. און דאָ קומען זיך צונויף צוריק די קינדער פונעם פאַריאָגטן פאָלק און בויען צוריק זייער לעבן.

דער אויטאָ איז אַריינגעפאָרן צווישן צוויי רייען פון יונגע בוימער.

וועלכע האָבן געשאַפן אַ שאָטן און אָפּגעקילט די הייסע מדבר־לופט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אויסלייגן אויף איר שטייגער אין נגב. אין גרויסן הויף איז רמי שטיין געבליבן. קיין מענטשן זיינען אין דרויסן ניט געווען. יעדער ביי זיין אַרבעט. די קינדער ביי דער לערע.

רמי האָט גענומען צוויי וואַליזן און אַוועק מיט זיי צו זיך אין צימער, וועלכער האָט זיך געפונען ניט ווייט פון אָרט. פרוי פיינגאָלד האָט באַטראַכט דעם אַרום. שטאָלן מיט בהמות, ווייסע הינער, האָבן איר אַ גלאַנץ געטאָן פאַר די אויגן. אַזויפיל — האָט זי נאָך ניט געזען. אויפן הויף האָבן זיך געוואַלגערט טיילן פון אַ טראַקטאָר און גראַב־מאַשינען.

— דאָ וווין איך, — האָט רמי געוויזן זיין מוטער דעם צריף, אין וועלכן ער האָט געוווינט.

— איך גיי צו זיך אַהיים. — האָט שרה געזאָגט, — די רייזע האָט מיך מיד געמאַכט. פרוי פיינגאָלד האָט גאָרניט געזאָגט. אויך רמי האָט מיט קיין איין וואָרט ניט רעאַגירט. ער האָט איר פאַרשטאַנען, שרהן.

— מיר וועלן זיך טרעפן צו מיטאָג אין עס־זאַל — האָט רמי אויסגערופן, — אויב איך וועל ניט באַווייזן צו דיר אַריינגיין.

מיט אַ פריילעכער האַנט־באַגריסונג איז שרה אַוועק צו זיך אין צימער. פון מידקייט איז זי אַ פאַל געטאָן אויף איר בעטל. די קאַלטע לופט אין איר צימער האָט איר אַ ביסל אָפּגעפרישט. זי האָט פאַרלייגט אירע הענט אונטער איר קאָפּ און מיט אָפענע אויגן געקוקט אויפן סופיט. זי האָט געטראַכט און גאָרניט געטראַכט. אייגנטלעך האָט זי ניט געוווּסט פון וואָס צו טראַכטן. אין איר מוח האָבן זיך גענומען אָפּשפּיגלען דאָס, וואָס עס איז פאַרגעקומען אין די לעצטע פאַר טעג און זי האָט זיך אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס בין איך מיטגעפאָרן? זי האָט דאָך מיך אַפילו גוט ניט אָנגעקוקט. יעדעס וואָרט וואָס זי האָט אַרויסגערעדט, איז עס אויסגעקומען ווי זי טוט מיר אַ טובה. און איר באַגריסונג? אַזוי קאַלט. אַזוי פשוט. קיין ברעקל וואַרעמקייט.

איך האָב געמיינט, אַז איך וועל אין איר געפינען אַ צווייטע מוטער. ווי איך האָב איר געוואָלט ליב האָבן, אַקוראַט ווי איך האָב ליב רמין, ווייל זי איז דאָך זיין מאַמע.

און וואָס וועט איצט זיין? — האָט זי זיך אַ פרעג געטאָן. זאָל איך זיי נאָכגיין ווי עפּעס אַ צוגעטשעפּעטע צו זיי? — אָדער לאָזן זיי ביידן אַליין אין זייערע מחשבות. זי האָט באַשלאָסן לאָזן די צייט טאָן אירס.

זי וועט זיין פּאַסיוו צו דער גאַנצער זאַך און זאָל זיין וואָס עס זאָל. ליבע בעטלט מען ניט. ליבע אין ניט קיין איינזייטיקע זאַך. פאַרוואָס זאָל איך ליידן דערפון און רמי ניט? אָט די געדאַנקען האָבן געפּייניקט איר יונגן מוח. ביז זי איז איינגעשלאָפן.

וועון זי האָט אירע אויגן געעפנט, האָט זי דערזען נעבן זיך שטיין רמין. פון איבעררואַשונג האָט זי איר קליידל אַראָפּגערוקט נידעריקער צו אירע פיס. זי האָט זיך אַ הויב געטאָן פון איר געלעגער און אויסגעשריען: רמי! ווען ביסטו געקומען אַהער? איך האָב גאָרניט געהערט.

— איך שטיין שוין דאָ קליינע, מער ווי צען מינוט. דו ביסט גע־שלאָפן אַזוי געשמאַק, אַז ס'איז געווען מיר אַ שאָד דיך צו וועקן — האָט רמי, אַרויסרעדנדיק די ווערטער זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט, איר אַרומגענומען און אַ שטאַרקן קוש געטאָן.

— ווו איז דיין מוטער? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— מיין מוטער? — אויך דיין מוטער, — האָט רמי אויסגערופן.

— איך ווייס נאָך ניט, רמי! — האָט שרה געענטפערט. — עפּעס איז זי אַזוי קאַלט צו מיר. אַקוראַט ווי איך וואָלט איר געמאַכט אומגליקלעך. וואָס האָב איך איר געטאָן? — איך טאָר דיך ניט ליב האָבן? רמי!

— שרעק זיך ניט שרה — האָט רמי אָנגענומען איר האַנט און איר געגלעט. — דאַרפסט מיר גלויבן. קיינער אין דער וועלט וועט ניט ענדערן מיין מיינונג. קיין פּרייז וועט ניט זיין פאַר מיר צו טייער פאַר דיר צו באַצאָלן. גלויב אַמאָל מיר אויך. דאַרפסט אָבער איין זאַך וויסן. זי איז מיין מאַמע. אויך דו וועסט אַמאָל זיין אַ מוטער. אויך דו וועסט אַמאָל דורכגיין דאָס, וואָס זי גייט דורך איצט. אויך זי איז געווען אַזוי ווי מיר זיינען איצט. אַלץ קומט מיט דער צייט. מען דאַרף אָבער וויסן, אַז מען טאָר ניט טרעטן קיין געפילן פון אַ מענטשן, כל־זמן דאָס גיט ניט קיין נוצן און מיר שטייען ניט פאַר קיין סכנות. דאַרפסט מיר גלויבן און דאָס גאַר — האָט רמי אַריינגענומען שרהס געזיכט אין זיינע הענט און איר געקושט.

— איך שרעק זיך רמי, דיין מוטער וויל דיך צונעמען פון מיר. און איך ווייס נאָך ניט דיין שטאַנדהאַפטיקייט. אייגנטלעך, ביסטו דאָך אַן אַמעריקאַנער „באָי״.

רמי איז געוואָרן ערנסט. די ווערטער האָבן אים שטאַרק געטראָפן. שרה האָט אים אָנגעקוקט און איר האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט אַ ביסל איבערגעכאַפּט מיט רייד. אָבער איר פרויען אַמביציע האָט פעסט גע־

האלטן אירע געדאנקען. א לענגערע ווײלע זײנען זײ געשטאנען שטילע, אן א װארט ארויסברענגען. שרה איז צוגעגאנגען צו רמי, האט ארויפגע־לײגט אירע בײדע הענט אויף זײנע אקסלען און אים ליבלעך ארײנגע־קוקט אין די אויגן.

— ביסט אויף מיר בײז ? — האט זי שמײכלענדיק א פרעג געטאן.

— דו האסט מיך באלײדיקט ! — האט רמי געענטפערט — װי קאן מען אזוי ניט גלויבן ?

— די מײדלעך זאגן, אז מען זאל ניט גלויבן קײן ייִנגלעך, װײל ייִנג־לעך קאנען ניט ליבן, זײער ליבע איז תאוה... — האט שרה געלאכט, דערבײ אים צוגעצויגן צו זיך און א שטארקן קוש אפגעדריקט אויף זײנע ליפן.

— איך גלויב דיר, רמי ! — איך גלויב דיר, אנדערש װאלט ניט פא־סירט דאס, װאס עס האט געטראפן. אבער זעענדיק די קאלטקײט פון דײן מאמען, האט עס מיך א ביסל נידערגעשלאגן.

— טא קום איצט ארײן צו אונז און מיר װעלן גײן צוזאמען עסן, איך װיל, אז דו זאלסט זײן מער מיט איר. איך װיל איר זאלט אײך צו־געװוינען אײנע צו דער צװײטער. איר זאלט זיך קאנען מער.

רמי און שרה זײנען ארויס פון איר צימער און זײנען אװעק צו דער מוטער, װוּ זי איז געבליבן װארטן.

— פארװאס אזוי לאנג ? — האט פרוי פײנגאלד א פרעג געטאן.

— װײל זי איז געשלאפן און איך האב איר ניט געװאלט װעקן. זי איז נאך א קינד און א קינד דארף רו... — האט רמי געלאכט. מוטער ! — האט רמי אויסגערופן ארומנעמענדיק שרהן — האב איך ניט אויסגעקליבן דאס שענסטע און בעסטע מײדל פון אלע אונזערע באקאנטע ?

די מוטער האט אנגעקוקט שרהן און גארניט געענטפערט. שרה איז פאר איר געשטאנען אין א העל דין קלײדל. אירע שײנע שװארצע האר האבן װי אײנגעפאסט איר האלב ברױן געזיכט װי אין א פרעכטיקע ראם. איר קערפער איז געװען שלאנק און פײן געבויט. איר פנים האט ארויס־גערופן שטאלץ און אנטשלאסנקײט.

פרוי פײנגאלד האט װי אויפגעװאכט פון מחשבות און געענטפערט:

— ריכטיק, קינד מײנס ! שרה איז באמת שײן, זאל נאר שײנען איר מזל אזוי. פלוצלונג האט זי אויסגערופן: — דארף מען לאנג װארטן אויפן עסן ?

שרה האט פארשטאנען די דאזיקע רײד לויט איר אויפפאסונג. זי האט זיך אבער געמאכט װי ניט פארשטײן און א זאג געטאן:

— אפשר ברענגען דאָס עסן אַהער? פֿאַרוואָס זאָלן מיר דער מוטער ניט מאַכן באַקוועמער? איך וועל עס באַזאָרגן. שרה האָט גענומען גיין צו דער טיר. רמי האָט איר אָבער אָפּגעשטעלט און אויסגערופֿן:

— ניין! איך וויל אַז מיין מוטער זאָל זען אונזער לעבן אַזוי ווי עס איז, זאָל זי באַקאָנען די חברים, די זיטן און די מנהגים.

— ריכטיק! — האָט פֿרוי פֿיינגאָלד געענטפֿערט. — דו האָסט רעכט, רמי, מיר גייען צוזאַמען עסן.

ווען זיי זיינען אַריין אין עס־זאַל, זיינען שוין דאָרטן געווען אַ סך חברים און חברות.

דער טומל — ווי נאַטירלעך. אַלע, — אַזעלכע פֿריילעכע, באַרעדעוו־דיקע. זעענדיק אַריינקומען רמין מיט זיין מוטער, איז שטיל געוואָרן אַ מינוט. די פֿאַרבייגייענדיקע האָט רמי באַקאַנט מיט זיין מוטער און אַלע האָבן זיך געזעצט צום טיש.

די אַנטוישונג אין דער מוטער

פֿרוי פֿיינגאָלד, די רייכע און אַריסטאָקראַטישע פֿרוי, וועלכע איז געוווינט צו זיצן ביים שיינעם טיש פֿון איר גרויסער און באַקוועמער וווי־נונג, באַדינט פֿון צוויי נעגער מיידלעך, מיט זילבער־באַשטעק, — האָט ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען דעם ערשטן ביסן, וועלכן זי האָט גענומען עסן פֿון דער קאָלעקטיווער שיסל. דער גאַנצער אַרום, דאָס צופֿירן די שפּייזן אויף אַ גרויסן פֿיר רעדלדיקן שפּייז־טיש, אָנגעשטעלט מיט שפּייז איינס אויף ס'אַנדערע, — האָט דאָס אַלץ פֿון איר צוגענומען דעם אַפּעטיט. שרה האָט עס געמערקט און אויך בישט געגעסן ווי שטענדיק.

— איך בין זאַט, האָט פֿרוי פֿיינגאָלד אויסגערופֿן, — די היצן לאָזן ניט עסן. איך וויל נאָר טרינקען.

רמי האָט פֿאַרשטאַנען דער מוטער, האָט ער דעריבער אויסגערופֿן:

— קום מוטער אין מיין וווינונג. דאָרט וועסטו עסן און טרינקען לויט דיין ווונטש. דאָס עסן איז דאָ קאָלעקטיוו, דערפֿאַר ריין און פֿריש.

פֿרוי פֿיינגאָלד האָט זיך אויפֿגעהויבן און אין דער באַגלייטונג פֿון איר רמי, האָט זי פֿאַרלאָזט דעם שפּייז־זאַל. ערשט אין צימער האָט רמי אַריינ־

געבראַכט עסן פון דער קיך. דאָס איז געווען ספּעציעל עסן, וועלכע עס באַקומען דיעטניקעס.

שרה איז פאַרבליבן אין חדר־האוכל און נאָכן עסן געגאַנגען זיך אָפּרוען.

— רמי! — האָט פרוי פיינגאָלד אויסגערופן — דער קיבוץ איז זייער אַ פיינע זאַך. דאָס לעבן, קאָן זיין, איז דאָ אויך אינטערעסאַנט, אָבער ניט פאַר דיר. דו האָסט אַ היים, אַ פיינע היים. צוליב אַ מיידל ווילסטו פאַרבייטן ניו־יאָרק אויף דעם דאָזיקן עק. עסן אין אַזאַ שפּייז־צימער? פעלן דיר דען מיידלעך אין גרויסן ניו־יאָרק? העלען איז אַ שיין און אַריסטאָקראַטיש קינד. דיינע חברים פון דער שול זיינען אַנדערע ווי די דאָזיקע חברים פון קיבוץ. איך מיין ניט, אַז דאָ דאַרפסטו בויען דיין צוקונפט. איז דאָס פאַר דיר אַ וועג אין לעבן? דיין סטודיום פון דאָקטאָר וועסטו ניט דער־גרייכן. איך זע שוין, וואָס דאָ וועט פון דיר ווערן. אַ פויערן־זון, ווי אַלע פויערים־זין. אין שטאַל צווישן די בהמות, אין פעלד ביי דער תבואה — דאָס וועלן זיין דיינע באַגלייטער. איז עס פאַר דיר? פאָלג מיך מיין זון: גיב עס אַלץ אויף, לאָמיר פאָרן אַהיים. וועסטו וועלן גראָד שרהן פאַר אַ פרוי, וועסטו איר קאָנען ברענגען צו זיך. האָסט אַ רעכט דערויף. אָבער יעדער דאַרף געפינען זיין פּלאַץ. דער פאָטער בענקט נאָך דיר. די גע־שעפטן וואַרטן אויף דיין פירונג. מיר ווערן עלטער. איז דאָס אַ תכלית?

רמי איז געזעסן דעם קאָפּ געבויגן און קיין וואָרט ניט געענטפערט. פרוי פיינגאָלד האָט עס אָנגענומען ווי אַ צושטימונג פון זיין זייט. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי האָט שוין ביי אים אויסגעפירט. „מ'דאַרף נאָר ניט טרעטן אויף זיינע געפילן צו שרהן" — האָט זי ביי זיך געטראַכט. זאָל ער נאָר זיין אין ניו־יאָרק, וועט ביי אים אויסרינען די ליבע צום אָרעמען מיידל. דער ים — זאָגט מען — ציט אַרויס אַלע אייגנשאַפטן פון ליבע און צוזאַגענישן. העלען וועט שוין גוט פאַרטרעטן שרהן — האָט זי גע־טראַכט.

— וואָס זאָגסטו צו דעם? — האָט פרוי פיינגאָלד אַ פרעג געטאָן רמין.

— איך האָב דיר ניט וואָס צו ענטפערן, מוטער. אין אונז אַנטוויקלען זיך צוויי וועלטן. און ממילא זיינען עס אַנדערע געפילן. דו רעדסט וועגן גליק און גליק איז אַ רעלאַטיווער באַגריף. גליק הייסט ביי איינעם אַ סך געלט. גליק הייסט רייך לעבן און גליק איז אויך דאָ צווישן פיר הילצערנע ווענט און אין לייוונטענע קליידער. אין אַ קליין צימערל, ווו עס שטייט אַ בעטל מיט אַ קליין פּשוט טישל און אַט מיט אַזעלכע בענקלעך, קאָן אויך גליק געפינען איר פּלאַץ. דעריבער זיינען אונזערע וועגן געקרייצטע.

בעסער זאָלן מיר איצט ניט רעדן דערפון, ווייל דאָס וועטביידן ניט ברענגען קיין נוצן. איינס וואָס איך וועל דיר זאָגן: מיין לעבן איז פאַר־בונדן מיט אָט דעם בערגל אין נגב, אָט מיט דער שרהן אין פּערזענלעכן לעבן, און מיט דער גרופּע אין קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן. איך זע ניט מיט וואָס איז דאָס ערגער ווי דער טומל אין גרויסן ניו־יאָרק. דאָרט איז דאָס געיעג נאָכן דאָלאַר. איך וועל שוין פאַרמאָגן נאָך אַ מיליאָן — וואָס וועל איך טאָן דערמיט? האַלטן עס אין באַנק, אָדער עפענען נאָך אַ פאַבריק און דעם גאַנצן טאָג וועל איך זיין אַ שקלאַף ביי די ביזנעס, כּדי צו קאָנען לעבן. — איך קאָן דאָ פיין לעבן. פיין לעבן הייסט, ווען דאָס האַרץ האָט געפילן. איך וויל מוטער, דו זאָלסט מיך פאַרשטיין. דו האָסט נאָר געזען דאָס אויבערפלעכלעכע פון קיבוץ. דו זעסט דאָס דרויסנדיקע פון קיבוץ־לעבן. איך לעב אָבער אויך אַן אינעווייניקסט לעבן, וועלכן עס קאָן נאָר פילן דער, וואָס איז טיף פאַרבונדן מיט דעם אַלעם.

אין קיבוץ פעלט גאָרניט. פון פרישטיק עסן ביז געבוירן קינדער און דערציען זיי. אַלץ וואַקסט דאָ אַזוי געזונט. נאַטירלעך. פאַר אַלץ ווערט דאָ געזאָרגט קאָלעקטיוו. דעריבער מוטער: אויב דו ווילסט מיין גליק, טאָ לאָז מיר גיין אויף מיין וועג. גליק איז נאָר דאָרט, וווּ דער מענטש געפינט זיין צופרידנקייט. יעדער פון אונז, נעמט עס אויף לויט זיין אויפפאַסונג.

פרוי פיינגאָלד האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ וועט זי אים בשום־אופן ניט ברעכן. זי האָט דעריבער באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז אים איצט מיטצונעמען אַהיים און דאָרט אים לאָזן זיך אויסניכטערן פון זיין שכרות, אויף וויפל אַ שיין יונג מיידל קאָן פאַרשיכורן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ רעדט פון אים אַרויס שרה און אַזוי ווי זי איז דאָ דאָס שענסטע מיידל, מיינט ער, אַז איבער איר איז קיין שענערס און בעסערס ניטאָ.

— רמי! — האָט די מוטער אויסגערופן — איך וועל דיר פאַרטרויען אַ סוד. און איך וויל, דו זאָלסט מיר פאַרשטיין, דער פאָטער איז ניט געזונט. ער האָט געליטן פון אַ האַרץ־אַטאַק. ער קאָן מער ניט אַרבעטן ווי פריער. ער מוז פאַרלאָזן די שטאָט אויף אַ קורצער און אפשר גאָר אויף אַ לענ־גערער צייט. מ׳קאָן ניט לאָזן די געשעפטן אין די הענט פון העלענס פאָ־טער. נאָר דו ביסט אין די ענינים. פאַר דיר האָבן אַלע רעספּעקט. ניט געקוקט, וואָס דו האָסט שטודירט, איז דיין אָנוועזנהייט פאַר אַלע אַ וואָ־רענונג. איצט, אַז דו ביסט דאָ, און דאָרט פעלט די גאַנצע לאַסט אויף מיר, פאַרשטייסטו גוט, אַז איך וועל דיך ניט קאָנען פאַרטרעטן. דער דאָקטאָר האָט אַפילו געזאָגט, אַז דעם האַרץ־אַטאַק האָט ער באַקומען פון אויפ־

רעגונג און עגמת נפש, וואָס דו געפינסט זיך דאָ, אין ישראל, אין דער צייט, ווען דאָ קומט פאָר אַ מלחמה. ער איז געווען אין פולער שרעק. האָב רחמנות, ניט אויף מיר, נאָר אויף דיין פאָטער. — האָט פרוי פיינגאָלד פלוצים זיך צעוויינט.

גראָד אין דער מינוט איז אַריינגעקומען שרה. זי האָט געפונען דער פרוי פיינגאָלד אַ פאַרוויינטע.

— וואָס האָט פאַסירט? — האָט שרה אַ פרעג געטאָן.

— טייער קינד! — האָט זיך פרוי פיינגאָלד אָפּגערופן צו שרהן — איך וויל דיך פרעגן: וואָלסטו אויך אַזוי געהאַנדלט קעגן דיינע עלטערן?

— אין וואָס גייט עס? — האָט שרה געפרעגט.

— לאָמיר רעדן אָפן. — האָט פרוי פיינגאָלד אָפּגעווישט אירע טרערן. — זאָל רמי אויך הערן. איך בין געקומען נעמען רמין צוריק קיין אַמע־ריקע. אונזערע געשעפטן גייען צום גרונט, ווייל מיין מאַן, רמיס פאָטער האָט באַקומען אַ שטאַרקן האַרץ־אַטאַק און דער דאָקטאָר האָט אים פאַר־באָטן צו אַרבעטן. אונזערע געשעפטן גייען אויף מיליאָנען, דער שותף איז איצט דער גאַנצער בעל־הבית. וואָלט איך וועלן, אַז רמי זאָל איבערנעמען די לייטונג פון געשעפט. דערצו מוז ער אַהיים קומען. ווייל ער אַפילו ניט הערן וועגן דעם! וואָס זאָל איך טאָן? מיט וואָס זאָל איך אַהיים פאָרן?

— רמי! — האָט זיך שרה אָפּגערופן — דיין מוטער האָט רעכט. אין אַזאַ פאַל קוקט מען אויף גאָרניט. קודם־כל מוז מען ראַטעווען דאָס, וואָס איז אין גרעסטן געפאַר. לויט ווי איך פאַרשטיי, גייט עס אין לעבן פון דיין פאָטער און מיט דעם איז אויך פאַרבונדן דאָס לעבן פון דיין מוטער. דו טאָרסט ניט נעמען אויף זיך אַזאַ אחריות.

— און דו? — האָט רמי אויסגערופן.

— ערשטנס, רמי, דאַרפסטו וויסן, אַז טאַטע מאַמע זיינען די אייג־ציקע און מיידלעך זיינען פאַראַן אַ סך. אמת, מיר זיינען פאַרליבט און אויב מיר קענען צוליב סיבות ניט דערגרייכן אונזער ציל, דאַרף מען מיטגיין מיט דער צייט. דו מוזט מיטפאָרן, עס טאָר ניט דויערן. זייענדיק דאָרט וועסטו קאָנען באַשטימען דיין וועג אין לעבן. אַלנפאַלס, איך טאָר ניט זיין קיין שטערונג דאָ, ווען עס גייט אינעם לעבן פון דיינע עלטערן. איך בעט דיר רמי, טו דיין מוטערס פאַרלאַנג.

פרוי פיינגאָלד איז געזעסן אָן אומעטיקע. זי האָט ניט דערוואַרט צו הערן אַזעלכע רייד פון שרהן. אָבער די דאָזיקע רייד האָט דער פרוי פיינגאָלד איצט זייער שטאַרק צעבראָכן, ווייל זי האָט געוווּסט, אַז די

גאַנצע געשיכטע מיט מיסטער פיינגאָלדס קרענק איז אַ ליגן. און שרה האָט עס גענומען ערנסט. די שיינע טאַט פון שרהן האָט איר שטאַרק דערנידעריקט אין אירע אויגן.

— ווי אַנדערש איז דאָס נאַיווע איידעלע מיידעלע? — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. — ווי אויפריכטיק זי רעדט. און איך וויל איר נאַרן. רמי האָט פון אויפרעגונג פאַרלאָזן דאָס צימער. ער איז איצט געשטאַנען אונטער צוויי פייערן. ער האָט געוווסט, אַז אויב ער פאָרט צוריק קיין ניו־יאָרק, וועט ער פאַרלירן שרהן. ניט פאָרן — וועט ער פאַרלירן זיין פאָטער און זייער פאַרמעגן.

שרה איז דערווייל צוגעגאַנגען צו פרוי פיינגאָלד און אַרומנעמענדיק איר, אויסגערופן:

— פרוי פיינגאָלד! באַרואיקט אייך! איך וועל אַלץ טאָן כדי אים דערמעגלעכן צו פאָרן אַהיים. איך וועל אים אַפילו וואָרענען זיך מיט אים מער ניט צו באַגעגענען, אין פאַל אויב ער וועט ניט פאָרן...

— איך דאַנק דיר, טייער קינד. — האָט פרוי פיינגאָלד נאָך אַלץ געווישט אירע פאַלשע טרערן.

ווען רמי איז צוריק אַריינגעקומען, האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אין וואָס דאָ גייט. פרוי פיינגאָלד האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז איצט איז די צייט פון לאָזן זיי ביידן אַליין.

— איך בין צופיל אויפגערעגט — האָט פרוי פיינגאָלד געזאָגט — איך וועל זיך אַ ביסל דורכגיין שפּאַצירן. — זי האָט לאַנג ניט געטראַכט און פאַרלאָזן דאָס צימער. איר וועג האָט געפירט צום גרויסן בוים, וואָס האָט געגעבן שאָטן אין די גרויסע היצן פון נגב. זי האָט ניט געפילט ווי זי איז אָנגעקומען צום אָרט און זיך געזעצט אויף דער באַנק, וווּ שרה און רמי פלעגן פאַרברענגען אין די שיינע לבנה־נעכט.

אַ פאַרטראַכטע איז פרוי פיינגאָלד געזעסן אַליין אויפן בערגל אין נגב און ניט פילנדיק, האָט זי געגעבן אַ הויב אויף אירע אויגן צום האָריזאָנט אויפן מערב. אירע אויגן זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם הערלעכן אַרום. די זון האָט זיך גענומען זעצן ערגעץ ווייט, וווּ דער הימל באַגעגנט זיך מיט דער ערד. די לעצטע קאַלטע זון־שטראַלן, האָבן געוואָרפן העל גאָלדענע ליכט־פאַסן אין גאַנצן אַרום. אַזעלכעס האָט נאָך פרוי פיינגאָלד ניט געזען אין איר רייכער אַמעריקע. זי האָט פאַרגעסן אין דער דאָזיקער מינוט וועגן איר אַמעריקע. זי האָט פאַרגעסן נאָך וואָס זי איז געקומען.

עס האָט זיך איר דערוועקט מיט אַמאָל אַ געפיל צו דער נאַטור, וועלכע האָט אויך אין איר שפּעטערדיקן לעבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג.

ווען זי איז צוריק געקומען אין רמיס צימער, האָט זי רמין מיט שרהן ניט געטראָפן. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, ווו זיי האָבן געקאָנט אַוועקגיין.

שרה מיט רמין זיינען איצט געזעסן אין גרויסן גאָרטן אונטער אַ ווינקל בוים און אַרומגערעדט די געשאַפענע לאַגע.

— רמי! — זאָגט שרה, — דיין מוטער איז גערעכט. דו דאַרפסט זיין אַ געטרייער זון. דו דאַרפסט ליב האָבן דיינע עלטערן, אַזוי ווי מיך. און אויב דו וועסט שטאַרק זיין, וועסטו מיט גוטן ביי זיי מער אויפטאָן ווי מיט בייזן. אָבער, אַז דיין פאָטער איז קראַנק איז די פראַגע גאָר אַן אַנדערע. פאָר אַהיים. און אויב דו וועסט זען, אַז אַנדערש קאָן עס ניט זיין, וועלן מיר באַשטימען דאַן, וואָס עס איז דאָ צו טאָן. איך זאָג דיר צו, רמי, ביי מיין ערן־וואָרט, אַז איך וועל אויף דיר וואַרטן מיין גאַנץ לעבן. טאָמער וועלן מיר ניט קאָנען חתונה האָבן, וועל איך פאַרבלייבן אַזאַ, ווי איך בין, דאָ אין קיבוץ.

— שרה! — איך וויל דו זאָלסט מיר פאַרשטיין. — האָט איר רמי אָפּגעענטפערט. — מיין מוטער איז געקומען אַהער מיט איין ציל, מיך נעמען קיין אַמעריקע צוריק. פאַר מיר שטייען צוויי פּראָבלעמען: איינס, — די משפחה און די געשעפטן. צוויי, — דו. איך וועל דיך ניט פאַרלאָזן פאַר קיין פּרייז אין לעבן. דער ציל פון עלטערן איז געבוירן און אויסהאָדעווען קינדער, דערבערענגען זיי צו אַ שטאַנד אין לעבן און דאַן לאָזן זיי גיין זייער גאַנג. יעדער פאָטער און יעדע מוטער, וואָלט געוואָלט זען זייערע קינדער אין אַ גליקלעכן צושטאַנד. דערפאַר אַרבעטן זיי שווער, בילדן זיי, לערנען זיי אַ פאַך, כדי זיי צוגרייטן צו זייער נייעם לעבן. עס זיינען אָבער פאַראַן נאַרישע עלטערן, וועלכע ווילן זיך קיינמאָל ניט שיידן מיט זייערע קינדער. זיי מיינען, אַז די קינדער זייערע וועלן ביי זיי זיין ביזן סוף פון זייער לעבן. אנדערע עלטערן פאַרשטייען עס אַנדערש. מיינע עלטערן האָבן מיך צופיל ליב און די ליבע זייערע צו מיר קאָן מיר ברענגען צו אַן אומגליק. אַ סך יינגלעך און מיידלעך פאַרבלייבן זיצן, ניט חתונה געהאַטע, ווייל די עלטערן זייערע, האָבן זיי ניט געלאָזט חתונה האָבן. איך וועל אָבער האַנדלען מיט די נאַטור־געזעצן. אַפילו איך זאָל זיך מיט די עלטערן צעקריגן.

געוויס וויל איך, אַז אונזער לעבן זאָל זיין לייכטער, שענער, באַקוועמער, דערפאַר דאַרף איך זיך מיט מיינע עלטערן ניט קריגן. איך מוז זיי

ניט נאָכגעבן כלפּי דיר, אָבער געשעפטלעך מוז איך זיי אָנטקעגן קומען און פאָרן אויף אַ קורצער צייט אַהין. אָבער איך זאָג דיר צו, ביי אַלץ, וואָס מיר איז הייליק, אַז איך וועל דיר אויף קיין צווייטע ניט פאַרבייטן. און איך וויל טאַקע דיך מיטנעמען מיט זיך. זאָלן זיי דאָרט זען די ערנסט־קייט אין אונזערע באַציונגען און פאַרבינדונגען. אַז זיי וועלן דיר דאָרט זען, וועלן זיי פאַרשטיין, אַז איבעררייסן אונזערע פאַרבינדונגען טאָרן זיי ניט.

שרה איז געזעסן אַ פאַרטראַכטע און אַן אומעטיקע. זאָל זי גלויבן רמין, אָדער ניט. רמי האָט געפילט איר צווייפל. דעריבער האָט ער זיך אָפּגערופן:

— שרה! דו קלערסט, צי מיינע רייד זיינען אויפריכטיק? גלויב מיר!

שרה האָט אויפגעהויבן אירע אויגן און אים ליבלעך אָנגעקוקט. טרערן האָבן זיך געוויזן אין אירע אויגן. זי האָט אים אַרומגענומען און געדריקט צו זיך אויסרופנדיק:

— רמי! ווען דו זאָלסט וויסן, ווי איך האָב דיר ליב. דו ביסט איינער ביי מיר. איך האָב ניט קיין עלטערן. קיין קרובים. אַלע זיינען מיר דאָ פרעמד. איך האָב ניט מיט וועמען אַן ערנסט וואָרט אויסצורעדן. מיינע חברטעס זיינען ניט קיין ערנסטע. זייערע מחשבות זיינען נאָר וועגן יינגלעך. אויך דאָס קיבוץ־לעבן אינטערעסירט זיי ניט. זיי זיינען געבוירן און אויסגעוואַקסן אין לאַנד. אפשר דערפאַר פילן זיי ניט קיין ספּעציעלע וואַרעמקייט, וואָס עס גיט דאָס לאַנד. אָבער מיר? איך, וואָס האָב אַזויפיל דורכגעמאַכט און מיינע געציילטע יאָרן, האָב מורא פאַרן גוי. צי איז ער אַ פּוילישער אָדער אַן אַמעריקאַנער. איך קאָן אים ניט זען. איך וויל אים ניט קאָנען. און אַז איך האָב דיך געפונען, ביסטו מיר טייער. איצט שטייט די פראַגע אויך דיר צו פאַרלירן. אָבער איך ווייס, אַז אַנדערש קאָנסטו ניט. דעריבער בעט איך דיר, פאָר, טו ווי דו פאַרשטייסט און אויב דו ביסט אַזוי שטאַרק ווי דו זאָגסט, וועסטו מיך ניט פאַרלאָזן. מיטפאָרן מיט דיר וויל איך ניט.

— האָב איך פאַר דיר נאָך אַ פאָרשלאָג, שרה! — האָט רמי זיך אָפּ־גערופן. — לאָמיר פריער חתונה האָבן, דאַן וועסטו זיין זיכער מיט מיר?

— ניין, רמי! דאָס וועט זייער ווי טאָן דיינע עלטערן. דיין פאָטער וועט דיך ניט פירן צו דיין חופּה? די מוטער דאָ וועט במילא ניט צולאָזן. פאַר מיר ביסטו אַזוי ווי חתונה געהאַט. דאָס ווייסטו דאָך גוט פון יענע נאַכט אָן. אויב איך האָב באַשלאָסן דאַן צו בלייבן אין דיין צימער, איז

מיין קרבן געווען געגוג גרויס, דאָס איז דערפאַר, וואָס איך האָב דיר געגלויבט און גלויב דיר ווייטער. ביסטו ערלעך און אויפריכטיק, וועסטו עס זיין ביזן סוף פונעם לעבן. פאַר רמי מיט דיין מוטער און איך וועל דאָ אַ בענקענדיקע וואַרטן. איך פאַרזיכער דיר, מיט קיין בחור ניט אַרויס־גיין. נאָר וואַרטן אויף דיר, ביז דו וועסט מיר שרייבן קאָנקרעט דיין לעבנס־וועג. און אַז דו וועסט אויפהערן שרייבן, וועט דאָס זיין אַ געגוגנדיקער באַווייז פאַר מיר. איך וויל באַקומען פון דיר יעדע וואָך אַ בריוו. דאָס וועט זיין מיין טרייסט.

רמי האָט אַרומגענומען שרהן, איר האַרציק געקושט און געשווירן ביי אַלץ, וואָס אים איז טייער, אַז אַנדערש וועט עס ניט זיין, און זי זאָל אים גלויבן.

— איך גלויב דיר, רמי! — האָט שרה אויסגערופן מיט טרערן אין די אויגן, כאָטש אין האַרצן האָט זי זיך געווונטשן, ער זאָל ניט פאָרן.

— ס'איז שפּעט, רמי! איך מוז גיין צו דער אַרבעט. — שרה האָט זיך איבערגעטאָן און אַוועק, רמי איז געגאַנגען צו זיין מוטער. ער האָט איר געטראָפן שרייבנדיק בריוו.

— מיר פאָרן, מוטער, — האָט רמי זיך אָפּגערופן, אָבער זיי וויסן, אַז שרהן וועל איך ניט פאַרלאָזן.

— ווער טראַכט אַנדערש! — האָט פרוי פיינגאָלד אויסגערופן און געקלערט, ווי זעט זי שוין רמין אויסער די טויערן פון קיבוץ. — זאָל גאָט דיר געבן גליק ווו דו וועסט זיך ווענדן. ווייל דעם וועג דיינעם אין לעבן וועסטו זיך אויסוויילן און מיר וועלן דיר נאָר העלפן זיך לייכטער איינ־אָרדענען. טייערער זון מיינער, איצט זע איך, ווי געטריי דו ביסט מיר מיט דיין פאָטער — האָט זי אים געקושט.

רמי האָט דערליידיקט אַלץ אין סעקרעטאַריאַט פון קיבוץ. ער האָט באַקומען זעקס חדשים אורלויב.

ווען שרה איז געקומען פון דער אַרבעט, האָט זי שוין געטראָפן פאַר־פּאַקט זייערע וואַליזן.

מיר וואַרטן אויף דיר, טייער קינד! — האָט פרוי פיינגאָלד זיך אָפּ־גערופן. — דו ביסט מיר זייער טייער און דאָס גאָלדענע זייגערל קריגסטו פון מיר אַ מתנה. — פרוי פיינגאָלד האָט אַראָפּגענומען איר האַנט־זייגערל און עס געגעבן שרהן. שרה האָט זייער געדאַנקט דער פרוי פיינגאָלד.

— מוטער! איך גיי אַרויס מיט שרהן אַ ביסל שפּאַצירן. מיר קומען גלייך צוריק, — האָט רמי זיך אָפּגערופן.

— גיי מיין קינד. איך פארשטיי דיך גוט. — שרה מיט רמין זיינען ווידער געגאנגען צום בערגל ווו דער גרויסער בוים האט געשיצט פון דער הייסער זון. דארט האבן זיי זיך הארציק געזעגנט. ביידנס הערצער זיינען פול געווען מיט טרערן איבער די ברעגן, ביז שרה האט זיך אפּגערופן:

— רמי! עס ווערט שפּעט, פאר געזונט און קום געזונט. זי האט אים אנגענומען פאר דער האנט און ביידע זיינען געגאנגען מיט געמאס־טענע טריט אויף דער סטעזשקע, וואס האט געפירט פאר רמיס וווינונג. שרה האט זיך א ווײַלע אפּגעשטעלט. אין איר הארצן האט א פלאטער געטאן יענער באנאכטיקער באזוך אין זיין צימער. רמי האט איר מיט א שמייכל אנגעקוקט און זיי זיינען אוועק ווייטער. ווען רמי איז צוגעגאנ־גען צום צריף, ווו זיין מוטער האט זיך געפונען, איז שוין די טאקסי גע־שטאנען גרייט אפּצופארן. די וואליזן זיינען אויפן דאך געווען צוגעבונדן.

פרוי פיינגאלד האט הארציק געקושט שרהן און רמי האט זיך הארציק געזעגנט מיט שרהן. דער אויטא האט גערירט פון ארט.

לאנג איז שרה געשטאנען ווי פארשטיינערט אויפן ארט. זי האט זיך קיין ריר ניט געטאן. ערשט איצט האט זי געפילט, וואס עס איז איר פאר־לוירן געגאנגען. דאס הארץ האט איר געפרעסט פון ווייטיק, ליבע און ליידן. אט אט און זי וואלט זיך צעוויינט. זי האט זיך אבער באהערשט מיט איבערנאטירלעכע כוחות. ערשט ווען דער אויטא איז פארשוווּנדן הינטער די בוימער און האט זיך מער ניט געזען, איז שרה אוועק צו זיך אין צימער. מער האט זי ניט געקאנט הערשן איבער זיך. זי איז א פאל געטאן אויף איר בעטל און א קוואל פון הייסע טרערן האט זיך ארויסגע־ריסן פון אירע אויגן. איר געוויין איז געגאנגען הויך אויפן קול. ניט געווען קיין כוח, וואס זאל איר באהערשן. לאנג איז זי אזוי געלעגן, ביז די קוואלן פון טרערן האבן זיך אויסגערונען און זי האט זיך אליין געפרעגט? גאט אין הימל! פונוואנעט נעמען זיך אזויפיל טרערן אין אזא קליין ארט, ווו די אויגן געפינען זיך.

לאנג טראכטן האט זי אבער ניט געקאנט ווייל אין טיר האט אנגע־קלאפּט דוד, דער סעקרעטאר פון קיבוץ.

ער איז געווען אנגעטאן אין א גראנאט הויז מיט א ווייס אויבערהעמד. דער האלדז אפן און זיין קאפּ געקרייזלטע טונקל־בלאנדע האר האט שענער געמאכט זיין אפּגעברענט ווייס געזיכט.

— שרה! איך בין געקומען צו דיר, ניט צוליב ליבע־געפילן, נאר

פאַרלייכטערן דיר אין דיינעליידן. איך פאַרשטיי דיך גוט אין דער דאָזי־קער מינוט און ס'איז ניט געוווּנטשן דיר איצט צו לאָזן אַליין.

שרה האָט זיך אויסגעווישט די אויגן, פאַרריכט אירע האָר פון קאָפּ, זיך געזעצט אויף אַ שטול און זיך אָפּגערופן.

— שווער, זייער שווער איז די צעשיידונג פון ליבע. איך האָב עס זיך אַזוי ניט פאָרגעשטעלט, אַז אַ האַרץ זאָל אַזוי בענקען.

— ווערסט זיך צוגעווינען שרה, אַזוי ווי איך האָב זיך צוגעוווינט צו ליידן פון ליבע. איך האָב דיך ליב פון ערשטן טאָג זינט דו ביסט געוואָרן ליבעסווירדיק. איך האָב זיך געשעמט דיר דאָס צו זאָגן ביז איך האָב פאַרשפּעטיקט. אָבער איצט וועל איך דיר ניט באַלעסטיקן. זאָל דאָס לעבן געבן זיינע רעזולטאַטן. איך וויל דיר נאָר זיין אַ פריינד ביז עס וועט דיר קלאָר ווערן אייערע באַציאונגען. און אויב רמי וועט ניט צוריקקומען און דו ווערסט זיין גרייט מיט מיר חתונה האָבן, וועל איך מיט אויפריכטיקער ליבע דיך אויפנעמען. נעם מיר ניט ערנסט פאַר אַ שטערונג אין דיין לעבן. נעם מיר אויף אַלס פריינד און ניט מער.

— איך דאַנק דיר, דוד. דו ביסט אַ גוטער בחור און איך זע אין דיר באמת, אַ פריינד. יעדער מוז האָבן אַ פריינד פאַר וועמען זיך אַמאָל אויס־רעדן, אויסווייגען. איך האָף, אַז דו ווערסט מיר פאַרשטיין. דערווייל בין איך רמיס און וועל זיין אַזוי לאַנג, ביז ער וועט מיר אויפהערן ליבן:

— איך ווינטש אייך דאָס ניט.

לאַנג האָבן ביידע פריינד געשמועסט צווישן זיך וועגן ליבע און טריי־קייט.

ווען דוד איז אַוועק, איז שרה אין ערגעץ ניט געגאַנגען. זי האָט פאַר־לאָשן דאָס ליכט פון איר צימער און זיך געלייגט שלאָפן. זי האָט איצט קיינעם ניט געוואָלט זען. זי האָט געוואָלט אַריין אין טיפן שלאָף און חלומען פון רמי. זען אים כאָטש אין שלאָף. לאַנג איז זי געלעגן מיט אָפענע אויגן און מיט אַ בענקענדיקן קערפּער. נאָר געטראַכט ווו רמי איז איצט. צי טראַכט ער פון איר. אָדער ער האָט שוין פאַרגעסן.

אַ קלאַפּ אין טיר האָט איר האַרץ אַ צאַפּל געטאָן.

— אַ טעלעפאָן פון תל־אביב! — האָט מען איר איבערגעגעבן.

שרה האָט אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אירע קליידער און אַפילו זיך ניט פאַר־קעמט, האָט זי אין טרייבל דערהערט רמיס שטים.

— שרה! דאָ רעדט רמי פון האָטעל „דן". מיר זיינען בשלום אָנגע־

קומען. דעם גאַנצן וועג געטראַכט פון דיר. זיי שטאַרק און אַלץ וועט גוט זיין — האַרציקע קושן.

שרה האָט ניט געקאָנט ענטפערן. איר האַרץ איז פול געווען.

— רמי! — האָט זי נאָר אויסגערופן — שרייב אָפט. — מער האָט זי ניט גערעדט...

אין האָטעל „דן"

אין האָטעל רוישט מיט מענטשן, טוריסטן פון דער גאַרער וועלט, מענטשן קומען און פאָרן. דער דאָזיקער טומל, האָט אויך צעטומלט רמיס געדאַנקען וועגן שרהן. וויפל ער האָט ניט געטראַכט פון שרהן, האָבן דאָך די מענטשן אים געשטערט און דאָס האָט אים אַ ביסל באַרואיקט. רמי איז איצט געזעסן מיט זיין מוטער אין זייער צימער און געשמועסט וועגן זייער רייזע. זי האָט אים דערציילט וועגן די געשעפטן. צווישן אַנדערן האָט זי אויך דערמאָנט העלענס נאָמען.

— מוטער! — האָט רמי אויסגערופן. — איך בעט דיר מער ניט צו דערמאָנען איר נאָמען. אויב איך האָב צוגעשטימט צו פאָרן, איז עס צוליב דיר, דעם פאָטער און די געשעפטן, וועגן ווייטערעס וויל איך ניט הערן. אַלץ קאָנסטו פון מיר פאַרלאַנגען, אָבער ניט מיינע געפילן טרעטן. מיין פערזענלעכן גליק אין לעבן לאָז איבער פאַר מיר. זאָרג פאַר מיין קערפערלעכן פאַרגעניגן אָבער ניט פאַר דער נשמה. איך בעט דיר דעם נאָמען העלען אָדער שרה ניט דערמאָנען, ווייל דאָס קאָן ברענגען צו ווייט גייענדיקע רעזולטאַטן.

— חס וחלילה! — האָט פרוי פיינגאָלד אויסגערופן — איך האָב נאָר דרך אגב דיר דאָס באַמערקט.

פרוי פיינגאָלד האָט פאַרשטאַנען די סיטואַציע, אין וועלכע זי געפינט זיך. זי האָט ניט געוואָלט צעשטערן איר פרייד, וואָס רמי געפינט זיך אין איר צימער, וואָס זי האָט דאָך זיי אָפּגעריסן איינע פון די צווייטע. זי האָט שוין געוואָלט זיצן אויף דער שיף ווייל פון תל־אביב ביזן בערגל אין נגב איז צוויי שעה רייזע. דעריבער האָט זי אויסגערופן:

— זון מײנער. איך װעל דיר ניט שטערן אויסװײלן דײן לעבנס־באַ־גלײטערין, זײ מיר מוחל.

אַ דינער פון האָטעל האָט געמאָלדן, אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום דאַרף מען פאָרן קײן חיפה, װײל די שיף גײט נאָך הײנט אָפּ.

— מיר זײנען גרײט — האָט רמי געענטפערט דעם דינער.

ער האָט אַרויסגענומען צען פונט און עס געגעבן אַלס טרינק־געלט, װי עס איז אָנגענומען בײ גוטע טוריסטן.

פרוי פײנגאָלד האָט דאָס באַמערקט מיט אַ ניט צופרידענעם בליק.

דער דינער האָט אַרײנגעלײגט דאָס געלט צו זיך אין קעשענע און אַ שמײכל האָט זיך באַװיזן אויף זײן פּנים. װען פרוי פײנגאָלד איז אַװעק אין עס־צימער, האָט רמי אַרײנגעלײגט אין אַ בריװ אַ 100־דאָלאַרדיקן באַנקנאָט. דער בריװ איז געװען אַדרעסירט צו שׂרהן, אין קיבוץ. רמי האָט געבעטן דעם דינער עס אָפּשיקן מיט דער פּאָסט, נאָך פאַר זײער אָפּפאָרן און צוריקברענגען אים די פּאָסט־באַשטעטיקונג.

רמי האָט אין דעם בריװ פאַרזיכערט שׂרהן, אַז בײ דער ערשטער געלעגנהײט װעט ער קומען צוריק, אָדער טאָמער װעט זי װעלן קומען אַהין, קײן אַמעריקע, װעט ער איר שיקן די געהעריקע פּאַפּירן. פאַר די 100 בײגעלײגטע דאָלאַר זאָל זי זיך קויפן, װאָס איר געפעלט.

דער דינער האָט דעם בריװ אָפּגעשיקט, און נאָך אײדער זײער טאַקסי האָט גערירט פונעם אָרט, איז דער דינער צוריקגעקומען פון דער פּאָסט מיטן קװיטל.

— װאָס איז עס פאַר אַ בריװ? — האָט פרוי פײנגאָלד אַ פרעג גע־טאָן איר זון.

— אַ בריװ צו שׂרהן, מוטער. — האָט רמי געענטפערט.

— אַזױ זײן פאַרליבט! רמי, איך גלויב זיך קוים אויף דיר. ביסט דאָך געװען אַזאַ נאַאיװער בחור...

— מוטער, איך בעט דיר, אויב דו װילסט, אַז צװישן אונז זאָל הערשן משפּחה־פרײנדשאַפט, טאָ ריר ניט אָן מײנע געפילן. דו קאָנסט מיט מיר רעדן װעגן װאָס דו װילסט, קאָנסט מיר זאָגן דײן מײנונג װעגן דער הײראַט: אַז זי איז גוט אָדער שלעכט, װעגן דעם זײנען דאָך פאַראַן גאַנצע טעאָריעס אין לעבן. מיר קאָנען פילאָזאָפיש באַטראַכטן אַזעלכע פּראָבלע־מען, — אָבער טרעט ניט מײנע געפילן. װאָס מער דו װעסט באַלײדיקן שׂרהן, אַלס שטאַרקער װעל איך איר ליב האָבן — און דאָס קאָן דאָך אַמאָל ברענגען צו אַ ריס אין אונזער לעבן. עס איז אויך קלאָר,

אַז אַזאַ סיטואַציע קאָן שטערן, צוליב דיר, מיינע קאָנגוזייטיקע באַציאונגען מיטן פֿאָטער. איך בין דיר געווען אַ טרייער זון. איך האָב פֿאַרשטאַנען דיינע זאָרגן פֿאַר דער געשטאַלטונג פֿון אונזער היים אין אַמעריקע. איך קלער אָבער ניט צו בייטן דעם דאָלאַר אויף מיין צוקונפֿט. טאָ זיי צו מיר אַזוי ווי אַ מוטער, וואָס וויל זען איר זון אַ גליקלעכן. אָבער ניט אַזאַ גליק, ווי דו פֿאַרשטייסט עס. גליק קויפֿט מען ניט. קויפֿן קאָן מען זיך פֿאַרגע־ניגן, און וויסן זאָלסטו, אַז וואָס מער דו ווילסט פֿאַרמיאוסן שרה׳ן אין מיינע אויגן, טרייבסטו צו מיספֿאַרשטענדענישן אַלץ מער צווישן דיר און מיר. געדענק, אַז איך הויב ערשט אָן בויען מיין לעבן, און ווי אַזוי איך וועל עס בויען — אַזוי וועל איך עס האָבן. איך קאָן אַמעריקע און קאָן אַמעריקאַנער מיידלעך. איך בין שוין אַ דערוואַקסענער בחור, שוין איבער 18 יאָר. מער וועלן מיר וועגן דעם ניט רעדן. לאָמיר טראַכטן, וואָס איז דאָ ווייטער צו טאָן.

דער שאָפֿער האָט געמאָלדן, אַז ס׳איז שוין צייט צו פֿאָרן. מוטער און זון האָבן זיך געזעגנט מיטן האָטעל־פּערסאָנאַל און אין געציילטע מינוטן זיינען זיי שוין געווען אויפֿן שאָסיי, וואָס פֿירט קיין חיפה.

רמי איז געזעסן פֿאַרטראַכט און אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער. זייער אויטאָ איז געפֿלויגן גיך אויף צפֿון. יעדע סעקונדע האָט דערווייטערט רמי׳ן פֿון שרהן אויף קילאָמעטערס. אַ שטאַרקע בענקעניש און אַ פֿאַרדרוס האָט אים פֿאַרכאַפּט: ערשט איצט האָט ער געגומען פֿילן, ווי זיין האַרץ ווערט צעריסן פֿון אומעט און טרויער.

— וואָס טוט זי איצט, שרה? — האָט ער געטראַכט. — איז זי ביי די קליינוואַרג אין זייערע צימערן? האַלט זי וועמענס אַ קינד און דריקט עס צו איר האַרצן, אָדער קושט עס?

רמי האָט זיך פֿון בענקשאַפֿט איינגעטוליעט אין ווינקל פֿונעם אויטאָ און איז געזעסן אומעטיק און טרויעריק, ווי ער וואָלט פֿאַרלוירן די גאַנצע וועלט. ער האָט ניט געפֿילט די העלע זון־שיין, וואָס האָט אַזוי ליכטיק און קלאָר באַשיינט די פֿעלדער. אָט לויפֿט דורך די באַן, אָט פֿליט אַן עראָפּלאַן. פֿון ווייטן זעט ער אויפֿן ים אַפּשווימען אַ שיף, קיבוצניקעס אַרבעטן אויף טראַקטאָרן, יונגע ייִנגלעך און מיידלעך, אין זייערע ווייסע בלוזקעס אין בלויע קורצע הייזלעך מיט די נאַקעטע פֿיס, שטייען געבויגענע ביי זייער אַרבעט, אַקוראַט ווי ביי זיי אין קיבוץ, — איז גוט — טראַכט רמי, — וואָס שרה איז באַשעפֿטיקט אינעווייניק.

פרוי פײנגאָלד האָט קײן וואָרט ניט אַרויסגערעדט. זי האָט נאָר פֿון צײַט צו צײַט געוואָרפֿן בליקן אויף רמין און געהאַט אויף אים מיטלײד פֿאַר זײַנע לײַדן פֿון ליבע. אין האַרצן האָט זי געטראַכט: עס וועט אַדורך. ער וועט זיך צוגעווינען און דאַן — זיך אָפּגעווינען. עס וועט שוין קומען פֿון זיך אַלײן...

—רמי האָט ניט געפֿילט ווי זײַ זײַנען אַרײַנגעפֿאָרן אין פּאָרט. ערשט, אַז דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט ער זיך דערזען אין זײַן פֿאַר־צווייפֿלונג.

דער שאָפֿער איז אַרויס פֿון זײַן קאַבינע. אָפּגעבונדן די וואַליזן, וועל־כע די פּאָרט־טרעגער האָבן באַלד אַ כאַפּ געטאָן. רמי האָט קײן צײַט ניט געהאַט צו טראַכטן. ער איז זײַ נאָכגעגאַנגען. די רײַזע־פֿאָרמאַליטעטן זײַנען דערלײדיקט געוואָרן, — דאָס מאָל עפּעס גיכער ווי תּמיד...

די שיפֿס־לײטונג האָט איבערגעגעבן, אַז די שיף שווימט אָפּ אין צוויי שעה אַרום

רמי האָט זיך ניט געקאָנט געפֿינען קײן אָרט אין גרויסן טומל פֿונעם חיפֿה׳ער פּאָרט. ער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל שוין זײַן ווײַט אויפֿן ים און עס זאָל וואָס גיכער אַ סוף נעמען צו זײַנע לײַדן. כּל זמן ער געפֿינט זיך נאָך אויפֿן ישׂראל־באָדן...

אַזוי אַרומשפּאַצירנדיק איבערן פּאָרט, טראַכטנדיק וועגן שׂרהן, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט איר זײַן בילד און אַדרעס ניט איבערגעלאָזט, און אַז אויך זי האָט וועגן דעם ניט דערמאָנט. גיך איז ער אַרויס אין גאַס, צוגעגאַנגען צו אַ פֿאָטאָ־הויז. פֿאַר אַ טײַערן פּרײַז באַשטעלט בילדער, געוואָרט אויפֿן אָרט, און נאָך באַוויזן אָפּצושיקן מיטן אַדרעס זײַנעם פֿון ניו־יאָרק.

אַרויפֿקומענדיק אויף דער שיף, האָט ער דערזען די פֿאַרצווייפֿלונג פֿון זײַן מוטער, ניט וויסנדיק דעם טײַטש פֿון זײַן פֿאַשווינדן.

— ווו ביסטו פֿאַרפֿאַלן געוואָרן? — האָט זי אויסגערופֿן — איך האָב געמײנט, אַז דו האָסט זיך אומגעקערט קײן תּל־אָביב.

— לויטן שׂכל, ווי אויך לויט מײַנע געפֿילן, האָב איך עס געדאַרפֿט טאָן, אָבער לויטן טאַקט כּלפּי דיר, מוטער — ניט. אָבער איך האָף דאָך צוריקצוקומען, אַזוי גיך, ווי נאָר מעגלעך. סײַדן איך וועל ניט האָבן צו וועמען צוריק צו קומען. אָבער אויך דאָס לאַנד איז מיר טײַער, מוטער. קלוג וועט איר טאָן, ווען איר וועט באַשליסן אַלע אַהערצוקומען...

— דו רעדסט נאַרישקייטן, מיין זון. אַ סך יונגע אַמעריקאַנער האָסטו דאָ?

די צייט פון אָפּשווימען פון דער שיף איז געקומען. דאָס בריקל פון דער שיף איז שוין לאַנג אויפגעהויבן געוואָרן פון פּאָרט. אַ סך רייזנדע שטייען ביים ראַנד פון דער שיף און געזעגענען זיך מיט האַנט־קושן. מ'לאַכט און מ'וויינט. אָט געזעגנט אַ יונג מיידל אירס אַ בחור. קאָנטיק, זי וויינט און ער באַגריסט זי מיט האַנט־באַוועגונגען. קינדערלעך טאַנצן אַרום אים. רמי באַמערקט ניט ווי די שיף באַוועגט זיך לאַנגזאַם און אָט ווערט אַ דיסטאַנץ צווישן וואַסער און באָדן. רמי קוקט אויף די אַלע, וועלכע זיינען געבליבן. זיין בליק איז פאַרשטאַרט. פּלוצים האָט אים זיין האַרץ אַ ריס געטאָן. ביים טויער פון דער צווייטער זייט, איז אַ פּאַרסאָ־פּעטע צוגעלאָפן שרה.

רמי האָט אַ צאַפּל געטאָן: איז עס שרה, אָדער אַן ענלעכע צו איר? זי קאָן דאָך ניט זיין, זי האָט דאָך ניט געוואָלט אים פאָרן באַגלייטן. וואָס פּלוצים?...

שרה האָט רמין באַמערקט.ביידנס אויגן האָבן זיך קעגנזייטיק טיף איינ־געגעסן. איר שניי־ווייס טיכל האָט זי באַוועגט אין אירע הענט.

די שיף האָט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער געררוקט, ביז עס איז שוין ניט מעגלעך געווען צו דערקענען מענטשן.

שרה איז נאָך אַלץ געשטאַנען און נאָכגעקוקט ווי די שיף דרייט זיך אויס מיטן פראָנט און נעמט אַן אַ גיכערן טעמפּאָ אין איר רייזע. אויך שרה האָט געפילט ווי איר האַרץ ווערט אָפּגעריסן.

נעבן שרהן איז געשטאַנען דוד. ער האָט קיין וואָרט פון מויל ניט אַרויסגעבראַכט. ער האָט אין דער דאָזיקער מינוט פאַרשטאַנען שרהן. דוד האָט זי אָנגעקוקט. איר ברוין געזיכט, מיטן אומעטיקן שמייכל, האָט זיין האַרץ געבערענט ווי אַ פייער. ער האָט געוווסט, אַז ער וועט זי אַזוי לייכט ניט דערגרייכן.

ווען די שיף איז שוין ווייט אויפן האָריזאָנט געווען, האָט דוד זיך אָפּ־גערופן:

— שרהלע, דיין וואָרטן דאָ האָט קיין זין ניט. קום אַרויס אויפן שאָ־סיי, פון דאָרט וועסטו נאָך קענען זען די שיף.

שרה איז אַן אומעטיקע געגאַנגען. זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין זייער אַמעריקאַנער „סטיישן". שרה איז געזעסן נעבן דודן, וועלכער האָט

געפירט מיט דער מאַשין. ביי עטלית האָט נאָך שרה געזען די קאָנטורן פון דער שיף, מיט וועלכער רמי איז אפגעשוווּמען.

דוד האָט געשוויגן. ער האָט געעפנט דעם ראַדיאָ, אָבער שרה האָט באַלד געבעטן אים צומאַכן. זי וויל איצט רו. דוד האָט געפאָלגט.

שרה האָט זיך געהאַלטן מוטיק נאָר אַ געוויסע צייט, אָבער באַלד האָט זי זיך ניט געקאָנט באַהערשן און איז אויסגעבראָכן אין אַ האַרץ־רייסנדיק געוויין. דוד האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין ביים ראַנד פון שאָסיי און פּרובירט איר באַרואיקן. אָבער דאָס איז אים ניט געלונגען. שרה האָט געוויינט אָן אויפהער.

— פאָר! — האָט שרה געבעטן דודן, — לאָמיר וואָס פריער קומען אַהיים, ווייל ס'איז ניט געווונטשן פאָרן ביינאַכט אין נגב.

שרהן איז אַ סך לייכטער געוואָרן נאָכדעם, ווי זי האָט זיך אויסגעוויינט. — איצט שטעל אָן דעם ראַדיאָ. — האָט שרה געבעטן דודן.

דוד האָט געפאָלגט אַלץ, וואָס שרה האָט געהייסן. דער ראַדיאָ האָט געשפּילט ארץ־ישראל לידער, — אַקוראַט די, וואָס שרה פלעגט זינגען מיט אירע קינדערלעך אין זייערע צימערן. דוד איז געפלויגן מיט זיין מאַשין ווי אַ טייוול. שרהן איז עס אויסגעקומען ווי דער אויטאָ פאַרט לאַנגזאַם. דוד האָט געמיטן אַלע אויטאָס אויפן שאָסיי.

— דוד, פאַרוואָס בענקט אַזוי אַ האַרץ? — האָט שרה געפרעגט פּלוצים. — מיט וואָס דערקלערט זיך עס?

— דאָס איז לייכט צו דערקלערן, שרה, — האָט דוד געענטפערט. — עס ווערן באַרירט די טיפסטע געפילן פון מענטשלעכן וועזן. ס'איז אַזוי ווי אַ סטרונע פון אַ פידל, וואָס ווערט באַרירט פון פילנדיקער האַנט. אָט די דאָזיקע מוזיק רירט די נשמה פון מענטש. ביי יעדן מענטשן עקזיסטירן געפילן. ביי אַנדערע ליגן זיי טיף פאַרבאָרגן, ביי אַנדערע זיינען זיי אויפן אויבערפלאַך. דאָס איז אָפּהענגיק פון דער דערציאונג, סביבה, אין וועלכער דער מענטש געפינט זיך. טרעפן זיך מענטשן מיט די זעלבע כאַראַקטערן און געפילן, אַנטוויקלען זיך די דאָזיקע שטריכן, אַזוי ווי די סטרונע דער־פילט די האַנט וואָס שפּילט אויף איר. — דאָס איז אויך די בענקשאַפט...

— קאָן עס פאַרגיין? — פרעגט שרה.

— יאָ, און ניין. לרוב ניט. ווייל געפילן זיינען אַ קאָמפּלעקס פאַר זיך, וואָס לאָזן זיך ניט טיילן. אַקוראַט ווי עס איז באַוווּסט, אַז צוויי מאָל ליבן קאָן מען ניט. אָבער ס'איז איצט ניט די צייט צו רעדן וועגן דעם —

זאָגן וועל איך דיר, שרה, אַז איך האָב דיך ליב מיט אַלע פיבערן פון מיין נשמה. איך האָב אָבער ניט געהאַט דאָס גליק מיט מיינע געפילן זיך צו טיילן מיט דיר איך פאַרשטיי דיך מיט רמין צוזאַמען. אויב דו וועסט וועלן, וועל איך דיר פאַרבלייבן אַ פריינד, ביז רמי וועט צו דיר צוריקקומען, אָדער דו וועסט פאָרן אַהין. טאָמער וועסטו זיך אַנטוישן, וועל איך דיר שענקען ניט ווייניקער טרייקייט ווי רמי. קלאָר, אַז איך וועל ניט קאָנען פאַרבייטן רמין, ווייל ער האָט פאַרוונדעט דיין האַרץ און נאָר ער קאָן דאָס האַרץ צוריק היילן. די אַנטוישונג אין אים וועט אויך דיר ניט געבן קיין רו, אָבער איך וועל זיין גרייט דערויף. וואָס איך זאָג צו, שרה, איז דיך היטן און שיצן פון אַלע געפאַרן, וואָס לויערן אויף אַזאַ מיידל, ווי דו ביסט. איך וועל דיר זיין ווי אַ ברודער, ווייל איך וויל דיך זען אַ גליקלעכע. דיין גליק רופט ביי מיר אַרויס פרייד. איך האָב אפשר פאַרשפּעטיקט צוליב מיין ניט-דרייסטקייט. איך האָב ניט געטראַכט, אַז אַזוי גיך וועסטו זיך פאַרליבן אין רמין. רמי איז מיר אַ גוטער חבר, איך האָב אים ליב. ער האָט ניט איינמאָל מיט מיר גערעדט וועגן דיר. ער האָט זיך פאַרטרויט פאַר מיר, אַז ער האָט דיך ליב, איך האָב אים צוגערעדט דערצו...

— איך דאַנק דיר, דוד, וואָס דו האָסט מיך גענומען צו דער שיף! דו האָסט מיר יענע מינוטן גוט פאַרשטאַנען. ביסט אַ גוטער חבר — האָט שרה זיך אָפּגערופן. איך מיין, אַז מיר וועט איצט זיין לייכטער דורכצוגיין די צייט, ביז איך וועל וויסן ווי אַזוי מיין צוקונפט וועט זיך אויסוויקלען, איינס וואָס איך וויל דיר זאָגן דוד — איך וועל קיין אַמעריקע ניט פאָרן! — וועט רמי וועלן, זאָל ער קומען אַהער.

— ביסט גרייט אים צו פאַרלאָזן, נאָר דערפאַר, ווייל ער זאָל ניט וועלן קומען אַהער?

— יאָ, דוד! איך וועל קיין אַמעריקע ניט פאָרן, — האָט שרה געענטפערט. וועט ער וועלן, זאָל ער קומען, ווען ניט? —

— וואָס ווען ניט? — האָט דוד אויפגעכאַפּט איר וואָרט.

שרה האָט געשוויגן.

— ווען ניט, וועט איר זיך צעשיידן?

— איך שטעל זיך ניט פאָר, אַז רמי וועט ניט קומען אַהער — האָט שרה געענטפערט.

— אָבער ער האָט מער גערעכטע דערוויזן דיר צו נעמען אַהין. ער

האָט דאָרט זיינע עלטערן, זיין קיום. אַמעריקע איז אַ גרויס לאַנד, אַ רייך לאַנד. קאָנסטו פאַרגלייכן אונזער קיבוץ אין נגב ביז צו דעם גרויסן ניו־יאָרק ? סוף כל סוף האַלטן מיר זיך אויס פון זייערע געלטער.

— ס'איז ריכטיק. ער האָט דאָרט זיין טאַטע־מאַמע, זיינע ביזנעס, ניו־יאָרק, גלאַנץ און פראַכט. ניו־יאָרק גלאַנצט אויך אין שמוץ. דאָס פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן, איז ניט פון פאַרדינטע אַרבעט, נאָר פון האַנדל, פון ספּעקולאַציע. גייען אַמאָל גוט די געשעפטן, גייען זיי אָבער אויך אַמאָל שלעכט. עס איז אַ געשפּאַנט לעבן ביי זיי. ניט אַלץ איז די טעלעוויזיע מיט דעם איבעריקן לוקסוס. און איבער אַלץ, דוד, איז עס פרעמדס. זיי זיצן אין אַ פרעמד לאַנד. אויף פרעמדן באָדן און עסן פרעמדע האָרעוואַניע. אַזוי איז אויך געווען אין פּוילן. אויך יידן האָבן דאָרט געלעבט הונדערטער יאָרן. און גוט געלעבט. אויך פון האַנדל, אויך פון פרעמדע אַרבעט. און אויף פרעמדן באָדן. און זייערע קינדס־קינדער האָבן דערפאַר טייער באַצאָלט. אוי ווי טייער. אַ מבול איז אַרונטער פון הימל. אַ מבול פון פייער און האָט פאַרטרונקען דאָס פאַרמעגן מיט די יידן צוזאַמען. דאָס גאַנצע פאַרמעגן, וואָס יידן האָבן אָנגעזאַמלט פאַר דער צייט, וואָס זיי האָבן דאָרט געוווינט. אויך זיי האָבן חתונה געהאַט. אויך זיי האָבן געבוירן קינדער. אויך זיי האָבן זייערע טאַטעס געגעבן בירושה פאַרמעגנס. איך ווייס ניט דוד, פון וואַנען דו קומסט. אָבער איך, אין מיינע יונגע יאָרן, האָב זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט פון דאָזיקן גהינום. איך קאָן זיי מער ניט אָנקוקן. זעסט דאָך, פּוילן איז געבליבן פּוילן, זייער פאָלק לעבט ווייטער. זע זייערע בילדער פון זייער לאַנד, קוק ווי זיי האָבן צוריק אויפגעבויט זייער היים. די שטעט זיינען שוין ניט צו דערקענען. נייע אויפן אָרט פון די אַלטע. שענערע, בעסערע — זע, ווי זייערע קינדערלעך שפּילן זיך פריילעך אין זייערע גערטנער. זע די פרייד אין זייערע שולן, אין די אוניווערסיטעטן. זיי לעבן. און אויך אַ ביסל יידן זיינען פאַרבליבן אין היינטיקן פּוילן. זע ווי זיי זעען אויס ? צעבראָכענע, פאַרזאָרגטע. ווו זענען זייערע שולן ? ווו זיינען זייערע אוניווערסיטעטן, ווו איז זייער פריילעכע יוגנט ? ווו און וויפל זענען זיי ? אמת. די קריסטן בעמען זיי אויף פּיין, אָבער ווו א טראָט, דאָרטן איז פאַרגאָסן יידיש בלוט. אומשולדיק יידיש בלוט. איך מיין נישט אז אמעריקע וועט דאָס אויך דורכמאַכן. אָבער איך פיל א פרעמדקייט צו זיי. איך מוז ריידן זייער שפּראַך, דינען זייערע אינטערעסן. ניין, איך וויל מיין היים, מיין שטיקל ווינקל. דאָ איז אונזער יוגנט אַ לאַכעדיקע. דאָ האָבן מיר דאָס, וואָס זיי, די גויים האָבן דאָרט. אָט דערפאַר

ווײל איך אים האָבן דאָ. און ווען ער וועט דאָ זײַן, איז מײַן לעבן גאַנץ, אַזוי ווי זײַער לעבן איז גאַנץ.

— שרה! איך האָב גאַרנישט געוווסט אז דו ביזט אַזאַ פּאַטריאָטין. איך האָב דיר געהאַלטן פאר אַ נאַאיווּ מיידל. איך האָב גערעכנט אז דו מוזט זיין ווי אַלע מיידלעך. זיך פּוצן, קליידן און צום סוף, נאָכן געפינען אין שטאָט אַ רייכן בחור — וואָלסטו אונז פאַרלאָזן. ווי אַ סך האָבן עס געטאָן.

—עס איז אַ פראַגע, וואָס הייסט רייכטום? איך פאַרשטיי רייכטום אין גליק און נישט אין געלט. מעגלעך אז דאָס איז מיר געקומען פון דעם וואָס איך האָב דורכגעמאַכט.

דער אויטאָ האָט זיך דערווייל דערנענטערט צום קבוץ. פון ווייטן האָט שרה באַמערקט די גרינע בוימער וועלכע האַלטן אין זיך די עטלעכע הייזקעס אין וועלכע עס לעבן די חברים און חברות. ווי נישט ווילנדיק, איז איר געקומען אויפן געדאַנק רמי. אָט, נעכטן איז ער נאָך דאָ געווען. ווי גוט זי האָט זיך עס געפילט אין זײַן אַנוועזנהייט.

אַ טראַקטאָר האָט זיך צוריקגעקערט פון פעלד, אָט פאָרט אָן אָן אויטאָ מיט אַראָפּגעגנומענעם שטרוי פון די פעלדער. חברים באַגריסן זיך.

דער אויטאָ בלייבט שטיין ביים סעקרעטאַריאַט. שרה איז פלינק אַרויסגעשפּרונגען פון דער קאַבינע, געוואַרט ביז דוד האָט געשלאָסן די מאַשין און מיט געמאָסטענע טריט, האָט דוד צוגעפירט שרהן צו איר צימער. אַ ווײַלע זײַנען זיי שטיין געבליבן.

— איך בין מיד און גיי זיך איצט אויסרוען — האָט שרה אויסגע־רופן. — אויף ווידערזען דוד, איך וועל עס דיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן — און זי איז אַריינגעלאָפן אין איר צימער.

אַרײַנגייענדיק, האָט זי צוגעשלאָסן די טיר. אין צימער איז געווען הייס פון די אָנגעברענטע זון. שרה האָט אָן עפן געטאָן ביידע פענצטער אַ קיל צפון־ווינטל האָט אַרײַנגעפּראַלט און זיך אַ שפּיל געטאָן מיט אי־רע האָר. אַ לייכטע קעלט האָט איר אַ כאַפּ געטאָן. שרה האָט זיך געלייגט אויף איר בעטל. אָבער דאָס מאָל איז זי שוין געווען באַרואיקט. קאָנטיק אַז דאָס געשפּרעך מיט דודן האָט צעשטרייט אירע בענקנדיקע מחשבות. אָט זעט זי רמין נאָך שטיין אויפן ראַנד פון דער שיף. ער האָט איר געזען, יאָ! ער האָט איר געזען. ווייל ער האָט באַוועגט מיט זײַן האַנט. שרה האָט צוגעמאַכט אירע אויגן און איר מוח האָט פאַנטאַזירט ווי שיין עס איז איצט צו זײַן אויף דער שיף, וועלכע גליטשט זיך איבערן מיטללענדישן

ים, די זון וואַרעמט. זי איז קיינמאָל ניט געפאָרן מיט אַ שיף. וואָלט זי געוואָלט, האָט זי דאָך געקאָנט מיטפאָרן.

און אפשר האָב איך שלעכט געטאָן? — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. סוף כל סוף האָב איך דאָך אים ליב. ער האָט זיך אַזוי געבעטן. אַלערליי מחשבות האָבן זיך געפּלאָנטערט אין איר יונגן מוח. ער מוז זיכער טאַנצן מיט שיינע מיידלעך אויף דער שיף און באַלד וועט קומען אַ בריוו און נאָך אַ בריוו, דאַן וועט דאָס ווערן פאַרלאַנגזאַמט, עס וועלן קומען בריוו איין מאָל אין חודש, ביז עס וועט אינגאַנצן אויפהערן. שרה האָט זיך גענומען שרעקן פאַר דעם געדאַנק, אָבער די מידעקייט האָט איר אַרומגעכאַפּט און זי איז איינגעשלאָפן.

רמי אויפן וועג קיין אמעריקע

לאַנג איז רמי געשטאַנען אויפן דעק פון שיף און געקוקט אויף דעם אָרט, ווי שרה איז געשטאַנען. רמי האָט אויך באַמערקט ביים טויער שטיין דודן. וואָס ווייטער די שיף האָט זיך באַוועגט אַלץ מער האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרלירן שרהס געשטאַלט. און ווען די שיף איז שוין געווען אַ שטיק ווייט אין ים, האָט נאָך אַלץ רמי געקוקט אויף דער שיינער פּאָרט־שטאָט, חיפה.

אַ, ווי עס האָט אים באַנג געטאָן דאָס פאַרלאָזן דאָס לאַנד. דאָ האָט ער געקעמפט מיט די אַראַבער, דאָ האָט ער שוין באַוויזן צו פאַרגיסן זיין בלוט. ווי פון זיך האָט ער גענומען טראַכטן וועגן זיין קאַמף פאַרן בערגל. זיין באַקאַנען זיך מיט שרהן — ווי שיין זי איז — האָט זיין האַרץ אויסגעשריען. וויפל לעבן און פראַכט עס ליגט אין אָט דעם מיידל. ווי ליבנסווירדיק זי איז. ווי אַנדערש איז איר כאַראַקטער פון די אַמעריקאַנער מיידלעך, וועלכע ווייסן נאָר פון טאַנץ און מאַסטיק, פון „באַיס״ און דער מאַמעס קוכן. ווי פּוסט זיי זיינען כלפּי דאָס מיידל פון סטעפּ. וואָלט ער געקאָנט, וואָלט ער אַראָפּ פון דער שיף און זיך געקערט אַהין דאָרט צום בערגל אין נגב ווו שרה געפינט זיך.

רמי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין ראַנד פון דער שיף און ניט אַראָפּגע־לאָזן די אויגן פונעם דרום, וווּ עס האָט זיך געפונען דאָס קלייניניקע ישראל.

רמי האָט ניט געטאַנצט מיט מיידלעך, ווי שרה האָט געטראַכט. רמי האָט שפּאַצירט איבערן דעק פון דער שיף און געזען פּאָר זיינע אויגן הימל און וואַסער. די זון האָט געוואַרעמט און רמי האָט גענומען אַ ליג־שטול. זי אָוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און זיך ברייט אויסגעצויגן אויף איר. רמי האָט זיך איינגעדעקט אין זיין לייכטן זומער־מאַנטל און געפּרוווט איינדרעמלען. ער האָט נאָך ניט באַוויזן צומאַכן זיינע אויגן, ווי זיין מוטער איז צו אים צוגעגאַנגען.

— רמי! — האָט זי אויסגערופן. — מיר זוכן דיך אַרום און מען קאָן דיך ניט געפינען. קום אַראָפּ אונטן, זע ווי פריילעך דאָרטן איז. די שיף איז פול מיט יוגנט. דער אָרקעסטער שפּילט, פּאָרלעך טאַנצן און דו ליגסט דאָ, אַליין?

— זאָלן זיי טאַנצן, מוטער. אויך מיין נשמה טאַנצט. ווייסטו ניט ווי שיין עס איז איצט צו ליגן דאָ אויפן דעק פון דער שיף און חלומען.

— חלומען איז אָפט שענער ווי רעאַלקייט — האָט די מוטער זיך אָפּגערופן. אָט חלום איך איצט, אַז נאָך אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועלן מיר שוין זיין אין דער היים. צוריק אין אונזערע פיר ווענט. וועסט זען דיין פּאַטער, דיינע פריינד, דיינע חברים און חברטעס. וועסט ווידער קאָנען מאַכן דיינע שפּאַצירן מיט העלען אין איר שיינעם אויטאָ. איז דער חלום ניט שענער ווי דיין חלום אין הייסן מדבר, צווישן די ווילדע אַראַבער מיט די ברייטע הויזן און גראָבע וואָנצן?

— מוטער, ברייטע הויזן און גראָבע וואָנצן זיינען אַמאָל בעסער ווי אַ גראָבער כאַראַקטער. זיי ניט בייז אויף מיר, און איך מיין עס ניט דיר. דו ווייסט אָבער, אַז איך האָב ליב שרהן און וועל זיך מיט איר ניט שיידן. זאָגסטו מיר, אונטן איז פריילעך, פּאָרלעך טאַנצן. מיינע געפילן טרעטסטו אָזוי, ווי זיי וואָלטן דיר געווען פרעמד. ווו זענען דיינע געפילן? דו האָסט מן־הסתם חתונה געהאַט מיטן טאַטן, ווייל ער האָט געמוזט זיין רייך.

— יאָ! אָזוי איז איז טאַקע געווען, — מיין זון. דאָרט ווו ס'איז רייכ־טום, דאָרטן ליגט גליק און פרייד. קבצנים לעבן ניט צופרידן. ווייסט דאָך פון ווערטל „אַז דאָס מילכעלע מאָלט זיך איז דאָ ברויט”.

— ווי וואָלט געווען ווען מיר פאַרלירן אונזער פאַרמעגן? עס קאָן דאָך טרעפן אָזוינס אין אַמעריקע?

— עס וואָלט געווען זייער ניט גוט. אָבער מיר וועלן ניט רעדן וועגן

דעם. צו וואָס מאַכן זיך שווער שוין דאָס האַרץ, ווען אַזוינס קאָן גאָרניט פּאַסירן.

— ווייסט, מוטער? איך ליג און טראַכט וועגן דעם אונטערשייד צווישן דיר, אַ דערפאַרענע קולטורעלע פרוי, אַזוי פיל קולטור וויפל דיין אַמעריקע האָט, און שרה, דאָס מיידל, וועלכע איז זעכצן יאָר אַלט. זע, ווי זי האָט דיר באַהאַנדלט. זי איז געפאָרן דיך אָפּנעמען פון דער שיף. געווען מיט אונז געהאָלפן דיר אין אַלע דיינע פּאַרלאַנגען און דו האָסט אָפּילו ניט געבעטן איר איינלאַדן, זי זאָל אונז כאָטש באַגלייטן צו דער שיף. האָסטו איר אָפּילו דעם פאַרגעניגן ניט געוואָלט פאַרשאַפן. איך האָב געשוויגן און געוואָרט אויף דיינע באַמערקונגען וועגן דעם.

די מוטער האָט געקוקט אויף רמין, און לאַכנדיק אויסגערופן:

— רמי, אַמעריקאַנער מאַכן זיך ניט קיין טראַגעדיעס פון נאַרישקייטן. מיר, אַמעריקאַנער זיינען גוט צום צווייטן אויף וויפל מיר דאַרפן זייער נוצן. מיר זיינען פּראַקטיש. „דאַרפסט דעם גנב, נעם אים פון דער תליה". דאַרפסטו אים ניט, הענג אים — זאָגט אַ פאָלקס־ווערטל אין אַלע שפּראַכן. זע, פון וואָס ער מאַכט פּראָבלעמען. פונקט ווי איין שרה איז דאָ אויף דער וועלט. קום אַראָפּ אונטן, וועסטו זען מיידעלעך. איינע שענער פון דער צווייטער. דו ביזט אַ שיינער בחור. נאָר וואָס דו ביזט. לעב, כל זמן דו ביזט יונג.

רמי האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין מוטער, מיט אַזאַ בליק, פון וועלכן פרוי פיינגאָלד האָט שוין מער ניט גערעדט. דערביי האָט ער אויסגערופן:

— מוטער! ווען דו וואָלסט וויסן וויפל שטאַרקייט דו גיסט צו מיין ליבע צו שרהן, וואָלסטו ווייניקער גערעדט וועגן איר. און איך בעט דיך אויב דו ווילסט, אַז איך זאָל זיך פון פראַנקרייך ניט אומקערן גלייך אַהין, קיין ישראל, זאָלסטו מער וועגן שרהן ניט דערמאָנען קיין וואָרט. איך דערוואַרט פון דיר דערציאונג, קליידונג, עסן, בילדונג, אָבער ניט געפילן. אין אַלץ האָב איך דיר געפאָלגט און וועל פאָלגן. אָבער ניט אין געפילן. פאַרוואָס געפעלט דיר ניט שרה? ווייל זי איז אַן אָרעם מיידל. ווייל זי איז אַ יתומה און געפינט זיך אין קיבוץ. זי איז רייכער פון אונז אַלע. און וויסן זאָלסטו, איך האָב געוואָלט מיט איר חתונה האָבן פאַר מיין אָפּ־פאָרן, האָט זי מיר געענטפערט, אַז איך האָב עלטערן, וויל זי, אַז זיי זאָלן פירן זייער זון צו דער חופה. אַ צווייט מיידל וואָלט עס אַזוי געטאָן? ווי מאַכן אונזערע יונגע? זיי קומען און זאָגן: טאַטע, מאַמע! מיר האָבן חתונה געהאַט.

פרוי פײַנגאָלד, װעלכע האָט געװאָלט מיטנעמען איר זון אונטן, װו מוזיק האָט געשפּילט און פּאַרלעך האָבן פֿײַן פֿאַרבראַכט, איז באַגײַסטערט געװאָרן פֿון רמיס רייד.

זי האָט זיך גאָרניט פֿאַרגעשטעלט, אַז רמי זאָל אַזױ שײן רעדן. זי האָט אים נאָך געקאָנט אַלס קינד. און דאָ אַזױ דערװאַקסן, אַזױ לאָגיש האָט זי שױן לאַנג ניט געהערט רעדן קינדער.

אַ פֿאַרשעמטע, איז פֿרוי פּײַנגאָלד אַראָפּ אין איר קאַיוטע און צוריק־געלאָזן רמין. די גאַנצע רײזע האָט זי ניט דערמאָנט קײן װאָרט װעגן שרהן. פֿאַרקערט. װען רמי האָט געשריבן אַ בריװ פֿון דער שיף, האָט פֿרױ פּײַנ־גאָלד אױך צוגעשריבן אַ פּאָר װערטער. ענדלעך זײַנען זײ אָנגעקומען קײן אַמעריקע.

װען די שיף האָט געאַנקערט, איז דער זײגער געװען פֿינף פֿאַרנאַכט. אין פּאָרט האָט זײ אָפּגעװאַרט דער פֿאָטער און זײַן שותף מיט דער פֿרוי, העלען איז ניט געקומען.

אַז רמי האָט דערזען זײַן פֿאָטער, איז ער אים אַרײַנגעפֿאַלן אין די אָרעמס. זײ האָבן זיך האַרציק געקושט. בײ רמין האָבן זיך געװיזן טרערן אין די אױגן. אױך פֿרױ פּײַנגאָלד האָט זיך געלאָזט קושן פֿון איר מאַן, אָבער זי האָט אים ניט געקושט, װײַל זי האָט איר ליפּן־פֿאַרב ניט געװאָלט קאַליע מאַכן. װידער האָבן פֿאָטער און זון זיך אַרומגענומען. ביז פֿרױ פּײַנ־גאָלד האָט זיך אָפּגערופֿן — גענוג שױן, איר װעט האָבן צײַט צו פֿאַר־ברענגען אין שטוב.

ערשט איצט האָט רמי דערזען זײַן פֿאָטערס שותף, ה׳ ראָזען און פֿרוי. זײ האָבן זיך האַרציק באַגריסט. פֿרױ פּײַנגאָלד האָט אױסגערופֿן:

— איז העלען ניטאָ?

— זי איז אַװעק שפּילן טעניס — האָט ה׳ ראָזען געענטפֿערט.

— האָט זי געװוּסט, אַז מיר קומען?

— יאָ, זי האָט געװוּסט, װײַל די טעלעגראַמע איז אָנגעקומען הײַנט אינדערפֿרי. אָבער עס איז שװער פֿאַר איר אַזױ...

רמי האָט געשװיגן שמײכלענדיק. פּלוצים האָט ער זיך אָפּגערופֿן:

— לאָמיר פֿאָרן אַהײם.

הער פּײַנגאָלד האָט באַפֿױלן די טרעגער נעמען זײער באַגאַזש אין זײַן אױטאָ אַרײַן. אין דער צײַט האָט רמי געשיקט אַ טעלעגראַמע צו שרהן מיט געצײלטע װערטער:

„אנגעקומען בשלום, כ׳פיל זיך גוט. דיך ניט פארגעסן. די טעג באַ־קומסטו אַ בריוו. אַ סך קושן. דיין רמי.״

— ווו איז רמי? — האָט ה׳ פיינגאָלד געפרעגט, צוריקקערנדיק זיך פונעם אויטאָ.

— איך האָב אָפּגעשיקט אַ טעלעגראַמע — האָט זיך רמי אָפּגערופן.

— צו דיין מיידל אין קיבוץ? — האָט פרוי פיינגאָלד אַ פרעג געטאָן.

רמי האָט אַ שטרענגן בליק געטאָן אויף זיין מוטער, און אַלע, העלענס עלטערן, ה׳ פיינגאָלד און זיין פרוי, האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ, מיט וועלכן רמי האָט געפירט איבער די ניו־יאָרקער גאַסן, וועלכע ער האָט נאָך ניט פאַרגעסן. זיינע געדאַנקען האָבן אים איצט געמאַטערט: וואָס טוט שרה? צי קומט צו איר דוד? איז זי צוזאַמען מיט אים?

ענדלעך זיינען זיי אָנגעקומען אַהיים.

רמי איז אַריין אין זייער גרויסער וווינונג. דער גרויסער זאַל איז געווען פאַרפּוצט מיט בלומען, דער טיש רייך סערווירט. אַלע ליכט האָבן געברענט לכבוד דעם אָנקומענדיקן גאַסט. אַפילו די נעגערין זשאָזעפין, האָט געשטראַלט פון פרייד. מיט איר ברעג־ווייסן פאַרטוך, האָט זי געווישט אַ טרער, אַקוראַט ווי אונזערע מאַמעס אין דער אַלטער היים.

— איין וועלט — האָט רמי געטראַכט. ער האָט זשאָזעפין געגעבן אַ מתנה פון ישראל.

אַלע האָבן זיך געזעצט צום טיש און מ׳האָט גענומען טרינקען „לחיים״. די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע. רמי האָט דערציילט וועגן ישראל: דאָס לעבן אין לאַנד, ווו ניין חדשים אין יאָר שיינט די זון, — ס׳איז זומער. ער האָט דערציילט וועגן לעבן אין קיבוץ, ווי פריי מען פילט זיך אין לאַנד. די רואיקייט, וואָס עס פילט יעדער ייד. ניט ווי מיר דאָ. ווו מ׳האָט אונז פיינט...

פרוי ראָזען האָט גענומען עפּעס פונעם טיש, איידל אַריינגעלייגט די שפּייז אין איר מויל, און געהיטן זיך ניט צו עסן מיט די ליפּן, נאָר געעפנט דאָס גאַנצע מויל און באַלד מיטן סערוועט געווישט אירע מויל־ווינקעלעך.

רמי האָט אַלע באַטראַכט און געשמייכלט אין זיך אַריין: ווי די אַריס־טאָקראַטישע עלעגאַנץ פאַרנאַרט די מענטשן?...

* * *

העלען איז שוין לאַנג אין שטוב, אָבער צו די פיינגאָלדס איז זי ניט געפאָרן. עס האָט זיך איר געוואָלט, אַז רמי זאָל איר קומען נעמען.

פאַר דער צייט האָט העלען זיך צוגעוווינט, אַז די „באָיס" האָבן איר אָפּגעוואַרט. אויך רמי, האָט זי געוואָלט, זאָל זיין אַזוי ווי זיי. ניט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן אויף אירע עלטערן, האָט זי אַנטעלעפאָנירט.

דאָס טעלעפאָן־טרייבל האָט אויפגעהויבן פרוי פיינגאָלד.

— העלאָ! ווער רעדט? העלען? — האָט זי ספּעציעל אונטערגעשטראָכן.

פרוי ראָזען איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן: — העלען, קינד מיינס. דו קאָנסט זיך ניט דערוואַרטן? האָסטו דאָך געקענט צוקומען. דאָ איז איצט פריילעך. ה' פיינגאָלד האָט געסט: זיין פרוי און זון זיינען געקומען.

— איך פיל זיך מיד, — האָט העלען געענטפערט, כדי צו באַרעכטיקן איר ניט קומען.

— מיר קומען באַלד אַהיים. — האָט פרוי ראָזען געזאָגט.

פרוי פיינגאָלד האָט ניט געוואַרט אויף קיין כבוד און איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן.

— העלען, טייער קינד, וואָס מאַכסטו? שוין לאַנג דיר ניט געזען...

— „אָלרייט" — האָט זיך געהערט אַן ענטפער. — זאָגט ביטע מיינע עלטערן, זאָלן זיי קומען אַהיים.

— דאָס אַלץ? — האָט פרוי פיינגאָלד געפרעגט.

— אַ גרוס פאַר רמין. ווען ער וויל קאָן ער קומען.

— דאָ איז ער. — האָט פרוי פיינגאָלד געזאָגט. — רעד מיט אים.

רמי, כאָטש ער האָט ניט געוואָלט רעדן מיט העלען, איז ער געצוווּנגען געווען, קעגן זיין ווילן, נעמען דאָס טעלעפאָן־טרייבל אין האַנט אַריין.

מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן האָט רמי גערעדט מיט העלען וועגן אַלץ, וואָס אַמעריקאַנער יוגנט רעדט צווישן זיך, ביז די משפחה האָט זיך גענומען געזעגענען.

דער זייגער האָט שוין געוויזן אַ גענוג שפּעטע שעה און אויף צומאָרגנס האָט זיי דערוואַרט אַ סך אַרבעט.

רמי, דער פאָטער און די מוטער זיינען געבליבן אַליין. דער פאָטער האָט געוואָלט נאָך זיצן מיטן זון. פרוי פיינגאָלד האָט אָבער געזאָגט:

— מיר וועלן האָבן אַ סך טעג און נעכט נאָך צום רעדן, איך בין מיד, רמי איז אויך מיד, גענוג אויף היינט. רמי גיי צו זיך אין דיין צימער.

רמי איז אָבער ניט געגאַנגען שלאָפן. ער האָט זיך געזעצט צום שרייבטישל און גענומען שרייבן אַ בריוו צו שרהן.

גראָד איצט איז אים באַפאַלן אַ בענקשאַפט, אין אַנבליק פון העלענס באַציאונג.

לאַנג איז רמי געזעסן און געשריבן, געשריבן וועגן אַלץ און אַלעמען. אַזוי ווי עס שרייבט אַ געליבטער, אַדער געליבטע, די ערשטע בריוו נאָך דער צעשיידונג

צומאָרגנס פרי, ווען רמי איז אויפגעשטאַנען, איז שוין דער פאָטער ניט געווען אין שטוב. רמי איז אַראָפּגעלאָפן צו דער פּאָסט, אַריינגעלייגט אַ צען־דאָלאַרדיקן באַנקנאָט אין קאָנווערט און אָפּגעשיקט „עקספּרעס" צו שרהן אין קיבוץ. צוריק איז ער געגאַנגען אַ פריילעכער. זיין פרייד האָט אין אים געשפּאַרט, ווייל אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט שרה באַקומען זיין בריוו. זי וועט אים לייענען און אים דריקן צו איר האַרץ.

ווען רמי איז אַריין אין שטוב, האָט די נעגער־פרוי אים איבערגעגעבן אַ בריוו פון ישראל. ער האָט באַלד דערקענט שרהס האַנט־שריפט. ער איז אַריין צו זיך אין צימער, פאַרזיכטיק געעפנט דעם בריוו, געלייגט זיך אויף דער סאָפע און געלייענט.

שרה האָט געשריבן, אַז זי האָט דערהאַלטן זיין בילד, איינגעפּאַסט עס אין אַ ראַם און האַלט עס אויפן קליינעם טישל, נעבן איר בעט און יעדע נאַכט, לייגנדיק זיך שלאָפן קוקט זי דערויף לאַנג. דאָס געלט, וואָס איז געווען אין דעם קאָנווערט, האָט זי געגעבן אין באַנק אויף זייער ביידנס נאָמען. אַז זי בענקט שטאַרק נאָך אים. אַז זי האָט געמוזט בעטן דודן, ער זאָל איר פירן קיין חיפה צום פּאָרט, ווייל זי האָט געוואָלט גע־זעגענען זיך מיט זיין מוטער, כאָטש זי האָט איר ניט געבעטן. זי ווינטשט זיי אַלדאָס גוטס, אַ סך גרוסן פאַר זיין פאָטער.

— דיין שרה

וואָס וועט דיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן.

רמי האָט דעם בריוו געלייענט עטלעכע מאָל. ניט געקוקט וואָס ער האָט ערשט היינט געשיקט אַ בריוו צו איר האָט ער אויף איר בריוו באַלד געענטפערט.

אַז פרוי פיינגאָלד איז אַריין אין רמיס צימער, האָט זי נאָך אַלץ געמיינט, אַז רמי שלאָפט. ווי פאַרוואונדערט איז זי געוואָרן, אַז זי האָט געטראָפן רמין ביים שרייב־טיש.

— ערשט נעכטן געקומען, און שוין בריוועלעך ?...

— יאָ, מוטער. איך האָב דערהאַלטן אַ בריוו פון שרהן. זי לאָזט דיך האַרציק גריסן.

וואָס שרייבט זי דיר ? — האָט געפרעגט פרוי פיינגאָלד מיט איראָניע.

זי וואַרט און בענקט. — אָרימע שרה — האָט רמי געענטפערט.

— רמי, טו זיך אָן און קום אין געשעפט. איך וויל דיר קויפן קליידער.

— מוטער, איך בין שוין ניט קיין קינד. קויפן קאָן איך זיך אַליין. די מאָדע ווייס איך אויך.

פרוי פיינגאָלד האָט געגעבן רמין געלט, ער האָט זיך איינגעקויפט קליידער און אויך באַוויזן פאָרן זעלבן געלט צו קויפן פאַר שרהן אַ העל געקעסטלט קלייד פון בעסטן אַמעריקאַנער שטאָף. די מאָס האָט ער זיך אָריענטירט לויט אַ פאַרקויפערין פון געשעפט, וועלכע האָט אויך געטראָגן קליידער, לויט דער זעלבער מאָס, וואָס שרה, צוגעפּאַקט פיר רייען שיינע קרעלן, אַ שיינע בראָש, און עס אַפּגעשיקט.

אַז רמי איז אַהיימגעקומען מיט זיינע פּעקלעך, האָט ער געטראָפן זיינע עלטערן זיצן פאַרטיפט אין אַ געשפּרעך. רמי האָט באַוויזן הערן דאָס וואָרט „שרה". באַלד ווי ער איז נאָר אַריין האָט די מוטער זיינע אויפגעהערט צו רעדן.

— רעד, מוטער. דער פאָטער מעג עס וויסן: איך האָב אַ כלה אין ישראל. — האָט רמי אויסגערופן. — זי הייסט שרה און וווינט אין קיבוץ פון נגב. דער קיבוץ איז אויף אַ בערגל, זאָל די מוטער דיר דערציילן וועגן איר און וועגן קיבוץ.

— דער קיבוץ איז שיין, מוטער ? די יידישע בהמהלעך, הינדעלעך, שעפּסן. אַלץ איז יידיש. עס געפינען זיך דאָרט אַפילו עטלעכע „יידישע" חזירים... — האָט רמי געלאַכט. — און צווישן דעם אַלעם איז אויסגע־וואַקסן אין בלומען־גאָרטן אַ רויז מיטן נאָמען שרה. די רויז געהערט מיר און אייך. זי וועט אַריין אין אונזער משפחה. גיט מיר אייער ברכה דערצו. — דאָס זאָגנדיק, האָט רמי אַ קוש געטאָן דעם פאָטער.

— זון מיינער, — האָט מיסטער פיינגאָלד אויסגערופן. — אַלץ, וואָס איך אַרבעט מיט דער הילף פון דיין מוטער, איז פאַר דיר. מיר ווילן דיך זען אַ גליקלעכן. דאָס איז אונזער איינציקער באַגער. קלאָר, אַז דיין גליק קאָן קומען נאָר פון איר און דורך איר. עס וואָלט זיך נאָר געוואָלט, אַז אין דיין נאָאיוויטעט, זאָלסטו ניט מאַכן קיין פעלער.

— איך האַלט ניט פון קיבוץ־לעבן און בכלל פון לעבן אין ישראל.

— האָט די מוטער זיך אָפּגערופן, דערביי געקרימט מיט דער נאָז —

אַלץ איז דאָרט אַזוי שווער. אַלץ איז דאָרט אויפן גראָם. מיר מוזן זוכן פאַר אים אַ תכלית דאָ, אין אַמעריקע.

— מוטער, זוך מיר אויס אַ כלה. ברענג זי אַהער, זאָג מיר: רמי, דאָס איז פאַר דיר. מיט איר וועסטו חתונה האָבן און אַפּלעבן אַ לעבן. איך וועל דיר זאָגן אַ דאַנק, מאַמע. — האָט רמי געלאַכט. — וואָלסטו אויף מיין אָרט אויך דערצו מסכים געווען ?...

— יאָ! — האָט פרוי פיינגאָלד אויסגערופן.

— איך ניט! — האָט רמי געענטפערט.

— מיר וועלן ברענגען שרהן אַהער. — האָט הער פיינגאָלד געזאָגט. — אַ וווינונג האָבן מיר, אַ פאַבריק אויך. זאָלן זיי בויען זייער לעבן. ווי זי איז אַ „גרינע״ ? וועט זי זיך אויסגרינען. זי וועט ווערן יענע אַמעריקאַנער „לײדי״. אונזער פירמע וועט טראָגן דעם נאָמען „פיינגאָלד, זון און שותפים״.

— מיר וועלן נאָך וועגן דעם רעדן — האָט רמי געזאָגט.

פרוי פיינגאָלד האָט אין אַ זונטיק־טאָג איינגעלאַדן זייער שותף, די משפחה ראַזען, זיי האָבן מיטגעבראַכט זייער טאָכטער העלען. זי האָט פאַרבעטן נאָך אַנדערע געסט לכבוד רמיס אַהיימקומען. די שטוב איז פול געווען מיט אַלע זייערע פריינד.

דאָס איז געווען דער ערשטער קבלת פנים אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער קומען פון ישראל. דער זאַל האָט שעמערירט מיט לוקסוס. אַלע לאָמפּן האָבן העל געלויכטן, דער פּאָטעפאָן האָט געשפּילט די נייעסטע אַמעריקאַנער טענץ. אין אַ ווינקל איז געזעסן די משפחה ראַזען. זיי האָבן פון רמין ניט אַראָפּגענומען זייערע אויגן. אויך העלען האָט זיך ניט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויף רמין. די ישראל־זון האָט ברוין געמאַכט זיין פנים. דער ישראל־ווינט האָט פאַרהאַרטעוועט זיינע געזיכטס־שטריכן. רמי איז געוואָרן מענערישער און ערנסטער.

נאָכן אָפּעסן די ספּעציעל געשמאַקע עסנס, האָט יונגוואַרג זיך גענומען צום טאַנץ. רמי האָט געווײלט זיינע געסט. פרוי פיינגאָלד האָט זייער געוואָלט, רמי זאָל פאַרבעטן העלען צום טאַנץ. רמי האָט איר אָנגעקוקט. העלען איז באמת שיין געווען, אָבער זי האָט אים ניט אינטערעסירט. דאָך איז ער צו איר צוגעגאַנגען, האָט איר אויסגעשטרעקט זיין האַנט, וועלכע זי האָט פריינדלעך געדריקט.

— וואָס מאַכסטו, העלען ? — האָט רמי געפרעגט.

— אַזוי זיך, איך צייכן זיך אויס אין טענץ און אין קויש־באָל, איך

פאַר אַרויס מיט די חברטעס, און דאָס איז אַלץ. ווי זעט עפּעס אויס יש־ראל ? — האָט העלען געפרעגט.

רמי האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט־זייגערל און אויסגערופן :

— איצט, זיבן אַ זייגער, שיינען אַריין די זון־שטראַלן אין מיין צימער. ס'איז פאַרן עסן גיין אין אַלגעמיינעם עס־זאַל. נאָכן עסן גייען מיר אין לייען־זאַל, קוקן דורך די פּרעסע, שפּילן שאַך. שפּעטער שפּאַצירן מיר אין די אַלייען צום גרויסן בוים, זיצן אויף דער ברייטער באַנק און באַטראַכטן די שיינע לאַנדשאַפט. קומען אַמאָל חברים און חברות, — ווער מיט אַ מויל־האַרמאָניקע, ווער מיט אַן אַקאָרדעאָן, — און די טענער פון דער מוזיק קייקלען זיך ווייט, ווייט אַוועק איבער די היסטאָרישע פעלדער פון נגב, וווּ די יידישע יוגנט בויט רואיק אויף איר היימלאַנד. ווער עס האָט אַ מיידל, אָדער אַ מיידל אַ יינגל — ווערט פאַרשיכורט פון אָט דעם אַרום. אָט אַזוי זיצט מען אַרום בוים ביי געזאַנג און שפּיל, ביז דער שלאָף נעמט. פאַרטאָג גייט יעדער צו זיין אַרבעט. דער שניטער אויף דער שנייד־מאַשין, דער פּאַסטעך צו זיינע שאָף, די לערער צו זייערע שול־קינדער.

— און דו, רמי ? האָסטו שוין דאָרט עפּעס געטראָפן ? — האָט העלען פּלוצים אַ פרעג געטאָן.

—ניט טרעפן איז דאָרט ניט פאַראַן. יעדער טרעפט.

— זי איז זיכער אַ שיינע ? — האָט העלען מיט קנאה באַמערקט.

— ווי פאַר וועמען. שיינקייט איז אַ רעלאַטיווער באַגריף. — האָט רמי געענטפערט. וואָס פאַר איינעם איז שיין, קאָן פאַר אַ צווייטן זיין מיאוס. זעסטו, גוטסקייט דאָס איז פאַר אַלעמען.

— איז זי אַ גוטע ? — האָט העלען ווייטער געפרעגט.

— ווען איך בין פאַרווונדעט געוואָרן, איז זי פון מיין בעט ניט אָפּ־געטראָטן. נעכט גאַנצע איז זי צוליב מיר ניט געשלאָפן.

— זי האָט געהאַט כונות. — האָט העלען באַמערקט.

— יאָ און ניט. סוף סוף זיינען מיר דאָך ניט קיין ברודער מיט אַ שוועסטער.

פרוי פיינגאָלד האָט באַמערקט ווי די פאַרבן פון העלענס געזיכט בייטן זיך. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס קומט דאָרט פאַר, איז זי צוגע־גאַנגען און אַ פרעג געטאָן :

— קינדער, פאַרוואָס טאַנצט איר ניט ?

העלען האָט זיך אויפגעהויבן, און ווי פון זיך אַליין זיינען זיי אַריין אין אַ טאַנגאָ־ריטם. העלען האָט זייער שיין געטאַנצט. דערצו איז זי זייער

פּעאיק געוועז. אירע שטייפע קליידער האָבן אים שאָקירט. איר אָנגע־שטרענגטער בליק. אויך אין זיינע קליידער האָט ער זיך שוין ניט גוט געפילט. זיי האָבן אים ווי געשטיקט. דער שלייף אויפן אָרט פונעם קראַ־וואַט, האָט אים אויסגעזען, ווי ער וואָלט געווען עפּעס אַ קעלנער אין אַ רעסטאָראַן. די היץ אין צימער האָט אים געשטיקט. דער ריח פון שווייס האָט געריסן זיינע נאָזלעכער.

ענדלעך האָט ער זיך דערוואָרט די שפּעטע שעהן, ווען די געסט האָבן זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין.

די ראָזענס האָבן מיטגענומען זייער טעכטערל און זיינען געפאָרן אַהיים. רמין האָט עס געפרייט, וואָס ער וועט איר ניט דאַרפן אָפּפירן. ער געדענקט נאָך גוט אירע פאַרלאַנגען, ווען ער פלעגט זי באַגלייטן אויף אַ רייזע. איצט האָט ער עס מער ניט געוואָלט.

ווען רמי איז אַריין צו זיך אין צימער און פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די קליידער, האָט ער לייכט אָפּגעאָטעמט.

— איצט פיל איך זיך ערשט ווי אַ מענטש. צו וואָס די אַלע שטייפע שמאָטעס ?! „אַן ערלעך מיידל אין אַ שיצן קליידל, איז מער געשעצט ביי לייט, ווי סאַמעט און זייד"... האָט ער זיך דערמאָנט אַ יידיש פאָלקס־ליד, וואָס זיין מוטער פלעגט אָפט זינגען, און וואָס די דאָזיקע פאָר ווער־טער האָבן באַשטימט דעם גורל פון זיין ווייטערדיקן לעבן.

רמי איז געלעגן אויף זיין בעט און זיינע מחשבות זיינען געווען ווייט אין נגב. אין זיינע געדאַנקען האָט ער איצט געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן שרהן און העלען: דאָס אָרעמע קיבוץ־מיידל מיט די רייכע העלען. אַ שטאַרקער ווילן איז אים פּלוצים באַפאַלן צו שרייבן צו שרהן אַ בריוו.

פאַר פאַרליבטע, זאָגט מען, איז ניטאָ קיין שוועריקייטן. רמי איז פלינק אַראָפּ פונעם בעט און די פען האָט גענומען זיך גליטשן איבערן פּאַפּיר:

שלום שרה!

עס איז שפּעט ביינאַכט, און אויך דער ערשטער אָוונט, וואָס מיין מוטער האָט אויפגענומען געסט אין אונזער הויז. מ'האָט מיך פאַרפּוצט אין שטייפע קאָלנערס און איך האָב געמוזט מיט־טאַנצן די מאָדע. דעם גאַנצן אָוונט האָב איך נאָר געטראַכט וועגן דיר. ווי גוט מיר וואָלט געווען, ווען דו וואָלסט דאָ געווען. אַ שאָד, אַ גרויסער, וואָס דו האָסט זיך קעגנגעשטעלט און האָסט מיט אונז

ניט געוואָלט מיטפאָרן. ס׳איז ניט לאַנג צו וואַרטן און מיר וועלן זיך ווידער זען. איך האָב באַשלאָסן רעדן מיט די עלטערן, זיי זאָלן ליקווידירן זייערע געשעפטן און אַלע זאָלן מיר פאָרן קיין ישראל. מיר דאַרפן דאָס לאַנד, און דאָס לאַנד דאַרף אונז.

שרייב מיר שרה, ווי גייט דאָרט די אַרבעט. איך ווער ממש משוגע פון לאַנגווייליקייט. ס׳איז מיר שווער דאָס לעבן אין דער היים. איך בענק נאָך אייך אַלעמען, בפרט צו דיר. שרייב מיר אָפּט. ווייל ווען איך באַקום פון דיר אַ בריוו, איז ביי מיר אין דעם טאָג יום־טוב!

עס איז שפּעט און דערפאַר וועל איך פאַרענדיקן היינט. איך קוש דיך פון ווייטן, טייערע. גריס הארציק דודן און אַלע חברים. זאָג זיי, אַז איינגיכן וועלן מיר זיך זען.

דיין רמי

רמי האָט נאָכאַמאָל דורכגעלייענט דעם בריוו, אים פאַרקלעפּט, און איז געגאַנגען שלאָפן. ווען ער איז אויפגעשטאַנען איז שוין געווען גרויסער טאָג. גראָד איז עס געווען אַ שבת־טאָג.

אַריינגייענדיק אין גרויסן סאַלאָן, האָט ער געטראָפן דעם פּאָטער זיצן אין פאָטעל לייענענדיק דעם „פאָרווערטס״. דער ראַדיאָ האָט געשפּילט שטילע קלאַסישע מוזיק. די זונען־שטראַלן האָבן דורכגעריסן די פאָרהאַנגען פונעם פענצטער און ווי ריין עס איז ניט געווען ביי זיי אין שטוב — האָט דאָך אַ שטראַל פון שטויב זיך אויסגעשפּרייט איבער דער לענג פון צימער פון אויבן אַראָפּ.

— גוט שבת דיר, פאָטער! — האָט רמי אויסגערופן און געגעבן אים אַ קוש. — דער ערשטער שבת אין אַמעריקע.

— ס׳פלעגט זיין אומעטיק אָן דיר — האָט דער פאָטער אויסגערופן, — אינמיטן וואָך פלעג איך נאָך ווי ניט איז דורכשטופּן די צייט. מען קומט שפּעט אַהיים. די טעלעוויזיע פאַרנעמט אויך אַ ביסל צייט. מען איז מיד און מ׳גייט שלאָפן. אָבער שבת און זונטיק פלעגט זיך נאָך דיר בענקען, מיין זון. האָסטו כאָטש געטראַכט פון דיינע עלטערן, ווען דו ביסט געווען אין ישראל?

— פאָטער! אַ טרייער זון טראַכט שטענדיק, און אַז איך בין אייך טריי, דערפון ווייסטו. אָבער איך האָב זיך דאָרט ניט געלאַנגווייליקט, בפרט אַז איך האָב געטראָפן די קליינע שרה, אַ זיס מיידעלע, דערצו אַ יתומהלע.

אירע עלטערן זיינען אומגעקומען על קידוש־השם דורך די דייטשן. אויסער אַלץ, די געזעלשאַפט. דער קיבוץ האָט מיך געוואַלדיק פאַרכאַפּט, ווייל פאָ־טער, דו ווייסט ניט ווי אָנגענעם מיר איז דאָרט. ס׳איז אַ לעבן אָן מאַטער־יעלע זאָרגן. דו האָסט דיין ווינקל, דיין היים. יעדער זאָרגט פאַר זיך דורך דעם קאָלעקטיוו און דער קאָלעקטיוו זאָרגט פאַרן יחיד. איך האָב ניט קיין אַספּיראַציעס פון אָנזאַמלען קאַפּיטאַלן און האַלטן עס אין די בענק אָדער אין ביזנעס און דערנאָך כאַפּן אַ האַרץ־אַטאַק, פאַלן אין מיטן גאַס, איבער־לאָזנדיק דאָס געלט פאַרן טייוול. דו ווייסט ניט, פאָטער, ווי גוט עס איז נאָכדעם, ווי מען קומט פון פעלד מיטן טראַקטאָר, מען וואַשט זיך אָרום. מען עסט אָפּ אין גרויסן עס־זאַל דאָס עסן און דו ביסט אַ פרייער מענטש פאַר דיינע אינטערעסן. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט אויסגעלייענט אַזוי פיל ביכער אין מיין לעבן, ווי אין דער קורצער צייט, וואָס איך בין דאָרט געווען. די אַטמאָספער, די רואיקייט, ווירקט אַזוי גוט אויף די נערוון.

— ווייסט פאַרוואָס דיר איז עס גוט ? — האָט דער פאָטער אויסגע־רופן, — ווייל דו האָסט זיך געבאָדן אין לוקסוס אין דערהיים. דו האָסט אַלע פאַרגעניגנס דערגרייכט אין לעבן. אָבער די, וואָס האָבן ניט געהאַט אַזאַ לעבן ווי דו, בענקען נאָך דעם און מוזן זיין ניט צופרידן, ווייל עס לאַקט זיי דאָס, וואָס זיי האָבן ניט געהאַט.

די טיר האָט זיך געעפנט און פרוי פיינגאָלד איז אַריינגעקומען מיט אַ בריוו אין האַנט.

— אָ, וואָס פאַר אַ אידיליע, דער טאַטקע מיטן זינדל. זעסט רמי, ווי שיין דאָ איז. דיין היים, דיין טאַטע, דיין מאַמע, דיינע פריינד, באַקאַנטע. די שטאָט איז גרויס. נעמסטו און פאַרוואַרפסט זיך אין מדבר, ווו מען זעט ניט קיין פויגל, ווייל ער האָט ניט ווו זיך אָפּצושטעלן, ווייל ס׳איז ניטאָ קיין אייןביימעלע. קיין ברעקל טייך.

— דערפאַר איז דאָרט ישראל, און דאָ איז אַמעריקע. און אַז מיר וועלן אַריינפירן אַמעריקע אין ישראל, שטעל דיר שוין פאָר, ווי ישראל וועט אויסזען — האָט רמי געענטפערט.

— פון וועמען איז דער בריוו ? — האָט רמי אַ פרעג געטאָן פלוצלונג.

— פון ישׂראל ! האָט געענטפער פרוי פיינגאָלד — און אים איבער־געגעבן רמין.

רמי האָט געעפנט דעם בריוו. אַדורכגעלאָפן מיט די אויגן און אַריינ־געלייגט אין קעשענע.

— איר ווילט גאָרניט עסן ? — האָט פרוי פיינגאָלד געפרעגט. — דער טיש איז שוין גרייט פון לאַנג.

— יאָ, מיר גייען עסן ! — האָט הער פיינגאָלד גערופן צום טיש.

אַלע זיינען אַריין אין עס־צימער. דאָס עסן איז געווען פיין סערווירט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ רייך הויז.

— אַן אונטערשיד צווישן קיבוץ עסן און דאָ — האָט פרוי פיינגאָלד אַ זאָג געטאָן. — ווי מאָדנע מיר איז אויסגעקומען אָנזעקצוזעצן זיך מיט פופציק מענטשן אַרום אַ לאַנגן טיש און יעדער נעמט זיך אין טעלער. אַ, ווי עס האָט מיך שאָקירט !

— מוטער ! — האָט רמי אויסגערופן. — העלען איז אַ שיין מיידל, ריכטיק ?

— וואָס פּלוצלונג דערמאָנסטו העלען ?

— ווייל דו רעדסט פון דעם, וואָס איז מיאוס, טאָ לאָמיר רעדן פון שיינס.

— זיכער איז זי אַ שיין מיידל. ווען איך בין אַ בחור, וואָלט איך זי גלייך אויסגעכאַפּט — האָט זי געלאַכט.

— זי לאָזט זיך כאַפּן ? מוטער !

— פון דיר זיכער ! — האָט פרוי פיינגאָלד געענטפערט.

— איך האָב שוין איינע געכאַפּט, ביז הונדערט מיט צוואַנציק.

— גיי שוין, דו רעדסט נאַרישקייטן. דער ים ציט אַרויס אַלע סענטימענטן. אַ טייערער ים אונזערער.

— באמת טייער ! מוטער ! ווייסטו פאַרוואָס ? ווייל ער וועט אונז פירן אַהין, קיין ישראל.

— אונז ניט. אפשר דיך — האָט פרוי פיינגאָלד אַ זאָג געטאָן.

— פאַרוואָס דאַרפט איר זיך אַרומקריגן ? — האָט געפרעגט דער פאָטער. — די צייט איז דער בעסטער וועג־ווייזער, אַז עס וועט קומען צו דעם, וועלן מיר פאָרן.

— ווער ? ! — האָט פרוי פיינגאָלד אַ פרעג געטאָן.

— מיר אַלע ! פאַרוואָס ניט ? ס׳איז שלעכט דאָרט. ניין מאָנאַט אין יאָר שיינט דאָרט די זון. און דער ווינטער איז אַן אַ ברעקל שניי. עס וואַקסט אַ פּאָר מאָל אין יאָר. ס׳איז דאָך אַ לאַנד פון חלב ודבש. (מילך און האָניק) — האָט ה׳ פיינגאָלד גערעדט ערנסט.

— פאַרוואָס לאַכסטו, פאָטער, אַזוי פון ישראל ? עס וואַקסט טאַקע אַ פּאָר מאָל אין יאָר.

— טאָ פאַרוואָס דאַרף אַמעריקע שיקן קאַרטאָפל קיין ישראל. שטעל זיך פאָר, דאָ וואַקסט נאָר איין מאָל אין יאָר. און עס קלעקט.

— מיט דריי הונדערט יאָר צוריק האָט אויך געקלעקט? אויפן צוועלפטן יאָרטאָג פון אַמעריקעס אומאָפּהענגיקייט, איז אַלץ געווען בשפע? מוטער. איך קאָן דאָך די געשיכטע פון ביידע לענדער. אַז מיר וועלן פייערן דריי הונדערט יאָר ישראל, וועט ישראל פאַרדעקן גאַנץ אַמעריקע מיט קאַרטאָפל, — האָט רמי שאַרף אַ זאָג געטאָן. — שטעל זיך פאָר, פאָטער, אַז איך האָב געדאַרפט מיטן טראַקטאָר אַראָפּשאַרן די שטיי־נער, וועלכע ליגן טויזנטער יאָרן דאָרטן. און שפּעטער רייסן דעם באָדן און דאָן אַקערן און זייען.

— דאַרפסטו עס טאָן רמי?! קאָנסטו ניט קומען אויף אַלעס גרייטן?

— אויף גרייטן קומען געסט און ניט בעלי־בתים. זעסט, נעכטן האָסטו געהאַט אַ פּאַרטי, זיינען געקומען געסט. האָבן זיי געגעסן, געטרונ־קען פון דעם, וואָס דו האָסט אָנגעגרייט. פאַר דיין געלט. דיין האָרעוואַניע. און ס׳איז דיר גאָרניט שווער געווען. זיי, די געסט, האָבן טאַקע געגעסן, געטרונקען. אָבער זיי זיינען געסט. איך וויל ניט זיין קיין גאַסט אין ישראל. איך וויל אויך אויפנעמען ביי מיר אין וווינונג די אייגענע.

— רמי! איך דערקען דאָך דיך ניט, פון אַ פוטבאָל־שפּילער ביסטו געוואָרן אַזאַ ערנסטער מענטש.

— פאָטער. דו האָסט דאָך געלערנט. אַז „די לופט פון ישראל מאַכט קלוג״.

— נאָך צו קלוג — האָט פרוי פיינגאָלד געענטפערט. — דערפאַר זענען זיי דאָרט אַזוי אויס.

— זאָל זיין גענוג אויף היינט, — האָט ה׳ פיינגאָלד זיך אָפּגערופן — אייער דיסקוסיע איז באַגלייט מיט שפּיזן. און שפּיזן דיסקוטירן ניט. דער־צייל מיר בעסער, רמי, ווי איז דיר דאָרט געגאַנגען? ווי זעט אויס דאָס לאַנד? אירע פירער?

פרוי פיינגאָלד האָט אַראָפּגענומען פון טיש און אַוועק אין איר צימער, פאָטער און זון זיינען אַריין צוריק אין זאַל און זיך געזעצט אין זייערע פאָטעלן און ה׳ פיינגאָלד האָט זיך אָפּגערופן:

— דערצייל מיר רמי, פון יענעם לאַנד, אין וועלכן ליכט זעסטו עס און ווי פאַרשטייסטו דאָס?

— פאָטער! צוערשט וויל איך דיר זאָגן אָט וואָס. איך האָב באַקאַנט

אַ מיידל. זי הייסט שרה. מיר האָבן באַשלאָסן חתונה צו האָבן און בלייבן אין קיבוץ. איך האָב אויפן אַמעריקאַנער שטייגער, איר פאַרגעלייגט פאַר מיין אַפּפאָרן, חתונה צו האָבן, האָט זי מיר געענטפערט, אַז אַזוי ווי איך האָב עלטערן, וויל זי, אַז איר זאָלט מיר פירן צו דער חופה. און צוליב אַזאַ נאַרישקייט האָט זי ניט געהייראַט. זי האָט מיר אָבער צוגעזאָגט צו וואַרטן אַזוי לאַנג, ווי איך וועל וועלן. די מוטער האָט פאַרלאַנגט איך זאָל פאָרן אַהיים. איך האָב עס געטאָן צוליב צוויי זאַכן. ערשטנס, ווי אַ טרייער זון, צווייטנס, — צוליב שלום־בית. וואָס איך וויל דיר פאַרלייגן, פאָטער, איך מיין, אַז דו דאַרפסט געבן דיין צושטייער פאַרן בוי פון לאַנד. דו ביסט רייך, דיינע געשעפטן גייען גוט. פאַרוואָס זאָלסטו ניט אַ טייל פון דיינע ביזנעס איבערפירן אַהין ? דאָס לאַנד נויטיקט זיך אין דיין קאַפּיטאַל. עס פעלן סחורות, עס זיינען דאָ אַרבעטער. עס קומען אַרבעטער. מיט דיין דערעפענען אַ פאַבריק, וועסטו געבן אַרבעט אַ פאַר הונדערט מענטשן. דאָס הייסט, אַ פאַר הונדערט משפחות וועלן האָבן זייער קיום. דאָס לאַנד וועט האָבן סחורות און אפשר וועסטו עס נאָך קאָנען עקספּאָרטירן אויך. אַזוי אַרום, אַז דאָס לאַנד וועט אַריינבאַקומען אויסלענדישע וואַליוטע פאַר איני־לענדישע אַרבעט. און אַזוי ווערט אַ פאָלק נאָרמאַל. דו ביסט דאָך אַ ייד. ס'איז דיין לאַנד. ווער זאָל עס טאָן ? דער פאָרטאָריקאַנער ? דער נעגער ?

— און איך האָב אַנדערש געטראַכט רמי — האָט דער פאָטער גע־ענטפערט. — כ'האָב געמיינט, אַז דו וועסט אַריין אין די ביזנעס און וועסט פירן דעם המשך פון אונזער אַרבעט. איך האָב דיך און ראָזען האָט העלען.ביידע זענט איר אַ וווּנדערלעכע פּאָר. איר וועט חתונה האָבן. ביידע וועלן מיר שענקען אייך די ביזנעס און אַז מיר וועלן עלטער ווערן, וועלן מיר האָבן אונדזער ווינקל.

— פאָטער ! דו רעדסט זייער פיין און ריכטיק. די מוטער שטעכט מיט ווערטלעך און דאָס פאַרדריסט. דערפאַר וויל איך דיר זאָגן, דיין פּלאַן איז גוט. אָבער ער איז געקומען אַ ביסל צו שפּעט. ווייסט דאָך פאָטער, אַז אַלץ איז טייער אין דער וועלט, אָבער ביז ליבע. ליבע גייט איבער אַלץ. קומענדיק קיין ישראל, האָב איך זיך מאָל צוויי פאַרליבט. צוערשט אינעם לאַנד, און דער געזעלשאַפט. און דאַן האָב איך געטראָפן זי, שרהן. זינט דאַן האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ נייע וועלט. איך האָב געפילט, אַז איך מוז דאָרט פאַרבלייבן. אַקוראַט איז אויסגעבראָכן די באַפרייאונגס־מלחמה. איך האָב געזען, אַז יעדער זעלנער איז דאָרט נויטיק. זעקס מדינות זיינען זיי באַפאַלן פון אַלע זייטן מיט אַזעלכע ווילדע אויסרופן : „שעכטן

די יידן!", „וואַרפן זיי אין ים!". ניט געגוג, וואָס מען האָט פון אונז אויס־געשאָכטן זעקס מיליאָן, וויל מען דאָס קליינטשיקע לענדל אויך פון אונז צונעמען. ווייסט דאָך, אַ פערטל ניו־יאָרק האָט מער מענטשן, ווי די גאַנ־צע מדינה, מיט די אַראַבער צוזאַמען. און דאָס טוט ווי, בין איך אַריין אין צה"ל און געהאָלפן מיט וואָס איך האָב געקאָנט. אין צה"ל זיינען די זעלנער אַזעלכע גוטע, טייערע בחורים און מיידלעך, אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע. דער אָפיציר מיטן גענעראַל זיינען חברים מיט דעם פשוטן זעלנער. דאָס גאַנצע פאָלק דאָרט, איז ווי איין לאַגער. איך קאָן שוין ניט אָנקוקן די מענטשן, וואָס האַלטן מיך פאַר אַ פרעמדן. און הייַנט דאַרף איך זיי ניט. מילא, אַמאָל האָבן מיר ניט געהאַט וווּ צו זיין, זיינען יידן אַרומגעפאָרן פון פוילן קיין פראַנקרייך, פון פראַנקרייך קיין אַרגענטי־נע, פון אַרגענטינע קיין אַמעריקע און אַזוי ווייטער. דער ייד האָט גע־זוכט אַ ווינקעלע, וווּ ער זאָל האָבן מנוחה. היינט — ווער דאַרף די וועלט פון גוים. איך קום אין ישראל, בין איך אין מיין היים, איך זע פאַר זיך די הייזער, די פעלדער, די גאַסן. דאָס איז אַלץ יידיש. אַפילו די הינט, די קעץ, די פייגעלעך זיינען יידישע. יידישע הענט האָבן עס געבויט. איבער די ימען פאָרן יידישע שיפן מיט יידישע קאַפּיטאַנען און מאַטראָסן. די עראָפּלאַנען פירן יידישן פּילאָטן און יידישע קעלנערינס באַדינען די פּאַ־סאַזשירן. איך ווייס ניט פאָטער, ווי אויף דיר ווירקט עס. אויף מיר האָט עס שטאַרק געווירקט. און איך מיין, פאָטער, אַז דו וועסט מיך ניט פאַרשטיין.

— פאַרוואָס? — האָט ה' פיינגאָלד זיך אָפּגערופן — כאָטש איך בין געוואָרן אין אַמעריקע פאַרגרעבט, אַריינגעוואָרפן זיך אין געיעג נאָכן דאָלאַר, האָב איך נאָך אַ סענטימענט פאַר ארץ־ישראל. נאָר פשוט, איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט דערפון, ווייל די געשעפטן האַלטן מיך און איך דריי זיך מיט ביזנעס. די ביזנעס דרייען מיך, זעסט דאָך. שבת בין איך אין שטוב, פיר אַ היימישע קיך. היימיש לעבן. אָ, ווי איך פאַרשטיי דיך, ווייל אויך איך האָב אין מיינע יונגע יאָרן געשטרעבט חתונה צו האָבן מיט דיין מאַמען. זי איז געווען אַ לעבעדיק אַמעריקאַנער מיידל. און אַ רייכע דערצו. אויך איך האָב געהאַט ניט ווייניק קאָנקורענטן. דערפאַר וועל איך דיר ניט שטערן אויסצוווילן דיין גליק. געמיינט האָב איך אָבער אַנדערש. טאָ זאָל זיין, אַזוי ווי עס איז. דו האָסט פון מיר מיין ברכה. וואָס שייך דיין ווילן, אַז מיר זאָלן אַלע אַהין פאָרן, וועגן דעם דאַרף מען טראַכטן. מיין ניט, אַז עס איז אַזוי לייכט. דאָ האָבן מיר אַ נאָמען, אַ פאַבריק. דאָ קאָן

מען אונז. און דאָרטן? פון דאַנען שיקן מיר אַ סך געלט אַהין, זיי דאַרפן אויך געלט.

— פּאַטער! פאַרשטיי אָבער, אַז דו ביסט אַנגעוויזן אויפן חסד פון רוזוועלט, טרומאַן אָדער אַ צווייטן פּרעזידענט. זאָל נאָר אַ בלאָז טאָן אַן אַנדער ווינטל, איז אויס מיט אַלץ.

— איז וואָס איז דיין מיינונג? — האָט מיסטער פיינגאָלד אַ פרעג געטאָן.

— מיין מיינונג, פּאַטער, דו זאָלסט אַ העלפט פון דיין קאַפּיטאַל איבערפירן קיין ישראל און אויפבויען דאָרט אַ פאַבריק. בכלל איז גע־זונט צו האַלטן קאַפּיטאַל אין אַ סך לענדער און אין אַ סך געשעפטן. ווייל מען ווייסט קיינמאָל ניט, וואָס דער מאָרגן וועט געבן.

פּלוצלונג האָט דער טעלעפאָן זיך צעקלונגען. רמי איז צו צום טעלע־פאָן און האָט דערהערט העלענס שטים.

— העלאָ! העלען! — האָט רמי אויסגערופן, — וואָס מאַכסטו?

— אָלרייט! — הערט ער איר שטים.

— ווער רעדט דאָרט? — העלען! — האָט פרוי פיינגאָלד זיך אָפּ־גערופן. — לאָז מיך מיט איר רעדן אַ פּאָר ווערטער.

פרוי פיינגאָלד איז צו צום ווינקל־טישל, וווּ דער טעלעפאָן איז גע־שטאַנען, איבערגענומען פון רמין דאָס טרייבל און אַריינגערעדט:

— העלען! איך לאַד אייך איין צו אונז. זאָג די עלטערן, אַז איך רוף אייך!

ענדיקנדיק רעדן, האָט פרוי פיינגאָלד פאַרמאַכט דעם טעלעפאָן. רמי האָט זיך דערפון געטראָפן זייער באַליידיקט. פרוי פיינגאָלד האָט זיכער עס ניט געפילט, אָדער האָט עס געטאָן בכוונה. זי האָט געוואָלט, אַז העלען זאָל זיך געפינען אין דער געזעלשאַפט פון רמי, איר געשפּרעך איז געווען אויסגערעכנט, אַז רמי זאָל איר ניט פאַרטרייבן פון זיך.

הער פיינגאָלד האָט געפילט די האַנדלונג פון זיין פרוי. ער האָט אָבער גאָרניט געזאָגט. רמי איז אַרויס פון זאַל און אַריין צו זיך אין צימער. עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן זיין מוטערס האַנדלונג. שפּאַצירנדיק אַן אויפגערעגטער, האָט ער פּלוצים דערפילט דעם בריוו פון שרהן, וועלכן ער האָט פריער אַריינגעלייגט אין זיין קעשענע. רמי האָט זיך געלייגט אויף זיין סאָפע, אַרויסגענומען דעם בריוו און געלייענט:

„שלום רמי!
דיינע בריוו האָב איך דערהאַלטן. דער טאָג, ווען איך באַקום פון דיר אַ בריוו, איז ביי מיר אַ הייליקער, ניט געקוקט, וואָס דאָס איז נאָר אַ בריוו, פיל איך ווי דו וואָלסט מיט מיר גערעדט. תמיד, ווען איך לייען דיין בריוו, נעם איך דיין בילד אין האַנט, און דאַן האָב איך דעם איינדרוק, ווי דו וואָלסט נעבן מיר געשטאַנען...

ווי זיס דיינע ווערטער זיינען. איך לייען און לייען, און אַז איך ענדיק דעם בריוו... הויב איך ווידער אָן פונדאָסניי. איך וואָלט אַזוי געוואָלט, אַז דיינע בריוו זאָלן זיין לאַנגע, איך זאָל זיי לייענען אָן אויפהער. און אַז איך פאַרענדיק לייענען, באַפאַלט מיך דאַן אַ מאָדנער אומעט. איך הויב אָן צווייפלען אין דיינע ווערטער. זאָל איך גלייבן ייִנגלעך? עפּעס ווילט זיך מיר ניט גלויבן, אַז מיר וועלן זיין אַמאָל צוזאַמען. איך האָב אַ סך געהערט וועגן פּאַראַטענע ליבעס. ווי אַזוי די בחורים לאָזן איבער זייערע מיידלעך. זיי קאָנען זיך גיך צוגעוווינען צו אַ צווייטער. איך גלויב ניט, אַז בחורים קאָנען ליבן מיט זייער גאַנצן האַרצן. איך מיין נאָר, אַז ביים מאַן איז בכלל ניט פאַראַן קיין ליבע, אַז די ליבע ביי אים איז אַ פאַלשע, עס פּאַסט זיי נאָר וועגן דעם צו רעדן. מיר דאַכט זיך, רמי, אַז אַזוי ווי איך האָב דיך ליב, — קאָן מער קיינער אין דער וועלט ניט ליב האָבן... וויל איך דיר טאַקע זאָגן, רמי: איך גיי ניט אין ערגעץ נאָך דער אַרבעט. איך קום אין מיין צימער, לייען אַ סך... און טראַכט וועגן דיר. איך בין נאָך קיינמאָל ניט געגאַנגען שלאָפן אָן צו קושן דיין בילד, אָבער ווער ווייסט, צו זיינען דאָס ניט קיין חלומות, פאַנטאַזיעס... איך וויל דיר אָפן זאָגן: רמי, אַז אויך די פאַנטאַזיעס זיינע זיסע... דאָס גיט מיר שטאַף צום שפּינען מיין ווייטערדיקן וועג, ווייל גיין אויפן וועג פון ליבע איז זייער גוט...

רמי, איך וואָלט דיר אַ סך געשריבן און איך האָב אַזוי פיל דיר צו שרייבן... גראַד לייען איך איצט אַ ראָמאַן, וווּ דער שרייבער שטעלט ניט אין קיין פיינעם ליכט דעם מאַן. זיינע זיסע רייד זיינען נאָר, כדי זי צו באַהערשן... און דאָס דערמאַנט מיר זכרונות... אוי, ווי עס בענקט זיך! עס האָט זיך מיר געוואָלט איצט האָבן דיך נעבן זיך. אָבער קאַנטיק, אַז דאָס לעבן גייט ניט ווי דער מענטש וויל. תמיד מוז אַזוי געשען! פאַרוואָס קומט מיר ליידן צוליב ליבע?, ווייס איך ניט. — זיינען דאָך דאָ אין קיבוץ פאַראַן פאַרלעך,ביידע זיינען צו־

זאַמען. — און מיר האָט דער גורל פאַרמשפּט דיך צו האָבן פונדער־ווייטנס. וואָלט איך כאָטש געווען זיכער מיט דיר, וואָלט איך די צייט ווי ניט איז דורכגעשטופּט. אָבער רמי, מיין האַרץ שרעקט, בפרט אַז דו האָסט אַ פריינדין.... ווען איך דערמאָן זיך אין איר, הויבט עס מיך אָן פאַרדריסן. — סוף־סוף איז זי דאָך נעבן דיר. זי האָט דאָס גליק זיך צו געפינען אין דיין געזעלשאַפט. איך, איך שטאַרק זיך און וויל דיר גלויבן, אַז דו ביסט אַן אַנדערער, ווי אַלע אַנדערע מענער, און אַז דו וועסט דיין וואָרט האַלטן...

איך וויל היינט פאַרענדיקן, ווייל מיין האַרץ איז פול, און איך קאָן ניט מער שרייבן...

איך קוש דיך האַרציק פון ווייטן און וואַרט מיט אומגעדולד אויף דיין תשובה. גריס האַרציק דיין פאָטער און מוטער. איך קוש זיי פון ווייטן.

דיין שרה״.

— זי ליידט, די קליינע, — האָט רמי געטראַכט. — זי גלויבט ניט די מענער. זי האָט רעכט. פאַרוואָס ניט? אין ליכט פון די פאַקטן איז היינט שווער צו גלייבן, ווייל אויפריכטיקע ליבע פאַרשווינדט פון לעבן. אָבער שרה, זיי רואיק! איך וועל דיך אויף קיין אַנדערער ניט פאַרבייטן!

אַ שטאַרקער דראַנג איר באַלד צו ענטפערן אויפן בריוו האָט זיך פּלוצים אין אים דערוועקט. זאָל זי כאָטש ניט ליידן קיין אומזיסטע ליידן!...

רמי האָט זיך געזעצט צום שרייב־טיש און באַלד איר אָפּגעענטפערט:

„טייערע שרה!

דיין בריוו האָב איך געלייענט עטלעכע מאָל. איך האָב דעם בריוו זייער גוט פאַרשטאַנען. עס פאַרדריסט מיך, פאַרוואָס דו טראַכסט אַזוי וועגן מיר. האָב איך דיר מיין וואָרט געגעבן, וועל איך עס האַלטן. איך האָב דאָך דיר פאַרגעשלאָגן חתונה צו האָבן מיט מיר פאַרן אָפּפאָרן. דו ביסט געווען די, וואָס האָט דעם דאָזיקן פאַרשלאָג מיינעם אָפּגעוואָרפן. דו האָסט דאַן געזאָגט, — „דיין וואָרט איז פאַר מיר מער וויכטיק ווי די ביין ווערטער ביים זאָגן דעם „הרי את״. און איך האָב דיר דאַן ניט גוט פאַרשטאַנען, בשעת מיין גאַנצע רייזע אַהער, קיין אַמעריקע, האָב איך ניט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דיר און דודן. ניט קוקנדיק וואָס דו האָט מיר הייליק

פּאַרזיכערט, דאַכט זיך מיר כסדר אויס, אַז דוד איז מיינער אַ גאַר ערנסטער קאָנקורענט... אָבער דאָך גלויב איך דיר און וועל דיר תמיד גלויבן. לאַנג וועט אונזער צעשיידונג ניט דויערן. איך האָב באַשלאָסן מאַכן אַ סוף צו אונזער זיין פונדערוויטנס. אין די נאָענט־סטע טעג וועל איך רעדן מיט מיינע עלטערן: אָדער זיי פאָרן מיט, אָדער איך פאָר אַליין. דאָס איז אַ דעציזיע, וואָס קיינער אין דער וועלט וועט זי ניט ענדערן! דעריבער בעט איך דיך, גלויב און וואַרט! אינגיכן וועלן מיר זיך זען! איך הער שוין דאָס אָנקומען פון דער משפחה ראַזין, זיי פרעגן זיך אויף מיר. די מוטער זאָגט, אַז איך געפינט זיך אין מיין צימער.

איך ענדיק דעם בריוו. איך דריק דיך שטאַרק צו מיין האַרצן און שיק דיר האַרציקע קושן.

דיין, אויף אייביק ליבנדיקער רמי״.

* * *

— רמי! צו וועמען שרייבסטו דעם בריוו? — האָט העלען געפרעגט, אַריינקומענדיק אין רמיס צימער מיט שטורעם. צו שרהן?

— יאָ, העלען, צו שרהן. זי איז עס ווערט — האָט רמי געענטפערט.

מיט געמאָסטענע טריט איז העלען צוגעגאַנגען צו רמיס שרייב־טיש, ווו רמי איז נאָך געזעסן. איר געזיכט האָט געלויכטן פון פלעגע און פאַרב. העלען האָט געטראָגן אַ לייכט זומער־קליידל. שיך מיט הויכע קנאַפּל. איר דעקאָלט איז געווען אָפן ביז עטוואָס נידעריקער פון די קאָנטורן פון אירע ברוסטן.

אויפן טישל האָט העלען באַמערקט שרהס בילד. זי האָט גענומען דאָס בילד אין האַנט, באַטראַכט עס און געזאָגט:

— באמת אַ שיין מיידל, — זי איז טאַקע ווערט מ׳זאָל איר ליב האָבן.

— איך האָב איר טאַקע ליב. — האָט רמי געענטפערט.

— און זי דיך, אויך? — האָט העלען געפרעגט, קייענדיק ווייטער דעם מאַסטיק.

יאָ, העלען, — זי מיך אויך.

— איז ווען פאָרסטו אַהין, קיין ישראל, — אָדער זי וועט אפשר קו־מען אַהער?...

— דאַכט זיך, אַז איך וועל פאָרן אַהין. — האָט רמי געענטפערט.

— איז, איידער דו פֿאָרסט אַוועק, אפשר ווילסטו מאַכן אַ שפּאַציר צום שטאָטישן פּאַרק? — האָט העלען אַ פרעג געטאָן איראָניש.

פרוי פיינגאָלד האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, אויסרופנדיק, ניט עפענענ־דיק די טיר:

— קינדער! די קאַפע איז שוין אויפן טיש. קומט, ביטע, אַריין.

— מיר קומען באַלד, — האָט רמי געענטפערט.

— העלען, דו האָסט דאָך ליב קאַפע. קום, מיר וועלן אַריין אין זאַל. העלען האָט אַ שמייכל געטאָן מיט אַזאַ שמייכל, וואָס זאָגט: „איך האָב דיך, גוט פאַרשטאַנען, — איך אינטערעסיר דיך ניט. — אָבער ביסט נאָך לעת־עתה ניט אַרויס פון מיינע הענט!” — האָט זי גערעדט צו זיך אַליין.

העלען האָט רמין אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַזוי זיינען זיי אַריין אין גרויסן זאַל.

פרוי פיינגאָלד האָט עס באַמערקט און עס האָט איר שטאַרק הנאה געטאָן...

— קוקט, וואָס פאַר אַ הערלעך פּאָרל! — האָט פרוי פיינגאָלד אויס־גערופן.

— וואָס קומט דערפון אַרויס, אַז ער האָט אַ כלה אין ישראל. שרה הייסט זי. — האָט העלען אין פאַרלעגנהייט געשמייכלט.

העלען און רמי האָבן זיך געזעצט צום טיש. די מוטער האָט דערלאַנגט הייסע קאַפע מיט עפּל־קוכן. הער ראַזין האָט זיך אָפּגערופן:

— דערצייל אונז רמי, אַ ביסל וועגן ישראל. פון דיר קאָן מען דאָך באַקומען אַ פיינעם גרוס, „פון דער ערשטער האַנט”...

— וואָס איז דאָ צו דערציילן וועגן ישראל? — האָט זיך פרוי פיינגאָלד אָפּגערופן. — אַ לאַנד, ווי אַלע לענדער. נאָר וואָס דאָרטן איז אַ ביסל הייסער.

— מוטער, זיי מיר מוחל, אָבער אונזער שותף פרעגט דאָך מיר און ניט דיר. הער ראַזין, עס וועט געניג זיין, ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז אַראָפּגייענדיק פון דער שיף, ווען צו מיר איז צוגעקומען אַ טרעגער, האָט מיר אָפּגעגעבן אַ האַרציקן שלום־עליכם און גערעדט צו מיר אין יידיש, האָט מיר דאָס האַרץ אַ ציטער געטאָן. איך האָב באַלד דער־פילט, אַז דאָס איז מיין ברודער. אַז איך בין אַריין אין אויטאָבוס, זיינען דאָרט אַלע געווען יידן. איך האָב דאָרט קיין איין נעגער ניט געטראָפן, אַז איך בין געפאָרן קיין תל־אביב, האָב איך געזען מיין לאַנד. אומעטום

האָט מען מיך אַזוי פריינדלעך אויפגענומען, ביז איך האָב זיך פאַרליבט אין דעם דאָזיקן לאַנד...

— אין לאַנד, צי אין שרהן? — האָט העלען אַ פרעג געטאָן.

— אין אַזאַ לאַנד וואַקסן אַזעלכע שרהס. — האָט רמי געענטפערט ערנסט. — איז זינט דאַן ציט מיך קיין ישראל. עס בענקט זיך אַהין. דאָרט, וווּ מ׳דאַרף מיך, דאָרט, וווּ מ׳נעמט מיך אויף אַזוי פריינדלעך, און ניט דאָרט אין די „סטייטס", ווו איך מיט העלען האָבן אַמאָל געזען אַ שילדל: „פאַר יידן, נעגער און הינט איז דער אַריינגאַנג פאַרבאָטן!". העלען האָט עס אויפגענומען איינפאַך. עס אַרט איר ניט, אָבער מיר האָט אַ ברען געטאָן אין האַרצן. איז דאָס אַמעריקע? און אונזער פּרעזידענט אַרט דאָס גאָרניט? איך קאָן זיך דערפון נאָך ביזן היינטיקן טאָג ניט באַרואיקן. איך האָב באַשלאָסן אייך אַלעמען פאַרצולייגן: אַלע זאָלן מיר אַריבער אַהין. דאָרט איז אונזער אָרט, דאָרט וויל מען אונז. דאָרט זיינען מיר נויטיק...

— דו ביסט אַ הייסער ציוניסט! — האָט זיך פרוי פיינגאָלד אָפּגערופן.

— איך בין ניט קיין ציוניסט. איך בין אַ ייד. אַזוי האָט איר מיך דערצויגן. אויב איך קאָן לעבן גוט צווישן יידן, פאַרוואָס זאָל איך עס ניט טאָן?...

— איך פאָר מיט! — האָט העלען אַ זאָג געטאָן.

— אייל זיך ניט, העלען, דאָרט וואַקסן ניט אַזוי לייכט קיין רמיס... — האָט פרוי פיינגאָלד זיך אָפּגערופן.

— יאָ, מוטער. אין קיבוץ איז דאָ אַ סך רמיס מיט דודס. טייערע בחורים. בעסער ווי די „דייווידס" און „ראַשעלס". דאָרט האָבן זיי זייער אייגענע נעמען...

— ס׳איז איצט ניט די צייט צו רעדן וועגן דעם, — האָט פרוי פיינגאָלד געזאָגט — היינט איז אַ רו־טאָג און איך לייג פאָר מיר זאָלן מאַכן אַ שפּאַציר.

— איך דאַנק אייך זייער, — האָט רמי געזאָגט — איך פאָר ניט שבת.

— טאָ זאָלן די קינדער בלייבן אַליין, און מיר וועלן אַרויספאָרן. — האָט פרוי פיינגאָלד זיך אָפּגערופן מיט אַ כוונה.

— מסכים! — האָט העלען געענטפערט. — רמי, האָסטו די בייע פלאַטן פון די היינטיקע טענץ?

פרוי פיינגאָלד מיט איר מאַן און די ראָזינס האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ נייעם אויטאָ, וואָס איז ערשט די לעצטע וואָך געקויפט געוואָרן, און זיינען געפאָרן אויסער דער שטאָט.

העלען און רמי זיינען געבליבן אין זייער ווױנונג אליין. די נעגער־דינערשאפט האט אויך היינט באקומען זייער שבתדיקן אורלויב.

העלען, וועלכע איז געווען אן אפטע אריינגייערין אין רמיס הויז, האט זיך געפילט דא זייער היימיש. זי איז אליין צוגעגאנגען צום פאטעפאן. אויפגעשטעלט טאנץ־פלאטן. און ניט געוואַרט רמי זאל זי לאדן, נאר אים פארבעטן אין טאנץ, פון וועלכן רמי האט זיך ניט געקאנט אפזאגן. העלען האט זיך געטוליעט אין רמין. זי האט מיט אלע פיבערן פון איר נשמה גע־זוכט ארויסצורופן ליידנשאפט ביי רמי. אבער רמי האט געטאנצט ווי מיט א פרעמדער. ער האט ניט ארויסגעוויזן קיין שום ספעציעלן אינטערעס צו העלען. אויפן מאמענט האט זיך אים געדאכט, אז אט דעם זעלבן טאנץ האט ער געטאנצט אין לייען־זאל מיט שרהן. ווי זיס און אנגענעם עס איז אים דאן געווען. זיין פאנטאזיע האט זיך איבערגעטראגן אהין, ווייט ווייט... העלען האט עס געפילט און אויך באמערקט זיין פארזארגטקייט. זי האט אים געקוקט אין די אויגן מיט פארליבטע בליקן. אבער רמי האט זיך ריטמיש באוועגט, ביז דער טאנץ האט זיך פארענדיקט. העלען האט זיך געזעצט אויף דער סאפע, בכוונה בולטסטער געמאכט אירע ברוסטן, כדי צו רייצן רמין. רמי האט זיך אבער געזעצט אויפן פאטעל און זיך אפגע־רופן: א שאד, וואס מיר זיינען ניט מיטגעפארן, דער דרויסן איז אזוי אנגענעם.

— האסטו מורא פארבלייבן מיט מיר אליין? רמי! ביסט דאך קיינמאל ניט געווען אזא?

— מורא?! פארוואס? ניטא פארוואס מורא צו האבן. אויסער פארן אייגענעם געוויסן.

— וואס פייניקט דיך אזוי?

— מיך פייניקט דאס זיין דא, דאן ווען צוליב א סך אנדערע סיבות מוז איך זיין דארטן.

— זיכער איז דער דארטן ביי שרה! — האט העלען מיט א שמייכל א זאג געטאן.

— יא! ריכטיק! איך האב געלאזן דארט א הארץ, וואס בענקט.

— זי בענקט ניט, רמי, דארטן זיינען דא גענוג בחורים. גלויב מיר, אז זי טראכט ווייניקער וועגן דיר, ווי דו וועגן איר. ס'איז ניטא היינט קיין נאראנים. דו מיינסט געוויס, אז זי פאסט תעניתים. זאלסט זיין ווייניקער נאאיוו. היינטיקע יוגנט איז ניט ווי אמאל. יוגנט פארלאנגט אירס.

— אפשר ביסטו גערעכט, העלען, און ניט גערעכט. עס זיינען דא

אַלערליי סאָרטן מענטשן און יעדער גייט זיין גאַנג. אויף וויפל איך קאָן איר, איז זי ניט פונעם סאָרט מיידלעך, וועלכע פאַרבייטן קערפּער ליבע אויפן אָרט פון נשמה ליבע. און: — איך וועל דיר בעסער זאָגן וועגן אונזער יוגנט. די יוגנט באַנוצט זיך מיט קערפּער ליבע, כדי צו געווינען נשמה ליבע. מיר האָבן שוין אַ סך געהערט, געזען, געליטענט פון די דאָזיקע פּראָבלעמען.

העלען האָבן די ווערטער אַ שטאָך געטאָן. אייגנטלעך איז זי דאָך צו דעם געבליבן, דאָס איז אויך געווען די כוונה פון ביידנס עלטערן, לאָזן די יונגע אַליין אין אַ רייכע אויסגעפּוצטע שיינע וווינונג. און זאָרגן פאַר די קינדער, וועלכער עס פעלט בלויז קעגנזייטיקע ליבע. רמי האָט די ווערטער אַרויסגערעדט כדי אָפּצושלאָגן העלענס געדאַנקען און האָט טאַקע זיינס דערגרייכט. העלען האָט זיך געפילט געטראָפן און זי האָט אַראָפּגענומען אירע הענט פון דער סאָפע, קוקנדיק אים אין די אויגן, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— רמי! איך וויל מיט דיר אָפן רעדן. ניטאָ וואָס זיך צו שעמען. איך האָב דיך ליב. און שטאַרק ליב. די גאַנצע צייט וואָס מיר זיינען געווען צוזאַמען, האָט מיין פּרוּוען־אַמביציע, ניט דערלויבט מיר דיר דאָס צו זאָגן. איך האָב געוואַרט צו הערן פון דיר אַזעלכע רייד. איך האָב אַלץ געטאָן, כדי צו געפינען זיך אין דיין געזעלשאַפט. דיין מוטער האָט מיר דערנענטערט צו דיר און זי וויל, אַז מיר זאָלן זיין פאַרבונדן. אָבער הערנדיק דיינע רייד, און זעענדיק דיין האַנדלונג איצט, נאָכדעם, ווי מיר זיינען געבליבן אַליין, און פילנדיק אויך אין דיין טאַנצן מיט מיר, וועל איך ביי דיר ליבע ניט בעטן. זאָג מיר נאָר, וואָס איז דיין ענטפער וועגן דעם.

— העלען! אַזוי ביסטו אַ בראַווע מיידל. און איך שעץ דיך דערפאַר זייער. אָבער איך וועל דיר זאָגן. איך האָב ליב שרהן און אָן איר וועט ניט זיין מיין לעבן קיין לעבן. צוויי מאָל ליבן קאָן מען ניט. אפילו עס זאָלן מיר דאָס דערקלערן די גרעסטע פּסיכאָלאָגן, וועל איך זאָגן, אַז ניין. ליבע איז נאָר איינע און די ערשטע. שרה איז די ערשטע ליבע מיינע און אויך איך בין ביי איר דער ערשטער, ווען זי האָט ליב באמת. אפשר האָט זי אויך אַנדערע ליב געהאַט, דאָס ווייס איך ניט. אָבער אויף וויפל זי האָט מיר געזאָגט, בין איך איר ערשטער. און נאָר אַזאַ ליבע, וועלכע זי האָט מיר אַרויסגעוויזן, ווען איך בין געלעגן אין שפּיטאָל, קאָן איבערצייגן אין איר אויפריכטיקייט. איך ווייס ניט וואָס הינטער די געפילן שטעקט אין דעם. אָט זיינען מיר געווען אַ סך יאָרן צוזאַמען. געלערנט זיך אין איין שול. איך שעץ דיך ווייטער, אַזוי ווי איך האָב דיך פריער געשעצט. דו ביסט

ביי מיר, ווי אַ שוועסטער, אָבער ניט ווי קיין מיידל. אפשר איז עס דערפאַר, וואָס מיר האָבן קיינמאָל ניט גערעדט וועגן דעם. אָדער אפשר האָט גע־פעלט אָפּפּערקייט אין אונזער לעבן. דערפאַר אפשר וואָס מיר זיינען ניט געשטאַנען פאַר אַזאַ נסיון. אין שרהן האָב איך דערפילט דאָס צווייטע פון מיר. און — זאָלסט זיך ניט וווּנדערן, מיך אַרט ניט קיין מיידל אין דער סביבה, ווו איך געפין זיך איצט. איך פאַרשטיי ניט דעם כוח, וואָס מיך ציט צו שרהן אָבער דאָס איז אַזאַ מאַגנעט, איך פיל אַז קיינער וועט איר ניט פאַרטרעטן. דערפאַר וויל איך דיך בעטן, העלען, לאָמיר פאַרבלייבן גוטע פריינד. אַזעלכע ווי מיר זיינען געווען. איך זאָג דיר צו, צו זיין אי־בערגעגעבן ווי אַ גוטער, נאָענטער חבר.

העלען איז געזעסן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. זי האָט ניט געקאָנט רעדן, ווייל עס האָט איר געשטיקט אין האַלדז. זי פלעגט נאָר מאָמענטנווייז אַ בליק טאָן אויף רמין, וועלכער האָט געהאַט מיט איר איצט גרויס מיט־לייד. ער האָט געפילט, ווי אַ חלום ווערט צערונען אין אירע פאַנטאַזיעס. עס האָט זיך אים געוואָלט איר טרייסטן. ווייל ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז איר ערשטע ליבע.

— איז דאָס דיין לעצט וואָרט? — האָט העלען אַ פרעג געטאָן.

— יאָ! דאָס איז מיין לעצט וואָרט, וועגן דער פראַגע.

— און וואָס וועסטו טאָן, ווען זי וועט דאָרטן געפינען אַ צווייטן, און וועט חתונה האָבן?

— טאָן קאָן איך גאָרניט קעגן דעם, ווייל מיר האָבן ניט געהייראַט. אָבער איין זאַך, וואָס איך פיל, אַז זי וועט דאָן צעברעכן צוויי לעבנס. אירן און מיינעם. און ניט נאָר צוויי לעבנס, נאָר זי צעברעכט אַ דור! ווייל די קינדער, וועלכע וועלן געבוירן ווערן פון אַזעלכע עלטערן, וועלן ניט געפינען קיין גליק אין זייער לעבן. דערפאַר, וואָס זיי וועלן זיין אַ רע־זולטאַט פון אַ קערפּערלעכער פיזישער באַציאונג פון מאַן און פרוי און ניט פון געליבטע טאַטע מאַמע און זיי וועלן אויך ניט אָנזען קיין אויפריכטיקע ליבע צווישן פאָטער און מוטער אינדערהיים. זיי וועלן אויסוואַקסן אין צערטלעכקייט פון אַזעלכע עלטערן, וועלכע האָבן זיך ניט ליב געהאַט. דערפאַר טרעפט מען זייער אַ סך בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן ניט חתונה געהאַט צוליב פאַראַטענע ליבעס.

— און ווי וואָלסטו געהאַנדלט אין אַזאַ פאַל, ווען זי האָט דאָרטן חתונה?

— איך קאָן עס דיר ניט זאָגן, אָבער מיר דוכט, אַז איך וואָלט פאַר־בליבן אַן אַלטער בחור, איך וואָלט קיינמאָל ניט חתונה געהאָט.

— טוען אַ סך אַזוי? — האָט העלען אַ פרעג געטאָן.

— איך מיין, אַז קיין סך זיינען ניטאָ. ווייל אַ גרויסער טייל האָט חתונה מיט זייערע ערשטע באַשערטע. אַ גרויסער טייל האָט חתונה, ניט אָפּגעבנדיק זיך אַ חשבון, וואָס וועט שפּעטער אַרויסקומען און דאָס זיינען די קאַנדידאַטן פון די, וועלכע שאַפן שפּעטער משפחה־טראַגעדיעס — מע־נער פאַראַטן זייערע פרויען און פרויען זייערע מענער. ווייל זיי געפינען ניט קיין אינטערעס אין זייערע אייגענע ווינקלען. הערשט ניט אין שטוב קיין ליבע צווישן מאַן און פרוי — וועלן ביידע זיך לאַנגווייליקן און זוכן פרעמדע געזעלשאַפט, און די פרעמדע געזעלשאַפט, גיט מאָמענטאַלע אויסדרוקן פאַר געפילן. ווייל ווען אַ פרעמדער מאַן וויל געפינען אַ פרעמדע פרוי, וועט ער איר אָפּגעבן קאָמפּלימענטן אַזעלכע, וועלכע זי הערט עס ניט פון אייגענעם מאַן, און דאָס זיינען די רעדעלעך, וועלכע פירן צום הייג־טיקן, איך וועל עס אָנרופן, טראַגישן לעבן אין דער משפחה.

— רמי! ווי קומען צו דיר אַזעלכע טיפע געדאַנקען, דאָס איז דאָך פילאָזאָפיע, וואָס מען לערנט ניט אין די שולן?

— די פילאָזאָפיע ווערט אָבער געלערנט טאָג־טעגלעך אין מענטש־לעכן לעבן. דאָס געפינסטו אין אַלע זשורנאַלן און צייטונגען. דאָס האָסטו אין פּראָפעסאָר קינסיס סטאַטיסטיק.

— איך זע, רמי, אַז וואָס מער מיר רעדן וועגן דעם, איבערצייג איך זיך, ווי טיף דער תהום איז צווישן אונז.

— דער תהום צווישן ליבע אויף אייביקע פאַרבינדונג איז אַ טיפער. אָבער ער איז ניט טיף פאַר גוטע פריינדשאַפט — לאָמיר פאַרבלייבן פריינד. לאָמיר זיין איין געזעלשאַפט. וועלן מיר האָבן געוווּנען ביידע טיילן סיי פריינד, סיי ליבע.

— רמי! — האָט העלען אויסגערופן אויפשטעלנדיק זיך פון אָרט, ווו זי איז געזעסן. — נאַ דיר מיין האַנט, אַז מער וועל איך וועגן דעם ניט רעדן. איך ווינטש דיר באמת גליק מיט שרהן, איך וויל דיר בלייבן אַ פריינד. — זי האָט אַרומגענומען רמין און אים אַ שטאַרקן קוש געטאָן. — איצט — זאָגט העלען, קום טאַנצן ניט ווי פאַרליבטע, נאָר ווי פריינד.

אין אַן ענגלישן וואַלץ האָבן זיך איצט באַוועגט רמי און העלען איבערן גרויסן זאַל. צוויי הערצער האָבן זיך געפרייט ווי אמתע פריינד.

* * *

אין הויף איז אריינגעפאָרן ה׳ פיינגאָלד מיט העלענס עלטערן. ארייג־קומענדיק אין הויז, האָט פרוי פיינגאָלד זיך געשמאָלצן פון פאַרגעניגן. אין טאַנץ האָט זי געפילט, ווי די קינדער האָבן זיך גערן. א צופרידענע איז זי געשטאַנען און געכאַפּט איר מאָן כדי אריינצופלעכטן זיך אין טאַנץ. אָבער אַקוראַט האָט זיך די מוזיק געענדיקט.

— נו, ווי האָט איר פאַרבראַכט, קינדערלעך? — האָט פרוי פיינגאָלד א פרעג געטאָן העלען.

— וואונדערבאַר! פרוי פיינגאָלד, איך האָב געוואונען רמיס פריינדשאַפט.

— עס פריידט מיך זייער, קינדער. איצט וועט זיין א שיין לעבן צווישן אונז. דורות וועלן זיך ציען פון פריינדשאַפט צווישן די משפחות פיינגאָלד און ראָזין. איר אַלע בלייבט ביי אונז אויף מיטאָג. — האָט פרוי פיינגאָלד אויסגערופן.

די ראָזינס האָבן זיך ניט קעגנגעשטעלט. זיי האָבן געזען אין די פרייד פון זייער שיין טעכטערל א סך דאַנקבאַרקייט.

— איך וועל אייך צוהעלפן — האָט העלען זיך אָפּגערופן צו מאַדאַם פיינגאָלד. העלען איז מיט שטאָלצע טריט אריין אין קיך. אָנגעטאָן א פאַר־טוך און געהאָלפן סערווירן צום טיש. אין קיך האָט פרוי פיינגאָלד א פרעג געטאָן העלען:

— נו ווי האַלטסטו מיט מיין זון?

— פּופּציק פראָצענט האָב איך דערגרייכט אין אונזער ליבע — רופט זיך אָפּ העלען מיט א געלעכטער.

— וואָס הייסט פּופּציק פּראָצענט? — האָט ווייטער געפרעגט מאַדאַם פיינגאָלד.

— איך האָב אים ליב. — ער מיך ניט. ס׳הייסט א העלפט ליבע איז דאָ — האָט העלען שטיפעריש געלאַכט. פרוי פיינגאָלד האָט איר ניט פאַר־שטאַנען. העלען האָט סערווירט צום טיש פיינע מאכלים. העלען איז געזעסן נעבן רמין, פרוי פיינגאָלד נעבן פרוי ראָזין און ביידע מענער, איינער נעבן דעם אַנדערן. די שטימונג איז געווען א גוטע. א קלונג אין טיר האָט אָנגעזאָגט דעם בריוו־טרעגער. רמי האָט געוווסט, אַז דאָס איז פאַר אים א בריוו. אַזוי האָט ער אָפּגערעדט מיטן בריוו־טרעגער. רמי האָט זיך אַנטשולדיקט, צוגעגאַנגען צו דער טיר, און אָפּגענומען דעם בריוו. דאָס איז טאַקע געווען פון שרהן.

רמי האָט זיך צוריקגעזעצט צום טיש און דער געשפּרעך האָט זיך ווייטער געצויגן.

— עס איז צייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן תכלית, — האָט פרוי פיינ־גאָלד אויסגערופן. — די געשעפטן פאָדערן, אַז רמי זאָל אַריין אין די ביזנעס, און גוט איז ווען אַ מאַן אין מסחר האָט אַ פרוי. ניט אמת מיסטער ראָזין?

— ריכטיק! איך האָב אויך אַזוי געטראַכט. מאַכט שוין חתונה אייער זון און פאַרטיק. וואָס וועט זיך אַזאַ שיינער באַי אַרומדרייען?

— איך וועל העלפן באַדינען די געסט — האָט העלען זיך אָפּגערופן.

— רמי, ברענג שוין דיין מיידל פון ישראל, אָ, וועט עס זיין אַ חתונה? — גאַנץ ניו־יאָרק וועט רעדן דערפון. רמי מיט אַ מיידל פון ישראל...

— צו וואָס דאַרף ער ברענגען מיידלעך פון ישראל, אַז ער האָט דיר נעבן זיך — האָט פרוי פיינגאָלד געזעדט ערנסט.

— מיך האָט ער ניט ליב. — האָט העלען איראָניש באַמערקט.

— איז עס דיין שולד, העלען. זיי מיר מוחל, ניטאָ קיין שיין מיידל אין דער וועלט, וואָס זאָל ניט קענען נעמען אַ בחור. זי דאַרף נאָר איינ־מאָל זאָגן יאָ, און דאָס איבעריקע קומט שוין אַליין.

— פאַר אַזעלכע האַלטסטו די בחורים, מוטער? — האָט רמי בייז זיך אָפּגערופן.

— יאָ, מיין זון. ליבע איז דאָרט פאַראַן, ווו עס מאַלט דאָס מילעכל. — פלעגט מיין מאַמע, עליה־השלום, זאָגן. איך האָב איר פאַרשטאַנען און טאַקע חתונה געהאַט מיט מיסטער פיינגאָלד. הלואי זאָלט איר זיך אַזוי ליב האָבן ווי מיר האָבן זיך ליב — האָט פרוי פיינגאָלד גערעדט מיט האַרץ, אַ גלעט טאָענדיק דערביי איר מאַנס געזיכט, — און אַז ס'מאַלט זיך ניט, ווערט מען אַלט פאַר דער צייט...

— פאַרוואָס זאָלן מיר איצט ניט באַשליסן. וואָס? עס שטייט ניט אָן דער שידוך? העלען איז אַ וווּנדערבאַר מיידל, איך זאָג עס איר אין די אויגן, און די מחותנים, פאַרשטייט זיך, געפעלן מיר אויך.

— מוטער, — האָט רמי שוין אַ ביסל שטרענגלעך אויסגערופן — איך בעט דיך, צעשטער ניט דעם פאָטערס געשעפטן. צוואַנציק יאָר זענט איר פריינד, איר זענט גוטע שותפים, — טאָ בלייבט עס אויך אויף ווייטער. וועגן קומענדיקע שותפים, לאָזט עס איבער פאַר מיר מיט העלען. מיר האָבן צווישן זיך וועגן דעם גערעדט און זיינען געקומען צו אַ פאַרשטענ־דעניש. דו ווייסט דאָך, אַז יעדער דור האָט זיך זיינע וועגן. איך בעט מער

ניט רעדן וועגן דעם, ווייל מ׳דאַרף ניט פאַרשאַפן זאַכן וואָס וועלן במילא ניט געבן קיין שום רעזולטאַטן. איך האָב דיר שוין איינמאָל דערקלערט, איך האָב אַ מיידל אין ישראל און מיט איר וועל איך חתונה האָבן.

— ניט ביי מיין לעבן! — האָט פרוי פיינגאָלד אויסגערופן.

— דו צעשטערסט פריינדשאַפט, מוטער. לאָמיר ווייטער אַנגיין מיטן מיטאָג.

העלען, — מערקנדיק וואָס דאָ קומט פאָר, איז אויפגעשטאַנען פונעם טיש און האָט זיך אָנגערופן צו רמין.

— רמי, איך וויל מיט דיר רעדן אַ פּאָר ווערטער.

— ניט איצט, — האָט רמי געענטפערט.

— גראָד איצט. איך בעט דיך, אַז מ׳פילט אַ מחלוקה דערנעענטערט זיך — איז די בעסטע זאַך... גיין שלאָפן. וועלן זיך די געמיטער בארואיקן. צווייטנס וויל איך דיר באמת עפּעס וויכטיקס איבערגעבן. — העלען האָט אָנגענומען רמין ביים אָרעם און אים אַרויסגעפירט פון עס־צימער.

אַן אויפגערעגטער איז רמי צוזאַמען מיט העלען אַרויס פון זאַל און זיי זיינען אַריין אין זיין צימער.

— שטענדיק מוז זי מיך אויפרעגן. דאַכט זיך, איך האָב איר שוין געזאָגט, קלאָר און אָפן. זי האַלט זיך ביי ס׳איריקע. — וואָס קלערט זי זיך, אַז איך בין דער פּאַטער?...

— רמי, בארואיק זיך. מיר האָבן דאָך צווישן זיך אַ הסכם. וועסט זען, אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג. האָסט שרהס בריוו, — לייען, איך וועל אַריינגיין צו זיי דאָרט.

העלען איז אַריין אין עס־זאַל. ביים טיש איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער ויכוח צווישן הער פיינגאָלד און זיין פרוי. אויך די ראָזינס האָבן אין דעם ויכוח אָנטייל גענומען.

פרוי ראָזען, אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, האָט זיך אָפּגערופן: מיסיס פיינגאָלד, איר זענט ניט גערעכט. היינטיקע יאָרן גייט עס ניט. קינדער האָבן היינט זייערע אייגענע וועגן און מעטאָדן. מיט געוואַלד דאַרף מען זיי ניט צווינגען. און איך וויל אויך ניט, אַז העלען זאָלן חתונה האָבן מיט רמין דורך כוח. מיין טאָכטער איז מיר געװנוג טייער. אויב רמי האָט העלען ניט ליב, וועט זייער לעבן במילא ניט זיין קיין לעבן. וועלן זיי זיך געפעלן איינער דעם צווייטן, און וועלן זאָגן, אַז זיי ווילן חתונה האָבן — אין אוודאי גוט. ניט? — העלען וועט זיך געפינען איר מזל, און רמין זאָל גאָט געבן, ווי ער ווינטשט זיך אַליין.

העלען איז ווידער אַריין צו רמין אין צימער. זי האָט אים געפונען ליגן אויף דער סאָפע פאַרטראַכט און אויפגערעגט.

— האָסט זיך באַרואיקט ? — האָט העלען אַ פרעג געטאָן.

— איך בין רואיק, העלען. דו ביסט באמת אַ טייער מיידל. מיין מור־טערס היינטיקע האַנדלונג וועט דערפירן דערצו, אַז איך וועל אין אַ חודש אַרום אַפּפאָרן. איך קען דאָ מער ניט זיין !

— ביסטו דאָך אויך איינגעשפּאַרט, רמי ! פאַרשטיי דיין מוטער. זי מיינט דען חלילה שלעכטס ? פשוט, זי מיינט, אַז מיט די אַלטע וועגן וועט זי דערגרייכן ביידע לעבנס־באַגריפן. לייען דעם בריוו. וועסטו זיך באַ־רואיקן. און איך וויל דיך בעטן, איך וויל אויך הערן, וואָס זי שרייבט צו דיר. געדענק רמי, איך האָב מיט דיר אַ הסכם. איך וועל דיר זיין אַ שוועס־טער. אַלס אַזאַ האָב איך דיך גערן. — זי האָט זיך געזעצט נעבן אים און געגלעט זיין קאָפּ.

— לייען רמי, איך בעט דיך. לאָמיר הערן וואָס עס שרייבט אַ ישראל־מיידל. זיכער האָבן זיי זייער סאָרט ליבע אויסדרוקן.

רמי האָט געעפנט דעם בריוו. אַ קליין בילדל איז דאָרט געווען. שרה, אויף דער לאַנדשאַפט פון נגב, ביים גרויסן בוים. אין קורצע הייזלעך.

העלען האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס בילדל און אויסגעשריען :

— רמי ! ווי שיין ! — זי האָט דאָס בילדל געהאַלטן אין ביידע הענט, און ניט געקאָנט אָפּרייסן אירע אויגן פון שרהס אויגן.

רמי האָט גענומען דאָס בילד, געקוקט אויף שרהן. פאַר זיינע אויגן האָט זיך באַוויזן דער בוים אונטער וועלכן זיי זענען געזעסן אויף דער באַנק אין די זומער־אָוונטן, בשעת זון־אונטערגאַנג. זיין האַרץ האָט אַ ברי־געטאָן. ער האָט דאָס בילד אַוועקגעלייגט אויפן טישל. העלען האָט עס ווידער גענומען אין אירע הענט אַריין און זיך אָפּגערופן :

— איך גיי עס ווייזן די עלטערן.

רמי האָט ניט געענטפערט. העלען האָט מיט יוגנטלעכן ברען זיך אויפגעשטעלט און מיט זיכערע און גיכע טריט איז זי אַריין אין עס־זאַל, וווּ עס זיינען נאָך געזעסן אירע עלטערן מיט די פיינגאָלדס. דאָס בילדל האָט זי צוערשט געוויזן איר מוטער, וועלכע האָט זיך אַנטציקט פון דער נגב־לאַנדשאַפט.

ווען העלענס מוטער האָט דאָס בילדל איבערגעגעבן דער פרוי פיינ־גאָלד, האָט זי פון דער זייט אַ בליק געטאָן און זיך אָפּגערופן :

— איך קאָן די געגנט, איך קאָן אויך דאָס מיידל.

פרוי ראַזין האָט עס געוויזן איר מאַן, וועלכער האָט נאָך געהאַט סענ־טימענטן פאַר ישראל, פון די צייטן פון די חדר־יאָרן. אָבער מער פאַר אַלע האָט זיך הער פיינגאָלד אָפּגעשטעלט און זיך אַ סך איינגעקוקט אינעם בילדל. ער האָט אין שׂרהן דערזען זיין שנור. די צוקונפט פון זיין זון. זיינע אייניקלעך און זיין היימלאַנד. דאָס בילד, באַקרעפטיקט פון זיין שמועס מיט רמין, האָט אים אָוועקגעפירט ווייט אַהין אויף מזרח, ווו דאָס יידישע פאָלק האָט געשפּונען זיין געשיכטע. לאַנג האָט פיינגאָלד געקוקט אויפן בילד ביז פרוי פיינגאָלד האָט זיך אָפּגערופן:

— מיסטער, וואָס זעט איר דאָרט? אַ שיין יונג מיידל מיט נאַקעטע פיס? אַ, זינדיקע נשמה!...

— יאָ, מיין טייער ווייבעלע. אַ שיין מיידל, אויף שיינער ערד. זע, ווי די זון שיינט דאָרטן. זע ווי דער באָדן וואַרט מ׳זאָל אים באַאַרבעטן. זע, ווו דאָס קינד געפינט זיך — און רמי?...

העלען האָט גענומען דאָס בילדל און צוריק אַריין צו רמין, געפינענדיק אים נאָך אַלץ ביים לייענען דעם בריוו.

— דאָס בילד האָט זיי אַלעמען איבערראַשט, רמי, בפרט דיין פאָטער.

— וואָס קאָן דער פאָטער טאָן, ווען ער האָט ביי דער מוטער קיין שום דעה ניט. זי מאַכט מיט אים, וואָס זי וויל. אָפּט ברענט מיר מיין האַרץ דערפון. עס ווילט זיך מיר דאָן אַנטלויפן פון דאַנען. איך באַוווּנדער מיין פאָטער. — איך וואָלט אַזוי ניט געקאָנט לעבן...

— רמי, וואָס שרייבט זי, דיין שׂרה? איז עס אַ סוד?...

— ניין, העלען. זי שרייבט דאָס, וואָס דו און איך און אויך צענדליקער אַנדערע אין איר גלייכן שרייבן. זי בענקט און וואַרט. פאַרברענגט ניט אין געזעלשאַפט און אַז אַ צווייפל גריבלט אין איר האַרצן וועגן אונזער ביידנס צוקונפט. עס האָט זיך איר געחלומט, אַז איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט און אַז זי איז געוועזן אויף דער חתונה און אַז ווען איך האָב מיט איר גע־טאַנצט ביסטו ברוגז געוואָרן און איר שטאַרק דערפאַר אויסגערעדט. האָט זי דיר געענטפערט, אַז זי האָט אויף מיר ניט ווייניקער רעכט ווי דו, העלען. אַ חלום, זאָגט מען, איז דער געדאַנק פונעם טאָג. איך מוז איר באַרויקן. ווייטער שרייבט זי, אַז זי וויל פון מיר כאָטש אָפּטער בריוו באַקומען...

— רמי, איך ווינטש דיר גליק. און איך ראָט דיר, רעד מיט דיינע עלטערן. איך וועל רעדן מיט מיינע. זאָלן מיר אַלע אַריבערפאָרן קיין יש־ראל. אַז מיר וועלן דאָרט זיין, וועסטו האָבן שׂרהן נעבן זיך. מיר וועלן אויך דאָרט קאָנען לעבן, איך וועל ביי מיינע עלטערן פועלן, בפרט ביים

פּאַטער. ער איז דאָך אַ ציוניסט. ער שטיצט „קרן קימת״, קויפט „באָנדס״ און אַז ציוניסטישע שליחים קומען צו אונז נעמט ער זיי אויף גאָר וואַרעם.

— און אַז מײַנע און דײַנע עלטערן וועלן ניט מסכּים זײַן צו פאָרן?

— וואָס וועט דאַן זײַן?

— וועלן מיר ביידע פאָרן, אָבער ניט ווי אַ פּאָרל, נאָר ווי ברודער מיט אַ שוועסטער. איך זאָג עס דיר צו. איך בין גרייט צו גיין אפילו אין דײַן קיבוץ. פאַראַן דאָרט שיינע ייִנגלעך, רמי?

— העלען! — האָט רמי אַ געשריי געטאָן. — דאָרט איז דאָ אַ וווּנדערבאַרער בחור, פון ליטע. ער הייסט דוד. איך האָב ניט געוואָלט רעדן מיט דיר וועגן דעם. נאָר אַז דו רעדסט שוין יאָ וועגן פאָרן אַהין און בפרט נאָך וועגן גיין אין קיבוץ, וועסטו זען וואָס פאַר אַ טײַערער בחור דאָס איז. ער איז אויך דער סעקרעטאַר פונעם קיבוץ. ער האָט צו זײַן דיספּאָזיציע אַ הערלעכן „סטיישן״ און איז אָנגענומען אין קיבוץ. אַלע מיידלעך חלשן נאָך אים. ער האָט אָבער ליב געהאַט שרהן. צוליב שעמעוודיקייט וועגן זײַן ליבע צו איר, ניט דערציילט. ערשט ווען ער האָט זיך דערוווּסט, וועגן מײַנע באַציאונגען מיט שרהן האָט ער אַנטדעקט איר דעם סוד. ער איז אויך מײַן בעסטער פרײַנד. קום אַהין. וועסט זײַן גליקלעך. און אַז מיר וועלן זײַן דאָרט, וועלן שוין אויך די עלטערן אַהין קומען.

— נאַדיר מײַן האַנט, רמי. איך גיי מיט דיר. איך וועל דערציילן מײַנע עלטערן וועגן פּלאַן. אָבער קום אַרײַן אין זאַל. זאָלן דײַנע עלטערן ניט זײַן ברוגז.

רמי מיט העלען זײַנען אַרײַן אין זאַל. פרוי פײַנגאָלד האָט געקוקט פון דער זײַט אויף איר זון. עס האָט איר געקרענקט, וואָס זי פאַרשאַפט אים פאַרדרוס, ווײַל זי האָט רמין ליבער געהאַט ווי איר אייגענעם לעבן, אָבער אויסערלעך האָט זי עס ניט אַרויסגעוויזן. זי האָט באַמערקט רמיס צופרידנקייט און ניט פאַשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר.

פרוי ראָזין האָט פאַרגעלייגט, אַז זיי זאָלן פאָרן אַהיים, און אויך געבעטן די משפּחה פײַנגאָלד מיט זיי מיטצופאָרן. העלען האָט צוגעשטימט אָבער פרוי פײַנגאָלד האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. זי האָט דערקלערט, אַז זי פילט זיך מיד, און האָט דערבײַ פאַרגעלייגט, אַז רמי מיטן פאַטער זאָלן מיטפאָרן. די געסט מיטן פאַטער און זון פײַנגאָלד, זײַנען אָפּגעפאָרן. רמי האָט פאַרגעסן זײַן בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון שרהן און געלאָזן אָפּז אויפן טישל אין זײַן צימער.

פרוי פײנגאָלד האָט גענומען לײענען דעם בריוו. פּלוצים איז איר אַרײַן אַ געדאַנק:

די קלײנע שרה שרײַבט װעגן אַ חלום, אַז זי האָט אױפגעהערט צו באַקומען בריוו פון רמין.

דער דאָזיקער געדאַנק האָט איר ניט געלאָזט רוען. זי מוז צעשטערן די ליבע צווישן רמין מיט שרהן. און דאָס טאַקע פאַר יעדן פרייז. זי זאָל ניט אויספירן ס׳איריקע — דאָס איז ניט מעגלעך...

זי האָט צוריקגעלײגט דעם בריוו אויפן אָרט, כדי רמי זאָל ניט וויסן, אַז זי האָט אים געלייענט. מיט דער צווייטער פּאָסט איז גראָד אָנגעקומען נאָך אַ בריוו פון שרהן, װעלכן פרוי פײנגאָלד האָט איבערגענומען. אין דער זעלבער רגע האָט זי עפּעס באַשטימט, וואָס נאָר אַ מענטש אָן כאַראַקטער, אָדער אַ מאַמע, וואָס וויל מיט איר גאַנצער נשמה צעברעכן די ליבע צווישן איר קינד מיט זײַן אויסדערוויילטער, קאָן עס טאָן. זי האָט צוגערופן דעם בריוו־טרעגער, אים געגעבן אַ צען־דאָלאַר באַנקנאָט און צו אים אַזוי געזאָגט: „וועסט ביי מיר באַקומען אַ סך געלט, און זאָלסט פון היינט אָן ניט אָפּגעבן קיין איין איינציקן בריוו מיין רמין. אַז ער וועט דיך פרעגן וועגן אַ בריוו, זאָג אים, אַז דו ווייסט וועגן גאָרניט. צווייטנס: זאָג מיר נאָר, איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט אַז מיין זונס בריוו קיין ישראל זאָלן ניט אַוועקגיין? — דער פרייז איז ניט וויכטיק...

— יאָ, האָט דער בריוו־טרעגער געענטפערט. — אייער ראַיאָן ווערט באַדינט דורך מיינס אַ חבר. אפילו ווען ער וועט שיקן זיינע בריוו דורך אַ צווייטן ראַיאָן, מוז עס אָנקומען צו אונז אין האַנט אַריין. — אָבער דאָס וועט קאָסטן...

— יעדער פרייז איז ניט צו טייער. זע אַז קיין בריוו זאָל ניט אַוועק קיין ישראל מיטן אָפּזענדער „רמי פײנגאָלד״. — פאַרשטאַנען ?...

— מאַדאַם, אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג...

דער בריוו־טרעגער, אַ פּאָרטאָריקאַנער, האָט פאַרשטאַנען דער פרויס כּוונה. ער האָט דערזען פאַר זיך אַ קוואַל פון אַ זייטיק פאַרדינסטל...

פרוי פײנגאָלד האָט זיך געזעצט צום שרייב־טיש. אָנגעשריבן אַ בריוו, אַז איצט איז רמי אָפּגעפאָרן צו דער משפּחה ראַזין און אַז דאָרט ווערט איצט באַשטימט דער טאָג פון זיין חתונה מיט העלען. דעריבער בעט זי שרהן אין רמיס נאָמען, אַנטשולדיקונג פאַר אַלץ, וואָס איז געשען. זי בעט איר מער ניט שרייבן צו רמין, ווייל ווען העלען וועט באַקומען אַזאַ בריוו, וועט עס שטערן זייער צוזאַמענלעבן. פרוי פײנגאָלד איז גרייט צו זיין די

פאַרבינדלעריין צווישן זיי אָבער קיין איין וואָרט טאָר ניט דערמאָנט ווערן וועגן זייער ליבע. פרוי פיינגאָלד וועט אין געהיים איבערגעבן איר זון די בריוו, כדי העלען זאָל זיך וועגן דעם ניט דערוויסן. און אַז אויף ווייטער זאָל זי שרייבן די בריוו אויפן אַדרעס פון זייער פאַבריק.

פרוי פיינגאָלד האָט צעריסן שרהס בריוו און די שטיקלעך פאַרברענט, עס זאָל דערפון קיין סימן ניט בלייבן. דעם דאָזיקן בריוו האָט זי אָפּגע־שיקט „עקספרעס".

אַז רמי האָט זיך צוריקגעקערט, האָט ער מיט זיין מוטער ניט גערעדט. ער איז אַריין אין זיין צימער. נאָכאַמאָל דורכגעלייענט שרהס בריוו און באַלד געשריבן אַן ענטפער. אַקוראַט ווען רמי האָט אַריינגעוואָרפן זיין בריוו אין פאָסט־קעסטל, וואָס האָט זיך געפונען נעבן זייער הויז, האָט דער בריוו־טרעגער, דורכגייענדיק, עס באַמערקט. ער האָט געעפנט דאָס פאָסט־קעסטל, אַרויסגענומען רמיס בריוו און אויפצומאָרגנס אים איבער־געגעבן דער פרוי פיינגאָלד. זי האָט דער בריוו דורכגעלייענט און אים צעריסן. שפּעטער, ווען די משפחה פיינגאָלד האָט גערעדט וועגן נעכטיקן אינצידענט בשעתן מיטאָג, האָט פרוי פיינגאָלד זיך אָפּגערופן:

— רמי, פון היינט אָן וועל איך זיך ניט מישן אין דיינע ענינים. טו ווי דו פאַרשטייסט, אַז דו ווילסט מיך ניט פאָלגן וועסטו שפּעטער באַ־דויערן. ווייל פאַר דיר איז נאָר העלען די פּאַסיקסטע פּאַרטנערין, און ניט קיין אַנדערע.

— אָט אַזוי, מוטער, זאָלסטו טאַקע טאָן, וועט צווישן אונז ניט זיין קיין שטרייט־פראַגן און אויב העלען איז די פּאַסנדע, דאָס איז „מיינע ביזנעס" — ווי עס זאָגן די אַמעריקאַנער.

פרוי פיינגאָלד, וועלכע האָט געהאַט אויף איר געוויסן, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן, האָט אויסגעמיטן צו זיין נאָענט פון איר זון, יעדן צווייטן טאָג, פלעגט פרוי פיינגאָלד איינאָרדענען פּאַרטיעס אין שטוב. זי האָט געלאַדן באַקאַנטע פון נאָענט און ווייט. ניט געקוקט, וואָס די אַמעריקאַנער זיינען פאַרטאָן אין ביזנעס, פרוי פיינגאָלד האָט שוין אָפּגעפונען אירס.

ווען ס'איז אַדורך אַ וואָך און רמי האָט ניט באַקומען קיין בריוו פון שרהן, איז ער געוואָרן אומרואיק. ער האָט ניט פאַרשטאַנען די סיבה. צו־ערשט האָט ער געגומען טראַכטן אפשר איז זי קראַנק. אָבער אפילו קראַנ־קערהייט, קאָן מען אויך אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער. האָט ער גערעדט צו זיך. און אפשר האָט דוד פאַרדרייט איר קאָפּ? רמי איז ווייט. דוד איז נאָענט. דוד איז אַ שיינער בחור. אַנגעזען אין קיבוץ, אַלע מיידלעך זוכן

זיין געזעלשאַפט. אין רמיס האַרץ האָט זיך אריינגעריסן אַ קנאה מיט אַ שנאה צוזאַמען. „איך האָב אַלעמאָל געוווסט, אַז אויף ליבע פון אַ מיידל קאָן מען ניט בויען קיין פּאַלאַצן, האָט רמי גערעדט אין זיך. רמי האָט זיך געזעצט צום טיש און אָנגעשריבן אַ בריוו, וועלכער איז געווען פול מיט אומרו, אָבער האָט אויך אַנטהאַלטן אַ טאָן פון זעלבסט כבוד. רמי פאַרלאַנגט פון שרהן, זי זאָל אים שרייבן אָפּט, ווייל אינגיכן קומט ער צו זיי אין קיבוץ, מעגלעך מיט די עלטערן. זיין פאַרזאַמען זיך איז נאָר אָפּהענגיק פון איבערצייגונג און ליקווידאַציע פון זייערע געשעפטן. ער האָט דעם בריוו אָפּגעשיקט „עקספּרעס". אָבער צו מאָרגנס, פאַר וייטערע 10 דאָלאַר, איז דער בריוו שוין געווען אין פרוי פיינגאָלדס הענט. זי האָט דעם בריוו ניט צעריסן. נאָר באַהאַלטן אין איר טואַלעט-צימער. אָבער ביי אַ פריינדלעכן שמועס אַמאָל מיט פרוי ראָזין, האָט פרוי פיינגאָלד איר דערציילט, אַז זי איז דורכאויס פאַר דעם, אַז רמי זאָל חתונה האָבן מיט העלען. פרוי ראָזין איז אויך געווען אין דער מיינונג. און אין אַ געוויסן מאָמענט, האָט פרוי פיינגאָלד דערציילט דער פרוי ראָזין איר גאַנצן פּלאַן, וועלכער האָט דער פרוי ראָזין איבעראַשט.

נאָכדעם, ווי זי האָט זיך באַרואיקט — האָט פרוי פיינגאָלד באַשווירן דער פרוי ראָזין, אַז דאָס זאָל בלייבן אַ סוד צווישן זיי. און פרוי ראָזין זאָל איר העלפן אין דעם. ערשט איצט איז זיי געקומען אויפן געדאַנק, אַז דאָס מוז אויך געמאַכט ווערן פון שרהס זייט. ווען רמי וועט באַקומען אַזאַ בריוו, וועט זיין מענער-שטאָלץ געריירט ווערן און ער וועט אויפהערן שרייבן. דאַן וועט רמי חתונה האָבן מיט העלען און די גאַנצע געשיכטע וועט פאַרגעסן ווערן. אָבער ווי פירט מען עס אַדורך ? ביידע פרויען האָבן זיך ניט געקאָנט געבן קיין עצה, ביז פרוי ראָזין האָט זיך אָפּגערופן:

— פרוי פיינגאָלד! דאָס האָט איר ניט געדאַרפט טאָן. פריער אָדער שפּעטער קאָנען זיך אַזעלכע זאַכן אַנטדעקן. דאַן פאַרלירט איר די ליבע פון אייער זון. און ער וועט זיכער זיין, אַז דאָס איז געמאַכט געוואָרן מיט העלענס וויסן. מיין איך, אַז זייער לעבן וועט צעבראָכן ווערן, אָבער איר האָט עס דאָך שוין געטאָן. און קיין צוריק וועגס איז ניטאָ. שרה האָט שוין דערהאַלטן אייער בריוו. קאָן זיין, אַז זי וועט ענטפערן, קאָן זיין אַז ניט. ווייל יוגנט אין היציק. זייער אַמביציע דערבערענגט זיי אָפּט צו נאַרישקייטן און קאָן זיין, אַז זי וועט פאַרוואַרפן מיט בריוו, וועלכע וועלן אריינפאַלן אין אייערע הענט. ווייס איך ניט וואָס אייך צו ראָטן. ס'איז ניט גוט, פרוי פיינגאָלד.

— פרוי ראַזין! — האָט פרוי פיינגאָלד אויסגערופן, — האָט איר קרובים אין ישראל?

— יאָ, איך האָב אַ ברודער אין תל־אביב. מיר שרייבן זיך ניט צו אָפט, אָבער מיר שרייבן זיך. ער האָט צו מיר טענות, פאַרוואָס איך ענטפער אים ניט אַזוי אָפט. ער פאַרשטייט ניט, וואָס ס'איז אַמעריקע.

— וויל איך אייך פרעגן. איז מעגלעך, אַז מיר זאָלן בעטן אים אַ טובה איז ער זאָל עס מאַכן?

— איך מיין, אַז יאָ! — האָט געענטפערט פרוי ראַזין.

— דאַן איז מיין פאָרשלאָג אַזאַ. מיר וועלן דאָ אָנשרייבן אַ בריוו אין שרהס נאָמען, אָפשיקן אין צוויי קאָנווערטן צו אים. ער זאָל צופאָרן אין באר־שבע. אריינוואַרפן דאָרט דעם בריוו אין פאָסט־קעסטל, וועלכער וועט זיין אַדרעסירט צו רמין. און ווען רמי וועט אַזאַ בריוו באַקומען, וועט ער שוין פאַרשטיין אַלץ און ער וועט באמת אָנהויבן טראַכטן וועגן העלען.

— פרוי פיינגאָלד, ווי קומט איר צו אַזעלכע געדאַנקען? איך קאָן אייך ניט פאַר אַזאַ.

— איך האָב געליינט אַמאָל אין די קרימינאַל־ראָמאַנען. און דאָס איז מיר געווען געפעלן. איצט זע איך, אַז אַזעלכע זאַכן טרעפן אין לעבן. איז אייער ברודער רייך דאָרטן?

— ניין, רייך איז ער ניט. ער אַרבעט אין אַ רעגירונגס־ביוראָ.

— נו, האָט ער קוים צום לעבן. אין בריוו אין וועלכער מיר וועלן אים שיקן, וועל איך אַריינלייגן צוואַנציק דאָלאַר און וועל אים צוזאָגן נאָך הונדערט ווען דער ענין וועט דורכגעפירט ווערן.

— איך וועל אים שרייבן וועגן דעם — האָט פרוי ראַזין אויסגערופן. ניין! אַ שאָד די צייט. שטעלט אים פאַר אַ פאַקט. אַז ער וועט דערזען דאָס געלט, וועט ער עס גלייך טאָן, בפרט אַז ער וועט נאָך באַקומען צו־געצאָלט.

פרוי ראַזין האָט געצווייפלט און צווייפלענדיק צוגעשטימט צום פּלאַן. איצט איז געווען אַ פראַגע, ווו מאַכט מען נאָך די האַנטשריפט פון שרה. פרוי פיינגאָלד און פרוי ראַזין האָבן באַטראַכט שרהס האַנטשריפט און אויסגעפונען, אַז זי איז ניט שווער נאָכצומאַכן. דער טינט איז פון בלאָען פאַרב. זיי האָבן פאַרזאָרגט פון אַ געשעפט אַ ישראל פאָסט מאַרקע, צוגע־גרייטביידע בריוו און פרוי פיינגאָלד האָט עס אַליין אַריינגעוואָרפן אין פּאָסט, מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש. אָבער דאָך האָט עס איר אין די אונטן געפייניקט, וואָס אין ליבע צו איר זון, וועלנדיק אים זען אַ גליקלעכן, האָט

זי געמוזט אָנקומען צו אַזאַ מיטל. איצט איז איר אויסגעקומען צו וואַרטן נאָר אויף וואָס די צייט וועט ברענגען.

דערווייל האָבן אָנגעהויבן קומען כמעט יעדן טאָג בריוו פון שרהן צו רמי, וועלכע פרוי פיינגאָלד האָט זיי איבערגענומען און פאַרברענט. רמי איז אַרומגעגאַנגען ווי צעטומלט. ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס האָט מיט שרהן פּלוצים פּאַסירט. רמי האָט באַשלאָסן ניט צו שרייבן מער שרהן ביז ער וועט ניט דערהאַלטן אַ בריוו מיט אַן אַנטשולדיקונג. אין דער צייט, האָט פרוי פיינגאָלד אַלץ געטאָן, אַז נעבן רמין זאָל זיך שטענדיק געפינען העלען. פרוי ראָזין האָט איר געקויפט יעדן טאָג אַ נײַ קלייד, און שיך. זי האָט איר געפּוצט, כדי זי זאָל געפינען מער חן אין די אויגן פון רמי. אַזוי האָט זיך געצויגן צוויי וואָכן צייט.

אין רמיס געדאַנקען איז אַריין אַ צווייפל צי ער זאָל פאָרן נאָך ישראל. אמת, ער האָט ליב דאָס לאַנד, די חברים און די סביבה. אָבער די פאַר־צווייפלונג פון שרהס פאַראַט, האָט אים אָפּגעטריבן פון די געדאַנקען און ער האָט געזוכט זיך צו צעשטרייען. ער האָט דעריבער גענומען באַזוכן אָפּטער קינאָס, טעאַטערס. פאַרשטייט זיך, מיט העלען. און די מאַמעס האָבן געקוואָלן פון נחת, זיי האָבן אָבער ניט אַרויסגעוויזן זייער אינער־לעכע פרייד.

שרה אין פאַרצווייפלונג

שוין באַלד אַ חודש, ווי שרה באַקומט ניט קיין בריוו פון רמי. עטלעכע מאָל אין טאָג גייט זי אין חדר־אוכל פון קיבוץ. זי געפינט אַ סך בריוו אָבער ניט צו איר. שרה איז געוואָרן אומעטיק. ס'איז אַוועק פון איר גע־זיכט דער ליבער שמייכל, איר מילדער בליק. ביי דער אַרבעט אין קינדער־היים האָבן די קינדער באַמערקט, אַז זייער דערציערין איז אומעטיק און ניט איינמאָל האָבן זיי איר געפרעגט וועגן דעם.

שרה האָט איצט אויסגעפירט אירע אַרבעטן אין קיבוץ ווי אַן אויטאָ־מאַט. זי האָט זיך געשפּילט מיט די קינדער, נאָר כדי אָפּצושטופּן די צייט. יעדע מינוט, יעדע סעקונדע, איז איר געדאַנק געווען פאַרנומען מיט רמין. האָט שרה פאַרענדיקט איר אַרבעט, איז זי געגאַנגען אין איר צימער, זיך

דאָרט פאַרשלאָסן, און מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. ביינאַכט, אויף איר געלעגער, פלעגט זי נאָר טראַכטן וועגן רמי.

— אַזוי זיינען זיי אַלע. — האָט זי צו זיך אַליין גערעדט. — ניטאָ ביי זיי קיין ליבע. פאַלש. זיי זוכן אין דעם מיידל די פרוי, און ניט קיין חבר אין לעבן. זייערע זיסע רייד וועגן ליבע איז נאָר כדי צו געווינען דאָס מיידל פאַר זייערע ליידנשאַפטלעכע אינסטינקטן. און מיר, מיידלעך, גלייבן זיי. אָ, ווי איך האָב זיך געהיטן דערפון, — און דאָך בין איך אַריינגעפאַלן! וואָס בין איך איצט אין זיינע אויגן; ער מיינט זיך, אַז אויב איך האָב זיך געלאָזט צורעדן יענעם אָוונט אַריינצוגיין צו אים אין צימער, בין איך זיכער אַזוי אויך פאַר אַנדערע... פאַרוואָס האָב איך עס דעמאָלט געטאָן? — האָט זי זיך געביסן אירע נעגל פון די פינגער פון פאַרדרוס, — פאַרוואָס האָב איך זיך געלאָזט פון אים קושן?! איצט, אין דער דאָזיקער מינוט, זיצט ער זיך אין צימער מיט העלען ער קושט איר, צערטלט און רעדט וועגן זיין ליבע צו איר, אַזוי ווי ער האָט עס געטאָן מיט מיר. דוד האָט מיך אָבער געוואָרנט, ער קאָן זיי, די אַמעריקאַנער „באָיס". זאָגט ער און איך האָב אים ניט געוואָלט גלויבן!...

וואָס מער שרה האָט געטראַכט וועגן רמין, אַלס שטאַרקער איז דער האַס געוואַקסן אין איר האַרצן. שרה האָט באַשלאָסן אים שרייבן נאָך איין בריוו און דערמיט וועט זי פאַרענדיקן איר ראָמאַנס מיט רמין. זי וועט מער ניט גלייבן קיין יינגלעך. שרה איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם בעט, אָנגעצונדן די עלעקטריע און אָנגעהויבן שרייבן.

עטלעכע מאָל האָט זי צעריסן די אָנגעהויבענע בריוו. אפשר איז עס צו שאַרף. — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. ענדלעך האָט זי באַשלאָסן צו שרייבן צו אים אין מילדן טאָן. אפשר איז ער קראַנק, אָדער איז עפּעס אַנדערש מיט אים געשען. זאָל ער זען, אַז זי קאָן אויך מוחל זיין, ווען מ'דאַרף. זי האָט דעריבער געשריבן:

טייערער רמי!

שוין מער ווי זעקס וואָכן, ווי איך באַקום ניט פון דיר קיין בריוו. די סיבה דערפון ווייס איך ניט. איז עס פאַרנאַכלעסיקונג, אָדער בכוונה. האָט זיך אונזער ליבע פאַרענדיקט, — טאָ שרייב מיר וועגן דעם. האָסטו מיך פיינט באַקומען, מעגסטו דאָך מיר עס פּשוט זאָגן. אָדער איז אפשר אַ צווייט מיידל דיר נעענטער צום האַרצן? — ווי עס זאָל ניט זיין, איך וויל פון

דיר אַ בריוו, אַ לעצטן בריוו. — דאַן וועל איך וויסן וואָס איך האָב צו טאָן. געדענק! מער וועל איך צו דיר ניט שרייבן. דאָס איז מיין לעצטער בריוו! איך וועל ביי דיר ניט בעטלען קיין ליבע. דו האָסט רעכט צו האַנדלען ווי דו פאַרשטייסט. גוט איז געשען, וואָס מיר האָבן ניט חתונה געהאַט פאַר דיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע — ווי וואָלט איך איצט אויסגעזען?!... אַזעלכע זייט איר שוין, בחורים! דיין האַנדלונג קעגן מיר איז פאַר מיר אַ גוטע לערע!

דערמיט פאַרענדיק איך. זיי געזונט.

שרה

זי האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דעם בריוו, און אים אָפּגעשיקט.

אַז דוד, דורכגייענדיק, האָט דערזען ליכט אין שרהס צימער, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— ווער איז? — האָט שרה אַ פרעג געטאָן.

— איך! דוד, — האָט זי דערהערט זיין שטים. שרה האָט ניט חשק געהאַט אַזוי שפּעט אויפצונעמען דודן אין איר צימער, אָבער קאָנענדיק אים, האָט זי אים אַריינגעלאָזט.

—וואָס טוסטו שרה אַזוי שפּעט? איך זע האָסט געשריבן בריוו.

— יאָ, דוד. איך פאַרשטיי ניט וואָס האָט פּלוצים מיט רמין פּאַסירט, שוין מער ווי אַ חודש, ווי איך האָב ניט באַקומען קיין בריוו פון אים. איך ווייס שוין ניט וואָס איבערצוטראַכטן...

— איך ווייס וועגן דעם, שרה! איך האָב דאָך פריער די פּאָסט, איידער איך גיב עס אַריין אין חדר־האוכל.

— אפשר נעמסטו עס צו? — האָט שרה אַ פרעג געטאָן אין געלעכ־טער. — אויף אייך, בחורים, קאָן מען אַמאָל אויך דאָס גלויבן!...

— זיכער קאָן געשען, אָבער מיט מיר ניט. ניט מיט אַזעלכע וועגן וויל איך דיך געווינען. דאַרפסט זיך אָבער ניט זאָרגן, מעגלעך, אַז עטלעכע בריוו זיינען פאַרלוירן געגאַנגען. מעגלעך, אַז ער איז ווו אַוועקגעפאָרן. און אפשר טאָקע איז ער ניט געזונט. אויב ער האָט דיך טאָקע ליב — וועט ער שרייבן. עס קאָן אויך זיין, אַז ער איז אַרויסגעפאָרן אַהער, ער פאָרט מיט אַ שיף און וויל דיר מאַכן אַ סיורפּריז. פון שיף איז ניט לייכט צו באַקומען פּאָסט.

— ביסט גערעכט, דוד. מעגלעך, אַז ער פאָרט. גיי טאָקע אַהיים.

ער קאָן פּלוצים אַריינקומען און אין אַזאַ שפּעטער שעה דיך דאָ טרעפן, איז וואָס וועט ער טראַכטן? איך בעט דיך אויך — קום דאָ ניט אַריין. אויב דו ווילסט מיט מיר רעדן, וועלן מיר זיך טרעפן אין חדר האוכל. איך דאַנק דיר, דוד. דו האָסט מיך פּשוט געראַטעוועט אין מיין פאַרצווייפלונג. ס'איז ריכטיק, ער איז זיכער אויפן וועג אַהער...

עטלעכע טעג האָט שרה געלעבט מיט דער האָפענונג, — ביז זי האָט באַקומען דעם בריוו פון פרוי פייגנאָלד, אין וועלכע עס שרייבט זיך, אַז רמי האָט חתונה מיט העלען און ער בעט אַנטשולדיקונג. שרייבן וועט ער איר ניט מער, און אויב זי וויל אים שרייבן, זאָל זי אים שרייבן — נאָר אויף זיין מוטערס נאָמען...

דערהאַלטנדיק דעם דאָזיקן בריוו, האָט שרה געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך פאַר איר פאַרמאַכט. דעם טאָג איז זי ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט. אַ גאַנצן טאָג האָט זי געוויינט. דער חלום פון אַ יונג מיידל איז געוואָרן צערונען. ערשט צום אָוונט האָט זי זיך באַרואיקט. זי האָט באַקומען מוט און צו זיך אַליין גערעדט: ער איז ניט ווערט געווען מיין ליבע און עס איז גוט, וואָס אַזוי האָט זיך עס געענדיקט. אין חדר־האוכל, ווען שרה האָט זיך געטראָפן מיט דודן, האָט זי אים געגעבן לייענען דעם בריוו. דוד האָט אים דורכגעלייענט, ער האָט גאָרניט געענטפערט, נאָר אַ שמייכל געטאָן. שרה האָט באַטראַכט דודס געזיכטס שטריכן. זי האָט אָבער גאָרניט געזאָגט. זי האָט דעם בריוו אַריינגעלייגט אין איר הויזן־קעשענע און באַשלאָסן דעם בריוו צו האַלטן אַלס אָנדענק. זי האָט איצט פולשטענדיק רעזיגנירט פון רמין און באַשלאָסן איר לעבן איינשטעלן פון דאָסניי. ווידער איז געקומען די פריילעכקייט אויף איר געזיכט. זי האָט זיך מיט מער ענערגיע גענומען צום קליינוואַרג. זיך געשפּילט מיט זיי, זי האָט געוואָלט דורך דעם זיך מאַכן פאַרגעסן. עס איז איר אָבער ניט געלונגען. וויפל זי האָט פון רמין ניט געטראַכט, וועגן זיין האַנדלונג, האָט זי נאָך אַלץ געפילט צו אים ליבע. ווייל דאָס איז געווען איר ערשטע ליבע, — אַזעלכע געפילן פאַרבלייבן ביזן סוף פונעם לעבן. אַזאַ איז דאָס געזעץ פון ליבע. מ'קאָן טאַקע ליב האָבן אַ צווייטן, חתונה האָבן אַפילו מיט אים און געבוירן קינדער, אָבער טיף אין האַרצן וועט נאָך טליען דאָס פייערל, וואָס איז געוואָרן אָנגעצונדן צום ערשטן מאָל און דאָס פייערל וועט ברענען צוזאַמען מיטן גאַנג פונעם לעבן. אמת, דאָס וועט ניט זיין די צענטראַלע פון לעבן, נאָר דאָס וועט אָבער באַגלייטן דאָס לעבן אומעטום. סיי אין פריידן און סיי אין ליידן. שרה האָט זיך געשטאַרקט. זי האָט באַשלאָסן ווערן

א קראַנקן־שוועסטער און ווידמען איר צייט און כוחות פאַר דער הילף פאַר די, וואָס נוטיקן זיך אין איר.

דוד האָט איר געפּרוּווט אָפּרעדן דערפון. אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. אויף דודס הייראַטס־פאַרשלאַגן האָט שרה געענטפערט, אַז זי וועט ניט חתונה האָבן, און וואָלט זי געווען אַ קריסטין, און אין ישראל וואָלט געווען אַ מאַנאַסטיר, וואָלט זי איצט געוואָרן אַ מנאַשקע.

שרה אין קאַפּלאַן־שפּיטאָל

אַליין, אָן קיינעמס הילף, איז שרה אָנגעקומען אין קאַפּלאַן־שפּיטאָל. די דאָקטוירים האָבן איר געקענט פון פריער. דאַן ווען זי איז געזעסן ביי רמיס בעט און אים באַדינט, ניט נאָר מיט די רפואות, נאָר מיטן בלוט פון איר האַרצן. שרה איז ניט געוואָרן קיין הויפּט־שוועסטער, ווייל דערצו האָט איר געפעלט בילדונג. זי האָט באַשלאָסן זיך פאַרפולקאָמען, דעריבער האָט זי אין איר פרייער צייט געלערנט. דאָס האָט איר געגעבן אינהאַלט. אין רמין האָט זי כמעט ווי פאַרגעסן, פון צייט צו צייט פלעגט זי זיך דערמאָנען אין אים. געווען איז עס, ווען עס איז אויסגעקומען צו אַרבעטן פאַר דעם זעלבן צימער, ווו רמי איז געלעגן. נאָר די שטענדיקע זאָרג פאַר די קראַנקע, האָט פאַרנומען איר צייט. אָט די דאָזיקע זאָרג האָט שרהן געמאַכט עלטער אין אירע געדאַנקען, און זי איז איצט מער ניט געווען די פריילעכע, לאַכעדיקע שרה. נאָר אַן ערנסטע קראַנקן־שוועסטער. די ערנסטקייט האָט איר אָבער נאָך מער געפּאַסט צו איר מאָט געזיכט. זי האָט אויך ניט געזוכט צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון די יונגע דאָקטוירים. אַזוי ווי עס האָבן עס געטאָן די איבעריקע קראַנקן־שוועסטער. דאָס האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַ יונגן דאָקטאָר, איינער פון די שענסטע אינעם שפּיטאָל.

עס האָט אים ווי געטאָן, וואָס אַלע שוועסטער זוכן זיין געזעלשאַפט און שרה ניט. ווען שרה האָט אַמאָל געדאַרפט אים וועגן עפּעס פרעגן, האָט זי עס געטאָן גאַנץ אָפיציעל און נאָכן באַקומען די געהעריקע תשובה איז זי ווייטער געגאַנגען צו איר אַרבעט. דער יונגער דאָקטאָר האָט ניט גע־

וואַלט ברעכן זיין פּרעסטיזש און האָט שרהן וועגן גאָרניט געזאָגט. אָבער דאָס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. דער דאָקטאָר האָט באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז געווינען שרהס האַרץ. איינמאָל, אין אַן אָוונט, ווען דער יונגער דאָק־טאָר איז פאַרבליבן אויף דיזשור, האָט ער זיך צוגעקליבן די שוועסטערס, וועלכע האָבן געדאַרפט זיין צו זיין דינסט. צווישן די שוועסטערס, האָט ער אויך באַשטימט שרהן. ניט געקוקט דערויף, וואָס עס איז ניט געווען די ריי פון שרהס דיזשור, איז זי דאָך געבליבן. די קראַנקע זיינען רואיק גע־שלאָפן. קיין סך אַרבעט איז גראָד ניט געווען. דער דאָקטאָר איז געזעסן אין זיין אַרבעטס־צימער און זיך פאַרטיפט אין אַ בוך. ווען שרה האָט פאַרענדיקט איר אַרבעט איז נאָטירלעך געווען איר זיצן אין צימער פון די דיזשורנע שוועסטערס. דער טעלעפאָן איז באַדינט געוואָרן אין צווייטן זייט פונעם שפּיטאָל. ניט געקוקט, וואָס שרה האָט געדאַרפט איצט אָמטירן דאָרט, — האָט דער יונגער דאָקטאָר אויסגענוצט די געלעגנהייט און אָפּגע־שיקט אַ צווייטע שוועסטער דיזשורירן ביים טעלעפאָן, בלייבנדיק מיט שרהן אַליין. שרה האָט זיך געלייגט אין ליג־שטול, אין וועלכן די שוועס־טערס פלעגן רוען אין זייער פרייער צייט און האָט געפרוווט איינדרימלען. זי האָט פאַרמאַכט אירע אויגן, ליגנדיק מיטן פּנים צום סופיט. דער יונגער דאָקטאָר, כאָטש ער האָט געלייענט דאָס בוך, האָט ער דאָך כסדר געוואָרפן בליקן צו שרהן. ניט געקוקט דערויף וואָס שרה איז כמעט ווי געשלאָפן האָט איר האַרץ אָנגעהויבן שטאַרקער קלאַפּן. זי האָט געפילט דעם דאָק־טערס בליקן אויף זיך. זי האָט זיך אָבער ניט גערירט פונעם אָרט, נאָר זיך געמאַכט שלאָפנדיק. פּלוצים הערט זי, ווי פון שלאָף: שרה! שרה! זיך האָט זיך גיך אַ כאַפּ אויף געגעבן. ס׳האָט זיך איר אויסגעדאַכט, ווי זי הערט פּלוצים רמיס קול.

— וואָס איז געשען? — האָט זי געפרעגט, און אַ שפרונג געטאָן פונעם שטול.

— גאָרניט, שרה. איך האָב נאָר געוואָלט זען צי דו שלאָפסט. ביסט מיד, איז אפשר וועט דיך דינה פאַרבייטן?

— ניין, דאָקטאָר. — האָט זי אויסגערופן. — אויך זי איז אַזוי מיד ווי איך. דערפאַר וועל איך מאָרגן האָבן חופש. ריכטיק, דאָקטאָר?

— יאָ שרה. מאָרגן באַקומסטו 24 שעה. אויך איך וועל די זעלבע צייט האָבן חופש. אפשר קען איך דיך לאַדן אין דער אָפּערע? זי קומט מאָרגן אַהער קיין רחובות. זיי גיבן „קאַרמען״. דו וועסט זיך אַליין דאָרט קאָנען זען...

— ווי אַזוי ? — פרעגט שרה.
— ווייל דו ביסט שיין ווי קאַרמען...
— אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט, דאָקטאָר.
— ניט קיין קאָמפּלימענט, — אַזוי זע איך דיך...
— איך פיל עס ניט, — האָט שרה געענטפערט.
— לויט דעם וואָס איך זאָג דיר, קאָנסטו פילן, ווייל איך האָב דאָס נאָך קיינעם ניט געזאָגט, דו ביסט די ערשטע, וואָס הערט עס פון מיין מויל.
— עס ווילט זיך ניט גלייבן, אַז דאָס איז ערנסט געמיינט.
— פאַרוואָס ? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט מיט אַ שמייכל.
— ווייל ניט פאַראַן קיין מאַן, וואָס זאָל זיך ניט וואַרפן מיט קאָמ־פּלימענטן צו יעדער מיידל, וואָס טראָגט אַ קליידל...
— אַזוי קלערסטו וועגן די בחורים ? — האָט דער דאָקטאָר אַ פרעג געטאָן שוין אַ ביסל באַליידיקט.
— איך רעד פון פּראַקטיק.
— האָסטו הייסט עס, שוין באַוויזן זיך צו אַנטוישן אויך...
— יאָ, ווייל איך האָב געגלויבט, און מער וועל איך שוין אַזוי לייכט ניט גלויבן.
— מיינסטו, אַז אַלע זיינען די זעלבע ?...
— יאָ, אַזוי מיין איך טאַקע !
— מיינסטו עס זייער שלעכט, שרה ! אַ סך שוועסטער אַרבעטן דאָ אין שפּיטאָל און צווישן זיי גאַנץ סימפּאַטישע, אַפילו רייכע, אָבער זיי אינטערעסירן מיך ניט. און דו ? זינט ביסט אָנגעקומען אַהער, רעדן אַלע דאָקטוירים וועגן דיר. ניט וועגן דיין שיינקייט רעדן זיי, ווייל ביי דאָק־טוירים שפּילט ניט קיין ראָלע שיינקייט. ווער ווי דו, ווייסט וואָס עס הייסט אַ פרוי ביי אַ דאָקטאָר. אָפט דערעסן אונז אַפילו די שענסטע פרויען. אָבער אין דיר זעען מיר אויך אַ מענטש, געפילן. דאָס איז העכער ווי קערפּער און דו ביסט מיר געפעלן מיט דיין פּערזאָן ניט נאָר אַלס פרוי.
— דאָקטאָר ! זאָל אייך ניט פאַרדריסן. איך האָב אַ געליבטן און איך וועל אים אויף קיינעם ניט פאַרבייטן. איך מיין, אַז אויך איר זענט אין דער מיינונג, אַז אַ געליבטע טאָר ניט פאַראַטן איר אויסדערוויילטן. ניט ריכטיק ? — האָט שרה קינדיש נאַאיוו אַ פרעג געטאָן.
— ריכטיק, שרה, אַזוי דאַרף עס זיין. אָבער צוויי זאַכן שפּילן דאָ אַ ראָל. איינס : איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען דיין בחור קומען אַהער אָפּנעמען דיר אַמאָל פון דער אַרבעט, אָדער בכלל באַקאַנען דאָס אָרט, ווו

דו אַרבעטסט. סוף סוף מוז ער דאָך זען דיין געזעלשאַפט. צווייטנס — יעדער פון אונז וויל אַ בעסער און אינטערעסאַנטער לעבן. לאָמיר אַפילו זאָגן, אַז אַזאַ בחור איז דאָ, כאָטש איך גלויב עס ניט. ווייל וואָלט אַזאַ געווען, וואָלטן מיר אַלע געוווסט. קאָן דאָך זיין, אַז מען קאָן אָנטרעפן אין לעבן מענער ניט ווייניקער אינטערעסאַנטע, ווי דער, מיט וועמען מען גייט שוין אַרום.

— אַזוי איז עס, דאָקטאָר, אַט פאַר דעם האָב איך זיך שטענדיק געשראָקן: איר נוצט אויס דאָס מיידל און שפּעטער לאָזט איר דער ערשטער שטיין בלייבן און גייט אייך מיט דער נייער. ווייסט איר כאָטש, וואָס עס ווערט פון דער, וואָס בלייבט שטיין? דאָס איז דער מקור פון פּראָסטיטוציע. דער מקור פון שלעכטס. דאָס איז דער וועג פון דעמאָראַליזאַציע. אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן און אַזוי לאַנגזאַם ווערט דעמאָראַליזירט די געזעלשאַפט. דערפאַר האָט די פרוי זיך גענומען מער אין די הענט און צוימט דעם מאַן מיט אַלע אירע מעגלעכקייטן. זי ווערט שפּעטער אַפילו די רעגירנדע אין הויז. און אַלס נקמה, פאַראַט זי איר מאַן און לעבט ווי זי פאַרשטייט. אין דעם זענט איר, מענער, די שולדיקע.

— שרה, טאָר איך ניט פרעגן צי דו ביסט פריי?

— יאָ, דאָקטאָר! איר וואָלט ביי מיר אַנדערש אויסגעזען, ווען איר פאַראינטערעסירט זיך מיט מיין פּערזאָן. ווער בין איך? פון וואַנען שטאַם איך? ווו האָב איך זיך דערצויגן? ווער זיינען מיינע עלטערן? דאָס אַלץ אינטערעסירט אייך ניט. נאָר אפשר מיין שיין געזיכט. מיין שלאַנקע פיגור. מיינע פאַרחלומטע אויגן, ווי איר מענער האָט ליב אַמאָל אַ זאָג צו טאָן, כדי אונז מיידלעך אַריינצונאַרן. לאָמיר זאָגן, איך נעם אָן אייער פאָרשלאָג. מיר גייען אין דער אָפּערע, מיר טרעפן באַקאַנטע. אפשר בין איך געווען די ערגסטע אין דער וועלט, ווי וועט מען קוקן אויף אייך?

— אויף דעם, שרה, וועל איך דיר ענטפערן: ערשטנס ווייס איך, אַז דו קומסט פון קיבוץ. צווייטנס, האָט מען דיר אַזוי לייכט ניט אָנגענומען אין שפּיטאָל, ווי דו שטעלסט זיך פאָר. מען האָט גענוג געטראַכט וועגן דעם. ריכטיק, דיר האָט מען עס ניט דערציילט. אָבער מיין ניט, אַז ס'איז הפקר. מען קאָן ניט לייכט אַהער אַריין. און אויב איך האָב זיך דערלויבט דיר צו לאַדן, מיין איך, אַז איך האָב אַ גרונט דערצו. נאָך מער, איך ווייס אַפילו פון דיין בחור, וועלכער האָט דיך איבערגעלאָזן און אוועקגעפאָרן נאָך אַמעריקע. אָט, טאַקע דערפאַר האָב איך דיך געלאַדן, ווייל איך וויל דיינע געדאַנקען צעטרייבן וועגן דעם, וואָס דו האָסט דורכגעמאַכט.

— הייסט עס, אַז איר האָט מיט מיר מיטלייד — האָט שרה אויסגע־רופן אַ ביסל אין אַ דערשלאָגענעם טאָן, וואָס דער דאָקטאָר האָט איר דער־ציילט וועגן רמי.

— ניין, ניט קיין מיטלייד. עס טרעפן אַזעלכע זאַכן. מענטשן זיינען ניט מער ווי מענטשן מיט בלוט און פלייש און דאָס לעבן שטרויכלט אויף יעדן טריט. איך זאָג ניט, אַז רמי קאָן זיך פלוצלונג ניט באַווייזן פאַר דיינע אויגן אָבער אַ סך סיבות זיינען דאָ, ווילנדיק און אַפילו ניט ווילנדיק, דער־פאַר דאַרף דער מענטש זיין גרייט צו אַלערליי סיורפּריזן אין לעבן. מען טאָר ניט נעמען דאָס לעבן אַזוי טראַגיש. איך האָב דיך אָבסערווירט אַפּט ביי דיין אַרבעט און איך האָב געזען, אַז די הענט טוען און דער מוח דענקט. דערפאַר ביסטו אַזוי אומעטיק, דערפאַר מיידסטו אויס פריי־לעכקייט, דו חברסט זיך ניט מיט קיינעם, אַפילו ניט מיט דיינע מיטשוועס־טער. און דאָס איז ניט געוווּנטשן.

פלוצלונג האָט זיך דער אַלאַרעם לאַמפּ אָנגעצונדען. אַ קראַנקער האָט גערופן הילף. שרה און דער דאָקטאָר זיינען אַוועק אין צימער פון עם קראַנקן. ביידע האָבן זאָרגפעליק באַדינט די ערשטע הילף, וועלכע האָט פאַרנומען אַ לענגערע צייט. דעם דאָקטאָר האָט פאַרדראָסן, וואָס זייער אינטערעסאַנטער געשפּרעך האָט זיך איבערגעריסן. דער דאָקטאָר האָט אָבער שפּעטער אַ פרעג געטאָן:

— ביסטו גרייט אָנצונעמען מיין פאָרשלאָג?

— אַ צווייט מאָל, דאָקטאָר. איך בין ניט אין שטימונג פאַר אַפּעס. מען דאַרף מיין קראַנקהייט לאָזן זיך היילן. מעגלעך, אַז איך וועל צוריק געזונט ווערן, דערווייל איז מיין האַרץ זייער אָנגערירט געוואָרן. איר זענט דאָך אויף מיר ניט בייז!

— שרה האָט עס אַרויסגעזאָגט אין אַזאַ מילדן טאָן, אַז דער דאָקטאָר האָט פון אינעווייניקסטע איבערנעמונג אַ שמייכל געטאָן, און זיך אָפּגערופן:

— דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, ווען איך קריג אַ נעגאַטיוון ענטפער.

— אויך דאָס דאַרף אַמאָל אַ מאָן פילן, אַנדערש וועט ער זיך האַלטן גרויס ביי זיך.

— ביסט גערעכט, שרה! איך נעם עס צו קענטעניש.

— אַ דאַנק, דאָקטאָר, — האָט שרה געענטפערט און אַוועק צו איר אַרבעט.

אויף מאָרגן, ווען שרה האָט באַקומען דעם פּיראָונצוואַנציק שעהדיקן אורלויב, איז זי אַוועקגעפאָרן אין איר קיבוץ אַריין. איר צימער איז געווען

פריי. עס האָט אַ פּלייץ געטאָן אין איר האַרץ זכרונות פון די פיר ווענט, וועלכע קאָנען אַזוי פיל דערציילן פון אירע גליקלעכע מינוטן, אין וועלכע זי האָט דאָ פאַרבראַכט מיט רמי. שרה האָט איבערגעשטעלט די אינעווייניקסטע מעבל לויט איר געשמאַק. זי האָט אַרויסגענומען דעם גרויסן אַלבאָם און גענומען באַטראַכטן די בילדער. איר האַרץ האָט שטאַרקער גענומען קלאַפּן, ווען זי האָט באַמערקט רמיס גרויס בילד פון וועלכן ער האָט איצט געקוקט אויף איר מיט אַזוי פיל ליבע. עס האָט זיך איר געוואָלט איבערבלעטלען דאָס בילד און זי האָט ניט געקאָנט. זי איז ווי צוגעוואַקסן געוואָרן צו דעם. שרה האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איר בעטל און אַ קוואַל טרערן האָבן גענומען רינען פון אירע אויגן. — רמי! — האָט זי גערעדט אויפן קול, — פאַרוואָס האָסטו עס געטאָן. לאַנג איז זי געלעגן אין מחשבות וועגן רמין. זי האָט אַרויסגענומען זיינע בריוו און געלייענט. אַזעלכע וואַרעמע, האַרציקע. עס לאָזט זיך איר ניט גלויבן, אַז אַזעלכעס האָט געקאָנט מיט אים פּאַסירן. געדאַנקען זיינען געלאָפן אין איר מוח אָן אויפהער.

אפשר זאָל זי פאָרן נאָך אַמעריקע און אַריינגיין צו אים. אָנקוקן און אוועקגיין. וואָס וועט ער איר דאָן זאָגן? ווי וועט ער איר אויפנעמען? אָבער ווי קאָן זי פאָרן? זי האָט ניט קיין געלט דערצו. זאָל זי בעטן דודן, אַז דער קיבוץ זאָל איר צוהעלפן? דוד וואָלט עס זיכער געטאָן פאַר איר. אָבער ס'איז שווער צו בעטן טובות.

שרה איז אַרויס פון איר צימער, אַוועק צוערשט צום בערגל, זיך געזעצט אויף דער באַנק, אונטערן געדיכט צעוואַקסענעם בוים. און מיט אירע אויגן אויפגענומען דעם גאַנצן האַריזאָנט, וועלכער האָט זיך געטונקט אין ליכט און וואַרעמקייט. די אַרומיקע בערג, פאַרברויינטע פון דער זון, האָבן געהיילט איר נשמה. די זון איז שוין געווען נאָענט פאַרן פאַרגיין. אָט באַלד וועט זי זיך באַהאַלטן הינטער די ווייטע בערג און דאָ וועט ווערן פינצטער. דערפאַר וועט זי אויפשיינען דאָרט פאַר רמין.

ווידער איז איר באַפאַלן אַ בענקשאַפט. אַ פאַרטראַכטע איז זי געזעסן ביז דאַן, ווען די זון האָט זיך געזעצט. ווען שרה האָט אויסגעדרייט איר געזיכט צום קיבוץ, האָט זי דערזען פון דער ווייטן שטיין דודן.

— דוד! — האָט זי אויסגעשריען. — מיין בעסטער פריינד! קום אַהער, זעץ זיך נעבן מיר.

ווי אַ פאַרשעמט בחורל, איז דוד צוגעגאַנגען צו שרה, האָט איר אויסגעשטרעקט זיין האַנט, וועלכע זי האָט פעסט געדריקט און ניט אָפּגעלאָזן ביז דוד האָט זיך ניט געזעצט נעבן איר.

— וואָס מאַכסטו, שרה? איך האָב געזען דיך אָנקומען אינדערפרי מיטן אויטאָבוס. איך האָב געמיינט, וועסט אַריינקומען אין סעקרעטאַריאַט, אָבער איך האָב געוואַרט אומזיסט. דאָס האָט מיר נאָר געגעבן צו טראַכטן, אַז בכלל וואַרט איך אומזיסט.

— נאַרישער ייִנגל, וואָס דו ביסט. — האָט שרה געלאַכט. — פאַרן אָפּפאָרן וואָלט איך דיך אָפּגעזוכט. איך האָב אורלויב ביז מאָרגן אינדערפרי. זעסטו, ביי מיין ערשטן חופש בין איך אַהער געקומען.

— אָבער ניט צו מיר? — שרה.

— צו אייך אַלעמען. איך בענק נאָך אייך, און איך זאָג דיר צו, דוד, אַז דעם קיבוץ וועל איך ניט פאַרלאָזן. מיין ווילן איז נאָר אַרויסגיין פון דער שווערער איבערלעבונג מיינער. איך וויל אַ ביסל אָפּשלאָגן מיינע געדאַנקען. איר זענט געווען די ערשטע, וועלכע האָבן מיר געגעבן אַ היים. איר זענט בכלל לויט דעם, ווי איך זע, דער נערוו פונעם לעבן אין לאַנד. אויף דעם ערשטן רוף זענט איר גרייט צו גיין אין קריג ווי אין בוי. און אַזאַ וויל איך אויך זיין. דאָס, וואָס איך לערן זיך שוועסטער, איז כדי צו קריגן פּראַקטיק און דאָס איבערגעבן דעם קיבוץ. און אייך פעלט הילף, הילף אויף אַלע געביטן. ווי גוט איך וואָלט זיך געפילט, ווען רמי וואָלט נאָר דאָ געווען. ס׳איז ניטאָ שענערס אין לעבן, ווי ליבע צו אַ ייִנגל און ליבע צום אָרט, אין וועלכן דו געפינסט זיך, ווי דו ווייסט, אַז אַלע האָבן דיך גערן: אָ, ווי מיין האַרץ זינגט פון פרייד, וואָס איך בין אַהער געקומען. דער דאָקטאָר מ. האָט מיר געלאַדן אין רחובות אין דער אָפּערע. האָב איך בעסער אויסגעקליבן צו פאַרברענגען דאָ. דערציייל מיר, דוד, — האָט זי אים אָנגענומען פאַר דער האַנט — ווי גיבן זיך אַן עצה די דערציערינס אָן מיר אין קינדער־הויז?

— שווערלעך, אָבער מיר בויען מיט דעם, וואָס מיר האָבן. דו פעלסט אונז אויס, אָבער וואָס קאָן מען מאַכן.

— ווילסטו איך זאָל צוריקקומען? — דוד.

— זייער און זייער, צוליב צוויי טעמים.

שרה האָט אַ *שמייכל* געטאָן. דערביי זיך אָפּגערופן אין געלעכטער:

— מילא. איין סיבה, דער קיבוץ דאַרף מיר. און וואָס איז די צווייטע סיבה? — האָט זי געלאַכט.

— די צווייטע סיבה איז דער געלעכטער. — האָט דוד געענטפערט.

— זאָרג ניט דוד. עס וועט קומען אַ צייט אויך צו דעם. לאָמיר גיין אַ ביסל צו די חברים, דוד. איך וויל זיי אַלע זען. זיינען זיי אויף מיר ברייז?

שרה און דוד האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער און שפּאַצירט מיט לאַנגזאַמע טריט אין חדר־אוכל, ווו די חברים זיינען שוין געזעסן און געגעסן. ווען שרה האָט זיך באַוויזן מיט דודן ביים אריינגאַנג אין גרויסן עס־זאַל, האָבן אַלע חברים כמעט ווי זיך אויפגעשטעלט פון זייערע ערטער. — שרה, וואָס מאַכסטו? — האָבן הענט איר אַרומגענומען.

אַ שמייכלענדיקע, אַ צופרידענע פון אַזאַ איבערגעגעבנקייט, האָט שרה אויסגערופן: — שלום לכם חבריה! — און מיט יעדן זיך באַגריסט אויף איר שטייגער. שרה איז געזעסן מיט דודן און געגעסן ביי איין טיש. נאָכן עסן האָבן זיך אין דרויסן באַוויזן די קליינוואַרג, וועלכע האָבן איר אַרומגענומען און געקושט. שרה האָט זיי אויף אירע הענט גענומען און גע־צערטלט ווי אַ געטרייע מאַמע אירע קינדער. שפּעט, זייער שפּעט איז זי געגאַנגען שלאָפן. ווען זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זי באַשלאָסן שרייבן אַ בריוו רמין. דער לעצטער בריוו, וועלכער שליסט אָפּ אַ תקופה אין איר לעבן. זי האָט דעם בריוו געשריבן באַגלייט מיט טרערן. זי האָט ניט געבעטן קיין ליבע, זי האָט נאָר אויסגעדריקט אַ האָפענונג, וואָס איז צערונען. שרה האָט דעם בריוו געשיקט ניט דורך דער לופט־פּאָסט, נאָר דורך דער נאָר־מאַלער פּאָסט, כדי ער זאָל אים אָנקומען שפּעטער. און גראָד דער דאָזיקער בריוו האָט געבראַכט איר גליק אין לעבן.

* * *

רמי איז געוואָרן אַריינגעצויגן אין די געשעפטן פון זיין פאָטער. די מוטער האָט אַלץ געטאָן, אַז רמי זאָל נעמען אויף זיך דעם גאַנצן עול. זי האָט דעריבער גענומען אָפּט איר מאַן און אַרויסגעפאָרן אויף אורלויב, דער־קלערנדיק, אַז דער ה׳ פיינגאָלד האָט געליטן אַ האַרץ־אַטאַק, מוז ער זיך אויסרוען. זי האָט עס אויך רמין געזאָגט, אַז למעשה האָט זי אים געבראַכט אַהער, ווייל דער פאָטער קאָן שוין ניט אַרבעטן פיזיש ווי פריער. אמת, די אַטאַקע איז אַדורך אָבער ער מוז זיך היטן. רמי האָט דערפון געוווּסט און דערפאַר האָט ער געמיינט, אַז עס וועט אים געלונגען איבערצורעדן זיינע עלטערן, אַז אַלע זאָלן איבערפאָרן קיין ישראל. און דאָ וועלן זיי קאָנען לעבן לייכט פון זייער קאַפּיטאַל, אָדער זיך נוצן מיט זייער פאַבריק. אָבער שרהס פאַראַט האָט צעבראָכן זיין פּלאַן. דערפאַר האָט ער געטראָגן אַ האַס צו איר. ניט געקוקט וואָס דער האַס איז געבונדן געווען מיט ליבע.

יעדן טאָג פלעגט ער אָפּוואַרטן די פּאָסט, אָבער קיין בריוו איז ניט געקומען, ביז — ביז אין אַ געוויסן טאָג איז אָנגעקומען דער בריוו, וועלכער איז געשריבן געוואָרן דורך זיין מוטער אין שרהס נאָמען. רמי

איז גראָד ניט געווען אין הויז. ווען ער איז אָנגעקומען צו מיטאָג, האָט פרוי פיינגאָלד זיך אָפּגערופן:

— רמי! עס איז דאָ פאַר דיר אַ בריוו פון דיין שרה.

— אַ בריוו פון שרה?!!! האָט רמי אַ געשריי געטאָן. ער האָט זיך בליץ־שנעל אַ הויב געטאָן פון טיש. אפילו דעם קאָנווערט ניט באַטראַכט, נאָר גלייך געעפנט און זיך געשטעלט לייענען. פרוי פיינגאָלד, וועלכע האָט געוווסט דעם אינהאַלט, איז געזעסן ווי אין וווּנדן. איר געזיכט איז געווען ערנסט. פון צייט צו צייט האָט זי געוואָרפן אַן ערנסטן בליק אויף רמין. איר בליק האָט אויסגעדריקט אומעט און שרעק. ה׳ פיינגאָלד האָט פאַר־שטאַנען די שטאַרקע שנאה, וועלכע זיין פרוי האָט צו שרהן. רמי איז אָבער געוואָרן אומרואיקער פון מינוט צו מינוט. ער האָט געלייענט נאָך אַמאָל דעם בריוו און אַוועק צו זיך אין צימער ניט פאַרענדיקנדיק דאָס עסן. פרוי פיינגאָלד איז אַריין צו רמין און אַ פרעג געטאָן.

— רמי! וואָס האָט פּאַסירט? וואָס ביסטו אומעטיק? האָט חס־וחלילה, דאָרט עפּעס געטראָפן?

— גאָרניט מוטער.

— זון מיינער! דערצייל מיר. איך בין דאָך אַ מאַמע. קאָן איך לייענען דיין בריוו.

— נאָ, לייען! — האָט רמי מיט אומעט ארויסגערעדט די רייד.

פרוי פיינגאָלד האָט גענומען דעם בריוו צו זיך און אַרויס אין צווייטן צימער.

— וואָס שרייבט זי? — האָט ה׳ פיינגאָלד אַ פרעג געטאָן.

— זי שרייבט, — האָט פרוי פיינגאָלד אַרויסגעשטאַמלט, — אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט דודן, און זי ווינטשט אים גליק מיט העלען.

— היינטיקע מיידעלעך, — האָט זי אויסגערופן. — איז ניט דער, איז גוט אַ צווייטער. איך האָב עס פריער געוווסט, אַז אַזוי וועט עס זיין, — פרוי פיינגאָלד האָט זיך אויפגערעגט און געגעבן דעם מאַן לייענען דעם בריוו. ה׳ פיינגאָלד האָט דורכגעלייענט און עס צוריק אָפּגעגעבן זיין פרוי. זי האָט איצט אויף גיך צעריסן דעם בריוו און אַריינגעוואָרפן אין ברענענ־דיקן אויוון. — איך האָס איר, וואָס זי טוט אָן אונזער רמין אַזוי פיל פּאַרדרוס. אָבער איצט מוז מען זען רמין צו באַרואיקן, ווייל ער וועט עס נעמען שלעכט און ווער ווייסט, וואָס אַזעלכע קינדער קאָנען אָפּטאָן, גיי אַריין, מיין מאַן, צו אים. רעד מיט אים. באַרואיק אים, ווייל דיך וועט ער אפשר בעסער פאַרשטיין.

ה׳ פֿיינגאָלד איז אַריין צו רמין אין צימער. פֿרוי פֿיינגאָלד האָט אָנגעקלונגען צו העלען, זי זאָל קומען גלייך אַהער. איר האַרץ האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. די קריטישע מאָמענטן זיינען גוט אַדורך — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. איצט דאַרף מען אַלץ טאָן ער זאָל איר פֿאַרגעסן. פֿרוי פֿיינגאָלד האָט אַליין אַראָפּגענומען פֿון טיש, דאָס גיין הין און צוריק, האָט באַרואיקט אירע נערוון.

ווען ה׳ פֿיינגאָלד איז אַריין צו רמין, האָט ער אים געטראָפֿן ליגן אויף דער סאָפֿע אָן אומעטיקן. דער פֿאָטער האָט זיך געזעצט נעבן זון און אָנגעהויבן פֿאַרפֿירן אַ געשפּרעך. רמי — האָט ער אויסגערופֿן. — דאַרפֿסט זיך ניט נעמען צום האַרצן. אַזעלכע זאַכן טרעפֿן. בפֿרט, אַז זי האָט עס געוואָגט. פֿאַרשטיי איר. דוד איז איר ערשטער, ער איז אויפֿן פּלאַץ. דו ביסט אָוועקגעפֿאָרן. זי איז נאָך יונג. און יונגע זיינען ניט שטאַנדהאַפֿטיק. לוינט זיך צוליב דעם האָבן פֿאַרדרוס?

— פֿאָטער! עס גלויבט זיך מיר ניט, אַז שרה זאָל עס טאָן.

— זעסט דאָך! אין מיין לעבן האָב איך אַזעלכעס געזען. אויך מיט מיר האָט אַזוינס פּאַסירט. נו, איז וואָס? האָב איך ניט געטראָפֿן קיין צווייטע? און ניט ערגער געטראָפֿן...

— יאָ, פֿאָטער! איך זע, ווי די מוטער פֿירט זיך מיט דיר. דו האָסט ניט קיין ברעקל רעכט ביי דער מוטער. זי זאָגט, וואָס זי וויל און טוט, וואָס זי וויל און דו שווייגסט, איך ווייס פֿאַרוואָס, ווייל דו ביסט געגאַנגען חתונה האָבן מן־הסתם אָן אַנטוישטער. איז דיר שוין אַלץ איינס. ווו איז דער בריוו?

— איך האָב אים צעריסן און אַריינגעוואָרפֿן אין פֿייער. — ה׳ פֿיינגאָלד האָט ניט געוואָלט זאָגן, אַז די מוטער האָט דאָס געטאָן, דעריבער האָט ער עס גענומען אויף זיך. — איך האָב ניט געוואָלט, אַז דער בריוו זאָל דיר שטענדיק באַאומרואיקן. ווייל ווען דו וואָלסט דערזען דעם בריוו, וואָלסטו געלייענט און זיך אויפּסניי דערמאָנט. אַזוי וועסטו פֿאַרגעסן און די צייט וועט פֿאַרהיילן די וווּנד.

— פֿאָטער! האָסט עס ניט געדאַרפֿט טאָן. אָבער איך פֿאַרשטיי דיך. איך האָב געוואָלט לייענען דעם בריוו נאָך אַמאָל... ווייל מיר דוכט, אַז די האַנטשריפֿט איז ניט שרהס, מן הסתם האָט דוד עס געשריבן. אין גרויס טומל, האָב איך עס ניט קאָנטראָלירט.

— און אַז דוד, איז וואָס? איז עס ניט די זעלבע זאַך? זיכער האָט ער עס געשריבן אין איר נאָמען.

— עס קאָן אַמאָל זיין אַ פּראָוואָקאַציע אויך. מיר גלויבט זיך עס ניט. פּאָטער! — האָט רמי זיך געגעבן אַ הויב אויף. — ווּעסט מיר געבן געלט, וועל איך צופאָרן אַהין. איך מוז מיט איר רעדן. וואָס האָט זי געשריבן, זי האָט שוין חתונה געהאַט אָדער ניט?

— דאָס געדענק איך ניט. פרעג ביי דער מוטער.

רמי איז אַריין אין עס־זאַל. פרוי פיינגאָלד האָט זיך דערשראָקן פון רמיס אריינקומען. פלוצים האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— מוטער! דער פאָטער האָט צעריסן דעם בריוו און אים פאַרברענט. ער האָט עס ניט געדאַרפט טאָן. וואָס שרייבט זי? זי האָט שוין חתונה געהאַט, אָדער גייט זי חתונה האָבן?

— זי האָט שוין חתונה געהאַט. — האָט פרוי פיינגאָלד געענטפערט.

וואָלט רמי ניט געווען אַזוי אויפגערעגט, וואָלט ער באַמערקט, ווי פרוי פיינגאָלד ציטערט אינגאַנצן. אָבער רמי איז געווען צו שטאַרק אויפ־גערעגט, ער זאָל עס קענען באַמערקן. אין דער זעלבער מינוט האָט אַ שטאַרקער סקריפּ געטאָן אַ פאַרהאַלטנדיקער אויטאָ. פון אויטאָ איז פלינק, ווי אַ הירש אַרויסגעשפּרונגען העלען, אַ לאַכנדיקע און צעשטראַל־טע, אַ פאַרפּוצטע אין אַ נייעם שיינעם ספּאָרט־קאָסטיום.

רמי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. אַקוראַט האָט ער דערזען, ווי העלענס בלאָנדער קאָפּ האָר האָט זיך אַ באַוועג געטאָן איבער אירע אַקסלען. העלען האָט איצט אויסגעזען שיין, ווי אַ מלאך. מיט שטאָלצע און ענער־גישע טריט האָט זי זיך באַוועגט אויפן לאַנגן טראָטואַר, וואָס האָט געפירט צו רמיס וווינונג. רמי האָט איר נאָכגעקוקט, ער האָט איצט אין העלען געזען אַריסטאָקראַטישקייט. שרה האָט איצט אויסגעזען אין זיינע אויגן, ווי אַ קינד. זי איז געשטאַנען פאַר אים אין די קורצע הויזן מיט די נאַקעטע פיס ביז ווייט העכער פון די קניען.

העלען איז אַריין אין שטוב, ווי אַ שטורעם, אַ געשריי טועַנדיק:

— העלאָ רמי! העלאָ, מיסיס פיינגאָלד! וואָס זענט איר אַזוי אומע־טיק? דער הימל האָט זיך געזעצט אין אייער הויז? רמי, וואָס האָט פּאַסירט?

העלען האָט אַ כאַפּ געטאָן רמין פאַרן אָרעם און אים אריינגעקוקט פאַרשנדיק אין די אויגן.

— גאָרניט, העלען! וואָס מאַכסטו?

— אָלרייט, רמי! קום מאַכן אַ שפּאַציר. די לופט איז וווּנדערבאַר.

זע, ווי די זון שיינט, רמי. — „קאָם אָן"! — האָט זי אים געגעבן אַ צי פאַר דער האַנט.

— פאַר מיין זון. — האָט פרוי פיינגאָלד געזאָגט, — דאָס וועט דיך בארואיקן...

העלען האָט געקוקט, דאָ אויף רמין, דאָ אויף זיין מוטער. זי האָט פאַרשטאַנען די סיטואַציע און זי האָט רמין מיט כוח אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן.

רמי האָט זיך געזעצט אין אויטאָ. העלען האָט אָנגעצונדן די מאַשין און מיט שווונג זיך אַ ריס געטאָן פונעם אָרט. העלען איז געפלויגן מיטן אויטאָ, ווי אַ טייוול איבערן ברייטן אַספאַלט-שאָסיי. אויסער דער שטאָט. זי האָט אויך אָנגעצונדן דעם ראַדיאָ, וואָס האָט פון זיך אַרויסגעגעבן די נייע אַמעריקאַנער לידער, וואָס האָבן אַ ביסל אויפגעהייטערט רמיס נשמה.

אין פרייען פעלד האָט העלען אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ און אַ פרעג געטאָן רמין, „וואָס האָט פּאַסירט?"

רמי האָט שטיל און אומעטיק דערציילט, אַז שרה האָט אים היינט געשריבן, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט דודן.

— דאָס אַלץ? — האָט העלען אַ לאַך געטאָן אויפן קול. — דערפאַר ביסטו אומעטיק, וואָס דיין שדכנות איז דיר ניט געלונגען? און דו האָסט געוואָלט, אַז איך זאָל באַקענען דודן. וואָס מיינסטו, רמי, וועסט פאַרבלייבן אַן אַלטער בחור? איך וועל דיך באַזאָרגן מיט אַ מיידל. און טאָמער וועט עס מיר ניט געלונגען, — וועל איך זיך אַליין אָנבאָטן... — האָט העלען געלאַכט אויפן קול און אַרומגענומען רמין. — איך האָב געמיינט, ווער ווייסט, וואָס עס איז געשען. רמי, זייַ ניט קיין נאַר. היינט האָבן מיר אַ פאַרוויילונגס-אָוונט ביי אונז. עס קומט די גאַנצע חברה. די עלטערן גייען צו אייך און זיי גיבן מיר איבער די גאַנצע וווינונג. אַ, וועט עס היינט זיין פריילעך ביי אונז! דער הויכער „בוב האָפּ" קומט מיט זיין פאַרזעע־ניש. — האָט העלען ווידער גענומען לאַכן. — וועסט קומען? רמי, אָדער אפשר פאָרן מיר צו אונדז, און דו וועסט שוין פאַרבלייבן ביזן אָוונט?

רמי איז צעטומלט געוואָרן פון העלענס רייד. ער האָט איצט געזען אין איר די ריכטיקע אַמעריקאַנערין, מיט דער פּוסטקייט, אָבער פריילעכ־קייט. ווי אַנדערש איז שרה? — האָט ער געטראַכט. — העלען איז אַ גוט מיידל, מיט אַ גוטער נשמה, — אָבער אָן אינהאַלט.

שרהן האָט ער דאָך ניט געקאָנט פאַרגעסן.

* * *

זינט דער מינוט, ווען רמי האָט באַקומען דעם בריוו פון שרהן, האָט ער פאַרלאָרן דעם אינטערעס צו אַלץ און צו אַלעמען. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז די גאַנצע וועלט ענדיקט זיך, און וואָס מער העלען האָט געוואָלט אים צעשטרייען אין זיינע געדאַנקען, אַלץ אומעטיקער איז ער געוואָרן. וויפל רמי האָט זיך אַליין געוואָלט טרייסטן, זען אין שרה די, וועלכע האָט אים אָפּגענאַרט, האָט ער ניט געקאָנט. ער האָט איר געהאַסט און דאָך ליב געהאַט. צו די געשעפטן פון זיין פאָטער האָט ער זיך ניט צוגערירט. אייגענע געשעפטן האָט ער ניט געבויט. ער איז פאַרבליבן אַזאַ, ווי ער וואָלט פאַרלוירן דעם גאַנצן שטרעבן, צו וועלכן יוגנט חלומט אַזוי פיל. רמי האָט פּרובירט זיך איבערבויען. ער האָט געוואָלט פאַרגעסן און ניט געקאָנט. אין די אָוונטן פלעגט ער ניט אַרויסגיין, נאָר ליגן אין שטוב און לייענען ביכער, אַזעלכע, וווּ עס האָט זיך גערעדט וועגן אַנטוישטע ליבעס. ער האָט פון דעם געלערנט, אַז ער איז ניט איינער. עס טרעפן אַ סך אַזעלכע פאַלן. ער האָט זיך אַנגעטראָפן מיט די זעלבסט-מערדער און זעלבסט-מערדערינס. גראַד איצט האָט ער די דאָזיקע פאַרשטאַנען.

אין זיינע קינדער-יאָרן, ווען ער פלעגט לייענען אין דער צייטונג־כראָניק וועגן אומקום צוליב אַ ניט אויסגעפירטע ליבע, פלעגט ער לאַכן דערפון. — ווי נאַריש זיי זיינען — פלעגט ער טראַכטן. אָבער ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט דער אייגענערווירקלעכקייט, האָט ער געזען דעם גורם דערצו.

די דאָזיקע מחשבות האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין אַ מין מעלאַנכאָליע און קיינער פון זיינע פריינד און חברים האָבן אים ניט געקאָנט איבערצייגן. די מוטער האָט עס גראַד געמערקט און זי האָט אים פאַרשטאַנען.

ניט איינמאָל איז זי געזעסן מיט אים און גערעדט דערפון, אַז מען דאַרף אַזוי ניט זיין. אין לעבן טרעפן נאָך ערגערע זאַכן. — זע מיין קינד, — פלעגט זי זאָגן, — אָט זיינען מענער געגאַנגען אין מלחמה און אומגעקומען, זיי האָבן איבערגעלאָזט פרויען מיט קינדער. און דאָך נעמען זיי זיך ניט אַזוי שטאַרק צום האַרצן, ווי דו.

— מוטער! — האָט רמי זיך אָפּגערופן אַמאָל ביי אַזאַ שמועס. — איך ווייס, אַז דו ביסט גערעכט. איך ווייס, אַז ליבע, דאָס איז אַ געוווינהייט, אָבער געוווינהייט איז די צווייטע נאַטור. און נאַטור קאָן מען ניט ענדערן. איך וויל איר פאַרגעסן, שרהן, און איך פיל, אַז איך וועל עס ניט קאָנען.

איך פאַר אַרויס מיט העלען, קום אין איר געזעלשאַפט, טרעף זיך מיט אַנדערע מיידלעך און וואָס מער איך בין אין דער געזעלשאַפט, אַלץ מער פיל איך ליבע צו שרהן.

— אָבער זי האָט דאָך שוין חתונה געהאַט, עס איז דאָך שוין פאַר־פאַלן. קאָנסטו וואָס העלפן דערצו? זי האָט דיך פאַראַטן. דאַרפסטו אַזויפיל ליידן צוליב איר? סוף סוף וואָס זעסטו אין שרהן? אַן אָרעם מיידל, אַ פּשוט מיידל. איז שוין אין גאַנץ ניו־יאָרק ניטאָ נאָך אַזאַ? איך רעד שוין ניט וועגן העלען. זי איז שיין, איידל, מיר קאָנען איר כאַראַקטער, איר זענט אויפגעוואַקסן צוזאַמען. מיר לעבן זיך אין פריידן מיט זיי. ווילסטו ניט וווינען אין ניו־יאָרק? נעמט געלט, פאָרט אין לאָס־אַנדזשעלעס. דאָרטן האָבן מיר איצט אַ סך יידן. דער קלימאַט איז ענלעך צום ישראל־קלימאַט.. מיר וועלן אייך אויסבויען אַ גרויסע טעקסטיל־פאַבריק. עס וועט אייך גאַרניט פעלן. איר וועט חתונה האָבן. די עלטערן האָט איר נעבן זיך. און וואָס, איז עס שלעכט?

— איז דאָך די שטאָט ווייט פון ניו־יאָרק אַזוי ווי פון תל־אביב קיין ניו־יאָרק. די רייזע איז אויך די זעלבע צייט. טאָ פאַרוואָס ווילסטו ניט, אַז איך זאָל וווינען אין תל־אביב, צווישן אמתע יידן, צווישן אויפגייענדיקן יידנטום, ווו עס בויט זיך אַ לאַנד און דאָס פאָלק באַקומט איר היים. איך בין אַ ייד, מוטער, און איך פיל, אַז איך דאַרף דאָרטן זיין. פאַרוואָס לאָזטו מיר ניט פאָרן אַהין — האָט רמי גערעדט מיט האַרץ.

— ווייל ניט דאָס לאַנד ציט דיך, נאָר שרה, און אַז דו וועסט דאָרטן זיין, וועסטו זיך מיט איר אויפטרעפן און דאַן וועט איר ביידע ליידן. ניט נאָר איר ביידע, נאָר ביידע משפחות, און די וואַרעמקייט אין ביידע היימען וועט ווערן צעבראָכן. און צווייטנס. ישראל איז אין שטענדיקער געפאַר צוליב די אַראַבער. פריער אָדער שפּעטער, וועט קומען דאָרט צו מלחמות און איך וויל דיר דאָ האָבן.

— און אַז ס'איז געווען די מלחמה אין קאָרעאַ, זיינען ניט אומגעקומען טויזנטער יידישע יינגלעך פון אַמעריקע, פאַר וועמען? ס'איז געווען זייער אינטערעס, אַז עס זאָל עקזיסטירן אַ צפון־ צי אַ דרום־קאָרעאַ. וואָס אינטערעסירן מיך די קאָרעאַנער? זיי אינטערעסירט אַ סך מדינת ישראל מיטן יידישן פאָלק? איז אויב יאָ גיין אין מלחמה, איז כאָטש פאַר אונזער לאַנד, פאַר אונזער פאָלק, וועלכעס ווערט געפּייניקט טויזנטער יאָרן פון אַלע, וואָס קאָנען נאָר אויפהויבן אַ האַנט. דו האָסט ווייניק געלייענט, מו־טער, וואָס מען האָט געטאָן צו אונז אין די פּוילישע און דייטשישע

קרעמאַטאָריעס. דו האָסט זיך ניט אינטערעסירט, וואָס מען האָט געטאָן מיט יידישע קינדערלעך. דיך אַרט עס ניט, וואָס פון יידן־פעטס איז גע־מאַכט געוואָרן זייף און פון יידישער הויט זענען געמאַכט געוואָרן אַבאַ־זשורן. דו ביסט דאָן געזעסן מיט דיין מאַן און פריינד און געשפּילט אַ פּי־נאָקל. שרה איז אַן אָפּגעראַטעוועטע פון זיי. אַ רעשטל. געווען ביי אַ קריסט אויסבאַהאַלטן. אויך פון איר וואָלט דער דייטש געמאַכט דאָס זעלבע, ווי פון אַ מיליאָן יידישע קינדערלעך. אין ישראל וועט אַזעלכעס ניט פּאַ־סירן. אין דער גאַנצער וועלט יאָ. זע, וואָס עס טוט זיך אין אַרגענטינע. זע, וואָס עס ווערט פון אונז דאָ? פאַר דיר איז גענוג רייכטום, שיינע קליידער, פּאַרטיעס, אַ „סטייק" איז אייער לעבן. מיין לעבן וויל איך בויען אויף אַנדערע וועגן. איך בין אַ זון פון יידישן פאָלק און אַזאַ וויל איך פאַרבלייבן. און דאָס, וואָס דו זאָגסט מיר, אַז איך וויל פאָרן קיין ישראל צוליב שרהן, האָסטו אַ טעות. איך וויל דיר ווייזן, אַז אין דעם מאָמענט אינטערעסירט מיך ניט מער שרה. מיך אינטערעסירט איצט מער דוד מיט זיינע חברים און זייערס גלייכן. און איך דערקלער דיר מוטער, אַז גראָד איצט האָב איך באַשלאָסן פאָרן אַהין ווו עס וואַרטן אויף מיר טויזנטער פון מיינס גלייכן.

— איך גלויב ניט, מיין זון, אַז דו וועסט דאָס טאָן, ווייל דו וועסט ניט איבערלאָזן דיין מאַמען דאָ מיטן קראַנקן טאַטן. און דו ווייסט דאָך, אַז דער פאָטער טאָר זיך ניט אַנשטרענגען ביי זיין אַרבעט. מער קיין קינדער האָבן מיר ניט. דו ביסט אונזער איינציקער זון. מיר דאַרפן דיך דאָ, כדי דו זאָלסט פירן ווייטער די געשעפטן. אמת, מיר האָבן אַ גוטן שותף, ער איז אָבער גוט אויף אַזוי ווייט, וויפל דיין פאָטער קאָן צוהעלפן. אָבער טאָמער חס־ושלום זאָל דער פאָטער מוזן אַרויס פון די ביזנעס, וועט דער גוטער שותף ווערן אַ שלעכטער שותף. מיר האָבן געמיינט, אַז דיין חתונה מיט העלען, וואָלט געווען דער ריכטיקער וועג אַנצוגיין ווייטער מיט די ביזנעס.

— מוטער, אָבער דאָס זעלבע קאָן מען דאָך טראַכטן וועגן ישראל. פאַרוואָס זאָלן מיר אַלע אַהין ניט פאָרן.

— דאָס קומט ניט אין באַטראַכט, רמי, מעגסט טאָן, וואָס דו ווילסט.

— וועל איך טאָקע אַזוי טאָן. איך וועל פאָרן אַהין. איך וויל אייך פרעגן צי איר וועט מיר געבן רייזע־הוצאות.

— ניין! איך דאַרף דיר נאָך צוהעלפן דערצו?!

— מוטער! דו רעדסט ניט ווי אַ מאַמע. נאָר ווי אַ שטיף־מאַמע און

אויב דו ווילסט מיר ניט געבן קיין געלט, וועל איך שוין געפינען וועגן צו פאָרן. אַפילו איך זאָל אַרבעטן אַלס קעסל־הייצער אויף אַ שיף, וועל איך אָוועקפאָרן. וועט עס דיר געפעלן ?

— טו, וואָס דו ווילסט, אויב דיר איז ניט טייער דיינע עלטערן איז מיר ניט טייער אַזאַ זון.

ביים דאָזיקן שמועס איז אַריינגעקומען דער פאָטער. ער האָט געפילט די אָנגעשטרענגטע אַטמאָספער, וועלכע האָט זיך געטראָגן אין הויז.

— וואָס האָט ווידער פּאַסירט ? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— דיין זון וויל ניט נאָכגעבן דעם געדאַנק פון אונז פאַרלאָזן. ער וויל פאָרן קיין ישראל. עס ציט אים ווי מיט צוואַנגען.

— טאָ וואָס איז די סכנה דערפון ? — האָט מיסטער פיינגאָלד אַ זאָג געטאָן. — אדרבה. זאָל ער פאָרן. וועלן מיר האָבן אַמאָל ווו צו קומען אין געסט.

— די מוטער וויל מיר ניט געבן אויף הוצאות. — האָט רמי זיך אָפּגערופן.

— ניט ביי מיין לעבן ! מען דאַרף ניט פאָרן און איך וועל עס ניט דערלויבן ! — האָט פרוי פיינגאָלד אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש.

— קודם־כל באַרואיקט זיך — האָט ה׳ פיינגאָלד אויסגערופן — ניט כדאי זיך אַרומקריגן וועגן דעם.

רמי האָט זיך אויפגעהויבן, אָנגעטאָן זיין זומער־מאַנטל און אַרויס פון שטוב. ער איז געפאָרן אין ישראל־קאָנסולאַט צוגרייטן זיין רייזע. ווען ער איז אַריינגעקומען אין וואַרט־זאַל איז ער געבליבן שטיין אַן איבערראַשטער.

צווישן די גרויסע צאָל באַזוכער אין קאָנסולאַט, האָט ער דערקענט צפורהן, די גוטע חברה פון שרהן. אויך זי האָט אים דערקענט. פון גרויס איבערראַשונג זיינען זיי זיך געפאַלן אין די אָרעמס און געקושט, געקושט זיך, ווי זיי וואָלטן געווען חתן־כלה. דער גאַנצער קהל באַזוכער האָט זיי אָנגעקוקט מיט נייגיר.

אַ לאַנגע צייט האָט גענומען, ביז ביידע האָבן זיך באַרואיקט. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל פון גרויסן אויפנאַמס־זאַל און פאַרפירט צווישן זיך אַ שמועס וועגן ישראל, קיבוץ און שפּעטער וועגן שרהן. רמי האָט פּרובירט אויסמיידן רעדן וועגן שרהן אינטימער. ער האָט אין דער דאָזיקער מינוט געהאַלטן דיסטאַנץ צווישן אים און דער פאַראַטענער שרה. פאַרבייגייענדיק האָט ער אַ פרעג געטאָן :

— וואָס מאַכט עפּעס שרה? איז זי נאָך אַזוי שיין ווי זי איז געווען?

צפורה האָט דערציילט רמין, אַז צוערשט איז שרה געפֿאָרן קיין רחובות און געאַרבעט דאָרט אַלס קראַנקן־שוועסטער. דעם קיבוץ האָט זי ניט פֿאַרלאָזט, ווייל דוד האָט עס איר דערלויבט. צום לעצטן מאָל האָט זי געזען ביידע אין חדר־האוכל. שרה איז, ווי שטענדיק, געווען פֿריילעך און די חברים האָבן זיך מיט איר זייער געפֿרייט. זעענדיק, אַז זי זיצט צוזאַמען מיט דודן ביים עסן, האָט קיינער ניט געוואָגט איר צו פֿרעגן אויף דיר — הלמאי דו ביסט אוועקגעפֿאָרן. דאָס זיינען אינטימע פּראָבלעמען פֿון יעדן יחיד און קיינער וויל קיינמאָל ניט באַרירן די דיגע סטרונעס פֿון אַ מענטשנס האַרץ...

— גראָד אין דעם זעלבן טאָג, בעסער געזאָגט, אין דער זעלבער שעה, בין איך אַרויסגעפֿאָרן פֿון דער היים, אויפֿן וועג אַהער.

— שרה האָט געוווּסט, אַז דו פֿאָרסט קיין אַמעריקע?

— יאָ, זי האָט געוווּסט.

— האָט זי דורך דיר אַפֿילו אַ גרוס ניט געשיקט?

— ניין. זי האָט גאָרניט געזאָגט.

— איז עס אמת, אַז דוד און שרה האָבן גענומען צוזאַמען אַ צימער?

— האָט רמי ווייטער געפֿרעגט.

— וועגן דעם, רמי, קאָן איך דיר ניט זאָגן. ביז דער שעה פֿון מיין אָפּפֿאָרן, איז מיר אַזאַ זאַך ניט באַקאַנט געווען. איך מיין, אַז דו מוזט עס וויסן בעסער. — האָט צפורה געענטפֿערט.

— איך ווייס טאַקע ניט. ווייל זי האָט אויפֿגעהערט שרייבן. אַ סך בריוו האָב איך איר געשריבן און אַפֿילו קיין ענטפֿער ניט באַקומען. פֿאַרשטיי איך בכלל ניט, וואָס דאָרט קומט פֿאָר. — אַ בריוו ענטפֿערן טאָר זי אויך ניט? איז דוד אויף אַזויפֿיל אייפֿערזיכטיק, אַז ער דערלויבט איר אַפֿילו ניט אַ בריוו צו שרייבן צו מיר? אַפֿילו קיין גרוס מיט דיר האָט זי ניט געהאַלטן פֿאַר נויטיק מיטצושיקן. — דאָס באַווייזט, הייסט עס, אַז דאָס אַלץ איז אמת...

— איך יעדנפֿאַלס, קאָן עס דיר ניט זאָגן. איין זאַך, וואָס איך קאָן דיר העלפֿן, רמי, איז, אַז איך זאָל שרייבן אין קיבוץ און זיך נאָכפֿרעגן און אויב דו ווילסט קאָן איך דיר שרייבן וועגן דעם גענוי נאָכן באַקומען ענטפֿער. גיב מיר דיין אַדרעס, און אַזוי שנעל, ווי איך וועל נאָר פֿון דאָרט דערהאַלטן אַ בריוו, ברענג איך אים באַלד צו דיר.

רמי האָט אָנגעשריבן זיין אַדרעס און עס איבערגעגעבן צפורהן.

לאַנג האָבן זיי נאָך גערעדט וועגן ישראל, קיבוץ א.א.וו. צפורה האָט אים דערציילט וועגן דער ווירטשאַפט, ווי זי איז פאַרגרעסערט געוואָרן. דער לעבנס־סטאַנדאַרט האָט זיך געהויבן, עס זיינען צוגעקומען נייע וווינונגען, שוין פון ציגל און בעטאָן, יעדע משפחה באַקומט אַנדערהאַלבן צימער, מעבל, ראַדיאָ און נאָך אַ סך אַ סך אויסבעסערונגען. דאָס אַלץ האָט איינ־געפּירט דוד. די חברים זיינען צופרידן. מ׳אַרבעט מיט מער פלייס. אומ־קערנדיק זיך פון דער אַרבעט, גרייט מען דעם טיש ביי זיך אין דער וווינונג — מ׳באַקומט מער אינטערעס און מ׳ווערט צוגעבונדענער צום קאָלעקטיוו.

— אויף ווי לאַנג ביסטו אַהערגעקומען? — האָט רמי אַ פרעג געטאָן צפורהן.

— אויף צוויי יאָר. מ׳האָט מיך אַהערגעשיקט אַרבעטן אין אַ קינדער־גאָרטן.

— שרה האָט צו דער אַרבעט ניט געוואָלט פאָרן?

— וועגן דעם ווייס איך ניט. אויף אַ זיצונג פון סעקרעטאַריאַט האָט מען מיך באַשטימט, און אַזוי ווי איך האָב געוואָלט זען אַמעריקע, האָב איך באַלד דער פאָרשלאָג אָנגענומען. — אָבער דאַכט זיך, איך וואָלט שוין געוואָלט פאָרן צוריק.

דערווייל האָט דער סעקרעטאַר איינעם קאָנסולאַט גערופן רמין צו זיך. רמי האָט זיך געזעגנט מיט צפורהן. אין דער לעצטער מינוט האָט ער געבעטן צפורהן, זי זאָל אים באַזוכן לויטן אַדרעס, וואָס ער האָט איר געגעבן. פריינדלעכע האַנט־דרוקן האָבן זיי צעשיידט.

אין סעקרעטאַריאַט האָט רמי דערקלערט ווער ער איז, — אַ „באַי" פון רייכע אַמעריקאַנער עלטערן, געווען אין ישראל, זיך געשלאָגן מיט די אַראַבער, געווען שווער פאַרוווּנדעט. — איצט וויל ער צוריקפאָרן קיין ישראל, און זיינען עלטערן גיבן אים ניט קיין געלט אויף רייזע הוצאות, וואָס דאָס איז די מניעה פון זיין אומקערן זיך אין קיבוץ, וווּ ער האָט זיך פריער געפונען.

דער סעקרעטאַר האָט אַ פרעג געטאָן:

— נו, און דער קיבוץ וויל דיר ניט שיקן אויף רייזע הוצאות? דאָס איז בעצם זייער פליכט. מיר קאָנען גאָרניט טאָן דערצו. מיר האָבן בכלל ניט קיין פאָנד פאַר אַזעלכע צוועקן...

רמי איז געווען זיכער, אַז אין ישראלדיקן קאָנסולאַט וועט מען אים אויפכאַפּן מיט ביידע הענט. ער וועט נאָר זאָגן, אַז ער וויל פאָרן — און

גיט מען אים באַלד די שיפֿס-קאַרטע. דעריבער האָבן די ווערטער פֿונעם ערשטן סעקרעטאַר אינעם ישׂראלדיקן קאָנסולאַט אים געוואָלדיק אַנטוישט.

פֿונעם קאָנסולאַט איז רמי געפֿאָרן אַהיים. אַרייַנקומענדיק אין שטוב, איז ער אַריין צו זיך אין צימער. ער איז ניט אַרויס פֿון זיין צימער, אַפֿילו ווען די דינסט האָט אים גערופֿן עסן. די מוטער האָט געשוויגן, דער פֿאָטער איז אַריין צו רמין און געפּרוווט מיט אים רעדן. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער, רמי, דאַרף פֿאַרשטיין זיין מוטער, אַז ער איז זייער איינציק קינד, אַז נאָר פֿאַר אים, שטרעבן זיי דאָס גאַנצע לעבן — מיר ווילן דיך זען אַ גליקלעכן, מיר ווילן האָבן נחת פֿון דיר.

— אָבער פֿאָטער, איר קאָנט דאָך דאָס ניט טאָן קעגן מיינע געפֿילן און צילן אין לעבן... אַז איך וועל זיך געפֿינען דאָ און ניט זיין גליקלעך, וועט אייך שוין גוט זיין? איז עס דען אַזוי שווער אריבערצופֿאָרן אַהין? פֿאַרוואָס זאָלן מיר ניט אַהינפֿאָרן?

— ווייל די מוטער וויל ניט. — האָט דער פֿאָטער געענטפֿערט.

— אָבער איך בין דאָך מיט אייער הסכּמה דאָרט אַהין געפֿאָרן, כּדי צו זען דאָס לעבן דאָרט.

— די מוטער האָט געמיינט, אַז דו וועסט קומען אַן אַנטוישטער. עס וועט דיר אַרויס פֿונעם קאָפּ דאָס פֿאָרן קיין ארץ-ישׂראל. פֿאַנטאַזיעס, ווען זיי ווערן פֿאַרווירקלעכט, ווערן זיי אויס פֿאַנטאַזיעס און דאַן הויבט מען אָן רעאַל צו טראַכטן. ווער זאָל וויסן, אַז אַ מיידל וועט דיר דאָרט דעם קאָפּ פֿאַרדרייען?...

— ניט זי מיר, נאָר איך איר. זי האָט געהאַט אַ חתן, — דעם סעקרעטאַר פֿונעם קיבוץ, איך האָב זי פֿון אים צוגענומען — רעדט מיר ניט איין.

— קודם כּל קום עסן. צו דעם האָט עס ניט. שמועסן וועלן מיר שפּעטער. רמי, איך זאָג דיר צו צוצוהעלפֿן...

רמי מיטן פֿאָטער זיינען אַריין אין עס-זאַל. אַ שטילקייט האָט געהערשט ביים עסן. אַקוראַט איז העלען אָנגעקומען. זי האָט געמאַכט אַ שפּאַציר אין דער געגנט, איז זי אַריינגעקומען.

רמי און העלען זיינען אַריין אין זיין צימער. רמי האָט איר דערציילט, אַז ער האָט שוין היינט, געוואָלט פֿאַרלאָזן אַמעריקע און אָפּפֿאָרן קיין ישׂראל. צו דעם צוועק איז ער געווען אין ישׂראל-קאָנסולאַט. ער האָט געהאָפֿט, אַז זיי יועלן דעקן זיינע רייזע-הוצאות.

— אַזוי שטאַרק ציט דיך אַהין? — האָט העלען געפֿרעגט.

— יאָ, העלען, איך וויל נאָך איינמאָל אָנקוקן שרהן און איר אַ פרעג טאָן, פאַרוואָס האָט זי עס געטאָן? פאַרוואָס האָט זי מיך גענאַרט? ווי האָט זי געקאָנט מיך אַזוי פאַרפירן? — דאַן וועל איך זיך באַרואיקן. איך וועל פאַרבלייבן לעבן אין קיבוץ, זיין אין דער נאָענט פון די, וועלכע איך האָב ליב. און מיר זאָגט אויך מיין האַרץ, אַז שרה האָט ניט חתונה געהאַט. אַזאַ געפיל האָב איך.

— רמי, — האָט העלען פּלוצים אויסגערופן. — וויפל דאַרף קאָסטן דיין רייזע?

— בערך טויזנט דאָלאַר. — האָט רמי געענטפערט.

— ווערסט קיינעם ניט דערציילן, — איך וועל דיר דאָס געלט אויס־באָרגן. איך האָב אויף מיין נאָמען אַ קאָנטע אין באַנק. מיין מוטער טראָגט יעדער וואָך אין באַנק אַריין געלט אויף מיין קאָנטאָ. מיין קאַפּי־טאַל באַטרעפט מער ווי דער סכום, וואָס דו באַדאַרפסט. דו באַקומסט דאָס נויטיקע געלט. קיינער דאַרף וועגן דעם ניט וויסן. — און טאָמער יאָ, וועל איך רעדן מיט דיין פאָטער. ער וועט מיר דאָס געלט אומקערן.

רמי איז באַגייסטערט געוועזן פון העלענס רייד. פון פרייד האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן אין די אָרעמס און געקושט. געקושט, ניט ווי אַ ייִנגל אַ מיידל, נאָר ווי אַ גוטער פריינד, ווי אַ ברודער אַ שוועסטער. אויך העלען האָט דאָס זעלבע געטראַכט. זי האָט ליב געהאַט רמין מער אַלס פריינד ווי אַלס בחור.

רמי איז געוואָרן ווי אַ ניי־געבוירענער.

ווען זיי זיינען אַרויס פונעם צימער, האָט די מאַמע זיינע ניט פאַר־שטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. זי איז אָבער געוועזן צופרידן דער־מיט — וואָס איר זון איז צופרידן.

רמי האָט שפּעטער שפּאַצירט מיט העלען אין שטאָט־גאָרטן און גערעדט וועגן אַ ניי לעבן ווייט פונדאַנען...

— רמי, — האָט העלען זיך אָפּגערופן, — אויב דו ווילסט בין איך גרייט מיטצופאָרן. איך וועל זיין אין דיין קיבוץ. וועט מען מיך דאָרט אָננעמען?

— דאָס איז ניט פאַר דיר, העלען. דו ביסט צופיל צעפּיעשטשעט פאַר אַזאַ אָרט לעבן, ווי אין קיבוץ. דאָרט דאַרף מען אויפשטיין פינף אַזייגער פאַרטאָג און טאָן די נויטיקע אַרבעט. צום בעט וועט דיר די מאַמע ניט צוברענגען דעם עפּל־קוכן מיט נס־קאַפּע.

— זאָרג ניט רמי. איך וועל עס מאַכן ניט ערגער ווי זיי דאָרטן. אַלץ

איז אָפּהענגיק פונעם ווילן. נעם מיך מיט. געלט האָב איך פאַרביידן, לאָמיר זאָגן אין שטוב, אַז מיר פאָרן ביידע ניט ווי אַ פּאָר, חלילה, — איך געפעל דיר דאָך ניט. — האָט העלען געלאַכט.

— העלען, דו ביסט מיר זייער טייער. טייערער ווי אַלע אין דער וועלט, — אויב דו ווילסט, בין איך מסכים.

— יאָ, רמי, איך וועל פאָרן, און דו וועסט זען ווי איך וועל נאָך זיי אַלע איבערשטייגן אין דער אַרבעט.

רמי און העלען האָבן ביידע באַשלאָסן דערציילן זייערע עלטערן וועגן זייער באַשלוס. ביידע זייַנען זיי געווען צופרידן, ווייל עס איז ניט געווען וועד עס זאָל זיי שטערן אין זייער רייזע. צופרידענע האָבן זיי ביידע זיך צוריקגעקערט אין רמיס צימער.

— רמי, דערצייל דייַנע עלטערן וועגן דעם באַשלוס — האָט העלען געוווּנקען צו רמין, ער האָט אָבער ניט געהאַט די דרייסטקייט. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט. אָט, אָט, און ער הויבט שוין אָן רעדן. אָבער שוין עפענענדיק דאָס מויל צום רעדן, — האָט ער זיך ווידער צוריקגעהאַלטן. ער וועט עס זאָגן דעם פאָטער אין אָוונט, — האָט ער באַשלאָסן.

העלען האָט אים אָנגערופן „שוואַכלינג". — אויב ער וויל וועט זי רעדן — האָט זי צו אים מיט דרייסטקייט געזאָגט...

— ניין, העלען, — איך וועל רעדן מיטן פאָטער אין אָוונט.

— טו ווי דו פאַרשטייסט. מיר מיר וועסטו דורכקומען, ווי דו ווילסט. ווילסטו געלט? קאָנסטו עס שוין באַקומען. ווילסטו פאָרן? — אַפילו מאָרגן. אָבער טו עפּעס. ביסטו דאָך גאָרניט ענערגיש. רמי, איך האָב דיך געהאַלטן אַלס מער מאַן...

— העלען, מיר וועלן אונזער באַשלוס ניט ענדערן. איך וויל אָבער געווינען מייַנע און דייַנע עלטערן, אַז אַלע זאָלן מיר אַהין פאָרן מיט גוטן ווילן. דאָן וועט אונזער לעבן גיין אויפן נאָרמאַלן וועג. ריכטיק, דער קיבוץ גיט מיר עקזיסטענץ מעגלעכקייטן, און דו ביסט אויך גרייט דאָרט צו זייַן. — אָבער טאָמער ניט? טאָמער וועסטו זיך ניט קאָנען צופאַסן? ס'איז שווער פאַר אַן אָנשטענדיק מיידל צו קריגן באַשעפטיקונג אויסער די ראַמען פון קיבוץ. און דאָן איז מייַן אחריות אַ גרויסע. אָבער אויב עס זאָל געלונגען איבערצוצייגן מייַנע עלטערן, וועלן שוין אויך דייַנע עלטערן עס לייכטער אויפנעמען. היינט אין אָוונט וועל איך רעדן מיט מייַן פאָטער. איך האָף, אַז איך וועל האָבן דערפאָלג...

— רמי, קלינג מיר אָן נאָכן געשפּרעך מיט דיין פאָטער. אַלרייט ?
— גאַנץ זיכער, העלען.
— גוד־ביי, רמי !

אַ פריילעכע און מיט שטאָלצע טריט איז העלען אַרויס פון רמיס צימער. אַריינגעזעצט זיך אין איר פראַכטפולן אויטאָ, און גערירט פונעם אָרט.

רמי, נאָכקוקנדיק דעם פאַרשווונדענעם אויטאָ, האָט אַ טראַכט געטאָן: העלען איז אַ שיין און וווּיל מיידל, — פאַרוואָס שטויס איך זי אָפּ פון זיך ?

* * *

ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט. רמי איז אַרומגעגאַנגען ווי צעטומלט. ס'איז אים שווער געווען אָנצוהויבן רעדן מיט זיין פאָטער וועגן אַ בייעם שטייגער אין לעבן. קיין ישראל וועט ער פאָרן פאַר יעדן פּרייז אין דער וועלט. נאָכאַמאָל וויל ער זען שרהן און פרעגן, פאַרוואָס האָט זי עס געטאָן. זאָל זי אַרויסקלאַפּן פון זיין קאָפּ די ליבע זיינע צו איר.

— דער אָוונט־ברויט איז גרייט, — האָט די נעגערטע אָנגעזאָגט. רמי האָט זיך געזעצט צום טיש, ביי וועלכן עס זיינען שוין געזעסן פאָטער און מוטער. אַלע זיינען געווען אָנגעשטרענגט. עס האָט זיך געפילט, אַז אַן ערנסטער שמועס דאַרף דאָ באַלד פאָרקומען. ה' פיינגאָלד האָט געגעסן און געקוקט אויף רמין, וועלכער פלעגט זיך פון צייט צו צייט אַנטרעפן מיטן פאָטערס בליקן.

ווען דאָס עסן האָט זיך פאַרענדיקט, האָט רמי זיך אָפּגערופן:

— פאָטער ! מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין ישראל. מיר וועלן אַריין אין קיבוץ און דאָרטן וווינען. איך דאַרף נאָר אויף רייזע־הוצאות, וועסטו עס מיר געבן ?

— ווער האָט עס באַשלאָסן און מיט וועמען פאָרסטו ? — האָט פרוי פיינגאָלד אַ פרעג געטאָן.

— איך און העלען ! — האָט רמי געענטפערט.

— אַלס פּאָרל ? — האָט פרוי פיינגאָלד אַ פרעג געטאָן.

— דערווייל ניט. וועגן חתונה האָבן אייל איך זיך ניט. און אויך העלען. זי וויל איבערגיין ווינען אין ישראל. פאַרוואָס ניט ?

— פון לוקסוס, דו נאַר, וואַרפט אַוועק אַ לוקסוס־לעבן און גייט

דאָרט האָרעווען. צו פינף און צוואַנציק יאָר, וועט זי שוין אויסזען, ווי
אַ פרוי פון פערציק.

— אָבער איר נשמה וועט זיין ווי פון צוואַנציק. צווייטנס, אויך דאָס
אַרט דיר?

— זיכער. איר קאָנט דאָ חתונה האָבן און דאָ וווינען. ווער שטערט
אייך?

— אָבער מוטער, מיר האָבן שוין אַ סך גערעדט דערפון. צו וואָס
ווידער דערמאָנען?

— צו אייך, יונגע, דאַרף מען רעדן אַן אויפהער.

— און צום סוף ענדערט עס זיך ניט — האָט רמי פאַרענדיקט. —
בקיצור, איך האָב באַשלאָסן און אַזוי וועט עס זיין. איך בין געווען היינט
אין ישראל־קאָנסולאַט. איך האָב געוואָלט אַ פרייע שיפס־קאַרטע. האָבן
זיי מיר ניט געגעבן. עס האָט געפעלט דאָס געלט. אָבער איצט איז דאָס
פּראָבלעם געלייזט. מיין איצטיקער שמועס איז מיט אייך דער דעצי־
דירנדיקער. ווילט איר, אַז מיר זאָלן זיין איין גאַנצעס, ווי מיר זיינען
דאָ? לייג איך פאָר, אַז אַלע זאָלן מיר פאָרן אַהין. ווען ניט? טוט ווי
איר ווילט. איך און העלען פאָרן קיין ישראל!

— און וואָס זאָגן אירע עלטערן? — האָט פרוי פיינגאָלד אַ פרעג
געטאָן.

— זיי זיינען מסכים. זיי זיינען ניט אַזוי ווי דו. וואָס העלען רעדט
אויס, דאָס ווערט פאַר איר באַשאַפן. אַלץ קומט איר אָן גרינג.

— דאָס איז אַ סימן, אַז זיי האָבן ניט ליב זייער קינד.

— גראָד פאַרקערט. ווייל זיי האָבן איר ליב, דערפאַר קומען זיי
איר נאָך — האָט רמי געענטפערט.

— איך בין ניט מסכים, — האָט פרוי פיינגאָלד אויסגערופן. — מיר
איז גוט אין ניו־יאָרק.

— וועסטו בלייבן דאָ מיטן פאָטער און איך פאָר. — רמי האָט זיך
אויפגעהויבן אַ פאַרברוגזטער פון טיש און אַריין אין זיין צימער. זיין
פאָטער איז אים נאָכגעגאַנגען און אין רמיס צימער, האָט זיך צווישן
פאָטער און זון פאַרצויגן אַ שמועס.

— רמי! דאַרפסט פאַרשטיין, אַז דו ביסט איינער ביי אונז און אַן
דיר האָט ניט קיין זין אונזער עקזיסטענץ־קאַמף. מיר וועלן דיר ניט
אוועקלאָזן פון דאַנען און טאָמער וועסטו אַוועקפאָרן וועלן מיר מיטפאָרן.

— זאָגסטו עס מיר צו? פאָטער. — האָט רמי אַ פרעג געטאָן אַ צו־פרידענער.

— אַנדערש קאָן עס ניט זיין — האָט ה׳ פיינגאָלד געענטפערט.

— דאַן דערקלער איך דיר, אַז די וואָך פאַרלאָזן מיר אַמעריקע, צי דו וועסט מיר העלפן אָדער ניט.

— זיכער וועל איך דיר העלפן און דיין מוטער אויך.

— טאָ גיב מיר טויזנט דאָלאַר.

— ניט איצט. — האָט ה׳ פיינגאָלד געענטפערט.

פרוי פיינגאָלד איז געשטאַנען הינטער דער טיר און זיך צוגעהערט צו די רייד פון פאָטער און זון.

— טו ווי דו ווילסט, זאָג דער מוטער, אַז די וואָך פאָרן מיר.

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. רמי האָט געהויבן דאָס טרייבל. עס האָט גערעדט העלען.

— רמי! — האָט זי גערעדט הויך. האָסטו גערעדט שוין מיט דיינע עלטערן.

— יאָ! — האָט רמי געענטפערט. — די מוטער איז איינגעעקשנט, דער פאָטער ניט. אָבער מיר פאָרן, ווי עס זאָל ניט זיין.

— אָל־רייט — האָט העלען אָריינגעשריען. — איך האָב גערעדט מיט מיינע עלטערן. זיי זיינען צופרידן. דעם דאָזיקן געשפּרעך האָט אויך אויסגעהערט רמיס מוטער.

— קומסטו אַהער? — האָט רמי אַ פרעג געטאָן.

— ווען דו ווילסט קום איך גלייך — האָט העלען געלאַכט דורכן טעלעפאָן.

— יאָ! איך וויל דו זאָלסט איצט קומען.

— איך קום גלייך, רמי! גוד־ביי! — און זי האָט געלייגט דאָס טעלעפאָן־טרייבל. אין משך פון אַ פערטל שעה איז העלען שוין געזעסן ביי רמי אין צימער און זיי האָבן באַשלאָסן אַלץ צוצוגרייטן אויף זונטיק אַרויסצופאָרן מיט אַ שיף.

העלען האָט דערציילט רמיס עלטערן אויף איר באַשלוס און רמי האָט גענומען גרייטן די רייזע. העלען האָט געגעבן רמין צוויי טויזנט דאָלאַר פון אירע געלטער, רמי האָט געקויפט צוויי שיפס־קאַרטן ערשטע קלאַס אויף דער ישראל־שיף „ירושלים״.

ווען רמי האָט געוויזן זיין מוטער די שיפס־קאַרטן האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— ווו האָסטו גענומען געלט?

— דער פאָטער האָט מיר גיט געגעבן. דער קיבוץ וועט אומקערן.

— פאַרט איר אין קיבוץ? — האָט די מוטער אַ פרעג געטאָן. — וואָס וועט זיין מיט שרהן?

— גאַרניט! זי האָט חתונה געהאַט, טאָ זאָל זי לעבן גליקלעך מיט איר מאַן. איך מיין, אַז ישראל וועט מיר באַזאָרגן מיט אַ פרוי... — האָט רמי געלאַכט.

רמי און העלען האָבן געפּאַקט זייערע זאַכן אין קאַסטנס. כאָטש די מוטער האָט זיך קעגנגעשטעלט, האָט זי דאָך געוואָלט זען נחת פון איר זון.

אַמאָל, אין אַ שמועס מיט איר מאַן, האָט זי אים געפרעגט, צי ער האָט געגעבן רמין רייזע הוצאות. ער האָט געשווירן ביי איר געזונט, אַז ער האָט אים קיין סענט ניט געגעבן.

— דאָן גיב אים דאָס געלט. ווייל זיכער האָט אים העלען אויסגעבאָרגט. זי האָט געוווסט, אַז העלענס מוטער שפּאָרט געלט פאַר איר טאָכטער. אַקוראַט ווי זי האָט אָפּגעשפּאָרט אַ סך טויזנטער דאָלאַר אויף רמיס קאָנטאָ און קיינער האָט ניט געקאָנט אַרויסנעמען דאָס געלט פון באַנק אָן רמין.

אין אָן אָוונט, האָט פרוי פיינגאָלד דערציילט רמין, אַז אין באַנק ליגט אויף זיין נאָמען, מער ווי צען טויזנט דאָלאַר און ער קאָן עס אָפּנעמען.

רמין האָט עס איבערראַשט. סוף כל סוף האָט ער געזען אין זיין מוטער אַ פריינד. רמי האָט אָפּגענומען דאָס געלט. גענומען דערפון די טויזנט און ניי׳ען טויזנט געגעבן צוריק די עלטערן. דאָס דאַרף איך ניט — האָט רמי געזאָגט.

— דאָס געהערט דיר. נעם עס קיין ישראל האָט די מוטער געבענטפערט — עס ווערט דיר צוניץ קומען.

ווען העלען איז געקומען צו רמין, האָט ער איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע, וואָס עס האָט פּאַסירט אין משך פון איין טאָג. וויפל געשענישן עס קאָנען טרעפן דורך נאַכט. ווער האָט זיך עס געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מיין מוטער זאָל מיר אַזוי לייכט נאָכגעבן.

העלען האָט זיך אָבער אָפּגערופן:

— רמי, נעם דאָס געלט. צוזאַמען האָבן מיר צען טויזנט דאָלאַר. מיר וועלן קומען קיין ישראל, וועסטו קויפן אַ פיינע וווינונג אין תל־אביב.

ערשטנס, וועסטו אינוועסטירן דעם קאפיטאל אין פארמעגן און צווייטנס — אז דיינע עלטערן, אדער מיינע וועלן קומען אמאל אין ישראל, וועלן זיי האבן א פיינע דירה. נאר וואס דו ביסט! ביי זיי דא וועט עס אריין אין די ביזנעס. און דו וועסט דערפון גארניט האבן.

רמי האט זיך געלאזט צורעדן. ער האט דאס געלט איבערגעוויזן דורך דער באנק אויף זיין נאמען אין ישראל.

אין א פאר אוונטן פאר זיין אפפארן, האט רמי געהאט אן ערנסטן שמועס מיט זיין פאטער און זייער שותף.

— רמי, מיר וועט זיין שווער אן דיר. דו ווייסט, אז דו ביסט אונזער לעבן. אונזער האפענונג און טרייסט. דו ביסט מיין קדיש נאך מיין טויט. און איצט פארלאזטו אונז, רעכנסט זיך גארניט מיט דיינע עלטערן.

— פאטער! — האט רמי אויסגערופן. — פארוואס נעמסטו עס אזוי טראגיש. ווער שטערט דיר צו פארן קיין ישראל. זע ווי יעדן טאג פארן שיפן מיט הונדערטער יידן. פארוואס זאלסטו זיצן דא. דו דארפסט ניט פארן ווי א חלוץ. דו קאנסט פארן מיט פארמעגן און א סך פארמעגן.

— יא! אבער דא זיינען מיר פארבונדן מיט ביזנעס.

— איז וואס? האסטו זיי מורא צו ליקווידירן? טא ליקווידיר זיי ניט. קום קיין ישראל, קוק זיך ארום, וועסט דארט נאר אנהייבן. וועט עס גיין, איז גוט, ווען ניט? דיין קאפיטאל וועסטו שטענדיק צוריק קריגן. אפשר וועט דארט דיר בעסער געפעלן. מען זאגט, אז א ווארעם ליגט אין כריין, מיינט ער, אז קיין זיסערס איז ניטא. מעגלעך, אז דאס לעבן וועט דיר דארטן בעסער געפעלן. אויף וויפל איך ווייס, איז דארט פאר קאפיטאליסטן א „גן עדן". די ישראל־רעגירונג גאראנטירט א מינימום פארדינסט, אפילו עס זאלן זיין דעפיציטן.

— ווטעסטו מיר העלפן אין די ביזנעס, ווען איך וועל דיר דארפן?

— ווי מיינסטו, אז ניט? פאטער!

— ווילסטו דאך גיין אין קיבוץ? וועט עס דאך שטערן.

— פאטער! פארוואס זאלן מיר איצט רעדן וואס עס וועט זיין שפע־טער. לאמיר עס לאזן גיין מיט דער נאטור. מיר וועלן רעאגירן לויט די באדערפענישן. און לאמיר וועגן דעם מער ניט רעדן. מארגן אוונט גייט אפ די שיף.

— איך וועל נאך רעדן מיט דער מאמען!

— רעד מיט וועמען דו ווילסט. איך וועל אלעמאל זיין אייער זון. — האט רמי געענטפערט און אוועק מיט העלען אין קינא.

שרה באקומט א גרוס פון רמי

ווען צפורה האָט זיך געזעגנט מיט רמין, איז איר ערשטער וועג געווען אין דער פּאָסט. זי האָט גלייך געשריבן א בריוו צו שרה'ן וועלכע האָט איר געבעטן אויסצוזוכן רמין און זיך דערוויסן פאַרוואָס ער האָט אויפגעהערט שרייבן. צפורה האָט געשריבן, אַז זי האָט געטראָפן רמין אין קאָנסולאַט און ער גרייט זיך צו פאָרן קיין ישראל. ער האָט איר געפרעגט אויב דו ביסט אַריין אין אַ צימער מיט דוד, ווייל ער ווייסט, אַז דו האָסט חתונה געהאַט. ער איז זייער אנטוישט אין דיין האנדלונג און פאַרוואָס דו האָסט אים נישט געמאָלדן וועגן דיין שריט. ער גלויבט זיך נישט אויף דיר. איך האָב אים פאַרזיכערט אַז די זאַך איז נישט אמת, אלנפאלס אויף וויפל איך ווייס. און אַז רמי האָט נישט חתונה געהאַט. ער איז שיין ווי געווען, אפילו נאָך שענער. צפורה האָט דעם בריוו אָפּגעשיקט עקספּרעס. אויפן דריטן טאָג איז דער בריוו געווען אין דודס האנט. ער האט געוואָלט עפענען דעם בריוו און דאָך האָט זיין געוויסן אים עס נישט דערלאזט. דוד האָט דעם בריוו אָפּגעשיקט צו שרהן אין קאַפּלאַן שפּיטאַל. ווען זי האָט דערזען דעם בריוו פון צפורהן, האָט שרהן א קלאַפּ געטאָן דאָס האַרץ. זי האָט נישט געוווסט דעם אינהאַלט, האָט איר דער בריוו געשראָקן. אין פאַרמאַכטן קאָנווערט איז געווען געשריבן איר צוקונפט פון גליק אָדער אומגליק. שרה האָט געוווסט, אַז אויב רמי זאָל איר האָבן פאַראַטן, וועט זי קיינמאָל נישט חתונה האָבן, נאָר פאַרבלייבן אן אייביקע קראַנקן שוועסטער, זי וועט זיך ווידמען הילף פאַר די וועלכע נויטיקן זיך אין דעם. די דרינגנדע אַרבעט אין שפּיטאַל, האָט איר נישט דערמעגלעכט צו לייענען דעם בריוו. זי האָט אים אַריינ־געלעגט אין איר כאַלאַט קעשענע. ערשט ווען זי האָט פאַרענדיקט איר אַרבעט, האָט זי דעם בריוו מיט ציטער געעפנט. אירע אויגן האָבן אויפגעע־לויכטן ווען זי האָט געלייענט אַז רמי איז געווען אין קאָנסולאַט און ער זעט נאָך אויס אַזוי שיין ווי פריער. איבערהויפּט האָט איר געפרייט, אַז ער לעבט און איז געזונט. ווייל געשראָקן האָט איר האַרץ טאָמער האָט געטראָפן וואָס מיט אים. זי האָט נישט געגלויבט אַז רמי וועט חתונה האָבן מיט אַ צווייטער. צופיל איז זי געווען אין אים זיכער.

שרה האָט נאָך אַ וואָך ראַנגלען זיך מיט זיך אָנגעשריבן אַן ענטפער און בייגעלייגט אַ בריוול פאַר רמין, בעטנדיק אים עס איבערצוגעבן.

זינט דעם בריוו איז שרה געוואָרן אַן אַנדערע. זי האָט צוריק באַקומען שטימונג. ווידער האָט איר זיסע שטים געקלונגען צווישן די דאָקטוירים און

קראַנקן שוועסטער. אַממערסטן האָט זי איר צופרידנקייט אויסגעדריקט צו די קראַנקע, צו יעדן קראַנקן פלעגט זי צוגיין און פרעגן ווי זיי גייט, זי פלעגט זיצן ביי זייערע בעטן און זיי טרייסטן. זי האָט געוואָלט אַז אַלע זאָלן זיך מיטפרייען מיט איר.

צפורה דאַקעגן האָט געמאַכט אַ באַזוך ביי רמין אין דער וווינונג, גראַד ווען זי איז אָנגעקומען איז רמי ניט געווען אין שטוב. רמיס מוטער האָט אויפגענומען צפורהן אין איר צימער און דערציילט אַז רמי פאָרט אָפּ אין אַ פּאָר טעג אַרום מיט העלען קיין ישראל, און אַז איצט זיינען זיי אַוועק אין קינאָ.

צפורה האָט דערציילט ווער זי איז, צוליב דער שפּעטער שעה האָט צפורה מער ניט געקאָנט וואַרטן אויף רמין און אַוועקגעפאָרן אין איר וווינונג. צפורה האָט גלייך אַוועקגעשיקט אַ צווייטן בריוו, אַז רמי פאָרט מיט זיין פרוי העלען קיין ישראל און גראַד ווען זי איז געווען אין זייער פּיינער הויז, איז רמי געווען אין אַ קינאָ מיט העלען.

ווען שרה האָט באַקומען דעם צווייטן בריוו איז זי אומעטיק געוואָרן. הייסט עס אַלץ איז פאַרלאָרן פאַר איר. רמי האָט חתונה געהאַט און פאָרט קיין ישראל.

שרה האָט באַשלאָסן: טאָמער וועט רמי קומען אין קבוץ וועט זי אַוועק פון דאַנעט. זי וועט פאַרלאָזן די געגנט און אַריבער אַרבעטן אין אַ צווייטן שפּיטאָל ערגעץ ווו אין צפון פון לאַנד.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען נאָך אַ בריוו, אַז צפורה האָט רמין שוין נישט געטראָפן, ווייל אַן אָוונט פריער איז רמי אַפּגעפאָרן מיט העלען קיין ישראל.

שרה באַקומענדיק דעם בריוו, האָט זיך געוואָנדן אין דער דירעקציע פון קאַפּלאַן שפּיטאָל וועגן איבערפירן איר אין אַ צווייט אָרט. נאָך לאַנגע אינטערווענצן, איז שרה איבערגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל פון עפולה. קיינער האָט נישט געוווּסט ווו זי איז אַוועק, אויסער דוד. עס האָט נישט געהאָלפן דוד׳ס בעטן זיך, זי זאָל פאַרבלייבן אין קבוץ ביי זיי.

אין עפולה האָט שרה געדונגען אַ צימער פאַר זיך אַליין. עס האָט איר געצויגן צום קיבוץ-לעבן, אָבער איר פּיין האָט איר נישט געגעבן קיין רו. אַ סך אָבער, האָט איר געגעבן די נייע סביבה. שרה פלעגט אָפט אַרומפאָרן אין דער געגנט, באַזוכנדיק דעם עמק. נישט איינמאָל פלעגט זי פאַרברענגען אַליין אויף די גרינע פעלדער און זיך קוויקן מיט דער ריינער, אומשולדיקער נאַטור. פון איר קאָפּ איז נישט אַרויס דער געדאַנק, אַז רמי האָט איר

געקאָנט פאַרבייטן אויף אַ צווייטער. קיינמאָל טאָר מען ניט געטרויען קיין מענער. זיי זענען אלע פאלש. — האָט זי גערעדט צו זיך אליין. דארף מען מער ווי רמי האָט איר פארזיכערט.

וועגן זיין ליבע צו איר, ווי געטריי זי איז אים געווען ווען ער איז שווער פארוואונדעט אין שפיטאָל געלעגן. ווי לייכט איז איר געווען נישט צו שלאָפן טעג און נעכט, נאָר אים צו היטן, ער זאָל געזונט ווערן. ווי שיין און גוט עס איז געווען ווען זיי פלעגן זיצן צוזאמען אויפן בערגל אין נגב און קוקן אויף דער שיינער זון־אונטערגאנג, אויפן האָריזאָנט, הינטער די טויזנט־יאָריקע בערג. פאַר אירע אויגן ציען זיך די שטראַלן וועלכע פלעגן זיך צעברעכן דורך די בערג שפיצן און באַשיינען דעם גאַנצן אַרום. ווי גוט איז עס איר דאַן געווען, ווען רמי האָט איר געהאַלטן אין זיינע אָרעמס און געקושט. און היינט? היינט האָט ער זיך גענומען אַ צווייטער און איר אַזוי אויסגעלאַכט. ערשט איצט דערמאָנט זי זיך די ווערטער, וואָס זי האָט געזאָגט רמי'ן אין יענער נאכט ווען זי איז פארבליבן אין זיין צימער. אז איצט איז זי געוואָרן אין זיינע אויגן ביליקער. אַזוי זיינען זיי אַלע מענער — האָט זי באַדויערט. — קיינמאָל וועל איך זיי מער נישט גלויבן.

רמי גרייט זיך פארן

אין דער לעצטער נאַכט, פאַר זיין אָפּפאָרן, איז די שטוב געווען ווי אַ מארק. שכנים זענען זיך געקומען געזעגענען. יעדעס מאָל האָט מען צוגעפּאַקט נאָך אַ פּעקל. פרוי פיינגאָלד האָט איינגעזען, אז זי וועט שוין גאָרנישט מאַכן מיט איר עקשנות, כאָטש זי האָט געמיינט, אז רמי וועט זיך אין די לעצטע שעה'ן איבערקלערן. זי האָט נישט געטראַכט אז רמי וועט עס טאָן. אָבער ווען זי האָט שוין געזען, אז אלץ גייט צו ערנסט, האָט זי געגעבן איר ברכה. אויך ביי העלען איז דאָס זעלבע געשען. מ'האט איר מיטגעגעבן איר גאַנצער גאַרדעראָבע, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע קאָסטנס זאַכן.

רמי איז שפּעט איינגעשלאָפן, דעריבער איז ער אויך שפּעט אויפגעשטאַנען. ווען זיין מוטער האָט אים אויפגעוועקט, האָט מען שוין געדאַרפט פאָרן צום פּאָרט. זיי האָבן גיך אָפּגעגעסן. העלען איז שוין געווען אַ פאַר־

פוצטע אין רמיס צימער און פון דאנען האבן זיי געדארפט אפפארן צום פארט.

רמי מיטן פאטער זיינען צוגעפארן אין קאנסולאט און העלען איז פארבליבן מיט פרוי פיינגאלד און מיט אירע עלטערן אין שטוב.

גראד אין דער מינוט איז אנגעקומען דער בריוו־טרעגער און גע־בראכט א בריוו.

ווען דער בריוו־טרעגער האט אנגעקלונגען און דערזען פרוי פיינגאלד, האט ער איבערגעגעבן העלען דעם בריוו. העלען האט א קוק געטאן אויפן אדרעס. לויט דער פאסט־מארקע האט זי דערקאנט ישראל. דער אפזענדער איז געווען שרה׳ס.

דאס איז געווען דער בריוו, וועלכער איז געשיקט געווארן מיט דער געוויינלעכער פאסט.

— דאס איז פאר רמין, — האט העלען געזאגט, — איך וועל עס אים איבערגעבן.

— גיב עס מיר, העלען, — איך וועל עס אים שוין איבערגעבן.

— צוואס? איר קאנט נאך פארגעסן, איך וועל עס ארײַנלייגן אין טאש. איצט איז זיין קאפ צעדרייט, ווען מיר וועלן זיצן אויף דער שיף, וועל איך אים איבערגעבן. לאמיר אים מאכן שטימונג אויף דער שיף. ער וועט זיך דערמיט פרייען.

פרוי פיינגאלד האט ניט געוווסט ווי צו האנדלען: צונעמען דעם בריוו, וואלט העלען במילא עס דערציילט רמין און דאס וואלט געבראכט צו א סקאנדאל. איצט האט זי עס געוואלט אויסמיידן. פרוי פיינגאלד האט פארשטאנען, אז איצט מוז זי דערציילן העלען דעם אמת, ווייל אין א חודש ארום וועט זיך במילא אלץ אויפדעקן. דעריבער האט פרוי פיינגאלד אריינ־גערופן העלען אין איר צימער און איר דערקלערט, אז זי האט געפעלשט א בריוו אין שרהס נאמען, אז זי האט דארט חתונה געהאט, און אז זי האט געשריבן, אז רמי האט חתונה געהאט מיט העלען.

— איך האב דאס געמאכט צוליב דיר, טייער קינד, בעט איך דיך, דערצייל עס ניט רמין איצט. דערצייל אים עס אויף דער שיף און זאל ער מיר מוחל זיין. — פרוי פיינגאלד האט געקושט העלען ווי אן אייגן קינד. העלען האט געגעבן אירווארט, אז זי וועט ערשט מארגן דערציילן וועגן בריוו און עס אים איבערגעבן. פון ווייטן האבן זיי געזען זייער מאשין אנקומען אין הויף.

— קיין ווארט וועגן דעם, העלען!

העלען האָט צוגעלייגט איר האַנט צום מויל און לאַכנדיק געוויזן, אַז אַלץ וועט זיין אַ סוד. דעם בריוו האָט זי אַריינגעלייגט אין איר בוזעם.

רמי אַ צופרידענער און פול מיט רייזע־פיבער, האָט געקושט זיין מו־טער און פאָטער. זיך האַרציק צעקושט מיט העלענס עלטערן, אַפילו מיט העלען האָט ער זיך געקושט.

אין משך פון איין שעה איז שוין דער באַגאַזש געווען אויף דער שיף און רמי מיט העלען האָבן פון דעק געפאָכעט מיט טיכלעך צו די עלטערן, וועלכע זיינען געשטאַנען אויפן פלאַטפאָרם פון גרויסן פאָרט. באַלד דריטן סיגנאַל האָט זיך דאָס בריקל פון דער שיף אויפגעהויבן און לאַנגזאַם האָט זיך די שיף גענומען דערווייטערן צו די טיפע וואַסערן, וואָס פירן צום מיטללענדישן ים. וואָס ווייטער זיינען די באַקאַנטע פנימער, אַלץ מער פאַרשוואונדן, און מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער, איז שוין די שיף געשוווּמען מיט איר פולן גאַנג אין דער ריכטונג קיין ישראל, מיטפירנדיק הונדערטער עולים און טוריסטן.

העלען, וועלכע איז דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן געפאָרן אויף אַ שיף, איז אַרומגעלאָפן אין אַלע קאַיוטעס פון שיף. זי איז געשפּרונגען פון ערשטע אין צווייטע און אין דריטער קלאַס. זי האָט זיך געטראָפן מיט יונגע מיידלעך און יינגלעך. זי האָט ניט געוווּסט, אַז אויף אַ שיף טאַנצט מען אַפילו די נייע טוויסט־טענץ. זי האָט ניט געוווּסט, אַז עס געפינען זיך אויף דער שיף שווים־באַסיינען און קינאָ.

אויף דער שיף האָט מען געשפּילט וווּנדערבאַרע ישראל־לידער אין עברית און אין יידיש. העלען האָט עברית ניט געקאָנט אָבער יידיש יאָ. זי האָט עס קיינמאָל ניט באַנוצט אין איר סביבה, אָבער דאָ האָט זי זיך מיט דעם געפרייט. פאַרנאַכט, ווען זי איז געלעגן מיט רמין אויפן דעק אין די ליג־שטולן און געזען פאַר זיך נאָר הימל און וואַסער, האָט העלען צו אים אַ זאָג געטאָן:

— רמי, ווי הערלעך איז די רייזע. ווי לאַנג פאָרט מען אַזוי?

— אַ חודש צייט, טייער קינד. — האָט רמי געענטפערט.

דאָ האָט זיך פּלוצים העלען דערמאָנט אינעם בריוו, וועלכן זי האָט געהאַט אין איר בוזעם.

— רמי, — האָט זי אויסגערופן, — ביי מיר אין בוזעם ליגט פאַר דיר אַ גוטע זאַך, ווילסטו עס אַרויסנעמען?

— העלען, וואָס איז מיט דיר, ווי אַזוי רעדסטו צו מיר? — האָט רמי זיך פאַרשעמט פון נאַיווקייט.

— וואָס איז, באַיוועך בחור. וואָס שרעקסטו זיך אַזוי. איך האָב דאָרט אַ זאַך, וואָס דיך וועט פרייען. — העלען האָט אַריינגעלייגט איר האַנט אין בוזעם און אַרויסגענומען אַ בריוו.

רמי איז געלעגן און ניט פאַרשטאַנען, וואָס העלען טוט. העלען האָט גלייך איבערגעגעבן דעם בריוו רמין און אַ זאָג געטאָן:

— נאַ, לייען!

— אַ בריוו פון שרהן! — האָט ער אַ געשריי געטאָן און אַראָפּגע־שפּרונגען פונעם שטול. — גיך האָט ער געעפנט און צוערשט דורכגעלאָפן מיט זיינע אויגן איבערן געשריבענעם פּאַפּיר.

העלען האָט איר בליק פון אים ניט אַראָפּגענומען.

רמי האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבן לייענען פאַרזיכטיק, און אויסגערופן:

— אָרעמע שרה, ווי דו ליידסט נעבעך! ווער האָט עס דיר געזאָגט, אַז איך האָב חתונה געהאַט, האָסט געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד, איך האָב דיך פאַרביטן! דו ביסט עלנט! אָן טאַטע־מאַמע! פאַרלוירן דיינע עלטערן, פאַרלוירן דיין יוגנט. ניט געצערטלט געוואָרן דורך הענט פון מאַמע־טאַטע, נאָר פון בלוטיקן מבול, וואָס איז אַדורך איבער דער וועלט, — און איצט פאַרלוירן אויך מיך...

רמין האָבן גענומען שטיקן אין האַלדז די טרערן. עס האָט זיך אים געוואָלט וויינען, און ניט געקענט. ער האָט ניט גערעדט און ניט געוויינט, אָבער אַ טרער איז דאָך אַרויס פון זיינע אויגן און זיך אַראָפּגעקייקלט פון זיין פּנים גלייך אויף העלענס האַנט. ער האָט עס ניט געפילט, — העלען יאָ. זי האָט באַלד אַ טראַכט געטאָן: אָט, דאָס הייסט ליבע.

— וואָס שרייבט זי? — האָט העלען געפרעגט, און דערביי פאַר־וואָרפן אירע הענט איבערן קאָפּ פון ליג־שטול.

— נאַ, לייען. — האָט רמי געענטפערט מיט אַ פאַרשטיקט קול. ער האָט איבערגעגעבן העלען דעם בריוו און אַליין אַוועק צום ראַנד פון דער שיף, זיך אָנגעשפּאַרט און געוואָרפן זיינע בליקן צו מזרח, וווהין זיי שווי־מען איצט אויפן וועג קיין ישראל און אַ געדאַנק איז אים אַדורכגעלאָפן אין מוח:

דאָרט, נאָך צענדליקער טויזנטער קילאָמעטער ווייט, געפינט זיך אַ קליין לענדעלע. וואָס איז צוריקגעגעבן געוואָרן דעם יידישן פאָלק. אויפן בערגל אין נגב, זיצט זיך אָן עלנדער קיבוץ פון אַ פּופּציק הייזקעס, ווו יונגע בחו־רים און מיידלעך האָבן פאַרפלאַנצט אַ לעבן פון אייגענער אַרבעט. רירן קיינעם ניט, רויבן קיינעם ניט, נאָר גייען אַרויס פרימאָרגן אין פעלד מיטן

טראַקטאָר און רייסן אַרויס פון דער ערד, עקזיסטענץ פאַר דער צוקונפט פון זייערע קינדער, פאַר דער צוקונפט פון יידישן פאָלק. וואָס וואָלט גע־וואָרן פון אַזעלכע שרהס, ווען זיי וואָלטן ניט געבראַכט געוואָרן אין דער יידישער היים? ווו וואָלטן זיי זיך געפונען? אפשר אין אַ קלויסטער, ווו מ׳וואָלט זיי געלערנט פיינט האָבן דעם יידן, אָדער ביי אַ פויער אין דאָרף וואָלט זי געפּאַשעט חזירים און פאַרבראַכט מיט די שקצים אין דאָרף. אָבער איצט, האָט זיי דאָס לאַנד אויפגעקליבן פון דער גאָרער וועלט. פאַרבונדן זיי אין אַ קאָלעקטיוו און אַ דאַנק די דאָזיקע מענטשן גייט אויף אַ ניי לעבן, אַ נייע וועלט, אפשר אַן אַרט פאַר די, וועלכע וועלן דורכמאַכן ער־געץ־ווו אַנדערש אָט דאָס, וואָס שרה האָט דורכגעמאַכט.

רמי ווייסט ניט פונוואַנען ער איז געוואָרן דורכגענומען מיט אַזאַ גע־פיל. ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין ציוניסט, און דאָך ליב באַקומען, אַליין, אַן קיינעמס דערציאונג, דאָס יידישע לאַנד מיטן יידישן פאָלק. און צווישן זיי אַלע געפינט זיך איין מענטש, איינער וואָס ברענגט אַריין אַזוי פיל גליק אינעם לעבן פון מענטש. שרה האָט זיכער ניט חתונה געהאַט — האָט ער זיך איצט איינגערעדט, און געגלויבט אין דעם. נאָך דרייסיק טעג און ער וועט זיין דאָרט, אויפן בערגל אין נגב, ווידער וועט ער הערן איר זאַפטיק קלינגענדיקער שטים. ווידער וועט ער איר האַלטן אין זיינע אָרעמס. אָבער דאָס מאָל ניט אַלס געליבטע, נאָר אַלס זיין פרוי. איצט וועט ער פאַרבינדן זיין לעבן אויף אייביק מיט איר, ביז דער טויט וועט זיין צע־שיידן — האָט ער געטראַכט.

העלען האָט געלייענט דעם בריוו און גוט פאַרשטאַנען שרהן, זי האָט מיטגעפילט אירע ליידן. ניט געקוקט, וואָס איר ליבע צו רמין איז אַן אויבערפלעכלעכע, אַ צוגעוווינטע פון דער נאָענטקייט, אָבער ניט קיין אינערלעך טיפע — און דאָך האָט זי אַ ביסל געליטן. זי האָט געזען, ווי רמי שטייט ביים ראַנד פון דער שיף און קוקט ווייט אַהין, ווו די זון גייט אויף, מיט אַ בליק ווי אויפן בילד פון ד״ר הערצל, וואָס הענגט ביי זיי אין שטוב. העלען האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן פון שטול. אירע ווייסע הויזן מיט דער ווייסער בלוזע, וואָס זי האָט איצט געטראָגן, האָבן איר צוגעגעבן אַזוי פיל חן, אַז די שיף אָפיצירן זיינען דערפאַר געווען אין איר געזעלשאַפט. איצט איז העלען צוגעגאַנגען צו רמין, מיט איר האַנט ארומגענומען זיין האַלדז און צו אים גערעדט:

— אַרעמער רמי, ס׳איז דיר איצט שווער. אָבער עס וועט אַדורך. אויך דאָס איז אינטערעסאַנט אין לעבן. דאָס גיט שפּאַנונג, דאָס גיט האָפענונג.

ווי גליקלעך איז דער מענטש, וואָס האָפּט. וויפל איז דיר בעסער ווי מיר, רמי, אַט פאַר איך קיין ישראל, גלויב מיר, אַז איך ווייס אַפילו ניט צוליב וואָס איך פאָר. וועל איך דען קענען זיך איינשפּאַנען אין קיבוץ־לעבן? אָבער דאָך איז ביי מיר אַן איבערלעבעניש. איך פיל אַ בלויז אין מיין לעבן. ס׳איז מיר שוין מיאוס געוואָרן דער טוויסט מיטן ראָק־ענד־ראָל, מיין קאַדילאַק מיטן עפּל־קוכן.

רמי האָט זיך אויסגעדרייט צו העלען מיטן פּנים, ער האָט איר אַריינגעקוקט אין אירע אויגן, און אַזוי געקוקט אָן אויפהער.

— טייערע העלען, — האָט ער אויסגערופן. — איך האָב דיך ליב מיטן גאַנצן האַרצן. דו ביסט מיר אַזוי נאָענט, גלייך דו וואָלסט מיר געווען אַ שוועסטער. איך זע אין דיר אַ גוטן פריינד. איך שווער דיר צו פאַרבלייבן אַן אייביקער פריינד. אַז איך וועל בויען מיין היים, וועט עס אויך זיין דיין היים. אַ סך האָסטו מיטגעהאָלפן צו מיין איצטיקער רייזע. ווער ווייסט, ווי אַלץ וואָלט זיך אויסגעדרייט, ווען ניט דו. — האָט ער זי געקושט און געדריקט צו זיך. — איך וואָלט דיך געוואָלט זען אַ גליקלעכע, אַ צופרידענע. פאַר דיר פּאַסט זייער דוד. ער איז אַ זעלטן ריינער און שיינער בחור. ער האָט אַ טייערע נשמה, גוטן כאַראַקטער — איך וועל זיין דער שדכן...

— איך וואָלט אים געוואָלט זען. וועט ער מיר געפעלן? — האָט העלען אַ פאַרשעמטע געפרעגט.

— אַז רמי זאָגט יאָ, קאָנסטו אים גלויבן. איך קען דיך און קען אויך אים. איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען קיין אויפגערעגטן. יעדן סכסוך, וואָס טרעפט אין דער סביבה, גלייכט ער אויס. סיי צווישן די יידן אַליין און אויך סיי מיט די אַראַבער.

— און וואָס זאָגסטו אויפן בריוו, העלען?

— דער בריוו האָט געמאַכט אויף מיר אַ פיינלעכן איינדרוק. איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז עס איז פאַראַן אַזוי פיל ליבע ביי אַ מיידל.

— ביי דיר אפשר ניט, העלען. ווייל דו האָסט זיך געבאָדן אין מילך, און שרה — אין פיין און אין נויט. דיך האָט אַ מאַמע געצערטלט, און איר בייזע ווינטן. ביי דיין וויגל, וואָס איז געשטאַנען אין דעם רייכן און זאַטן ניו־יאָרק, האָט אַ מאַמע געוואַכט און געזונגען דיר וויג־לידעלעך, ביי איר וויגל האָבן געפייפט די באָמבן־אויפרייסן און טרערן זיינען גערונען פון איר מוטערס אויגן. ווען די זון האָט געגומען שיינען, האָט דיך דיין מאַמע מיט דער מילך פון איר ברוסט געקאָרמעט. ווען די זעלבע זון האָט פאַר

איר אַ שיין געטאָן, — איז עס געווען אַ רויטע זון. דאָרט ווו זי האָט געטאָגט האָט זי ניט גענעכטיקט. ווי אַ וואָלקן אין אַ שטורעם־ווינט, אַזוי איז שרה געווען אויף דער ערד. — אָט פּאַרוואָס איר קומט גליק. און דאָך איז זי זיך אויסגעוואַקסן צאַרט, פיין. ביידע האָבן מיר איר ליב: סיי איך און סיי דוד. דוד האָט איר געזאָגט, זי זאָל אויסווײלן דעם, צו וועמען עס פּילט נענטער איר האַרץ. ווען זי האָט אים געזאָגט, אַז זי קלייבט אויס מיך, האָט ער איר גליק געווונטשן... אויך מיט מיר האָט ער וועגן זעלבן גע־רעדט. ער האָט מיר געווונטשן גליק און געזאָגט, אַז לויט זיין מיינונג, וועט שרה זיין אַ זעלטן אידעאַלע פרוי און חבר אין לעבן.

— אָבער איין זאַך פאַרשטיי איך ניט. זי האָט דאָך געשריבן, אַז זי איז אַריין אין אַ צימער מיט דודן. טאָ פּאַרוואָס אַזאַ בריוו איצט, אַז זי וועט קיינמאָל ניט חתונה האָבן. וואָס איז געשען? האָבן זיי זיך צעשיידט?

— דאָ איז עפּעס אַ פּלאָנטער געשען, העלען.

— יאָ, רמי, דאָ איז געשען אַ פּלאָנטער. כדי דיר ניט צו פּייניקן, וועל איך דיר דערציילן אַ סוד, וואָס דיין מוטער האָט עס מיר נעכטן דערציילט: מ׳האָט שרהן געשריבן, אַז דו האָסט מיט מיר חתונה געהאַט און דיר האָט מען פון ישראל געשריבן, אַז זי איז אַריין מיט דודן אין אַ צימער. ביידע זאַכן זיינען ניט קיין ריכטיקע. שרה האָט ניט געוואָלט אויף דיר גלויבן, אַז דו וועסט איר פאַראַטן. זי האָט צו דיר געשריבן אַ סך בריוו און דו האָסט זיי ניט דערהאַלטן. — אַזוי האָט מען געוואָלט אייך ביידן צעשיידן.

— העלען! — האָט רמי אַ כאַפּ געטאָן איר האַנט. — און וואָס איז איצט?

— גאָרניט, רמי. שרה איז אין קיבוץ און זי אַרבעט אין קאַפּלאַן־שפּיטאָל אין רחובות. דודן האָט זי קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון הייראַט. זי איז לעצטנס געווען אויף אַ באַזוך אין קיבוץ און זיך דאָרט געטראָפן מיט אים, אָבער צווישן זיי האָט גאָרניט פּאַסירט.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ?

— ווייל צפורה איז נעכטן געווען ביי דיין מוטער און אַלץ דערציילט, און דיין מוטער האָט מיר וועגן דעם אַלעם איבערגעגעבן.

— וואָס נאָך האָט צפורה געזאָגט? — האָט רמי אַ פרעג געטאָן, פאַרגעסנדיק בכלל, וואָס העלען האָט דערציילט וועגן די בריוו, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן צו ביידן.

העלען, וועלנדיק שאַפן אַ גוטע שטימונג ביי רמין, האָט געזאָגט, אַז צפורה רעדט וועגן רמין ווי וועגן אַ גאָט און אַז רמי איז זייער באַליבט

אין קיבוץ. און אַז זינט רמי איז אַוועקגעפאָרן געפינט שרה ניט קיין רו סיי אין די טעג און סיי אין די נעכט. די קליינע שרה בענקט אָן אויפהער און זי גייט אַרום ווי צעטומלט.

— אָרעמע קליינע, ווי זי ליידט עס צוליב מיר. אָ, ווי איך וואָלט שוין געוואָלט איר זען. עס פאַרדריסט מיר שוין, וואָס מיר פאָרן מיט דער שיף. מיר האָבן באַדאַרפט בעסער פליען. וואָלטן מיר שוין לאַנג געווען אינדער־היים. מיר האָבן נאָך אַזוי פיל צייט צו פטרן. אָ, העלען, העלען, ווי שווער עס איז צו זיין פאַרליבט און וואַרטן אויף דער געליבטער. זאָג מיר, ווי אַזוי האַלטן אויס פאַרלעך, וועלכע צעשיידן זיך אויף אַ לאַנגער צייט.

— און ווי האַלטן אויס די, וועמען דער גורל צעשיידט ? — האָט העלען אַ פרעג געטאָן.

— זאָגט זיך עס טאָקע, אַז אַ מענטש איז אָפט שטאַרקער פון אייזן און אָפט שוואַכער ווי אַ פליג און דיכטער זינגען, אַז דאָס שענסטע פון לעבן זיינען די דאָזיקע דערוואַרטנדיקע מאָמענטן.

— רמי ! — האָט העלען זיך אָפּגערופן. מיר דוכט, אַז איך וואָלט אַזוי משוגע ניט געווען ווי דו. ליבע, זאָגט מען, איז אַ געוווינהייט, אַזוי ווי מען קאָן זיך פאַרליבן אין איינער, קאָן מען דאָך אויך זיך פאַרליבן אין אַ צווייטער. מען דאַרף ניט נעמען אַלץ אַזוי טראַגיש. איך מיין, אַז שרהס זיינען דאָ אַ סך. אָט האָב איך געלייענט וועגן ראָמעאָ און יוליע. אויך אַ שטאַרקע ליבע. מען קאָן טרעפן אין לעבן אַ סך, אַ סך מיט די זעלבע אייגנשאַפטן.

— יאָ, ריכטיק. עס זיינען דאָ אַ סך אַזעלכע ווי מיר, אָבער, ליבן קען מען נאָר איינמאָל אין לעבן. אַ האַרץ פאַרמאָגט ניט אַזויפיל געפילן. און די דאָזיקע הערצער ווערן צוגעבונדן צו זיך אויף אייביק.

— אָבער איך פיל עס אַנדערש, רמי, מיר דוכט, אַז דאָס אַלץ איז ניט מער, ווי פאַנטאַזיע. עס דוכט זיך, אַז נאָר די איז די איינציקע אין דער וועלט. פאַרוואָס קאָן ניט אַ צווייטע זיין ווי די ערשטע ?

— ווייל זי הייסט צווייטע. — רמי האָט גענומען שרהס בריוו און ווי־דער געלייענט.

דוד אין אויסלאנד

שרהס פארלאזן דעם קיבוץ האט דודן שטארק געטראפן. פאר דודן איז געגנוג געווען ווען ער האט געוווסט, אז שרה געפינט זיך נעבן אים. ער פלעגט איר טרעפן אין גרויסן עס־זאל. אין קינדער־היים. אויף א מסי־בה. אדער סתם אמאל פלעגט ער דורך זיין סעקרעטאר־צימער, באמערקן דורכן פענצטער איר פארבייגיין. דאס האט געהיילט זיין געמיט. און ווען זי איז געווען אין קאפלאן־שפיטאל אין רחובות, האט ער געוווסט, אז איר צימער איז פריי און א ליאדע מינוט קאן זי אנקומען אהער, האט זיך אים פארבענקט, איז ער צוגעפארן אין שפיטאל און ס'איז אים גענוג געווען ווען ער האט איר פונדערווייטנס געזען אדורכשוועבן אין ווייסן פארטוך מיט דער ווייסער קאפ־דעקונג, אויף וועלכן ס'איז געווען אויסגענייט דער רויטער מגן־דוד. אבער איצט? ניט געקוקט, וואס עפולה קאן ער דער־גרייכן אין משך פון אנדערהאלבן שעה, איז עס אים אויסגעקומען, ווי שרה וואלט פון אים פארשווונדן געווארן אויף אייביק. אן אינערלעכע בענק־שאפט האט געפרעסט זיין הארץ און זיינע געפילן, פארוואס פארשטייט זי מיר ניט? פלעגט ער רעדן צו זיך. רמי, האט חתונה געהאט, פון אים קאן זי דאך שוין מער ניט טראכטן און גליק אין איר לעבן קאן זי נאר באקו־מען פון מיר. אבער די דאזיקע געדאנקען האבן זיך נאר געפלאנטערט אין זיין מוח דאן, ווען שרה פלעגט אין איר נייעם ווין־ארט פארברענגען ביי דער ארבעט און נאך דער ארבעט — אויף דער פרייער נאטור — דוד פלעגט פון צייט צו צייט באקומען א גרוס פון שרהן, אבער דאס איז געווען א מין דערמאנונג צו נייעם פיין. דוד האט דעריבער באשלאסן ארויספארן א ביסל אין אויסלאנד. דער קיבוץ האט אינטערעסן אין פראנקרייך, מען דארף זיי דערליידיקן. אויך די סוכנות האט געוויסע פארלאנגען. לאנג האט די פרא־צעדור ניט געדויערט און דוד איז אפגעפלויגן נאך פאריז. אפילו אין ערא־פלאן, ווען דוד איז געזעסן און געקוקט דורכן פענצטער ארויס, האט זיך אים געפלאנטערט אין קאפ שרה. ניט איינמאל האט מען אים ווי אויפ־געוועקט פון שלאף. ניט געקוקט, וואס עס זיינען געווען וווּנדערבארע שיינע מיידלעך, האבן זיי אים ניט געצויגן. נאך זעקס שעה פליען איז דוד אנגעקומען אין דער פראנצויזישער הויפטשטאט. די רעשדיקע באוועגונג פון פאריז האט אפגעלענקט זיינע חלומות. דוד איז אריינגעפארן אין א קליינעם און באשיידענעם האטעל, ווו עס פלעגן איינשטיין אויך אנ־דערע קיבוץ־פארשטייער.

דער דאָזיקער האָטעל איז באַקאַנט געוועזן די ישראַלדיקע באַזוכער אין פּאַריז. דוד האָט זיך אויף גיך איבערגעטאָן, זיך געבאָדן און אין יש־ראלדיקע קליידונג, מיט אַן אָפענע בלוזע, איז ער אַרויס שפּאַצירן. עס האָט זיך אים פאַרוואָלט באַזוכן דעם ישראל־קאָנסולאַט. אַריינקומענדיק אַהין, האָט ער געטראָפן אַ סך פון זיינע באַקאַנטע ישראלדיקע בחורים און מיידלעך. דוד האָט זיך געפילט אין דער נייער סביבה אַזוי, ווי ער וואָלט זיך געפונען אין שטוב. ער האָט געהערט פון פּאַריז נאָך אין די טעג פון נאָך דער מלחמה ווען טויזנטער יידישע בחורים און מיידלעך האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אַפּצוגעפינען אונזערע רעשטלעך פאַרבליבענע ביים לעבן נאָך דעם בלוטיקן מבול, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די אייראָפּע־אישע יידן.. פאַריז האָט טאַקע באַרויקט דודן פון זיינע חלומות. שיינע פּאַ־ריזאַנקעס האָבן אים געדופן צו זיך. אים האָט אָבער געעקלט אָט די פאַר־קויפטע ליבע פון דעם שיינעם מין. ניט געקוקט, וואָס ניט איינמאָל האָט זיך אים פאַרוואָלט זיך געפינען אין אַ קרייז פון אָט די, וועלכע פאַרקויפן ליבע און פאַרווײַלונג פאַר געלט.

ווי אַנדערש איז זיין באַציאונג צו שרהן — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — און ווי אַנדערש פירט זיך אויף דאָס יידישע קינד אונטער די ישראל־הימלען. דוד פלעגט אָפט שפּאַצירן איבער די פּאַריזער בולוואַרן און לעשן זיינע מחשבות. דערווייל האָט דוד באַקומען אַן אויפפאָדערונג פון זיינע פּאַרטיי־פירער, אַז ער זאָל זיך ווידמען אויפצונעמען עולים, וועלכע געפי־נען זיך אין פראַנקרייך און דאַרפן אָפּגעשיקט ווערן קיין ישראל. צו דעם צוועק פאָרט דוד קיין מאַרסיי. די ענינים פון זיין קיבוץ זיינען שוין גע־וואָרן דערליידיקט און עס איז שוין באַלד געקומען די צייט פון זיין פאָרן צוריק.

דוד, געטריי זיין באַוועגונג „השומר הצעיר", פירט אויס די אים אַרויפ־געוואָרפענע אַרבעט און ער פאַרבלייבט אין דער פּאָרט־שטאָט. ער סעלעק־טירט די עולים. פרוווט באַווירקן אויף געוויסע יוגנטלעכע, זיי זאָלן פאָרן גלייך אין די קיבוצים. אַ סך מאָל געלינגט אים, טאַקע אַ סך צוליב זיין מענטשלעכע באַציאונג און מענטשלעכע שפּראַך, וועלכע ווערט גלייך דער־קענט דורכן בעסטן עלעמענט אין דער סעלעקציע.

קיין מאַרסיי קומט אויך אָן די שיף „ירושלים" פון ניו־יאָרק, וועלכע בלייבט שטיין צוויי טעג, כדי מיטצונעמען נייע עולים. אויף דער דאָזיקער שיף פאָרט אויך רמי מיט העלען.

* * *

זינט רמי מיט העלען האָבן פאַרלאָזט ניו־יאָרק, קאָן זיך פרוי פײַנ־גאָלד ניט געפינען קיין אָרט. איר בענקשאַפט צו איר איינציקן זון האָט איר ניט געגעבן קיין רו. ניט נאָר די בענקעניש נאָר איר האָט געשראָקן דער געדאַנק, אַז אָט אָט און רמי וועט זיך טרעפן מיט שרהן. זיי וועלן זיך אויפרעדן. זי וועט אים ווייזן די בריוו, וואָס זי האָט באַקומען פון שטוב. ער וועט דערזען, וואָס זיין מוטער האָט געטאָן, דאָס וועט אים פייניקן און א שנאה וועט זיך ארײַנגנבענען אין זיין הארץ צו זיין מאַמען, וועלכע האָט אפשר גוט געמיינט, אָבער מיט דעם צעבראָכן זיינע געפילן און זיין גליק. אָט די דאָזיקע געדאַנקען האָבן איר ניט צורו געלאָזט. ניט אייגמאָל איז זי געזעסן מיט העלענס מוטער און גערעדט ווי פאַרגלייכט מען צוריק דעם קרומען וועג, וואָס זי האָט אויפגעשטעלט. ניט איינמאָל האָט איר פאַרדראָסן, פאַרוואָס זי האָט דאָס געטאָן. אָבער העלענס מוטער האָט איר געטרייסט, אַז רמי איז אַ גוטער זון און וועט איר מוחל זיין.

— ניין! — האָט פרוי פיינגאָלד זיך אָפגערופן. — רמי וועט מיר ניט מוחל זיין. ווייל צופיל האָב איך אים שלעכטס געטאָן. מיינע געפילן זיינען פאַרדאָרבן — האָט זי גערעדט מיט האַרץ. — אָמעריקע! אָמעריקע רייסט אַרויס יעדן געפיל פון ליבע און מענטשלעכקייט. דער דאָלאַר, אָ, דער דאָלאַר. די שיינע מעבל, די בריליאַנטן. דאָס צעבערעכט אַ לעבן. דאָס צע־ברעכט אַ פאָלק. וואָס טוט מען? — האָט פרוי פיינגאָלד ניט געפונען קיין עצה.

— לאָמיר עס דערציילן די מענער, — האָט העלענס מוטער אויסגעע־רופן ביי אַ שמועס — זאָלן זיי וויסן כאָטש דורך אונז, וואָס דאָ איז פאַר־געקומען. ווייל אויב רמי וועט שרייבן אַהיים וועגן דעם, וועט מיסטער פיינגאָלד זיין אין כעס. לאָמיר זיי דערציילן און זוכן אַן אויסוועג.

אין איינעם אַן אָוונט, האָט טאַקע פרוי פיינגאָלד דערציילט ביי אַ גלאָז קאַפע, דאָס וואָס ביידע פרויען האָבן אָפגעטאָן, כדי צונויפצופירן זייערע קינדער צו אַ משפחה־פאַראייניקונג.

די מענער האָבן זיך ניט איבערגענומען נאָר געלאַכט, וואָס פרויען קאָנען פאַרקאָכן ווען זיי אַליין באַשליסן עפעס וואָס צו טאָן. זיי זיינען געקומען צו אַן אויספיר, אַז איצט לאָזט זיך גאָרניט מאַכן. ווייל נאָך אַ וואָך און רמי וועט זיך טרעפן מיט זיינע חברים און חברטעס, וואָס עס וועט זיין מיט העלען וועט מען דאַן זען. האָט שרה חתונה געהאַט מיט דודן, וועט

רמי זיכער חתונה האָבן מיט העלען און אָדער זיי וועלן בלייבן אין קיבוץ און וועט ניט ? וועלן מיר זיי איינאָרדענען — האָט מיסטער פיינגאָלד גע־לאַכט. דאָס האָט באַרואיקט די פרויען. און זיי וואָלטן באַלד פאַרגעסן פון דעם ענין ווען עס וואָלט צו זיי ניט געקומען צפורה און דערציילט, אַז שרה האָט ניט חתונה געהאַט נאָר האָט פאַרלאָזן דעם קיבוץ ווייסנדיק, אַז רמי קומט, זי וויל אים ניט זען. דאָס האָט די פרויען זייער געפרייט און זיינען געוועזן זיכער אין זייער זיג.

ביידע מענער האָבן אָבער אַנדערש געטראַכט. דער ענין איז ניט גלאַט האָבן זיי גערעדט איינע צו די אַנדערע. די זאַך קאָן זייער שלעכט ווירקן אויף רמין און ער קאָן איינגאַנצן ברוגז ווערן אויף דער מאַמען אָדער דאָס קאָן אים ברענגען צו שלעכטע מחשבות. גראָד איצט איז גוט, וואָס העלען געפינט זיך נעבן אים און זי וועט צעשטרייען מיט איר פריילעכקייט און האַרציקייט זיינע מחשבות. מיר מוזן עפּעס טאָן פאַר זיי — האָבן ביידע מענער געראַדט אויפן סוחרישן שטייגער.

— איר ווייסט, וואָס איך וואָלט אייך פאָרגעלייגט ? — האָט זיך אָפּגערופן מיסטער פיינגאָלד.

— איך וואָלט פאָרגעלייגט מיר זאָלן צופאָרן צוזאַמען קיין ישראל. אפשר וועלן מיר קאָנען אינוועסטירן קאַפּיטאַלן און עפּעס בויען. וועט עס זיין פאַר אונז אָדער פאַר זיי. איך ווייס, וואָס עס קאָן זיך מאַכן היינטיקע צייטן ? אונזער תורה זאָגט, אַז אויב דו האָסט אַ סך געלט, אינוועסטיר עס אין אַ סך געשעפטן. טאָמער וועסטו איינע פאַרלירן, זאָל דיר דאָס צווייטע געבן קיום. פאַרוואָס דאַרפן מיר האַלטן אונזער געלט אין איין געשעפט. דערציילן דאָך די סוחרים, וואָס ס'איז געוועזן אין יאָר 1929, וועלכע זיינען דורך נאַכט געבליבן אָן ברויט.

— איך האָב ניט דאַקעגן — האָט העלענס פאָטער זיך אָפּגערופן. — מיר האָבן צוזאַמען באַגליקט, האָף איך, אַז מיר וועלן צוזאַמען ווייטער באַגליקן. בפרט, אַז איר רעדט זייער לאָגיש. איר ווייסט דאָך, אַז לאָגישע זאַכן נעם איך אָן מיט פרייד.

— איז אָפּגערעדט, — האָט ה' פיינגאָלד אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו זיין שותף.

ביידע מענער האָבן זיך געגעבן די הענט אַלס צייכן פון אייניקייט און האָבן עס דערציילט די פרויען.

— דאָס וועט ניט געשען ! — האָט פרוי פיינגאָלד אויסגעשריען. — איר ווילט פאָרן ? איז אָן מיר. איך הער, וואָס צוריקגעקומענע דערציילן,

אַז ביי אינוועסטיציע נעמט צו די רעגירונג דאָס געלט מיטן געשעפט צוזאַמען.

— דאָס איז געווען אַמאָל — האָט פיינגאָלד זיך אָפגערופן — ווען די רעגירונג האָט געוואָלט צו אַלעמען ווערן שותפים. ווער עס איז נאָר געקומען עפּעס דאָרטן טאָן, האָט די רעגירונג געוואָלט זיין שותף אויף 51 %. איך ווייס ניט פון וואַנען האָבן זיי אַזויפיל געלט, אַז צו אַלע געשעפטן ווילן זיי צושטיין. זיי האָבן גאָרניט קיין גרענעץ. היינט איז עס אַנדערש. צווייטנס : אונזער פאָרן אַהין הייסט נאָך ניט אינוועסטירן. מיר וועלן זיך אַרומקוקן און זען.

עס האָבן ניט געהאָלפן די רייד פוןביידע שותפים. פרוי פיינגאָלד האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז פאָרן וועט זי ניט, פאַר קיין פּרייז אין דער וועלט. אָבער דאָס לעבן האָט זיך זיין וועג און אונטער די רעדער פון דער צייט, ווערן צעריבן די שענסטע חלומות. עס צעברעכט פאַנטאַזיעס און עס פאַרמירט און געשטאַלטיקט אַ לעבן, וואָס קיינער האָט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז צו וואָס עס קאָן דערגאַנגען ווערן. אויך פרוי פיינגאָלד איז אַריינגענומען געוואָרן אין קלעם פון גורל, וועלכן מיר וועלן דערציילן שפּעטער.

* * *

— רמי, — האָט העלען ווייטער גערעדט. — מיר קאָנען זיך פון קינדוויז אָן. מיר זיינען צוזאַמען אין דער שול געגאַנגען, און איין געזעלשאַפט פאַרבראַכט. די זעלבע חברים און חברטעס געהאַט. טאָ פאַרוואָס זיינען מיר אויסגעוואַקסן גאַנץ באַזונדערע מענטשן, מיט אַנדערע כאַראַקטערן. וואָס איז דערביי ?

— ווייל קינדער־יאָרן זיינען דאָס זעלבע. ביז מיר קומען אין אַ געוויסן עלטער ווען איינער הויבט זיך אָן שעמען פאַרן צווייטן, ביז דער מאַן הויבט אָן פילן זיך אַלס מאַן. און זינט דער צייט הויבן זיך אָן וועבן געדאַנקען, וועלכע צעשיידן אַ סביבה און עס פאַרמירן זיך פערזענלעכע אינטערעסן און קומען אין אויסדרוק פון ליבע. אויפן מאַן ווירקט עס אַנדערש ווי אויף דער פרוי. דאָס מיידל זוכט אַ שוץ. זי זוכט צערטלעכקייט, וועלכע זי פאַרלירט עס ביי דער מוטער און אירע גלידער פיבערן נאָך מוטער־געפילן, אַזוי איז איינגעשטעלט אין דער נאַטור. און די דאָזיקע געפילן געפינט דאָס מיידל אין איר סביבה פון חברים. זי ווערט ווי צוגע־

בונדן צו אירע נאָענטסטע און איז גרייט תחונה צו האָבן מיט דעם, מיט וועלכן זי פאַרקערט אין קרייז. דער מאַן איז אַנדערש. צו נאָענט איז אים דאָס מיידל פון זיין סביבה און ער זוכט עפּעס אַנדערש, אומבאַקאַנטס. דאָס פאַרדעקטע און פאַרשטעלטע רייצט זיינע פאַנטאַזיעס און דאָס טרעפט ער נאָר אין אַ סביבה, וואָס איז פאַר אים געווען פרעמד. די נאַטור האָט דעם מאַן געגעבן אין זיין משפחה לעבן שפּעטער איבערצוואַרפן זיין ליבע פון דער פרוי צו זיינע קינדער. אמת, די ליבע צו זיין פרוי גייט ניט אַוועק. זי ווערט איבערגעאַנדערשט אין אַ ליבע פון משפחה לעבן. און דאָס בינדט שפּעטער דעם לעבנס־בונד. עס בינדט אָפט שוואַך. אָבער עס בינדט. צוזאַמען זיינען די גרויסע פאַראַטן פון מאַן צו פרוי און פון פרוי צו מאַן, דערפאַר איז אונזער לעבן אַזוי לויז. אין די ראַפּאַרטן פון קינזי ווערט איבערגעגעבן, אַז 80 % פרויען און 95 % מענער האָבן צו טאָן מיט „לינקע" ליבעס און דאָס איז אַ רעזולטאַט פון פאַרשווונדענע אייביקע ליבע. די מענטשהייט זוכט זיך צו באַנייען אין די דאָזיקע אַנגעלעגנהייטן. דאָס איז אַ פּראָצעס אַן אומפאַרמיידלעכער און ער גייט אַן טויזנטער יאָרן. דאָס איז אויך אין שייכות מיט אונז, העלען! איך האָב דיך ליב מיט מיין גאַנצער נשמה, אָבער ניט אַלס פרוי און מאַן. נאָר ווי אַ חבר און חברטע. איך וועל אַלץ טאָן פאַר דיר, ממש שטעלן דאָס לעבן אין קאָן, אָבער אַלס אַזאַ ווי איך האָב דיר איצט געשילדערט. דאַקעגן צו שרהן פיל איך אַ צווייטע ליבע. איר אַנוועזנהייט מאַכט מיך פילן מיט ציטער. איר קוש איז פאַר אַן איבער־לעבונג. איר אומאַרמונג איז פאַר מיר גן־עדן. דאָס, וואָס מענטשן רעדן וועגן גן־עדן און גהינום, האָבן זיי געמוזט מיינען די דאָזיקע צוויי אַרט פרויען... — האָט רמי געלאַכט און אַרומגענומען העלען.

דאָס איז פאַר מיר ניי — האָט העלען געזאָגט. — איך וואָלט עס געוואָלט פילן.

— אין האָב אַן איינדרוק, העלען, אַז ווען דו וועסט דערזען דודן אין קיבוץ, וועט אַ ציטער אַדורכגיין אין אַלע דיינע גלידער און אויף מיר וועסטו קוקן אַזוי, ווי אויף אַ ברודער, זע ווי שוועסטער און ברודער, ניט געקוקט, וואָס זיי זיינען צוויי געשלעכטער האָבן ניט קיין צוציאונג איינער צום צווייטן

— אַזוי שיין איז ער? — האָט העלען געפרעגט. — דו פאַרכשופסט מיך מיט זיין געשטאַלט. איך הויב אָן שוין אים זען אין אַזאַ ליכט. און טאָמער וועל איך אים ניט געפעלן?

— וועסט אים געפעלן, ווייל איך ווייס זיין טעם. דו ביסט וואונדער־

באַר שיין, שלאַנק, לעבעדיק, פֿאַרמאָגסט אַלע מעלות פֿון אַ ליבער מיידל פֿאַר וועלכער מען גייט אַפֿילו אין פֿייער.

— ווו קאָן מען אים שוין זען? — האָט העלען זיך געטוליעט אין רמין.

— נאָך פֿיר טעג. מיר קומען היינט אין פֿראַנקרייך און פֿינף פֿאַר־נאַכט שווימען מיר אָפּ קיין ישראל. פֿיר טעג פֿאָרט מען מיט דער שיף און דאַן פֿון חיפֿה אין קיבוץ דריי שעה און נאַר ער קאָן אויפֿנעמען נייע חברים.

— ווי איז דאָס לעבן אין קיבוץ? רמי! קומען דאָרט פֿאַר נשפֿים? טאַנצט מען די מאָדערנע טענץ? איז דאָ קינאָ, טעאַטער, אָדער אַנדערע פֿאַרוויילונגען? ווי ווייט איך בין עס פֿון וויסן, וואָס עס גייט פֿאָר אין ישראל, ווי עס לעבן דאָרט די יידן. ווי עס לעבט די יוגנט. פֿאַרוואָס האָבן מיר ניט באַקומען עפּעס אַ באַגריף דערפֿון?

— ווייל די אַמעריקאַנער יוגנט איז אריינגעטאָן אין אַמעריקאַנער לעבן. די געוואַלדיקע רייכע אַמעריקאַנער קולטור מיט אַלע אירע באַ־גלייט־דערשיינונגען, נעמען צו פֿון דער יוגנט יעדן ערנסטן געפֿיל פֿאַר סענטימענטן און פֿאַרווישט פֿאָלקס־שטרעמונגען. יחידים נאָר ווערן אַריינ־געצויגן אין יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ווערן דאָרט דערצויגן אַזוי, אַז זיי זאָלן באַקומען אַ באַגריף וועגן דעם, וואָס עס קומט פֿאָר אין זייער פֿאָלק. דאָס איז אויך אַ רעזולטאַט פֿון זייערע היימען, אָדער סביבה. איך בין געקומען צו דעם, וואָס איך האָב ליב באַקומען מיין פֿאָלק אַ דאַנק אַ צופֿאַל: איך האָב צוגעהערט אַ געשפּרעך צווישן אַ שליח פֿון ישראל, וועלכער האָט גערעדט מיט פֿאָטער וועגן שטיצע, וועגן אויסקויפֿן באָדן, וועגן באַזעצן יוגנט אויף לאַנדווירטשאַפֿט. איך וועל יענעם מאָמענט ניט פֿאַרגעסן, ווען אין מיר האָט אַ פֿלייץ געטאָן ליבע צו אַזאַ אָרט לעבן. יידן זאָלן אַרבעטן אויף באָדן, זייען, פֿלאַנצן, שניידן און געניסן פֿון זייער אייגענער באַאַרבעטונג. איך האָב זיך שוין געזען אַלס איינער פֿון די, וועל־כע אַקערן, זייען און שניידן. אין אַ תּפֿילה האָב איך אַנגעמערקט אַ זאָץ, ווו עס זאָגט זיך: „די, וועלכע זייען מיט שווייס, וועלן שניידן מיט גע־זאַנג". און אָט צו דעם ציט מיין האַרץ אָן אַ גרענעץ. האָב איך באַשלאָסן פֿאָרן אַהין, אַ קוק טאָן כאָטש ווי דאָס אַלץ זעט אויס און דאָס לאַנד האָט מיך פֿאַרכאַפּט. ניט נאָר דאָס לאַנד. נאָר די סביבה, די חברים, איך האָב אין דעם „השומר הצעיר" קיבוץ געטראָפֿן אַ פּראַכטפֿולע יוגנט. דאָס גלייכן די עלטערע. איך האָב באַשלאָסן זיך אַנשליסן אין זיי. דאָרט האָב איך אויך געטראָפֿן שרהן. אַן עלנטע, אַ געליטענע און אפֿשר דערפֿאַר — אויך מיט

אַ גאָלדן האַרץ. אַ, ווי איך וויל איר זען. — האָט רמי אויסגערופן מיט באַ־גייסטערונג.

העלען איז געזעסן נעבן רמי און געשלונגען יעדעס וואָרט זיינס. אויך איר האָט אימפּאָנירט די דאָזיקע פאַנטאַסטישע שילדערונג פון אַ נייעם לעבן, פון וועלכן זי האָט קיינמאָל ניט געהאָט קיין אָנונג.

דוד טרעפט זיך מיט רמי און העלען

די שיף האָט געאַנקערט אין פּאָרט.

ס'איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ מעלדונג, אַז פיר שעה ווערט געגעבן די פּאַסאַזשירן צו באַזוכן מאַרסיי. און זיבן אָוונט וועט די שיף „ירושלים״ אָפּשווימען דירעקט קיין ישראל. העלען און רמי האָבן באַשלאָסן צו באַזוכן די שטאָט. זיי זיינען אַראָפּ פון שיף און שפּאַצירט לענג אויס דעם פּאָרט, פאַר העלען איז עס געווען אַ נייעס צו זען אַן אַנדער לאַנד. אַנדערע מענטשן. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז די מענטשן אין אייראָפּע זעען אויס אַנדערש. אָבער די זעלבע פּאָרט־אַרבעטער. די זעלבע זיטן. אויך דאָ דרייען זיך אַרום געפּאַרבטע מיידלעך מיט זייערע פּאַרפּירערישע אַרויסרופונגען. רמי האָט איבערגעגעבן העלען ווער זיי זיינען, העלען האָט אין איר גאַנצן וועג געהאַלטן אין אומדרייען זיך און באַטראַכטן אָט דעם סאָרט פּאָרט־פרויען.

זי האָט געהערט וועגן זיי, אָבער זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס זיינען יונגע מיידלעך, וועלכע דאַרפן אָנקומען צו פאַרקויפן זייער קערפּער פאַר יעדן שכור אָדער אויסוואורף. אָט זעט זי פריילעכע מאַטראָסן אַרומשפּאַצירן געאָרעמט מיט מיידלעך. פון ווייטן האָט איר רמי אָנגעוויזן אויף יידישע מאַטראָסן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ערנסטקייט, פיינע האַלטונג און העלען האָט אָנגעהויבן ליב צו האָבן אירע פאָלקס־ברידער. זי האָט טאַקע רמין געזאָגט אין זייער שפּאַציר, אַז זינט זי געפינט זיך אויף דער יידישער שיף, האָט זי אָנגעהויבן ליבן איר פאָלק.

— אַזוי איז עס, העלען, — האָט רמי געענטפערט, — אַז מען באַקומט ליב, האָט מען ליב אַלץ: אַ יידישער דיכטער זינגט אין זיינס אַ ליד, צו

אַ געליבטער זאָגט ער דאָרט: „איך האָב ליב דאָס געסל, אין וועלכן דו שפּאַצירסט, איך האָב ליב די באַנק אין גאָרטן, אויף וועלכער דו זיצט, איך האָב ליב אַפילו דיין בייזן הונט, וועלכער לאָזט מיך ניט צו צו דיין טויער פון הויז".

העלען און רמי האָבן שפּאַצירט איבער די אַלטע גאַסן פון באַרימטן מאַרסיי. העלען האָט געפירט רמין אין אָרעם און צו איר גליק איז קיין גרענעץ ניט געווען. ווען ס'איז אונטערגעקומען די צייט צו קערן זיך צום פּאָרט, האָבן זיי געמוזט נעמען אַ טאַקסי, ווייל זיי האָבן ניט געפילט, ווי די פּאָר שעה זיינען דורכגעפלויגן. אַזוי פיל גליקלעכע שעהן, — רופט אויס העלען. — אַ, רמי, ווען אַזוי וואָלט זיך געשטעלט מיין לעבן אין נייעם לאַנד, ווי גוט עס וואָלט געווען.

— דאָס קאָן ניט זיין! — האָט רמי געענטפערט. — די שיינקייט אין לעבן איז ניט נאָר אומאויפהערלעכער גליק. פון אַ סך האָניק עסן, ווערט אויך ביטער אין מויל. דו דאַרפסט וויסן, אַז אין לעבן גיט אויך שווערע טעג און יאָרן, און אָט די דאָזיקע שווערע טעג זיינען אַ באַגלייט דערשיינונג צום גליק. נעם אַ פאַקט. איז דען דאָ שענערס אין לעבן ווי אַ מוטער האַלט אויף אירע הענט איר אָקאָרשט געבוירן קינד. פילסטו דעם טעם ווען אַ יונגע מוטער, וועלכע געבוירט איר ערשטלינג, גיט עס צו זויגן. אָבער כדי צו באַקומען דאָס גליק גייט דורך אַ פּראָצעס פון געבורט, וועלכער איז זייער ניט לייכט און ניט אָנגענעם. ערשט שפּעטער פאַרגעסט מען אין די גאַנצע ליידן, און דערפאַר דאָס זיסקייט. דאַרפסט וויסן, העלען, דאָס לעבן איז אָפּט ניט אַזוי גלאַט ווי מען שטעלט זיך פאָר. עס קומען אַ סך שטרויכלונגען און זיי מוזן קומען. ווייל דאָס איז נאַטירלעך און דאַן דאַרף מען וויסן, ווי זיך צו פירן אין אַזאַ צייט. פאַרגעס ניט, אַז ווען דו וועסט חתונה האָבן, לאָמיר זאָגן אַפילו מיט אַזאַ בחור ווי דוד, דאַן וועט פאַר אייך ביידן עקזיסטירן ניט נאָר יעדנס וועלט אַליין. פאַר יעדן פון אייך וועלן עקזיסטירן ביידעס פאַרלאַנגען. ווי זאָגט זיך אין דער ליטעראַטור: „זיי מותר דיין ווילן פאַר יענעמס ווילן, ווייל יענער וועט דאַן מותר זיין, זיין ווילן פאַר דיינעם". אָט אין די פאָר ווערטער ליגט דאָס גאַנצע עיקר לעבן פון אַ פאָלק. פון אַ יחיד געוויס. און ווען די מענטשהייט וואָלט זיך אַזוי געפירט, וואָלט קיין מלחמות סיי אין פריוואַטן סיי אין מלוכהשן לעבן ניט עקזיסטירט. דו ביסט יונג, העלען, אָן דערפאַרונג, דיין קאַדילאַק, דיין טעלעוויזיע, דיין לוקסוס פאַרשווענדעריש לעבן האָט דיך צעבאַלעוועט, אָבער ניט געגעבן גליק. איך דערמאָן זיך נאָך אַ ליד פון אַ יידישן דיכטער, וווּ ער

זינגט: „וואָס באַראַרף מען זיידן, ווען זיי ברענגען ליידן. אַן אָרעם מיידל אין אַ ציצן קליידל, איז מער געשעצט ביי לייט ווי סאַמעט און זייד".

איך זאָג עס דיר, ווייל איך וויל דו זאָלסט אָנהויבן פאַרשטיין, וואָס עס הייסט לעבן. איך וויל דיר צוגרייטן אַ נייעם גאַנג.

ווען איך פלעג אַרויספאָרן אויפן טראַקטאָר אין פעלד און אויפאַקערן דעם באָדן, גלייב מיר, אַז פון מיין געזיכט האָט זיך געגאָסן שווייס און מיין גאַנצער קערפּער איז נאַס געוואָרן. אָבער דאָס האַרץ האָט געזונגען ווען איך האָב אַרויסגעריסן די פאַרטריקנטע פאַרשמאַכטע ערד און עס איבערגעאַקערט, כדי צו געבן די, וועלכע זייען, מעגלעכקייט אַריינצולייגן די זריעה. און ווען די שניטער האָבן געשניטן די תבואה, האָב איך געפילט, אַז איך האָב אין דעם אַ חלק. אָט די ליבע קומט ניט פון דרויסן, זי קומט פון אינעווייניק' און אויב דו וועסט עס אַזוי אויפנעמען, וועט דיין לעבן זיין אַ רינג פון גליק. העלען, גיי איצט אין דיין קאַיוטע. טו זיך איבער און באַלד וועלן מיר גיין אין עס־זאַל צו אָוונט־ברויט.

העלען איז אַוועק אין איר קאַיוטע, גענומען נייע קליידער, אַוועק אין באַדע־צימער, געמאַכט זיך אַ קאַלטן טוש, וועלכער האָט אָפּגעפרישט אירע אַלע גלידער. זי האָט זיך איבערגעטאָן אין סטיל פון ישראל־קליידונג, וועלכן זי האָט מיטגעפירט מיט זיך, דאָס האָט זי איינגעקויפט אין אַ „וויצאָ" געשעפט אין ניו־יאָרק. רמי האָט איר כמעט ניט דערקענט. העלען, וועמענס געזיכט איז אָפּגעפרישט געוואָרן אויפן דעק פון דער שיף, דורך דער זון און ווינט, האָט אויסגעזען ווי אַ ריכטיקע „סברה" פון הייסן נגב. עס האָט געשמעקט פון איר מיט פרישקייט און וואַרעמקייט.

— העלען, איך דערקאָן דיך ניט! — האָט רמי אויסגעשריען ווען ער האָט זי דערזען. — ווי פּראַכטפול דו ביסט. איך הויב אָן זען אין דיר אַ פרוי, און ניט קיין חברטע. קום אַהער, לאָמיר דיך איינשליסן אין מיינע אָרעמס און קושן. ביסט עס ווערט.

העלען, וועלכע האָט ליב געהאַט רמין, האָט זיך ניט קעגנגעשטעלט. ביידע האָבן זיך אַרומגענומען און געקושט ווי אמתע פאַרליבטע, וועלכע באַגעגענען זיך נאָך אַ לאַנגע אָפּוועזנהייט. אָבער דאָס איז געווען אַ ליבע צווישן גוטע חברים און ניט מער. געאָרעמט, פריילעך, לעבעדיק זיינען זיי אַריין אין גרויסן עס זאַל און האָבן געצויגן אויף זיך אַלעמענס בליקן.

דוד געפינט זיך אין זאל

דער גרויסער עס־זאַל איז שיין סערווירט. ווי אַ שניר̈ל פּערל ציען זיך די שיין־געדעקטע טישן מיט די שניי־ווייסע טישטעכער. די יידישע קעלנערס פּאַרפּוצט אין ווייסע קליידונג, זיינען גרייט צו דינען די געסט. אויף די טישן איז אָנגעשטעלט פון דאָס שענסטע און בעסטע. ישראל־וויין, שטייט אויף אַלע טישן. ישראל־עפּל, באַנאַנעס, ליגן אויף די טעלער און בעטן זיך מען זאָל געניסן פון זייער טעם. רמי און העלען האָבן זיך געזעצט אויף זייערע ערטער. ס'איז זיי זיס געווען די ישראל־עסנס.. דער הויך־שפּרעכער האָט אַרויסגעגעבן פון זיך ישראל־לידער. געזונגען פון ישראל זינגערינס. אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן אַ פאַרכישופטע שטימונג פאַר די יידישע טוריסטן און עולים, וואָס האָבן זיך געפונען אין זאַל. נאָכן עסן האָט אַ גרופּע, קאַנטיק ישראלדיקע, אָנגעהויבן אַ געזאַנג און לאַנגזאַם זיך אַרויסגעצויגן פון עס־זאַל און זינגענדיק אַרויף אויפן דעק. רמי און העלען זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם. אויפן דעק האָט זיך ווי פון זיך אַליין פאַרפלאָכטן אַ האָרא־טאַנץ. רמי און העלען זיינען אַריינגעשלעפּט געוואָרן פון די פריילעכע חברה, וועלכע זיינען גלייך געוואָרן ווי חברים. דער טאַנץ האָט באַגייסטערט די אַרומיקע געסט, וועלכע זיינען געלעגן אין זייערע ליג־שטולן און געררוט נאָך זייער עסן. גראָד איז די נאַכט געווען אַ לבנה־נאַכט, וועלכע האָט אַ רונדע געשוועבט דורך די לייכטע ווייסע וואָלקנס. די לופט איז געווען אַ וואַרעמע און אַ מילד־גלעטנדיקע.

העלען און רמי, פאַרמאַטערטע און פאַרשוויצטע, האָבן זיך געלייגט אין זייערע ליג־שטולן און הנאה געהאַט פון דער גאַנצער אַטמאָספער. אָבער די יונגוואַרג האָט ווייטער געזונגען און געטאַנצט.

דוד, אַן ערנסטער און אומרואיקער, איז נאָך געבליבן זיצן אין עס־זאַל ביי דער רשימה פון די נייע עולים, וועלכע ער האָט סעלעקטירט צו זייער באַזעצן זיך אין לאַנד. דערפאַר האָט ער אויך ניט באַמערקט פריער רמין מיט העלען. דערפאַר איז ער אויך ניט אַרויס אויפן דעק, ווייל ער האָט ניט געקאָנט באַשליסן וועמען צו שיקן אין נגב, אילת. אָדער אין די קי־בוצים. דער מענטשן־מאַטעריאַל איז געווען אַ פילפאַרביקער. אויף אַ סך האָט זיך געזען פאַרלאָשענע אויגן, אַנטוישטע פון גורל, וואָס האָט זיי פאַרשאַפט, אַ סך פון די דאָזיקע זיינען רעשטלעך פון אַ שטאָם. פון פאַר־וואַרצלטע משפחות, וואָס דער פינצטערער דייטש האָט צעבראָכן. פאַרגאַזט און פאַרברענט. דוד האָט כמעט געקאָנט יעדנס ביאָגראַפיע, פון דעם וואָס

יעדער האָט אים דערציילט, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט. דוד, אַ פּילבאַרער, און אַ פאַרליבטער דערצו, האָט פאַרשטאַנען די, וועלכע האָבן אים געשילדערט ווי אַזוי מען האָט אָפּגעריסן טאַטעס פון זייערע קינדער און פרויען, אַ יאָר נאָך דער חתונה. די פרויען און קינדער האָבן די פאַרשאַלטענע דייטשן געשיקט גלייך אין די אויוונס, די מענער — אויף אַרבעט. אַ סך פון זיי איז געלונגען אַדורכצוגיין די מזרח־גרענעץ און אַוועק אויף סיביר, דורכגעמאַכט קאַלט און וואַרעם. און נאָך דער מלחמה, געפאָרן אַהיים זוכן די נאָענטסטע און קיינעם ניט געפונען. איצט איז זיי געבליבן איין טרייסט — מדינת ישראל. וויינען כאָטש איצט צווישן יידן און ניט אָנזען די כאַמעס פון פוילן, אויף וועמעס באָדן עס איז אויסגעפּירט געוואָרן דער טויט־אורטייל און וועמענס ערד האָט איינגעזאַפּט זעקס מיליאָן פון יידישן בלוט. וואָלטן די דאָזיקע געהאַט אַן אַנדערע דערציאונג פון זייערע פירער, וואָלטן זיי אויסגעמיטן די גרויסע טראַגעדיע.

דודן האָבן די דאָזיקע געשטאַלטן ניט צורו געלאָזט, דערפאַר איז פון אים אַוועק די גאַנצע פרייד, דערפאַר האָבן אים די הערצער ניט געצויגן. דערפאַר האָבן אים די לידער ניט באַגייסטערט, ווייל פאַר זיינע אויגן זיינען געשטאַנען אָט די דאָזיקע און ווי ניט ווילנדיק האָט זיך אין זיינע אויגן געשטעלט שרה, אָט איז זי די קליינע, אומגליקלעכע פאַרבליבענע אָן עלטערן, אָן פריינד, ווער וועט איר געבן אַ וועג אין לעבן? ווער וועט איר געבן גליק? און עס קומט איר דאָך, אָט דער שרה, צו באַצאָלן מיט ליבע און אויפמערקזאַמקייט פאַר איר עלנטקייט.

רמי וועט עס איר פאַרשטיין? — האָט ער געטראַכט. — ניין, נאָר ער איז מסוגל צו דעם. דוד האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול, אויף וועלכער ער איז געזעסן, און מיט לאַנגזאַמע טריט אַרויס פון עס־זאַל אויף זיין וועג אין קאַיוטע.

אין די פיר ווענט פונעם קליינעם צימערל, וווּ ער איז איצט געזעסן, האָט זיך דערטראָגן דאָס געזאַנג פון דעק. ווי אַ מאַגנעט האָט אים אַ ציגעטאָן אַרויסצוגיין אין דרויסן און זען די חברה. אייגנטלעך איז עס דאָך פאַר אים ניט ניי, אָבער כדי זיך אַ ביסל צעשטרייען, איז ער אַראָפּ פון זיין פּאַלאַטקע און אַרויס אויפן דעק. דוד האָט ניט מיטגעטאַנצט, נאָר זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער זייט אָנגעשפּאַרט אויפן ראַנד פון דער שיף, פאַרוואָרפן אַ פוס איבער אַ פוס און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. העלען האָט פון ווייטן באַמערקט אַ יונגן מאַן, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פאָר ווייסע

גוט־פֿאַרפֿרעסטע הויזן, מיט אַ ווייס אויבער־העמד, אָן אַ קראַוואַט און מיט אַ בלאָען סוועטער.

— זע! — האָט העלען אויסגערופֿן — אָט דאָרט שטייט אַ יונגער ציוניסט. ער איז אָנגעטאָן ווייס־בלאָ — האָט העלען געלאַכט. רמי האָט זיך עטוואָס איינגעבויגן איבערן ליג־שטול און אַ קוק געטאָן אין יענעם ווינקל, ער האָט באַמערקט די געשטאַלט, אָבער צוליב דער נאַכטיקער פֿינצטער־ניש האָט ער ניט געזען דאָס געזיכט.

— אַזוי איז עס! האָט רמי געענטפֿערט העלען, — דאָס מוז זיין אַ גוטער ציוניסט־פּאַטריאָט. און זיך צוריק געזעצט אין שטול. דוד איז געשטאַנען אַ ווײַלע, האָט באַטראַכט דעם דעק פּאַסאַזשירן, וועלכע ער האָט גוט געקענט. דאָס זיינען געווען יונגוואַרג פֿון קיבוצים, וועלכע זיינען געפֿאָרן אַהיים פֿון אַן אויספֿלוג. פֿאַר אים איז אַזעלכעס ניט געווען ניי. דוד האָט באַטראַכט דעם אַרום ווו ער האָט געזען נאָר וואַסער און הימל, און בענקענדיק, ניט ווייסנדיק אַליין נאָך וואָס, איז ער אַוועק צו זיך אין קאַיוטע.

לאַנג איז נאָך רמי מיט העלען געזעסן אויפֿן דעק פֿון דער שיף. העלען האָט בשום אופֿן ניט געוואָלט גיין שלאָפֿן, עס האָט איר געכישופֿט די נאַטור. זי האָט געזען דעם ים. זי האָט אים געהאַט אויך אין ניו־יאָרק, אָבער זי האָט אים דאַן ניט פֿאַרשטאַנען. זי האָט עס אָנגענומען ווי נאַטיר־לעך. זי האָט ניט געפֿילט די שיינקייט ווען אַרום איז נאָר ים און הימל. גראַד ווען די יוגנט האָט פֿאַרלאָזט דעם דעק און מיטגענומען מיט זיך זייער פֿריילעכקייט, האָט העלען און רמי זיך אָנגעשפּאַרט אויפֿן ראַנד פֿונעם דעק און געקוקט אינעם וואַסער, וועלכעס האָט געגלאַנצט אונטער דער שיין פֿון דער לבנה. און שפּעט, זייער שפּעט זיינען זיי געגאַנגען אין זייערע קאַיוטעס. דערפֿאַר זיינען זיי שפּעט געשלאָפֿן. געטראָפֿן האָבן זיי זיך ביי פֿרישטיק אַליין. אין עס־זאַל איז קיינער ניט געווען.

נאָכן עסן איז רמי אַוועק אין לייען־זאַל. פֿאַרטיפֿט זיך אין ישראלדיקע צייטונגען, וועלכע ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען, נאָך זיין פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. ווידער האָט אים אַ צי געטאָן דאָס לאַנד. ער האָט געלייענט די כראָניק, מער ווי די אַרטיקלען. ער האָט זיך אָנגעטראָפֿן מיט ידיעות פֿון קיבוץ־לעבן, אָט דערזעט ער דעם נאָמען קאַפּלאַן־שפּיטאַל, אַריינגדרינג־לער אין נגב. ווידער זיינען אים באַנייט געוואָרן זכרונות.

העלען האָט געמאַכט איר שפּאַציר איבער דער שיף. זי האָט באַזוכט די שיינע ערטער. געטראָפֿן אַ סך אַמעריקאַנער מיט וועמען זי האָט גע־

רעדט ענגליש, זי האָט זיי דערציילט וווהין זי פאָרט. שפּאַצירנדיק מיט אָט די דאָזיקע, איז זי צוגעקומען צו אַ פּלאַץ, וווּ דוד איז געזעסן און רעגיס־טרירט די נייע עולים. מיט יעדן האָט ער גערעדט, געשילדערט ווו די געגנט געפינט זיך. העלען איז צוגעגאַנגען נענטער, באַטראַכט צוזאַמען מיט די אַמעריקאַנער רייזנדע, די נייע עולים, וועלכע זיינען געשטאַנען אַרום דודן און געגעבן זייערע אינפאָרמאַציעס.

ווען דוד האָט באַמערקט די גרופּע אַמעריקאַנער, האָט ער אַ פרעג געטאָן אויף יידיש, ווער זיי זיינען און אויב זיי געפינען זיך אין דער רשימה. העלען האָט געענטפערט, אַז זיי זיינען אַמעריקאַנער און זיי פאָרן אַלס טוריסטן. דוד האָט זיי ניט געענטפערט, נאָר ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט. אָבער דאָס געשטאַלט פון דער שיינער העלען האָט אים אַ שיין געטאָן אין די אויגן. און ווען די גרופּע האָט זיך דערווייטערט פון זיין אָרט, האָט ער ווי ניט ווילנדיק אָפּגעדרייט זיין געזיכט צו העלען, וועלכע האָט אַוועקגעשפּאַצירט מיט זיי צוזאַמען. העלען איז איצט געווען אָנגעטאָן און אירע ווייסע הויזן און ווייסע בלוזע, איר קאָפּ האָר האָט רונד אַרומ־גענומען איר שיין געזיכט און די שוואַרצע אויגן האָבן זיך בולטער אַרויס־געדרוקט אין אָפּשיין פון דער אַרומיקער ווייסער בלענדקייט. איר טריט איז געווען אַנדערש, ווי פון די אַנדערע, עפּעס אַזאַ זיכערער, פעסטער, אָבער זיין אַרבעט האָט אים אָפּגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט. און ווען העלען האָט שפּעטער דערציילט רמין, וואָס זי האָט געזען אויף איר שפּאַציר, האָט זי גלייכצייטיק דערציילט פון אַ שיינעם בחור, וועלכער האָט רעגיסטרירט די נייע אייַנוואַנדערער און ווי ער האָט איר געפרעגט, אויב זי געהערט צו זיין גרופּע. העלען האָט אויך געזאָגט, אַז זיין שטים האָט געקלונגען אַזוי וואַרעם, מילד, אַז ער האָט איבערגעלאָזט אויף איר אַ גוטן איינדרוק.

— רמי האָט ניט גענומען אין אַכט העלענס דערציילונג, ווייל ער האָט געוווּסט פון די סעלעקציעס, און אַז ישראל שליחים, פון דער סוכנות פאַרנעמען זיך מיט דעם, אָבער רמי איז געבליבן צוגעשמידט צום אָרט, ווען ער איז אַראָפּ מיט העלען אין עס־זאַל און באַמערקט אַ באַקאַנט גע־שטאַלט זיצן און עסן.

העלען האָט ניט פאַרשטאַנען רמין, וואָס איז ער פּלוצלונג אַזוי בלאַס געוואָרן.

— וואָס איז דיר, רמי ? — האָט העלען אַ פרעג געטאָן — פילסט זיך ניט גוט ? ווילסט אַ ביסל וואַסער ?

— ניין, העלען! — האָט רמי געענטפערט. — איך בין איבערראַשט װעמען איך זע דאָ. אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז עס דוד.

— װעלכער? — האָט העלען אַ פרעג געטאָן.

— אָט דער, װאָס זיצט דאָרט אין דער בלויער בלוזע.

— דאָס איז דאָך דער באַאַמטער, װעלכער נעמט אויף די איינװאַנדע־רער. איך האָב מיט אים פריער גערעדט — האָט העלען געזאָגט.

— װי הייסט ער? — האָט רמי אַ פרעג געטאָן און ניט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון דודן.

— איך האָב אים ניט געפרעגט און ער האָט זיך פאַר מיר אויך ניט פאָרגעשטעלט.

דוד האָט דערפילט, אַז פון װייטן װערט ער באַטראַכט. ער האָט אויפ־געהויבן זיינע אויגן אָבער די בליקן זיינע געפאַלן װי נאַטירלעך אויף העלען. זיי האָבן נאָך פאַרבלענד אים פריער, װען זי איז געװען נעבן אים. דעריבער האָט ער גלייך זיין בליק אָפּגעצויגן. אָבער װאָס מער רמי האָט געקוקט אויף דודן, אַלס מער האָט ער זיך איבערצייגט אַז דאָס איז דוד.

— העלען, — האָט רמי אַ געשריי געטאָן װי ניט מיט זיין שטים — דאָס איז דוד!

אויך דוד האָט דערהערט אַנרופנדיק זיין נאָמען.

רמי האָט אָנגענומען העלענס האַנט און מיט ענערגישע טריט גע־גאַנגען צו דודס טיש, װו ער איז אַליין געזעסן.

רמי האָט ניט געהאַט מער קיין געדולד, נאָר גלייך אַ פרעג געטאָן:

— אַנטשולדיקט, הייסט איר ניט דוד מ.

— יאָ! — האָט דוד געענטפערט און זיך אויפגעשטעלט פאַר זיין גאַסט מיטן מיידל.

— פון קיבוץ ב.

— יאָ! — האָט ער געענטפערט, — פון װאַנען קאָנט איר מיין נאָמען.

— איך הייס רמי.

— רמי! — האָט דוד אַ געשריי געטאָן, אַ װאָרף טוענדיק דעם גאָפּל פון זיין האַנט.

צװיי פאַר הענט האָבן זיך אַרומגענומען, צװיי מענער קערפּערס האָבן זיך איינגעקלאַמערט און אַ לאַנגע װיילע אַזוי געשטאַנען אָן אַרויסרעדן אַ װאָרט. די געסט, װאָס האָבן זיך געפונען אין עס־זאַל, האָבן איבערגע־ריסן זייער עסן און געװענדט זייערע בליקן אַהין, װו די צװיי חברים זיינען געשטאַנען.

העלען, אַ ניט ווייניקער איבעררעאַשטע, איז געשטאַנען נעבן זיי און דורכגעלעבט די דאָזיקע האַרציקע באַגעגעניש צווישן דודן מיט רמין, וועלכע זי האָט אַזוי גוט געקאַנט. רמין פון דער היים און דודן — פון רמיס דערציילונגען.

העלען האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דעם דערביי שטייענדן שטול און אירע אויגן זיינען פול געוואָרן מיט טרערן.

ערשט ווען זיי האָבן זיך באַרואיקט און דוד האָט אַ בליק געטאָן אויף העלען, האָט רמי זיך אָפּגערופן:

— דוד, דאָס איז העלען, וועגן וועלכער איך האָב דיר דערציילט, — האָב איך דיך אַנטוישט?...

דוד האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו העלען און זיך פאָרגעשטעלט: דוד מ.

לייכט און שפּילעוודיק האָט העלען אויסגעשטרעקט איר ווייך פּוכיקע האַנט און מיט אַ ליבלעכן שמייכל געענטפערט: העלען.

דוד האָט ניט אַראָפּגענומען זיין בליק פון העלען. זיין ליבער און דורכדרינגענדיקער שמייכל, האָט איר געבראַכט אין פאַרלעגנהייט און אַן עטוואָס פאַררויטלטע, האָט זי שעמעוודיק די אויגן אַראָפּגעלאָזט, האַלטנדיק איר האַנט אין זיינער. דוד האָט אויך באַמערקט די בליקן פון די אַנ־ווענזנדע אין עס־זאַל, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַ סך יונגע יינגלעך און מיידלעך, בפרט די נייע עולים, מיט וועלכע דוד האָט געהאַט צו טאָן.

— איר האָט נאָך זיכער ניט געפרישטיקט? — האָט דוד אַ פרעג געטאָן. — איך וויל האָבן דעם כבוד צו עסן מיט אייך צוזאַמען.

— מיט פאַרגעניגן! — האָבן העלען מיט רמין געענטפערט.

דוד האָט צוגערוקט צו העלען אַ שטול, אויף וועלכער זי האָט זיך געזעצט. אויך רמי האָט אַרויסגעוויזן העפלעכקייט צו העלען. די אַנ־ווענזנדיקע האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז ביידע בחורים זיינען אין דינסט פון דער שיינער העלען.

באַלד האָבן זיך באַוויזן די קעלנערס גרייט צום באַדינען די געסט, וועלכע האָבן אויך זיי ניט ווייניק איבעררעאַשט. די קעלנערס האָבן גענומען אין אַכט סיי דודס ראַל, וואָס ער פירט אויס אויף דער שיף, סיי די בילד־שיינע העלען, מיטן אַמעריקאַנער בחור רמי. אויפן טיש האָבן זיך באַוויזן אַנדערע עסנס, ווי דאָס האָבן באַקומען אַנדערע געסט.

דוד האָט שוין ניט געקאַנט עסן, אין זיינע געדאַנקען האָבן זיך אָפּ־

געשפילט די געשפרעכן, וואָס ער פלעגט האָבן מיט רמין וועגן שרהן. פאַר זיינע אויגן זיינען פאַרביי די בילדער, — רמי אויפן טראַקטאָר, רמי אויפן שלאַכט־פעלד אין קאַמף מיט די אַראַבער, רמי אין שפּיטאָל, אויפן טויטן־בעט. און צווישן זיי — שרה. מיטן געדאַנק „שרה" האָט זיין בליק, ווי נאָ־טירלעך, געצויגן צו העלען. קוקנדיק אויף העלען האָבן זייערע בליקן זיך באַגעגנט, ווייל אויך העלען האָט געפילט אַ צאַפּל אין איר האַרצן, ווען זי האָט געקוקט אויף דודן. אין דער ווירקלעכקייט האָט דוד אויסגעזען אין אירע אויגן, איצט נאָך שענער און האַרציקער, ווי רמי האָט אים גע־האַט פאַרגעשטעלט.

ווי נאַטירלעך, ביי יונגע, נאַאיווע ייִנגלעך און מיידלעך, איז די שע־מעוודיקייט געקומען פון זיך אַליין און ביידע פלעגן אַפּרייסן די בליקן איינער פון צווייטן. אָבער זיי האָבן ניט געקאָנט אַפּרייסן די געפילן, וואָס האָבן טיף אין האַרצן געזוכט זיך צו באַהעפטן.

געפילן האָבן די אייגנשאַפט צו געפינען דאָס אָרט וווּ צו לאַנדן. זיך אָנצוטרעפן, באַגעגענען. איז זיס דאַן דער מאָמענט, ווען די געפילן געפי־נען זייער וואַרעמען פּלאַץ. ביידנס געפילן האָבן איצט געשטרעבט צו מער אינטימקייט, צו וואַרעמקייט, צו האַרציקייט, איז ווי נאַטירלעך, דוד געווען אין אַ גוטער שטימונג. זיין פּנים האָט געשטראַלט פון פרייד. פון איין זייט רמי, זיין גוטער חבר, וועלכן ער האָט באמת ליב געהאַט, ניט געקוקט, וואָס ביידע האָבן זיי ליב געהאַט איין מיידל — שרהן. און פון דער צוויי־טער זייט, וואָס העלען איז געזעסן אין זיין סביבה.

אויך רמי איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. אָט זיצט נעבן אים דוד, דער, וואָס האָט אַזוי געזאָרגט פאַר זיין געזונט. רמי האָט זיך איצט דערמאָנט די ווערטער, וואָס שרה האָט אים דערציילט אין שפּיטאָל, — אַז דוד האָט גלייך באַשטעטיקט איר פאַרלאַנג צו באַדינען רמין. אין אַזאַ צייט ווען עס האָבן געפעלט אַרבעטס־הענט אינעם קיבוץ. זכרונות זיינען דורך אין זיין מוח. אָט, מיט אַזעלכע געדאַנקען זיינען דריי פאַרליבטע — גוטע פריינד געזעסן ביי איין טיש אויף דער ישראל־שיף „ירושלים", וואָס איז געשוווּמען אויפן מיטללענדישן ים צו איר היים־פּאָרט — חיפה.

באַלד נאָכן עסן זיינען אַלע דריי אַרויף אויפן דעק פון דער שיף. זיך אַוועקגעזעצט אויף ליג־שטולן און אין ענגן דריי־קרייז פאַרפירט אַ געשפּרעך.

— דערצייל דוד, וואָס הערט זיך אין קיבוץ? ניט געקוקט, וואָס איך בין אַזאַ לאַנגע צייט געווען אַזוי ווייט פון אייך, בין איך מיט מיינע מח־

שבות געווען מיט אייך. איך האָב אַפּילו אויף אַ סעקונדע אין אייך ניט פאַרגעסן. אַפּילו אין שלאָף האָב איך געחלומט וועגן אייך. דאָס בערגל אין נגב מיטן פּראַכטפולן זון־אונטערגאַנג, האָט מיך געהאַלטן ווי מיט צוואַנגען. יעדע חברה און חבר, איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן, אַזוי ווי זיי זיינען בשעת זייער אַרבעט. דו, דוד, אין דיין סעקרעטאַר־צימער. איך ווייס פון תמיד, אַז אויף דיינע פּלייצעס איז געווען די גאַנצע זאָרג פאַרן קיבוץ, פאַר דער געמיטלעכקייט פון די חברים און פאַר די קינדער. און זאָרגן זיינען דאָך פאַראַן אַזוי פיל... צי דאָס איז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער סוכנות, מיטן בודזשעט, מיט זיכערקייט, מיט אונזערע שכנים — בעדוואַינער, און אַ חוץ דעם אַלעמען איז מען דאָך אַליין אויך אַ שטיקל מענטש... דערציייל, דוד, וואָס הערט מען ביי אַלע חברים? ווי גייט עס אייך? וואָס איז געוואָרן צוגעבויט? צי זיינען נייע חברים צוגעקומען? צי שטייט נאָך אַלץ דער גרויסער בוים אויפן בערגל און גיט שאָטן אונטער דער הייסער ברענענדיקער זון?

— אַלץ איז פאַרבליבן אויפן זעלבן אָרט, ווי געווען, רמי. — האָט דוד געזאָגט. — עס זיינעז צוגעקומען געביידעס, מיר האָבן אויפגענומען נייע עולים. דער משק איז געוואַקסן, קיינער האָט דעם קיבוץ ניט פאַרלאָזט — אויסער שרה.

ביים וואָרט ש ר ה, האָט רמיס האַרץ אַ קלאַפּ געטאָן. זיין שמייכלדיקער בליק איז פאַרשוואונדן און זיין געזיכט האָט זיך פאַרצויגן אין אומעט. ווי אַן עלעקטרישער שטראָם האָט אַ ברי געטאָן זיין האַרץ. אויך העלען האָט אַ צי געטאָן איר בליק אויף רמין. ערשט איצט האָט זי פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס ליבע. ערשט איצט האָט זי באַגריפן, ווי ליב רמי האָט שרהן. העלען איז ווי מיט אַ פּאָר יאָר עלטער געוואָרן אין פאַרשטאַנד פון רמיס ערנסטקייט. דוד, ניט געקוקט וואָס ער האָט זיך שטאַרק באַמיט צו האַלטן רואיק, האָט זיין האַרץ געציטערט פון אַ געפיל, וואָס קאָן ניט אַרויסגעבראַכט ווערן מיט קיין ווערטער, נאָר דאָס האַרץ נאָגט פון געוויין אַפּילו געוויין פון פרייד, דאָס זיינען די דינע סטרונעס פון האַרציקע געפילן, וועלכע ווערן אָפּט דערהויבן צו דער גרעסטער הויך פון שיינקייט.

אָט, אין אַזעלכע מאָמענטן זאָגן די דיכטער, ווערן רייף די שטימונגען פון שאַפן. דאָס איז די פּאָעזיע פונעם לעבן. ווער עס איז באַשאָנקען מיט אַזעלכע געפילן, לעבט דורך די דאָזיקע מאָמענטן מיטן דיכטער. פאַרשטייען זיי און האָבן ליב איינזאַפּן אין זיך די אָפּקלאַנגען.

די דאָזיקע שטימונגען שפּילן זיך אָפּ אין האַרצן אַקוראַט ווי שיינע מוזיק באַווירקט די נשמה פֿונעם מענטש.

— פֿאַרוואָס האָט זי פֿאַרלאָזט דעם קיבוץ? — האָט רמי אַ פֿרעג געטאָן.

— ווייל זי האָט זיך דערוווּסט, אַז דו, רמי, קומסט מיט העלען אַהער. מ׳האָט איר געשריבן, אַז איר האָט חתונה געהאַט און איר ווילט זיך באַזעצן אין אונזער קיבוץ. אין אַ געשפּרעך, וואָס איך האָב געהאַט מיט איר, האָט זי מיר דערקלערט, אַז זי וועט ניט קאָנען זיין אין איין אָרט מיט דעם, וועמען זי האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, און האָט נאָך אַלץ ליב, ניט געקוקט, וואָס דו געהערסט צו אַ צווייטער. — און איך מוז דיר צוגעבן, רמי, אַז העלען אַנטוישט ניט...

— אַ דאַנק פֿאַרן קאָמפּלימענט! — האָט העלען אַ פֿאַרשעמטע זיך אָפּגערופֿן.

— ס׳איז ניט קיין קאָמפּלימענט, העלען, ס׳איז אַ פֿאַקט. און אויף וויפֿל רמי קאָן מיך, וואַרף איך זיך געוויינטלעך ניט מיט קיין ווערטער...

— האַלט שרה, אַז איך האָב חתונה געהאַט מיט העלען? — האָט רמי אַ פֿרעג געטאָן.

— ניט זי האַלט, נאָר זי ווייס עס גענוי. — האָט דוד געענטפֿערט.

— נו.... און וואָס איז עפּעס...

— גאָרניט רמי, אין מיין געשפּרעך מיט איר, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי וועט אין לעבן מער ניט חתונה האָבן. וואָלטן מיר געהאַט אַ מאָנאַסטיר, וואָלט זי געוויס געוואָרן אַ מאָנאַשקע. אַזוי וועט זי זיך איר גאַנץ לעבן אָפּגעבן אַלס קראַנקן־שוועסטער.

— און איך האָב געמיינט, אַז אַנדערש וועלן זיך באַוועגן די רעדער פֿון דער געשיכטע. טאָ לאָמיר דיר קודם כל זאָגן, אַז איך און העלען האָבן ניט חתונה געהאַט, ווייל מיר זיינען צו היימיש, צו נאָענט. צופֿיל באַפֿריינדעט. אונז בינדט די חברישקייט מער ווי הייראַט. העלען פֿאָרט קיין ישראל אַלס טוריסטין. זי וועט אין ישראל פֿאַרברענגען בערך 6 חדשים, און אויב איר לעבנס־שטייגער וועט זיך אין משך פֿון דער צייט ניט ענדערן, וועט זי צוריק פֿאָרן. איך פֿאַרבלייב מיט אייך אינעם קיבוץ, פֿאַרשטענדלעך, אויב דער קיבוץ וועט מסכים זיין מיך צו האַלטן.

— רמי, וואָס רעדסטו?! די טויערן פֿונעם קיבוץ זיינען תמיד פֿאַר דיר אָפֿן. און ניט נאָר בלויז פֿאַר דיר, אויך פֿאַר דיין העלען. מיט פֿרייד וועלן מיר אויפֿנעמען אַזעלכע ליבע חברים.

— וועט טאָקע זיין אונזער ערשטע היים אין קיבוץ. — האָט זיך העלען אָפּגערופן. — רמי האָט מיר געשילדערט די שווערע אַרבעט, וואָס אַ חבר אָדער חברה מוזן טאָן, אָבער גראָד דאָס ציט מיך. און רמי האָט אויך זייער ליב, ניט נאָר אייך אַליין, ער האָט ליב דאָס לאַנד. ער האָט ליב די געזעלשאַפט. ער האָט אַפילו גערעדט מיט מיינע עלטערן, אַז אַלע זאָלן אַריבערפאָרן קיין ישראל.

רמי האָט אין דער דאָזיקער מינוט געטראַכט וועגן שרהן. ער האָט פאַרשטאַנען און געפילט אירעליידן. ווי אומגליקלעך זי איז. דערביי האָט זי אַפילו ניט פאַר וועמען וועגן אירע ליידן צו דערציילן. זי איז פון קיבוץ אַנטלאָפן. זי וויל מיך מער ניט זען. רמי האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול און אָפּשפּאַצירט צום ברעג פון דער שיף. ער האָט זיך אַנגעשפּאַרט אויפן ראַנד, קוקנדיק אַראָפּ צום וואַסער, וואָס האָט שעמערירט אונטערן גלאַנץ פון די זון־שטראַלן.

— ער ליידט. — האָט זיך העלען אָפּגערופן צו דודן — ער פלעגט מיר אַ סך דערציילן וועגן שרהן. ער האָט איר שרעקלעך ליב. ער האָט מיך אַזוי אָנגעשטעקט מיט זיין ליבע צו איר — אַז אויך איך האָב זי ליב באַקומען, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס איך האָב זי נאָך קיינמאָל ניט געזען.

— פונוואַנען קאָנסטו אַזאַ שיינעם יידיש? — האָט דוד אַ פרעג געטאָן.

— ביי אונז אין שטוב און ביי רמיס עלטערן רעדט מען יידיש, האָב איך זיך אויסגעלערנט. צווייטנס, האָב איך געלערנט אַ שעה אין דער וואָך אין אַ ספּעציעלער שול, ווו מיין פאָטער איז אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד. דאָס קומט מיר גוט צונוץ!

— ריכטיק, העלען. . איך רעד ניט קיין ענגליש. און ווען די שפּראַך וואָלט אונז ניט פאַרבונדן, וואָלטן מיר געווען איצט פרעמדע מענטשן.

— קאָנטיק, אַז אַזוי וויל דער גורל, דוד, דערצייל מיר וועגן שרהן, וואָס איז איר כוח, מיט וועלכן זי האָט אַזוי באַהערשט רמין. אַלע מיינע חברות פון ניו־יאָרק, וועלכע קאָנען רמין, האָבן אים באַוווּנדערט.

— זי איז אַ מיידל, געקומען פון פוילן. אירע עלטערן האָט דער דייטש אומגעבראַכט צוזאַמען מיט נאָך זעקס מיליאָן יידן. זי איז צופעליק געבליבן לעבן ביי אַ קריסט. און נאָך דער מלחמה, ווען מיר זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ארץ־ישראל אויפזאַמלען אונזערע ברידער און שוועסטער, האָט אונז דער קריסט איר אָוועקגעגעבן. דער קריסט האָט געזאָגט: דער דייטש האָט אַזוי פיל פון אייך אויסגעמאָרדעט, טאָ נעמט אייך צו אייערס אַ מיידעלע, אפשר וועט זי געבוירן אַ העלד, וועלכער וועט נקמה נעמען

אָן דעם פאַרשאַלטענעם דייטש. אויך פּאַליאַקן האָט דער דייטש גע־מאָרדעט. אָבער אונזער פאלק איז געבליבן אויפן אָרט און וועט זיך צוריק אויפבויען. אייך איז שווער, ווייל איר האָט ניט קיין לאַנד. אומעטום זענט איר פרעמדע. אַלע האַסן אייך דערפאַר. כאָטש זיי טאָלערירן אייך. און מען קאָן אָבער קיינמאָל ניט וויסן, ווער עס קאָן ווידער אויפשטיין און אויסלאָדן זיין שנאה צו אייך יידן. אַזוי האָבן מיר אויפגעקליבן און קלייבן ווייטער אונזערע ברידער און שוועסטער. אָט בין איך דאָ אויף דער שיף מיט נאָך עטלעכע הונדערט יידן, וועלכע פאָרן צו אַ ברעג וווּ קיינמאָל וועט ניט זיין קיין שנאה צווישן זיך. ווו אַלע האָבן מיר איין ציל, אויפבויען אַ יידישע מדינה, אַ יידיש לאַנד. און לעבן נאָרמאַל ווי אַלע פעלקער. שרה איז איינע פון זיי. זי איז געטריי דאָס לאַנד מיט איר הארץ און נשמה. ס'איז צו באַדויערן, וואָס זי קאָן ניט געפינען איר גליק אין איר פריוואַט לעבן. דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז די אומגליקלעכע שרה, וועלכע האָט פאַרלוירן אַלס קינד אירע עלטערן, האָט אין איר בליענדיקער יוגנט, זיך אַנטוישט אין איר ליבע. דו קאָנסט זיך ניט פאָרשטעלן העלען, ווי שווער ס'איז צו ליידן פון ליבע. אַקוראַט ווי ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן דאָס גליק וואָס עס געפינט זיך ביי פאַרליבטע.

— אויף וויפל איך ווייס, האָט איר, דוד, אויך ליב געהאַט שרהן.

דוד האָט אַ שמייכל געטאָן, און געענטפערט:

— ריכטיק! איך האָב איר ליב געהאַט און האָב איר אויך איצט גערן. אָבער וואָס העלפט איינזייטיקע ליבע. זי האָט רמין ליב באַקומען. און פאַרשטייט זיך, אַז ליבע בעטלט מען ניט און צווינגען קאָן מען זיכער ניט. האָב איך עס געלאָזט גיין מיט דער נאַטור. ביי יידן זאָגט זיך, אַז ווען אַ ייִנגל אָדער אַ מיידל ווערט געבוירן, טיילט גלייך צו גאָט זייערע באַ־שערטע. מיין איך, אַז אויב דער גורל האָט אַנדערש געוואָלט, איז אַ סימן אַז איך און שרה זיינען ניט די באַשערטע פון הימל. און פאַר מיר דאַרף נאָך קומען די, וועלכע דאַרף קומען.

העלען איז געוואָרן גערירט פון דודס רייד. דוד איז געווען אין גע־שפּרעך ניט ווייניקער אינטערעסאַנט, ווי רמי. העלען האָט אָנגעהויבן צו געפינען געפילן צו דודן, ער איז איר געפעלן געוואָרן. דערפאַר איז איר אָנגענעם געווען צו רעדן מיט דודן. אויך דוד האָט געפונען אינטערעס אין העלען, ווייל שוין די ערשטע באַגעגעניש זייערע, האָט געגעבן אים שטי־מונג. ער האָט געפילט, אַז אויסער איר שיינקייט, אַריסטאָקראַטישער אויס־זען, איז העלען נאַאיוו אין איר בליק אויפן לעבן. איר אינטערעס אין

שרהס ביאָגראַפיע, האָט געפונען אָפּקלאַנג אין זיין האַרצן. העלען איז באַשאַנקען געווען מיט אַ חן וועלכע איז ווייניק ביי אַ סך מיידלעך און דאָס איז אַ רעזולטאַט פון הויז דערציאונג.

אין מיטן געשפרעך איז צוגעקומען רמי. ער האָט זיך געזעצט אויף זיין שטול און אַ פרעג געטאָן:

— דוד! ווו איז איצט שרה?

— זי איז אַוועק פון קאַפּלאַן שפּיטאַל קיין עפולה. זי האָט פאַרענדיקט שוועסטער און אַרבעט דאָרט.

— ס'איז ווייט עפולה? — האָט העלען אַ פרעג געטאָן.

— אַנדערהאַלבן שעה רייזע, אָבער ווען מיר וועלן אַראָפּ פון דער שיף אין חיפה, איז עס נאָר צוואַנציק מינוט.

— רמי! — האָט העלען אַ באַגייסטערטע אויסגערופן. — לאָמיר גלייך פון חיפה פאָרן צו איר. דוד, איר וועט מיטפאָרן?

— מיט אייךביידן געוויס, — האָט דוד געלאַכט. — מיר וועלן דאָרט זיין גוטע געסט. איך שטעל מיר פאָר די איבערלעבונג פון שרהן אין דער דאָזיקער מינוט.

— און פון רמין ניט? — האָט העלען געלאַכט. — וועט דאָס זיין אַ קוש...

אין דער מינוט האָט מען אויסגערופן אויפן הויך־שפרעכער, אַז דוד מ. דער פירער פון דער גרופּע נייע עולים, ווערט גערופן צום קאַפּיטאַן פון דער שיף.

דוד איז אַוועק, אַנטשולדיקנדיק זיך פאַר העלען און רמי.

— רמי, דו האָסט ניט אַנטוישט, דוד איז באמת אַן אינטערעסאַנטער און אַ ווילער בחור. אָבער איך וועל אים זיכער ניט געפעלן.

— ווי געפעלט ער דיר? — האָט רמי געפרעגט העלען.

— זייער גוט. איך בין שוין פאַרליבט אין אים.

— וועל איך זיין דיין שדכן, העלען. וואָס קריג איך שדכנות־געלט.

— אַ האַרציקן קוש. — האָט העלען געענטפערט לאַכנדיק.

— האָט טאַקע שרה ניט חתונה געהאַט מיט דודן, איז ריכטיק וואָס צפורה האָט געשריבן. מיר וועלן טאַקע פאָרן אין עפולה און איר מאַכן אַן איבעררראַשונג.

דערווייל איז אָנגעקומען די מיטאָג־שעה און די געסט זיינען גערופן געוואָרן צום מיטאָג.

שרה פארלאזט דעם עפולה שפיטאל

שרה האָט בשום אופן ניט געקאָנט באַקומען באַרואיקונג. כאָטש זי האָט געהאָט באַפרידיקונג פון איר אַרבעט, האָט זי שטאַרק געבענקט נאָך רמי. עס האָט איר באַהערשט איצט סיי אַ בענקעניש און סיי אַ האַס.

בענקען, דאָס איז אַ געפיל וואָס קומט פון דער נשמה מיטן האַרץ צוזאַמען. האַס קומט נאָר פון האַרץ אַליין. אַ האַרץ קאָן בענקען, אַ האַרץ קאָן אויך האַסן. שרה האָט ווו געלייענט, אַז אַ האַרץ קאָן אויך רופן צו נקמה. אין איר האָבן זיך איצט געראַנגלט אַלע געפילן צוזאַמען. אָט די דאָזיקע געדאַנקען האָבן איר באַהערשט. די נאַטור פון אַרום, האָט געוועקט אירע יונגע בלוטן. מיט עקל האָט זי אויפגענומען די ליבע דערקלערונגען פון יונגע דאָקטוירים, וועלכע האָבן זיך אויך דאָ געפונען. אָבער ווי איי־בערראַשט זי איז געוואָרן, ווען דער יונגער דאָקטאָר פון קאַפּלאַן שפּיטאָל איז צו איר געקומען און אין אַ שמועס דערקלערט, אַז זינט זי האָט פאַר־לאָזט דעם קאַפּלאַן שפּיטאָל, געפינט ער זיך ניט קיין פּלאַץ. ער וויל דעריבער, אַז שרה זאָל זיך אומקערן צוריק צו דער אַרבעט. און אויב זי איז גרייט, לייגט ער איר פאָר הייראַט.

דער דאָקטאָר האָט שרהן דערקלערט, אַז ער האָט אַוואַנסירט און באַ־קומען אַ העכערונג אין ראַנג און אין געהאַלט און אַז ער גרייט זיך צו עפענען אַן אייגענעם קאַבינעט אין תל־אביב.ביילינסאָן שפּיטאָל גאַראַנ־טירט אים אַ הויכן אַמט, דערביי וועט מען אים אויך דערלויבן האַלטן אַ קאַ־בינעט אין זיין היים. זיינע עלטערן שענקען אים אַ הויז פון פינף צימערן, און שרה וועט זיך פילן גליקלעך.

שרה האָט ווידער דערקלערט דעם יונגן דאָקטאָר, אַז זי האָט ליב רמין. און זי וועט בשום אופן ניט קאָנען געבן גליק אַ מאַן, ווייל אין יעדער באַוועגונג אירער וועט זי זיך אָנטרעפן מיט רמיס געשטאַלט. און צוואָס זאָל זי ברענגען אַ מאַן אין אַ לעבן פון ליידן.

דער דאָקטאָר האָט איר פאַרזיכערט, אַז די צייט וועט פאַרהיילן די ווונד אין איר האַרצן, ווייל ווער ווי מעדיצינער ווייסן, אַז יעדע ווונד ווערט פאַרהיילט פריער אָדער שפּעטער און דער קראַנקער ווערט געזונט. אויך איר האַרץ וועט ער היילן מיט זיין פיינער און איבערגעגעבענער באַ־ציאונג, און אַז זי וועט זיין גליקלעך.

שרה פלעגט נאָך אַזעלכע שמועסן בלייבן פאַרטראַכט. צו פיל פלעגט דער דאָקטאָר איר באַווירקן. אָפט האָט זי זיך געזען אַלס אַ דאָקטאָרס

א פרוי, מיט א שיינער, גרויסער וווינונג אין תל־אביב. זי וועט האבן שיינע קליידער. קומען אין רייכע געזעלשאפטן. צווישן אריסטאקראטן. און וועט ווערן א גראנד־דאמע. אבער איז איר אריין אין געדאנק רמי, — פלעגט ווי פארשווינדען אט די אלע חלומות.

שרה פלעגט דעם יונגן דאקטאר געבן אן אויסמיידנדיקן ענטפער. א גע־וויסן אוונט, ווען זי איז געבליבן מיט זיך אליין, האט זי באשלאסן אוועק־גיין פון דעם דאזיקן ארט און קיינעם ניט דערציילן. זי האט צופעליק אמאל געהערט, אז אין טבריער שפיטאל „פוריה" זוכט מען שוועסטער. זי האט לאנג ניט געטראכט אין איר פרייען טאג איז זי אוועקגעפארן אין טבריה. אריין אין שפיטאל און מיט איר רעקאמענדאציע בריוו גלייך געווארן אנ־גענומען צו דער ארבעט.

שרה האט געמאלדן אין עפולה שפיטאל, אז זי פארענדיקט איר אר־בעט צוליב געוויסע סיבות און אז זי פארלאזט איר פאך. טאמער קומט מען אויף איר פרעגן זאל מען זאגן, אז זי איז אוועקגעפארן אין אויסלאנד.

פון אויפרעגונג, האט שרה געהאנדלט אין אירע מעשים אימפולסיוו. אירע געדאנקען זיינען ארומגעפלויגן ווי א וואלקן אין ווינט. דערפאר האט זי זיך געפילט גליקלעך, ווען זי איז אריינגעטראטן אין שפיטאל פון טבריה און דארטן זיך אפגעגעבן איר ארבעט. שרה האט אויך געפונען ליבע אין דער ארומיקער נאטור. דער כנרת האט איר געכשופט מיט זיין שטילקייט. די בערג פון ארום, וועלכע האבן זיך געפונען איבער דער ישראל־גרענעץ האבן איר געלאקט. שרה פלעגט ליב האבן צו ליגן אין איר צימער אין די פארנאכטן און קוקן ווייט אהין ווו זייער אפט פלעגט פון דארט אויפגיין די לבנה און זיך אפשפיגלען אין די וואסערן פון כנרת. אפילו די פייער־לעך פון די ארומיקע ווירטשאפטן אין די לאנגע נעכט פלעגן היילן איר נשמה. די טאג־טעגלעכע ארבעט פלעגט איר ארויסשלאגן פון קאפ אלע געדאנקען.

דא, אין שפיטאל, האט קיינער ניט געוווסט ווער זי איז, אויסער דער דירעקטאר. זי האט זיך ניט געחברט מיט קיינעם, נאר אויסגעלעבט זיך אין אירע אייגענע ראמען. דאס בוך, די נאטור און די ארבעט האט פארנומען איר גאנצע צייט. און ווען דער יונגער דאקטאר איז אמאל געקומען אויף א באזוך אין שפיטאל קיין עפולה, האט מען אים דערציילט, אז שרה איז אוועקגעפארן די וואך קיין אויסלאנד.

דער דאקטאר האט אויפגעגעבן זיין געדאנק וועגן שרהן. ער האט איר כמעט ווי פארגעסן, ווען ניט א צופאל.

ווען ער איז אַמאָל געפאָרן אויף אורלויב אין טבריה, האָט ער באַזוכט דעם אַרטיקן שפּיטאָל. דער דירעקטאָר האָט זיך געקלאָגט אויפן מאַנגל אין שוועסטער. דערביי האָט ער דערציילט, אַז ביי אים אַרבעט אַ שוועסטער פון קאַפּלאַן שפּיטאָל. זי איז אויסערגעוויינלעך אַרבעטסזאַם. שטיל, באַשיידן און איז ניט ווי די אַנדערע שוועסטער, וועלכע זוכן באַקאַנטשאַפט צווישן די יונגע דאָקטוירים. אָפּט — זאָגט דער דירעקטאָר, — שטוינט ער, וואָס אַזאַ יונג, שיין מיידל איז אָפּגעזונדערט פון לעבן.

די געשיכטע האָט זייער פאַראינטערעסירט דעם יונגן דאָקטאָר. אין דער אַרבעסט־צייט, איז ער אַהין אָנגעקומען מיט זיין פּראַכטפולן אויטאָ און מיט אַ שטאַרקן גרילץ פון דער מאַשין, געבליבן שטיין, ביים אַריינגאַנגס־טויער. שרה האָט באַמערקט דורכן פענצטער אָנקומען פון אַ הערלעכער מאַשין און אַ איבעראַשטע געבליבן שטיין, דערזעענדיק דעם דאָקטאָר גיין צום אַריינגאַנג.

שרה וואָלט אַנטלאָפן פון דער אַרבעט, ווען זי וואָלט ניט געדאַרפט ממשיך זיין אין אירע פליכטן און אַקוראַט האָבן זיי זיך ביידע געטראָפן אין קאָרידאָר.

— שרה! — האָט ער אויסגערופן.

— ווי אַזוי האָט איר מיך געפונען? — האָט זי אַ פאַררויטלטע געפרעגט.

— דאָס איז אַזאַ האַרץ־געפיל, שרה. קאַנטיק, אַז דעם גורל פון מענטש קאָן מען ניט אויסמיידן.

— אָבער איך וועל דיר איצט ניט שטערן. ווען ענדיקסטו דיין אַרבעט?

— צוויי אַזייגער. — האָט שרה געענטפערט.

— וועלן מיר עסן מיטאָג אין „גלי כנרת" האָטעל. וועסט מיר זיכער ניט אַנטזאָגן.

— אין אָרדענונג, דאָקטאָר, — שרה האָט ניט געהאַט קיין מוט אָנצורופן אים ביים נאָמען, ווייל ביים נאָמען האָט זי גערופן נאָר רמין.

גיך איז דורכגעלאָפן די צייט און צוויי דרייסיק איז שרה מיטן יונגן דאָקטאָר שוין געזעסן אין האָטעל „גלי כנרת" און געגעסן זייער מיטאָג.

נאָכן עסן, האָט דער דאָקטאָר געלאַדן שרהן זיך דורכפאָרן אויף אַ שיפל איבערן כנרת... שרה האָט ניט אַנטזאָגט. דער דאָקטאָר האָט אין דעם געזען אַ גוטן סימן.

רבקה גערווירצמאַן

* * *

אויף דער שיף „ירושלים" איז פריילעך. רמי, הערלען און דוד זיצן ביי זייער טיש באַזונדער. מוזיק באַגלייט די געסט, עס רוישט ווי אין אַ בינ־שטאָק אין עס־זאַל. גאָפּל מעסער קלינגען. געטראַנקען גיסן זיך פון פלע־שער אין גלעזלעך, דער הויך־שפּרעכער גיט איבער, אַז מען דערנעענ־טערט זיך צו דעם היימלאַנד און מאָרגן אין דער צייט, וועלן זיי לאַנדן אין חיפה. די פּאַסאַזשירן ווערן געבעטן רעגיסטרירן זייערע פּעסער און צו־גרייטן זייער באַגאַזש. הערלען, דוד און רמי זיינען געגאַנגען באַטראַכטן די שיף. דער וועג־ווייזער האָט זיי באַוויזן דעם געבוי און די מאַשינען, וועלכע באַוועגן די אינגעווייטן פון דער שיף, די באַקוועמלעכקייטן. רמי און הערלען האָבן מיט באַגייסטערונג אויפגענומען אַלע איינצלהייטן.

שפּאַצירנדיק זיינען זיי פאַרבייגעגאַנגען די קאַיוטע פון שיפס־קאַפּיטאַן.

— דאָ איז די וווינונג פון אונזער קאַפּיטאַן, — האָט דער וועג־ווייזער זיך אָפּגערופן. — ער איז אַ יונגער בחור און איז געוואַלדיק באַגאַבט. דער־ביי איז ער אויך אַן אויסערגעוויינלעכער גוטער מענטש. זינט זיין געפינען זיך אויף דער שיף לעבן אַלע מאַטראָסן מיטן פּערסאָנאַל, אַזוי ווי ברידער, וואָס דאָס איז זעלטן צו געפינען אויף אַן אַנדער שיף.

די רייד האָט געהערט דער קאַפּיטאַן און ס'איז אים געווען אינטע־רעסאַנט פאַר וועמען לויבט אים זיינס אַ באַאַמטער.

דער קאַפּיטאַן האָט פּלוצלונג אַן עפן געטאָן די טיר און איז געבליבן שטיין אין אַריינגאַנג.

— אַנטשולדיקט! — האָט הערלען אַ שמייכלדיקע אַ זאָג געטאָן. — מיר האָבן זיכער געשטערט אייער רו.

— רמי, דוד און דער וועג־ווייזער, האָבן זיך אָפּגעשטעלט און גע־וואַרט אויפן ענטפער פון קאַפּיטאַן. ער האָט אָבער געשוויגן. ווייל זיין געדאַנק איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון הערלענס געזיכטס שיינקייט און פון איר הערלעכן קערפּער. די ווייסע הויזן און די ווייסע בלוזע, וועלכע זי האָט געטראָגן אויף זיך האָט ליכטיקער געמאַכט שטראַלן איר געזיכט. איר גוטע שטימונג האָט אַרויסגעבראַכט שטיפערישע רייצקייט אין מענער, וועלכע ווערן פאַרליבט אין ערשטן בליק.

דער קאַפּיטאַן האָט געקוקט אויף הערלען דערפאַר האָט ער ניט גע־מערקט דודס אַנוועזנהייט. אַלע פינף זיינען געשטאַנען אַ ווײַלע אַן אויס־

רעדן אַ וואָרט. עס האָט זיך געשאַפֿן אַ לאַגע אָן אַן אויסוועג. פּלוצלונג האָט דער קאַפּיטאַן אַ פֿרעג געטאָן:

— ווער זענט איר? מיין דאַמע און הערן.

— עמוס! דו דערקאָנסט שוין אונדז ניט? — האָט דוד אויסגערופֿן.

— אַזוי קאָן אַ געשטאַלט פֿון אַ מיידל פֿאַרבלענדן דיינע אויגן?

— אַ! דוד! — האָט עמוס אויסגערופֿן און אים אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט. — באמת ניט געזען, עס טרעפֿט אָפּט ווען איך פֿאַרקוק זיך אַ מינוט אויף דער זון, און צי אָפּ שפּעטער מיינע בליקן, ווערן מיינע אויגן פֿאַרדעקט ווי אין אַ פֿינצטערניש.

— אַזוי האָט דיר אַ שיין געטאָן אונזער העלען? דיינע רייזעס זיינען דאָך אָן סוף. דו באַגעגנסט דאָך אַזוי פֿיל מיידלעך אויף דער שיף.

— אָט דאָס איז עס טאַקע. זאָל זיך די „ליידי" ניט גרויס האַלטן. אָבער, זי האָט מיך ממש פֿאַרכאַפּט מיט איר געשטאַלט. עס טרעפֿט אַזעלכעס אין לעבן. אָבער אַזוי ווי איך זאָג עס אין דער אָנוועזנהייט פֿון איר מענער געזעלשאַפֿט, מיין איך, אַז איר וועט ניט זיין אין כעס אויף מיר און ניט אָרויסברענגען אייפֿערזיכטיקייט. בפֿרט איר מאַן.

— איך האָב נאָך ניט קיין מאַן — האָט העלען שטיפֿעריש אַ זאָג געטאָן. — די מענער פֿון מיין געזעלשאַפֿט האָבן מיר ניט ליב. איך האָב מורא, אַז איך וועל ניט קריגן קיין בחור.

— טאָמער זאָל אַזעלכעס פּאַסירן, בין איך דער, וואָס וועל אייך אויסלייזן פֿון אַזאַ שווערן מאָמענט. אָבער אַנטשולדיקט, וואָס איך האָב אייך געלאָזן שטיין פֿון דער צווייטער זייט טיר. איך וויל האָבן דעם כבוד איינצולאַדן אייך אין מיין קאַיוטע אויף קאַפֿע. איך האָף, אַז איר וועט מ'ר ניט אָנטזאָגן, און דערביי האָבן מיר אַ מערהייט שטימען. איך, דוד און אייער מדריך. ביטע! — האָט זיך דער קאַפּיטאַן פֿאַרנייגט און מיט דער האַנט אָנגעוויזן דעם אַריינגאַנג.

— איך האָב ניט דאַקעגן — האָט רמי אויסגערופֿן. — דאָס ווענדעט זיך אין אונזער „ליידי".

— איז דען פֿאַראַן אַ מיידל, וועלכע וועט זיך אָנטזאָגן אַריינצוגיין אין דער קאַיוטע פֿון אַזאַ שיינעם און יונגן שיפֿס־קאַפּיטאַן? — האָט העלען שמייכלענדיק אַרויסגעזאָגט.

— ס'איז געווען ליידער, אַזעלכעס אויך, — האָט עמוס געענטפֿערט. העלען, רמי און דוד זיינען אַריין פֿון די ערשטע, און דער לעצטער איז אַריין דער מדריך.

— ווי הערלעך דאָ איז אַלץ איינגעאָרדנט! — האָט העלען אויסגע־רופן, באַטראַכטנדיק די פיר ווענט פון דער קאַיוטע. ווי ריין און ציכטיק דאָ איז.

— דאָס איז צו פאַרדאַנקען אונזער אַרכיטעקט און אונזערע רוימע־רינס. איך האָב אין דעם, דעם קלענסטן טייל. העלען האָט זיך געזעצט די ערשטע אויף דער שמאָלער סאָפע, וועלכע איז געשטאַנען אַ האַלב רונדע פון דער גאַנצער קאַיוטע. נעבן איר, — פון איין זייט האָט זיך געזעצט רמי פון דער צווייטער זייט — דוד. דער וועג־ווייזער האָט זיך געזעצט קעגנאיבער, נעבן שיפס־קאַפּיטאַן.

— אַ ציגאַרעט? — האָט דער קאַפּיטאַן פאַרגעלייגט העלען.

— אַ דאַנק, איך רויכער ניט.

— קודם כל לאָמיר זיך פאַרשטעלן איינע פאַר די צווייטע — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגערופן און פאַרגעלייגט אַ פּאַפּיראָס די מענער. — מיין נאָמען איז עמוס, געבוירן אין פּינסק.

— רמי פיינגאָלד, געבוירן אין ניו־יאָרק.

— העלען ראָזין, געבוירן אין ניו־יאָרק, פאַר צוזאַמען מיט רמי פיינ־גאָלד אויף אַ לוסט־רייזע קיין ישראל. רמי פאַרט צו זיין כלה — האָט העלען לאַכנדיק אַרויסגערעדט — און דאָ אויף דער שיף, האָבן מיר באַ־געגנט אונזער נייעם פריינד דוד, און שפּעטער באַקאַנט דעם שיפס־קאַפּי־טאַן עמוס? — ווי איז אייער צווייטער נאָמען?

— דיאַמאַנט! — האָט עמוס געענטפערט.

— באמת אַ דימאַנט! — האָט דער וועג־ווייזער זיך אָפּגערופן — אַ נאָמען פאַרפליכטעט.

— ריכטיק! — האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט. — איך האָב אַ סך באַקאַנטע, וועמענס נעמען אַנטשפּרעכן זייער אויסזען און כאַראַקטער, — האָט ער געלאַכט.

— איך האָב אַ חבר, הייסט ער שוואַרץ, און איז דורך און דורך בלאָנד. אין ישראל רופט מען אים „דזשינדזשי", ווייטער האָבן מיר דאָ אַן אָפיצירין, הייסט זי חביבה און די חברות אירע זאָגן, אַז אַזאַ שלאַנג איז נאָך אויף דער וועלט ניטאָ. אַ צווייטע, הייסט חדוה און כסדר זי שלאָפט, אפילו ווען מען טאַנצט אויף דער שיף אַ הורא, שלאָפט זי, מיר האָבן דאָ אַ תימנער, האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבן, ווייס. — אַלע האָבן אַרויסגעשאָסן מיט אַ הילכיק געלעכטער, ווען דער קאַפּיטאַן האָט פאַרגעשטעלט די קוריאָזן.

דערווייל האָט זיך די טיר געעפנט און אַ יונג שיין מיידל האָט אַרייַנ־געפירט אויף אַ טיי־וועגעלע, קאַפע מיט קוכן.

— אַ דאַנק דיר, שרהלע! — האָט עמוס זיך אָפּגערופן.

— מיטן בעסטן אַפּעטיט אייך! — האָט שרה געענטפערט און דערביי געוואָרפן אַ בליק אויף די אַנוועזנדע. ביידע מיידלעך האָבן זיך אָנגעקוקט און אין ביידנס בליקן האָבן זיך אַנטוויקלט מאָדנע געדאַנקען, אַנדערע רופן עס איפּערזיכטיקייט.

בעת שרה איז אַרויס פון דער קאַיוטע, האָט העלען איר באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. שרה איז געווען אַ וווּנדערבאַר שוואַרץ חנוודיק מיידל מיט מאָדנע פאַרחלומטע אויגן.

עמוס האָט באַמערקט די בליקן פון העלען און פון רמי.

אַלע זיינען אויף אַ מינוט שטיל געבליבן.

— טרינקט, מיינע טייערע. — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגערופן. — איך מוז אייך זאָגן, אַז איר האָט מיר פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן מיט אייער אַנוועזנהייט. ווי שטאָלץ מיר דאַרפן זיך פירן. מיר האָבן אַן אייגענע מדינה, פאָרן אויף אייגענע שיפן און פירן יידן פון דער גאַרער וועלט. איך האָב ליב מיין אַרבעט, ווייל אַט זיינען מיר פינף מענטשן פון באַזונדערע לענדער אָבער פון איין פאָלק און גלויבן. פון פּינסק און פון ניו־יאָרק, פון קאָוונע און פון אַרגענטינע. אַלע טרעפן מיר זיך צוזאַמען אויף אַ יידי־שער שיף, וואָס הייסט „ירושלים" און רעדן איין שפּראַך, יידיש. איך האָב גערן די שפּראַך, ווייל זי איז די שפּראַך פון מיין טאַטע־מאַמע, וועלכע זיינען אומגעקומען ערגעץ אויף די פעלדער פון דער פאַרשאָלטענעם פוילן. מען האָט מיר דערציילט, אַז מען האָט זיי אַלע אויסגעשאָסן אין דערביי־איקן וואַלד. אָבער מען האָט מיר אויך דערציילט, אַז מיינס אַ שוועסטערל איז געבליבן לעבן. איך בין דאָן אַנטלאָפן אין וואַלד אַלס ייִנגל, און מיט פּאַרטיזאַנער זיך ארומגעשלעפּט איבער וועלדער. איך קאָן זי ניט געפינען. איך האָב זיך אָנגעגעבן אַלס שילער אין ים־פלאָט און דערגאַנגען צו דעם, וואָס איך בין איצט. ביי יעדן טראַנספּאָרט פון עולים, לייען איך די רשימה פון די פּאַסאַזשירן און זוך איר נאָמען, און ליידער, געפין איך עס ניט. איר האָט געזען אַט דאָס מיידל, וואָס האָט פריער געבראַכט דעם כיבוד? איר נאָמען איז שולמית און איך רוף איר שרהלע. אויפן נאָמען פון מיין שוועס־טערל. אָבער מיר דוכט, ווען מיין שוועסטערל וואָלט געלעבט, וואָלט זי איצט געווען אין איר עלטער און וואָלט געווען אַזוי שיין ווי זי.

אין דעם מאָמענט האָט רמי אַ טראַכט געטאָן פון שרהן אָבער זי האָט

אים געזאָגט, אַז זי האָט קיינעם ניט פון דער משפּחה. און אַז זי איז עלנט, אַליין. אויך דוד האָט אין דער רגע אַ טראַכט געטאָן, שרה, אַ יונג קינד, גע־בראַכט געוואָרן מיטן עלית הנוער. אויך אים דוכט זיך, אַז זי האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז זי שטאַמט פון פּינסק.

— ביי אַלעמען טרעפן ניסים — זאָגט עמוס — איך הער אָפט אין ראַדיאָ, אַז מען זוכט קרובים. איך פאָלג נאָך די גאַנצע רשימה, אָבער וואָס מיר וווּנדערט, אַז הײַנט צו טאָג זוכן זיך נאָך אַרום קרובים? ווי איז עס מעגלעך?

— דאָס זיינען רעשטן, וועלכע זיינען צוליב סיבות ניט געפונען גע־וואָרן, אָבער לאָמיר האָפן, אַז אייער שוועסטער לעבט און איר וועט נאָך הערן פון איר, — האָט העלען אויסגערופן. — אין לעבן קאָן אַלץ טרעפן.

— זאָגט מיר, — האָט עמוס אַ פרעג געטאָן — ווער זענט איר? ווּהין פאָרט איר? און וואָס זיינען אייערע צילן?

— אָ, הער קאַפּיטאַן, — האָט רמי זיך אָפּגערופן. — איר טרעט צו גלייך צו די הויפּט־פראַגן פון דעם לעבנס־גאַנג ביי מענטשן. דאָס ווייזט פון דערוואַקסנקייט, טאָ לאָמיר אייך זאָגן אין קורצן: איך פאָר צום צווייטן מאָל אין ישראל. דאָס ערשטע מאָל בין איך געפאָרן אַלס טוריסט. ס׳איז אויסגעבראָכן די באַפרייאונגס־מלחמה, כ׳בין אַריין אין יידישן מיליטער, געוואָרן פאַרוואונדעט, אַפילו שווער, באַקאַנט אין קיבוץ דודן. אָט דעם בחור — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף דודן — דאָרטן האָב איך באַקאַנט אַ וווּנדערבאַר מיידעלע, זי הייסט טאַקע שרה, זי איז אַ געקומענע מיט עלית־הנוער און נאָך דעם, ווי איך האָב זיך אויסגעהיילט פון מיינע פיזישע וווּנדן, האָט זיך אין מיר אַנטוויקלט אַ קראַנקהייט, וואָס הייסט ליבע. איך האָב אויף אַ קורצער צייט געלאָזן דאָס מיידל אַליין און איצט פאָר איך אַ היים, וועל מיט איר חתונה האָבן און ווינען אין קיבוץ ביי דודן. העלען איז מיינס אַ גוטע פריינדין נאָך פון דער שול. דערביי האָבן אונזערע ביידנס עלטערן אַ שותפות פאַבריק. אויף מיין רייזע קיין ישראל, פאָרט העלען מיט און וועט פאַרברענגען זעקס חדשים אין לאַנד. און שפּע־טער פאָרן אַ היים קיין ניו־יאָרק, דאָרט וועט זי מן־הסתם אַריינטרעטן אין אוניווערסיטעט שטודירן, טרעפן אַ שגץ און חתונה האָבן. שפּעטער וועט זי אונז געבוירן אַ פּאָר שקצימלעך, — האָט רמי געלאַכט...

— רעד ניט אַזוי — האָט העלען אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין מויל. איך האָב געוואָלט מיט דיר חתונה האָבן. אַפילו דיין מוטער וויל עס.

נאָר דו ביסט קעגן. אים געפעלט שרה. איך וויל איר טאַקע זען. מיר פאָרן צו איר אין עפולה. זי אַרבעט דאָרט אין שפיטאָל אַלס שוועסטער.

— אַ שאָד, וואָס מיין צייט דערלויבט מיר ניט, איך וואָלט מיטגעפאָרן מיט אייך.

— אפשר וועט אייך אייער קאַפּיטאַן באַפרייען — האָט העלען גע־לאַכט. — עס וואָלט אונז געפרייט אייער געזעלשאַפט.

— מיר אויך, — האָט עמוס געלאַכט און זיך געפילט דערהויבן פון דער סביבה.

און וואָס איז מיטן אוניווערסיטעט ? — האָט דוד אַ פרעג געטאָן. — וועלן מיר לאָזן העלען אריינפאַלן אין די הענט פון אַ שגץ ?

— אָ, איך בין גרייט צו זיין דער שגץ ! — האָט עמוס זיך אָפּגערופן.

— אויך איך ! — האָט דוד אַרויסגערעדט האַלב דרייסט.

— איך האָב גאָרניט געוווסט, אַז איך האָב צוויי פאַרערער, וואָס זייגען גרייט מיט מיר חתונה האָבן און דו, רמי, דערוויטערסט זיך פון מיר.

— מיר מוזן זען צו פאַרגרעסערן אונזער קרייז — האָט רמי אויס־גערופן. — צווייטנס, שרה, דו מיינסט, העלען, אַז ס׳איז לייכט צו ברעכן אַ מיידלס אַ האַרץ. פרעג די מענער, וועלן זיי עס דיר זאָגן.

— יאָ, רמי איז גערעכט. קריגן די צושטימונג פון אַ מיידל און נאָך פון אַ שיין מיידל איז ניט לייכט.

— מען דאַרף האָפן — האָט העלען געענטפערט, — און איר מענער ווייסט דאָך, אַז דאָס האַרץ פון אַ מיידל געהערט ניט צו איר, עס געהערט צו אַ מאַן. פריער אָדער שפּעטער קומט עס.

אַ שטים אין הויך־שפּרעכער האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון קאַפּיטאַן. וועלכן מען רופט פון דער צענטראַלע.

— מיר וועלן גיין און ניט שטערן אין אייערע פליכטן — האָט רמי אויסגערופן.

— איר זענט מיינע געסט — האָט עמוס זיך אָפּגערופן — און איך לאַד אייך איין צום עסן אין אונזער עס־זאַל. איך פאַרהאָף, אַז איר וועט מיר ניט אָנטזאָגן.

— אַ קעי ! — האָט העלען געענטפערט און זיך געגעבן אַ הייב אויף פון איר אָרט. די מענער האָבן זיך געגעבן די הענט. העלענס האַנט האָט דער קאַפּיטאַן געהאַלטן לענגער ווי אַלע און דערביי פעסט געדריקט און מיט די אויגן געגלעט איר צאַרט געזיכט, וועלכעס האָט אָנגעהויבן זיך

רויטלען פון שעמעוודיקייט. די געסט האָבן פאַרלאָזט די קאַיוטע פון קאַפּיטאַן און אַרויף אויפן דעק.

אַלע דריי האָבן איצט שפּאַצירט און אַרויסגערופן גרויס אויפמערק־זאַמקייט פון די פּאַסאַזשירן. ווען זיי האָבן זיך געזעצט אין די ליג־שטולן, האָט העלען אַ זאָג געטאָן.

— מיר דוכט, אַז שרה קאָן אַמאָל זיין זיין שוועסטער.

אין לעבן קאָן אַלץ טרעפן — האָט דוד געזאָגט. — אָבער עס פּאַסן ניט די צייט־אַפּשניטן.

— פאַרוואָס? — האָט העלען אַ פרעג געטאָן: — ביידע זיינען זיי געווען נאָך קינדער — ער עטלעכע יאָר עלטער. זי איז געראַטעוועט גע־וואָרן דורך עלית־הנוער. מען דאַרף זי מאַרגן אַ פרעג טאָן.

— דאָס שטערט ניט — האָט דוד געזאָגט. רמי האָט זיך פאַרטראַכט, אין אומעטיקייט און אַ בענקשאַפט האָט אים באַהערשט צו שרהן, ווי ער וואָלט געוואָלט שוין זיין נעבן איר. דאָס האָט אים אָפּגעצויגן פון זייער געזעלשאַפט און אַנטשולדיקנדיק זיך פאַר העלען און דוד, איז ער אוועק.

— ער ליידט! — האָט העלען אויסגערופן.

— איך פיל אים מיט, — האָט דוד געענטפערט.

— איר ליידט אויך פון ליבע? — האָט העלען אַ פרעג געטאָן.

— יאָ! העלען, איך לייד פון ליבע און אפשר נאָך מער פון רמין.

— פאַרוואָס? — האָט העלען אַ פרעג געטאָן, איבערוואַרפנדיק אַ פוס איבער אַ פוס.

— ווייל איך ליב אַ מיידל, און ווייס ניט איר ענטפער.

— פאַרוואָס ווייסט איר ניט? פרעגט מען איר.

— אָבער טאָמער באַקום איך אַן אויסמיידיקן ענטפער, ווירקט עס אויף מיר זייער שלעכט.

— אייך קאָן ניט אַ מיידל ענטפערן ניין, ווייל איר זענט צופיל סאָליד, שיין און כאַראַקטערפול, אַז מען זאָל אייך אַנטזאָגן.

— ווען למשל, דאָס מיידל זאָלט איר זיין, ווי וואָלט איר רעאַגירט.

— איך? — האָט העלען אַ זאָג געטאָן, — מיט אָפענע אָרעמס און מיט אַ ברייט הארץ.

— דאָן מיין איך עס אייך! — האָט דוד געענטפערט.

— אָרעמער דוד! — האָט העלען אויסגערופן, — איך האָב מיך גאָר־ניט פאַרגעשטעלט, אַז איך קאָן אייך פאַראינטערעסירן, אויב דאָס ווענדעט זיך נאָר אין מיר, גיב איך אייך מיין האַנט. — העלען האָט אויסגעשטרעקט

איר האַנט דודן, װעלכער האָט איר אַ קוש געטאָן. אין דער דאָזיקער מינוט האָט העלען אַרומגענומען דודן, אים צוגעדריקט צו איר ברוסט און אַ לאַנגער קוש האָט זיי פּאַראייניקט.

— דוד — האָט שפּעטער העלען זיך אָפּגערופן. — איך האָב אייך ליב באַקומען נאָך פריער, איידער איך האָב אייך געזען. רמי האָט מיר װעגן אייך אַזוי פיל אָנדערציילט. ער האָט אייך ליב מער פון זיין לעבן. נאָר צוליב אייך זען, האָב איך געמאַכט די רייזע.

— איך װייס ניט, װאָס ער האָט אין מיר דערזען. אָבער איך מיין, אַז איך האָב אים ניט װייניקער ליב װי ער מיך. און פון היינט העלען, זאָלן מיר זיך זאָגן דו.

— דו, ליבער דוד, — האָט העלען אים אַרומגענומען און געקושט. — װען רמי איז צוגעגאַנגען, האָט דוד זיך אָפּגערופן: — רמי קאָנסט אונז אָפּגעבן דיין ברכה.

— מזל־טוב אייך, מיינע ליבע! איך האָב עס פריער געוווסט. העלען האָט עס נאָך מיר נעכטן געזאָגט, אַז דו געפעלסט איר און אַז איך האָב איר ניט אָנטױשט.

װען רמי, דוד און העלען זיינען געגאַנגען צום מיטאָג, האָט זיי דער קעלנער געמאָלדן, אַז זייער עסן געפינט זיך אין עס־זאַל פון קאַפּיטאַן.

— איך װאָלט עס ניט געװאָלט! — האָט דוד אַ זאָג געטאָן.

— ליבער דוד, שרעק זיך ניט. איך בין דיינע אויף אייביק. אַפילו צען קאַפּיטאַנען קאָנען עס ניט צעשיידן. אויב דו װילסט, קאָנען מיר שוין חתונה האָבן און רמי װעט זיין דער חופה וקדושין געבער. װו נעמט מען אַ רינגעלע — האָט העלען זיך צעװיצלט..

— מיר װעלן ניט קאַפּירן אַמעריקע. אויב חתונה האָבן, מוזן אונזערע עלטערן דאָ זיין, — האָט רמי זיך אָפּגערופן.

— באמת רמי, מיר האָבן ניט געשריבן קיין בריװ אַהיים. ס'איז ניט שיין.

— ס'איז ניט געװען קיין נייעס, אָבער איצט העלען, װעלן מיר נאָך היינט שרייבן אונזערע עלטערן, װאָס מיר האָבן אָפּגעטאָן אָן זייער װיסן און צושטימונג. אָבער מיר דוכט זיך, אַז מיר האָבן רעכט דערצו.

— יאָ רמי, מיר שרייבן אַ בריװ און דו, דוד, װעסט אויך צושרייבן.

— מסכים. אָבער לאָמיר זיך פאָטאָגראַפירן און פאַר איינס אָפּשיקן אַ בילד. דאָס װעט זיין פאַר זיי אַ סיורפּריז.

— אַ גוטער פּלאַן, מיר װעלן עס טאָן נאָכן עסן. — אַלע דריי זיינען

אַריין אין עס־זאַל פון קאַפּיטאַן און זיך געזעצט ביי אַן אויסערגעוויינלעכן רייכן טיש, וואָס עס האָט רמין דערמאָנט די היים.

— וואָס וואָלט מיר געפעלט, ווען אויך שרה וואָלט דאָ געווען.

— וועלכע שרה ? — האָט עמוס אַ פרעג געטאָן.

— מיין מיידל ! — האָט רמי געענטפערט.

— אַז איר וועט מיט מזל חתונה האָבן, לאַדן איך אייך דורכפירן אייער האָניק־חודש אויף דער שיף. שענער און באַקוועמער קאָן עס ניט זיין. איר וועט פאָרן אויף מיין חשבון.

— איך זאָג אייך צו. — האָט רמי געענטפערט.

— רמי ! — האָט העלען אויסגערופן. — ווען מיר וועלן טרעפן שרהן, וועלן מיר דורכפירן אונזערע חתונות און באמת אונזער האָניק־חודש פאַר־ברענגען אויף דער שיף... מיר וועלן מאַכן אַ רייזע אַהיים.

— אונזערע ? — וועמען מיינט איר עס ?

— רמי מיט שרהן און איך מיט דודן. — האָט העלען געענטפערט.

— האָט איר דאָך אינדערפרי געזאָגט, אַז איר האָט נאָך ניט קיין בחור. — האָט עמוס זיך אָפּגערופן.

— פון פרימאָרגן ביז איצט זיינען אַ סך וואַסערן אַוועקגעפלאָסן. ביי דער היינטיקער יוגנט גייט עס גיך.

— זאָל עס אייך זיין מיט מזל, — האָט עמוס זיך אָפּגערופן. — אָבער צו די אמתע חתונה וועט איר מיך רופן ?

— אָן צווייפל.

אַ לענגערע צייט זיינען אַלע געזעסן אין פרייד און אין אָנגענעמע שטימונג און שפּעטער אַוועק זיך אָפּרוען אין זייערע קאַיוטעס. העלען האָט ניט געקאָנט שלאָפן. עס האָט איר געצויגן אויפן דעק. גייענדיק האָט זי געטראָפן זיצן עמוסן ביי אַ טישל טרינקענדיק קאַפע.

עמוס האָט זיך אויפגעשטעלט און געבעטן העלען זיך זעצן נעבן אים. העלען האָט זיך געזעצט. עמוס האָט איר אָנגעגאָסן קאַפע. אַריינגעשאָטן צוקער און זיך אָפּגערופן :

— העלען ! זאָל אייך ניט וווּנדערן מיינע רייד. איך האָב זיך אין אייך שטערבלעך פאַרליבט. פון דער מינוט, וואָס איך האָב אייך געזען, איך ווייס ניט פאַרוואָס. נאָר זינט איר זענט אַוועק געפין איך ניט קיין רו. מיין זיצן דאָ איז אַ רעזולטאַט פון מיין אומרואיקייט. איך האָב דאָך געזען הונדערטער, אויב ניט טויזנטער מיידלעך און קיינע האָט מיר ניט געצויגן, אָבער עפּעס אייער געזעלשאַפט פאַרשאַפט מיר אַזוי פיל פרייד. דודן קאָן

איך פון די רייזעס. איך קאָן אים נאָך פון קיבוץ, אויך איך בין געווען פון די, וועלכע זיינען ארויף אויפן בערגל אין נגב זיך באַזעצן. אָבער מיך האָט געצויגן צום ים, בין איך געווען דאָרט נאָר אַ וואָך צייט און אַוועק קיין חיפה. ניט געקוקט, וואָס איך קאָן אייך אַזוי ווייניק, האָב איך אייך ליב באַקומען און עס פאַרדריסט מיך זייער, וואָס איך האָב אייך אַזוי גיך פאַרלוירן.

— ליבער קאַפּיטאַן, עס פרייט מיך צו הערן אַזעלכע רייד. יעדעס מיידל, מיינס גלייכן, וואָלט זיך געפילט גליקלעך עס צו הערן. אָבער דודן האָב איך ליב געהאַט שוין אין ניו־יאָרק. איך האָב אים ליב באַקומען נאָך אין דערהיים. און ווי אַ מאַגנעט האָט מיך צו אים געצויגן. איך האָב גע־וואַרט אויף זיין וואָרט און קאַנטיק, אַז ער האָט זיך דערשראָקן פאַר אייך. איר זענט דער גורם דערצו געווען, פאַר וועלכן איך בין אייך דאַנקבאַר. אָבער, אַזוי ווי מיר קאָנען זיך נאָר אַ פּאָר שעה, וועט דער ווייטיק זיין אַ קליינער.

— איר האָט רעכט, העלען. מיר קאָנען זיך ווייניק. מיר האָבן זיך באַקאַנט נאָר מיט אונזער אויסערלעכן אויסזען, אָבער ניט מיט אונזערע נשמות. אָבער ווי איך האָב אייך קענען געלערנט, דוכט מיר, אַז איר וועט זיין אַ גוטע פרוי צום מאַן. זאָל אייך גאָט באַגליקן אויף אַלע אייערע וועגן.

אויך דוד איז ניט געשלאָפן. זיין האַרץ איז געווען פול מיט גליק פון העלענס קוש, וועלכער איז געווען פאַר אים אַזוי זיס. ווידער האָבן זיך זיינע געפילן צעבונדען אין ליבע, ווי צו שרהן. ער האָט שוין ניט געוואָלט אַנטוישט ווערן אַ צווייט מאָל. ווי איבעררעאַשט ער איז אָבער געוואָרן, ווען ער איז אַריין אין קאַיוטע און דאָרטן איר ניט געטראָפן. דוד איז אַריין צו רמין, אויך דאָרטן איז זי ניט געווען. ערשט ווען ער איז אַרויף אויפן דעק, האָט ער פון ווייטן געזען איר זיצן מיטן שיפס־קאַפּיטאַן. אויפן ערשטן מאָמענט האָט זיין האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַרקער. נאָך ניט באַוויזן גוט איר צו באַקענען קומט שוין דער פאַראַט? דוד האָט געוואָלט זיך אומ־קערן אין זיין קאַיוטע. אָבער העלען האָט אים באַמערקט.

— דוד! — האָט זי אַ רוף געטאָן.

דוד האָט זיך אומגעדרייט און צוגעגאַנגען צו זייער טישל.

— שטער איך אייך? — האָט דוד זיי אַ פרעג געטאָן.

— אין קיין פאַל! — האָט עמוס געענטפערט, — איך מוז דיר זאָגן, דוד, אַז דו האָסט באַקומען אַ זעלטן גוט מיידל. צופעליק האָבן מיר זיך געטראָפן און איך האָב איר געפרוווט אַפּרעדן, האָב איך געזען, אַז דו ביסט

א גליקלעכער מענטש. העלען האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט דיך שוין פון לאַנג ליב און וועט דיר ניט פאַרבייטן אַפילו אויף צען אַזעלכע, ווי איך. ווינטש איך אייך מזל־טוב!

העלען האָט צוגעצויגן דודן צו זיך. געגלעט זיין געזיכט און קאָפּ, אַרומנעמענדיק זיין טאַליע, און זיך אָפּגערופן:

— דוד, איך האָב זיכער געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק אויף דיר. האָסט מיך זיכער געזוכט אין קאַיוטע און ניט געטראָפן. אָבער גלויב מיר, אַז איך וועל דיר זיין טריי אויף אונזער גאַנצן לעבנס־וועג. הימל און ים און עמוס זיינען עדות צו דעם.

— איך גלויב דיר, העלען! — האָט דוד זיך אָפּגערופן.

— נו, מיינע טייערע, איך וועל אייך ניט שטערן. איך גיי צו מיינע פליכטן. איך וויל האָפן, אַז ביז אייער פאַרלאָזן די שיף וועט איר זיין אין אונזער געזעלשאַפט. דאָס איז מיין פאַרלאַנג.

— מיר זאָגן עס צו — האָט העלען געענטפערט.

ווען עמוס איז אַוועק, האָט העלען געבעטן אַנטשולדיקונג ביי דודן און זיך געזעצט אויף זיינע קניען. דערביי האָט זי אים געקושט און געדריקט זיין קאָפּ צו אירע ברוסטן. — איך האָב דיך ליב, דוד! — האָט זי געשעפּ־טשעט אין זיינע אויערן.

דערווייל איז אָנגעקומען רמי, ווען ער האָט זיי געטראָפן זיך אַרעמען און קושן, האָט ער אויסגערופן: — מאַכט עס ניט אָפּן, ווייל דאָס רייצט און מאַכט מיך שטאַרקער בענקען צו שרהן. אָ, ווי איך וואָלט שוין געוואָלט די שיף זאָל לאַנדן אין חיפה.

— געדולד, רמי! — האָט העלען אויסגערופן. — נאָך אַ טאָג. — העלען האָט זיך געזעצט אויף דער דערבייאיקער שטול און אַלע דריי האָבן זיי איצט געטרונקען און געגעסן. די שיף האָט זיך געגליטשט אויפן שטילן ים. אויפן האָריזאָנט האָט אָנגעהויבן די זון זיך אַרונטערצולאָזן. רויטע שטראַלן האָבן געגומען באַדעקן דעם הימל. פון ווייטן האָט מען געמערקט ווייסע פויגלען אָנקומען צו דער שיף.

— דאָס איז אַ סימן, אַז מיר זיינען נאָענט צו לאַנד — האָט דוד זיך אָפּגערופן. אַלע דריי זיינען צוגעגאַנגען צום ראַנד פון דער שיף. רמי האָט אָנגעשטעלט זיין אויטאָמאַטישן פאָטאָ־אַפּאַראַט, אים אַוועקגעשטעלט און צוגעגאַנגען צו העלען מיט דודן, וועלכע זיינען געשטאַנען אַרומגענומען און אַלע דריי האָבן זיך פאָטאָגראַפירט. לאַנג זיינען זיי געווען אויפן דעק און באַוואונדערט די נאַטור, וועלכע האָט אַזוי ליבלעך און פריינדלעך געצויבערט.

שרה גיט איר הסכמה חתונה צו האָבן מיטן דאָקטאָר

אין דער צייט, ווען רמי, העלען און דוד האָבן זיך געפּילט גליקלעך אויף דער שיף „ירושלים", איז שרה געזעסן אין אַ קליין שיפל אויף אַ ים. אָבער אַ קליינער ים. וואָס הייסט ים כנרת. דער דאָזיקער ים כנרת וועלכער איז אַזוי פיל באַזונגען געוואָרן דורך דיכטער און דיכטערינס.

אויך דער כנרת איז שטיל. פייגעלעך, מיט ווייסע בייכעלעך, שוועבן אין דער לופט און לאָזן זיך אַראָפּ אויפֿן וואַסער איינטונקענדיק זיך, אָדער כאַפּנדיק אַ טרונק. אין דער דאָזיקער מינוט, שווימט זיך רואיק דאָס שיפל. אָבער אין שרהס האַרץ קומט פאָר אַ שטורעם. אַ שטורעם פון ליידן. שרה האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין מענטש, איר אַנטוישונג האָט דערבראַכט צו כלערליי מחשבות. זי האָט ניט געפילט די אַנוועזנהייט פון דאָקטאָר. זי האָט מיט אירע אויגן געקוקט אַרויף צו דער שטאָט פון איין זייט, און צו די ברעגן פון דער צווייטער זייט. זי האָט געזען אַזוי פיל הייזער און אין די הייזער ווינען מענטשן. גליקלעכע און אומגליקלעכע. יעדעס הויז האָט איר אויסזען, ווי אַ וועלט פאַר זיך. יעדער מאַן און יעדע פרוי האָט זיך איר פאַרגאַנגענהייט און ווער ווייסט וויפל צעבראָכענע לעבנס רוען אין די דאָזיקע ווענט, פון צייט צו צייט פלעגט איר אַ כאַפּ טאָן אַ געדאַנק, זיך אַראָפּלאָזן אין די טיפענישן פון ים און דערטרונקען ווערן. זאָל נעמען אַ סוף צו די צרות. דער יונגער דאָקטאָר האָט פאַרשטאַנען איר געמיט, דערפאַר האָט ער געשוויגן. ער האָט דערמעגלעכט אויפצונעמען די קלאַנ־גען פון אַ מאַנדאָלין, וועלכע האָט זיך צעשפּילט פון אַ דערבייאיק שיפל, וואָס איז דורכגעשווומען, אָט גליטשט זיך אַ שיפל אַליין. לאַנגזאַם. אַ פּאָרל זיצט איינגעטוליעט איינער אין צווייטן. שרה האָט עס געמערקט אָבער ניט געפילט. אין דער מינוט האָט דער דאָקטאָר זיך איבערגעזעצט נעענטער צו שרהן, האָט גענומען איר האַנט און געגלעט. שרה האָט זיך ניט קעגנגע־שטעלט.

אַ בענקשאַפט איז איר באַפאַלן צו ליבע צו צערטלעכקייט. צו הערן אַ גוט וואָרט, אַז זי ווערט געליבט און געשעצט. שרה האָט ניט געזען ווער עס זיצט נעבן איר, נאָר זי האָט געפילט ווי אַ מענער האַנט האַלט איר האַנט און ליפן שעפּטשען אַזעלכע האַרציקע ווערטער, וועלכע זיינען אַזוי באַקאַנט פאַרליבטע.

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי אומעטיק ? שרה ! פאַרוואָס נעמסטו אויף אַזוי גלייכגילטיק מיינע רייד צו דיר ? ווי מאָדנע דאָס לעבן איז — האָט ער

אויסגערופן. — די, וועלכע האָט מיך ליב, האָב איך ניט ליב און די, וועלכע איך פאַרגעטער, האָט צו מיר אַ גלייכגילטיקע באַציאונג.

— יאָ, אַזוי איז דאָס לעבן! — האָט שרה געענטפערט. — עס גייט ניט שטענדיק, ווי מען וויל! פאַרוואָס מוז דאָס לעבן צעבערעכן גליקלעכע פּאָרלעך? איך ליג אָפּטמאָל אויף מיין געלעגער און קאָן ניט פאַרשטיין די מענטשהייט. פאַרוואָס זאָל אַ וואָרט ניט זיין אַ וואָרט? גאָט אין הימל! איז דאָך דער מענטש אַ באַשעפעניש וואָס דענקט, טראַכט און דעצידירט אין זיינע מחשבות און גייט אין זיינע וועגן. ווער קאָן אים שטערן און האַלטן זיין צוזאָג. און פאַרוואָס זאָל ער סתם צוזאָגן? פאַרוואָס זאָל ער נאַרן? די וועלט איז שיין. די נאַטור איז גוט. די זון וואַרעמט אין די טעג און גיט איר פרייד, איך זע אָפּט אין פעלד, ווי פייגעלעך פליען, זינגען זייערע לידעלעך. אין די וועלדער זינגען זיך פויגלען מיט אַזאַ שיינעם געזאַנג. פאַרוואָס פאַרשטייען עס די פּשוטע פויגעלעך און ניט די מענטשן?

— יאָ, שרה, דיין פראַגע איז אַ פראַגע, אָבער וועסט אויף איר ניט באַקומען קיין ענטפער לויט דיינע מחשבות. די וועלט איז ניט אַזוי שיין, ווי דו שטעלסט זיך פאָר, דו זעסט נאָר דאָס אויסערלעכע און ניט דאָס אינעווייניקסטע. אין דיר רעדט געפיל און לאָגיק אָבער ניט דאָס רעאַלע. ווען דו וועסט זיך גוט צוקוקן, וועסטו זען, אַז דאָס זעלבע קליינע זינגענדיקע פויגעלע איז אַ באַרבאַר. ווי יעדער באַרבאַר. זינגענדיק אין וואַלד שטייט זי אויף אַ בוים און פּיקט אויס די ווערעמלעך פון בוים, וועלכע האָבן אויך זייער לעבן. אויך זיי האָבן זייער נאַטירלעכן גאַנג, אויך דאָס ווערעמל רייסט זיך צו זיין אָרט לעבן, קומט דער פויגל און צעשטערט עס. דער פויגל זינגט ביז עס קומט אָן דער רויבער־פויגל און פאַרצוקט דאָס קליינע פייגעלע און אַזוי גייט עס אָן אַ סוף.

— אָבער דער מענטש האָט דאָך פאַרשטאַנד! — האָט שרה אַרויסגערעדט אין אָן אויפגערעגטן טאָן. — דער מענטש קאָן געפינען זיין שפּייז און אַנטוויקלען די נאַטור־כוחות.

— יאָ, אָבער דאָ איז ניט קיין פראַגע פון פיזישער עקזיסטענץ. דאָס קאָן זיך נאָך די וועלט ווי ניט איז, געבן אַן עצה. אָבער ניט נאָר אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש. ער האָט געפילן. אינערלעכע פאַרלאַנגען, נאַטירלעכער גאַנג און זיך מערן און אויפהאַלטן דאָס באַשעפעניש. שטעל זיך פאָר ווען די מענער אָדער די פרויען פאַרלירן זייער רייץ, אין מאַן צו פרוי, אָדער פאַרקערט, זיי ווערן גלייכגילטיק. וועט אין משך פון הונדערט יאָר, ניט פאַרבלייבן קיין איין מענטש אויף דער וועלט און די וועלט

ווערט וויסט און פוסט ווי אין אדמס צייטן. האָט די נאַטור געגעבן דעם מאַן און דער פרוי די סעקסועלע רייצקייט און דאָס ציט און בינדט דער מענטשהייט. אַ סך פילאָזאָפן זאָגן, אַז עס עקזיסטירט ניט אַזאַ זאַך, וואָס הייסט ליבע און שיינקייט אויף דער וועלט. עס עקזיסטירט בלויז אַן אָפּ־נאַרונג. עס דוכט זיך יענעם, אַז דער צווייטער איז ליבליך, אַז די צווייטע איז שיין. ניט איינמאָל קומט מיר אויס צו הערן אין געזעלשאַפט, ווי איי־נער אָדער איינע לויבט אַ צווייטן אין די אויגן פון אַ פריינד און זאָגט, זי איז שיין? עס הויבט זיך גאָרניט אָן. דער איז ליבליך? אַ ליגן. דאָס איז אָן אכזר פון ערגסטן מין. ניטאָ קיין פעסטגעזעצטע זאַך אין דער נאַטור אַלץ איז רעלאַטיוו. אָט האָסטו זיך פאַרליבט אין רמי. איז דען איין רמי דאָ אויף דער וועלט? זיינען דען ניט געווען קיין אַנדערע מיידלעך אין זיין סביבה, וועלכע האָבן אַפילו קוקן אויף אים ניט געוואָלט. פאַרוואָס? ווייל זייערע געפילן און זייערע אויגן האָבן עס אַנדערש באַנומען. דו, שרה, האָסט געזען אין אים אַ מלאך, ווייל דו ביסט געווען עלנט. דו האָסט ניט געהאַט קיין וואַרעמע היים, קיין מאַמעס אָדער טאַטנס צערטלעכקייט. דיר האָט געפעלט די קינדער־ליבע. דערפאַר האָט דיר אַ כאַפּ געטאָן די יוגנט־ליבע. און רמי? ער האָט געהאַט די דאָזיקע ליבע אין זיין היים. אים האָט נאָר געפעלט דער דאָזיקער סעקסועלער גאַנג פון נאַטירלעכן דראַנג, האָט ער געפונען אין דיר. און דערפאַר טרעפט אַ סך מאָל, ווען אַ מיידל קאָנט־ראָלירט זיך ניט אין אירע געפילן, ווערט זי פון בחור אויסגענוצט און אָפּ־גענאַרט. ניט געקוקט וואָס זי מיינט, אַז זיינע ליבע־ווערטער זיינען אַזעלכע זיסע און מען מיינט, אַז ער איז גרייט פאַר דער פרוי זיין לעבן צו געבן.

— דערפאַר גייט פאַר אַזאַ גאַנג אין דער געשיכטע פון לעבן פון מענטש. איך וועל ניט זאָגן, אַז אַלע זיינען אַזוי. עס גיט אויך אויסנאַם־פאַלן. עס טרעפט אויף דאָס פאַרקערטע. ווען דאָס זעלבע מיידל לאַכט אויס דעם בחור. אָבער דאָס איז עס, שרה! אַזוי און נאָר אַזוי דאַרפסטו פאַרשטיין דעם מענטש. אין לעבן דאָמינירן ער און זי. אַזוי איז עס ביי אַלע באַשעפענישן, ביי אַלע לעבעדיקע ברואים. אַפילו ביי פלאַנצונגען גייט עס פאָר. און אָט אין דעם דאָזיקן דזשונגל דאַרף דער מענטש געפינען דאָס גליק.

— אויב אַזאַ איז דאָס לעבן, אינטערעסירט עס מיך ניט — האָט שרה געענטפערט. — איך ווייס, אַז גראַנגל איז אינטערעסאַנט. און אַנדערע זאָגן, אַז גראַד אין גערשנגל ליגט דאָס גליק, אָבער איך קאָן עס ניט, דאָק־טאָר! פאַרשטייט מיר. איך וואָלט געוואָלט פאַרגעסן, אָבער ס'איז מיר שווער. איך באַמי מיך אים צו פאַרגעסן. איך וואָלט געוואָלט, אַז רמי זאָל

מיר אַרויס פון זינען, אָבער דאָס לאָזט זיך ניט. דערמאָן איך נאָר בלויז זיין נאָמען, פיל איך ווי דאָס האַרץ גיט אין מיר אַ צאַפּל. דאָקטאָר! — האָט שרה אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט. — גיט עס אין דער מעדיצין אַזאַ רפואה, וואָס זאָל געבן פאַרגעסונג? איך וואָלט עס גענומען. איך וואָלט געוואָלט זיין אַזוי ווי איך בין געווען מיט אַ יאָר צוריק.

— יאָ, טייערע שרה! — עס איז דאָ אַזאַ רפואה. אָבער זי הייסט צייט. דאָס, וואָס עס היילט די צייט, וועט עס קיין דאָקטאָר אין דער וועלט ניט היילן. דו וועסט זען, אַז דו וועסט זיך פון אים אָפּגעוווינען. ער וועט בלייבן אַ פאַרבייגייענדיקער עפּיזאָד אין דיין לעבן.

— אָט דאָס איז אויך אַ שטערונג. זאָגט מיר דאָקטאָר, ווי פילט די, וועלכע טרעפט איר אַמאָליקן געליבטן צופעליק. מען קאָן דאָך קריגן אַ האַרץ אַטאַק.

— אויך דאָס קומט פאָר, אָבער אין זעלטענע פאַלן, ווייל דאָס אָפּגעוווינען זיך פון דעם, דערברענגט צו ליבע צו אַ צווייטן.

— קאָן מען ליבן צוויי מאָל? — דאָקטאָר! — האָט שרה נאָכאַמאָל אַ פרעג געטאָן.

— יאָ! מען קאָן. ווען ניט וואָלט די וועלט ניט געהאַט קיין קיום. מיין ניט, אַז דו ביסט איינע אין דער וועלט. אַהאַ! ווי רייך די ליטעראַטור איז אויף דעם געביט ביי אַלע פעלקער. — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

— און מיר דוכט, אַז צוויי מאָל ליבן קאָן מען ניט. איך האָב שוין פּרובירט טראַכטן דערפון און קאָן זיך ניט דעצידירן. אָט בין איך אין אייער געזעלשאַפט. מיר פאַרברענגען צוזאַמען אַ שיינע פאָר שעה. ס'איז מיר זייער אינטערעסאַנט און איך פיל, אַז נאָך אַ פּאָר שעה וועט אַוועק און דער אינטערעס, וועט ניט אויפהערן. אָבער עס איז ניט דער אינטערעס, ווי איך האָב געהאַט מיט רמין. איך ווייס, אַז אונזער געשפּרעך איז אַ סך ערנסטער, שענער, נוצלעכער, ווי אויסדריקן אינטימע ליבע-געפילן. איך ווייס, אַז אַ קוש פון אַ געליבטן איז זיס ווי די בעסטע זיסקייט, אָבער אַזאַ געשפּרעך, איז ווי טרינקען די בעסטע קאַפע אָבער אָן צוקער. עס פעלט אָט די זיסקייט.

— איך וועל באַמיען זיך עס צו פאַרזיסן, שרה. גלויבט מיר און מיר וועלן ווייט אַוועק אין אונזער צוזאַמענלעבן. — דער דאָקטאָר האָט פּרובירט אַרומנעמען שרהן און איר אַ קוש טאָן. אָבער שרה האָט פעסט אַ זאָג געטאָן:

— דאָקטאָר! זיצט רואיק, ווייל איינזייטיקע קושן זיינען פיזישע ליידנ־שאַפטן און דערלויבט אייך ניט צו נעמען זיך איינזייטיקע רעכטן.

— איך טו עס אויס ליבע צו דיר, שרה, פאַרוואָס פאַרשטייסטו מיך ניט!

— ווייל פון אייערע רייד האָב איך אַרויסגענומען דאָס ליבע עקזיס־טירט ניט. עס עקזיסטירן פיזישע געזעצן און איך וויל ניט זיין דער פיזי־שער אָפּלייטער דערפון.

— האָסטו מיך ניט ליב? — שרה!

— אַזוי איז עס! איך האָב אייך נאָך ניט ליב. כאָטש איך רעספּעקטיר אייך זייער. איר שטייט העכער פון מיר אין בילדונג, אין דערפאַרונג און לעבנס־גאַנג. אָבער איך בין נאָך ניט צוגעקומען צו אייערע מחשבות. מעג־לעך, אַז איך וועל עלטער ווערן, וועל איך אַנדערש באַגרייפן דעם פּראָצעס.

דער דאָקטאָר האָט זיך געזעצט אויף זיין אָרט און פאַרזונקען געוואָרן אין מחשבות. אונטער די העלע לבנה ליכט האָט שרה באַטראַכט זיין גע־זיכט. ער ליידט — האָט זי צו זיך גערעדט. — און אַז ער וואָלט מיר שוין אַ קוש געטאָן — וואָלט פון מיר אַראָפּגעפאַלן די קרוין? — האָט שרה גערעדט אין הארצן. — גאָט! ווי אומעטיק ער איז, איז עס אַ קוש אַזאַ גרויסע געשעעניש.

אַ מאָדנער חרטה געפיל האָט שרהן אַרומגענומען. איר גוטע נאַטור האָט ניט געקענט אַ מענטשן ווי טאָן. עס דוכט זיך איר, אַז זי אַלס שוועס־טער, דאַרף אַזוי שטאַרק באַליידיקט דעם יונגן דאָקטאָר. ווי ניט ווילנדיק, האָט שרה אַנגענומען זיין האַנט און אויסגערופן:

— דאָקטאָר! זייט מיר מוחל, פאַרשטייט מיר, מיינע ליפּן האָבן גע־קושט אַ צווייטן און ס'איז ניט לייכט אויפצונעמען קושן פון אַנדערע. אָבער ווי זאָגט איר? דער מענטש דאַרף האָפן, און אויב איך וועל זען, אַז ביי אייך דאָמינירן אויפריכטיקע געפילן צו מיר, מעגלעך, אַז דאַן וועט זיך צוריק אין מיר אַנטוויקלען געפילן פאַר ליבע, אָבער איך מיין, אַז איר וועט מיט מיר ניט קאָנען זיין גליקלעך, ווייל פאַר מיינע אויגן וועט שטיין רמי. איך וועל אים ניט פאַרגעסן זינט איך וועל לעבן. און אויב איך זאָל אים ניט פאַרגעסן, וועט איר דערפון ליידן. טאָ צוואָס דאַרפט איר טראַכטן חתונה האָבן מיט אַזאַ, וועלכע וועט אייך ניט קאָנען געבן דאָס גליק, וועלכן איר ווינטשט זיך?

— שרה! איך וויל נאָר הערן איין וואָרט פון דיר. קאָן איך האָפן?

— וואָס די צייט קאָן געבן, זאָגט איר קאָן מען ניט וויסן, מעגלעך.

— איך זאָג דיר צו, שרה! אויב דו וועסט אַמאָל טרעפן רמין אין

איר יועט זיך ווען פארבינדן אפילו נאך דעם, ווי מיר ווען זיין חתונה געהאט, וועל איך דיך באפרייען.

— דאקטאר! עס איז שוין שפעט, און מארגן האב איך א טאג ניט לייכטע ארבעט, איך גלויב, אז מיר קאנען גיין אהיים.

— לויט דיין פארלאנג, שרה. — דער דאקטאר האט גענומען די רודערס אין זיינע הענט און דערבראכט דאס שיפל צום ברעג. שרה האט איצט שפאצירט צוזאמען מיטן דאקטאר אויפן ברעג ים. אויך דא איז פול געווען מיט שפאצירנדיקע פריילעכע פארלעך, אבער זי האט עס ניט גענומען אין אכט. ווען זיין אויטא האט איר צוגעפירט צו איר וווינונג, האט ער נאך געווארט אויף שרהס רעאגירונג. אבער זי האט אים אויסגעשטרעקט איר האנט און מיט א געזעגענונגס־ווארט שלום, לילה טוב, איז זי ארויפגעלאפן די טרעפ, וועלכע פירן צו איר צימער. שטיל, אפילו אן אנצינדן דאס ליכט, איז זי אריין אין איר וווינונג. זי האט דאס ליכט ניט אנגעצונדען, שרה האט אפגערוקט דעם פארהאנג, האט אן עפן געטאן דאס פענצטער, א יווארעמער דרום־ווינטל האט א שלאג געטאן אין איר צימער און מילד געגלעט איר געזיכט. שרה איז געשטאנען ביים אפענעם פענצטער און ארויסגעקוקט אינדרויסן. די לבנה, א רונדע, א פולע, האט שטארק געשיינט און זיך אפגעשפיגלט אין די בלויע וואסערן פונעם כנרת. נאר פון יענער זייט ברעג, האבן קליינינקע פייערלעך זיך געטונקט און געלאשן אט אזוי, ווי אין איר הארצן, האבן זיך געטונקט ליבע און האס, סיי צום דאקטאר און סיי צו רמין. לאנג איז זי געלעגן אויף איר געלעגער מיט אפענע אויגן און באטראכט די לבנה פארביי וועלכע עס זיינען געשוווּמען וואלקנדלעך קליינע, אזעלכע ווייסע, צארטע, שרה האט אין זיי געזען אלערליי געשטאלטן אפילו רמין האט זי אין זיי געזען. אפט איז איר אויסגעקומען, ווי רמי שוועבט ווי א מלאך און פליט גלייך צו איר. עס האט איר געפרייט וואס דאס פענצטער איז געווען אפן. אפשר וועט ער צו איר אריינפליען. ווי גליקלעך זי וואלט איצט געווען, ווען רמי זאל דא ליגן נעבן איר און איר פעסט ארומנעמען און קושן. ווי ניט ווילנדיק האט זיך אין איר מוח א פלאנטער געטאן יענער אוונט, וועלכן זי האט אמאל דורכגעלעבט, ווען זיי זיינען געגאנגען אהיים פונעם בערגל אין נגב.

וואס מער שרה האט געטראכט, אלס מער האט אין איר אנגעהויבן די בלוטן צו ברויזן. שרה האט זיך געווארפן אויף איר געלעגער אין בענקעניש און גלוסטונג. אבער אויך די דאזיקע ליידן האבן זיך געשטילט און זי איז איינגעשלאפן.

ווען זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי האָט געחלומט אַז רמי איז ביי איר געווען, האָט געבעטן אַנטשולדיקונג און דערקלערט, אַז שלעכטע מענטשן האָבן געזוכט זיי צו צעשיידן, און אַז פון הייַנט וועלן זיי זיין צוזאַמען און קיינער וועט ניט צעשטערן זייער גליק. ווידער די זעלבע פאַלשע זונען שטראַלן. ווידער קומט אַ טאָג פון אַרבעט. ווידער רוישן די גאַסן, ווי עס וואָלט גאָרניט געווען. נאָר אין איר האַרצן האָט ווייטער געברענט די אויף אייביק ניט פאַרלאָשענע ווונד פון ליבע.

און ווען שרה איז אָנגעקומען צו איר אַרבעט, האָט זי געפונען, צו איר איבערראַשונג, דעם יונגן דאָקטאָר זיצן ביים הויפּט־דאָקטאָר פון שפּיטאָל און געמיטלעך געשמועסט, פאַרציִענדיק געשמאַק זיין פּאַפּיראָס.

מיט שרהס אַריינקומען, האָט דער דאָקטאָר זיין פּאַפּיראָס געלייגט אין דעם פּאַפּיראָסן־בעכער, און העפלעך געגעבן שרהן זיין האַנט. שרה האָט זיך עטוואָס פאַרראָיטלט און שמייכלענדיק געענטפערט אויף זיין שלום. זי איז אַוועק צו דער אַרבעט ווי זי וואָלט אַפילו אים ניט געקאָנט. אָבער איר טראָט איז ניט געווען שוין אַזאָ זיכערער, ווי נעכטן. זי האָט געפילט, אַז די אַרבעט ווערט איר מיאוס און זי וואָלט גערן געוואָלט נאָך איצט ליגן אין בעט אין איר ווינונג און שלאָפן. שלאָפן אָן אויפהער. די דינסט זאָל איר באַדינען און זי מיטן מאַן זאָלן זיצן ביים טיש און עסן דעם פרישטיק. אָבער די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון איר אַרבעט האָט איר צוריק אַריינגעפירט אין איר טאָג־טעגלעכער זאָרג.

אין אָוונט, ווען שרה איז געזעסן און געלייענט, האָט אַ קלונג איבער־געריסן אירע מחשבות. זי האָט געעפנט די טיר. ווידער איז דער דאָקטאָר געשטאַנען פאַר איר.

— דאָקטאָר! אַזוי פּלוצלונג, ווי קומט איר דאָ? איך בין געווען זיכער, אַז איר זענט געפאָרן אין רחובות צו דער אַרבעט.

— איך האָב גענומען אורלויב צען טעג. איך האָב היינט קאַרטן צום קאָנצערט פון יהודה רובינשטיין — אין עין־גב, איך קאָן אים פּערזענלעך, ער איז מיינס אַ גוטער פריינד און אים בין איך טאַקע געקומען הערן. מיר קאָנען פאָרן מיטן דאַמפער — אָבער איך וויל בעסער מיר זאָלן פאָרן מיט מיין מאַשין. ס'איז אַ האַלבע שעה רייזע.

— אַ איך דאַנק אייך דאָקטאָר! איך בין נאָך ניט געווען אין אַזעלכע פלעצער איך נעם אָן אייער איינלאַדונג, אָבער איר וועט קומען צו מיר אין אַ שעה אַרום און גיט נאָר אַ צייכן מיט אייער מאַשין, אַז איר זענט דאָ.

איך וויל ניט, אַז מיין אייגנטימערין פון דער וווינונג זאָל טראַכטן, אַז איך נעם אויף מענער אין מיין צימער. עס איז ניט געזונט פאַר ביידן.

— אָפּגערעדט! שרה! איך וועל וואַרטן אין דער מאַשין.

די שעה איז גיך אַדורך. שרה האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ העל קליידל. ווען דער דאָקטאָר האָט זי דערזען, איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר שיינקייט. עס זאָגט זיך טאַקע, אַז קליידער מאַכן אָפּט אַ מענטשן נאָך שענער, ווי ער איז. אָבער שרה איז שיין געווען ווי אַ מלאך — אין איר נאַטור, בפרט ווען די קליידונג האָט איר געמאַכט עלטער, שטאָלצער און מער פרוי...

— דער דאָקטאָר האָט ניט געקאָנט אָפּרייסן זיין בליק פון שרהן. זיין געזיכט האָט געשטראַלט פון פרייד. ער האָט באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז חתונה צו האָבן מיט שרהן. ער מוז איר אַרויסנעמען אין די שענסטע רייכסטע ערטער. זאָל זי זען, אַז אין לעבן גיט נאָך אַ סך שיינע זאַכן. זאָל זי פאַר־געסן רמין. זאָל זי פילן, אַז די וועלט איז פאַנטאַסטיש שיין. דער פּראַכט־פולער אויטאָ האָט זיך איצט געגליטשט איבערן גלאַנציקן אַספאַלט אַרום די ברעגן פון כנרת.

דער ראַדיאָ האָט אַרויסגעגעבן הערלעכע מוזיק־קלאַנגען פון אַן אָפּע־רע. שרה האָט אין דער מינוט פאַרגעסן אַז עס עקזיסטירט וועך אין דער וועלט. דער גאַנצער אַרום האָט איר פאַרכשופט. ווען זיי זיינען אָנגעקו־מען אויפן אָרט, האָט שרה דערזען טויזנטער מענטשן. יונגע און עלטערע. אַלע שיין־געקליידעטע, פריילעכע לאַכנדיק. ליכט, אַ ים פון ליכט, האָט באַלויכטן דעם אַרום. האָט זיך געפילט אַ שטאַרקע יום־טובדיקייט.

ווען שרה איז דורכגעגאַנגען מיטן דאָקטאָר די רייען, צו איר פּלאַץ, האָבן זיי אַלע נאָכגעקוקט. שרה האָט געפילט די בליקן אויף זיך. איר פּאַרטנער האָט אויך באַמערקט די אויפמערקזאַמקייט, וועלכע שרה האָט אַרויסגערופן, אָבער פּלוצלונג האָט זיך די ליכט אויסגעלאָשן. אַ יונגער שיינער מאַן, אין אַ שוואַרצן אַנצוג און מיט ווייס גוט געפּרעסטע העמד אין אַרויסגעקומען. דאָס איז געווען יהודה רובינשטיין אין דער באַגלייטונג פון זיין שיינע שוועסטער. אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן האָט אַרויסגע־רופן ביים קהל, וועלכער האָט ניט אויפגעהערט אויסדריקן באַגייסטערונג פאַרן יונגן ווירטואָז. ערשט ווען דאָס טויטע פידעלע האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן טענער, האָט שרה געפילט, ווי איר האַרץ ווערט צעריסן. זי ווייסט ניט ווי אַזוי, נאָר יעדער קלאַנג האָט אין איר געברענט, זי איז געזעסן ווי צוגעשמידט צום אָרט און זיך ניט געקאָנט באַוועגן. דער דאָק־

טאָר האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון שׂרהן, וועלכער האָט איר מיט־געפילט.

אין דער דאָזיקער מינוט, ווען דער קאָנצערט איז פאַרגעקומען, האָבן די טענער פון רובינשטיינס פידעלע ניט נאָר זיך געטראָגן אויף די כוואַליעס פון כנרת, נאָר זיי האָבן זיך איבערגעטראָגן אויף די לופט־כוואַליעס, וועלכע האָבן געקראָגן זייער אָפּקלאַנג אויף דער שיף „ירושלים", ווו דוד, רמי און העלען זיינען געזעסן און זיך אויך באַגייסטערט פון די טענער וועלכע האָבן אַרויסגערופן טיפע געפילן ביי פאַרליבטע. לאַנג האָט רובינ־שטיין געשפּילט און ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָט דער ריזיקער קהל ניט אויפגעהערט צו אַפּלאָדירן.

רובינשטיין האָט באַמערקט זיין באַקאַנטן אין דער אַנוועזנהייט פון אַ עלעגאַנטע פרײלין. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און דעם דאָקטאָרס האַנט האָט געדריקט די הענט פונעם קינסטלער. רובינשטיין האָט באַמערקט שׂרהן און אַ פרעג געטאָן, ווער איז דאָס מיידל ?

— מיינס אַ פריינדין — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

— זי האָט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט — האָט רובינשטיין גע־ענטפערט — און דערפאַר דוכט זיך מיר, האָב איך אַנדערש געשפּילט, ווי שטענדיק. אַ וווּנדערבאַר מיידל.

— אַ דאַנק ! — האָט שׂרה געענטפערט. — איר, מענער, האָט שטענ־דיק גרייט קאָמפּלימענטן. זיינען אויך דאָ מיאוסע פרויען ?

— פרוילין ! — האָט רובינשטיין אויסגערופן — קוקט אָן דעם אַמפי־טעאַטער. וויפל פרויען זיינע דאָ דאָ ? איך זע נאָר אייך, בפרט אין דער אַנוועזנהייט פון מיין פריינד. לכבוד אייך וועל איך אויפשפּילן אַ ספּע־ציעל באַליבט ליד, וועלכע איך שפּיל נאָר דאַן, ווען איך בין פון וועמען באַגייסטערט.

— וויפל מאָל אין מאַנאַט שפּילט איר אַזעלכע לידער ? — האָט שׂרה שמייכלענדיק, אַ פרעג געטאָן.

— אַ ! מיין פריינדין. מיינט איר, אַז אונזערע הערצער זיינען אַזוי ברייט ? דאָס טרעפט אַמאָל אין אַ יובל. צוויי מאָל האָט עס פּאַסירט אין מיינע פיר און דרייסיק יאָרן פון מיין לעבן.

דאָס איז דער דריטער פאַל.

דערוויל האָט דער קהל געשטורעמט פון אויסרופן, אַז רובינשטיין זאָל ווייטער שפּילן. און דער קינסטלער האָט געענטפערט אויפן פאַרלאַנג פון

קהל. דערביי האָט ער אָבער באַצייכנט, אַז די דאַזיקע שאַפונג ווידמעט ער זיין באַקאַנטנס באַגלייטערין.

רובינשטיין האָט געשפּילט איינע פון זיינע באַליבסטע לידער, וועלכע האָט דורכגענומען הערצער. אויך רמי, דוד און העלען האָבן נאָכגעפאָלגט דעם דאָזיקן קאָנצערט. און ווען שרה האָט באַדאַנקט דעם קינסטלער, האָט זי עס געטאָן דורכן ראַדיאָ־אַפּאַראַט.

אין דער מינוט, ווען רמי האָט דערהערט די שטים, האָט זיך אים געדוכט, אַז די שטים איז אים באַקאַנט. און דער נאָמען שרה האָט נאָך מער באַקרעפטיקט זיין מיינונג. אָבער עס איז אים ניט איינגעפאַלן, אַז דאָס זאָל זיין שרה.

שפּעט ביינאַכט, ווען דער דאָקטאָר האָט אָפּגעפירט שרהן צו איר וווינונג, האָט שרה צוגעזאָגט דעם דאָקטאָר אים געבן אַן ענטפער וועגן זיין הייראַטס פאָרשלאָג, וועלכער איז געקומען שפּעטער.

א גאַנצע נאַכט האָט שרה ניט געשלאָפן. איר האַרץ האָט געפירט אַ געראַנגל מיט זיך. זאָל זי אויפגעבן איר לעבן צוליב רמין, אָדער זוכן ווייטער גליק. אין איר עלטער האָט זי זיך ניט געקאָנט דעצידירן צו אַזאַ שריט.

קיין חברים און חברות, אינטימע פריינד האָט זי ניט געהאַט און יעדע דעציזיע האָט זי אַליין באַדאַרפט מאַכן. — האָט זי טאַקע ניט גע־ ווּוסט, ווי צו האַנדלען.

איר ווייטיק און פּיין איז געוועזן אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט ניט געזען פאַר זיך קיין צוקונפט. שרה האָט זיך געפרעגט אַליין: דער יונגער דאָק־ טאָר איז שיין, רייך — ווי ער זאָגט. שטאַמט פון אַ גוטע היים און איז אין איר פאַרליבט. יאָ. זי זעט עס, זי פילט עס. אָבער פאַרוואָס האָט זי ניט קיין געפילן צו אים? געדענקט זי דאָך, ווי די „שוועסטערן" אין קאַפּלאַן שפּיטאָל פלעגן רעדן וועגן יונגן דאָקטאָר, אַז ער איז שיין, ליב־ לעך און שטענדיק פריילעך. ווי זיי האָבן עס געזוכט זיין געזעלשאַפט, ווי ער פלעגט אַפילו ניט קוקן אויף זיי. און זי? גראַד זי האָט אים אויסגע־ מיטן. ווייל פאַר איר איז געשטאַנען רמי. אפשר דערפאַר ווייל זי איז אים ניט נאָכגעלאָפן, האָט זי געצויגן זיין אויפמערזאַמקייט? יאָ. — האָט שרה אַ זאָג געטאָן צו זיך: — אַ מענטש דאַרף זיין שטאַרק. מען טאָר זיך ניט אונטערוואַרפן פעסימיזם. די קונסט פון לעבן איז איבערגיין שווערע מאָמענטן און קירעווען דאָס לעבן לויטן אייגענעם ווילן און ניט לאָזן זיך פירן פון גורל. פאַרפאַלן! אין רמין האָט זי זיך אַנטוישט. ער האָט

איר אָפּגעגאַ״ט. מער וועט זי זיך ניט לאָזן נאַרן. זי וועט שוין זיין פאַר־זיכטיק און ניט גלויבן בלינד. די לערע וועט פאַר איר זיין אַ וואָרענונג אויף דער צוקונפט. שרה האָט באַשלאָסן צו באַזוכן דעם דאָקטאָרס על־טערן. זען זיין היים נאָכקאָנטראָלירן זיינע מעגלעכקייטן. און דאַן, אויב זי וועט זען, אַז אַלץ איז ריכטיק, וועט זי וויסן ווי צו האַנדלען.

ווען זי האָט זיך געטראָפן אויף מאָרגן מיטן דאָקטאָר, האָט זי אים געענטפערט, אַז זי וויל באַקאַנען זיין משפחה און הערן זייער מיינונג, צי זיינען זיי גרייט איר אריינצונעמען אין זייער פאַמיליע און בכלל ווער זיי זיינען.

דער יונגער דאָקטאָר איז געווען איבערגליקלעך, הערנדיק די דאָזיקע רייד. אין זייער אָוונט־געשפרעך האָבן זיי באַשלאָסן אין איר פרייען טאָג פאָרן צו זיין משפחה.

פרייטיק מיטאָג־צייט, איז אַ שיינע לימוזינע אַרויסגעפאָרן פון טבריה קיין תל־אביב. ביי דער זייט פונעם דאָקטאָר איז געזעסן שרה, אַ פאַר־חלומטע און געקוקט אויף דער אַרומיקער לאַנדשאַפט. זי האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. איר האַרץ האָט געשטורעמט פון אויפרעגונג. זי האָט זיך עס קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז עס וועט קומען אַ מאָמענט, ווען אַ צווייטער מאַן וועט פאַרנעמען אין איר האַרצן דאָס אָרט וואָס רמי האָט דורכגעבראָכן. די ליבע, ליבע צו אַ יינגל...

— וואָס טראַכטסטו, שרה? ביסט אַזוי אומעטיק. — האָט דער דאָק־טאָר אַ פרעג געטאָן.

— איך טראַכט אַ סך און טראַכט גאָרניט — האָט שרה געענטפערט.

— עס טרעפט אין לעבן ווען אויף אַ מאָמענט ווערט פוסט דאָס האַרץ און די נשמה. עס פאַרבלייבט אַ ליידיקער חלל און דער מענטש ווייסט ניט, וואָס ער וויל. אַזוי איז איצט אויך ביי מיר. איך טראַכט און טראַכט ניט. אין מיר גייט אָן אַ געראַנגל. איך ווייס דאָקטאָר, אַז איר האָט מיך ליב, איך פיל עס פון אייער יעדע באַוועגונג.

— פאַרוואָס זאָגסטו מיר איר? דאָס שאַקירט מיך.

— ווייל איך אַכטע אייך סיי אַלס דאָקטאָר און סיי אַלס מענטש, אָבער פריי זין ווען איר זאָגט מיר דו. אויף צו זאָגן דו דאַרף מען זיין נאָענט מיטן האַרץ און געפיל. איר האָט זיך דעצידירט וועגן מיר. איך נאָך ניט. איך האָף אָבער, אַז עס וועט קומען אַזאַ מאָמענט אויך. וואָס איך וויל אייך אָבער זאָגן, דאָקטאָר, אַז עס וועט אייך זיין שווער פירן אַ משפחה־לעבן מיט אַזאַ, וועמענס האַרץ ס׳איז פאַרוווּנדעט.

— שרה! ווער, ווי דו, ווייסט, אַז מיר דאָקטוירים ווייסן ווי צו היילן קראַנקע. און דיין קראַנקהייט איז זייער אַ שטאַרקע, אָבער זי איז אַ הייל־באַרע. אויב דו וועסט נאָר געפינען אַ היים, אַ געטרייען איבערגעגעבענעם מאַן, וועט עס אַלץ אַדורך.

— מעגלעך יאָ, און מעגלעך ניט. אַלנפאַלס איצט פיל איך אַנדערש. אָבער, דאָקטאָר, איך מוז אייך זאָגן, אַז איך ווייס ניט אויב איך וועל קאָנען געבן גליק אַ מאַן. ווייל איך, גליקלעך, קאָן שוין ניט זיין. מיינע געדאַנקען זיינען ניט ריין. איך האָב געליבט און האָב אים ווייטער ליב. עס דוכט זיך מיר, ווען איך טרעף אים איצט, פלוצלונג אויפן וועג, אָט, דאָ פאַרבייגייענדיק אַפילו באַרוועס, וואָלט איך פאַרלאָזן די שיינע מאַשין, די רייכע היים און וואָלט גרייט געווען מיט אים צו גיין אַפילו אין אַ קליין הייזעלע אָט, דאָ, צווישן די בערג פון גליל, אַרבעטן אויפן פעלד, אין לזל, אַבי נאָר זיין מיט אים צוזאַמען. טאָ, ווי קאָן איך געבן גליק אַ צווייטן מאַן, דאַן ווען איך קאָן רמין ניט פאַרגעסן? איך פיל ניט קיין כוחות אין זיך, אַז איך זאָל אַ צווייטן מאַן אַרומנעמען און קושן. קושן פון ליבע און אויפריכטיקייט. איך מיין, אַז מיין לעבן וואָלט זיך געשטעלט נאָר אויף תאווה. איך וועל געבוירן קינדער ניט פון ליבע. נאָר פון נאַטירלעכן פּראָצעס און דאָס איז ניט אינטערעסאַנט. איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, דאָקטאָר, איך זע ניט, אַז איר וועט מיט מיר זיין גליקלעך. פּשוט איך פאַרמאָג ניט אין זיך די דאָזיקע געפילן. אפשר וועט בעסער זיין פאַר ביידן, ווען מיר וועלן פאַרבלייבן גוטע פריינד. איך האָב געהאַט באַשלאָסן אין זיך ניט חתונה צו האָבן, נאָר זיך ווידמען מיין פאַך און בלייבן אַ מיידל אויף דער גאַנצער צייט פון מיין לעבן. לוינט אייך עס? דאָק־טאָר.. איך צווייפל ניט, אַז איר וועט געפינען די, וועלכע איר זוכט און אייך פּאַסט צו האָבן אַזאַ פרוי, וואָס זאָל פאַרשאַפן גליק אַ מאַן. איך צווייפל אין מיר.

— דו רעדסט פיין שרה, און דאָס געפעלט מיר. אָבער גראָד דערפאַר וויל איך מיט דיר חתונה האָבן, אויב דו וועסט ניט געפינען אַ מאַן, וועל־כער וועט דיך פאַרשטיין, וועט אייער לעבן ווערן אַ קייט פון לאַנג־ווייליקייט. איך האָף אָבער, אַז דאָס וועט ניט געשען און די פרייד וועט זיך באַזעצן אין דיין האַרצן. איך פיל, אַז דאָס קאָן קומען און וועט קומען. — דער דאָקטאָר האָט אַנגעקוקט שרהן, איר געזיכט האָט אים געצויבערט. אַפילו די אומעטיקייט, וועלכע האָט באַהערשט שרהן, האָט געפונען חן אין זיינע אויגן.

דער אויטאָ איז געפלויגן ווי אַ טייוול איבערן אַספּאַלטירטן שאָסיי.ביידע האָבן מער געטראַכט, ווי גערעדט צווישן זיך. נאָך צוויי שעה רייזע, זיינען זיי אָנגעקומען אין שטאָט.

די וווינונג פון דאָקטאָרס עלטערן געפינט זיך אין איינע פון די שענסטע גאַסן אין צפון. פאַר אַ רייכער ווילע, אַרומגערינגלט פון ביימער האָט זיך די מאַשין אָפּגעשטעלט. דער יונגער דאָקטאָר איז פלינק אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָ. האָט געעפנט דאָס טירל, וווּ שרה איז געזעסן. דער דאָקטאָר האָט געגעבן שרהן זיין האַנט פאַרלייכטערנדיק איר אַרויסגאַנג.

אין גאָרטן זיינען געזעסן דעם דאָקטאָרס עלטערן ביי אַ נידעריק טישל און געטרונקען קאַפע. דער גאַנצער אַרום האָט געגרינט פון בלומען, גראָז און ביימלעך. דער גרויסער הונט איז געלעגן און געדרימלט. ער האָט אָבער מיט זיינע אויגן באַטראַכט די אָנקומענדיקע געסט, און ווייטער געבליבן ליגן אַ פאַרזשמורעטער.

— האַלאָ מוטער! האַלאָ פאָטער! — האָט דער דאָקטאָר פריילעך אויסגערופן און צוגעגאַנגען צו זיינע עלטערן אַרומנעמענדיק זיי און געקושט. שרה איז געשטאַנען פון דער ווייטנס און זיך צוגעקוקט.

— שלום גידי, — האָט די מוטער געענטפערט. — אַזוי פּלוצלונג? האָסט גאָרניט אָנגעזאָגט, אַז דו וועסט קומען.

— ס'איז אָנגענעמער ווען מען ריכט זיך ניט. ווערט באַקאַנט! — האָט דער דאָקטאָר זיך אָפּגערופן צו זיינע עלטערן, צופירנדיק שרהן צו זיין מוטער.

— שרה דאַנישעווסקי! — האָט זי זיך פאָרגעשטעלט און אויסגעשטרעקט איר האַנט.

— חנה מאַרקאָוויטש!

— אהרן מאַרקאָוויטש!

— דאָס איז אַ שוועסטער, וועלכע האָט געאַרבעט אין אונזער שפּיטאָל און איז איבערגעגאַנגען אין טבריה. — האָט גידי פאָרגעשטעלט שרהן.

— זייער אָנגענעם! — האָבן די עלטערן געענטפערט.

דער הונט האָט זיך פויל אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו שרהן, האָט איר אַרומגעשמעקט. שרה האָט געגלעט דעם הונטס רוקן און אַ שמייכלענדיקע זיך אָפּגערופן.

— אויך ביי מיינע עלטערן איז געווען אַזאַ הונט. אויך געוויס אַ בייזער.

— הינט זיינען בייז — האָט גידי זיך אָפּגערופן. — איך האָב זיי נאָך קיינמאָל ניט געזען שמייכלען. — אַלע האָבן געלאַכט. פּלוצלונג האָט פרוי מאַרקאָוויטש אַ זאָג געטאָן:

— גידי! איר קומט פון אַזאַ וועג, איר זענט מיד. ווי איך פאַרשטיי, וועט שרה זיין אונזער גאַסט היינטיקן שבת, טאָ קום מיין קינד אַריין אין שטוב. וועסט באַקומען אַ צימער. — חנה האָט אַרומגענומען שרהן און זי אַריינגעפירט אין הויז. דער הונט איז נאָכגעגאַנגען.

— דאָ האָסטו דיר דיין צימער. דאָ איז דער באָדע־צימער. דאָ זיינען די באַקוועמלעכקייטן, אויב דו ביסט מיד, קאָנסטו זיך אויסרוען.

גידי האָט דערווייל אַריינגעטראָגן שרהס וואַליזע מיט די זאַכן אין צימער און אַליין אַרויס אין דרויסן זיך געזעצט ביים טיש טרינקען די קאַפע, וועלכע די דינסט האָט צוגעטראָגן.

— ווער איז דאָס מיידל? — האָט די מוטער אַ פרעג געטאָן.

— דאָס איז אַ שוועסטער, וועלכע האָט געאַרבעט ביי אונז. שטעל זיך פאָר, אַז ס'איז מיר שווער צו געווינען איר ליבע, אַלע מיינע פאַר־שלאָגן וועגן חתונה האָבן האָט זי אָפּגעוואָרפן. עפּעס אַ נס האָט פּאַסירט, אַז זי האָט צוגעשטימט צו פאָרן צו אונז.

דאָס פענצטער פון שרהס צימער איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן צום גאָרטן, ווו זיי זיינען אַלע געזעסן. אַזוי ווי דאָס פענצטער איז געווען אָפן האָט שרה געהערט זייער געשפּרעך. זי האָט איצט געוואָלט זיי באַקענען. ניט דער אינטערעס פון זייער געשפּרעך האָט איר געאַרט, נאָר זי האָט געוואָלט פאַרשטיין זייער מענטאַליטעט. שוין דער ערשטער אַריינקום האָט געמאַכט אויף איר אַ גוטן איינדרוק. אויפן אַריינגאַנגס־טויער האָט זי באַמערקט אַ שילדל פּראָפ' אהרון מאַרקאָוויטש. זי איז עס דורכגעגאַנגען אָן ווירקונג. דער יונגער דאָקטאָר האָט איר ניט דערציילט, אַז זיין פאָטער איז אַ באַקאַנטער פּראָפעסאָר אין תל־אביב.

— דיר האָט אַ מיידל געקאָנט זאָגן ניין אויף אַ הייראַטס־אָנבאָט? פּראָפעסאָר קאַפּלאַנס טאָכטער רייסט אָפּ דעם טעלעפאָן. זי פרעגט שטענ־דיק אויף דיר. איך האָב איר געזאָגט, אַז זי זאָל דיר צורו לאָזן און זי הערט ניט אויף. אירע עלטערן קומען אָפט צו אונז און אָפט דערמאָנען זיי זייער טאָכטער.

שרה האָט עס געהערט און דער געשפּרעך האָט איר אינטערעסירט. זי האָט זיך אָבער געשעמט צו הערן זייער געשפּרעך. צו וואָס זאָל זי הערן? שרה האָט אָבער באַשלאָסן זיך מאַכן ניט וויסנדיק. זי האָט געעפנט איר

וואַליזע, אַרויסגענומען נייע קליידער. אַריין אין באַדע־צימער. זיך גע־מאַכט אַ קאַלטן טוש און אַ האַלבע שעה שפּעטער איז אַרויסגעקומען שׂרה אין גאָרטן. ניט קיין מיידל איז צוגעקומען צום טישל, נאָר אַ פּרעכטיקע בלום, וועלכע אַנטהאַלט אין זיך אַלע פאַרבן פונעם שענסטן פויגל. גידי האָט ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. ער האָט צוגעבראַכט אַ ליג־שטול און געגעבן עס שׂרהן צום זיצן.

— ביסט זיכער הונגעריק ? — האָט פרוי מאַרקאָוויטש זיך אָפּגע־רופן צו שׂרהן

— ניין ! מוטער ! — האָט שׂרה געענטפערט. — צופעליק בין איך זאַט. צווייטנס, בין איך איבערראַשט פון דעם, וואָס איך זע דאָ. איך ווייס, אַז עס עקזיסטירט אַלערליי לעבנס אויף דער וועלט, אָבער איך האָב עס נאָך ניט געזען. ווייל דערצוויגן האָב איך זיך אין אַן אַנדער סביבה און זינט איך בין אין לאַנד, האָב איך זיך געפונען אין אַ קיבוץ און דאָס בערגל אין נגב איז געווען מיין ליבטיק ווינקל.

— איר רעדט און איך גיי זיך טושן — האָט גידי זיך אָפּגערופן.

אין באַדע־צימער איז גידי געשטאַנען אַ פריילעכער. עס האָט נאָך געשמעקט מיט דופט פון שׂרהס אַדעקאָלאָן. גידי איז געשטאַנען אונטערן קאַלטן טוש און געטראַכט. אָט, מיט אַ פּאָר מינוט צוריק איז דאָ גע־שטאַנען שׂרה און דאָס זעלבע וואַסער האָט געשווענקט איר צאַרטן קער־פּער. גידי האָט זיך אויף גיך ראַזירט, כדי וואָס גיכער צו זיצן צוזאַמען מיט זיינע עלטערן אין גרויסן גאָרטן.

— ווער ביסטו ? שׂרה ! ווער זיינען דיינע עלטערן ? און ווי אַזוי האָסטו באַקאַנט אונזער זון ? — האָט דער פּראָפעסאָר אהרון אַ פרעג געטאָן שׂרהן.

— פּראָפעסאָר ! — האָט שׂרה אויסגערופן און זיך געזעצט העכער אין איר ליג־שטול. — ווער איך בין ווייס איך אַליין ניט. מיינע עלטערן קען איך ניט, גידין האָב איך באַקאַנט אין שפּיטאָל.

— וואָס הייסט עס ? — האָט פרוי מאַרקאָוויטש אַ פרעג געטאָן.

די דינסט האָט צוגעבראַכט שוואַרצע וויינטרויבן, עפּל, באַרן, פלוי־מען און אַנדערע פרוכטן און עס געשטעלט אויפן טיש.

— ביטע, פאַרזוכט פון אונזערע אייגענע פרוכטן — האָט חנה זיך אָפּגערופן.

— אַ דאַנק ! — האָט שׂרה געענטפערט. — דאָס אַלץ וואַקסט אין

אונזער קיבוץ, ווו איך האָב זיך דערצויגן. אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז עס אונזער פּראָדוקציע.

— פון וואַנען?

— פון קיבוץ ג. אין נגב — האָט שרה געענטפערט.

— ווע: איך האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין, האָב איך זיך געפינען אין אַ קריסטלעך הויז אין וואַרשע. מען זאָגט, אַז איך שטאַם פון פינסק און מיינע עלטערן זיינען געווען יידן. איך בין געקומען אין ישראל מיטן עלית הנוער. די קריסטן האָבן נאָך דער מלחמה דערציילט פאַר סוכנות־פאַרשטייער, אַז איך בין אַ יידישע טאָכטער און אַזוי ווי די דייטשן האָבן פון אונז אומגעבראַכט זעקס מיליאָן, גיט ער מיר איבער צום יידישן פאָלק. מעז האָט מיר צוגענומען און געבראַכט אַהער. אין קיבוץ האָב איך באַקאַנט שפּעטער אַן אַמעריקאַנער בחור. ער הייסט רמי און אין דער באַפרייאונגס־מלחמה נעמט ער אָנטייל פרייוויליק. ער ווערט פאַרווונדעט. איך האָב זיך פרייוויליק אונטערגענומען אים זיין אַ שוועסטער. און אין יענעם שפּיטאָל האָב איך באַקאַנט אייער זון.

— און ווו איז דער דאָזיקער בחור? — האָט דער פּראָפעסאָר אַ פרעג געטאָן.

— ער איז געזונט געוואָרן. געפאָרן אַהיים דערליידיקן זיינע ענינים און מיר האָבן באַשלאָסן חתונה צו האָבן. דערווייל האָט זיך עס לאַנג פאַרצויגן. איך האָב געוואַרט און וואַרט נאָך ווייטער. אָבער זיין מוטער האָט מיר געשריבן אין זיין נאָמען, אַז ער האָט דאָרטן חתונה געהאַט און בלייבט אין אַמעריקע. אַזוי זיינען מענער — האָט שרה טרויעריק אַרויסגעזאָגט און זיך געזעצט טיפער אין איר ליג־שטול.

— ניט אַלע זיינען אַזעלכע — האָט פּראָפ׳ מאַרקאָוויטש געענטפערט. — איך קאָן אַ סך פאַלן, ווי פרויען האָבן אַקוראַט געהאַנדלט ווי אייער בחור. זיי זיינען געפאָרן אויף לוסט־רייזעס, באַקאַנט דאָרטן מענער און חתונה געהאַט. איינער איז ניט בעסער פאַרן צווייטן און אויך ניט ערגער. אַזאַ איז דאָס לעבן און מען מוז שלום מאַכן מיטן געדאַנק. איך האַלט פון באַשערטקייט. דער גורל פון מענטשלעכן לעבן ליגט אין אַן אויסערלעכער השגחה און מען דאַרף אָננעמען אַזוי ווי עס גייט.

— אַ־עמע שרה! — האָט פרוי מאַרקאָוויטש אויסגערופן. — איך פאַרשטיי אייך. די מענער קאָנען אונז פרויען ניט פאַרשטיין. זיי ווייסן ניט, אַז מיר זיינען זייער פילבאַר אויף אַזעלכע מאָמענטן. אַז אויב אַ פרוי

האט ליב, איז עס מיטן גאנצן הארצן און מיט דער גאנצער נשמה. די מענער זייגען ברוטאל.

— איז אייער גידי אויך אזוי? — האט שרה א פרעג געטאן.

— איך ווייס? היינטיקע צייטן קאן מען פאר קיינעם ניט גאראנ־טירן. אבער מיר דוכט, אז ניט. ווייל אין דער היים האט ער זיך אנדערש דערצויגן. פון דעם, וואס איך קאן מיין זון, איז ער ניט קיין פרויען יעגער. מיר האבן א פריינד האט ער אן איין און איינציקע טאכטער. בלוט און מילך. זי ענדיקט גימנאזיע, זי איז אין אים פארליבט איבער די אויערן, אבער גידי איז זייער רעזערווירט צו איר.

— אפשר איז זי ניט קיין שיינע? — האט שרה א פרעג געטאן.

— גראד פארקערט. זי איז פון די שענסטע מיידלעך, וועלכע איך האב באגעגנט אין מיין לעבן, פארמאגט אויך א פיינע נשמה. שטאמט פון א גוטער היים. זי איז ניט אזוי שיין ווי איר. — האט פרוי מארקאוויטש אויסגערופן — אבער איך מיין, אז זי איז די צווייטע נאך אייך.

— א דאנק פארן קאמפלימענט — האט שרה געענטפערט א פאר־רויטלטע פון נאאיוועקייט.

— איך וויל איר זאלט זיך ניט האלטן צו גרויס. אבער איך מוז אייך זאגן, אז איר געפעלט מיר זייער. סך־הכל זענט איר דא א פאר שעה און איר פילט זיך שוין אזוי היימיש. עס האט דאך ניט פאסירט, אז א יונג מיידל זאל זיך אזוי שיין ארייגפאסן אין דער געזעלשאפט פון עלטערע מענטשן און ארויסרופן אזוי פיל רעספעקט צו אייך. ווי אינטערעסאנט איז מיט אייך צו זיצן אין געזעלשאפט — האט דער פראפעסאר אויסגערופן.

— איצט פארשטיי איך שוין מיין זון. ער האט עס גלייך דערפילט. איך מיין אבער, אז אויב איר זענט געקומען צו גאסט אהער, האט איר געפילן פאר אונזער גידין.

— קומען צו גאסט צו א פריינד און בפרט צו א מענטש, מיט וועמען מען ארבעט צוזאמען ביים טיילן הילף קראנקע, מוז זיין מיט עפעס ערנסט פארבונדן? — דערווייל קום איך צו אייך נאר ווי גוטע באקאנטע. ווי איך האב אייך פריער געזאגט, איז מיין הארץ נאך קראנק פון דער ער־שטער דורכגעפאלענער ליבע און איך ווייס ניט, אויב ס'איז דא א דאק־טאר, וואס זאל מיך קאנען היילן. איך פארזוך צו נעמען אלערליי מעדי־צינען. אפילו אזא מעדיצין, ווו קומען צו א פריינד אין זיין היים.

פון די עטלעכע טרעפלעך, וועלכע האבן געפירט פון הויז צום גארטן איז גדעון אראפגעשפרונגען, אנגעטאן אין א בעז אנצוג. די האר פון קאפ

שיין פאַרקעמט, דורך די ווייסע אויבער־העמד, וועלכע איז געווען ביים האלדז געעפנט — האָט זיך געזען זיין עטוואָס באַוואַקסענער קערפּער. גידי איז צוגעגאַנגען מיט גיכע טריט און זיך געזעצט קעגנאיבער שרהן.

— ווי אַנגענעם ס׳איז דאָ איצט — האָט גדעון אויסגערופן.

— זייער. — האָט שרה געענטפערט. — איר האָט פיינע עלטערן — האָט שרה ווייטער גערעדט.

— איר זאָגט זיך ניט דו, דאָס ווייזט אויף ווייטקייט, — האָט פרוי מאַרקאָוויטש זיך אָפּגערופן.

— קאָן זיין, אַז ס׳וועט קומען אויך דער טאָג. — האָט פּראָפעסאָר מאַרקאָוויטש זיך אָפּגערופן. — באמת אַ שיין פּאָרל. איך האָב ניט דאָקעגן, אַז אונזער משפחה זאָל זיך פאַרגרעסערן. מיר וואָלטן געוואָלט, אַז גידי זאָל חתונה האָבן און זיך עפּענען אַ קאַבינעט פאַר זיך. מיר זיינען אים גרייט צו קויפן אַ פינף צימער־וווינונג מיט פולער איינריכטונג.

— ווילט איר גאָרניט קיין נדן פון אַ שנור? ס׳איז דאָך ניט מאָדערן — האָט שרה געשמייכלט.

— דאָס לאָזן מיר איבער פאַר אונזער זון. זאָל ער נעמען וויפל ער וויל.

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. די דינסט האָט געמאָלדן, אַז ד״ר קאַפּלאַן קומט מיט זיין פרוי און טאָכטער, ער האָט געפרעגט, אויב מיר זיינען אין דער היים, האָב איך געענטפערט, אַז יאָ.

גידי האָט זיך פאַרלוירן. ער האָט ניט געוואָלט, אַז גראָד אין דער מינוט זאָל עליזה אָנקומען. אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ שטיל־שווייגן. פּלוצלונג האָט גידי זיך אָפּגערופן.

— שרה׳י האָסטו חשק אויף אַ שפּאַציר אויפן ירקון.

— ניין, גידי. איך בין מיד און מיר איז זייער אָנגענעם. לאָמיר דאָ נאָך פאַרברענגען.

איידער זיי האָבן באַוויזן צו רעדן נאָך עטלעכע ווערטער, איז צוגעפאָרן אַ הערלעכע מאַשין. און ביים טויער אין איינגאַנג זיינען אַרויסגעקומען פרוי קאַפּלאַן מיט איר מאַן און זייער 17־יאָריק טעכטערל. זי איז געווען זייער זומערדיק געקליידעט. דאָס האַרץ איז געווען דעקאָלטירט. ווען זי האָט זיך עטוואָס פאַרנייגט, האָט מען אַרויסגעפילט די קאָנטורן ווו איר׳ע ברוסטן צעטיילן זיך. איר ערשטער בליק איז געפאַלן אויף שרהן.

גידי האָט זיך אויפגעהויבן פון זײַן שטול, האָט געגעבן עליזהן זײַן האַנט און איר באַקאַנט געמאַכט מיט שרהן.

— שרה!

— עליזה!

שרה האָט זיך געזעצט צוריק אין איר שטול, נאָכדעם ווי זי האָט זיך אויך באַקאַנט מיט די פאַמיליע קאַפּלאַן. עליזאַס געזיכט האָט געפלאַמט פון אײַפערזוכט, ווײַל גידי האָט איצט אויסגעזען הערלעך מענעריש שיין. שרה איז געזעסן אַ בארואיקטע, אַקוראַט ווי עס וואָלט איר גאָר ניט אָנגעגאַנגען.

און אויף דער שיף

אין טאַנץ־זאַל איז פריילעך, העלען, דוד און רמי באַטראַכטן די מיט־פאַרער. אַלע אַזעלכע באַקאַנטע פּנימער — און דאָך ניט קיין באַקאַנטע. דער קאָנצערט פון יהודה רובינשטיין האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט. אָבער אין רמיס אויערן קלינגען נאָך באַקאַנטע שטימען. רמי האָט אפילו ניט באַמערקט, ווי אַ מיידל איז צו אים צוגעגאַנגען אים לאַדן טאַנצן, אין מאָמענט, ווען דוד און העלען האָבן זיך לײַכט געוויגט אין אַ סענטימענטאַלן טאַנגאָ.

— אַנטשולדיקט, — האָט רמי געזאָגט, — איך טאַנץ ניט.

— אַזאַ שיינער יונגערמאַן, דערצו נאָך אַן אַמעריקאַנער, טאַנצט ניט?

— האָט דאָס מיידל קאָקעטיש זיך אָפּגערופן. ביי דער געלעגנהייט האָט זי אויך ניט „פאַרגעסן" צו פרעגן, צי ס'איז דערלויבט זיך זעצן אין פאַטעל, וואָס שטייט נעבן אים.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! — האָט רמי געענטפערט. — זענט איר אַליין אויף דער שיף?

— אַליין? — האָט דאָס מיידל זיך אָפּגערופן און האַרציק געלאַכט. — טוט אַ קוק, וואָס דאָ טוט זיך. אויפן דעק זײַנען פאַראַן נאָך אַ סך מענטשן.

— איר האָט הומאָר. — האָט רמי געזאָגט.

— דאָס הײַנטיקע לעבן דאַרף באַשטיין נאָר פון הומאָר — ניט אמת? וואָס, זאָרגן דאַרף מען? פאַר וועמען? צו וואָס?...

אזוי טאַנצנדיק האָט דוד און העלען באַמערקט רמין אין דער נייער געזעלשאַפט. טאַנצנדיק האָבן זיי גענומען זיך באַוועגן אין דער ריכ־טונג פון רמין, אַז זיי זיינען שוין געווען נאָענט, האָט העלען אַ רוף געטאָן רמין צום טאַנצן.

— דו ווייסט דאָך, העלען, אַז איך טאַנץ ניט — האָט איר רמי געענטפערט.

— ריכטיק, — האָט העלען געזאָגט, — ער וועט טאַנצן נאָר מיט זיין מיידל פון קיבוץ.

— איך ווייס, אַז די קיבוץ־חברים זיינען שעמעוודיקע — האָט די פרישע באַקאַנטע זיך אָפּגערופן. — האָט איר ניט קעגן דעם, אַז איך זאָל זיך געפינען אין אייער געזעלשאַפט? איר געפעלט מיר זייער. אייער האַל־טונג דאָ אויף דער שיף האָט אונז די גאַנצע צייט באַוווּנדערט.

— ווער איז דאָס אונז? — האָט דוד געפרעגט.

— מיינע עלטערן און מיינע חברות. — האָט דאָס מיידל געענטפערט.

— ווער זענט איר? — האָט דוד ווייטער געפרעגט.

— חנה פ. — האָט זי זיך פאָרגעשטעלט.

— אָ, — האָט זיך דוד אָפּגערופן. — ווי קומט איר אַהער?

— איך פאָר דאָ מיט מיינע עלטערן. מיר האָבן געענדיקט אונזער דיפּלאָמאַטישע דינסט אין אויסלאַנד, קומען מיר איצט אַהיים און אין אַ חודש אַרום גייען מיר איבער אין אַן אַנדערער גרויסער מדינה. מיר איז שוין דערעסן געוואָרן צו זיין תמיד שטייף. מיין פאָטער האָט צו טאָן נאָר מיט באַנקעטן, זיצונגען א. א. וו. עס קומען צו אים נאָר פּערזענלעכקייטן — און מיר פעלט מיין היימישע סביבה. כ׳וואָלט שוין אַ סך בעסער געוואָלט צוריק ווױנען אין חיפה.

— איז אייער פאָטער אַ דיפּלאָמאַט?

— יאָ, אין דינסט פון אויסערן־מיניסטעריום. צוליב זיינע פליכטן האָט ער אויך אונז, דאָס בני בית, אַרויסגענומען קיין אויסלאַנד. איך האָב זיך אָפּגעריסן פון מיינע חברים און הברטעס. תמיד מוז איך זיך געפינען אין אַ קרייז פון קריסטן, באַלד, באַלד וואָלט איך אַליין אויך אַסימילירט גע־וואָרן. איך האָב מיין פאָטער געזאָגט, אַז מער וועל איך ניט פאָרן קיין אויסלאַנד. איך וויל פאַרענדיקן לערנען אין ירושלים.

— זענט איר אַ ישראלדיקע געבוירענע?

— אַ סאַברע בת סאַברע — האָט דאָס מיידל ווייטער פאָרגעזעצט איר געשפּרעך.

עס איז צוגעקומען אַן עלעגאַנטער הער אין די אַנהויב 50־קער יאָרן און ווענדנדיק זיך צום מיידל, געזאָגט:

— חנהלע, עס פריידט מיך צו זען דיך אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט, אָבער מיר מוזן זיין צו אָוונט־ברויט מיט די געסט.

— פּאַטער, אפשר וועט עס דאָס מאָל זיין אָן מיר?

— ניין, דו מוזט אויך זיין.

— שטענדיק אַזוי, —האָט דאָס מיידל, אַ ניט צופרידענע געזאָגט. און ווענדנדיק זיך צו דער נייער געזעלשאַפט אירער, האָט זי העפלעך געפרעגט:

— ווו קאָן מען אייך ווידער זען?

— שטענדיק אויפן דעק. — האָט העלען געענטפערט.

— אַנטשולדיקט, — האָט דער דיפּלאָמאַט געזאָגט, און איז צוזאַמען מיט זיין טאָכטער אַוועק.

— ווער איז דאָס מיידל? — האָט רמי געפרעגט. — זי האָט נאָר געוואָלט. אַז איך זאָל מיט איר טאַנצן. אינטערעסאַנט, ווי דרייסט זי איז דאָס צוגעגאַנגען צו מיר מיט איר פאָרשלאָג איך זאָל מיט איר טאַנצן. איך קאָן איר ניט. זי קאָן מיר ניט...

— אַזוי פירט זיך די ישראל־יוגנט. זיי זיינען היימיש, פריי און חבריש. מיר זיינען ניט דערצויגן צו שטיפקייט. די גאַנצע ישראל־יוגנט לעבט ווי אין קאָלעקטיוו, בפרט די אַרטיקע סאַברעס. ווייסטו ווער דאָס מיידל איז? איינע פון די אָנגעזעענסטע אין חיפה. דער פאָטער דינט אין אויסערן־מי־ניסטעריום און איז אַ וויכטיקער דיפּלאָמאַט. קאָנטיק, רמי, אַז דו ביסט איר געפעלן. ווייסטו וואָס, זי וועט דיך שוין ניט אָפּלאָזן.. זי קאָן דיר זאָגן פּשוט, אַז זי האָט דיך ליב און דיר פאָרלייגן מיט איר חתונה צו האָבן.

— און אַ חודש נאָך דער חתונה... זיך גטן. — הא?...

— יאָ, דאָס קאָן געשען. זיי פאָרליבן זיך לייכט, לעבן לייכט און... גטן זיך אויך לייכט.

— אפשר זאָגסטו איר, זי זאָל מיך צורו לאָזן?...

— לאָז דאָס איבער פאַר מיר. — האָט זיך העלען אָפּגערופן.

דער ספּיקער האָט געמאָלדן, אַז די שיף דערנעענטערט זיך צום חיפה׳ער פּאָרט און אַז 9 אַזייגער פרי וועט די שיף שוין זיין אויפן אָרט.

— דוד, — האָט רמי געזאָגט, — איך וועל טעלעגראַפירן צו שרהן. זי וועט זיכער קומען אין פּאָרט אונז מקבל פּנים זיין. אַ, ווי זי וועט זיך דערפרייען...

— איר אַדרעס האָסטו?

— בית־חולים, עפולה.

דוד, העלען און רמי זיינען אריין אין דער פאסט־אפטיילונג, אוועק־געשיקט א טעלעגראמע.

„שפיטאל עפולה, שרה דאנישעווסקא. מארגן 9 פרי קומען מיר אן. מיר דערוואַרטן דיך אין פארט.

דוד, העלען, רמי״.

ביי רמין האט איצט געקלאפט דאס הארץ ווי מיט האמערס. וואס מער דער ווייזער האט זיך גערוקט צו 9 אלס אומרואיקער איז ער געווארן. מיטאמאל איז פון אים פארשוווּנדן זיין רואיק געמיט. בילדלעך וועגן זיין אומארמונג מיט שרהן האבן פארפלייצט זיין הארץ. עס האט אים אזוי ווי געדריקט אין זיך ביז צום וויינען. וויינען פון פרייד, אז אט אט, נאך עטלעכע שעה יועט שרה שוין זיין אין זיינע ארעמס. ווי גליקלעך זיי וועלן זיין. רמי האט ניט געקאנט בלייבן שטיין נעבן דודן און העלען, ער איז ארויס פון דער קאיוטע און אוועק אויפן דעק. זיך געשטעלט אין א ווינקל און וויפל ער האט געוואלט איינהאלטן זיינע טרערן, האט ער אלץ ניט געקענט. ווי פון א קוואל האבן פון זיינע אויגן ארויסגעשפארט הייסע טרערן, מיט א הארץ־דריקעניש צוזאמען. ער ווייסט ניט פארוואס, כל־זמן זיי זיינען געפארן אויף דער שיף, האט ער זיך געפילט גוט, ער האט געוווסט, אז אזא מאמענט דארף קומען. צוליב דעם פארט ער דאך. אבער גראד אין די לעצטע שעהן, האט ער זיך ניט געקאנט באהערשן. רמי האט זיך אנגעשפארט אין ראנד פון דער שיף און ניט אראפגענו־מען זיינע בליקן פון דער ריכטונג, צו וועלכער זיי האבן זיך איצט דער־נעענטערט. ער האט געקוקט אין איין פונקט, ער האט אבער גאר געזען א פינצטערן הימל און וואסער. די פינצטערניש האט אים עפעס גע־שראקן. גראד איצט האט עס אים פארכאפט. פאר זיינע אויגן האט זיך געוויזן א בילדל ווי שרה באקומט די טעלעגראמע. ווי זי שפרינגט און וויינט פאר פרייד, קושט די טעלעגראמע, אדער זי ליגט אויף דער סאפע און וויינט, אזוי ווי ער. רמי האט זיך געשעמט פאר זיך אליין. אזוי סענ־טימענטאל, אזש ביז טרערן?... רמי, וועלכער איז דערצויגן געווארן הארט, קאלט און האט נאך אין זיין לעבן קיינמאל קיין טרער ניט גע־לאזט, זאל עס אים אזוי צעברעכן? איז עס טאקע מעגלעך, אז ליבע קען אזש אויף אזוי שטארק דעם מענטשן צעברעכן?...

העלען האט געבעטן דודן, ער זאל צוגיין צו רמין, דוד איז אבער ניט מסכים געווען.

—לאָז אים זיין אַליין, — האָט דוד געטענהט, — איך פאַרשטיי אים...

— און דו האָסט זי אויך נאָך ליב? — האָט העלען אַ ביסל מיט אייפערזוכט געפרעגט, אַרויפלייגנדיק אירע הענט אויף דודס אַקסלען.

— יאָ, איך האָב זי ליב, אָבער ניט ווי פריער אַלס מיידל, די דאָזיקע ליבע, האָסט פון מיר צוגענומען, העלען... אָבער איך האַלט זי פאַר אַ באמת גוטע פריינדין.

— אָ, בחורים, וואָס איר זייט, ווי מיר, מיידלעך צעברעכן דאָס אייערע הערצער...

— איר צעברעכט אונזערע הערצער טאַקע. — האָט דוד זיך אָפּגע־רופן, — אָבער איר פאַלט אין דעם צעגליטן אויוון אַליין אויך אַריין.. — האָט דוד אַזוי זאָגנדיק גענומען זי קושן. — דו וואָלסט דאָך קיינמאָל ניט געקאָנט אַריין אין מיין האַרץ, ווען זאָלסט עס פריער ניט אויפברעכן... אַזוי איז אויך שרה מיט רמין.

חנה, דעם דיפּלאָמאַטס טאָכטער, האָט ניט געקאָנט איינזיצן אין דער געזעלשאַפט פון די פּאַסאַזשירן אין דער ערשטער קלאַס. עס האָט איר געצויגן צו די נייע ישראל חברה. עס האָט איר באַנג געטאָן, וואָס זי האָט געמוזט פאַרלאָזן רמין, העלען און דודן. חנה האָט זיך געפרעגט: ווו האָט זי עס גענומען דרייסטקייט צוצוגיין צו אַ גאַנץ פרעמדער גע־זעלשאַפט און זיך אַזוי קליין מאַכן אין זייערע אויגן. אָבער זי איז שוין אַריבער פון דעם צום טאָג־אָרדענונג. חנה האָט געזעגנט די געזעלשאַפט. זי האָט זיך דערמאָנט, וואָס העלען האָט איר געזאָגט, אַז זי קען זיי תמיד טרעפן אויפן דעק. זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף אירע אַקסלען אַ לייכטן סוועטער און גענומען לויפן אַרויף מיט די טרעפלעך, וואָס פירן צום דעק. איר גאַנג איז געווען אַ פעסטער און גלייכצייטיק זייער אַן עלעגאַנ־טער. אויפן דעק, האָט זי באַמערקט רמין, ווי ער שטייט אין אַ ווינקל פאַרזונקען אין מחשבות.

—שטער איך אייך ניט? — האָט חנה געפרעגט.

— ניין. — האָט רמי געענטפערט. — איר ווילט זיצן, וועל איך ברענגען אַ ליג־שטול.

— אַ דאַנק, איך וועל אַליין ברענגען.

— דאָס וועט דאָך באַדייטן אַ באַליידיקונג פאַר מיר. — האָט רמי זיך אָפּגערופן. אַנטשולדיקט. — רמי איז צוגעגאַנגען אין אַ צווייט ווינקל און געבראַכט פון דאָרט איין ליג־שטול און איין פשוטע שטול.

— אַ דאַנק — האָט חנה זעצנדיק זיך, געזאָגט.

רמי האָט זיך אויך געזעצט אויף דער געוויינלעכער שטול, וועלכע ער האָט אָוועקגעשטעלט נעבן חנהען.

— ווי שיין דאָ איז! — האָט חנה פּלוצים איבערגעריסן די שטיל־קייט. — איך וואָלט אַזוי געזעסן גאַנצע נעכט...

— ווער שטערט אייך? — האָט רמי געפרעגט.

— איר מיינט, אַז שטענדיק איז אַזוי שיין?...

העלען האָט פאַרדראָסן, וואָס חנה האָט געשטערט רמין זיינע גע־דאַנקען. זי האָט דעריבער גענומען דודן פאַר דער האַנט און זיי, זיבעצן צוגעגאַנגען צו רמין.

— ווי מיינסטו, רמי, האָט שוין שרה באַקומען די טעלעגראַמע?...

— אָן שום צווייפל. — האָט דוד געענטפערט. — דער טעלעגראַף אַרבעט ביי אונז אין לאַנד אויסגעצייכנט. ברייוו קאָנען אַמאָל פאַרשפּע־טיקן מיט אַ פּאָר וואָכן, אָדער אינגאַנצן פאַרלוירן גיין, אָבער אַ טעלע־גראַמע ניט.

חנה איז געווען אין כעס, וואָס העלען האָט איר איצט געשטערט אין דער דאָזיקער מינוט, אָבער האָט גאָרניט געזאָגט וועגן דעם.

— מאָרגן פרי זיינען מיר אינדערהיים, אפשר ווילט איר זיין אונ־זערע געסט? — האָט חנה אַ פרעג געטאָן.

— וועלן עס אייערע עלטערן דערלויבן?

— זיי שטערן מיר גאָרניט. ווען איך לאַד אייך איין, איז עס דאָס זעלבע, ווי מיינע עלטערן וואָלטן אייך געלאַדן.

רמי, וועלכער האָט געהאַלטן אין דער האַנט דעם טראַנזיסטאָר, האָט שפּילנדיק זיך מיט דעם, פּלוצלונג אָנגעטראָפן אויף דער ירושלים סטאַ־ציע. עס האָט אַ שפּאַר געטאָן מיט ישראל־לידער, פון אונזערע יונגע זינגערינס. רמי האָט פאַרשטאַרקט דעם קלאַנג און צווישן די וואַסערן פון מיטללענדישן ים — מיטן מיטללענדישן הימל, האָבן איצט אָפּגעקלונגען העברעאישע און יידישע לידער. רמין האָט די מוזיק צוריק אַריינגעבראַכט אין אומעט און בענקשאַפט.

— וואָס פאַרא שטאַרקע קראַפט ישראל פאַרמאָגט — האָט רמי אויס־גערופן. — זינט די יידישע מדינה איז אַנטשטאַנען האָט אין מיר זיך באַזעצט אַ נייע נשמה.

— דערציילט ניט קיין מעשיות, רמי, ניט דאָס לאַנד ציט אייך, נאָר — — —

— זיכער. איינס דאָס אַנדערע דערגענצט, און ס'איז גוט אַזוי. דאָס

איז דאָס נאַרמאַלע לעבן פון אַ פאָלק. ליבן און האַסן. נאָר אין אייגענעם לאַנד. זיין גלייך מיט פעלקער, שטענדיק און אומעטום זיינען מיר ווי קעסט־קינדער. ווען איך עס אַ שטיקל ברויט אין ניו־יאָרק, איז עס פרעמד ברויט. יוען איך פאָר אין אויטאָ, צי אין דער אונטערגרונט־באַן, איז עס אין אַ פרעמדער באַן. אָט פאָרן מיר אויף אַ ישראל־שיף. דוכט זיך, די דאָזיקע ברעטער, די ליג־שטול ס׳איז אייגנס, ס׳איז מיינס. אַלץ איז מיר טייער, אין ווייס ניט ווי איר פילט, נאָר איך פיל עס.

דער הויך־שפּרעכער האָט איצט אָנגעזאָגט, אַז אַלע רייזנדע דאַרפן אַריינגיין אין עמיגראַציע דעפּאַרטאַמענט צימער, צו שטעמפּלען די דאָקומענטן, כדי מאָרגן פרי ניט צו פאַרזאַמען דאָס לאַנדן.

אַ קליין רעגנדל האָט גענומען שפּריצן. דער שוואַרצער וואָלקן, וועל־כער האָט זיך פאַרצויגן איבערן הימל, האָט אָנגעזאָגט אַ שטורעם. אַלע זיינען אַראָפּ פון דעק און געגאַנגען דערליידיקן זייערע נויטיקייטן. חנה, וועלכע האָט זיך גערוכט צו אַן אינטימען געשפּרעך מיט רמין און צו פאַרברענגען אין זיין געזעלשאַפט, איז אַן אַנטוישטע אַראָפּ אין איר קאַיוטע. עס האָט איר פאַרדראָסן, פאַרוואָס זי האָט די גאַנצע צייט פון איר רייזע ניט אָנגעבונדן קיין פאַרבינדונג. זי האָט נאָר באַוויזן נאָכ־אַמאָל צו לאַדן רמין באַזוכן איר אין חיפה אויפן הר־הכרמל. רמי האָט פון איידלקייט וועגן פאַרשריבן איר אַדרעס אין זיין נאָטיץ־ביכל.

אין דעפּאַרטאַמענט־צימער איז אַלץ צוגעגאַנגען גיך און זייער פרי, האָבן זיי פאַרענדיקט מיט די פאָרמאַליטעטן. רמי האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר העלען און דודן. ער איז געגאַנגען אין זיין קאַיוטע זיך אויסרוען. פון דער צווייטער זייט, האָט ער ניט געוואָלט דודן מיט העלען שטערן אין זייערע ליבע־געפילן. רמי האָט ניט אָנגעצונדן דאָס ליכט, נאָר גלייך זיך געלייגט אין זיין בעטל. רמי האָט פון אויפרעגונג ניט געקאָנט איינשלאָפן. אייגנטלעך זיינען עס די לעצטע שעהן, וואָס ער געפינט זיך אויף דער שיף, און מאָרגן אין דער צייט... יאָ! וווּ וועט ער מאָרגן זיך גע־פינען? מאָרגן וועט ער ליגן אויף דער סאָפע פון זיין צימער אין קיבוץ אויפן בערגל אין נגב, און שרה וועט זיצן נעבן אים, זיך שפּילן מיט זיינע האָר פון קאָפּ. ווי זי פלעגט עס טאָן אַמאָל, גלעטנדיק דערביי זיין שטערן. רמי וואָס מער ער האָט געטראַכט פון שרהן, אַלס אומעטיקער איז ער געוואָרן, אָבער אַן אומגעדולדיקע פרייד האָט געשפּאַרט פון זייז האַרץ ביז ער איז איינגעשלאָפן. אויפגעשטאַנען איז ער זיבן אין דער פרי, ווען דער הויך־שפּרעכער האָט אָנגעזאָגט, אַז דורך אַ שפּאַקטיוו

קאָן מען שוין זען חיפה. צענדליקער טוריסטן זײַנען אַרויף אויפן דעק און אָנגעהויבן זוכן חיפה. די שטאָט, וועלכע האָט אַזוי שיין געקלונגען אין זײַערע אויערן.

גראָד האָט זיך דער הימל אויסגעלײַטערט. די לופט איז דורכזיכטיק. די שיף גיט איבער סיגנאַלן. און עס זײַנען שוין געווען די ערשטע, וועלכע האָבן דערזען ווײַט אויפן האָריזאָנט אַ שוואַרצן פלעק.

— חיפה! חיפה! — האָבן אַלע פּאַסאַזשירן געשריען. די מאַטראָסן, אָפיצירן, קעלנער און דינערס זײַנען אַרויף אויפן דעק בײַצולעבן די פרייד וואָס האָט איצט געשפּאַרט פון אַלעמענס הערצער. פאָרן יידן מיט אַ ייִדישער שיף, אָנגעפירט דורך ייִדישע קאַפּיטאַנען און מאַטראָסן. אויך העלען, דוד און רמי זײַנען געשטאַנען אויפן דעק. זיי האָבן אָבער ניט באַמערקט דעם ייִדישן קאַפּיטאַן, וועלכער האָט זיי יאָ געזען.

וואָס ווײַטער איז דער שוואַרצער פלעק גרעסער געוואָרן און מען האָט שוין דײַטלעך געמערקט אַ שטיק באָדן.

— חיפה! חיפה! — האָבן אַלע געשריען. טייל פּאַסאַזשירן האָבן זיך געקושט. חלוצים האָבן פאַרפלאָכטן אַ הורא טאַנץ. דער קרײַז איז גרעסער געוואָרן פון מינוט צו מינוט, פרייד און שטימונג האָבן געהערשט צווישן די רייזנדע.

רמי האָט באַמערקט דעם שיפס־קאַפּיטאַן, ער איז צו אים צוגעגאַנגען, וואָרעם געדריקט זײַן האַנט.

דער קאַפּיטאַן האָט אויסגערופן:

— רמי! דיר איז איצט גוט. דו קומסט אין לאַנד. וועסט טרעפן דײַן כּלה, שׂרה. איך ווינטש דיר אַ גליקלעך לעבן. גיב איר אָפּ אַ האַרציקן גרוס פון שיפס־קאַפּיטאַן. זאָג איר, אַז איך שעץ איר שטאַרק, ווײַל זי הייסט דעם זעלבן נאָמען פון מײַן שוועסטער. זאָג מיר רמי, ווען אין מײַן אורלויב־צײַט, איך וועל דיך וועלן באַזוכן, ווו קאָן איך דיך טרעפן?

— אין קיבוץ ב. אין נגב. דאָרטן געפינט זיך אויף אַ בערגל אַ ביסל קליינע הײַזלעך. און איינע פון זיי וועסטו אונז טרעפן. און טאָמער וועלן מיר זײַן בײַ דער אַרבעט, זאָלסטו צוגיין מיט דער סטעזשקע, וואָס פירט צום גרויסן בוים, וואָס געפינט זיך אויסערן קיבוץ, און וועסט זיצן אויף דער באַנק און אויף אונז וואַרטן. קאַפּיטאַן! — רופט אויס רמי. — גיט מיר אײַערס אַ בילד אַלס אָנדענק.

— באַקומסט עס, רמי, אָבער איך וויל אויך אַלס אָנדענק, דײַנס אַ בילד.

— לײדער, האָב איך ניט מײנס קײן בילד אַלײן. איך האָב אַ בילד פון מיר מיט שרהן. מיר האָבן זיך פאָטאָגראַפירט פאַר מײן אָפּפאָרן קײן אַמעריקע, אויב איר ווילט וועל איך עס אײַך געבן.

רמי האָט אונטערגעשריבן דאָס בילד אין בײדנס נאָמען, רמי פײנגאָלד און שרה דאַנישעווסקי.

עמוס דיאמאנט, דער קאַפּיטאַן פון דער ישראל־שיף, האָט באַטראַכט דאָס בילד. די פאַרחלומטע אומעטיקע אויגן פון שרהן, האָבן אים דער־מאָנט אין זײן מוטערס פאַרחלומטע אויגן. זײ זײנען געווען אַזוי ענלעך, אַז עמוס האָט געמוזט אויסרופן, דאָס די אויגן פון זײן מוטער זײנען ענלעך צו שרהס.

אין דער מינוט איז אויך העלען און דוד צוגעגאַנגען צום קאַפּיטאַן.

— שלום עמוס! — האָט דוד אויסגערופן און אויסגעשטרעקט זײן האַנט.

עמוס האָט וואַרעם געדריקט די האַנט פון דודן, וועלכער איז געווען אין אַ זײער גוטער שטימונג, זײנע אויגן האָבן זיך אָבער איבערגעוואָרפן צו העלען, וועלכע האָט שמײכלדיק אויסגעשטעקט איר ווײך הענטל, וועל־כעס עמוס האָט אָנגענומען מיט דער לינקער האַנט.

— ווי גוט עס איז צו דריקן די האַנט פון גוטע פרײנד, — האָט עמוס אויסגערופן. — אַ סך פּאַסאַזשירן גײען פאַרבײ מיר אַדורך און נאָך קײנ־מאָל האָט מיר געצויגן צו וועמען, ווי צו אײַך.

— אײנמאָל אין לעבן מוז מען אָנטרעפן אַזעלכע, וואָס זאָלן ציען די אויפמערקזאַמקײט. אַזוי איז אויך אין לעבן. — רופט אויס העלען. — מיר קומען אין געזעלשאַפט, טרעפן אָן אַ סך בחורים, אָבער עס דויערט לאַנג און מען מוז אַ סך דורכגײן, ביז מען געפינט דעם, צו וועלכן עס ציט דאָס האַרץ. אָט בין איך אַ ניו־יאָרקער מײדל, האָב אַזוי פיל באַקאַנטע, און קומט אַ פרעמד ייִנגל פון ישראל, אַ קיבוצניק און גראָד ער רויבט אַוועק מײן רואיקײט אין די טעג און אין די נעכט. רויבער, וואָס דו ביסט — האָט העלען אַרומגענומען דודן און אויסגערופן: — האָסט צוגערויבט מײן האַרץ.

— אויך פאַרקערט דאָס זעלבע! — האָט דוד אויסגערופן.

— ווי גוט אײַך איז — האָט רמי אויסגערופן. — אָבער אין אַ שעה אַרום, וועל איך אויך דאָס זעלבע פילן.

— דוד, ווי וועסטו אויפנעמען שרהן, וועסט זיך קושן מיט איר? איך ווער אײפערזיכטיק — האָט העלען געלאַכט.

— איך וואָלט איר געוואָלט זען, דער שרהן. רמי! — רופט אויס עמוס, — איך וועל דיר געבן אַ דערלויבעניש אַרויפצופירן איר אויף דער שיף. איך וויל בייזיין אייער באַגעגעניש.

— בסדר, עמוס. — האָט דוד געענטפערט. — מיר וועלן טרינקען לחיים אין קאַבינע פון שיפס־קאַפּיטאַן.

קיינער פון זיי האָט ניט באַמערקט, אַז מען איז שוין נאָענט פון פּאָרט און מען קאָן שוין דייטלעך באַמערקן די הייזער, וועלכע זען אויס ווי פּינטעלעך פון ווייטן.

עמוס האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און זיך אָפּגערופן:

— נאָך אַ האַלבע שעה און מיר זיינען אין פּאָרט.

ערשט איצט האָבן אַלע באַמערקט, ווי כמעט אַלע פּאַסאַזשירן שטייען אויפן דעק און קוקן אויף חיפה. די ווייטקייט ווערט נעענטער און נעענטער. די רעשט פּרייד־כוואַליע איז אַריבער. די שיף האָט זיך צעשריען מיט איר שווערער באַסאָווער שטימע. אַ צייכן, אַז זי קומט אָן. און אַ צייכן צו פאַרלאַנגזאַמען דעם לויף. מאַטראָסן לויפן אַרום צו זייערע פּאָזיציעס. באַ־אַמטע דרייען זיך אַרום צווישן די פּאַסאַזשירן. אויגן באַוועגן זיך, אויגן פאַרדעכטיקע, מערקבאַרע, צופיל מערקבאַרע. אָבער דאָס איז נאַטירלעך — זאָגט עמוס. וועלכער שטייט אַ רואיקער און אַ צופרידענער, וואָס ער האָט דערבראַכט בשלום די שיף אויף זיין רייזע פון פראַנקרייך קיין ישראל. און אָט זעט מען שוין גוט די הייזער פון דער שטאָט. העלען האָט פאַר־כאַפּט די שיינקייט פון חיפה, עס כישופט איר דער באַזעצטער באַרג מיט הייזער. העלען שפּרינגט פון פרייד. — דוד! — רמי! — שרייט זי אויפן קול — דאָס איז חיפה. די שטאָט וועגן וועלכער איר האָט מיר אַזוי פיל דערציילט.

מיט יעדער מינוט ווערן די הייזער גרעסער, דייטלעכער, דער קאַפּי־טאַן איז אַוועק צו זיינע פליכטן. פון ווייטן איז אָנגעפאָרן אַ קליין מאָטאָר־שיפל. דאָס שיפל פירט מיט זיך פּאָרט באַאַמטע. עס קומען אַרויף ציווילע פערזאָנען, צווישן זיי אויך אַ פרוי. העלען האָט זיך געדוכט, אַז שרה איז צווישן זיי. זי האָט געמיינט, אַז אויב עמוס האָט געגעבן די דערלויבעניש אַרויפצוברענגען שרהן, דאַרף זי זיכער זיין.

— ניין, העלען! שרה וואַרט זיכער אין פּאָרט. אויב זי האָט נאָר גע־קראָגן די טעלעגראַמע.

די שיף איז אַריין אין דער ים־בוכטע. רמי שטייט אויפן דעק און זוכט שרהן. אַ סך מיידלעך שטייען מיט טיכלעך אין די הענט, באַוועגן זיי

כלפי די פּאַסאַזשירן. כאָטש קיינער דערקענט זיי ניט. רמין דוכט זיך, אַז אָט דאָרטן אין ווינקל שטייט שרה.

די שיף האָט פּאַראַנקערט, געשרייען טראָגן זיך פון שיף צום ברעג. נעמען ווערן אַנגערופן. רמיס האַרץ קלאַפּט ווי מיט האַמערס. ווו איז שרה? העלען איז צו צו רמין, אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל און אַ פרעג געטאָן: — רמי! זעסטו איר שוין?

— ניין, העלען, איך זע איר ניט. מעגלעך, אַז זי האָט זיך פאַרשפּע־טיקט, אַדער אפשר איז זי אין אורלויב און זי ווייסט גאָרניט, אַז מיר קומען?

— איז וואָס וועט זיין? — האָט העלען אַ פרעג געטאָן.

— וועלן מיר פאָרן אין עפולה און דאָרט איר איבערראַשן.

די פּאַסאַזשירן האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצוגיין. די ערשטע שטייען אַרומגעאָרעמטע מיט זייערע פריינד. כמעט צו אַלע זיינען געקומען געסט און משפחה. שרה איז אָבער ניט געווען. אין דער דאָזיקער מינוט זיצט שרה אין תל־אביב אין דער געזעלשאַפט פון יונגן דאָקטאָר מיט זיינע עלטערן, אין גרויסן גאָרטן און אונטערהאַלטן זיך אויך מיט דער יונגער עליזה.

רמי שטייט נאָך אַלץ אויפן דעק און עס גלויבט זיך אים ניט, אַז שרה זאָל ניט קומען. פון די לעצטע איז געווען רמי ביים אַראָפּגיין פון דער שיף. ווען ער איז שוין געווען אין גרויסן זאַל און איבערגעגעבן זיין באַגאַזש דער קאָנטראָל, האָט ער באַמערקט עמוסן:

— ווו איז שרה? — האָט עמוס אַ פרעג געטאָן.

— זי איז ניטאָ! וואָס קאָן דאָס זיין?

— זיכער ווייסט זי ניט — האָט עמוס געענטפערט. — אָבער לאָמיר האָפן, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג, איך האָף אייך צו באַזוכן. דריי טעג שטייען מיר אין פּאָרט. — עמוס האָט זיך געזעגנט מיט רמין העלען און דודן.

— מיר פאָרן? — האָט העלען אַ פרעג געטאָן.

— יאָ! — האָט רמי געענטפערט.

די וואַליזן האָבן זיי איבערגעלאָזט אין דער רייזע־ביוראָ פון „קשר" אויף רחוב העצמאות. זיי האָבן גענומען אַ טאַקסי און גלייך געפאָרן אין שפּיטאָל פון עפולה. במשך צוואַנציק מינוט פון זייער רייזע, האָט העלען ניט געקאָנט זיך באַהערשן פון פרייד, אָנקוקנדיק די גאַסן און די מענטשן פון חיפה. דער טומל און רויש אין חיפה איז ניט קלענער ווי אין ניו־יאָרק — האָט זי אויסגערופן. און אָט זיינען זיי שוין אויסער דער שטאָט. לאַנדשאַפט

בערג, טאָלן האָבן געכשופט איר פאַנטאַזיע. פון באַגייסטערונג האָט זי פעסט געדריקט דודס האַנט. אין געציילטע מינוטן זיינען זיי אָנגעקומען אין עפולער שפּיטאָל. ווען דוד האָט אין עברית זיך נאָכגעפרעגט אויף שרהן, האָט מען אים געענטפערט, אַז שרה האָט דאָ געאַרבעט, אָבער מיט אַ חודש צוריק, האָט זי פאַרלאָזן די אַרבעט און אויף וויפל זיי ווייסן, האָט זי חתונה געהאַט און פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

רמי, העלען און דוד זיינען געשטאַנען ווי צוגעשמידטע צום פּלאַץ. אַממערסטן האָט עס געפּילט העלען, זי, נאָר זי האָט פאַרשטאַנען רמין. ווייל זי האָט געוווּסט, ווי שטאַרק ליב רמי האָט שרהן און צוליב איר איז ער אַהער געפאָרן מיטנעמענדיק העלען מיט זיך. איצט ווערן צערונען זיינע חלומות. העלען האָט זיך געפרעגט „גאָט אין הימל, וואָס טוט מען, אַז רמין זאָל דער קלאַפּ גוט אַדורך. פּלוצים האָט זי אַ פרעג געטאָן ביי דער שוועסטער:

— אַנטשולדיקט, איר רעדט יידיש?

— יאָ! — האָט דאָס שפּיטאָל מיידל געענטפערט.

— אפשר האָט איר אַ טעות? ניט די שרה מיינט איר? — דערביי האָט זי איר געגעבן אַ צייכן מיטן קאָפּ. דאָס שפּיטאָל־מיידל, האָט אָבער גע־ענטפערט:

— יאָ! דאָס איז זי. אַ יונגיטשקע, אַזאַ מילדע, אַזאַ שיינע, מיט אַ קריסטלעך פאַרריסן נעזל. מיר האָבן איר אַלע דאָ ליב געהאַט. זי האָט אונז דערציילט פון אַ בחור, וועלכן זי האָט אין אַמעריקע. זי פלעגט אונז זאָך פרעגן, צי בחורים קאָנען פאַראַטן געליבטע און זיי איבערלאָזן אַליין. און צי מען מעג גלויבן מענער. זי פלעגט אונז דערציילן וועגן איר לעבן. און אַז זי האָט געאַרבעט אין קאַפּלאַן שפּיטאָל פון רחובות. און אַז אַליין שטאַמט זי פון אַ קיבוץ אין נגב.

— מיט וועמען האָט זי חתונה געהאַט? — האָט רמי אַ פרעג געטאָן.

— דעם בחור קאָנען מיר ניט, ווייל מיר האָבן אים קיינמאָל ניט געזען. פאַר דער צייט, וואָס שרה איז דאָ געווען, איז זי מיט קיינעם ניט געגאַנגען. זי פלעגט אויסמיידן מענער געזעלשאַפט. אַמאָל איז יאָ געקו־מען אַ יונגער דאָקטאָר און זיך נאָכגעפרעגט אויף איר.

— קאָנט איר דעם דאָקטאָר? — האָט רמי ווייטער געפרעגט.

— יאָ! אים קאָנען מיר זייער גוט. ער אַרבעט אין קאַפּלאַן שפּיטאָל פון רחובות. גראַד זייער אַ סימפּאַטישער און אַ יונגער.

— ווי הייסט ער?

— דאָס געדענק איך ניט, — האָט דאָס מיידל געענטפערט.

— מיר פאָרן אַהיים! — האָט דוד אויסגערופן.

— איר פאָרט, און איך וועל דאָ בלייבן אַ פּאָר טעג. איך מוז אויסגעפינען מיט וועמען זי האָט חתונה געהאַט. — האָט רמי געזאָגט.

— וואָס וועט דאָס דיר געבן, רמי? הערסט דאָך, זי האָט חתונה געהאַט און גאָר פאַרגעסן וואָס ס'איז געווען. וואָס מיינסטו? וועסט פאַרבלייבן אַ בחור. איך וועל דערפאַר זאָרגן.

— אַ דאַנק דיר, טייערער חבר, איר פאָרט, און איך וועל קומען איבערמאָרגן אַהיים.

— ווען מיר דאָ אַלע בלייבן, עס ברענט ניט ביי אונז צו קומען אַהיים. איך מוז אין חיפה פאַרבלייבן אַ טאָג במילא, איך דאַרף דערליידיקן אין דער סוכנות מיין שליחות. — האָט דוד זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע.

— איך וויל אויך פאַרבלייבן אין חיפה אַ טאָג — האָט העלען זיך אָפּגערופן. — איך וויל באַקענען די שטאָט, די מענטשן. זיינען אַלע, וועלכע וווינען אין חיפה יידן? וווינען אויך דאָ קריסטן?

— ניין, העלען! חיפה איז אַ יידישע שטאָט מיט אַ ביסל אַראַבער.

— דוד, איך קאָן רמין. — האָט העלען ווייטער גערעדט — ער וועט זיין וואָרט ניט בייטן. רמי, פאַרבלייב דאָ, מיר פאָרן קיין חיפה און וועלן אויף דיר וואַרטן. דוד, זאָג אים ווו מיר וועלן זיין.

— אין האָטעל ציון — האָט דוד געענטפערט.

— איך גיי ניט מיט אַ בחור אין אַ האָטעל — האָט העלען אויסגערופן מיט אַ שמייכל, — דו וועסט געוויס נעמען איין צימער מיט צוויי בעטן.

— האָסט פאַר מיר מורא? — האָט דוד געלאַכט.

רמי האָט אַרויסגעבראַכט אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן. און ער האָט אויסגערופן:

— קריגט זיך, קינדערלעך, וועט דאָס איבערבעטן זיין זיסער...

— העלען! מאַך ווי דו ווילסט.

— אפשר פאָרן מיר צו חנהן? — האָט העלען אַ פרעג געטאָן.

— פון מיין זייט, — האָט דוד געענטפערט — איך בין גרייט.

— יאָ! צו חנהן! — האָט העלען זיך אָפּגערופן. — דוד, האָסטו איר אַדרעס?

— ניין, אָבער רמי האָט פאַרשריבן. זעסט רמי — האָט דוד אַ זאָג

געטאָן, — האָסט פאַרשריבן אויף אַ געלעכטער און צום סוף קומט עס צוניץ. גיב מיר איר אַדרעס, אָבער וועט זי אונז אויפנעמען?

— יאָ, דוד! זי וועט אייך אויפנעמען. איך האָב עס געפילט פון אירע ווייד. אָבער פאַרזאַמט ניט, ס׳וועט שפּעט. פּאַרט און איבערמאָרגן טרעפן מיר זיך דאָרט.

— לאָמיר איר פריער אָנקלינגען, — האָט דוד אַ זאָג געטאָן.

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען אין דער וווינונג פון חנהן. אַקוראַט איז חנה געוועזן ביים טעלעפאָן.

— האַלאָ, חנה! דאָ רעדט העלען.

— האַלאָ, העלען! ווו זענט איר?

— מיר רעדן פון עפולה שפּיטאָל, מיר ווילן קומען צו אייך אויף צוויי טעג. וועסטו האָבן פאַר אונז פּלאַץ?

— געוויס. איך וואַרט אויף אייך.

— אין אַ שעה אַרום קומען מיר, שלום.

חנהס פרייד איז געווען ניט אָפּצושאַצן. באַלד וועט די שיינע העלען און דער פיינער דוד מיט רמין זיין ביי איר. אויף גיך האָט זי באַפוילן אירע געהילפינס אויפצוראַמען די צימערן. חנה האָט אריינגעבראַכט בלומען פון זייער גאָרטן און אַקוראַט צו דער שעה איז צוגעפאָרן אַ טאַקסי צו זייער וווינונג אויפן הר הכרמל. ווען חנה האָט אָבער דערזען נאָר העלען מיט דודן, האָט זי געפרעגט ווו איז רמי?

— ער איז געבליבן אין עפולה, דער אומגליקלעכער. זיין געליבטע האָט אים פאַרלאָזט און חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן. אַרעמער רמי! — האָט העלען שטיל אַרויסגעזאָגט. — אַזוי יונג און האָט שוין ליבע ליידן.

— שרה האָט חתונה געהאַט? — האָט חנה אַ פרעג געטאָן אַ צעשטראָלטע. — בלייבט רמי אַליין! — האָט זי גערעדט צו זיך. — ער וועט קומען אַהער! אַ ווי וווּנדערפול — האָט זי אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— אַזוי איז עס, — האָט דוד זיך אָפּגערופן — איינער בויט זיינע פּלענער אויפן צווייטנס חשבון.

— מען טאָר עס ניט? — האָט חנה זיך אָפּגערופן. — וואָס זאָל רמי טאָן, פאַרבלייבן אַ בחור אויף זיין גאַנצן לעבן? טאָ ווי וועט אונזער פאָלק זיך פאַרמערן? שטעלט אייך פאָר, ווען אַלע בחורים באַשליסן ניט חתונה צו האָבן, ווי וואָלטן מיר אויסגעזען אין פופציק יאָר אַרום?

— וועלן מיר געבוירן קינדער ניט חתונה געהאַטערהייט, — האָט העלען געלאַכט. — ווער דאַרף האָבן זייער חתונה צערעמאָניע.

— דאָס וועט זיך זיי, די מענער, ניט איינגעבן. מיר וועלן זיי שוין אַזוי פאַרדרייען די קעפּ, אַז זיי וועלן פאַלן צו אונזערע פיס. קינדער, — האָט חנה אויסגערופן. — דאָ האָט איר אייערע צימערן. פּאַקט אויס אייער זאַכן. און קומט עסן. אַלץ איז גרייט. אַקוראַט זיינען די עלטערן ניטאָ אין דער היים. זיי זיינען אַוועקגעפאָרן קיין ירושלים אין אויסערן־מיניסטעריום. זיי וועלן ערשט קומען סוף וואָך, מאַכט אייך באַקוועם.

העלען איז זיך געגאַנגען טושן, דוד האָט צעעפנט די וואַליזן, אויפגעהאַנגען זייער קליידונג און ווען העלען איז שוין אויך גרייט געווען, זיינען זיי אַלע אַריין אין עס־זאַל.

דער מיטאָג איז געווען קאָלירפול און געשמאַק. חנה האָט נאָר גערעדט וועגן רמין. זי האָט אַפילו פאַרגעלייגט צו פאָרן מיט איר פּריוואַט אויטאָ קיין עפולה. אין העלען האָט זיך אָבער אַנטוויקלט אַ קנאה און זי האָט אויסגערופן:

— איך קאָן רמין גוט. מען דאַרף אים לאָזן זיך באַרואיקן פונעם קלאַפּ, וועלכן ער האָט באַקומען. בכלל איז געוווּנטשן ייִנגלעך ניט נאָכצולויפן. מען דאַרף אַזוי דערפירן, אַז זיי זאָלן אַליין קומען. לאָמיר אים צורו לאָזן.

נאָך מיטאָג זיינעז אַלע געגאַנגען זיך אויסרוען. חנה האָט אָבער ניט גערוט. ניט זיי האָט זי געמיינט, רמין האָט זי געוואָלט.

* * *

און רמי? נאָכדעם, ווי ס'איז אים באַוווּסט געוואָרן, אַז שרה האָט חתונה געהאַט און פאַרלאָזט דאָס לאַנד, האָט ער געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך פאַר אים פאַרמאַכט. אַוועקגייענדיק פון שפּיטאָל האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט צווישן די עפולהער גאַסן און געסלעך. רמי פלעגט פון צייט צו צייט אַריינגיין אין אַ קאַפע, אַוועקזעצן זיך אין אַ ווינקל און חלומען. אין זיין מוח האָט זיך געפלאָנטערט שרה, אָט זעט ער איר אין זיינע אָרעמס. אָט זעט ער איר אויפן בערגל אין נגב, אָט זעט ער איר אין די אָרעמס פון איר געליבטן. אָט זעט ער איר אין דער געזעלשאַפט פון איר מאַן און קינד. וואָס מער ער האָט פון איר געטראַכט, אַלץ אומעטיקער איז ער געוואָרן. ער האָט מיט זיין האַלטונג געצויגן אַפילו די אויפמערקזאַמקייט פון די געסט, וועלכע האָבן זיך געפונען אין קאַפע. אין זיין שפּאַציר איז ער אַרויס הינטער דער שטאָט. די פעלדער האָבן אים געצויגן, דערמאָנט פון די פעלדער אין קיבוץ. ביי יעדן בוימל האָט זיך אים געדוכט,

אז שרה איז דאָ. אָט אַזוי איז שרה אויך אַמאָל אַרומגעגאַנגען איבער די זעלבע וועגן און שטעגן אין בענקעניש נאָך רמין.

ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט איז רמי אַריין אין האָטעל. ער האָט ניט געגעסן, ניט געטרונקען, נאָר זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט שלאָפן. אָ, ווי ער האָט געוואָלט אַזוי אָפּשלאָפן אַ לעבן לאַנג. דאָס שלאָפן זאָל זיין אָן אויפהער. אָבער רמי האָט אויך שלאָפן ניט געקאָנט. ער האָט זיך אַרומגעוואָרפן אויף זיין געלעגער און זיין האַרץ האָט שטיל געוויינט פון דער בענקשאַפט און ליבע. ערשט גראָד אין פרימאָרגן, איז געקומען זיין שלאָף באַגלייט מיט חלומות. ער האָט געחלומט, אַז זי קומט צו אים צוריק. זי בעט ביי אים אַנטשולדיקונג. זי דערציילט אים, ווי אומגליקלעך זי איז. דער מאַן איז אַ ברוטאַלער מענטש. ער זוכט אין איר קערפּער ליבע, באַניצט זיך ווי אַ סאַדיסט און דאָס קאָן זי ניט פאַרליידן. שרה, די שטילעליידנדיקע שרה, האָט געזוכט געפילן, אָפּשאַצונג, ליבע. אמתע ליבע. ביז זי האָט באַשלאָסן מיט איר קינד צו קומען צו אים און רמי מוסרט איר, פאַרוואָס זי האָט אים פאַראַטן. שרה וויינט, פאַלט צו זיינע פיס און בעט אַנטשולדיקונג. רמי ראַנגלט זיך אין שלאָף, מיטן געדאַנק, זאָל ער איר מוחל זיין אָדער ניט. צום סוף באַשליסט ער איר ניט מוחל צו זיין. אים פאַרדריסט, וואָס אַ פרעמדער מאַן האָט איר באַרירט און אומריין געמאַכט. שרהס טרערן ווירקן אויף אים ניט. און זי נעמט איר קינד און פאַרלאָזט זיין צימער. אָט זעט ער איר גיין, אַן אומעטיקע, אַ פאַרטרויערטע, און אַ וויינענדיקע. איך בין שלעכט, שרייט ער אויס. פאַרוואָס האָב איך איר פאַרטריבן. רמי לויפט אַרויס אין דרויסן. ער וויל איר צוריק רופן. אָבער ער זעט איר ווייט, ווייט, אויפן האָריזאָנט. ער וויל לויפן און עפּעס גייען ניט זיינע פיס, ער רייסט זיך און קאָן ניט. אָבער דאָ האָט ער זיינע אויגן געעפנט, און באַמערקט די פיר ווענט פון זיין האָטעל-צימער.

— אַ חלום! אַ חלום! — האָט ער געמורמלט. — אָ, ווי ס'איז גוט, וואָס דאָס איז געווען אַ חלום.

— וואָס טוט מען איצט? — האָט ער צו זיך אויסגערופן. — פאַרבלייבן דאָ האָט ניט קיין זין. ער האָט זיך באַהערשט און גענומען שלום מאַכן מיטן גורל.

— פאָרן אַהיים, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — אַהיים אין קיבוץ. אַריינוואַרפן זיך אין דער אַרבעט. בויען און בויען, פאַרגרעסערן, פאַרשענערן זיין ווירטשאַפט. ער וועט ניט חתונה האָבן. ער וועט פירן זיין לעבן אין דעם אַלגעמיינעם ראַם פון דעם אַרום.

רמי האָט איינגעפּאַקט זיינע זאַכן און איידער ער איז אַרויס צום אויטאָ, האָט ער פֿון האָטעל אָנגעקלונגען צו חנהן.

— העלאָ, העלען! ווי פֿילט איר זיך? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן.

העלען האָט געענטפֿערט, אַז זיי פֿילן זיך, ווי ביי זיך אין דער היים און אַז חנהס עלטערן זיינען אָפּגעפֿאָרן קיין ירושלים און צו זייער דיס־פּאָזיציע געפֿינט זיך די גאַנצע וווינונג. מיר וואַרטן אויף דיר, — האָט העלען זיך אָפּגערופֿן.

— איך פֿאָר שוין אַרויס, און לאָמיר זיך טרעפֿן ביים אויטאָבוס, — האָט רמי זיך אָפּגערופֿן. — מיר וועלן פֿון דאָרט פֿאָרן גלייך אין קיבוץ.

ווען העלען האָט דאָס געזאָגט חנהן, האָט חנה איבערגענומען דאָס טרייבל פֿון טעלעפֿאָן און אויסגערופֿן צו רמין, אַז בשום אופֿן וועט זי זיי ניט לאָזן אָפּפֿאָרן ביז מאָרגן, און אַז חנה וויל, אַז זיי זאָלן איין אָוונט כאָטש צוזאַמען אַרויסגיין אין חיפה שפּאַצירן אין זייער אויטאָ איבער די גאַסן און ווייזן העלען חיפה ביינאַכט פֿון כרמל באַרג. עס האָבן ניט געהאָלפֿן רמיס רייד, ביז ער האָט צוגעשטימט. אַ שעה שפּעטער זיינען אַלע צוזאַמען געזעסן ביי חנהן און גענאָסן פֿון די זומער־פֿרוכטן.

— ווי שיין איז דאָ ביי דיר! — האָט רמי אויסגערופֿן — איך האָב זיך ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז אין ישראל זיינען דאָ אַזעלכע פּראַכטפֿולע וווינונגען.

— דער אמת פֿאַרפּליכטעט, מיין ליבער. עס קומען צו אונז זייער אָפֿט אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן. — האָט חנה געענטפֿערט.

ווען ס'איז צוגעפֿאַלן דער אָוונט, זיינען רמי, חנה, העלען און דוד אַרויסגעפֿאָרן אין חנהס מאַשין איבער די חיפֿהער גאַסן. זיי האָבן זיך באַוועגט אויף דעם שמאָלן שאָסיי אין די בערג און העלען האָט זיך ניט גע־קאָנט אָפּוווּנדערן פֿון דער פּרעכטיקער פּאַנאָראַמע אויפֿן ים, מיט די טויזנטער פֿייערלעך, וועלכע האָבן זשימירירט אין מפרץ, עכו דערגרייכנדיק ביז כפר אתא און אַפֿילו ביז נהריה. די ליכטלעך האָבן זיך געטונקען אין דער וואַ־רעמער נאַכט לופֿט. ניט איינמאָל האָט העלען געבעטן אָפּשטעלן די מאַשין און בלייבן שטיין אַזוי אַ לענגערע צייט. חנה האָט זיך באַמיט צו ציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון רמי, אָבער ס'איז איר ניט געלונגען. און ווען זיי זיינען שפּעט אין אָוונט אַהיימגעקומען און העלען און דוד זיינען געגאַנגען שלאָפֿן אין זייערע באַזונדערע צימערן, איז חנה פֿאַרבליבן מיט רמין אין איר צימער, וואָס איז געווען הערלעך אויסגעפּוצט.

— רמי! — האָט חנה אויסגערופֿן. — איך האָב אייך ליב באַקומען

פון דער ערשטער מינוט, ווען איך האָב אייך דערזען אויף דער שיף. מיר זיינען רייך. דער פאָטער זיצט אויף אַ פיינעם אַמט. אונזער געזעלשאַפט איז אַן אַריסטאָקראַטישע. עס קומען צו אונז די אָנגעזעענסטע מענטשן פון גאַנצן לאַנד. אויך אין אויסלאַנד, ווען מיר געפינען זיך דאָרט, האָבן מיר גרויס אָנזען, דער פאָטער האָט מיר ניט איינמאָל באַקאַנט מיט שיינע יונגע בחורים, אָבער קיינער האָט ניט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר מיין האַרץ איז געבליבן צו זיי אַלעמען קאַלט. נאָר דערזעענדיק אייך דאָס ערשטע מאָל אויף דער שיף, האָב איך געפילט, אַז איך האָב זיך פאַרליבט. איך האָב פיל מאָל געוואָלט צוגיין צו אייך, רעדן, אָבער ניט געהאַט די דרייסטקייט. עס איז מיר אויסגעקומען עפעס ווי דערנידעריקן זיך. איך האָב אַזוי געוואָלט איר זאָלט אַמאָל מיר לאַדן טאַנצן, איך האָב זיך ספּעציעל באַוועגט נעבן אייך און איר האָט אפילו קוקן ניט געוואָלט אויף מיר. דאָס האָט מיך געוואַלדיק געקרענקט און פון דער צווייטער זייט, אימפּאָנירט. איך האָב געטראַכט: ווי מאָדנע די מענטשן זיינען: דער וואָס האָט מיך ליב, האָב איך ניט ליב, און דעם וועמען איך האָב ליב, האָט מיך ניט ליב.

— ווי האָט איר זיך געקאָנט פאַרליבן אין אַ בחור, וועלכן איר קאָנט ניט? — האָט רמי נאַאיוו אַ פרעג געטאָן.

— דאָס האָב איך זיך ניט איינמאָל געפרעגט אַליין, איך קאָן דאָך אייך ניט, איך קאָן ניט אייער היים און דאָך האָט איר געצויגן מיך ווי אַ מאַגנעט. מיין גאַנצע רייזע אויף דער שיף איז מיר פאַרשטערט געווען, ווייל איר האָט צוגערויבט מיין גאַנצע רו.

חנה איז שטיל געוואָרן, אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן און אָנגענומען רמיס האַנט.

רמי האָט זיך פאַרלוירן אין דער דאָזיקער מינוט און אויסגערופן:

— חנה! אויך איך קאָן אייך ניט, אָט, נעכטן זיינען מיר געווען ווילד פרעמדע מענטשן. איר אַ מיידל —

— רמי! — האָט חנה אים איבערגעריסן אין זיינע רייד. — קומט אַרויס אין גאָרטן, דאָרט איז אַ בעסערע לופט, און איך וויל ניט, אַז ווער עס איז זאָל הערן אונזער געשפּרעך.

העלען האָט טאַקע געהערט פון איר צימער, די רייד, וועלכע זיינען גערעדט געוואָרן צווישן חנהן און רמי, זי האָט אויך געזען ווי חנה האַלט רמיס האַנט.

חנה האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט און האַלטנדיק זיין האַנט,

האָט זי אים אַרויסגעפירט אין גרויסן גאָרטן, וועלכער איז געווען באַוואַקסן מיט בוימער און בוימעלעך. די לופט האָט דאָ געשמעקט מיטן אַראָמאַט פון געעפנטע רויזן. אין אַ ווינקל אויף אַ באַנק, וואָס איז געווען צוגעשטעלט הינטער אַ בוים, האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט.

— אַ, ווי שיין און הערלעך קוקט אויס חיפה פון דעם אָרט. ווי שטיל דאָ איז! — האָט רמי אויסגערופן.

— חיפה איז אַן אַרבעטס־שטאָט. אַלע שלאָפן זייער נאַכט שלאָף — האָט חנה געענטפערט. — אָבער דאָרט, אויבן, אין פּיקאַדילי אָדער אין פּאַנאָראַמע, איז איצט פול מיט פּאָרלעך, וועלכע פאַרברענגען זייער נאַכט לעבן. מיר האָט קיינמאָל צו דעם ניט געצויגן. איך ווייס ניט פאַרוואָס. אייני־מאָל בין איך דאָרט געגאַנגען מיט מיינע עלטערן, בין איך ממש אַנטלאָפן. די טיפּן בחורים און מיידלעך האָבן מיר געעקלט. די מיידלעך, שרעקלעך דעקאָלטירט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט רייצן מיט דעם די מענער און די בחורים.

— איר זייט אַנדערש ווי זיי, — האָט רמי אַ זאָג געטאָן.

— איך האָב ליב רואיקייט. סאָלידקייט. ווען איך וועל חתונה האָבן, וועל איך פירן אַ פיינעם פאַמיליען־לעבן, אַזוי ווי מיינע עלטערן. אַ פּיי־נער לעבן הייסט, מאַן, פרוי, קינד, און ביז היינט, האָב איך נאָך ניט אַנגעטראָפן אַזאַ, וואָס זאָל געווינען מיין הארץ. אָט דאָס דאַזיקע הויז האָט מיין פאָטער מיר צוגעזאָגט אַוועקצוגעבן פאַר מיר, נאָך מיין חתונה.

— איך מיין, אַז דער, וואָס וועט מיט אייך חתונה האָבן, וועט זיין פון די גליקלעכסטע מענער. אַ שיינע פרוי, רייך, גוט אייגעאָרדנט, בכבודיקע עלטערן, פיינע היים.

— רמי! — האָט חנה דרייסט אַ זאָג געטאָן. — איך וואָלט געוואָלט, אַז איר זאָלט זיין דער גליקלעכער און איך פיל עס, אַז איר קאָנט דאָס לייכט דערגרייכן, — האָט זי אַנגענומען זיין האַנט.

— אַ, חנה! אַ דאַנק פאַר אַזאַ גוטן מיינונג. אָבער ווי איר ווייסט, עקזיסטירט אַ שרה, וועלכע איך קאָן ניט פאַרגעסן.

— אָבער אויף וויפל איך ווייס, האָט זי שוין חתונה געהאַט, און מעג־לעך, אַז זי האָט שוין אויך אַ קינד.

די דאַזיקע רייד, האָבן רמין אַ שניט געטאָן אין הארצן. שרה אַ מוטער אַ קינד פון אַ צווייטן — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אָבער ניט צולאָזנדיק דעם געדאַנק, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איך גלויב עס ניט. איך שטעל זיך ניט פאַר, אַז שרה וועט חתונה האָבן מיט אַ צווייטן, ווייל זי ווייסט אַקוראַט ווי איך, אַז גליקלעך וועט זי אין לעבן קיינמאָל ניט זיין. און חתונה האָבן אָן ליבע און אָן גליק, טאָ צוואָס דאַרף מען עס?

— די פראַגע איז ריכטיק אָבער אין לעבן ניט רעאַל. אַ סך אַזעלכע צעבראָכענע ליבעס, ווייסט די געשיכטע צו דערציילן, אַ סך אַזעלכע ראָמאַנען האָב איך געלייענט. איך מיין, אַז מען קען ליב האָבן נאָך אַמאָל.

— עס וווּנדערט מיך אויף אייך, חנה, איר זאָלט אַזוי רעדן. איר, ווי איר דערציילט, האָט באַקאַנטע יינגלעך אָן סוף און דאָך האָט אייער האַרץ ניט געצויגן צו קיינעם, גלויבט איר, אַז נאָכדעם, ווי איר וועט געפינען אייער געליבטן, וועמען איר וועט ליב האָבן און יענער וועט אייך ליבן, ווייל איר זענט עס ווערט, וועט איר חס־וחלילה נאָך אַן אַנטוישונג קאָנען זיך ווי־דער פאַרליבן? ניין מיין טייערע! — האָט רמי אויסגערופן. — ליב האָבן אין לעבן קאָן מען נאָר איין מאָל. איר וועט מיר ניט איינרעדן, אַז אַזאַ זאַך איז מעגלעך. ריכטיק, נאָך אַן אַנטוישטע ליבע קאָן קומען אַ הייראַט. יאָ, ס'איז מעגלעך. אָבער דאָס איז ניט ליבע. נאָר דאָס איז צוויי זאַכן: איינס, תאווה און אינטערעסן. תאווה, ווייל דער בחור מוז האָבן דאָס מיידל און דאָס מיידל מוז האָבן דעם מאַן. אָבער דאָס זיינען פיזישע לעבנס געזעצן און האָט מיט ליבע ניט צו טאָן. דער מאַן לעבט מיט זיין פרוי, ווייל דאָס איז זיין פרוי און דאָס זיינען געזעצן פון לעבן, די פרוי געפינט איר גליק אין אירע קינדער. איר האָט אפשר ניט געמערקט, ווי נאָכדעם, ווי אַ פרוי געבורט איר קינד, גייט איר גאַנצער לעבן אין זאָרג, דערציאונג און אַנטוויקלונג אין איר קינד. האָט איר אַמאָל זיך צוגעקוקט, ווי אַ מאַמע צערטלט אַ קינד. קושט עס, דריקט צו איר האַרצן. ציטערט פאַר דאָס קלענסטע אומאַנגענעמלעכקייט פון קינד און דער מאַן ווערט אינגאַנצן פאַרזען און פאַרגעסן. און מיינט איר, אַז דער מאַן פאַרשטייט עס ניט? עס פאַרדריסט אים. אויך דער גרויסער האָט ליב די אויפמערקזאַמקייט פון זיין פרוי. אויך דער מאַן האָט ליב די צערטלעכקייט און דער מאַמעס וואַרעמען בליק. אָבער דאָס קאָן טרעפן נאָר ביי אַן ערשטע ליבע און ניט ביי קיין צווייטע. איז בעסער ניט חתונה האָבן בכלל איידער אַ לעבן אָפּצולעבן אין קאַלטקייט. געוויס איז דער מאַן אַ מאַן צו זיין פרוי און משפחה, אָבער שפּעטער איז עס ניט מער ווי פיזישע באַציאונגען. קאַלט און אָפטמאָל שטויסט די פרוי אָפּ דעם מאַן פון זיך, ווייל ער איז איר דערווידער. זי טוט איר פליכט, ווייל זי איז פאַרהייראַט און דאָס גאָר. איך וויל ניט אַזאַ

לעבן. איך וויל, אַז מיין פרוי, זאָל מיך ליב האָבן, ווי זיך אַליין, און אויך איך זאָל איר ליב האָבן.

— רמי! איך האָב נאָך אין מיין לעבן ניט ליב געהאַט, איר זענט דער ערשטער, מיט וועמען איך רעד אַזוי אָפן.

— ניין, חנה, ביי מיין בעסטן ווילן קאָן איך אייך ניט גלויבן. איך וויל איר זאָלט זיך ניט באַליידיקן אויף מיר. אַזאַ שיין מיידל, ווי איר זענט, אַזוי רייך און אָנגעזעען, קאָן ניט טרעפן, אַז בחורים זאָלן אייך צורו לאָזן. צווייטנס — מיין האַרץ איז פאַרוואונדעט קראַנק, איך וועל ניט קאָנען ליב האָבן אַ צווייטע. מיר רעדן דאָס אָפן, חנה, ווען איך וועל אייך ארומנעמען און צערטלען, קושן, וועט עס זיין פאַלש, פאַלש, פאַלש, ווייל פאַר מיינע אויגן וועט שטענדיק שטיין שרה.

— וועט איר קיינמאָל ניט חתונה האָבן? — האָט חנה געפרעגט.

— איך קאָן איצט גאָרניט זאָגן, ווייל איך ווייס ניט, וואָס די צייט קאָן ברענגען. ערשטנס מוז איך וויסן וואָס מיט שרהן איז, איך מוז איר געפינען. איך מוז מיט איר רעדן. איך מוז וויסן די סיבה, פאַרוואָס זי האָט מיך פאַראַטן און נאָכדעם ווי איך וועל זיך באַרואיקן, וועל איך געשטאַלטן מיין לעבן. איך זאָג נאָכאַמאָל. איך גלויב ניט, אַז שרה וועט אַזוי לייכט מיך פאַרבייטן. און אויב זי האָט עס געטאָן, וועל איך איר ווינטשן גליק.

— קאָן איך אויף אייך האָפן, רמי? אויך איך וועל וואַרטן. איך האָב געוואָלט, אַז איר זאָלט זיין אין מיין געזעלשאַפט, איך וואָלט געוואָלט אויך אייך באַזוכן. איר, העלען און דוד זענט מיר טייער. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר איר אַלע זענט אַזעלכע ליבינקע, אָנגענעמע, עפּעס ווי איר וואָלט געהאַט אַן אַנדער דערציאונג. ניט פון אונזער דור.

— אייער פריינדשאַפט נעם איך אָן, חנה, ווייל פריינדשאַפט דאָס איז דער געבוי פון מענטשהייט. פריינדשאַפט מוז הערשן צווישן מענטש און מענטש. דערפאַר זיינען מיר דאָך מענטשן.

* * *

די ליכטער פון די הייזער אויפן כרמל האָבן זיך שוין לאַנג אויסגעצ־לאָשן. עס ברענגען נאָר די נאַכט־לאַמטערנעס. אין פּאַרק פילט זיך אַ לייכ־טע באַוועגונג. שיפן גרייטן זיך צו פאַרלאָזן חיפה. זעלטן ווען, אַן אויטאָ שלענגלט זיך דורך דעם שאָסיי, דורך די חיפהער גאַסן. די שטערן אויפן הימל טונקען זיך און ווערן העלער. ס׳איז שטיל אַרום. אַ גריל האָט זיך צעזונגען אין זיין נאַכט־געזאַנג. ער איז צופרידן קאָנטיק, דער דאָזיקער גריל, וועלכער פּישטשעט אָן אויפהער.

— אַ, ווי איך וואָלט געוואָלט אַזוי זיצן מיט אייך אייביק — האָט חנה זיך אָפּגערופן. — איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר אייער געזעלשאַפט איז מיר אַזוי אַנגענעם.

— אויך מיר, טייערע חנה, אָבער ס'איז שוין טאָקע שפּעט. אייערע עלטערן קאָנען נאָך אַנקומען און מיך באַשולדיקן אין ווען אייך פאַרפירן.

— האָט רמי געשמייכלט. — קומט חנה אין שטוב, עס גייט אַ מאָרגן און נאָך אַ מאָרגן, די צייט איז פאַר אונז. און זאָל גאָט געבן, אַז מיר זאָלן אַלע געפינען גליק.

חנה האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען רמין אין אָרעם און לאַנגזאַם שפּאַצירט צווישן די ביימער אַלייען. חנה האָט גייענדיק אָפּגעריסן אַ בלימל און עס געגעבן רמין. טוליענדיק זיך אין אים, צודריקנדיק איר ברוסט צו זיין אָרעם.

— דאָ איז אייער צימער, — האָט חנה אויסגערופן, — לאָמיר זען צי עס איז גוט פאַרבעט געוואָרן אייער בעט. חנה מיט רמין זיינען אַריין אין גרויסן שלאָף - צימער פון אירע עלטערן, וווּ עס זיינען געשטאַנען צוויי גרויסע בעטן, ווען חנה האָט אויסגעלאָשן די גרויסע ליכט און אָנגעצונדן די נאַכט-לאָמפּ, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אַ טונקל רויטלעכע פאַרב, איז ממש רמי פאַרכאַפּט געוואָרן פון רייכן און עלעגאַנטן שלאָף-צימער. חנה האָט געוואַרט. עס האָט זיך איר געוואָלט, אַז רמי זאָל איר אַריינפלעכטן אין זיינע אָרעמס און קושן. אירע גלידער האָבן געציטערט פון אויפרעגונג. אָבער רמי האָט זיך געהאַלטן אין די ראַמען אַלס גאַסט און גראַד אין דער מינוט האָט ער געבעטן ווייזן דעם באָדע-צימער, ווייל ער האָט זיך געוואָלט טושן. חנה האָט מיט עלעגאַנטע טריט אים צוגעפירט צום באָדע-צימער, וווּ ער האָט זיך געבאָדן. חנה האָט באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז בלייבן שלאָפן אין רמיס צימער. זי איז דעריבער אַריין צו זיך, זיך אָנגעטאָן איר לייכט נאַכט-העמד.

ווען רמי איז אַריין אין זיין צימער און זיך געלייגט אין בעט, פאַרלעשנדיק דאָס ליכט, האָט ער געהערט אַ לייכט עפענען די טיר.

רמי האָט אין דעם מאָמענט ניט געוווּסט וואָס דאָ קומט פאָר, ער האָט געמיינט, אַז די טיר עפנט זיך אַליין, אָדער איז עס געעפנט געוואָרן, כדי מער לופט זאָל אַריין אין שלאָף-צימער. דאָס פענצטער, וועלכעס איז געווען אָפן, האָט איינגעזאַפּט די אָנגענעמע ריחות פון די גאָרטן-בלומען. אַ קיל ווינטעלע האָט זיך אַרומגעשוועבט. אָבער רמי האָט דאָך געמערקט אונטער דער ליכט פון דער לבנה-שיין, אַ באַוועגונג פון אַ מענטש.

רמי האָט פון איבערראַשונג אַנגעצונדן דאָס נאַכט-לעמפּל, אָבער איי־דער ער האָט באַוויזן זיך אַרומקוקן, האָט חנה דאָס ליכט אויסגעלאָשן און אויסגערופן אין דער שטיל. — רמי, צינד ניט אָן דאָס ליכט. נאַכט איז באַשאַפן צו פינצטערניש. — זי האָט זיך געזעצט אויפן ראַנד פונעם בעט און אַנגענומען זיין האַנט.

— חנה! וואָס איז מיט דיר? — האָט רמי אָן איבערראַשטער אויס־גערופן, און זיך אויפגעהויבן פון זיין געלעגער, אַנגעשפּאַרט זיך אין זיין עלנבויגן אויפן קישן.

— רמי! איך בענק נאָך ליבע און צערטלעכקייט. רעד ניט איצט, איך וויל ניט, אַז העלען מיט דודן זאָל וויסן וואָס עס קומט פאַר צווישן אונז. — זי האָט זיך איבערגעבויגן און אַ קוש געטאָן רמין אין די ליפּן, דערביי אים אַרומגענומען.

רמי האָט זיך לייכט באַפרייט פון חנהס אומאַרמונג, זיך געזעצט אויפן בעט און אויסגערופן:

— חנה! מיר זיינען דיינע געסט, און דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן בלייבן ביי דיר. אָבער דיין האַנדלונג האָט מיך איבערראַשט. עס וואונדערט מיך אויף דעם — רמי האָט זיך אין דער דאָזיקער מינוט באַהערשט, דערמאַנענדיק זיך פון ענלעכע צופאַלן, וואָס חברים האָבן אים דערציילט, ווי אַזוי זיי זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין שמוץ און זינד. און ניט איינער איז אַריינגעפאַלן אין אַ קראַנקהייט, אַנגעשטעקט דורך ב״ט ריינע פרויען. אָן עקל האָט ביי אים אַרויסגערופן איר האַנדלונג. כאָטש חנה האָט איצט הערלעך אויסגעזען, איר קאָפּ האָר איז געווען צעוואָרפן איבער איר ווייסן האַלדז און דאָס בלויע נאַכט-העמד האָט געררייצט. אָבער רמי האָט באַשלאָסן פאַר קיין פאַל ניט אַרונטערפאַלן אונ־טער דער מאָמענטאַלער ליידנשאַפט. און גראַד אין דער מינוט האָט ער געפילט די זינד, וואָס ער באַגייט קעגן שרהן.

— רמי! — האָט חנה אויסגערופן שעפּטשענדיק. — איך האָב דיך ליב און וויל פון דיר געקושט ווערן. זיי ניט שלעכט צו מיר.

— ניין, חנה, זיי מיר מוחל, וואָס עס האָט זיך געשאַפן אַזאַ סיטואַציע. מיר קאָנען זיך צו ווייניק כדי מיר זאָלן זיין אַזוי נאָענט, גיי אין דיין צימער און באַרואיק זיך. וועסט שפּעטער חרטה האָבן אויף אַלץ, וואָס איז איצט געשען. וואָלסט מיר מאָרגן ניט געקאָנט קוקן גלייך אין די אויגן. איך בין דיין גאַסט און וועל ניט אויסנוצן דיין גאַסטפריינדלעכקייט. פאָלג מיך, חנה, אויב דו ווילסט, אַז איך זאָל ערנסט טראַכטן פון דיר, ווייל דיין האַנד־

לונג פאַרשאַפט מיר אַ שלעכטע באַציאונג צו דיר. זיי ניט בייז אויף מיר, ווייל איך קאָן דאָך טראַכטן דאָס איך בין ניט דער ערשטער, ביי דיר און אַזוי ווי מיר קאָנען זיך ניט און דו קאָנסט מיך אויך ווייניק, טאָר צווישן אונז ניט געשען דאָס, וואָס עס קומט פאָר ביי אויפריכטיקע פאַרליבטע פּאָרלעך. איך פאַרשטיי דיך גוט און גלויב אויך דיר, אַז דו ביסט ריין און אומשולדיק, ווי אַ מלאך, אָבער מען דאַרף ליידנשאַפטן שטילן. די מינוט פאַרגייט, אָבער אַ פלעק פאַרבלייבט אויפן גאַנצן לעבן. אויף וויפל מיר פאַרשטייען דאָס פּראָבלעם. גיי צו זיך אין צימער, חנה.

חנה האָט גאָרניט געענטפערט. זי האָט זיך געפילט באַליידיקט פון רמיס רייד. זי האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז אַ יינגל פון היינטיקן דור זאָל אָפּשטופן פון זיך אירע ליבע־געפילן. אָבער פון דער אַנדערער זייט, האָט זי זייער געאַכטעט רמין פאַר זיין מענער־שטאַרקייט און האָט ניט אויסגענוצט דעם שוואַכן מאָמענט אירן פון בענקשאַפט צו ליבע און צערט־לעכקייט. חנה האָט זיך אויפגעשטעלט און פאַרלאָזט דאָס צימער.

רמי האָט פון גרויס איבעראַשונג ניט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז אַזאַ זאַך קאָן פּאַסירן גראָד פון דער פרויען־איניציאַטיוו. רמי האָט געקאָנט זיינע חברים און חברטעס, אָבער שטענדיק פלעגן זיינע חברים דערציילן ווי זיי פלעגן זיך פירן מיט זייערע מייד־לעך. אָבער גראָד איצט איז פאַר אים אין געדאַנק געשטאַנען שרה. אויב עס עקזיסטירט אַ בענקשאַפט פון ליבע ביי פאַרליבטע איז עס דערגאַנגען ביי רמי צום העכסטן גראַד. וועגן חנהן האָט ער איצט געטראַכט זייער שלעכט. ווי שעמט זי זיך ניט? — האָט ער צו זיך גערעדט, — ווי האָט זי עס געוואַגט? וואָלט איך געווען אַן אַנדערער, וואָלט איך אויסגענוצט דעם מאָמענט, אָבער מיין אייגענער איך וואָלט באַשמוצט געוואָרן אויף אייביק.

לאַנג האָט רמי זיך געראַנגלט מיטן געדאַנק פון דעם אָקאָרשט פּאַסירטן. רמי האָט זיך געגומען זען, ווי ער האַלט חנהן אין זיינע אָרעמס און געניסט פון איר יונגער ליידנשאַפט, אָבער וואָס וואָלט געווען ווייטער? זי וואָלט געקומען און דערקלערט, אַז זי שוואַנגערט פון מיר און איך וואָלט מיין לעבן צעבראָכן. איך וואָלט דאַן געווען אויף אייביק אין אירע הענט.

— גאָט! האָט ער אויסגעשריען, — ווו האָט זיך גענומען צו מיר אַזאַ כוח. — לאַנג האָט גענומען, ביז רמי איז אַריין אין טיפן שלאָף.

און חנה? אַ פאַרשעמטע און אַ באַליידיקטע איז זי אַריין אין איר צימער. אויך זי האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן. עס האָט איר געפייניקט

רמיס האַנדלונג, — וואָס וועט ער טראַכטן פון מיר? איך מיין, אַז ער האָסט מיך איצט אויפן אָרט פון ליבן. פאַרוואָס האָב איך עס געטאָן? פאַר וואָס האָב איך ניט געוואַרט אויף זיין איניציאַטיוו? — אָבער די נאַכט מיט איר פינצטערקייט, האָט אַריינגענומען יעדן אין זיין שלאָף און אויך חנה איז אַ באַליידיקטע אָבער אַ באַרויִקטע איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען רמי איז אַרויס פון באַדע־צימער, אַרומגעוואַשענער און אַרומראַזירטער, האָט ער געטראָפן זיצן דוד, העלען און חנה אויף דער טעראַסע,ביי אַ טיש מיט כל טוב פון אַ רייכן פרישטיק, וועלכן זי האָט צוגעגרייט.

— גוט מאָרגן אייך מיינע טייערע! — האָט רמי אויסגערופן, צוגייענדיק צום טיש, וווּ אַלע זיינען געזעסן. חנה האָט געענטפערט אויפן גוט מאָרגן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— נו, ווי האָט זיך דיר געשלאָפן? — האָט העלען אַ פרעג געטאָן.

— אויסגעצייכנט! — האָט רמי געענטפערט און אויפגעעפנט אַ זעמעלע, אָנשמירנדיק פוטער אַריינלייגנדיק פרישן קעז אין דעם.

— וואָס מאַכסטו חנה? — האָט רמי אַ פרעג געטאָן, אויפהייבנדיק איר אַראָפּגעלאָזטן פאַרשעמטן געזיכט.

— וווּנדערבאַר — האָט זי געענטפערט.

— און איך האָב ניט געקאָנט שלאָפן — האָט העלען אויסגערופן. — אַ פרעמד געלעגער כאָטש זייער אַ באַקוועמער, אָבער ס׳איז שווער, ביז מען געוווינט זיך צו.

— האָסט געוויס געבענקט נאָך דודן — האָט רמי געלאַכט.

— ער איז טאַקע אַ גרויסער נאַר — האָט העלען זיך אָפּגערופן. — איך האָב געוואַרט אויף אים — האָט העלען געלאַכט. — אָבער אַזוי ווי ער האָט ניט קיין שכל, טאָ זאָל אים ווויל באַקומען.

דוד האָט זיך פאַררויטלט, האָט אָבער אַ שמייכל געטאָן און אויסגערופן:

— מיר קאָנען אייך גוט, מיידלעך, איצט רייצט איר זיך מיט אונז, אָבער ווען עס קומט צו וואָס, זענט איר שלעכט וואָס שלעכטער קאָן ניט זיין, טאָ צוזוואָס זיך מאַכן נאַריש. צווייטנס: עס וועט דיר גאָרניט העלפן, העלען, באַלד וועלן מיר זיין אין דער היים און צי דו וועסט וועלן, צי ניט, מיין צימער וועט אויך זיין דיינער, ווייל קיין צווייטער איז ניטאָ פאַר דיר.

רמי און חנה האָבן געשוויגן. העלען האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן בליקן אויף חנהן און רמין. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז צווישן זיי

פאַרגעקומען. זי האָט אָבער געקאָנט רמיס שעמעוודיקייט און גראָד צו פרויען איז ער געווען זייער קאַלט. זי האָט געוווסט, אַז רמי וועט שרהן ניט פאַראַטן כל־זמן ער וועט ניט זיין זיכער, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט.

— מיר וועלן זיך גרייטן אין וועג! — האָט דוד אויסגערופן. — אַ דאַנק דיר, חנה, פאַר דיין גאַסטפריינדלעכקייט. דו ביסט געלאַדן צו אונז אין געסט. דער טויער פון אונזער קיבוץ איז פאַר דיר און דיינע עלטערן שטענדיק אָפן.

— איך וויל נאָך פאַרבלייבן אַ טאָג אין חיפה, — האָט העלען זיך געבעטן.

— איך דאַרף זיין אין דער היים, טייערע העלען — האָט דוד געענטפערט. — קיין איבעריקע אַרבעטס־הענט זיינען ניטאָ. און איך קאָן זיך ניט דערלויבן צו פאַרזאַמען.

— וועל איך קומען, און דאַן וועט זיך די אַרבעט פאַרטיילן אויך פאַר מיר. ביי אונז איז אַמעריקע, אַז מען פאָרט אויף אורלויב, געניסט מען וויפל מען קאָן.

— אַז מיר וועלן זיין אויסגעבויט אַזוי ווי אַמעריקע, וועלן מיר אַרבעטן צוויי שעה אַ טאָג און די איבעריקע צייט זיך וויילן — האָט דוד געענטפערט. — אָבער מיר בויען, מיר בויען אַ היים פאַר אונזער פאָלק. עס וואַרטן אַ סך יידן אין דער וועלט, אויף אונזער אַנטוויקלונג, און ס'איז אונזער היסטאָרישע מיסיע. זיי צוצונעמען פון פרעמדע טישן און פון עסן זייער פרעמד ברויט.

— איך מיין, אַז העלען איז גערעכט — האָט חנה אויסגערופן. — אַז איר זענט שוין דאָ, פאַרבלייבט נאָך אַ פּאָר טעג. איך וויל אייך אַרומפירן אין גאַנצן גליל. מיר וועלן צופאָרן אין צפת, און צוריק וועלן מיר פאָרן דורך טבריה. איר וועט זען דעם כנרת. איר וועט זען די סירישע פּאָזיציעס, פון וואַנען זיי גרייפן אונז שטענדיק אָן. פון דאָרט וועלן מיר דערגרייכן בית שאן איך וועל אייך ווייזן דעם באַרג גלבוע, וווּ שאול המלך האָט פאַר־לוירן זיין לעבן, אין קאַמף מיט די פלישתים.

— דוד! איך בעט דיך! — האָט העלען זיך געבעטן. — לאָמיר אויס־נוצן די געלעגנהייט. רמי האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט אַ גוטער און דאָ זע איך, אַז עס איז ניט ריכטיק.

— איך וועל ניט מיטפאָרן — האָט רמי געזאָגט. — איך וועל זיך באַ־מיען פאַר דער צייט צו וויסן, וואָס מיט שרהן האָט פּאַסירט. איך וועל נאָך אַמאָל פאָרן אין עפולה שפּיטאָל.

— ניין, רמי, — האָט חנה געענטפערט. — דו פאַרסט מיט אונז. וואָס עס האָט מיט שרהן פּאַסירט, וועסטו שוין ניט צוריקציען. דו האָסט געהערט, אַז זי האָט חתונה געהאַט און אָפּגעפאָרן אויף איר האָניק־חודש קיין אויס־לאַנד. בוי דיין לעבן ווייטער. — האָט חנה געזאָגט. — לערן זיך פון די מור־ראַשקעס און אַפילו פון דעם שפין. ווען דו צעשטערסט אַ נעסט פון מור־ראַשקעס, בויען זיי ווייטער. און ווען דו צערייסט אַ געוועב פון אַ שפּין, וועבט ער ווייטער. וואָס אַוועק איז פאַרפאַלן.

— יאָ, חנה, ביסט גערעכט. איך דאַרף זיך לערנען סיי פון שפּין און סיי פון דער מוראַשקע און אַזוי וועל איך טאָן. איך וועל בויען און וועבן ווייטער ביז איך וועל מיט מיינע אייגענע אויגן און אויערן ניט הערן און זען, וואָס מיט שרהן איז, און אויב זי האָט שוין חתונה געהאַט, וועל איך וויסן אַז איך האָב אַלץ געטאָן, כדי זיין אָפּגעהיט. אָבער איך גלויב זיך ניט, אַז שרה זאָל עס האָבן געטאָן. איך בעט אייך, לאָזט מיר טאָן, וואָס איך וויל.

העלען און חנה זיינען אָבער באַשטאַנען אויף זייערס און זיי האָבן דאָך אויסגעפירט. עס זאָגט זיך טאַקע, אַז אַ פרוי וויל, פירט זי אַלץ אויס — האָט העלען שפּעטער אויסגערופן און דערמיט שטאָלצירט.

— ניט ביי רמין, — האָט זיך חנה אָפּגערופן. — איך האָב אים שוין גוט דערקענט.

אַרום צען אַ זייגער, האָט חנה צוגעגרייט גוטע שפּייזן און אַלע פיר זיינען אַרויסגעפאָרן אויף זייער שפּאַציר איבערן לאַנד.

שרה און איר געשפּרעך מיט גידין

ס'איז פרייטיק פאַרנאַכט. דער הייסער זומער טאָג איז פאַרביי. אַ קליין ווינטל האָט זיך געטראָגן פון די בוימער און געקילט די לופט אַרום. דאָק־טאָר קאַפּלאַן און זיין פרוי האָבן זיך געזעצט אין די ליג־שטולן. פרוי קאַפּלאַן האָט זיך געזעצט נעבן דער פרוי מאַרקאָוויטש. די מענער דאָס גלייכן. עליזה, שרה און גידי האָבן זיך געפונען זייער ווינקל. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שמועס צווישן ביידע דאָקטוירים וועגן דער

נייער מעדיצין וויסנשאפט. עליזהן האט עס געלאנגוויילט און זי האט פאר־געלייגט א שפאציר. שרה האט זיך אנטזאגט, מיטן מאטיוו, אז זי האט זייער גערן צו הערן דעם שמועס צווישןביידע פראפעסארן. ווייל סוף תוף איז דאך שרה געווען א קראנקן שוועסטער און ניט איינמאל האט זיך איר געוואלט שטודירן מעדיצין. זי האט עס אפילו אמאל גידינעט אין א שמועס געזאגט. אבער אירע באדינגונגען האבן ניט דערמעגלעכט. פלעגט זי געפינען טרייסט אין דער אטמאספער פון די שפיטאל ווענט. עליזה איז אבער צוגעשטאנען שטארק און זיך אפגערופן, אז פרויען דארפן ניט זארגן וועגן ארבעט. זיי דארפן זיין גוטע פרויען צו זייערע מענער און אז דאס ארט פון דער פרוי איז די היים און די מוטערשאפט, וואס די נאטור האט געשאפן, דארפן די מענטשן עס ניט איבערבאנדערשן. עס איז ניט פרויאיש, אז פרויען זאלן ווערן מענער...

— אבער — האט שרה אויסגערופן. — עס גיט אין לעבן זאכן, ווו א פרוי האט מער צוטרוי צו א פרוי. איך קאן א סך פרויען, וועלכע ווילן זיך ניט אונטערזוכן פון מענער. בפרט פון הייזטיקע יונגע דאקטוירים — האט שרה געלאכט. — עס זיינען דא א סך פראגן, וואס נאר א פרויען דאק־טארין אדער א פרויען פסיכאלאג קאן פארשטיין דער פרוי. פארוואס זאלן מיר ניט קאנען האבן פרויען דאקטארינס, וועלכע זאלן פארשטיין די נשמה פון א פרוי? ניין, עליזה — האט שרה זיך אפגערופן — איך נעמט ניט אויף דאס לעבן רעאל.

גראד האבן די דאזיקע רייד געהערט ביידע פראפעסארן. זיי האבן איבערגעריסן זייער שמועס און זיך צוגעהערט צו שרהס ווערטער. שרה האט ניט געמערקט, אז זיי זיינען שטיל געווארן. נאר זי האט ווייטער־פארגעזעצט:

— מיר פרויען דארפן וויסן, אז אונזער אנטייל אין געזעלשאפטלעכן לעבן קאן האבן ווייט גייענדיקע רעזולטאטן. מיר דארפן אפווארפן די גע־דאנקען פון די פארצייטיקע מענטשן, ווען א פרוי איז ביי זיי געווען א פאר־ווילונגס אביעקט און איז נאר געווען אלס מיטל פאר מענלעכע תאווה. און זיי האבן געפירט די וועלט אזוי, ווי זיי פירן נאך היינט. הלואי וואלטן אונזערע פרויען געווען מער פארשטענדלעכער און ניט דערלאזט, אז אלץ זאל ליגן אין זייערע הענט. זיי רעגירן איבער אונז, זיי רעגירן איבער דער וועלט. זיי פירן דאס גאנצע עקזיסטענץ פונעם מענטש און אט, קוקט צו וואס זיי דערפירן. זיי האבן דערפירט צו דער ערשטער וועלט־מלחמה און צו דער צווייטער וועלט־מלחמה און גרייטן א דריטע וועלט־מלחמה. מיר

געבוירן זיי קינדער, האָדעווען עס, און זיי שיקן עס צום טויט. צום שעכטן איינער דעם צווייטן. פאַרוואָס און צוליב וואָס? ווו גייען פאַרלוירן אונזערע מוטערלעכע ליידן, ביז מיר געבוירן דאָס קינד, ביז מיר שטעלן עס אויף די פיס, ביז דאָס קינד מאַכט דורך די „קינדער־קראַנקהייטן" און אַז ער ווערט גרויס ווערט ער אַ קרבן פון עפּעס אַ פאַנטאַזיאָר, דיקטאַטאָר און עס שטייען מענער קעגן מענער און שעכטן זיך. שעכטן יענעם. שעכטן אונז אויך אַפילו, כאָטש מיר, פרויען, האָבן זיי געגעבן די קינדער.

ניין עליזה, ביסט ניט גערעכט. אמת, די מענער שאַפן דעם געזוס און פאַרווילונג. זיי ווילן אַז מיר זאָלן זיין שיינע ליאַלקעס און שפּילצייג פאַר זיי. דאַרפן מיר צו דעם צושטימען? מיר דאַרפן אַריינגיין אין אַלגעמיינעם לעבן און זיין אויף יעדן פּאָסטן, אַט אַזוי ווי דאָס מיידל און די פרוי אין קיבוץ. דאָרט איז זי גלייכבאַרעכטיקט און שטייט צוגלייך מיטן מאַן אַקסל ביי אַקסל אויף אַלע געביטן פון קיבוץ־לעבן. אַט דאָס מיניאַטור דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ וועלט באַנעם.

איך ווייס, אַז די מענער וועלן עס ניט צולאָזן. היטלער האָט אויך געזאָגט, אַז פרויען ווייגען באַשאַפן צו דער קיך, צו קינדער און צו פאַרווילונג. און אַט זעען מיר צו וואָס מיר זיינען דערגאַנגען. איך האָב אויך באַוויזן צו דערלערנען אונזער פרוי פון אונזערע שכנים די אַראַבער. ווי שוידערלעך און שרעקלעך זעט אויס די פרוי ביים אַראַבער. זי גייט אַפילו דאָס געזיכט פאַרדעקט, כדי אַ מאַן זאָל חס־וחלילה איר ניט אָנקוקן.

— ווילסטו איבערמאַכן די וועלט? — האָט עליזה זיך אָפּגערופן.

— מיר מוזן אַמאָל אָנהויבן און אַ סך פרויען טראַכטן דערפון. אויב מיר וועלן גיין אויף דעם וועג, קאָן זיין, אַז די צוקונפט פון די קומענדע דורות וועלן אַנדערש אויסזען. איך זאָג ניט, אַז מיר דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון לעבן און אַנטלויפן ווי אַמאַזאָנקעס אויף אַן אינזל אָדער ווערן מאַנאַשקעס. אָבער דער ציל דאַרף זיין אַזאַ אַקוראַט, ווי דער ציל פון דער וויסנשאַפט איז פּראָגרעס און מיר פּראָגרעסירן טאַקע אויף אַלע געביטן פון דער טעכניק, וויסנשאַפט און קולטור. אָבער ווייַ צו דער טעכניק פון אַטאָם געווערן. ווייַ דער קולטור וואָס איז אַזוי באַרבאַריש.

עליזהן האָט דער געשפּרעך ניט אינטערעסירט. זי האָט אָנגעשטעלט דעם טראַנזיסטאָר. וועלכן זי האָט געהאַלטן נעבן זיך און קול ישראל האָט טראַנסמיטירט לידער אויף פאַרלאַנג. שרהן האָט פאַרדראָסן, וואָס עליזה האָט צעשטערט איר געשפּרעך אויף דער דאָזיקער טעמע. אַקוראַט איז דער זייגער געוועזן פינף און דער ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן ביי‎עס אין

קורצן. צווישן אַלערליי ידיעות איז געוואָרן אַנגעמאָלדן, אַז ביי צפת, האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן אַ לייכטע מאַשין מיט אַ לאַסט-אויטאָ. ס'איז לייכט פאַרוואונדעט געוואָרן די שאָפערין פון דער לייכטער מאַשין, אין וועלכער עס זיינען געזעסן נאָך דריי יונגטלעכע קיבוץ-מיטגלידער פון נגב. נאָכן באַקומען די ערשטע הילף, זיינען די פאַרוואונדעטע אָפּגעפירט געוואָרן דורך אַ פאַרבייפאָרנדיקער פריוואַט-מאַשין, אין טבריה שפּיטאָל. שרהן איז ניט איינגעפאַלן, אַז צווישן די דאָזיקע לייכט-פאַרוואונדעטע געפינט זיך רמי און דוד, און זי האָט ווייטער געהערט דעם ראַדיאָ, וועלכער האָט דורכ-געלאָזן די ידיעה ווי אַ פאַרבייגייענדע כראָניק.

שרה האָט געפילט עליזהס איבערראַשונג און זי האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין ספּעציעלע פאַראינטערעסירונג. זי האָט געוווסט, אַז נאָכן שבתדיקן טאָג וועט זי זיך ווייטער געפינען אויף איר אַמט אין שפּיטאָל אין טבריה און אָנגיין מיט איר אַרבעט.

פרוי מאַרקאָוויטש האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט און געגאַנגען ברענגען כיבוד. ווען שרה האָט עס באַמערקט, האָט זי זיך אויפגעהויבן און אַנטשולדיקט זיך פאַר די געסט איז זי אַריין אין שטוב. זי איז גלייך געגאַנגען צו דער מוטער פון גידין און איר געבעטן דערלויבן צו העלפן אין איר אַרבעט.

— ניין, טייערע שרה, עס איז ניט קיין גרויסע זאַך. מיר האָבן אונזער עוזרת צו דעם. אָבער איך וויל אַליין זיי באַדינען. גיי מיין קינד צו זיי, איך וויל אויך ניט, אַז זיי זאָלן מיינען דאָס דו אַרבעטסט ביי אונז. עס איז ניט געזונט פאַרביידן.

— דאָס באַליידיקט מיך. — האָט שרה געזאָגט.

— עס מאַכט ניט. זאָל עס אויסקומען, ווי דו ביסט געגאַנגען אַהער צוליב אַנדערע ציִועקן.

עליזה האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט און גערופן גידין אויף אַ שפּאַ-ציר אין גאָרטן.

— ווער איז דאָס מיידל ? — האָט פרוי קאַפּלאַן אַ פרעג געטאָן.

— אַ חברה פון גידי, זי אַרבעט אַלס קראַנקן-שוועסטער. זי איז גע-קומען צו גאַסט אַהער ביז זונטיק.

— אַן אינטערעסאַנט מיידל — האָט פּראָפעסאָר קאַפּלאַן אויסגערופן — גאַרניט ווי די היינטיקע מיידלעך. — דערווייל האָט פרוי מאַרקאָוויטש אַרויסגעבראַכט כיבוד.

— גידי — האָט עליזה זיך אָפּגערופן, ווען זיי האָבן שפּאַצירט אין

זייער גאָרטן. — ווי איך זע, ביסטו פֿאַרליבט אין דער דאָזיקער קראַנקן שוועסטער. האָסט איר אַפֿילו געבראַכט שוין צו דײַנע עלטערן. איך האָב געזען, ווי זי פֿירט זיך אויף. איך האָב אויך געהערט רעדן פֿון דײַנע עלטערן גוטס וועגן שרהן, זאָג מיר, וואָס קומט דאָ פֿאָר?

— עליזה! — האָט גידי אַ זאָג געטאָן מיט ענערגיע, — איך האָב באַקאַנט שרהן אין שפּיטאָל און האָב זיך אין איר פֿאַרליבט, זי אין מיר ניט.

— דאַרפֿסט מיך ניט נאַרן, ווען זי וואָלט דיך ניט ליב געהאַט, וואָלט זי ניט געפֿאָרן צו דיר אין שטוב. איך ווייס, אַז דו האָסט איר בכוונה געבראַכט ווײַזן דײַנע עלטערן — האָט עליזה איבערגעריסן גידיס רייד.

— קודם כּל מוז איך דיר זאָגן, עליזה, אַז איך האָב דיר גאָרניט צוגעזאָגט און האָב ניט צו מיר קיין טענות. דו האָסט מיך ליב, דײַנע עלטערן זײַנען אונזערע פֿרײַנד. אַלץ ריכטיק. איז אָבער עפּעס דאָ נעענטערס צווישן אונז? האָב איך וועלכע פֿאַרפּליכטונגען? דו רעדסט צו מיר אַקוראַט, ווי איך וואָלט געווען דײַן חתן. ביסט מיר זייער טייער, אָבער דאָס גיט דיר ניט דאָס רעכט צו מיר אַזוי צו רעדן. דערווײַל זײַנען מיר בײדע פֿרײַ. און איך בעט דיר טאַקע, וואַרף ניט אָן אויף מיר דײַן ליבע איך זאָג גאָרניט צו. איך קאָן גיין מיט וועמען איך וויל. דאָס זעלבע אויך דו. עס בינדט אונז גאָרניט. און איך וויל מער ניט רעדן דערפֿון. קום צוריק צו אונזערע עלטערן. ס׳איז ניט שיין, אַז מיר זונדערן זיך אָפּ.

עליזה האָט עס געטאָן בכוונה, ווײַל זי האָט געוואָלט מיט דעם דערווײַזן שרהן, אַז גידי איז אַוועק מיט איר און פֿאַרזאַמט זיך דאָרט. עליזה האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק אין שאָטן פֿון אַ בוים און גערופֿן אויך גידין זיך זעצן. אָבער גידי האָט ניט אָנגענומען איר פֿאַרשלאָג און קאַטעגאָריש געפֿאָדערט פֿון עליזהן צו גיין צו זייערע עלטערן. ווען עליזה האָט פּרובירט זיך ניט מאַכן וויסן דערפֿון, האָט גידי געענטפֿערט, אַז ער איז גרייט איר דאָ איבערצולאָזן און אַליין גיין צו דער געזעלשאַפֿט וווּ ער האָט שרהן געלאָזן. גידי האָט ניט געוואָלט, אַז שרה זאָל דענקען, אַז ער גידי, איז פֿאַרבונדן מיט עליזהן.

עליזה האָט גאָרניט געענטפֿערט נאָר געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. גידי האָט נאָכאַמאָל אויסגערופֿן, אַז אויב עליזה גייט ניט, גייט ער אַליין.

שרה איז דערווײַל צוריקגעקומען צו דער געזעלשאַפֿט, וווּ עס זײַנען געזעסן גידיס עלטערן און פּראָפֿעסאָר קאַפּלאַן מיט זײַן פֿרוי. אויפֿן

ערשטן מאָמענט האָט איר פאַרדראָסן, וואָס זי האָט ניט געטראָפן גידין מיט עליזהןביים טיש. אָבער שפּעטער האָט זי אַ טראַכט געטאָן: — וואָס אינטערעסירט עס איר? שרה האָט זיך געזעצט אין איר ליג־שטול, ווי ניט ווילנדיק איז איר אַריין דער געדאַנק, וואָס עליזה פאַרזאַמט זיך מיט גידין. עס האָט זיך דאַך אין איר אַריינגעריסן דער געדאַנק פון קנאה. אַזוי זיינען פרויען, האָט זי אַמאָל געהערט אַ רעפעראַט פון אַ פּסיכאָלאָג. אין אונטערבאַוווּסטזיין ליגט ביי זיי באַהאַלטן אַ קנאה געפיל, קנאה, ניט נאָר פון אַ פרוי צו אַ פרוי, די קנאה הערשט אפילו צו אַ שיין קלייד. שיינע ביזשוטעריע אוי אַלץ, וואָס אַ צווייטע פרוי פאַרמאָגט. אַזוי איז עס קאָנטיק אין דער נאַטור פונעם מענטש. אין איר מוח איז אַנגעגאַנגען דער דאַזיקער געראַנגל און דאָס האָט איר אָפּגעצויגן אפילו פון די געדאַנקען וועגן רמין.

ווען גידי איז שפּעטער צוריקגעקומען מיט עליזהן, האָט שרה אָבסערווירט זייערע שטימונגען, זי האָט באַמערקט, אַז עפּעס איז דאַך פאַרגעקומען צווישן זיי.

עליזה האָט געברענט פון אויפרעגונג. זי האָט דעריבער אויסגערופן:
— מוטער! איך וויל מיר זאָלן פאָרן אַהיים.
— פילסט זיך ניט גוט? — האָט פרוי מאַרקאָוויטש אַ פרעג געטאָן, — אפשר וועסטו אַריינגיין זיך לייגן אַ ביסל אויף דער סאָפע?

— ניין, — האָט עליזה געענטפערט, — איך האָב זיך דערמאָנט, אַז באַלד דאַרפן קומען צו מיר מיינע חברים און חברטעס.

— מיר ווילן דאָ נאָך בלייבן. — האָט פּראָפ. קאַפּלאַן געענטפערט.
— איך וועל דיך אָפּפירן — האָט גידי אַ שמייכלענדיקער זיך אָפּגערופן. — שרה ווילסטו מיטפאָרן?

— איך האָב ניט קיין גרויס חשק! — האָט שרה געענטפערט. אָבער אין הארצן האָט זי געטראַכט אַז הלואי זאָל איר גידי מיטנעמען, ווייל זי האָט ניט געוואָלט לאָזן גידין מיט עליזהן אַליין.

פון שרהס ענטפער האָט גידי פאַרשטאַנען, אַז שרה האָט אויך קליינע פרויאישע קאַפּריזן. וואָס הייסט ניט האָבן קיין גרויס חשק? הייסט עס ווילן איז יאָ דאָ? גידי האָט אָנגענומען שרהס האַנט און איר אַ ציי געטאָן, שרה האָט זיך אויפגעשטעלט און אַלע דריי זיינען אַוועק צו דער מאַשין, וועלכע איז געשטאַנען ביים טויער.

— אַנטשולדיקט! — האָט שרה אויסגערופֿן. — מיר קומען באַלד צוריק. גידי האָט זיך געזעצט נעבן רעדל, עליזה האָט זיך געזעצט נעבן גידין און שרה ביים ברעג. אויפֿן וועג האָט קיינער קיין וואָרט ניט אַרויס־גערעדט. זיי זיינען געפֿאָרן גיך איבער די תל־אביבער גאַסן, וועלכע שרה האָט זיי געזען צום ערשטן מאָל. זי האָט אָנגעקוקט די שוי־פֿענצטער, וועל־כע זיינען פֿאַרביי אירע אויגן פֿאַרבייגעפֿלויגן ווי שאָטנס פֿון פֿאַלנדע בוימער. מענטשן האָבן שפּאַצירט אין זייער נאַרמאַלן געשעפֿטס־גאַנג. נאָך אַ צען מינוט פֿאָרן, זיינען זיי אָנגעקומען צו אַ פּראַכטפֿולער ווילע ביי רמת־חן. גלייך ווי גידי האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז עליזה אַרויסגעשפּרונ־גען פֿון אויטאָ און אַפֿילו קיין שלום ניט געזאָגט און אַן אויפֿגערעגטע אַריין אין זייער ווילע.

— שלום עליזה! — האָט גידי נאָכגעשריען.

— שלום! — האָט זי געענטפֿערט מיט אַ האַנט באַוועגונג און מיט גיכע טריט אַריין אין הויז. גידי איז איר נאָכגעגאַנגען און אין קאָרידאָר זיך אָפּגערופֿן:

— זיי ניט בייז עליזה. עס פּאַסט ניט פֿאַר דיר אַזוי צו זיין. וואָס די צייט קאָן געבן, ווייסט קיינער ניט.

— גיי, זי וואַרט דאָרט אויף דיר. זי קאָן נאָך מיינען ווער ווייסט וואָס עס קומט צווישן אונז פֿאַר!

— הלואי — האָט גידי געענטפֿערט. — שרה איז די, וואָס עס אינ־טערעסירט איר ניט. זי האָט אַ חתן, ער איז אין אַמעריקע. זי בענקט נאָך אים.

ווען גידי איז צוריקגעקומען, אַ לאַכנדיקער, האָט שרה אים געפֿרעגט, פֿאַרוואָס איז עליזה אַזוי בייז און זי מיינט, אַז זי, שרה, איז אין דעם שולדיק.

— זי האָט אויף דעם ניט קיין רעכט, — האָט גידי געענטפֿערט. — זי האָט זיך איינגערעדט. ער האָט געעפֿנט דאָס טירל פֿונעם אויטאָ פֿאַר שרהן וועלכע האָט זיך אַריינגעזעצט און אַליין איז ער געגאַנגען פֿון דער צוויי־טער זייט אויטאָ און מיט אַ גיכער באַוועגונג אָנגעהויבן פֿאָרן אויפֿן גוטן אַספֿאַלט־שאָסיי וואָס פֿירט קיין לוד.

זיי האָבן ניט געמערקט, ווי עליזה איז געשטאַנען ביים פֿענצטער און נאָכגעקוקט ווי זיי ווערן פֿאַרשוווּנדן פֿון אירע אויגן.

ווען שרה האָט געמערקט, אַז דער וועג איז איר ניט באַקאַנט, האָט זי אַ פרעג געטאָן גידין וווהין זיי פאָרן.

— אַ ביסל שפּאַצירן. — האָט גידי געענטפערט.

— גידי — האָט שרה אויסגערופן — פאָר גלייך אַהיים. עס וווּנדערט מיך אויף דיין האַנדלונג. האָסט דיינע עלטערן און עליזהס עלטערן געזאָגט, אַז דו פירסט איר אָפּ, האָסט זיי געלאָזן אַליין, וואָס איז דאָס פאַר אַ האַנדלונג?

— ס'איז מיר אָנגענעמער מיט דיר איצט צו זיין ווי מיט זיי — האָט גידי געענטפערט.

— איז דאָס דער וועג צו דעם? איך מיין, פּונקט פאַרקערט. דו ווייזט מיר דערמיט, ווי ניט ערנסט דו ביסט. און דאָס פאַרדריסט. אויב עס איז מיר יאָ אַריין אַ געדאַנק וועגן דיר, ברענגט עס מיר צו צווייפל. איך ווייס ניט, ווו מיר געפינען זיך. איך קאָן ניט דעם וועג. אָבער איך זע, אַז דורך דעם וועג, מיט וועלכן מיר זיינען געקומען פאָרן מיר ניט צוריק. וואָלט איצט געווען אָוונט און ניט טאָג, וואָלסטו אַ סך פאַרלוירן.

גידי האָט גוט פאַרשטאַנען שרהן און פאַרקערעוועט אויפן וועג צוריק. שרהן האָט זייער פאַרדראָסן אין דער מינוט גידיס האַנדלונג. ער איז ניט בעסער פון אַלע בחורים — האָט זי געטראַכט. — נאָר איינער איז געווען אַ גוטער און דאָס איז רמי — האָט ער זי אויך פאַראָטן. אַ, ווי שרעקלעך די מענער זיינען — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. — וואָס ווילן זיי? צו וואָס צילן זיי? ווילן זיי דורך אַזאַ וועג געווינען צוטרוי?

— וואָס ביסטו אַזוי פאַרקלערט? — האָט גידי אַ פרעג געטאָן.

— עס איז דאָ אַ סך צו קלערן, גידי. איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט אַנדערש ווי זיי אַלע. דו ביסט אַ דאָקטאָר און אַ דערפאָלגרייכער, דאָס ווייס איך דאָך. און דאָך פירסטו זיך אויף ניט ווי אַ דזשענטעלמאַן. האָסט ניט קיין שעצונג אַפילו פאַר דיינע עלטערן. און אויב דיינע עלטערן און געסט אינטערעסירן דיך ניט, טאָ ווו איז דיין כאַראַקטער?

— איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס זאָל דיך אַזוי וויי טאָן, שרה!

— דו דאַרפסט זיך פאָרשטעלן, ווייל סוף סוף דאַרף יעדער וויסן, אַז אַ וואָרט, אַ טאַט, דאַרף זיין געווויגן און געמאָסטן. אויב מען וויל זיך באַציען ערנסט צו יענעם און אויב מען וויל זיך אַליין האַלטן פאַר אַ מענטש, גידי, מיט דיין האַנדלונג האָסטו היינט אַ סך פאַרלוירן ביי מיר.

גידי האָט זיך געפילט געטראָפן פון שרהס רייד. ער האָט אָבער קיין וואָרט ניט געענטפערט, נאָר געפאָרן רואיק איבער די תל־אביבער גאַסן.

* * *

און דאָרט, אין דער ווילע פון פּראָפעסאָר מאַרקאָוויטש, איז מען שוין געווען אומרואיק. זיי האָבן געוווּסט, אַז די גאַנצע נסיעה דאַרף דויערן אַ צוואַנציק מינוט און דאָ איז שוין אַריבער אַ גאַנצע שעה, ווי גידי איז אוועקגעפאָרן מיט עליזהן און שרהן. פרוי מאַרקאָוויטש האָט אָנגעקלינגען צו עליזהן און איר געפרעגט אויב גידי געפינט זיך ביי איר.

— ניין! — האָט עליזה געענטפערט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז גידי מיט שרהן זיינען אוועקגעפאָרן שפּאַצירן דאָס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט איר אייפערזוכט.

— גידי איז שוין לאַנג אַוועק — האָט פרוי מאַרקאָוויטש געזאָגט אין איר געשפּרעך ביים טיש פון אירע געסט.

— יוגנט! — האָט פרוי קאַפּלאַן אויסגערופן. — דער אָוונט איז שיין. דער וועג רוט פון די שווערע מאַשינען, שפּאַצירן זיי — די קינדער.

— יאָ! רופט אויס פרוי מאַרקאָוויטש, — אָבער גידי איז דאָך געפאָרן אַהין און צוריק. אפשר האָט וואָס פּאַסירט?

— ווען עס פּאַסירט וואָס, וואָלט מען אונז גלייך געמאָלדן, — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט.

אָבער פון ווייטן האָט שוין גידי אָנגעגעבן אַ צייכן, אַז ער קומט. שרה איז אַרויס פונעם אויטאָ און זעצנדיק זיך ביים טיש האָט זי זיך אַנטשולדיקט, אויסרופנדיק, אַז זיי האָבן זיך פאַרזאַמט צוליב איר שולד. זי האָט געוואָלט זען אַ ביסל די געגנט. גידי האָט פון דעם געלאַכט.

— וואָס מאַכט עליזה? — האָט פרוי ראַכמילעוויטש אַ פרעג געטאָן.

— זי מוז האָבן געווּיס קאָפּ ווייטיק, ביי יונגע מיידלעך טרעפט עס

— האָט פּראָפ. קאַפּלאַן געענטפערט — אָבער ס'איז געזינטער אַז מיר זאָלן פאָרן אַהיים — האָט ער צוגעגעבן. — זי איז פאָרט אַ קינד און איצט איז זי אויפגערעגט און וואָס אויפגערעגטע קאָנען אָפּטאָן, וועלן עס די בעסטע דאָקטוירים ניט קאָנען פאַרריכטן. זייט אונז מוחל — האָט פּראָפ׳ קאַפּלאַן זיך אָפּגערופן. — מיר וועלן פאָרן אַהיים. — זיי האָבן זיך אויפגעהויבן געגעבן אַלעמען די הענט און צוגעזאָגט נאָך צו טעלעפאָנירן.

רבקה געווירצמאן

* * *

ס׳איז פרייטיק ביינאַכט. ניט געקוקט וואָס פראָפ׳ מאַרקאָוויטש איז פון די מאָדערנע מענטשן, איז געצונדן געוואָרן ליכט. די זילבערנע לייכטער האָבן געגלאַנצט און די שבתדיקע אַטמאָספער האָט זיך געפילט אין הויז. ביים טיש איז געווען די גאַנצע משפחה, שרה, וועלכע איז געזעסן נעבן גידי, איז ניט געווינט געווען צו אַזאַ פרייטיק אָוונט. אָבער דאָך האָט זי געפילט, אַז דאָס איז דאָס יידישע לעבן צו וועלכן זי האָט אינערלעך גע־בענקט. דער אָוונט עסן איז צוגעגאַנגען פאַמילאַריש, אַקוראַט ווי שרה וואָלט שוין געווען זייער שנור. פרוי מאַרקאָוויטש האָט אַלץ געטאָן, כדי שרה זאָל זיך פילן ווי ביי זיך אין שטוב, בפרט, אַז גידי האָט איר געהאַט דערציילט, אַז שרה האָט ניט געזאָגט דעם אמת, און אַז ער האָט געוואָלט שפּאַצירן מיטן אויטאָ איבער די וועגן פון דער געגנט און אַז זי, שרה, האָט אים שטאַרק אויסגערעדט, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן די עלטערן אַליין אָוועקפירנדיק עליזהן.

נאָכן עסן, האָט גידי געלאַדן שרהן צו אַ שפּאַציר איבער תל־אביב. שרה האָט די איינלאַדונג אָנגענומען און נאָכן איבערטאָן זיך, זיינען זיי אַרויס אויף רח׳ דיזנגאָף. פרוי מאַרקאָוויטש האָט געקוואָלן פון פרייד ווען זי האָט געזען ביידן אַרויסגיין פון גאָרטן. שרה איז פאַר דער צייט אונטער־געוואַקסן. שענער געוואָרן און די שמאָלע קלייד וועלכע זי האָט איצט געטראָגן, האָט נאָך שלאַנקער געמאַכט איר אַזוי אויך פיינעם קערפּער.

דיזנגאָף גאַס רוישט מיט שפּאַצירנדיקע. די גאַסן זיינען גוט באַלויכטן. יוגנט שטראָמט הין און צוריק. גידי און שרה האָבן זיך געזעצט אין אַ קאַפע ווו זיי האָבן געטראָפן באַקאַנטע.. גידי האָט פאַרגעשטעלט שרהן אַלס מיטאַרבעטערין פון זיין שפיטאָל און אַלע האָבן איר געגעבן קאָמפּלימענטן. שרה האָט באַקענט אַ סך מיידלעך פון איר שטאַנד, וועלכע זיינען געווען פריינד פון יונגע דאָקטוירים. אָדער פרויען און געליבטע. עס איז אַ סך גערעדט געוואָרן וועגן עפּיזאָדן פון זייער פּראַקטיק. פאַר שרהן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ נייע וועלט פון וועלכער זי האָט ניט געהאַט קיין אַנונג. מיט ניט קיין אָנגענעמע געפילן האָט זי אויפגענומען ביליקע וויצן, וועלכע זי האָט געהערט אין דער געזעלשאַפט, איר ווינציק רעדן, האָט גראָד אויס־גענומען ביי דער געזעלשאַפט. און ווען זיי זיינען געגאַנגען אויפן וועג אַהיים, האָט גידי אונטערן רושם פון גוטע שטימונג, פאַרגעלייגט שרהן

פאַרבינדונג אויף אייביק. די ערנסטקייט מיט וועלכער שרה האָט געהאַט באַשלאָסן קיינמאָל ניט חתונה צו האָבן נאָך רמיס פּטירה, האָט איר גידי איבערגערעדט, אַז אויב רמי האָט געקאָנט איר אַזוי מיאוס אָפּנאַרן און פירט אַ משפּחה־לעבן דאַרף זי דערפאַר בלייבן אייביק אַליין ? און אַז רמיס זיינען דאָ אַ סך... גידי האָט אויך אויפגעקלערט, אַז ביי ליבע איז דאָ אַ סך געוווינהייט. גידי האָט שרהן דערציילט, ווי שיינע אַריסטאָקראַטישע מיידלעך האָבן זיך פאַרליבט אין אַלפאַנסן, שווינדלער, אָפּעריסטן. און הייסט עס ליבע ? שרה האָט אַ סך געטראַכט וועגן גידיס רייד. זי האָט זיך צום סוף אָפּגערופן. גידי ! איך וויל דו זאָלסט מיך פאַרשטיין. ס׳איז מיר שווער זיך צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז רמי האָט חתונה געהאַט און פירט אַ משפּחה לעבן. אָבער קאָנטיק, אַז אין לעבן גיט עס אויך אַזאַ זאַך ווי פאַרגעסן. אָפּגעוווינהייט און געוווינהייט. די צייט זאָגט מען דאָך, איז דער בעסטער דאָקטאָר. איך פיל אַליין ווי אַנדערש איך ווער. די ערשטע צייטן, ווען איך פלעג שרייבן צו רמין נאָך אַמעריקע, האָט זיך מיר געדוכט, אַז די וועלט גייט אונטער. איך האָב אַפילו געטראַכט פון זעלבסטמאָרד. שפּעטער מיין אַוועקגיין פון קיבוץ און מיין אָפּפאָרן קיין עפולה און דערנאָך קיין טבריה. אָבער נאָך אַלעמען, קאָן איך אים ניט פאַרגעסן. איך וויל דיר ניט שטערן אין דיינע וועגן. עליזה איז אַ שיין מיידל און אַ רייך מיידל. וואָלסטו מיט איר חתונה געהאַט, וואָלט איך אפשר געוועזן צופרידן און איצט בין איך אין אַ מאָדנער לאַגע. דעם אמת זאָגנדיק, גידי, ביסטו אַנדערש ווי אַנדערע מענער, וועלכע איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן, דיין הויז האָט געמאַכט אויף מיר אַ קאָלאָסאַלן גוטן איינדרוק. דיין מוטער איז צו זאַ האַרציקע פרוי. זי האָט מיט מיר גערעדט נאָר אַ פּאָר ווערטער האָב איך שוין געזען ווער זי איז. האָבנדיק אַזאַ מוטער מוז דער זון זיין פון זעלבן כאַראַקטער, ווייל דאָס עפּעלע, ווען עס פאַלט פון בוים, אַפילו עס רייסט זיך אָפּ פון די צווייגן, פאַלט עס נעבן בוים און בלייבט ליגן. דיין פאָטער זעט אויך אויס צו זיין גוט. אָבער עליזהן וועלן מיר האָבן אַ שונא אויף אונזער גאַנצן לעבן.

שפּאַצירנדיק אַזוי, זיינען זיי אָנגעקומען צו זייער הויז. אויף דער ביטע פון גידין זיי זאָלן פאַרזעצן זייער שמועס אין גאָרטן, האָט שרה זיך ניט קעגנגעשטעלט. זיי האָבן זיך געזעצט אויף דער באַנק. און גידי האָט ווייטער גערעדט וועגן זיין ליבע צו איר און, אַז ער וועט אַלץ טאָן, אַז זייער לעבן זאָל זיין אין גליק און אין פריידן. —

איך ווייס — זאָגט גידי, — אַז דו האָסט ניט קיין עלטערן און דו ביסט אַ צופעליק לעבן געבליבענע מיידעלע פון דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס אונזער פאָלק איז דורכגעגאַנגען צוליב די דייטשישע מערדער. דערפאַר פיל איך, אַז איך דאַרף דיר געבן גליק מיטן פולן הארצן. און מיך פרייד זייער, וואָס ס'איז אויף מיר אויסגעפאַלן דער גורל פאַרשאַפן דיר גליק.

שרה האָט אָראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. גידי האָט געפילט, אַז שרה וויינט. כאָטש גידי, אַ דאָקטאָר, איז געווען גרייט צו פיין און ווייטיק, האָט אָבער דער ווייטיק פון שרהן שוואַך געמאַכט זיין הארץ. און ער האָט אַ פרעג געטאָן: — שרה! וואָס איז דיר?

— גאָרניט, — האָט שרה געענטפערט, און זיך אויפגעהויבן פון אָרט. אַוועקגעגאַנגען עטלעכע טריט, אַרויסגענומען איר טיכעלע פון האַנט־בייטעלע, און אָפּגעווישט אירע טרערן. גידי איז מיט איין שפרונג צו איר צוגעלאָפן, אַרומגענומען און אַ פרעג געטאָן:

— שרה, פאַרוואָס וויינסטו?

— ווייל הייַנט קומט פאַר אין מיין הארץ אַ גרויסער אינערלעכער געראַנגל, קעגן וועלכן איך קאָן ניט ביישטיין. איך רעד מיט דיר און טראַכט וועגן רמיז. עס פאַרדריסט מיך אַזוי פאַרוואָס רמי האָט עס געטאָן.

— שרה האָט זיך צוריק געזעצט אויף דער באַנק.

— וואָלט ער אַזוי ניט געהאַנדלט, וואָלטן מיר זיך דאָך ניט באַגעגנט. לאָמיר אָננעמען אַלץ, פאַר גוט. — האָט גידי געגלעט שרהס האַנט.

— גידי! — האָט שרה אַ זאָג געטאָן. — ס'איז מיר שווער דיר צו געבן אַן ענטפער אויף דיין חתונה־פאָרשלאָג. אָבער איך זע, אַז איך וועל עס ניט אויסמיידן. איך דאַרף אויסוויילן ביי מיר. חתונה האָבן מיט דיר, אָדער קיינמאָל ניט חתונה האָבן. דעם אמת געזאָגט, בענקט מיין הארץ נאָך ליבע. נאָך אַ מאַן, נאָך אַ קינד, יעדע פרוי בענקט צו דעם. דאָס זיינען אירע פאַנטאַזיעס פון קינדהייט אָן. צו דעם איז די פרוי באַשאַפן, אַזוי איז זי ביאָלאָגיש איינגעשטעלט. איך זאָג צו חתונה צו האָבן מיט דיר, אָדער אינגאַנצן ניט. דיין פאָטער און מוטער געפעלן מיר זייער. נאָר פאַר דער חתונה וויל איך פאָרן קיין אַמעריקע. איך וויל און מוז רמין זען. איך וויל אים נאָר איין וואָרט פרעגן, אָדער בעסער געזאָגט, נאָר אים אָנקוקן און דאַן וועט מיין געוויסן זיין ריין. עפעס גלויבט זיך מיר ניט, אַז ער זאָל האָבן חתונה געהאַט. איך וויל נאָר האָבן די זיכערקייט, זאָגסטו מיר עס צו? גידי!

— קאָן עס זיין אַנדערש? שרה! ווען איך ווייס, אַז יאָ, וואָלט איך דיר פון דעם אָפּגערעדט. אָבער איך וויל דיר באמת געבן די געלעגנהייט.

— ביסט אַ גוטער! — האָט שרה אויסגערופן.

— און וואָס וועט זיין, אַז רמי האָט נאָך ניט חתונה געהאַט? — האָט שרה אַ פרעג געטאָן.

— וועסטו מיט אים חתונה האָבן — האָט גידי געלאַכט. — אָבער איך מיין, אַז זיין פרוי האָט אים שוין געבוירן אַ פּאָר קינדערלעך.

— איך דאַנק דיר, גידי, זונטיק פאַר איך צוריק אין שפּיטאָל צו דער אַרבעט. איך וועל בעטן אורלויב, וועסט מיר העלפן מאַכן די פּאַפּירן?

— אַלץ וועל איך פאַר דיר טאָן, טייערע שרה — האָט גידי געענטפערט.

— עס איז שוין שפּעט, — האָט שרה געזאָגט, אַננעמענדיק אים פאַר דער האַנט. — צייט צו גיין זיך אויסרוען פון דעם אַלעם.

ווען זיי זיינען אַריין אין קאָרידאָר, וואָס פירט צו זייערע צימערן, האָט שרה פון דער ווייטן געשיקט אים אַ לופט־קוש און אויסגערופן:

— אַ גוטע נאַכט, גידי! האָב אַ זיסן חלום וועגן מיר און ניט וועגן עליזהן! — האָט זי געלאַכט.

— אַ גוטע נאַכט דיר, טייערע שרה! — האָט גידי געענטפערט.

רמי פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל

ס'איז האַלבע נאַכט. שרה ליגט אין איר בעט און קאָן ניט איינשלאָפן. איר קאָפּ שווינדלט. פאַר אירע אויגן שוועבן פאַרביי בילדער פון דער לעצטער צייט. וויפל זי האָט ניט געוואָלט זען רמין, איז ער איר געשטאַנען פאַר די אויגן. דוכט זיך, זי האַלט די אויגן געשלאָסן, זעט זי אים אין זיין פולן געשטאַלט און ער רעדט צו איר: שרה! פאַרוואָס האָסטו עס געטאָן? פאַרוואָס האָסטו מיך פאַראַטן?

אין איר מוח האָבן אויפגעטויכט בילדלעך, אַט אין קאַפּלאַן־שפּיטאָל, און אַט אויפן טראַקטאָר. אַט, אויפן בערגל אין נגב, און אַט אין זיין צי־מער... און וואָס ווייניקער זי האָט געוואָלט טראַכטן וועגן רמין, אַלץ מער האָט ער אירע געדאַנקען פאַרנומען, זי האָט גענומען פאַרגלייכן גידין צו

רמין, גידי שטייט העכער פון רמין, גידי איז אַ דאָקטאָר. רמי ניט. גידי האָט זיינע עלטערן אין תל־אביב, גידיס עלטערן זיינען אַנגעזעען אין שטאָט, און רמי? ווער איז ער, ווער זיי זיינען? מען האָט טאַקע ניט התונה מיט די עלטערן, האָט זי געטראַכט, אָבער אין משפחה לעבן שפּילן עלטערן אַ גרויסע ראָל. זיי צעשיידן משפחה און מאַכן גאַנץ. גידיס על־טערן קאָן זי שוין, — רמיס ניט. אָבער ס'איז איר שווער צו אַנטשיידן. פאַרוואָס האָט זי גידין צוגעזאָגט? — האָט זי געהאַט טענות צו זיך. — און אַז זי האָט שוין צוגעזאָגט, טאָ פאַרוואָס האָט זי אים ניט דערלויבט איר אַ קוש טאָן? קאָן זיך אַ געליבטע אַזוי פירן? אָרעמער גידי! — האָט זי אויסגערופן צו זיך. — ער האָט מיך ליב, אָבער ער פאַרשטייט ניט, אַז מיין נשמה איז קראַנק, פאַרוואונדעט, און איך מיין, אַז זי וועט זיך קיינמאָל ניט אויסהיילן. מיר וועלן טאַקע זיין מאַן און פרוי, אָבער איך וועל קיינ־מאָל אים ניט ליבן אַזוי ווי רמין. די דאָזיקע געדאַנקען האָבן געריבט איר שלאָף. זי איז אַראָפּ פון איר געלעגער און זיך אוועקגעשטעלט ביים פענצטער, און אַרויסגעקוקט אין דרויסן.

גראָד איז די נאַכט געווען אַ לויטערע. וואָלקנס זיינען פאַרביי־געשוווּמען די לבנה. שרה איז אַזוי געשטאַנען אַ לאַנגע צייט און געקוקט אויפן טונקל־בלויען הימל, וועלכער איז באַשיינט געווען פון דער לבנה־ליכט.

אין די פאַרביי שוועבנדיקע וואָלקנס, האָבן זיך איר געמאָלט פיגורן. זי האָט אין זיי געזען דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט זען. ביז אין אַ געוויסער מינוט איז געקומען ביי איר דער איבערברוך: מען דאַרף שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דאָס איז עס! צי מען וויל יאָ, צי מען וויל ניט. זי מוז זיך נעמען אין אירע הענט. זי מוז פאַרגעסן די פאַרגאַנגענהייט. ווייל טאָמער זאָל זי לעבן מיט חלומות, וועט איר צוקונפט זיין בלויז חלום. לאַנגזאַם איז זי אַריין צוריק אין איר בעט און איינגעשלאָפן.

און גידי? ניט געקוקט, וואָס ער האָט איר ליב ביז משוגעת, האָט ער באַשלאָסן צו האַנדלען קעגן שרהן איידל און אויסגעהאַלטן, ער, אַלס דאָקטאָר, האָט אויך געוווּסט, אַז נערוון פון פרויען דאַרף מען ניט רייצן. פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי קומען צו זייער באַוווּסטזיין און זיך אײַ־בערגעבן זייער גורל, ער האָט דעריבער אַריינגעקוקט אין אַ בוך, וועלכעס האָט אים נאָך אַ קורצער צייט געבראַכט צום שלאָף.

געטראָפן האָבן זיי זיך אין שפּעטן פרימאָרגן ביים פרישטיק.

— ווי האָט זיך דיר געשלאָפֿן? — האָט פֿרוי מאַרקאָוויטש געפֿרעגט שרהן.

— ווי די ערשטע נאַכט אין אַ פֿרעמד הויז. — האָט שרה געענטפֿערט.

— איז נאָך אַלץ דאָס הויז דיר פֿרעמד? — האָט גידי געלאַכט.

— יאָ, גידי! נאָך אַלץ פֿרעמד, טאַקע אַ גרויס צימער, ווייכער מאַטראַץ, אָנגעגנעמער גאָרטן, לופֿט. אָבער ס'איז ניט דאָס צימער פֿון קיבוץ. עפּעס זיינען יענע צימערן אונזערע, אַפֿילו זיסערע, — האָט שרה געלאַכט.

* * *

דער פֿרישטיק איז צוגעגאַנגען אין אַ פֿריילעכער שטימונג. גידי איז איצט געווען גוט אויפֿגעלייגט און האָט שרהן פֿאָרגעלייגט צו פֿאָרן שפּאַצירן.

— ניט שבת, — האָט שרה געענטפֿערט. — איך בין ניט קיין פֿרומע, אָבער דעם מנהג וויל איך האַלטן. איך בין אַ יידישע טאָכטער און דאַרף זיך פֿירן אַזוי ווי מיר האָבן איבערגענומען פֿון אונזערע עלטערן. ווייל מיר זיינען זייער המשך, און דער המשך דאַרף אָנטהאַלטן אין זיך דאָס פֿריערדיקע לעבן, כדי עס איבערצוגעבן די ווייטערדיקע דורות.

— ביסט פֿרום? — האָט גידי נאַאיוו געפֿרעגט.

— ניט פֿרום, אָבער די שבתדיקע אַטמאָספֿער שאַפֿט ביי מיר שטימונג. דו ווייסט ניט, גידי, ווי מיך האָט נעכטן געפֿרייט דאָס ליכטצינדן פֿון דיין מוטער. מיט דעם זיינען מיר אַנדערש פֿון די קריסטן. עס בינדט אונז עפּעס אַנדערש. ווי אַנדערש ס'איז דער פֿרייטיק אָוונט, פֿון אַלע אָוונטן פֿון אַ גאַנצער וואָך. און דאָס איז שיין. און שיינקייט דאַרף מען אָנהאַלטן, ווייל אין לעבן דאַרף שטענדיק זיין עפּעס וואָס זאָל אָנרעגן, אַ מענטש מיט אַ גלויבן, איז אַן אַנדער מענטש, ער האָט אַ צייט פֿאַרנעם. אים בינדט עפּעס און דער דאָזיקער בונד שאַפֿט שטימונג. אויב דו ווילסט אַ שפּאַציר, קאָנען מיר עס מאַכן צופֿוס.

— בסדר! — האָט גידי אויסגערופֿן, — מיר וועלן דורכשפּאַצירן אַ ביסל גאַסן. שרה האָט גערן אָנגענומען דעם פֿאָרשלאָג און ביידע זיינען אַוועק.

— ווייסט מיין מאַן, — האָט פֿרוי מאַרקאָוויטש אויסגערופֿן, — שרה איז אַן אויסערגעוויינלעך מיידל. האָסט געהערט אירע רייד? זעסט איר

באַנעמען זיך? ווי אַנדערש זי איז פון עליזהן. ערשט איצט קאָנסטו אונ־טערשיידן פון אַ מיידל ביז אַ מיידל. הלוואַי זאָל זי ווערן גידיס פרוי, איך וואָלט זייער וועלן ער זאָל חתונה האָבן מיט דער דאָזיקער שרה איידער מיט עליזהן.

— אויך אויף מיר האָט זי געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. און ווי גידי וועט וועלן אַזוי זאָל ער טאָן.

— און אויב ער וועט פרעגן דיין מיינונג? — האָט פרוי מאַרקאָוויטש אַ פרעג געטאָן.

— אַז ער וועט פרעגן, וועל איך אים אויך ראָטן דאָס זעלבע.

דעם גאַנצן שבתדיקן פאַרמיטאָג איז שרה געווען די טעמע אין הויז פון פראָפ׳ מאַרקאָוויטש.

* * *

זונטיק פרי. שרה פאָרט צו איר אַרבעט אין פוריה שפּיטאָל. גידי, כאָטש ער האָט געדאַרפט זיין ביי זיין אַרבעט אין רחובות, האָט באַשלאָסן שרהן אָפּצופירן מיט זיין אויטאָ קיין טבריה. שרה האָט זיך געזעגנט מיט גידיס עלטערן, ווי נאַטירלעך, האָט שרה אַ קוש געטאָן פרוי מאַרקאָוויטש פאַר אַזאַ פריינדלעכער באַציאונג פון איר.

— איך דאַנק אייך פון טיפן האַרצן! — האָט שרה אויסגערופן. — איר האָט זיך באַצויגן צו מיר, אַזוי ווי אַ מאַמע. איך האָב ניט קיין ווערטער, ווי אייך אָפּצודאַנקען.

— מען דאַרף ניט דאַנקען. גאַסטפריינדלעכקייט איז אַ מענטשלעכע מידה און דאָס איז ניט נאָר אַ יידישע מידה. איך האָף, אַז איר וועט מיר אַמאָל אָפּצאָלן מיט דער זעלבער גאַסטפריינדלעכקייט.

— אָן צווייפל, פרוי מאַרקאָוויטש! זאָל איך נאָר האָבן די געלעגנהייט דערצו.

גידי האָט גענומען שרהס וואַליזע און שרהן פאַרן אָרעם און צעקושט זיך מיט זיינע עלטערן.

די מאַשין האָט אַ ריס געטאָן פון אָרט. ביידע, שרה און גידי, האָבן מיט אַ האַנט־צייכן געזעגנט די משפחה ביז דער אויטאָ איז פאַרשווונדן פון זייערע אויגן.

דער אויטאָ איז געפלויגן ווי אַ טייוול. דער זומער־ווינט האָט גע־

גלעט שרהס געזיכט און זיך געשפּילט מיט אירע האָר פון קאָפּ. שרה איז געזעסן אַ פּאַרטראַכטע אַרויסגעקוקט צו דער לאַנדשאַפט. גידי פלעגט פון צייט צו צייט אַ בליק טאָן אויף שרהן פון דער זייט און טראַכטן דערביי. ווי שיין זי איז, ווי מילד איז איר שמייכל, אַפילו אין איר אומעטיקייט ליגט באַהאַלטן אַ טיפער רייץ, וואָס מאַכט ברויזן מענערישע הערצער. לייכט האָט זיך באַוועגט איר זומער קליידל אויף איר נעט געפּרעסטן ביוסט־האַלטער און האָט מאָמענטן־ווייז געפּאַרעמט איר קערפּער, וועל־כער איז געווען ווי געטאָקט. גידי האָט אין שרהן געזען די שיינהייט פון ווענוס. ער האָט אָבער גאָרניט געזאָגט, נאָר די גאַנצע צייט געווען פאַר־זונקען אין געדאַנקען.

די צוויי שעה זיינען דורכגעלאָפן ווי אַ מינוט. פון דער ווייטן האָט שרה באַמערקט דעם שפּיטאָל, צו וועלכן זי איז איצט געפאָרן אַרבעטן.. רמי האָט זיך אויסגעהיילט פון די לייכטע וווּנדן, וואָס ער האָט באַקומען. העלען, חנה און דוד, האָבן זיך געגרייט צו פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל.

„רמי פיינגאָלד, טוריסט פון אַמעריקע" — האָט ער פאַרשריבן זיין נאָמען. העלען ראָזין, חנה פ. — האָבן זיי געצייכנט זייערע נעמען. דער אונ־טערשריפט פון דודן האָט פאַרענדיקט די פאָרמעלע פּראָצעדור. אַלע האָבן געדאַנקט דעם שפּיטאָל־פּערסאָנאַל און זיך געגרייט אין וועג אַהיים.

ווען שרה און גידי זיינען אָנגעקומען אויפן באַרג, ווי דער שפּיטאָל געפינט זיך, האָבן זיי באַמערקט שטיין אַן אויטאָ מיט דעם אַפּצייכן „דיפּ־לאָמאַטן דינסט". פאַרן איינגאַנג איז ניט געווען קיין פלאַץ צו פּאַרקן. גידי האָט געזוכט אַ וועג ווו צו שטעלן זיין מאַשין. העלען און חנה האָבן געזען ווי אַ מאַשין איז צוגעפאָרן און נאָך אַ מינוט פון באַטראַכטונגען, האָבן זיי באַמערקט אַ שיין מיידל זיצן נעבן שאָפער. די נאַטירלעכע פרויען־נייגע־ריקייט האָט אַרויסגערופן זייער אויפמערקזאַמקייט. אָבער אין דער מינוט, האָט שרה זיך דערמאָנט, אַז זי האָט פאַרגעסן אירע אַרבעטס־קליידער אונטן אין איר צימער אין שטאָט. ס'איז ניט איינגענעם געווען, אָבער דאָך האָט זי אַ זאָג געטאָן צו גידין: — גידי, פיר מיך צו אין מיין צימער, אויב דו וועסט ניט ווערן אויף מיר אין כעס. איך האָב דאַרטן די אַרבעטס־קליידער.

— אויף דיר איז כעס! — האָט גידי אויסגערופן, און מיט איין האַנט אַרומגענומען שרהס אָרעם, אין סעקונדן האָט גידי איינגעשלאָסן דעם רע־ווערס־גאַנג און אַרויס פון טויער. מיט גיכן לויף האָט זיך דער אויטאָ

געגליטשט איבער דעם גוט אַספּאַלטירטן שאָסיי און פאַרשווונדן פון אָרט.

— מיר פאָרן? — האָט זיך רמי אָפּגערופן צו חנהן.

— יאָ! — האָט חנה געענטפערט. — מיר האָבן איצט געזען אַ שיין מיידל מיט זייער אַן עלעגאַנטן מאַן, ווייסט העלען! — האָט חנה אויסגע־רופן. — אין ישראל זיינען דאָ שיינע מיידלעך.

— עס וועט אונז זיין שווער צו קעמפן, חנה, נאָך גוט, וואָס דוד האָט זיך אין מיר פאַרליבט. וואָס טו איך ווען ניט, דוד? — האָט העלען געלאַכט.

— איז דאָ אַ צווייטער דוד. גראָד אין ישראל זיינען די דודס אַ סך אפילו אַ קעניג האָבן מיר געהאַט אַ דודן. און אונדזער הויפּט פון מדינת ישראל הייסט אויך דוד.

— אויב דו וועסט זיין אַ גוטער מאַן — האָט העלען זיך אָפּגערופן צו דודן, — וועסטו ביי מיר זיין אַ מלך... — האָט זי געלאַכט.

רמי און דוד האָבן זיך געזעצט אין דער הינטערשטער ריי. העלען איז געזעסן נעבן חנהן, ווען זיי זיינען אַרויס פון שפּיטאָל־הויף.

— איצט וועסטו זיין פאַרזיכטיק, חנה! — האָט זיך דוד אָפּגערופן.

— ווער וויל פון אייך פירן די מאַשין? — האָט חנה אַ פרעג גע־טאָן. — איך בין אַ שלימזל, טאָמער דערזע איך אַ שיינעם שאָפער, ווערן מיר פאַרבלענדט מיינע אויגן.

— טאָ זאָל טאַקע רמי זיך זעצן ביים רעדל און בלענדן זיינע אויגן, — האָט העלען געלאַכט, — רמי, ווילסטו שאָפירן?

— אויב חנה איז ניט קעגן? —

—פאַרוואָס? איך האָב זיך נאָך קיינמאָל ניט קעגנגעשטעלט אַ מאַן... ועלכער וויל פירן דאָס רעדל. זעץ זיך דאָ רמי, און לאָמיר זען דיין בריה־שאַפט אין די בערג.

רמי האָט זיך געזעצט ביים שאָפערן־פּלאַץ, אָבער די מאַשין האָט זיך ניט געצונדן. דערווייל איז גידי אָנגעקומען צו שרהס וווינונג. שרה איז אַראָפּ פון אויטאָ, אַריינגעטראָגן איר וואַליזע און אויף גיך גענומען אירע אַרבעטס־קליידער און זיך גלייך געזעצט אין אויטאָ, כדי צו פאָרן צו דער אַרבעט.

ביי קרית שמואל האָט גידי פאַרגעלייגט שרהן אַריינגיין טרינקען אַ גלאָז טיי. שרה האָט זיך ניט אָנטזאָגט. גידי האָט געשטעלט די מאַשין אין דער זייט.

די באַמיאונגען פון רמין האָבן זיך איינגעגעבן און די מאַשין האָט געצונדן. אין פינף מינוט שפּעטער איז פון טויער אַרויסגעפאָרן רמי, ניט וויסנדיק דעם וועג, האָט ער פאַרקערעוועט צו קרית שמואל זיין אויטאָ. אָבער חנה האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דער וועג קיין חיפה ציט לינקס און ניט רעכטס. אַ פּאָר מינוט שפּעטער, איז דער אויטאָ ווו ס'איז געזעסן רמי, דוד, העלען און חנה שוין געווען ווייט פון טבריה. ווען גידי און שרה זיינען אָנגעקומען אין שפּיטאָל, בערך אַ האלבע שעה שפּעטער, זיינען אַלע סימנים פון רמיס דאָ זיין, פאַרשווונדן. דער טאָג־בוך, אין וועלכן מען רעגיסטרירט די פּאַרפאַלן, איז געוואָרן געשלאָסן מיטן פאַרענדיקן די וואָך. און זונטיק פרי, איז שוין געלעגן אַ נייער בוך פון רעגיסטרירן פאַר־פאַלן. אַזוי האָט דער גורל אויסגעמיטן שרהן זיך צו טרעפן מיט איר גע־ליבטן רמין, צוליב אַ צופאַל. אָט די דאָזיקע צופאַלן אין לעבן שאַפן געשיכטע.

* * *

געזעגנדיק זיך, האָבן זיי באַשטימט, אַז גידי וועט איר טעלעפאָנירן. שרה האָט אויפגעשריבן אויף אַ פּאַפּיר אירע אַרבעסט־שעהן און איבערגעגעבן גידין. זיי האָבן באַשטימט איר אורלויב־טאָג צו פאַר־ברענגען צוזאַמען. גידי איז איצט געפאָרן גיך, כדי אָנצוקומען צו זיין אַרבעט אין שפּיטאָל. ער האָט דעריבער געטריבן זיין לוקסוס־מאַשין מיט דער גרעסטער שנעלקייט. אויפן גלייכן שאָסיי הינטער עפולה, האָט גידי אָנגעיאָגט דעם אויטאָ, אין וועלכן רמי האָט שאָפירט. ער האָט אָבער ניט געוווּסט, ווער דער מאַן איז. עפּעס האָט העלען יאָ דערקענט דעם מאַן. זי האָט זיך אָפּגערופן צו חנהן, אַז איר דוכט זיך, דאָס דער מאַן איז געווען מיט אַ שעה צוריק מיט אַ שיין מיידל, וועלכע זיי האָבן איר ניט געזען.

— דאָס האָט געמוזט זיין אַ זומער־פייגעלע... — האָט חנה געלאַכט.

— ער האָט איר אָפּגעפירט אַ היים פון אַ שפּאַציר. זי איז ווערט — האָט זי צוגעגעבן — ווען איך בין אַ מאַן, וואָלט איך אויך אַלץ געטאָן, כדי אַזאַ שיינהייט צו האָבן אין מיינע הענט.

רמי האָט אַ שמייכל געטאָן, דוד האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געלאַכט

— זע אונזערע מענער — רופט אויס חנה. — ווי נאַאיוו זיי מאַכן

זיך. קיינער איז פון אייך ניט בעסער. אָבער יעדער טוט עס אויף זיין שטייגער.

גידי איז דורכגעפלויגן ווי אַ שטורעם־ווינט. ניט מערקנדיק די אויס־מיידנדיקע אויטאָ. ניט איין מאַשין האָט ער אויסגעמיטן אויפן וועג. אין קנאַפּע דריי שעה איז שוין גידי געווען אין שפּיטאָל. זיין ערשטע אַרבעט איז געווען זיך צו פאַרבינדן מיט שרהן, אַז ער איז בשלום אָנגעקומען אויפן אָרט.

* * *

רמי, דוד, העלען און חנה זיצן אין חנהס ווילע אויפן כרמל און טרינקען אַ קאַלטן געטראַנק, וואָס דאָס הויז־מיידל האָט צוגעבראַכט. העלען זיצט ביים פענצטער און קוקט אַרויס אויף דער הערלעכער פּאַנאָראַמע פון כרמל, אויפן גרויסן ים, אויפן פּאַרט און אין מפרץ. די צוויי הויכע קוימענס פון די ראַפינעריעס שטייען ווי צוויי ריזן און לאָזן אַרויס אַ דיגעם ווייסן רויך, אַ סימן. פון וויטן זעען זיך די בערג, וועלכע פירן צו דער סירישער גרענעץ.

רמי זיצט פאַרזונקען אין מחשבות. עפּעס האָט ער געפילט פּוסטקייט אין דער מינוט.

— רמי! זע ווי שיין איז די שטאָט חיפה.

רמי האָט ניט געענטפערט. פאַר אים איז געשטאַנען דאָס פּראָבלעם, וואָס ווייטער. פאָרן אין קיבוץ און זיך אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט, אָדער ניט פאָרן אַהין און אָנהויבן אַרומזוכן שרהן. אָבער וווּ זוכט מען איר?

— רמי! פאַרוואָס ענטפערסטו מיר ניט? — האָט העלען זיך אָפּגערופן.

— אַ, אַנטשולדיק, טייערע העלען, איך בין אַזוי פאַרטראַכט, אַז איך הער ניט וואָס מען רעדט צו מיר.

— וואָס קלערסטו איצט, רמי?

— וואָס איך קלער? פרעגסטו. איך האָב ניט וואָס צו טראַכטן! קיינער וועט מיך ניט פילן און פאַרשטיין, מיין גאַנצע צוקונפט האָב איך געבויט אויף זיך פאַרבינדן מיט שרהן, איך האָב פאַרלאָזט מיין טאַטע מאַמע, פאַרלאָזן ניו־יאָרק. פאַרלאָזן מיינע חברים פון גימנאַזיע, פאַר־ברענגט הינטער זיך די בריקן און דאָ האָט שרה מיך פאַראַטן. איך האָב אָבער אַלעמאָל געוווּסט, אַז פרויען זיינען לייכטזיניק, אַז מען קאָן קיינ־מאָל ניט בויען אויף זייערס אַ וואָרט.

— גאָט אין הימל! — האָט רמי אויסגעשריען, — פאַרוואָס זענט איר, פּרויען, אַזעלכע עגאָאיסטינס? פאַרוואָס עקזיסטירט ביי אייך נאָר אייגן־ליבע? פאַרוואָס זיינען מענער ביי אייך אַלע גלייך? ווי קאָן מען זיך אַזוי לייכט באַציען צו די אייגענע געפילן? האָב איך שוין צוגעזאָגט חתונה צו האָבן, האַלט איך מיין וואָרט און קיינער אין דער וועלט וועט מיין וואָרט ניט ברעכן. וואָס יאָגט אָרום אין אייערע הערצער, קאַריערע, שרעק פון פאַרבלייבן אַ מיידל, פאַרוואָס גלויבט איר ניט קיין מענער?

— פאַרוואָס? — האָט חנה זיך אָפּגערופן, — ווייל למעשה, זענט איר בלאָפערס, ווייל איר פאַרדרייט די קעפּ פון אונז, מיידלעך. איר זאָגט אונז צו אַלע גליקן, איר זאָגט צו ליבן ביז אייביק. דערווייל צעברעכט איר דאָס מיידל מאָראַליש, איר נוצט איר אויס קערפּערלעך, איר נעמט צו דעם זעלבסט כבוד פון דער פרוי. איר זענט דער רעזערוואָר פון צושטעלן דער מענטשהייט גאַנץ פרויען. ווייל די מערסטע פון זיי זיינען אַנטוישטע פון לעבן. אָפּגענאַרטע, אויסגענוצטע, דערנידעריקטע. רעדט איר נאָך פון אונז אַלס אַזעלכע, פאַרפירערישע.. ניין, רמי פיינגאָלד, איר זענט ניט אַזוי ריין ווי איר מאַכט זיך. דערפאַר האָבן מיר, מיידלעך, באַשלאָסן מאַכן אייך צום נאַר. אויסנוצן אייך וויפל מען קאָן, מיר ווילן פון אייך מתנות, פאַר־וואָס ניט? איר ווילט געניס? צאָלט דערפאַר אַ פּרייז, גיט אויס געלט, און אַז מיר געפינען דעם מאַן, וואָס מיינט ערנסט חתונה צו האָבן, לאָזן מיר אייך איבער און שלאָגן כפרות. די דאָזיקע זאַכן האָט איר אונז געלערנט. היינט דאַרפן מיר ניט זיין אָן אייך געבונדן. מיר אַרבעטן צוגלייך אין די ביוראָען, קראַנקן שוועסטער, דאָקטוירים. מיר שטייען גלייכע ווי גלייכע און געניסן פון לעבן ווי אונז גלוסט.

העלען האָט געהערט די דאָזיקע רייד און געשוויגן. און פאַר דודן איז עס געווען ניי. ער איז געווען געוווינט צו אַן אַנדער שטייגער לעבן. דוד האָט אפילו געוווּסט, אַז די יוגנט אין קיבוץ איז היינט אַן אַנדערע, ווי אַמאָל. דאָס מיידל פון אַמאָל איז געווען פאַרבונדן מיט אַן אידעאַל צו בויען דאָס לאַנד. זי האָט געוווּסט, אַז זי איז אַ טאָכטער פון יידישן גע־פייניקטן פאָלק און מיט איר באַזעצן זיך אויפן באָדן, פירט זי אויס אַ נאַ־ציאָנאַלע שליחות..

אין גאַנג פון לעבן, האָט דאָס מיידל געפונען איר חבר. צוזאַמען האָבן זיי גענומען אַ צימער, אָדער נאָך בעסער, אַביידל און דאָרטן האָבן זיך געוועבט די ראָמאַנטישע חלומות פון פרוי און מאַן. היינט איז אויך דאָס

לעבן אַנדערש, די נאַטירלעכע אייגנשאַפטן פון פרוי צום מאַן און פאַר־קערט, האָבן ניט איין משפחה־לעבן צעבראָכן, האָבן דעריבער די רייד פון חנהן ניט געמאַכט קיין גרויסע ווירקונג אויף דודן.: אָבער אויף העלען יאָ, ווייל אין העלען האָט געשטראָמט דאָס הייסע טעמפּעראַמענטפולע בלוט פון יוגנט. גלייכצייטיק האָט זי געטראָפן אַ געליבטן. דעריבער האָט העלען זיך אָפּגערופן:

— חנה! דו ביסט ניט גערעכט: איך קום טאַקע פון ניו־יאָרק, די שטאָט פון צען מיליאָן מענטשן, צוואַנציק מאָל מער, וויפל עס וווינען מענטשן אין ישראל. און איך דאַרף דיר ניט דערציילן, וואָס אַמעריקע איז.: ווייל דיין פאָטער פאַרברענגט זיין גאַנץ לעבן אין אויסלאַנד אָבער זיי וויסן, אַז מיר מיידלעך פון ניו־יאָרק, זיינען געטרייע קינדער פון אונזער פאָלק, און אַז מיר האָבן גערן מדינת ישראל.: און אָט האָב איך געוואָרפן גרויסע לוקסוס דאָרטן און געקומען אַהער. איך האָב דאָ ניט געהאַט קיין געליבטן בחור. איך האָב באַקאַנט דודן אויף דער שיף. ער איז מיר געפעלן געוואָרן, ניט נאָר אַלס שיינער בחור, נאָר איך האָב געזוכט אין אים דעם מענטש, און איך מוז דיר זאָגן, אַז גראָד זיין האַלטונג אין מיין געזעלשאַפט האָט ביי מיר ארויסגערופן רעספּעקט און כבוד צו אים. די געשיכטע מיט שרהן טוט מיר אויך וויי, אָבער איך גלויב ניט, אַז שרה זאָל זיין פון די דאָזיקע לייכטזיניקע מיידלעך. עפּעס האָט דאָ געמוזט פּאַסירן. געוויס אַ פּליאַטקעלע, אָדער אַ מיספאַרשטענדעניש און איך וויל האָפן, אַז רמי און שרה וועלן זיך צוזאַמענטרעפן..

— אָבער דו האָסט דאָך געהערט פון דער שוועסטער אין עפולה שפּי־טאָל, אַז זי האָט חתונה געהאַט, אָדער גייט חתונה האָבן. וואָס האָט גע־ברענט ביי איר? דער אמת, זי האָט געטראָפן אַ מאַן, ער איז איר געפעלן, טאָ צו וואָס זאָל זי וואַרטן

— געפנוג! — האָט רמי אויסגערופן: — רעדט ניט מער וועגן דעם, ווייל איך וויל עס ניט הערן. איך וויל ניט, אַז איר זאָלט מיר באַדויערן און דאָ קומט ניט פּאַר קיין געזעלשאַפטלעכער משפט. העלען און דוד, פאָרט אין אייער היים. איך וועל זיך נאָך אַ ביסל אַרומדרייען אין שטאָט. איך וועל צופאָרן אין עפולה שפּיטאָל, מיר אַרט ניט אויב שרה האָט חתונה געהאַט. זאָל זי האָבן גליק, ווייל דאָס קומט איר, זי האָט גענוג געליטן אין איר לעבן, ביי אירע קינדער־יאָרן צו פאַרלירן טאַטע מאַמע און אַלס יתומה אַרומוואַנדערן איבער פעלדער און וועלדער, און דאָך געבליבן לעבן, קומט איר דאָס גליק, און דאָס גאַנצע גליק. איך וויל נאָר איר זען, און מיט

דעם וועל איך פאַרענדיקן מיינע פאַנטאַזיעס. איך האָב נאָך אַ ציל אין לעבן. איך וויל ברענגען מיינע עלטערן אַהער. איך וויל, אַז יידישע קינ־דער מיט זייערע עלטערן זאָלן האָבן זייער לאַנד, זייער קולטור און לעבן ביי זיך ווי מענטשן. חנה, איך דאַנק דיר זייער פאַר דיין גאַסטפריינדלעכ־קייט און האָף צו באַצאָלן דיר דערפאַר אין לעבן. פאַרט אַ היים און איך וועל אויף שבת זיין אין קיבוץ.

עס האָט ניט געהאָלפן חנהס ביטעס, אַז זיי זאָלן פאַרבלייבן אין חיפה נאָך אַ פּאָר טעג. חנה האָט געמיינט, אַז נאָר רמי זאָל בלייבן, אָבער פון העפלעכקייט האָט זי זיי אַלעמען געלאַדן. דוד און העלען האָבן פּאַרפּאַקט זייערע זאַכן, זיי האָבן באַשטעלט אַ טאַקסי, וועלכע האָט זיי דירעקט אָפּגעפירט אין קיבוץ פון נגב. רמי איז פאַרבליבן אין חיפה. ער האָט חנהן צוגעזאָגט צו נעכטיקן ביי איר די עטלעכע טעג. חנה איז געווען געוואַלדיק צופרידן און ווען רמי איז געגאַנגען פאָרן קיין עפולה, האָט חנה אים גע־געבן איר מאַשין. ניט מיטפאַרנדיק. רמי איז אַרויס קיין עפולה און פאַר־פאָרן אין שפּיטאָל. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט ווער ער איז און געבעטן פּרטים וועגן שרהן. די אינפאָרמאַציע, וואָס ער האָט באַקומען איז געווען, אַז שרה האָט חתונה געהאַט מיט אַ דאָקטאָרס אַ זון. און זיי זיינען אַרויס־געפאָרן קיין אויסלאַנד אויף זייער האָניק־חודש.

— מיט וועמען האָט זי חתונה געהאַט ? — האָט רמי אַ פרעג געטאָן.

— ווי הייסט דער פאָטער, דער דאָקטאָר ? — אויף דעם האָט קיינער ניט געגעבן קיין ענטפער, ווייל זיי האָבן ניט געוווּסט. אַ פאַרזונקענער אין חלומות, איז רמי צוריק אַרויס פון עפולער שפּיטאָל. ביי אַ קליין וועל־דעלע, האָט רמי אָפּגעשטעלט זיין מאַשין און זיך אָוועקגעלייגט אויפן פרישן גראָז. ער איז געלעגן און געקלערט, וואָס זאָל ער ווייטער טאָן, ווי קאָן ער זי געפינען.

זייענדיק פאַרטראַכט און פאַרצווייפלט, קוקנדיק אויפן אַספאַלטירטן שאָסיי, האָט רמי באַמערקט פון ווייטן אָנפאָרן אַ שיינע לוקסוס־מאַשין. קיין סך אויטאָס זיינען ניט געפאָרן אויפן שאָסיי, אָבער פון צייט צו צייט האָט זיך דורכגעגליטשט אָן אויטאָ. ווען די מאַשין איז צוגעקומען נאָענט, האָט רמי באַמערקט ווי אָן אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אים.

פון קאַבינע איז אַרויסגעקומען אַ יונג שיין מיידל און האָט כלומרשט אַ פרעג געטאָן, צי דער וועג פירט קיין עפולה.

— יאָ, — האָט רמי גלייכגילטיק געענטפערט. — פאָרט שטענדיק רעכטס, וועט איר דערגרייכן די שטאָט.

— פאַרוואָס ליגט איר עפּעס אויפן גראָז אין שאָטן? איז אייער אויטאָ קאַליע געוואָרן? קאָן איך אייך צוהעלפן מיט וואָס?

— ניין, אַ דאַנק! — האָט רמי קאַלט געענטפערט. — איך וויל זיך פּשוט אויסרוען. די לאַנדשאַפט אַרום איז פּרעכטיק, די זון באַקט און דאָ אין שאָטן פון די עטלעכע בוימלעך איז אַ פאַרגעניגן צו ליגן.

— דערלויבט מיר זיך אייך פאָרשטעלן, און איך מיין, אַז איר וועט ניט האָבן דאַקעגן ווען איר וועט מיר דערלויבן צו געניסן פון דער זעלבער לופט, מיט וועלכער איר אָטעמט.

— מיט פאַרגעניגן! — האָט רמי געענטפערט. — זעצט זיך, — רמי האָט זיך פאַרגעשטעלט, דאָס מיידל האָט זיך געזעצט, אויסשפּרייטנדיק איר זומער־קליידל, כדי עס זאָל זיך ניט צעקנייטשן, די פיס אירע האָט זי פאַר־דעקט מיט די ראַנדן פון קלייד.

— איז דערלויבט צו וויסן אייער נאָמען? — האָט דאָס מיידל אַ פרעג געטאָן.

— פאַרוואָס ניט, רמי פיינגאָלד, געבוירן אין ניו־יאָרק, טוריסט.

— איך האָב עס פאַרשטאַנען לויט דעם נומער פון אייער אויטאָ, וועלכער טראָגט אַ קאָנסולאַרן צייכן. אָבער אָן אַרטיקן, האָט איר צו טאָן מיט דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע?

— דאָס גראָד ניט. איך האָב די מאַשין געבאָרגט ביי מיינע אַ פריינ־דין אין חיפה. איר פאָטער איז אַ דיפּלאָמאַט און איז איצט אין אויסלאַנד. דרך אגב, איר האָט מיר ניט געזאָגט אייער נאָמען.

— מיין נאָמען איז עליזה קאַפּלאַן, די טאָכטער פון דעם דאָקטאָר קאַפּלאַן.

— אייער פאָטער איז אַ דאָקטאָר? — האָט רמי אויסגערופן. — האָט איר אפשר געהערט פון דאָקטאָרס אַ זון, וועלכער האָט לעצטנס חתונה געהאַט.

— אַ סך דאָקטוירים מאַכן חתונה זייערע קינדער — האָט עליזה גע־ענטפערט.

— קאָנט איר מיר אָנצייכענען אייניקע פון זיי.

עליזה האָט אַ טראַכט געטאָן ווער פון אירע באַקאַנטע האָבן חתונה געהאַט? זי האָט אים אָנגערופן עטלעכע נעמען, וועלכע רמי האָט פאַר־צייכנט.

— זענט איר אַ טוריסט, אָדער איר באַזעצט זיך אין לאַנד?

— איך בין געקומען אַהער חתונה האָבן און מיין געליבטע האָט מיך

דערווייל אָפּגענאַרט. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן און אַרויסגע־פאָרן קיין אויסלאַנד.

— איך קאָן ניט אַזעלכע — האָט עליזה געענטפערט און ווייטער גע־פירט אין שמועס מיטן אומבאַקאַנטן. — באמת ניט קיין טאַקטישע האַנד־לינג פון אַ מיידל, אָבער ס׳זיינען פאַראַן אַזעלכע. אין אַ טייך זיינען פאַראַן פאַרשידענע פיש, אָבער דער מין פעלט ניט אין ישראל. איר וועט ניט באַדויערן לאַנג, מען וועט אייך ניט לאָזן אַליין, בפרט אַזאַ שיינעם יונגן מאַן.

— אַלע יונגע מענער זיינען ביי אייך שיין, בפרט אַן אויסלענדער. ווהין פאָרט איר דאָ ? — האָט רמי אַ פרעג געטאָן.

— איך פאָר צו מיין פאָטער אין שפּיטאָל פון עפולה. ער האָט דאָרט ליגן זיינעם אַ שווער קראַנקן, האָט ער מיר טעלעפאָניש געבעטן ברענגען געוויסע רפואות פאַר זיין קראַנקן.

— קאָנט איר זיך דערלויבן בלייבן אויפן וועג אַזאַ לאַנגע צייט ? דאָרט וואַרט מען אויף אייך !

— אָבער איך האָב געמיינט, אַז אויך דאָ האָט וואָס פּאַסירט. מעגלעך, אַז דאָ ליגט אויך אַ קראַנקער און מען דאַרף אים היילן.

— באמת אַ קראַנקער, אָבער ניט פיזיש נאָר אין גייסט.

— דאָס איז אַ לייכטע קרענק, וואָס יעדע שיין מיידל קאָן עס היילן.

— איר האָט אַ טעות מיין פריינדין, גראָד די קרענק איז ניט היילבאַר. זי פאַרבלייבט אַ וווּנד אין קערפער אויפן גאַנצן לעבן.

— נאַרישקייטן, — האָט עליזה געענטפערט, — וואָלטן אַלע אונזערע שווער־קראַנקע זיין אין אַזאַ לאַגע, וואָלט שוין גוט געווען. אָבער איר זענט גערעכט. איך מוז פאָרן, דאָ האָט איר מיין אַדרעס, ווען איר וועט זיין אין תל־אביב, קומט צו אונז אַריין. איר וועט זיין אַ גוטער און אַנגע־נעמער גאַסט..

עליזה האָט זיך אויפגעשטעלט, אָפּגעטרייסלט די גרעזעלעך פון איר קלייד. רמי האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אַ האַנט דרוק האָבן זיי זיך גע־זעגנט.. עליזהס מאַשין האָט שוויצעריש אַ צי געטאָן פאַראויס פון אָרט אויפן וועג צו איר פאָטער.

לאַנג איז רמי געשטאַנען און ניט געקאָנט באַגרייפן די לאַגע, וואָס עס האָט זיך געשאַפן. ווי געוואָגט די „סאַברעס" זיינען — האָט ער גע־טראַכט זי האָט געזען אַ בחור, האָט זי אָפּגעשטעלט איר אויטאָ און זיך אַליין באַקאַנט, וואָלט עס שרה געטאָן ?

רמי האָט אַריינגעלייגט די וויזיט־קאַרטע פון עליזהן אין זיין קעשענע און אַריינגעזעצט זיך אין אויטאָ. ער איז פאַרפאָרן אַהיים צו חנהן אין ווילע.

ווען חנה האָט דערזען רמין, איז די ערשטע פראַגע געווען — נו, עפּעס אַנטדעקט?

— יאָ! אַ צווייט שיין מיידל. דאָס איז איר נאָמען, — אָנווייזנדיק איר די וויזיט־קאַרטע, וואָס עליזה האָט אים געגעבן.

— עליזה קאַפּלאַן, תל־אביב? טאָכטער פון אַ דאָקטאָר? אַ ווי שיין, זעט איר, אַז גאָט פאַרלאָזט ניט אָבער איר זענט געוויס הונגעריק. מיר וועלן עסן צוזאַמען מיטאָג.

רמי האָט זיך ניט קעגנגעשטעלט. ער האָט זיך געטושט און חנה האָט געגעבן רמין אַ נייעם האַנטוך מיט שמעקעדיקן אויסלענדישן פּאַרפום־זייף.

אַ האַלבע שעה שפּעטער, זיינען זיי געזעסן אויף דער גרויסער וועראַנדע און געגעסן זייער מיטאָג.

שרה אין שפּיטאל

מיט שרהס אָנקומען אין שפּיטאָל, איז לעבעדיק געוואָרן אין צימער פון די שוועסטערס. אַלע האָבן זיי געבענקט נאָך איר, ווייל זי איז געווען אויך צו זיי האַרציק, שרה האָט געפרעגט אויב ס'זיינען געווען וועזנטלעכע פאַלן פאַר די פּאָר טעג.

— קיין ספּעציעלעס ניט. נאָר עטלעכע פאַרוווּנדעטע רייזנדע, יונגע בחורים מיט מיידלעך, האָבן קאַנטיק, ווי נאַטירלעך, גיך פאַרנדיק זיך איבערגעקערט מיט זייער מאַשין און געוואָרן לייכט פאַרוווּנדעט. אָבער זיי האָבן היינט פריי פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל. מער האָט קיין ספּעציעלעס ניט פּאַסירט. אָבער דער בחור, מיט וועלכן מיר האָבן דיך געזען פאָרן, איז אַ בילד־שיינער מאַן, ווער איז ער?

— אַ דאָקטאָרס אַ זון. ער וויל מיט מיר חתונה האָבן — האָט שרה געענטפערט.

וועלן מיר האָבן אַ חתונה? — האָבן זיי געפרעגט.

— מעגלעך אַז יאָ, איך ווייס נאָך אַליין ניט. איך קאָן ניט דעצידירן.

— אין ישראל דאַרף מען לאַנג ניט קלייבן. אויב ער איז אַ שיינער, דערצו אויך אַ גוטער, טאָ פאַרוואָס ניט?

— ער איז אַ דאָקטאָר און אַרבעט אין קאַפּלאַן־שפּיטאָל.

— שרה! דו וועסט אָפּטאָן דאָס גרעסטע נאַרישקייט, אויב דו וועסט אַזאַ געלעגנהייט אַרויסלאָזן פון האַנט.

— ס׳איז אייך לייכט צו רעדן. — האָט שרה געענטפערט. — ער איז אָבער ביי מיר שוין דער צווייטער און ניט דער ערשטער.

— וואָס האָט געטראָפן מיטן ערשטן? — האָבן די שוועסטערס גע־כּרעגט.

— ער איז געפאָרן צוריק קיין אַמעריקע, האָט מיר צוגעזאָגט צו קומען צוריק און האָט דאָרטן חתונה געהאַט.

— איז דעריבער וועסטו אָפּקלאָגן דיין גאַנץ לעבן? — מיר מיינען, אַז דער צווייטער איז ניט ערגער פונעם ערשטן. יענער איז אויך אַ דאָקטאָר?

— ניין! יענער איז ניט קיין דאָקטאָר, נאָר אַ זון פון רייכע עלטערן, אָבער אַ קיבוצניק.

— אויף דעם זאָרגסטו? נאַריש מיידל וואָס דו ביסט! — האָבן זיי זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— אָבער ער האָט אַן אַנדער מעלה. ער איז דער ערשטער... שרה האָט מער ניט געוואָלט רעדן. זי איז אַריין אין איר צימער, האָט זיך איבער־געטאָן און צוגעטרעטן צו איר אַרבעט.

שרה האָט נאָך ניט באַוויזן אויפצונעמען איר פּראָגראַם פאַרן טאָג־אַרבעט, ווי דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. דאָס האָט גערעדט גידי פון קאַפּלאַן־שפּיטאָל. ער האָט זרהן דערציילט, אַז ער איז בשלום אָנ־געקומען אויפן אָרט און אַז ער בענקט זייער נאָך די פאַרבראַכטע צוזאַמען צייט. ער וואָלט שוין געוואָלט שרה זאָל ווידער באַקומען אורלויב און ווידער זאָלן זיי פאַרברענגען צוזאַמען. שרה האָט געענטפערט, אַז איר אורלויב וועט ערשט זיין אין פּאָר וואָכן אַרום און זי ווייסט ניט, צי זי וועט נאָכאַמאָל פאָרן צו זיינע עלטערן, ווייל זי וויל רוען, ניט אַזוי פיזיש, ווי גייסטיק. זי וויל באַהערשן איערע נערוון. זי וויל פאַר זיך אַליין שאַפן אַ שטעלונג אין לעבן, ווייל וועט זי דעצידירן אויף אַ שריט וועט שוין ניט זיין קיין וועג צוריק.

גידי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער טאָר ניט איר לאָזן אַליין. גידי האָט פון דער פּראַקטיק געוווּסט, אַז ס׳איז ניטאָ דאָס מיידל, ווו אַ בחור קאָן איר ניט נעמען, אויב ער וועט דעצידירן אויף דעם. ער האָט דעריבער

געמאָלדן שרהן, אַז ער וועט קומען צו איר אויף שבת און זיי וועלן פֿאַר־ברענגען דער שבת אין טבריה טרהס ביטעס האָבן ניט געהאָלפֿן, אַז זי וויל בלייבן אַליין. ווען ס'איז געקומען פֿרייטיק, איז שוין גידי געזעסן אין שרהס צימער. שרה האָט אויפֿגענומען גידין פֿריינדלעך, אָבער אָן שום ספּעציעלער וואַרעמקייט גידי איז אָפּגעפֿאָרן אין האָטעל „גלי כנרת". ווען שרה האָט זיך אָפּגערוט, זיך אַרומגעוואַשן און איבערגעטאָן, איז גידי געקומען נעמען שרהן אין האָטעל אויף אָוונט־ברויט. שפּעטער האָבן זיי שפּאַצירט אויפֿן וועג וואָס פֿירט צו דער קבוצה כנרת. גידי האָט אויסגע־זאָגט זיין האַרץ פֿאַר שרהן, אַז ער קאָן ניט געפֿינען קיין רו, אַז די אַרבעט אין שפּיטאָל איז אים נמאס, ער האָט געשילדערט זייער צוקונפֿטיק לעבן, וואָס וועט זיין איין גאַנץ גליק. זי זאָגן אָבער דערפֿאַרענע פֿרויען, אַז די יינגלעך קאָנען לייכט פֿאַרדרייען די קעפּ פֿון די מיידלעך און שרה האָט אין דעם אָוונט געגעבן איר צושטימונג חתונה צו האָבן מיט גידין אין אַ צוויי מאָנאַט אַרום.

גידי איז געווען איבערגליקלעך, אָבער שרה האָט פֿאַרלאַנגט אויספֿירן איר ביטע; פֿאַר דער חתונה וויל זי צופֿאָרן אין אַמעריקע און איינמאָל נאָך אָנקוקן רמין. און דאָס וועט איינגאַנצן שפּעטער אַרויסשלאָגן אירע געדאַנקען וועגן רמין, נאָר טאָמער טרעפֿט זי אים אַ ניט חתונה געהאַט און ער איז גרייט חתונה האָבן מיט איר, זאָל גידי ניט האָבן צו איר קיין טענות. גידי האָט געשווירן, אַז ער וועט זיין צופֿרידן, אויב רמי איז גרייט מיט איר חתונה האָבן, פֿאַרקערט, ער וועט זיין דער ערשטער מחותן און וועט זיי ווינטשן גליק. דאַן האָט שרה געגעבן גידין דעם ערשטן קוש פֿאַר זיין מענטשלעכער האַלטונג. דערביי האָט זי אויסגערופֿן

— גידי, דו ביסט ווערט גליק אין דיין לעבן. הלוואי זאָל איך דיר דאָס קאָנען דערטיילן.

לאַנג האָבן זיי אַרומגעשפּאַצירט אין דער ליכטיקער נאַכט ביים כנרת. און ווען גידי האָט אָפּגעפֿירט שרהן אין זיין מאַשין אַהיים און האָט גע־וואָלט אַריינגיין צו איר אין צימער, האָט שרה אָן ווערטער, אַ בליק געטאָן אויף גידין, וועלכער האָט זיך געזעגנט און געפֿאָרן אין זיין האָטעל.

שרה פארט קיין אמעריקע

גלייך זונטיק האָט גידי אָנגעגעבן שרהס אַ ביטע אין מיניסטעריום אויף אַ פּאַס און צום חודש האָט זי עס באַקומען. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז שרה אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד מיט דער זעלבער שיף „ירושלים", אויף וועלכער רמי, העלען און דוד זיינען געפאָרן און אויף וועלכער דער שיפס־קאַפּיטאַן איז געווען עמוס דיאַמאַנט.

פאַר שרהן איז געווען ניי דאָס פאָרן אויף אַ שיף. דאָס איז דאָס ער־שטע מאָל אין איר לעבן. אַלץ איז איר אויסגעקומען מאָדנע. אַ שיף איז אַ וועלט פאַר זיך — האָט זי גערעדט צו זיך. — טויזנטער מענטשן שפּאַרן זיך אויף אַ קליינעם שטח און שווימען צווישן ים און הימל, אָפּגעריסן פון אַלץ און אַלעמען. דאָס לעבן האָט דאָ אַן אַנדער באַדייטונג.

אמת, אויף דער שיף איז דאָ פאַרווײַלונג, געזעלשאַפט, מען טאַנצט און מען זינגט, מען באָדט זיך און מען זעט קינאָ, מען קומט אין געזעל־שאַפט, אָבער דאָך איז עס ניט איין און דאָס זעלבע. שרה האָט זיך אויס־געשלאָסן פון יעדע געזעלשאַפט. זי פלעגט פאַרברענגען אַליין אויפן דעק פון דער שיף. לייענען ביכער און ספּעציעל פאַך־ביכער, ווייל עס האָט איר שטאַרק געצויגן צו מעדיצין־וויסנשאַפט. און ווי נאַטירלעך, האָט שרה אויך דאָ געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון יונגע בחורים, וועלכע האָבן געזוכט איר געזעלשאַפט. ווען געוויסע מענער זיינען צוגעגאַנגען צו איר רעדן, האָט זי זיי פון העפלעכקייט וועגן געענטפערט, אָבער ניט אריין אין וויכוחים. זי האָט געוווסט, אַז טאָמער וועט זי גיין אין די טאַנץ־זאַל, וועט זי זיך אריינפּלאָנטערן אין נאָך מענערישע פאַרפירערישע פאַרלאַנגען. זי האָט שוין געהאַט געגוג רמין מיט גידין. שרה פלעגט זיצן אויפן דעק פון דער שיף, בפרט אין די פאַרנאַכטן, און טראַכטן ווי וועט זי אָנקוקן רמין ? ווי וועט זי זיך באַקאָנען מיט זיין פרוי ? און אפשר שוין מיט אַ קינד אָדער צוויי. נאָר דאָס זיינען געווען אירע געדאַנקען די רייזע־צייט. זי האָט רמין געליבט מיט אַלע פיבערן פון איר נשמה, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט זי אים געהאַסט פאַר זיין פאַראַט. און ניט איינמאָל האָט זי אויסגעשריען : גאָט אין הימל ! פאַרוואָס זאָלן זיי ניט האַלטן זייער וואָרט ? פאַרוואָס זאָלן זיי ניט זיין קיין מענטשן. וויפל צוטרוי זי האָט עס געהאַט צו רמין. זי האָט אים אַזוי פיל געגלויבט און געהאַט מיטלייד מיט אים, אַז זי איז דאַן געווען גרייט אריינצוגיין אין זיין צימער און בלייבן ביי אים שלאָפן... און דאָס, זאָגט זי, האָט קאָנטיק פאַרמיאוסט איר אין זיינע

אויגן. אַט ווי אַ מיידל דאַרף זיך וויסן ווי צו האַלטן. מענער זוכן אין דעם מיידל נאָר צו באַפרידיקן זייער תאווה, ווען די פרוי זוכט אין מאַן זיין נשמה. דאָס גליק פון דער פרוי, אַפילו אין געשלעכטלעך לעבן, דרינגט אַרויס אין ליבע צום מאַן און ניט אין מאָמענטאַלע קערפּערלעכע פאַרגע־ניגנס. צי וועט אַמאָל דער מאַן פאַרשטיין דער פרוי? — האָט זי גערעדט צו זיך. אַט, מיט אַזעלכע געדאַנקען איז שרה פאַרנומען געווען אירע טעג און נעכט אויף דער שיף. און ווען דער שיפס־קאַפּיטאַן האָט אַמאָל שפּאַ־צירנדיק, דערזען אַ שיין מיידל זיצן אין ליג־שטול און אונטער זון־ברילן באַטראַכט דעם בלאָען הימל און דעם ענדלאָזן ים, איז ער צו איר צוגע־גאַנגען, אַ פרעג טוענדיק ווער זי איז.

— אַ טוריסטין פון ישראל — האָט זי געענטפערט און אַפּגעצויגן איר בליק.

— איז דערלויבט צו וויסן אייער נאָמען? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— איר האָט עס דאָך אויף מיין פּאַס — האָט זי קאַלט געענטפערט.

— אָבער איז אייך אַזוי שווער צו ענטפערן אַ ידישן מאַן? ס'איז מיט דעם ניט פאַרבונדן, חס וחלילה, קיין אומגליק. — האָט עמוס אויסגע־רופן, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דעם ראַנד פון ליג־שטול, איבערוואַרפנדיק אַ פוס אויף אַ פוס.

— ס'איז ניט שווער, אָבער צו וואָס נוצט עס? — האָט זי אַ זאָג געטאָן.

— אָבער עס שאַדט אויך ניט. פשוט, איר זייט אַ ידישע טאָכטער, איך אַ ידישער יינגל. מיר פאָרן אויף אַ ידישער שיף. סוף־סוף געהערן מיר צו איין ראַסע, צו איין פאָלק. מיר זיינען דאָך אַלע ברידער און שוועסטער, אַלע האָבן אונז פיינט זאָלן מיר זיך אויך פיינט האָבן? איך זוך ניט אין אייך די פרוי. פשוט, עס בענקט זיך צו מענטשן. מיין גאַנצע צייט פאַרברענג איך אויף דער שיף. איידער איך קום אָן קיין ניו־יאָרק — דאַרף איך שוין פאָרן צוריק. דאָס זעלבע אויך אין חיפה.

— מיין נאָמען איז שרה דאַגישעווסקא — האָט שרה געענטפערט.

— און איך הייס עמוס דיאַמאַנט שיפס־קאַפּיטאַן פון „ירושלים״. איך האָב אַמאָל געהאַט אַ שוועסטערל — האָט מען איר גערופן שרה. זי איז אומגעקומען צוזאַמען מיט מיינע עלטערן ביי די פאַרשאָלטענע דייטשן. איך געדענק איר נאָך ווי שיין זי איז געווען ביי אירע קינדער־יאָרן. אירע שוואַרצע אויגן זיינען געווען אַזעלכע גרויסע, פאַרחלומטע, איך

וואָלט געזאָגט, ענלעך צו אייערע. אָבער נעמט עס ניט פֿאַר קיין קאָמפּלי־מענט פֿון אַ מאַן צו אַ פֿרוי. דאָס זיינען פּשוטע רייד פֿון האַרצן אַרויס.

— אין דער דאָזיקער מינוט האָט מען אויפֿן רמקול גערופֿן דעם קאַ־פּיטאַן, ווייל דער האַריזאָנט האָט אָנגעזאָגט פֿון אַן אויפֿקומענדיקן שטורעם אויפֿן ים און דער קאַפּיטאַן דאַרף האָבן דעם פֿאַרזיכט.

— איר וועט מיר פֿריינדלעך אַנטשולדיקן, וואָס איך מוז אַוועקגיין. איך מוז היטן דאָס לעבן פֿון מיינע פּאַסאַזשירן. איר וועט זאָגן; פּטור גע־וואָרן פֿון אַ נודניק.

— ניין! ס׳איז מיר זייער אָנגענעם. איך בין אויך אַ נייע עולה אין ישראל. אויך מיינע עלטערן זיינען אומגעקומען, אָבער מיר וועלן רעדן וועגן דעם אַ צווייט מאָל.

— אויף ווידערזען! — האָט דער קאַפּיטאַן זיך אָפּגערופֿן.

— אויף ווידערזען! — האָט שרה געענטפֿערט אויסשטרעקנדיק איר האַנט. מיט פֿעסטע און ענערגישע טריט, איז דער קאַפּיטאַן אַוועק צו זיינע פֿליכטן.

—אומעטום זיינען זיי פֿאַראַן, די מענער. אומעטום געפֿינען זיי פֿיינע טריקן, צו שליסן באַקאַנטשאַפֿט. אַ ווי נאַריש זיי זיינען! — האָט זי גע־רעדט צו זיך. אויפֿן האַריזאָנט האָט שרה טאַקע באַמערקט אַ שטיק שוואַרצן וואָלקן. אַט דער סימן איז פֿאַר אַ שטורעם. שרהן האָט עס אָבער ניט געאַרט, ווייל אין איר האַרצן איז אָנגעגאַנגען ניט קיין קלענערער שטורעם, וויסנדיק וווהין זי פֿאָרט און וואָס דאַרטן דערוואַרט איר. ערשט ווען אַ שטאַרקער ווינט האָט גענומען בלאָזן און די כוואַליעס האָבן זיך גענומען הויבן און וויגן אין ים, וועלכער גייט זיך צעשטורעמען, איז שרה אַראָפּ אין איר קאַיוטע.

אין דער שיתּף־ליטונג האָט מען געוווּסט, אַז שרה דאַנישעווסקאַ איז אַ קראַנקן־שוועסטער און אַלס אַזאַ, קאָן זי אַמאָל אויך צונוץ קומען.

רמי זוכט אַרום שרהן

— חנה! — האָט רמי אויסגערופֿן, — העלף מיר געפֿינען שרהן. אייגנטלעך איז ישראל אַ קליין לאַנד, אַ פֿינפֿטער טייל פֿון ניו־יאָרק, האָט מער מענטשן ווי גאַנץ ישראל פֿאַרוואָס זאָלן מיר איר ניט אַנטדעקן?

— די ערשטע זאך, רמי, לאמיר זיך ווענדן אין ראבינאט — האט חנה געענטפערט. רמי האט זיך געווענדעט צום ראבינאט אין חיפה און אין ת״א. אבער פון אומעטום איז געקומען אן ענטפער, אז צווישן אזא נאמען מיט א דאקטארס א זון איז קיין ח׳תונה ניט געווען און ס׳איז אפילו ניט איינגעשריבן געווארן אזא ביטע. רמי איז ארומגעגאנגען א פארצווייפלטער און ניט געוווסט, וואס צו טאן. ער איז אפילו געפארן נאך אמאל אין שפיטאל פון רחובות, אבער דארטן האט ער באקומען דעם זעלבן ענטפער, אז אויף וויפל זיי ווייסן, איז שרה אין אויסלאנד מיט איר מאן. רמי האט זיך אפילו געטראפן מיט גידי און ס׳איז אבער זיי ניט אויסגעקומען צו רעדן וועגן דעם, ווייל אויך די שוועסטער האבן ניט געוווסט פון גידיס פארבינדונג מיט שרהן. אן אנטוישטער האט זיך רמי אומגעקערט אין קיבוץ און האט אויפגעגעבן אלע זיינען האפענונגען געפינען שרהן. רמי האט צוריק באקומען זיין צימער און נאך מיט מער איבערגעגעבנקייט זיך אפגעגעבן דער ארבעט אין קיבוץ. זיינע פארנאכטן פלעגט ער פארברענגען מיט זיך שפילן אויף אקארדיאן, אדער מויל־הארמאשקע, אדער אויף גיטארע קיינער האט אים ניט אינטערעסירט. מיט דודן און העלען פלעגט ער זיך טרעפן אפט ווי חברים, העלען האט שוין געהאט אירע פראבלעמען און דוד האט זיך געגרייט צו דער חתונה. אבער העלען האט דורכאויס פארלאנגט, אז אויף דער חתונה אירער זאלן בייזיין אירע עלטערן. דערביי האט זי אפגעשטופט די צייט, העלען האט געשריבן בריוו אהיים, אז זי פילט זיך גוט און געפינט זיך אין קיבוץ נ. אין נגב. די ארבעט געפעלט איר און אז זי איז פארליבט. זי ווארט אבער אויף זייער קומען. דאן וועט זי חתונה האבן. וועגן רמין האט העלען געשריבן, אז ער איז צעבראכן און אז שרה האט התונה געהאט און פארלאזן דאס לאנד. אלע אירע טרייסטווערטער רמין, העלפן ניט. און קיין צווייטע שרה קאן זי ניט ווערן. העלען האט געשריבן, אז דוד איז זייער א גוטער בחור, איבערגעגעבן, און אז דאס קיבוץ־לעבן איז זיין צווייטער טייל פון זיין פערזענלעך לעבן. זי באדויערט אבער רמין, פארוואס ער דארף אזוי ליידן

פון אמעריקע האבן העלענס עלטערן געשריבן, אז די געשעפטן גייען זייער גוט און אז זיי בענקען נאך זייער טאכטער. זיי זיינען גרייט אריבערנעמען דודן מיט העלען צו זיך, אבער העלען האט אפגעווארפן די דאזיקע פארלאנגען — און זיי דייטלעך געשריבן, אז זי פארבינדט איר גורל מיט ישראל — העלען האט פארלאנגט, מען זאל איר מער ניט באלעסטיקן מיט אזעלכע ביטעס.

אַמאָל זיצנדיק אין חדר־אוכל האָט אַ חבר דערציילט, אַז ער האָט געטראָפן שרהן אין חיפהער פּאָרט און אַז זי האָט אים געהאָט געזאָגט, אַז זי פּאָרט קיין אויסלאַנד. העלען האָט עס דערציילט רמין. ער האָט עס אויפגענומען קאַלט, אָבער מיט אַ ווייטיק אין האַרץ. גראָד די דאָזיקע רייד האָבן אים באַרואיקט. און איצט איז ער שוין געווען זיכער, אַז שרה איז פאַר אים פאַרלוירן אויף אייביק.

דוד האָט געוואָלט רמין באַרואיקן. אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג איז רמי אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פינאַנס־לייטער פונעם קיבוץ, וועלכער האָט זיך געבויטיקט אין נייע אינוועסטיציעס. רמין איז אויסגעקומען אָפט אַרומצופאָרן אין די שטעט און דאָס האָט אים אַ סך צעשטרייט אין זיינע געדאַנקען. דוד האָט זיך אויך געמיט אַריינצופירן רמין אין מער אַקטיווע מעטיקייט, אַז ער זאָל פאַרגעסן זיין פערזענלעכע טראַגעדיע. און ווען אין קיבוץ זיינען אָנגעקומען נייע מיידלעך, יונגע, שיינע און טיילווייזע, אויך פון נח״ל, האָט רמי אויסגעמיטן זיין באַגעגעניש מיט זיי. וואָרעם פלעגט ער אויפנעמען נאָר חנהן, וועלכע פלעגט אָפט זיין אַ גאַסט אין קיבוץ און זיי פלעגן פון צייט צו צייט אַרויספאָרן אויף אַ פּאָר שעה. חנהס באַמיאונגען צו געווינען רמיס האַרץ האָבן ניט געהאָלפן, ווייל ער האָט באַשלאָסן קיינמאָל ניט חתונה צו האָבן. וויפל דוד און העלען האָבן מיט אים ניט איינגעטענהט, אַז מען דאַרף אָננעמען די זאַך ווי זי איז, האָט עס ניט געהאָלפן נאָך מער האָט רמין וויי געטאָן, וואָס ער האָט געוווּסט, אַז שולדיק אין דעם איז זיין מוטער, וועלכע האָט וועלנדיק זיין גליק געבראַכט אים אומגליק.

שרה אין אמעריקע

דאָס שוואַרצע פּינטל אויפן האָריזאָנט פון ים, האָט טאַקע געבראַכט אַ שטורעם. אַ שלאַקס רעגן האָט גענומען גיסן אַן אויפהער. פון ווייטן האָבן זיך דערהערט שטאַרקע דונערן. בליצן האָבן זיך געריסן פון די וואָלקנס. מאַטראָסן זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגטע כאָטש די מוזיק האָט געשפּילט און די דירעקציע פון דער שיף האָט געזוכט צו צעשטרייען די פּאַסאַזשירן האָבן דאָך אַלע זיך באַזעצט אין זייערע קאַיוטעס אָדער

אין גרויסן זאַל. די שיף האָט זיך גענומען בויגן רעכטס און לינקס פון די גרויסע כוואַליעס, וועלכע זיינען אויפגעקומען און אַפטמאָל איז עס אויסגעקומען ווי אַ חוזק, דער שפּיל צווישן דער גרויסער שיף מיטן צעשטורעמטן ים. שרה איז גראַד געלעגן אין איר קאַיוטע און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטערל אין ווייטן אַרום. עס האָט איר ניט געאַרט אַפילו ווען זי זאָל דערטרונקען ווערן. זי וואָלט לייכט עס אויפגענומען און אַזוי וואָלט געקומען אַ סוף צו אירע צרות אָבער די שיף איז שטאָלץ געשווומען אין איר ריכטונג, אַקוראַט ווי עס וואָלט איר ניט אָנגעגאַנגען דער קאַמף צווישן וואַסער און שיף.

עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע קראַנקע, וועלכע האָבן ניט געקענט פאַרליידן די שיף רייזע. דער אַרטיקער דאָקטאָר מיט די שטענדיקע פאַרשוועסטער האָבן קוים געקאָנט באַדינען די קראַנקע אָבער מיט יעדע מינוט האָט זיך די לאַגע פאַרערגערט און דער קאַפּיטאַן האָט זיך דערמאָנט, אַז שרה איז אַ קראַנקן־שוועסטער, האָט ער דעריבער געבעטן איר קומען אין זיין קאַבינע. שרה אַן אויסגעפּרווטע אין גורל אַ געשלאָגענע, האָט אָנגענומען יעדע אַרבעט, וועלכע מען האָט איר געהאַט צוגעטיילט, דער קאַפּיטאַן האָט באַוווּנדערט שרהן, וועלכע האָט זיך אַליין געפילט דרייסט און מוטיק און מיט דעם אָנגעשטעקט די פּאַסאַזשירן. אין דער מינוט האָט דער „אייז־קאַלטער" קאַפּיטאַן זיך פאַרליבט אין שרהן און איז גרייט געווען צו נעמען איר פאַר אַ פרוי און ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען דאָס וועטער האָט זיך געענדערט צום גוטן, האָט עס עמוס דערקלערט שרהן. שרה האָט געלאַכט אין זיך, צו וואָס פאַראַ לאַגע זי איז געקומען. אַזוי פיל פאַרערער מיט אַמאָל, גידי פון איין זייט, אַ זון פון אַ באַרימטן דאָקטאָר. עמוס פון דער צווייטער זייט, אַ שיפס־קאַפּיטאַן, און זי אַליין פאַרט זען איר געליבטן רמין, אַ בחור, אַקאַרשט פאַרענדיקט זיין סטודיום, און איז נאָך אַן אַ פאַך אין דער האַנט.

שרה האָט געדאַנקט עמוסן פאַר זיינע ליבע־דערקלערונגען. זי האָט אָבער דערקלערט וווהין זי פאָרט און אַז איר חתן געפינט זיך אין ניו־יאָרק. שרה האָט קיין נאָמען ניט אָנגערופן, ווייל זי האָט געהאַלטן פון כלל ווייניקער רעדן און גראַד דאָ, האָט דאָס דאָזיקע ניט באַטירלעכע ביי אַ פרוי, געבראַכט איר שאָדן. שרה האָט נאָר געפרעגט ווען זיי קומען קיין ניו־יאָרק און ווען די שיף גייט אָפּ צוריק, ווייל זי האָט אין ניו־יאָרק זיך צו פאַרזאַמען נאָר געציילטע טעג, און זי וואָלט געוווען געפאָרן מיט דער זעלבער שיף צוריק.

— סך־הכל צוויי טעג פארבלייבן מיר. — האט עמוס דערקלערט. — מיר באזארגן זיך מיט שפייז און וואסער, מיר מוזן די שיף פארבן פון דאס ניי, וואס דער שטורעם האט קאליע געמאכט.

— אפשר, — האט שרה געזאגט, — אפשר וועל איך באוויזן

— שטענדיק, שרה! — האט דער קאפיטאן אויסגערופן, — אפילו ווען עס וועט ניט זיין קיין פלאץ, וועט מיין צימער זיין צו דיין דיספאזיציע.

* * *

ווען די שיף איז אריין אין ניו־יארקער פארט, איז שרה פארכאפט געווארן פון דאס גרויסע און שיינע וואס ביים ניו־יארקער האפן. צענדליקער טויזנטער מענטשן האבן זיך געדרייט הין און צוריק. מיטן אנקומען פון דער שיף „ירושלים", וועלכע האט ארויסגעווארפן פון זיך א פאר טויזנט מענטשן, זיינען צוגלייך אנגעקומען א סך אנדערע שיפן פון אלערליי לענדער אויך פון דארטן האבן זיך געזען יונגע און שיינע מענער און פרויען. אויך זיי האבן זיך זייער וועלט — האט שרה געטראכט — און זיי ליבן און ווערן געליבט אויך זיי האבן זיך זייערע טראגעדיעס. שרה האט ניט געהאט קיין סך באגאזש די קאנטראל איז לייכט צוגעגאנגען. שרה האט זיך געבעטן פירן אין איינעם פון די שענסטע האטעלן פון שטאט און אין קנאפע עטלעכע שעה, איז שרה, אן אויסגערוטע, אן ארומגעוואשענע אין מיט א פריילעכע שטימונג, געבעטן זיך צופירן אויפן אדרעס וואו זי פלעגט שרייבן אירע בריוו. מער ווי א האלבע שעה האט גענומען ביז זי איז אנגעקומען אויפן ארט. און ווען זי איז דערגאנגען צו דער טיר און איבערגעלייענט דעם נאמען פיינגאלד, האט איר א קלאפ געטאן אין הארצן. לאנג וואַרטן האט זי אבער ניט געקאנט, ווייל א דיקלעכע נעגערטע האט איר געפרעגט אין ענגליש, וועמען זי וויל, — שרה האט געענטפערט, אז זי וויל רעדן מיט די מיסיס אדער מיטן מיסטער פיינגאלד. די נעגערין פאר וועלכער שרה האט זיך צוערשט א ביסל דערשראקן, האט איינגעלאדן שרהן אין וווינונג און האט איר דערקלערט, אז זיי זיינען אין די ביזנעס און זיי קומען ערשט אין אוונט. זי וועט אבער טעלעפאנירן אין דער פאבריק, שרה האט איר געבעטן זאגן, אז רמיס א גוטע פריינדין געפינט זיך אין ניו־יארק. ווען די נעגער־פרוי האט אנגעקלונגען און געמאלדן ווער עס איז, האט פרוי פיינגאלד דערקלערט, דער גאסט זאל פארבלייבן, און אז זי קומט פון די ביזנעס אין א פאר שעה ארום. שרה האט

די איינלאַדונג מיט האַרץ־קלאַפּעניש אָנגענומען. די דינסט האָט געגעבן שרהן רמיס צימער, ווו זי זאָל זיך קאָנען אָפּרוען, און אַליין אַוועק צו איר אַרבעט.

מיט לאַנגזאַמע טריט איז שרה אַריין אין רמיס צימער. נאָך לאַנגזאַמער האָט אויך געקלאַפּט איר יונג האַרץ. אָט, אין די פיר ווענט, האָט זיך געפונען איר געליבטער. אין דעם צימער, האָט רמי געלייענט אירע בריוו, געענטפערט אויף זיי און אין זעלבן צימער, האָט ער געמוזט פאַרברענגען מיט זיין נייער געליבטע, העלען. אייגנטלעך — האָט זי אַ טראַכט געטאָן, האָט העלען מער רעכט אויף רמין פון איר, דאָך האָבן זיי ביידע צוזאַמען געלערנט, צוזאַמען אין איין געזעלשאַפט געווען. צוזאַמען ביידע משפחות, וועלכע זיינען אויך שותפים צום געשעפט, קאַנטיק אַז יוגנט דערציאונג און יוגנט געוווינהייט, שפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן געדאַנק.

שרה האָט באַטראַכט די בילדער אויף די ווענט, דאָס בעט, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט. זי האָט אַפילו זיינע קליידער נאָך געטראָפן הענגען אין דער שאַפע. שרה האָט אַראָפּגענומען דאָס היטעלע פון קאָפּ און עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש. אָבער פּלוצלונג האָט זי באַמערקט אויפן טיש שטיין זייער בילד איינגעפאַסט אין אַ פיינער ראַם. דאָס איז דאָס בילד, ווען זיי האָבן זיך פאָטאָגראַפירט פאַר רמיס אָפּפאָרן קיין אַמעריקע. שרה האָט גענומען דאָס בילד אין דער האַנט און זיך אַליין באַטראַכט. ווי זי שטייט געבויגן קאָפּ צו קאָפּ. רמיס אויגן, אַזעלכע פאַרחלומטע, ערנסטע. די אויגן ווייזן ביט. אַז זיי קאָנען פאַראַטן, און דאָך האָט ער עס געטאָן — האָט זי אויסגערופן. ווי ניט ווילנדיק, האָט זי צוגעבראַכט אירע ליפּן צו רמיס טויטע ליפּן אויפן בילד און האָט זיי אַ קוש געטאָן. דאָס האָט איר דערמאָנט ווי גלייך נאָך זייער פאָטאָגראַפירן זיך, האָבן זיי זיך ביידע אַרומגענומען און אַ האַרציקער קוש האָט זיי פאַראייניקט אין צימער פון פאָטאָגראַף. עס האָט איר דערמאָנט ווי שטאַרק ער האָט איר צוגעדריקט דאָן צו זיין האַרצן. ווי גליקלעך זי איז עס דאַן געווען. ניט געקוקט, וואָס נאָך אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט די שיף אים אַוועקפירן פאַר טויזנטער מיילן ווייט און זי וועט אים מער ניט זען. שרה האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס קאָן זיין זייער לעצטער קוש און זייער געזעגענונג אויף אייביק.

שרה האָט געקוקט אויפן בילד, זי האָט זיך ניט געזען, נאָר אירע בליקן האָבן זיך געשלאָסן מיט זיינע. זי האָט צוריק געשטעלט דאָס בילד אויפן טישל אַקוראַט אין דער מינוט האָט די נעגערטע אָנגעקלאַפּט און

געמאָלדן, אַז פאַר דעם גאַסט איז געגרייט געוואָרן צו עסן און טרינקען. שרה האָט האַרציק געדאַנקט דער דינסט און האָט איר געזאָגט, אַז איידער זי איז אַרויס פון האָטעל האָט זי זיך גוט אויסגערוט און געגעסן צו זאַט. זי וועט נאָר אַביסל אָפּרוען.

ווען די נעגערטע איז אַרויס פון צימער, האָט שרה צוריק זיך געזעצט אויף דער שטול. כאָטש איר האַרץ האָט געצויגן צו לייגן זיך אין רמיס בעט... שרה איז איצט געזעסן אַ פאַרטראַכטע און איר מוח האָט געאַרבעט אויף כלערליי פאַנטאַזיעס ווו איז איצט רמי? — האָט זי זיך געפרעגט. — אין די ביזנעס איז ער ניט, ווייל פרוי פיינגאָלד וואָלט אים דערציילט און ער וואָלט גלייך געקומען. האָט ער אַ ביזנעס פאַר זיך — וואָלט אויך זיין מוטער אים אָנגעזאָגט, אויך די נעגערטע וואָלט איר געזאָגט ווו זיין יעשעפט געפינט זיך ווען ער וואָלט דאָ געווען. דאָס אַלץ איז איר אויס־געקומען קאָמיש, ניט פאַרשטענדלעך. פאַרוואָס שווייגט די נעגערין? שרה האָט אָבער זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ פרעג געטאָן דער דינסט ווו רמי געפינט זיך איצט. די נעגערין האָט געענטפערט, אַז רמי מיט דער טאָכטער פון זייער שותף זיינען אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד מיט עטלעכע וואָכן צוריק. אין וועלכן לאַנד, האָט זי אָבער ניט געוווסט אַליין. שרה האָט געפרעגט דער דינסט אויב העלען איז אַ שיינע און זי האָט געענטפערט, אַז יאָ, נאָר אַז זי, שרה, איז שענער פון איר און אַז יענע איז אַ ווילד מיידל, ווען זי פלעגט אַהער קומען, פלעגט זי גלייך אָנשטעלן דעם פאָ־טעפאָן און זיך דרייען אין די נייע מאָדערנע טענץ און אַז די קליידלעך אירע זיינען געווען אויבן צופיל אָפן און אונטן צו קורץ... אָבער זי האָט זיך געפילט ווי אָן אייגענע אין שטוב. אַ סך פראַגן האָט שרה געפרעגט דער דינסט, אָבער איין זאַך האָט זי געזאָגט שרהן, אַז זי האָט זיי קיינמאָל ניט געזען זיך קושן. זיי פלעגן פאָרן צוזאַמען אויף שפּאַצירן אין זייערע אויטאָס מער ווייסט זי ניט. שרה האָט עס אַלץ אויסגעהערט. גאָרניט גערעדט און אויף דער נעגערטעס פראַגע, ווער זי איז, האָט זי געענטפערט, אַז זי קומט פון ישראל און איז אַ גוטע באַקאַנטע פון דער משפחה. די נעגערטע האָט זיך אַ סך נאָכגעפרעגט וועגן ישראל און צי דאָרט זיינען אויך דאָ נעגערס און אַז זי האָט ליב די יידן — האָט זי דערקלערט, ווייל די יידן באַציען זיך צו די נעגערס אין אַמעריקע זייער פיין. און אַז די נעגערטע האָט זייער גערן די משפחה פיינגאָלד, אַז זי אַרבעט דאָ, זייט רמי איז געבוירן. די נעגערטע האָט דערציילט, אַז זי האָט דאָס קינד געהאָדעוועט און אַז רמי איז אַ שיינער „באָי".

שרה האָט געשמייכלט און אין שמייכל איז געווען אַזויפיל חן, אַז די נעגער פרוי האָט זיך געפילט גוט פון שרהס מילדן בליק. דערווייל איז אַנגעקומען פרוי פיינגאָלד.

— אָ, טייערע שרה! — האָט פרוי פיינגאָלד אויסגעשריען. — ווי שיין דו ביסט! — האָט איר אַרומגענומען געבנדיק אַ קוש אין קאָפּ. — אַזאַ גאַסט זשאַזעפינאַ! — האָט זי אַ זאָג געטאָן, — האָסטו געגעבן דער „לײדי" צו עסן און טרינקען?

— יאָ, — האָט די נעגערין געענטפערט. — אָבער זי האָט גאָרניט געגעסן, ווייל זי זאָגט, אַז אין איר האָטעל האָט זי געגעסן פאַרן קומען אַהער.

— גרייט דעם טיש, — האָט פרוי פיינגאָלד באַפוילן — מיט דעם עפּל־קוכן. די נעגערטע איז אַוועק און פרוי פיינגאָלד האָט אַרומנעמענדיק שרהן, אַריינגעפירט איר אין שפּייז־צימער.

— דערצייל, שרה, וואָס מאַכסטו? ווי פילסטו זיך? האָסטו געבראַכט יועלכע ניט איז גרוסן פון ישראל?

— ניין, פרוי פיינגאָלד. איך האָב ניט קיין גרוסן, אויסער פון אַלע ישראל יידן צו די אַמעריקאַנער יידן מיר וואָלטן געוואָלט אייך אַלעמען זען ביי אונז אין לאַנד. איך קום אַהער ווייל איך האָב באַקומען פון דער אַרבעט אורלויב, ווילט זיך מיר זען אַמעריקע און גלייכצייטיק אָנקוקן רמין. איך ווייס פון זיינע בריוו, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט העלען, אָבער עס וואָלט זיך אים געוואָלט זען און אויך זיין פרוי. און אפשר שוין אַ קינד אויך... פאַרוואָס ניט?

פרוי פיינגאָלדס האַרץ האָט שטאַרקער אַ קלאַפּ געטאָן. אין איר מוח איז בליץ־שנעל דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז רמי מיט שרהן האָבן זיך ניט געטראָפן און אַז זיי ווייסן ניט איינער פון צווייטן. פרוי פיינגאָלד האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז זי דאַרף אַרויסווייזן ליבשאַפט שרהן און ניט דער־ווייזן דאָס, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן. אָבער שרה האָט גלייך באַמערקט פרוי פיינגאָלדס פאַרענדערטער האַלטונג.

— יאָ, מיין קינד, — האָט פרוי פיינגאָלד זיך אָפּגערופן. — איך פיל דיר מיט און פאַרשטיי דיך גוט.. אַזוי זיינען די היינטיקע יוגנט. ניטאָ דאָס אַמאָליקע געפיל פון בחור צום מיידל. ס'איז אַוועק די ראָמאַנטישקייט. די אויפריכטיקייט. היינט קאָן מען ניט גלייבן קיין ייִנגלעך און מיידלעך. ביידע ווילן זיי געניסן פון לעבן און אַלץ איז אַזוי פּוסט, אויבערפלעכלעך, יעדעס מיידל אָדער ייִנגל, היינט די, מאָרגן אַ צווייטע, ניט ווי מיר פלעגן זיך

צמאָל מקריב זיין פּאָר ליבע. ס׳איז אַמעריקע — טענהן זיי, — צייט איז געלט און אין אַמעריקע לויפט מען נאָך דעם דאָלאַר. מען גט זיך מער ווי מען האָט חתונה ביי אונז. און איך מיין, אַז אין אייער ישראל איז נ״ש בעסער.

— ס׳זיינען פאַראַן אַזעלכע און אַנדערע. ס׳איז שטענדיק אַזוי געווען און די וועלט וועט אייביק אַזוי זיין — האָט שרה געענטפערט. — אָבער מיר וואָלט זיך געוואָלט רעדן מיט רמין אַ צוויי ווערטער. מיר אַרט ניט, יואָס ער וועט טראַכטן אָבער איך, אַז איך בין שוין דאָ, וואָלט איך געוואָלט זיין מיט אים אונטער פיר אויגן. איז עס מעגלעך פרוי פיינגאָלד?

— אָ! ניין. מיין טייערע! רמי איז מיט העלען אַוועקגעפאָרן קיין אייראָפּע און פאָר אַ יאָר וועלן זיי ניט זיין צוריק. עס טוט מיר באמת לייד, אָבער וואָס קאָן מען מאַכן? שרהלע, מיר בעטן דיר, בלייב דאָ ביי אונז די טעג. צוואָס דאַרפסטו אויסגעבן געלט פאָר האָטעלן ווי עס שווינדלט פון כלערליי מענער און פאָר אַ מיידל אַליין איז אויך ניט שיין צו האָבן אַ צימער אין אַ האָטעל. ווי לאַנג ווילסטו דאָ פאַרבלייבן?

— אינ׳גאַנצן אַ פּאָר טעג, מאַדאַם. — האָט שרה געענטפערט.

— וועסטו איבערפאָרן צו אונז. וועסט נעמען רמיס צימער און וועסט האָבן וווינען ווי לאַנג דו וועסט וועלן. פרוי פיינגאָלד האָט לאַנג ניט געט־ראַכט, געבעטן דעם נאָמען פון האָטעל און אָנקלינגענדיק דאָרט, גע־מאָלדן איבערצופירן אירע זאַכן מיטן חשבון צו זיי. אַ דינער האָט גלייך געבראַכט שרהס וואַליזע. פרוי פיינגאָלד האָט געגעבן דעם דינער טרינק־געלט און שרה האָט פאַרנומען רמיס צימער.

— איצט שׂאָף זיך דורך, אין אָוונט קומט דער פאָטער. מיר וועלן אויך איינלאַדן העלענס עלטערן און מיר וועלן פאַרברענגען אַ פיינעם אָוונט — האָט פרוי פיינגאָלד דערקלערט שרהן.

עס עקזיסטירט אַ פאָלקס־וואָרט, אַז מען האָט ליב דעם בחור, האָט מען אויך ליב זיינע עלטערן, שרה האָט זיך זייער איבערגענומען פון פרוי פיינגאָלדס באַציאונג צו איר און זי איז געבליבן..

— גיי, רו זיך אויס, מיין קינד, — האָט פרוי פיינגאָלד דערקלערט, — און איך וועל פאַרענדיקן מיינע אַרבעטן. פרוי פיינגאָלד האָט אָנגעקלונגען צום מאַן אין אויך צו העלענס מוטער, אַז זי האָט אַ גאַסט און אַז שרה ווייסט ניט פון רמין. פרוי פיינגאָלד האָט זיך אויך באַוואָרנט, אַז מען זאָל מיט שרהן גאָרניט רעדן וועגן רמין און העלען. שרה האָט זיך באַקוועם געמאַכט אין רמיס צימער און זיך געלייגט אַפילו אָפּרוען אויף דעם בעט

ווו רמי פלעגט שלאָפֿן. אַלערליי געדאַנקען האָבן זיך איר געפּלאָנטערט אין מוח. ס'איז איר ליב געווען דאָס קישן אַפּילו, ווו רמי פלעגט האַלטן זיין קאָפּ. איז אָוונט זיינען זיך טאָקע צוזאַמענגעקומען העלענס עלטערן און מיסטער פיינגאָלד. מען איז געזעסן אַרום אַ פיין געגרייטן טיש און גע־שמועסט וועגן אַמעריקע און ארץ ישראל. פרוי פיינגאָלד האָט פאַרגעשטעלט שרהן אין די אויגן פון אַלעמען און זי האָט שטאָלצירט מיט ישראלס טעכ־טער. אָבער זי קאָן גאָרניט טאָן, אַז די יונגע האָבן זיך היינט זייער וועג, און אַז דאָס לעבן געשטאַלטיקט זיך אַנדערש ווי אַמאָל.

שרה האָט אַ סך דערציילט וועגן האַסטיקן בוי פון עם לאַנד. זי האָט זיי געשילדערט דאָס לעבן אין קיבוץ. ווי אַלע אַרבעטן קאָלעקטיוו און די פאַרדינסטן גייען פאַרן גאַנצן קיבוץ, וועלכער בויט זיך און דערמיט פאַרשטאַרקט ער אויך מדינת ישראל. ווייל די קיבוץ־באַוועגונג, איז נאָך אַלץ אַן אידעאַלע באַוועגונג, וועלכע האָט איר פאַנטאַזיע אויסגעטרוימט אַ לעבן אַן עקספּערימענטאַציע, און אויך זיי געזאָגט, אַז דער קיבוץ איז דער זייל פון עם לאַנד. שרה האָט דערציילט, אַז די בעסטע יוגנט פון ישראל זיינען פון קיבוץ. איר טרעפט זיי אין צה״ל, אַלס פליער, אַלס טאַנקיסטן, מאַטראָסן און זיי זיינען אַ וועג־ווייזער פאַר דער יוגנט פון לאַנד. אַפילו די שטאַרק מאָדערן אַנטוויקלסטע יוגנט־שטרעמונגען, וואָס האָט באַרירט די אויבערשטע טיילן פון דער באַוועגונג, האָט אין גרונט די ריזן איבערוויגנדע מערהייט געלאָזן צוגעבונדן צום קאָלעקטיוון לעבן. דער טראַנזיסטאָר און דער דור פון עספּרעסאָ, האָט באַקומען אַ קיבוצישן מלבוש. פרוי ראָזען איז אַנטציקט געווען פון שרהס רייד, זי האָט אָבער נאַאיוו געפרעגט אויב עס געפינען זיך פיינע לוקסוס וווינונגען, און צי זיינען די וועגן אַספאַלטירט און די קעמלען מיט אייזלען פילן אויס די ישראלדיקע קאָמוניקאַציע באַוועגונג.

שרה האָט געלאַכט פון די דאָזיקע פראַגן און האָט לאַכנדיקערהייט דערציילט, אַז תל־אביב איז ברויזנדער אין פראַפּאָרץ פאַרשטייט זיך פון ניו־יאָרק. און אַז די יוגנט גייט שענער אָנגעטאָן, ווי די אַמעריקאַנער, אויף וויפל זי האָט באַוויזן עס צו זען. און אַז איבער די ישראל־וועגן פאָרן אַרום מאַשינען פון לעצטן מאָדעל. און אַז דער קעמל און אייזל, פאַרשווינדן פון דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדשאַפט. שרה האָט געשילדערט דעם בלי־ענדיקן אָאַזיס ישראל אין מיטן פון אַראַבישן מדבר מיט זיינע באַגריפן און אַז אין ישראל לעבן מענטשן ניט ערגער, ווי אין אַמעריקע. פאַרקערט, דאָרט איז דאָס לעבן רייצנד ווייל עס פאַרמאָגט אויך עקזאָטיק. מדבר מיט

קולטור ראַנגלען זיך אין אַנטוויקלונג. איבער די ברייטע וועגן פון נגב, קאָן מען טרעפן פאַרנדיק אַראַבישע קאַראַוואַנען אויף קעמלען דערביי באַוועגן זיך די נייעסטע אויטאָמאָבילן. מיט יעדן טאָג, ווערן בערגלעך אויסגעגלייכט. טאָלן ווערן פאַרשאָטן און עס שטייען אויף ישובים. אויף די נעכטיקע זאַמדן קומען אויף גרינע פעלדער און וועלדלעך. דאָס לעבן איז פריי און קיינער האָט ניט מורא פאַרן צווייטן. די יידן לעבן זיך זיכער און שרעקן זיך ניט פאַר די אַראַבישע דראָאונגען און טאָמער ברעכט אויס וו ניט ווו אַ ביסל צוזאַמענשטויסן מיט דער גרענעץ־וואַך, לייענען מיר עס דורך ווי אַ כראָניק און די אַרבעט גייט ווייטער.

דאָס לאַנד אַנטוויקלט זיך און מיט דער פאַרגרעסערונג פון דער באַ־פעלקערונג, פאַרגרעסערט זיך דער פאַרברויך פון לאַנד, וועלכעס אַנטוויקלט ווייטער איר אינדוסטריע. אַלע פאַבריקן זיינען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט און אין ישראל פעלן הענט. קומט קיין ישראל און איר וועט מאַכן דאָרט גוטע געשעפטן, — האָט שרה גערעדט צו די משפחות ראָזען און פיינגאָלד.

שרהס רייד האָבן געווירקט אויף העלענס מוטער און אויף רמיס פאָטער מער ווי דער בעסטער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדיסט. און זיי האָבן טאַקע אַרויסגעוויזן גרויס אויפמערקזאַמקייט. ביז שפּעט אין אָוונט האָט שרה פאַרבראַכט אין דער משפחה אַטמאָספער. ערשט ווען אַלע זיינען זיך צעפאָרן איז פרוי פיינגאָלד פאַרבליבן מיט שרהן אַליין און זיי האָבן געשמועסט וועגן רמין, שרה האָט דערציילט די לײדן, וואָס זי איז אַדורך געגאַנגען, דערוויסנדיק זיך, אַז רמי האָט חתונה געהאַט, און אַז זי האָט ואָך געוואָלט רעדן מיט רמין, פאַרוואָס ער האָט איר אַזוי אָפּגענאַרט.

פרוי פיינגאָלד האָט געטרייסט שרהן און איר געוווּנטשן גליק. זי האָט איר דערציילט, אַז פון קינדוויז אָן זיינען העלען און רמי צוגעבונדן איינער צום צווייטן און האָבן זיך ליב און אַז רמי וועט איבערנעמען מיט העלען זייערע געשעפטן. איר מאַן איז קראַנק און ער קאָן ניט נאָכגיין דעם שוווּנג פון דער מאָדערניזאַציע אין דער אינדוסטריע. מען מוז איינ־קויפן נייע מאַשינען. מער איר טעכניש אויסשטאַטן, כדי אַריין אין דער קאָנקורענץ און אַז שרה דאַרף אים פאַרשטיין. — דו ביסט מיר טייער ווי אַן אייגן קינד — האָט פרוי פיינגאָלד גערעדט צו שרהן און איר געקושט.

— אָבער אַזוי גייט דאָס לעבן. אַמעריקע האָט ליב ביזנעס און אַמע־ריקע איז דורך און דורך איין שטיק געשעפט. אמת, מיר זיינען טאַקע אפשר פאַרנאַרט, אָבער אַזוי ווערט מען אַריינגעצויגן אין ראָד פון ביזנעס און דער גרייער נאָכן דאָלאַר איז גרויס. עס ליגט שוין אינעם בלוט. דער־

פֿאַר קאָנען אַ סך ניט צופּאַסן זיך צום מאָדערנעם גאַנג. ס'איז ניטאָ די שטעטלשע ראָמאַנטישקייט פֿון אַמאָל. עס גייען דורך חדשים און יאָרן, אַז פֿאַר אונזערע אויגן זאָלן זיך ניט באַווייזן די לבנה מיט די שטערן. ניט קיין לאַנקעס מיט וואַלד פֿאַרווײַלונג פֿון דער אַמאָליקער היים. דער אויטאָ, די טעלעוויזיע באַהערשט אונז. מיר האָבן זיך פֿאַרקויפֿט פֿאַרן אָפּגאָט דעם דאָלאַר און זאָל דערפֿאַר דיר ניט וווּנדערן, וואָס רמי איז אַרײַן אין אָט דעם קרייז.

— איך קען אים אָבער פֿאַר אַן אַנדערן — האָט שרה געענטפֿערט. — אַ, ווי ער פֿלעגט זיך קוויקן מיט די שײַנע זון פֿאַרגאַנגען אין ווילדן סטעפּ. ווי פֿלייסיק ער הלעגט אַ האַלב נאַקעטער אַרבעטן אויפֿן טראַקטאָר אין פֿעלד. מיט וויפֿל פֿרייד ער פֿלעגט דערזען די אויפֿגעאַקערטע רויע ערד, מיט וויפֿל ליבע פֿלעגט ער אַראָפּנעמען מיט זעלבן טראַקטאָר די שטיינער פֿון די פֿעלדער און עס צוגרייטן צום בוי און פֿאַרזיי. אָט דערפֿאַר וווּנדערט מיר, ווי אַזוי ער האָט זיך עס געביטן, ווי ליב ער האָט געהאַט די סטאַדעס שעפּסן. ער פֿלעגט זיי ממש קושן און ווי ער פֿלעגט זיי געבן עסן פֿון זײַן האַנט. אָט דער רמי זאָל פֿאַרבײַטן די ראָמאַנטיק אויף אַ טעלעוויזיע־שעה, ווען ער האָט אויך די טעלעוויזיע אין זײַן צימער געהאַט.

— ביסט גערעכט מײַן קינד, אָבער אַזוי איז עס און מען קאָן גאָרניט מאַכן. דאָס לעבן איז האַרט. ברוטאַל און דאָס ברוטאַליזירט אויך דאָס לעבן, אויב דו ווילסט שרה בין איך גרייט מיט דיר אַרומפֿאָרן ווייזן דיר ניו־יאָרק און אַנדערע ערטער פֿון רײַכן און זאַטן אַמעריקע.

— ניין, טײַערע פֿרוי, איך דאַנק אײַך פֿאַר אײַער פֿרײַנדלעכקייט. עס וואַרטן אויף מיר מײַנע פֿליכטן און איך וועל פֿאָרן אַהיים. איך באַדויער, וואָס איך קאָן ניט זען רמין מיט זײַן פֿרוי.

— פֿאַרפֿאַלן, זיי פֿאַרברענגען זייער האָניק־צײַט אין אייראָפּע און שפּעטער וועלן זיי זיך אַרײַנוואַרפֿן אין די ביזנעס. יוגנט בײַ אונז פֿאָרט ניט אַרום אין דער וועלט. די טוריסטן זײַנען בדרך כלל, מענטשן וואָס זײַנען איבער די זעכציק און האָבן אָפּגעלעבט זייער צײַט. אויב ניט הײַנט, טאָ ווען וועלן זיי קאָנען זען די וועלט. לאַנג האָבן ביידע פֿרויען גערעדט ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווינטשנדיק אַ גוטע נאַכט איז פֿרוי פֿײַנגאָלד אַוועק אין איר שלאָף־צימער. שרה האָט בשום אופֿן ניט געקאָנט אַנטשלאָפֿן ווערן. די רייד פֿון רמיס מוטער, האָבן איר אײַנגאַנצן צעבראָכן. שרה איז געלעגן אין איר בעט מיט אָפֿענע אויגן און געקוקט אין דער פֿינצטערניש.

זי האָט זיך געקלאָמערט אין קישן, געדריקט צו איר געזיכט און אַריינגעגאָסן אין זיי אירע טרערן. אָבער דער שלאָף האָט דאָך אַריינגענומען שרהן אין זיינע אָרעמס

ווען אין פריען באַגינען האָבן זיך דערטראָגן צו איר די קלאַנגען פונעם רווישנדיקן ניו־יאָרק, האָט שרה אַליין ניט געוווּסט ווו זי געפינט זיך. איר ערשטער געדאַנק איז געווען, ווו איז זי? ווי פרעמד ס׳איז איר ניט געווען דאָס אָרט — האָט ווידער רמיס בילד צו איר אַראָפּגעקוקט. שרה האָט ווידער אַריינגענומען דאָס בילד אין אירע הענט און עס אונטערגעלייגט אונטער איר געזיכט. לאַנג איז זי אַזוי געלעגן און געטראַכט פון איר קורצער לעבנס־געשיכטע.

אין דער דאָזיקער מינוט האָט זי באַשלאָסן צו פאַרענדיקן מיטן קאַפּיטל רמי און אָנהויבן לעבן איר לעבן, ווי עס לעבן אַלע אין דער מאָדערנער צייט. גיך איז זי אַראָפּ פון בעט, האָט זיך אָרומגעוואַשן און ביי פרישטיק זיינען געזעסן פרוי פיינגאָלד מיט שרהן. מער האָבן זיי ניט גערעדט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט. שרה האָט נאָר געבעטן איר בילד, ווו זי איז פאָטאָגראַפירט מיט רמין. פרוי פיינגאָלד האָט זיך געבעטן עס איבערלאָזן אַלס אָן אָנדענק פאַר איר זון. שרה האָט געבעטן אָפּשניידן איר פון רמין, ווייל עס איז ניט געזונט פאַר העלען. ווען זי וועט דאָס בילד אָנקוקן, קאָן עס אַרויסרופן אייפערזיכטיקייט ביי רמיס פרוי. דאָס איז איר געגעבן געוואָרן, און שרה האָט זיך אָפּגעשאָרן פון רמי. אַזוי אָרום האָט זי אויך אויפן בילד זיך געשיידט מיט דעם, מיט וועלכן זי האָט פאַרבונדן איר צוקונפט, איר גאַנץ לעבן. מיט דעם, מיט וועלכן זי האָט געחלומט אויפצושטעלן אַ דור. שרה האָט געמאָלדן, אַז נאָך מאָרגן פאָרט זי צוריק אַהיים און ווען אין דער שיף־געזעלשאַפט „צים" האָט מען איר אָנגעזאָגט, אַז די זעלבע שיף „ירושלים" שווימט אָפּ מאָרגן פאַרנאַכט, האָט שרה אָנגעמאָלדן איר מיטרייזע. דעם לעצטן אָוונט האָט שרה פאַרבראַכט מיט דער משפחה. זיי זיינען אָבער אַרויסגעפאָרן שפּאַצירן איבער די ניו־יאָרקער גאַסן. שעהן האָבן זיך געצויגן זייער רייזע. — און מענטשן! גאָט אין הימל! — האָט שרה אויסגערופן. — אַזוי פיל מענטשן אין איין שטאָט. ווו מען גייט און ווו מען שטייט, מענטשן.. מענטשן אַלערליי: שוואַרצע, ווייסע, רויטע, יונג און אַלט. ניו־יאָרק קאָכט ווי אין אַ קעסל. ניין, די שטאָט האָט איר ניט גענומען מיט איר רויש. זי האָט געבענקט נאָך טבריה, נאָך דעם בערגל אין נגב, נאָכן קיבוץ, נאָך די שטילע און טייערע בחורים און מיידלעך ביי דער אַרבעט. דאַכט זיך, דאָ זיינען אויך דאָ יידן, אָבער זיי זיינען ווי

אייסגעמישט. מען קאָן דאָך ניט דערקאָנען אין ניו־יאָרק אַ ייד פון אַן איטאַליאַנער. ווי פרעמד זיי זיינען עס אַלע. דאָרט זיינען אַלע יידן. אַפילו דער תימנער איז איר ברודער, און ווען עס איז אָנגעקומען דער מאָרגן, האָט שוין שרה געוואָלט זיין וואָס גיכער אויף דער שיף. און טאַקע פאַר־נאַכט ווען פיינגאָלד האָט צוגעפירט שרהן אין פּאָרט, האָט פון ווייטן דער שיפס־קאַפּיטאַן צמוס דיאַמאַנט דערזען שרהס ליכטיקע געשטאַלט. אַ פרייד האָט אים אַרומגענומען, ווען ער האָט וואָרעם געדריקט איר האַנט. די פיינגאָלדס האָבן אַפילו ניט געוואַרט, ביז די שיף וועט אָפּגיין. די צייט האָט עס זיי ניט דערלויבט. ביזנעס, ביזנעס. זעקס אַוונט איז די שיף אַרויס פון האַפן און אַוועקגעשווימען אויף מזרח. שרה האָט נאָכגעפאָלגט ווי עס פאַרשווינדט פון אירע אויגן די פרייהייטס־סטאַטוע, ווי די וואָלקן־קראַצערס ווערן קלענער אין אירע אויגן, און צום סוף ווי די גרויסע שטאָט ניו־יאָרק ווערט פאַר איר קליין ווי אַ שטויבעלע. אַ פינצטערניש האָט פאַרכאַפּט דעם אַרום. נאָר די ליכטער פון דער שיף האָבן געשיינט. שרה איז ניט אַרויס פון איר קאַיוטע. זי האָט זיך פאַרשלאָסן אינעווייניק און געגאַנגען שלאָפן. וויפל עמוס האָט איר געוואָלט זען, איז אים ניט געלונגען. ער האָט איר געזוכט אין צימער, אויפן דעק פון דער שיף, אין לייען זאַל, אין קינאָ זאַל, אָבער שרה איז ניט געווען. ערשט אין דער פרי ביי פרישטיק, האָט ער זי באַגעגנט.

— שרה! — האָט ער מיט פרייד אויסגעשריען. — איך האָב געבענקט נאָך אייך. איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ מאַגנעט עס ציט מיך צו אייך. איך האָב אייך ליב ניט ווי אַ מיידל, נאָר ווי אַ שוועסטער. איך פיל צו אייך אַזאַ נאָענטקייט, איך וואָלט געוואָלט איר זאָלט אַריבער אין ערשטן קלאַס. ס'איז אָנגענעמער. אַ בעסערע געזעלשאַפט און אַ סך באַקוועמער. איר וועט באַקומען אַ גוטן צימער.

שרה האָט זיך ניט קעגנגעשטעלט און אין אַ שעה אַרום האָט אַ דינער איבערגעטראָגן אירע וואַליזן אין אַ פּראַכטפולן צימער, וווּ עס איז טאַקע געווען אַ סך באַקוועמער, ווייל דאָ איז זי געווען אַליין. אויך דאָס עסן איז געווען בעסער און שענער סערווירט. אין אַוונט האָט שרה באַזוכט דעם טאַנץ־זאַל און האָט אַ סך געטאַנצט מיטן שיפס־קאַפּיטאַן. די געזעלשאַפט איז געווען אַ פיינע. אויסער דעם שיפס־קאַפּיטאַן, האָבן אויך דער פאַר־טרעטער און אָפיצירן פון דער שיף פאַרבראַכט צוזאַמען. שרה האָט גע־וואָלט אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דאָס, וואָס זי האָט ערשט נעכטן איבערגע־לעבט. אומעטום האָט זי זיך באַוויזן אין דער געזעלשאַפט פונעם שיפס־

קאפיטאן אבער עמוס האט ניט גערעדט אפן וועגן זיינע געפילן צו שרהן, וועלכע האט איצט פראכטפול אויסגעזען. נאר אין א מאמענט, ווען זיי זיינען געלעגן אין זייערע ליג־שטולן און ארויסגעקוקט אין דער אומענד־לעכקייט פון הימל און ים — האט שרה דערציילט נאך וואס זי איז געפארן קיין אמעריקע און אז א חתן האט איר פאראטן. ער האט חתונה געהאט מיט א צווייטער און אז זי וועט גלייך נאך איר אנקומען אין לאנד חתונה האבן מיט איר חתן, דעם דאקטאר גדעון מארקאוויטש, וועלכער ארבעט אין שפיטאל פון רחובות. און אז זי האט אים צוגעזאגט. ניט געקוקט וואס עמוס איז געווען שטערבלעך פארליבט אין שרהן האט ער ניט געוואגט איר אפרעדן פון איר שריט, נאר האט איר געווונטשן גליק אין איר ווייטערדיקן לעבנס־וועג.

די דאזיקע האלטונג פון עמוסן, האט שרהן געגעבן גלויבן, אז עמוס איז איר א פריינד און זי האט דעריבער פארבראכט אפט אין זיין געזעלשאפט. שרה איז ניט אריין אין געזעלשאפטלעכע פארוויילונג, ווייל דאס האט איר ניט אינטערעסירט. זי איז ניט געווען פון די מיידלעך, וועלכע נוצן אויס יעדע געלעגנהייט צו פארוויילן זיך מיט בחורים. זי איז געטריי איצט גדעונען, אקוראט ווי זי איז געווען געטריי רמין. דאס זעלבע האט זי געמערקט ביי עמוסן. אויך ער האט ניט געזוכט אין שרהן די פרוי. אין זייער פרייער צייט פלעגן זיי זיצן און שמועסן. עמוס האט דערציילט פון זיין פארגאנגענהייט, ווי ער איז געקומען אין לאנד, דורכגעמאכט דעם היטלער־גהינום, און אז ער איז געבליבן אליין פון זיין משפחה. אויך שרה האט דערציילט דאס זי האט געדענקט און געהערט אפט אין איר שטוב ביים פויער, אז זי איז ניט קיין קריסטלעך קינד און אז דער נאמען דאני־שעווסקא איז איר געגעבן געווארן אין דער היים, ווייל דאס איז א פוילישער נאמען. זי געדענקט נאך, אז אירע עלטערן האבן געהאנדלט מיט האלץ און זיינען געווען פון די אנגעזעענסטע אייגוווינער אין דער געגנט, און אז דער קריסט, וואס האט איר גענומען צו זיך, איז געווען איינער פון די רייכע גויים, וועלכע האבן געהאנדלט טאקע מיט איר פאטער.

— דאנישעווסקא, — האט עמוס איבערגעפרעגט, — האט ער ניט געוווינט ביים ברעג פונעם דארף?

— דאס געדענק איך ניט, איך ווייס נאר, אז זיי זיינען אפגעפארן שפעטער קיין ווארשע, ווייל זיי האבן מורא געהאט צו בלייבן אויפן ארט.

ביי עמוסן האבן זיך גענומען פלאנטערן געדאנקען. אויך ער געדענקט אזא נאמען, וועלכן מען פלעגט דערמאנען אין דער היים. אויך זיין פאטער

פלעגט זיך אָפּגעבן מיט וואַלד־עניגים. עס איז אים אָבער ניט איינגעפאַלן, אַז שרה זאָל זיין פאַרלוירן געגאַנגענע שוועסטער.

ווי עמוס האָט זיך געהאַלטן קאָרעקט, האָט ער דאָך ליב געהאַט שרהן און ער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל ווערן זיין פרוי. עס האָט אים אימ־פּאָנירט איר האַלטונג, סיי אַלס מיידל און סיי אַלס מענטש. שרה פלעגט ניט מורא האָבן אַריינצוגיין אין עמוס צימער, וועלכער איז געווען געפּוצט ווי פאַר אַ קאַפּיטאַנס אַ וווינונג. זי פלעגט אויך אָפט פאַרבלייבן ביי אים אין צימער. ווען ער פלעגט גיין טאָן זיינע פליכטן אויף דער שיף. איינמאָל אין אָוונט, ווען זי איז געזעסן אַליין אין זיין צימער און געבלעטערט זיין בילדער־אַלבאָם, האָט זי אָנגעטראָפן אַ פאַמיליען בילד, ווו אַ מוטער האַלט אויף אירע הענט אַ קליין מיידעלע. זי איז געווען אין עלטער פון אַ יאָר בערך, גלייכצייטיק איז געלעגן אַ קאָפּיע פון אַ בריוו, ווו עמוס שרייבט צו דער סוכנות, אַז ער ווייסט דאָס זיינס אַ שוועסטערל איז געבליבן לעבן, נאָר זי געפינט זיך ביי אַ קריסט אין וואַרשע, און אַז ער בעט מען זאָל טאָן אַלץ, כדי אויסצופאָרשן, אויב אַזאַ איז ניט געבליבן, ווייל ער האָט אַמאָל נעחלומט אַז זיין שוועסטער לעבט. פון סוכנות איז אויך געווען אַן ענטפער, אַז עס זיינען געבראַכט געוואָרן קינדער, בפרט מיידלעך, ווייל זיי, די דייטשן, פלעגן שווער אונטערשיידן צווישן אַ יידישקע און אַ קריסטין, עס גע־פינען זיך אויך שרהס, אָבער מיטן נאָמען שרה דיאַמאַנט, איז ניטאָ. און ווען עמוס איז צוריקגעקומען אין זיין צימער, האָט זי געפרעגט מער איינצלהייטן וועגן זיין לעבן. עמוס האָט איר דערציילט פּרטים פון זיין היים, פון זיינע קינדער־יאָרן אָבער מיט דעם האָט זיך עס פאַרענדיקט.

* * *

ביי דער שיף האָט שרהן אָפּגעוואַרט גידי. ווען שרה איז אַראָפּ אין מכס, האָט גידי אַריינגענומען איר אין זיינע אָרעמס און שטאַרק געדריקט צו זיין האַרצן. גדעון האָט פון דעם געדרונגען, אַז שרה האָט גאָרניט דער־גאַנגען וועגן רמין און האָט נאָר פאַרבייגייענדיק אַ פרעג געטאָן וועגן רמין און זיין הייב. שרה האָט געענטפערט, אַז זי האָט רמין ניט געטראָפן, ווייל ער איז מיט זיין תּרוי אין אייראָפּע און אַז זי האָט זיך דערוווסט, אַז ער האָט חתונה געהאַט.

פון חיפה איז שרה געפאָרן אַהיים צו גדעון און עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז אין אַ חודש אַרום קומט פאָר זייער חתונה, אין האָטעל אכדיה, ביי הרצליה.

שרה האָט זיך דערווייל פאַרבונדן מיט אירע באַקאַנטע קריסטן פון

וואַרשע, ווו זי האָט געבעטן מער פּרטים וועגן אירע עלטערן, זייער באַ־שעפטיקונג, נאָמען אין פאַמיליע. ווען אַזאַ ענטפער איז ניט געקומען, האָט שרה זיך געווענדן צום ישראל־קאָנסולאַט און יענער האָט געפאָרשט די דאָזיקע פראַגן.

* * *

גדעון האָט זיך געגרייט צו דער חתונה מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה. ער האָט געוואָלט, אַז דער חודש זאָל שוין אַדורך און עס זאָל שוין זיין אַ חודש נאָכדעם. גדעון האָט פאַרגעלייגט שרהן איבערצוגיין ווױנען צו זיי אין דער וווינונג. שרה האָט זיך אָנטזאָגט און מאָטיווירט, אַז דאָס וועט זייער שטאַרק ווירקן אויף דער מאָראַל פון די שוועסטערן און אויך אויף זיי אַליין. אָבער פון טיפן הארצן, האָט זי געוואָלט נאָך פאַר איר חתונה זיך טרעפן מיט רמין, וויסנדיק, אַז דאָס קען קיינמאָל ניט פאַרקומען.

רמי זוכט שרהן

אין דער צייט, ווען שרה איז געווען אין אויסלאַנד, האָט רמי געמאַכט נאָך עטלעכע באַמיאונגען צו טרעפן שרהן. ווו ער האָט זיך געווענדן, האָט ער ניט באַקומען קיין קלאָרן ענטפער. רמי האָט אין ראַדיאָ געמאָלדן, דאָס זעלבע אויך געטאָן דורך דער צייטונג. עס האָבן זיך געמאָלדן עטלעכע מיידלעך מיטן זעלבן נאָמען און פאַמיליע, נאָר ניט שרה. זיין שרה. זי איז פאַר אים ווי אַריינגעפאַלן אין וואַסער. אַ רעזיגנירטער האָט רמי זיך אײַ־בערגעגעבן דער אַרבעט אין קיבוץ, און האָט געפונען זיין פאַרגעניגן אין זיין אָפּגעזונדערטקייט. ער פלעגט זיך אָפטער טרעפן מיט העלען און דוד. אָבער ווייטער איז עס ניט געגאַנגען, העלען איז דאָס לעבן געוואָרן אינ־טערעסאַנט און זי האָט באַשלאָסן אָראָפּברענגען אין לאַנד אירע עלטערן. זי האָט געזען ווי די עלטערן אין קיבוץ פילן זיך. אַ דאַנק די קינדערס אַרבעט באַקומען די עלטערן אַ היים, האָבן זייער לעבן. העלען איז גרייט געווען נעמען די עלטערן צו זיך, אָדער לאָזן זיי בויען זייער טעקסטיל אינדוסטריע, וועלכע האָט אין יענער צייט, אָנגעהויבן בליען אין ישראל. זי האָט געשריבן וועגן דעם אַהיים און געמאָלט איר לעבן אין ראָזע פאַרבן.

ניט געקוקט, וואָס עס האָט העלען גאַרניט געפעלט אין אַמעריקע, האָט זי אָבער ניט געהאַט דאָס געפיל אַלס מענטש און אַלס יידישע טאָכטער, אַזוי ווי זי האָט עס דאָ. עפּעס דוכט זיך איר, אַז ניט נאָר דער קיבוץ, ניט נאָר דאָס פעלד איז אירס. ס׳איז איר טייער געוואָרן אַלץ, וואָס עס בליט אין איר היים. העלען האָט באַקומען דאָס געפיל, וואָס עס פאַרמאָגט יעדער אין זיין פאָטערלאַנד. זי האָט געפילט מער ווי דאָס איז געוועזן אין כאַראַקטער פון לעבן. און ווען די ערשטע בריוו פון דער היים זיינען געווען אַ ביסל צווייפלהאַפטע, האָבן אָבער די שפּעטערדיקע אָנגעהויבן אָנקומען מיט אַ מין צושטימונג. ווייל אויך העלענס עלטערן, וועלכע האָבן פריער געמיינט, אַז זייער צעבאַלעוועטע טאָכטער וועט זיך קיינמאָל ניט איינלעבן אין דעם האַרטן און טרוקענעם לעבן, האָבן זיי ערשט איצט געמערקט, אַז גראָד העלען האָט געפונען אַ באַפרידיקונג. און וועגן דעם האָבן העלענס עלטערן גערעדט מיט רמיס עלטערן אַז זיי זיינען גרייט צו פאַרלאָזן אַמעריקע און איבערגיין וווינען אין לאַנד.

פרוי פיינגאָלד האָט זיך קעגנגעשטעלט די מיינונג פון איר מאַן, און זי איז באַשטאַנען צו בלייבן אין ניו־יאָרק. ס׳האָט קיינער ניט געקאָנט פאַרשטיין איר כאַראַקטער, אָבער ווען ס׳איז אַמאָל געקומען פרוי ראַזין און געוויזן אַ בריוו, אַז העלען גרייט זיך צו איר חתונה און אַז זי פאַר־לאַנגט דורכאויס, אַז די עלטערן זאָלן קומען, האָט פרוי ראַזין דערקלערט, אַז זיי פאָרן דערוויל צו העלענס חתונה, און אַז זיי וועלן זען ווי די לאַגע אין דער בראַנזשע איז דאָרט. העלען האָט אַפילו געדראָאט אין איר בריוו, אַז אויב די עלטערן וועלן ניט קומען, וועט די חתונה פאַרקומען און זי וויל ניט, מען זאָל רעדן וועגן איר מיט איר בחור דוד, זאַכן, וועלכע מען דאַרף עס ניט. און אין אַ פּאָר וואָכן צייט, זיינען העלענס עלטערן אָנגע־קומען קיין ישראל.

די ראַזינס זיינען גלייך פאַרפאָרן אין קיבוץ, צו העלענס פרייד איז ניט געווען קיין גרענעץ. זיי האָבן באַקאַנט דודן, וועלכער האָט אויף זיי געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. מיסטער ראַזין און זיין פרוי האָבן זיך ניט געקענט אָפּלויבן פון דעם, וואָס זיי האָבן דאָ געזען און געפילט צום ערשטן מאָל פון זייער באַזוך נאָר יידן. דוד האָט זיינע שוויגער עלטערן געוויזן דעם גאַנצן קיבוץ. פון קינדער־היים, ביזן בליענדיקן פּרדס, וועל־כער האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַרפום־ריח אין דער צייט פון בליאונג. און אין אַ היימישן געשפּרעך האָבן די ראַזינס באַשלאָסן פאַרבינדן זייער גורל מיטן לאַנד.

אין איינעם אַן אָוונט, ווען רמי, העלען און דוד זיינען געזעסן אין זייער גרויסן גאָרטן, אויפן גרינעם גראָז אין דער בייגאַכטיקער קילקייט, האָט פרוי ראָזין זיך אַרויסגערעדט צופעליק, אַז מיט אַ קורצער צייט צוריק, האָט שרה באַזוכט אַמעריקע און איז אַפילו געווען ביי רמין אין שטוב.

רמי איז געוועזן אויסער זיך. ער האָט זיך אַזש פון זיין שטול אויפגע־הויבן. — מיין מוטער האָט וועגן דעם מיר ניט געשריבן! — האָט ער אַן אויפגערעגטער אויסגעשריען.

— און ווו איז דיין פאָטער? — האָט העלען זיך געריי‌צט מיט רמין.

— ער איז ביי מיין מוטער אַ שיך פּוצער! — האָט רמי אַ זאָג געטאָן.

— אַ לעמעשקע. האָט אין זיך ניט קיין ברעקל איך. די מוטער טוט מיט אים, וואָס זי וויל און ער שווייגט. עס קרענקט אים דאָס אַלץ. שטיקט ער עס איז זיך און דאָס צעברעכט זיין געמיט מיטן קערפּער צוזאַמען. דער־פאַר שטאַרבן אַזוי פיל מענער מער ווי פרויען אין אַמעריקע. ביי דער געלעגנהייט, האָט שוין פרוי ראָזין דערציילט דעם גאַנצן אמת, וואָס רמיס מוטער האָט אָפּגעטאָן מיט שרהס בריוו.

פרוי ראָזין האָט עס געטאָן ניט ווייל זי האָט געוואָלט רעדן שלעכטס אויף פרוי פיינגאָלד, נאָר ווייל די צונג איז פריי געוואָרן ביי אַ גלעזל. רמי האָט פאַרביסן זיינע ליפּן, האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגעזאָגט, נאָר זיך אויפגעהויבן און אַוועק פונעם אָרט.

— פאַרוואָס האָסטו אים עס דערציילט? — האָט ה׳ ראָזין געפרעגט זיין פרוי.

— ווייל ער דאַרף אַלץ וויסן. מען טאָר ניט זיך פירן אַזוי מיט קינ־דער. איך האָב עס איר אין ניו־יאָרק אויך געזאָגט — האָט פרוי ראָזין ענערגיש געענטפערט. — איך האָב ליב מיין העלען און אויב זי האָט געפונען גליק אין דודן, טאָ זאָל איר גוט זיין, ווו זי וועט זיין. עס מוז ניט זיין ניו־יאָרק. ניט דאָס לוקסוס גיט גליק דעם מענטש, נאָר דעם מענטשנס גליק איז דאָס גוטע פון לוקסוס. העלען — האָט פרוי ראָזין אויס־גערופן אַרומנעמענדיק איר טאָכטער. — איך האָב דיך ליב מיט מיין גאַנ־צער נשמה און וויל דיין גליק. דאָס זעלבע אויך דיר דוד. כאָטש איך קאָן דיך נאָר פון היינט און פון דעם, וואָס רמי האָט אונז דערציילט. אָבער איך גיב דיר מיין מוטערלעכע ברכה, און איך ווינטש דיר דאָס בעסטע, זאָלסט זיך עלטערן אין פריידן מיט העלען. מיין ניט, אַז זי איז אַ צעבאַלעוועט מיידל. אַזוי זיינען זיי אַלע אין אַמעריקע. אָבער העלען פאַרמאָגט אין זיך

א גוט הארץ, זי האט עס געירשנט פון איר פאטער, און איך האף, אז פרייד און גליק וועט הערשן אין אייער לעבן.

— דוד, האסטו עלטערן? — האט ה׳ ראזין א פרעג געטאן.

— ניין! — האט דוד געענטפערט. — מיינע עלטערן זיינען אומגעקומען אין קאנצענטראציע לאגער. איך האב זיי געוואלט אהערברענגען, האב איך אבער ניט באוויזן, איך האב נאך א שוועסטער דא אין לאנד. זי וווינט אין תל־אביב און איז גוט איינגעארדנט. מיר קומען אפט איינע צו די צווייטע.

— ווען מיר אייך זיין פאטער און מוטער. — האט ה׳ ראזין געזאגט.

רמי איז דערווייל צוריקגעקומען אן אומעטיקער. ער האט דעם געשפרעך ניט געהערט. אבער ער האט געפילט דאס גליק וואס עס הערשט אין דער משפחה פון זיין פאטערס שותף. רמי האט נאכגעפרעגט פרטים וועגן אלעם און פרוי ראזין האט עס צוגעגעבן.

— ביזט אויף מיר ניט בייז? — האט פרוי ראזין א פרעג געטאן רמין אין ענגליש.

— ניין! — האט רמי געענטפערט אין יידיש. — איר האט גוט געטאן, וואס איר האט מיר עס דערציילט. ווייל איצט באשולדיק איך ניט שרהן. זי איז פארפירט געווארן. איך באדויער נאר, פארוואס די קליינע האט אזוי פיל געדארפט ליידן. און איך באדויער, וואס שרה איז ביי דער מיינונג, אז איך האב איר אפגענארט. שרה האלט מיך פאר אן אויסוווּרף אומזיסט, און דאס פארדריסט מיך. מוטער! — האט ער א געשריי געטאן מיט א פארקלעמט הארץ — פארוואס האסטו עס געטאן? פארוואס? — ער האט אריינגענומען זיין געזיכט אין זיינע הענט. מער האט ער גארניט גערעדט, ווייל העלען האט אים געזאגט, אז זי האט געמיינט זיין טובה. אבער זי האט ניט פארשטאנען זיינע געפילן. ביי איר, איז דער גאט דער דאלאר און זי איז ווי אלע דארט, דינער אין גאט פון דאלאר, ווערן פארברענט אין אים און דורך אים.

לאנג זיינען זיי געזעסן און געשמועסט. שפעט, שפעט זיינען זיי געגאנגען שלאפן. און אין פריען באגינען, ווען די זון־שטראלן האבן אנגעהויבן אריינצושיינען אין דער ווירטשאפט, האט א טראקטאר איבערגעריסן די שטילקייט. רמי איז עס ארויסגעפארן אויפן פעלד. ער האט געדארפט דעם באדן אויפאקערן ביז זיין פארן אין שטאט צו דערליידיקן די געשעפטלעכע ענינים פון זיין קיבוץ. און ווען פרוי ראזין האט דורכן פענצטער געזען ווי העלען איז אוועק מיט אירע קינדערלעך אויף זייער פרימארגן־שפאציר אין שאטן פון די בוימער און מיט די קינדערלעך זיך

געשפּילט, אַזוי ווי שרה אַמאָל — האָט איר האַרץ געזונגען פֿון פֿרייד. עס איז אויסגעקומען, ווי די אַלע קינדערלעך זייַנען העלענס, ווי די קינדער האָבן זיך עס געקלעפּט צו העלען, אָט הויבט זי אויף אירע הענט די קליינע דליה, וועלכע כאַפּט אַרום העלענס האַלדז און שפּילט זיך מיט איר מגן־דוד, וואָס העלען טראָגט אויף זיך. מיט וויפֿל נאַאיווקייט די העלען קושט דאָס קינד. די איבעריקע זעצן זיך אויס אין אַ קרייז און העלען לייענט זיי אַ מעשהלע פֿון אַ ביכל. פֿרוי ראַזין איז אַרויס אין דרויסן אין איר פּרימאַרגן כאַלאַט. סבתא באה, — האָבן זיך די קינדער אָפּגערופֿן.

— זו אמא שלי, — האָט העלען געזאָגט די קינדער. אַ פּאָר קינדער־לעך זייַנען צוגעלאָפֿן צו דער סבתא און שטיין געבליבן, אַנקוקנדיק איר מיט פֿאַרזשמורעטע אויגעלעך. פֿרוי ראַזין האָט זיי אַנגענומען פֿאַר די הענט און צוגעגאַנגען מיט זיי צו העלען. שפּעטער האָבן די קינדערלעך געזונגען צוזאַמען זומער־לידלעך.

פֿרוי ראַזין האָט געקוואַלן פֿון פֿרייד און ווען שפּעטער איז רמי גע־קומען זיך געזעגענען, ווייל ער פֿאָרט אין שטאָט, איז ה׳ ראַזין מיטגעפֿאָרן. לאַנג האָבן זיי געשמועסט וועגן דעם אַלעם. די מאַשין איז גראַד געווען פֿון ערשטן קוואַליטעט, באַזאָרגט אויך מיט אַ ראַדיאָ. די לייכטע פּראָ־גראַמען פֿון „גל הקל״ האָט געגעבן שיינע ישׂראל־לידער, וועלכע האָבן איינגעפּאַסט אין דער דאָזיקער שטימונג, ווי „ארצנו הקטנטונת״, „מולדתי״ און אַנדערע. אין שטאָט האָט זיך ה׳ ראַזין געטראָפֿן מיט סוחרים פֿון דער בראַנזשע און געשמועסט וועגן איבערפֿאָרן אַהער. עטלעכע האָבן אים גע־וואָלט אַפֿילו נעמען פֿאַר אַ שותף. ביי מיטאָג, ווען רמי האָט זיך געטראָפֿן מיט ה׳ ראַזין, האָט ראַזין אַ זאָג געטאָן,

— אפשר וועט דער קיבוץ ווערן מיינס אַ שותף. געלט וועל איך געבן און איך וויל, אַז דער קיבוץ זאָל פֿאַרדינען די צווייטע טייל פֿונעם רווח.

אין אָוונט האָט רמי דאָס דערציילט דודן. דוד האָט עס געבראַכט צו אַ זיצונג און אַזוי ווי דוד האָט עס געוואָלט און רמי האָט צוגעשטימט, האָט דער קיבוץ זיך ניט אַנטזאָגט פֿון קאָאָפּעראַציע מיטן קאַפּיטאַל. דאָס פּראָבלעם איז פֿאַרגעלייגט געוואָרן העלען און זי האָט זיך אָפּגערופֿן, אַז דאָס איז ניט אירע ביזנעס. אירע ביזנעס איז דער קיבוץ. און אַלץ, וואָס עס איז אין אים פֿאַראַן. זי זוכט ניט קיין רייכטום, זי זוכט נאָר די פֿרייד אין לעבן. אָבער דער קיבוץ האָט געגעבן זיין צושטימונג און די ראַזינס האָבן באַשלאָסן בויען זייער אינדוסטריע אין דער שטאָט.

דערווייל איז פֿאַרגעקומען די חתונה פֿון העלען מיט דודן. די חתונה איז געפּייערט געוואָרן מיט גרויס אָנזען, אַלע חברים האָבן געווונטשן גליק דער יונגער פּאָר, וועלכע אַלע האָבן ליב געהאַט. העלען און דוד האָבן באַקומען אורלויב און זיי האָבן פֿאַרבראַכט די זיבן האָניג־טעג אין נהריה אויפֿן חשבון פֿון די ראַזינס. צופֿרידענע, שטראַלנדיקע זײַנען זיי צוריקגעקומען און אַרײַן וווינען אין אַ נײַ געבויטע געביידע פֿון צוויי צימערן. די ראַזינס האָבן געגעבן זייערע מתּנות און אַלע לוקסוס־זאַכן, וואָס ניט יעדער איינער איז זוכה צו דעם.

הער ראַזין האָט זיך דערווייל פֿאַרבונדן מיט דער אינוועסטיציע־געזעלשאַפֿט ביי דער רעגירונג און ס'איז אים געלונגען צו קויפֿן אַ פּאַרטיקע פֿאַבריק, וועלכע האָט אָנגעהויבן אַרבעטן לויט די נײַעסטע אַמעריקאַנער מעטאָדן. העלענס עלטערן האָבן באַוויזן אָפּצופֿאָרן קיין ניו־יאָרק, און ווען זיי האָבן דערציילט דעם הער פֿיינגאָלד, וואָס זיי האָבן געטאָן אין לאַנד, האָט ער גאָרניט געענטפֿערט, נאָר שטיל געבענקט נאָך דעם. ער האָט אָבער גוט געפֿילט דאָס גליק פֿון זײַן שותּף. אויף דעם פֿאָרשלאָג פֿון הער ראַזין, אַז אויך זיי, די פֿיינגאָלדס, זאָלן פֿאָרן אַהין, האָט פֿרוי פֿיינגאָלד מיט באַדויערן געענטפֿערט, אַז זיי האָבן זייער טאָכטער מיטן איידעם אַלס פֿרײַנד און איר זון איז איר אַ שונא.

פֿרוי ראַזין האָט געענטפֿערט דער פֿרוי פֿיינגאָלד, אַז רמי איז אַ גוט קינד און ער וועט איר מוחל זײַן.

— פּרוּווט! — האָט פֿרוי פֿיינגאָלד אויסגערופֿן. — אָבער איך קען רמין.

פֿיינגאָלד האָט אויסגעצאָלט דעם ה' ראַזין זײַן טייל פֿון געשעפֿט, ווײַל געלט האָט דאָ ניט געשפּילט קיין ראָל, ביידע זײַנען געווען רײַך. און הײַנט וווינט די משפּחה ראַזין אין אַ ווילע פֿון אַ תּל־אָביבער פֿאָרשטאָט.

רמי באַקומט אַ בריוו פֿון דער היים

פֿרוי פֿיינגאָלד, וועלכע באַדויערט איצט איר שריט, האָט זיך גענומען מוט און אָנגעשריבן רמין אַ בריוו. זי האָט אינעם בריוו אויסגעדריקט איר

חרטה אויף אַלץ, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן.. אָבער זי האָט עס געמיינט נאָר צום גוטן, ווייל זי ווייסט, אַז רייכטום איז גליק. אָבער די רייד פון די ראַזינס האָבן איר צעבראָכן. פרוי פיינגאָלד האָט געשריבן, אַז מיט אַ קורצע צייט צוריק איז דאָ געווען שרה, אַליין אָן אַ מאַן, און זי האָט געוויזן זען דיך און דיין פרוי העלען. אָבער איך האָב געפילט פון שרהס רייד, ווי ליב זי האָט דיך. און מיין הארץ האָט געריסן פון ווייטיק און פאַרדרוס. אָבער וואָס קאָן איך טאָן, אַז דאָס לעבן איז אַזוי אַוועק. שרה האָט ביי אונז געוווינט, האָט פרוי פיינגאָלד געשריבן, אַז זי האָט ספּעציעל באַקומען דיין צימער. איך האָב געזען, ווי זי האָט גענומען אייער בילד און האָט דיך געקושט. אָ! ווי איך האָב דאָן געפילט. איך האָב געזען, ווי טרערן זיינען איר גערונען פון די אויגן. אין דער פרי, האָט זי אָפּגעשאָרן איר בילד פון דיינעם און עס מיטגענומען. זי האָט אַרויסגעוויזן צו מיר און צום פאָטער אַ שטאַרקע ליבע. זיי מיר מוחל, מיין זון — האָט פרוי פיינגאָלד זיך געבעטן אין בריוו. — מיר בענקען נאָך דיר שטאַרק און האָבן דיך ליב מער פון אונזער לעבן. וואָס מיר האָבן געטאָן און טוען ווייטער, איז עס נאָר פאַר דיר. ווייל דו ביסט ביי אונז איין און איינציקער, און אונזער גאַנצע מי איז פאַר דיר.

פרוי פיינגאָלד האָט נאָכאַמאָל דורכגעלייענט דעם בריוו, אויך הער פיינגאָלד האָט אונטערגעשריבן.

ווען דער בריוו איז אָנגעקומען אין לאַנד, האָט עס רמי צוערשט אויפגענומען מיט אויפרעגונג. אָבער דוד אוז העלען האָבן אים אויפגעקלערט דעם כאַראַקטער פון דער חרטה און אַנטקעגן חרטה טאָר קיינער ניט ביישטיין. אויב דו האָסט פאַרלוירן שרהן, דאַרפסטו דערפאַר פאַרלירן דיינע עלטערן אויך? — האָט העלען אויסגערופן.

— רמי! זיי זיי מוחל און זאָלן זיי קומען אַהער. דיר וועט עס זיין לייכטער.

לאַנג האָט רמי געטראַכט און צום סוף אָנגעשריבן אַ בריוו, וווּ ער האָט אַלעס אויסגעשריבן, וואָס פרוי ראַזין האָט אים דערציילט וועגן דער פאַלסיפיקאַציע פון די בריוו. אָבער אונטערן איינדרוק פון זייער בריוו, און אַזוי ווי דאָס איז שוין אַלץ געשיכטע, איז ער זיי מוחל. און ער נעמט עס אויף ווי אַ פאַקט.

ווען פרוי פיינגאָלד האָט דעם בריוו געלייענט, האָט זי עס זיך ניט געגלויבט. אַז נאָך דעם, וואָס זי האָט אַלץ געטאָן קעגן איר זונס ליבע, זאָל רמי איר מוחל זיין.

— זעסט, וואָס פאַר אַ גוטן זון מיר האָבן! — האָט הער פיינגאָלד אויסגערופן. — איצט וועלן מיר שרייבן צו אונזער שותף, אַז איך וועל מיין קאַפּיטאַל אינוועסטירן אין דער זעלבער פאַבריק. מיר וועלן עס פאַרגרעסערן און אָנהויבן שאַפן אויפן ישראל-באַדן. דאָס לאַנד דאַרף שטאָפן און טעקסטיל-פּראָדוקציע, אַקוראַט ווי זי דאַרף לאַנדווירטשאַפט. דאָס איז איין לעבן. איין גאַנצקייט. קיינער וועט עס ניט טאָן פאַר אונז, אויב מיר אַליין וועלן דאָס ניט טאָן.

ה׳ פיינגאָלד האָט לייכט פאַרקויפט זיינע פּראָספּערירנדיקע אַקציעס און אין אַ קורצע צייט אַרום, זיינען זיי געזעסן אין אַ פּראַכפולע ווילע אַנטקעגן די ראַזינס און די טעקסטיל-פאַבריק אין ישראל, פּראָספּערירט ניט ערגער ווי אין אַמעריקע. רמי איז אָבער פאַרבליבן אין קיבוץ. ער האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס אָרט, וווּ ער האָט זיין ערשטן גליק באַקומען. ס׳איז אים געווען טייער זיין צריפל וווּ ער האָט געוווינט און וווּ שרה איז פאַרבליבן אַמאָל ביי אים אין יענער נאַכט... ס׳איז אים טייער געווען די באַנק אונטערן בוים. רמי פלעגט אָפט קומען צו זיינע עלטערן, ווייל ער איז שטענדיק געווען אין שטאָט. וועגן שרהן האָט מען גאָרניט גערעדט, בכלל, פלעגט פרוי פיינגאָלד אויסמיידן צו רעדן וועגן דעם. זי איז אָבער מקנא געווען העלען מיט דודן און די ראַזינס, ווייל אויף יעדן שבת, פלעגן זיי פאָרן אין קיבוץ צו די קינדער און שעפּן נחת.

אין הויז פון גדעון גרייט מען די חתונה

שרה אַרבעט צוריק אין שפּיטאָל פון טבריה, אָבער זי האָט שוין געמאָלדן, אַז זי האָט חתונה. און זי האָט נאָך ניט באַשטימט אירע ווייטער-דיקע שריט אין לעבן. די דירעקציע פון שפּיטאָל האָט אויפגענומען מיט פרייד די ידיעה פון שרהס נייעם לעבנס-וועג, ניט געקוקט וואָס עס איז אַ מאַנגל אין קראַנקן-שוועסטער. עס איז אַפילו געקומען אַ ביטע, שרה זאָל איבערגיין אַרבעטן אין קאַפּלאַן-שפּיטאָל, אָבער זי האָט ניט געוואָלט ענדערן איר אַרבעט אויף דער קורצער צייט. שרה האָט איצט געוואָלט רוען, רוען פאַר יעדן פּרייז. ווייל צופיל איז זי געווען מיד פיזיש און גייס-טיק פון דעם, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט. זי האָט געוואָלט אַזוי ענדיקן

איר אַרבעט אַ לענגערע צייט פֿאַר איר חתונה, כדי זיך צוגרייטן צום נייעם לעבן.

אין געשפּרעך, וואָס זי האָט געהאַט מיט אירע שוויגער עלטערן, האָט זי זיי דערציילט איר גאַנצע ביאָגראַפיע און אַז זי איז נאָך ניט ביי איר פּולן באַוווסטזיין. אָבער זי וועט חתונה האָבן. אין איר לאַגע, איז אפילו אַ סך בעסער, אַז מען האָט ניט חתונה אינגאַנצן. מען קאָן ניט ליבן קיין צווייט מאָל — האָט שרה דערקלערט, — דאָס האַרץ איז שוין קראַנק. אָבער אָפּט טרעפט, אַז די געוווינהייט איז דער בעסטער לערער פון לעבן. איך באַדויער אויך, וואָס גידי, אַזאַ טייערער בחור וועט ניט געפינען דאָס גליק מיט מיר, ווי ער איז עס ווערט, ווייל איך ווייס, אַז אַ פרוי קאָן מאַכן אַ מאַן גליקלעך אין לעבן, און פאַרקערט. מאַן און פרוי זיינען גע־בוירן מיט אַנדערע כאַראַקטערן און זייער פיזישער בוי איז איינגעשטעלט אַזוי, אַז גליק קאָן קומען מער פון דער פרוי, ווי פון מאַן. און ווען אַ פרוי ווייסט ווי צו מאַכן דעם מאַן גליקלעך כאָטש אין די ראַמען פון זייער לעבן, קאָן זי דורך דעם אויך געווינען ליבע און אָפּשאַצונג. אמת, ניט שטענדיק איז עס אַזוי, ווייל גראַד די געטרייסטע פרויען ווערן אָפּגענאַרט פון זייערע מענער. צי דאָס איז פאַראַט, צי דאָס איז אַן אויפמערקזאַמקייט אין דער היינטיקער מאָדערנער צייט, ווען אַ פרוי פאַרלאַנגט ניט פון מאַן דאָס נאָכגיין די נייע ציוויליזאַציע, קאָן דער מאַן אַנגיין מיט דער קולטור פון ביינצנטן יאָרהונדערט. די פרוי איז מער פילבאַר אויף דעם. אָבער צי גידי באַגרייפט דאָס לעבן אויף אַזוי, ווייס איך ניט.

איך קען מיינע חברטעס. רעדט ווייטער שרה. זיי האָבן גיך חתונה. די ליבע צינדט זיך אָן מיט אַ פלאַם פון טויזנטער גראַד היץ און ווערט אין דעם פאַרברענט און מאָרגן גייט מען זיך שיידן. וואָלטן אַ סך זיך ניט געשעמט פאַר זיך אָדער צוליב זייערע קינדער, וואָלט די גט מגפה געווען נאָך שטאַרקער ווי זי איז היינט. לויט דער סטאַטיסטיק דערגרייכט עס צו פערציק פּראָצענט פון אַלע חתונה געהאַטע פאַרלעך. עפּעס איז דאָך דאָ אין דעם און עס וווּנדערט מיך, וואָס עס איז ניטאָ אין לאַנד אַ קערפּערשאַפט, וואָס זאָל עס פאַרשן, ווייל לויט מיין מיינונג, איז דאָס אַ פאָלקס־קראַנקהייט, וואָס מוז דורכגיין אַ שווערע אָפּעראַציע.

פרוי מאַרקאָוויטש האָט עס מאָטיווירט מיט די צו גרויסע פאַרלאַנגען פון דעם יונגן מיידל. ווען זי גייט חתונה האָבן, מוז זי האָבן אין מינימום אַ דריי צימער וווינונג. אין שטוב מוז גלייך זיין דער גאַז, דער פרידזשידער,

דער טעלעפאָן, די ראַדיאָ און איצט שוין די טעלעוויזיע.. נו, און ווי קומט מען אויס אָן אַ וואַש־מאַשין, שטויב־זויגער, מיקסער און אַ טאַקסי דערצו. און דאָס פאַרלאַנגען די מערסטע מיידלעך, ווייל איינע קוקט אויף דער צווייטער.

— אינטערעסאַנט, — האָט שרה אויסגערופן. — ווי מיר איז עס גאָר ניט איינגעפאַלן צו טראַכטן דערפון. איך האָב געמיינט, אַז נאָך מיין חתונה וועל איך בלייבן אַרבעטן אויף מיין פּאָסטן. איך וועל זיך לערנען ווייטער און דערגרייכן צו העכערס. מיר וואָלט ניט געאַרט, ווען מיר האָבן ניט די אַלע זאַכן. קאַנטיק, אַז דאָס איז די געוווינטע אַטמאָספער פון קיבוץ, אַלנפאַלס ניט דאָס זוך איך אין לעבן. איך זוך אַ מאַן, וועלכער זאָל פאַר־שטיין מיין נשמה און ניט מיין קערפּער. און איך זוך ניט באַגליקט צו ווערן פון כלערליי באַדינגונגען, כדי אָפּצודאַנקען מיט אַ קוש. אַן אמתן, אָדער אַ פאַלשן דעם דאַזיקן, וועלכער שאַפט מיר דאָס אַלץ.

— וואָס איז מיט אייער רמין? — האָט ד״ר מאַרקאָוויטש אַ פרעג געטאָן. — האָט ער שוין חתונה געהאַט? וווּ וווינט ער? און ווי לעבט ער? וואָס זענט איר דערגאַנגען אין אַמעריקע?

— גאָרניט. איך האָב אים ניט געזען. במילא ווייס איך ניט ווי ער איז און וואָס ער טוט. צי ער האָט חתונה געהאַט? מען זאָגט יאָ און ניין.

— שרה! — האָט דער דאָקטאָר אויסגערופן, זיצנדיק אַמאָל אין גאָרטן ביי אַ גלאָז טיי און פּירנדיק דעם משפחה־געשפּרעך. — איך האָב אַ סך זיך אַנגעלייענט מיט די פּראָבלעמען, וועלכע איר האָט דאָ באַרירט. איר וועט אייביק בענקען נאָך רמין. מעג גידי זיין אַ מלאך, וועט איר שטענדיק טראַכטן פון אייער ערשטער ליבע. ווייל איז צו די, וועמען דאָס גליקט אָפּ. אָבער אויב רמי האָט חתונה געהאַט, וועט אייך גידי זיין די קאָפּיע פון רמין. אמת, ס׳איז ניט דער אָריגינאַל. איך קאָן מיין זון. עליזה לאָזט אים ניט אָפּ. און אָפּט וואַרפט זי זיך אים אין די אָרעמס און אים עקלט דערפון. ער פאַרשטייט איר ניט, און ניט איינמאָל האָט ער איר עס געזאָגט, אַז דאָס וואָס זי מיינט צום גוטן, איז עס גאָר ערגער. כאָטש איך מוז זאָגן, אַז עליזה איז אַ גוט מיידל, אָבער זי וויל אים נעמען מיט אַלע מיטלען, וועלכע געפינען זיך אין איר באַזיץ. אויב גאָט וועט אייך באַשערן, און איך האָלט דערפון, אַז דאָס וואָס מוז זיין וועט זיין, איר וועט חתונה האָבן מיט גידין, וועט איר באַגליקן. איר הערט די רייד פון מיר צום ערשטן מאָל, ווייל ס׳איז ניט אין מיין כאַראַקטער. גלויבט מיר, ווען איך זאָל אייך דערציילן זאַכן, טראַגעדיעס אין משפחה־לעבן, וואָס יעדע פרוי אָדער

מאַן וויל, אַז זייער לעבן זאָל זיין האַרמאָניש, און דאָס איז אויך די פראַגע פון קינדער. בין איך אָפּט איבערראַשט.

אַ סך גטן קומען פאַר אויך צוליב קינדערלאָזיקייט. אַ סך פּרויען וויסן, אַז די שולד פון מאַן איז עס, ווילן זיי פאַרשוואַנגערן פון וועמען עס זאָל ניט זיין. יונג צי אַלט, אַבי פאַרשוואַנגערן און אַזוי אַרום אָנהאַלטן די משפּחה־פאַרבינדונג.

זאָל אייך גאָט געבן זיין ברכה און ווי עס וועט זיך מאַכן, זאָל גוט זיין. נאָר טאָמער טרעפט איר רמין, אַפילו אין טאָג פון דער חתונה מיט גידין, זאָלט איר זי איבעררייסן און גיין צו אייער געליבטן, אויב ער איז נאָך פריי. אַלנפאַלס, ביי אונז וועט איר פאַררעכנט ווערן אַזוי טייער, ווי אונזער קינד, גידי.

— איך דאַנק אייך, פאָטער, פאַר אייערע רייד. איך פיל, ווי ערנסט איר מיינט עס. אַבער וואָס קאָן שוין פאַרקומען? דער טאָג, וואָס פאַר־שווינדט קומט ניט צוריק. בכלל איז פאַרגאַנגענהייט אַ פיינער עפּיזאָד אין לעבן. אויך ביי מיר איז עס איינע פון די דאָזיקע עפּיזאָדן. געווען אַמאָל אַ רמי. געווען אַמאָל אַ שרה. און שפּעטער וועלן דורות ווידער דער־ציילן וועגן אונז אַקוראַט ווי איר האָט מיר דערציילט פון אַנדערע. דאָס איז לעבן. דאָס איז געשיכטע. ווי מאָדנע איז דער גורל פון אַ מענטש. גראָד אין קיבוץ, וועלכער געפינט זיך אויפן בערגל אין נגב, אינעם ווילדן סטעפּ, וווּ איך האָב זיך דערצויגן און באַקאַנט דאָרט רמין, — געפינט זיך אַ בחור, דוד, ער איז סעקרעטאַר פון קיבוץ. אַ זייער וווּיל ייִנגל. ווי ער האָט עס מיר ליב געהאַט, איך פלעג פילן ווי ער ליידט אין זיך און האָט ניט געהאַט קיין מוט מיט מיר צו רעדן וועגן זיינע געפילן צו מיר, איך האָב אים אויך גערן געהאַט, אַבער מיר האָבן ניט געפונען די אָפענע שפּראַך פון ליבע. און גראָד ווען דוד האָט שוין באַשטימט מיט מיר צו רעדן וועגן דעם, איז רמי שוין געווען אינדערמיט. אָרעמער דוד, — האָט שרה אויסגערופן. — ווען ער וועט זיך דערוויסן, אַז איך גיי חתונה האָבן און ניט מיט רמי, וועט ער ליידן דערפון, ליידן צוויי מאָל. עס ווילט זיך מיר צופאָרן אַהין, אָנקוקן די חברים און חברטעס, אָנקוקן דודן און דער־ציילן אים. איך וואָלט אים געלאַדן אויף מיין חתונה, אַבער עס וועט אים ווי טאָן, ווייל אין סוף פון דעם, האָט ניט רמי מיך און איך האָב ניט אים. פאַר אים וועט דאָס אויסקומען קאָמיש.

ווי מיינט איר, דאָקטאָר, כדאי צוצופאָרן אַהין? אָדער פּשוט שרייבן

אים, אַז ער זאָל קומען צו מיין חתונה. ווען ער וועט דערהאַלטן די איינ־לאַדונג, וועט ער ווערן נאָך טרויעריקער.

— אויב ער איז אייערער אַ פריינד, אַזאַ ווי איר שילדערט אים פאַר מיר, מיין איך, אַז ער וועט זיין צופרידן דערפון. אָבער ס'איז אַ פראַגע אויב מען דאַרף עפענען אַ ווונד. אַ זאַך וואָס איז קראַנק און פאַרהיילט געוואָרן, דאַרף מען לאָזן פאַרגעסן. איך פאַרשטיי אייך, פריילין שרה, אָבער לאָזט עס אָפּ. וואָלט ער געוועזן אַ חתונה געהאַטער, מילא, אָבער ער וועט קומען אַליין און וועט אייך זען אונטער דער חופּה, וועט עס אים קאָסטן געזונט, — האָט ד״ר מאַרקאָוויטש אויפגעקלערט שרהן, ווי עס פירט זיך אין לעבן.

דערווייל איז גידי אָנגעקומען מיט זיין מוטער. ער האָט זיך געזעצט נעבן שרהן און דער געשפּרעך איז געגאַנגען, אין וועלכן טאָג זאָל פאַר־קומען די חתונה, און ווו?

עס איז באַשטימט געוואָרן אין צוויי וואָכן אַרום, אַ דינסטיק, אין האָטעל „שרתון״.

אָבער מאָדנע, גראָד איצט, ווען מען האָט שוין אָפּגעשטימט די צייט און דאָס אָרט, איז שרה געוואָרן אומרואיק. גראָד איצט, ווען ביי אונזערע מיידלעך און יינגלעך, ווערט עס פאַררעכנט פאַר דער גליקלעכער מינוט, האָט שרה עפּעס געפילט ווי אין איר האַרצן האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן.

פון איין זייט די רייכע און גרויסע גידיס פאַמיליע, פון דער צווייטער זייט איר עלנטקייט. זי האָט דאָ ניט קיינעם, אַפילו ניט קיין קרוב. ווי וועט זי אַליין קאָנען ביישטיין אַזעלכע גרויסע טעג? עס איז דאָך ניט קיין קליינקייט. חתונה האָבן, ענדערן דעם גאַנצן לעבנס שטייגער.

— איך פאַרשטיי דיך, מיין קינד, — האָט פרוי מאַרקאָוויטש זיך אָפּגערופן. — איך געדענק נאָך מיין טאָג פון דער חתונה. דאָס זיינען טעג, וועלכע בלייבן אייביק אין זכרון. דער געדאַנק מאַטערט, די געפילן פרעסן, דאָס האַרץ וויל וויינען, וויינען ניט פון טרויער, פאַרקערט, עס זיינען אויך דאָ טרערן פון גליק, אָבער מען דאַרף זיך שטאַרקן, ווייל קיינער קען ניט פאַרן צווייטן זיך אַריינפּאַסן אין דער ראָל. בפרט ווען דיין נשמה, שרה, איז אַ צעריסענע.

— איך וואָלט שוין געוואָלט זיין אַ טאָג נאָך דעם, — האָט שרה אויסגערופן. — מיין האַרץ זאָגט מיר עפּעס ניט גוטס.

— וועסט זיין אַ טאָג נאָכדעם, אַ יאָר נאָכדעם און צוואַנציק יאָר נאָכדעם. די צייט לויפט, גייט און פאַרגייט. ווי לאַנג איז עס ווי איך בין

געווען אין דיין לאגע? עס איז שוין דורכגעלאָפן דרייסיק יאָר, ווייסטו וואָס עס הייסט דרייסיק יאָר? גאָט האָט אונז געגעבן יאָרן, מיין מאַן האָט באַקומען אַ גוטן נאָמען, און שטוב האָט גאָרניט געפעלט. אין די ערגסטע צייטן האָב איך פון אַלץ געהאַט. גידי האָט ניט געוווּסט פון קיין מאַנגל אין גאָרניט. מיר האָבן אים געלערנט און דערצויגן צו אַ מענטש. דאָס איז די פליכט פון עלטערן. איצט ווילן מיר האָבן פון אים נחת. אָט, באַלד וועל איך אים פירן צו דער חופה. עס וועט מן־הסתם קומען באַלד אַן אייניקל... — שרה האָט זיך פאַרוויטלט פון די דאַזיקע ווערטער. פרוי מאַרקאָוויטש האָט עס באַמערקט, ווייל אַלעמענס בליקן האָבן געצויגן צו שרהן. זי האָט געשמייכלט, אַרונטערלאָזנדיק איר קאָפּ.

— ניטאָ וואָס זיך צו שעמען, שרהלע. דאָס איז די געשיכטע פון דער מענטשהייט. דאָס איז לעבן. צו דעם איז באַשאַפן די פרוי.

— מוטער! דו ווילסט ווערן אַ באָבע? מיר וועלן עס דיר צוליב טאָן — האָט גידי געענטפערט און אַרומגענומען שרהן. צודריקנדיק איר צו זיך. לאַנג האָבן אַלע זיך אונטערהאַלטן ביז עס איז געוואָרן גוט שפּעט. די עלטערע פּאָר איז געגאַנגען שלאָפן. שרה און גידי זיינען פאַרבליבן אַליין אין זייער גרויסן גאָרטן.

— שרה, איך האָף, אַז דו וועסט זיין פון די גליקלעכסטע אין תל־אביב. מיר זיינען רייך, מיינע עלטערן זיינען גוט צו דיר אַקוראַט ווי דו וואָלסט געווען זייערס אַ קינד.

— גליק, גידי, איז אַ רעלאַטיווער באַגריף. מען קאָן קיינמאָל ניט וויסן, וואָס עס הייסט גליק. גליק ליגט אין רייכטום און גליק ליגט אין אָרעמקייט. גליקלעך איז, לויט מיין מיינונג, דער, וועמענס האַרץ זינגט אין פרייד אין וועלכע אומשטענדן עס זאָל ניט זיין. איך האָב זיך געפילט גליקלעך אין קיבוץ, ווען איך פלעג זיך אָנטאָן אין אַ ווייסע בלוזע מיט קורצע כאַקי־הייזלעך און שפּאַצירן מיט די קליינוואַרג אינעם גרויסן גאָרטן פון קיבוץ. גליק האָב איך געפילט אין זיצן אונטערן בוים אין די אָוונטן און אָנקוקן דעם בלאָען הימל, ווען ער פלעגט זיך אָנצינדן מיט די ליכטשטראַלן פון זון־אונטערגאַנג. גליק פילט מען אויך אין דיין הויז. אָבער וואָס נעענטער עס רוקט זיך אונטער די שעה פון מיין חופה, אַלס אומרואיקער ווער איך. איך ווייס ניט פאַרוואָס.

— דו ביסט נאַאיוו און צעטראָגן, שרה — האָט גידי אָנגענומען איר האַנט און געקושט. — דאַרפסט נאָר מיר גלויבן און מיר וועלן ווייט אַוועק. גלייך נאָך דער חתונה, וועלן מיר מאַכן אַ רייזע נאָך אויסלאַנד. איך האָב

שוין גרייט די פּאַפּירן צו פאָרן נאָך שווייץ, פּאַריז, רוים, ווו די וועסט נאָר פּאַרלאַנגען. מיר וועלן באַקומען אַ פּאָר מאָנאַט אורלויב און אונזער האָניק־חודש וועלן מיר געניסן אויף דער שיף „ירושלים״.

שרה האָט געהערט די ווערטער און געוויינט מיט שטילע טרערן.

— גידי! האָט שרה אויסגערופן. — לאָמיר צופאָרן אין קיבוץ. איך וויל זען דודן. איך ווייס ניט, עפּעס ציט מיר אַהין דאָס האַרץ.

— אויב דו ווילסט, אַפילו שוין! — האָט גידי געענטפערט.

— איצט שלאָפן זיי אַלע. אָבער אין איינע פון די טעג וויל איך באַזוכן מיינע חברים און חברטעס.

לאַנג האָבן זיי נאָך גערעדט וועגן זייער צוקונפט ביז זיי זיינען גע־גאַנגען אין זייערע שלאָף־צימערן.

ווען שרה איז אויפגעשטאַנען, האָט גידי געוויזן שרהן אָפּגעדרוקטע חתונה־קאַרטן. שרה האָט אירע אויגן ברייט צעעפנט. זי האָט דייטלעך געלייענט: גדעון מאַרקאָוויטש — שרה דאַנישעווסקא. די חופה קומט פאָר זיבן דרייסיק אין האָטעל „שרתון״.

— גדעון! ווען האָסטו עס באַוויזן צו מאַכן? — האָט שרה פאַר־וווּנדערט אַ פרעג געטאָן.

— ווי לאַנג דאַרף עס דויערן? ביי מיר גייט עס גיך.

— נאָך צו פרי — האָט זי סתם אַרויסגעזאָגט. — ס׳איז געווען צייט אין אַ וואָך אַרום.

— ביי מיר ווערט אַלץ צוגעגרייט פריער — האָט גידי געלאַכט. — אונזער ערשט קינד וועט אויך קומען פריער — האָט גידי זיך געגרייצט מיט שרהן.

שרה האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויף די קאַרטע. עס האָט זיך איר איצט פאַרוואָלט אַ רייץ טאָן מיט רמיס עלטערן. זי האָט אויף גיך אָנגע־שריבן דעם אַדרעס פון רמיס עלטערן און מיט לופט־פּאָסט אָפּגעשיקט עקספּרעס קיין אַמעריקע. זאָלן זיי זען. זאָלן זיי פילן, זאָל רמי עס לייענען. אָדער עס וועט אים באַנג טאָן, אָדער ער וועט זיך פרייען — האָט זי זיך אָפּגערופן צו גידין.

— ער וועט דיר נאָך שיקן אַ טויזנט דאָלאַר געשאַנק — האָט גידי זיך אָפּגערופן. — אָבער מיר וועלן עס אים צוריק אָפּשיקן, ווייל דאָס גראָד פעלט אונז ניט — האָט גידי ווייטער גערעדט.

דער טאג פון דער חתונה דערנענטערט זיך

ווען עליזה האָט דערהאַלטן די חתונה־קאַרטע, האָט זי געמיינט, אַז זי ווערט משוגע. גידי האָט חתונה! — האָט זי אויסגעשריען — און מיט וועמען, מיט שרהן? איך גיי ניט! — האָט עליזה אויסגערופן צו אירע עלטערן.

— ווילסטו אונז פאַרשטערן די שמחה? עליזה! זיי זיינען אונזערע גוטע פריינד. עס מוז דאָך ניט זיין ווי דו ווילסט, עליזה! ליבע צווינגט מען ניט. מיט כוח וועסטו אים ניט נעמען. פאַרקערט, קום צו דער חתונה, זיי פריילעך, מאַך ווי עס גייט דיך ניט אָן די גאַנצע זאַך, ווינטש אים גליק. באַצי זיך צו שרהן ווי צו אַ פריינד, ווייל נאָך דער חתונה זייערער, וועלן זיי דאָך קומען צו אונז און מיר וועלן גיין אויך צו זיי. אונזער פריינד־שאַפט קען זיך ניט איבעררייסן. איך ווייס, אַז גידי האָט דיך געהאַט גערן, נאָר דו ביסט ווילד, סאַבריש און ער האָט עס ניט ליב. שיין ביסטו, רייך ביסטו, וועסט קריגן אַ ניט ווייניקער ווערטפולן חתן ווי גידי. סוף־סוף איז ער שוין נאָענט צו דרייסיק יאָר. ווען דו וואָלסט מיט די קאַפּריזן וואָס אויסגעפּירט, פאַרשטיי איך. פאַרקערט, ווייז אים דיין שטאַרקן כאַראַקטער. יאָ, דו האָסט אים געוואָלט, אָבער אַלץ פריער. איצט איז דאָך במילא שפּעט. פאַרוואָס דאַרפסטו אַרויסווייזן אים, אַז דו ליידסט דערפון? — האָט איר מוטער אַריינגערעדט אין דער טאָכטער.

עליזה האָט פאַרשטאַנען די דאָזיקע רייד און זיי גוט אויפגענומען. זי האָט באַשלאָסן גראַד אויף צו להכעיס ווייזן גדעונען, אַז עס אינטערע־סירט איר ניט די גאַנצע זאַך. און ווען עליזה מיט אירע עלטערן זיינען געפאָרן אָפּגעבן מזל־טוב, האָט עליזה אַרויסגעוויזן קאָרעקטיקייט אין אירע האַנדלונגען און זיך אָפּגערופן:

— גידי, מיינע בעסטע ברכות דיר אויף דיין נייעם לעבנס־וועג. שרה! איך פאַרהאָף צו פאַרבלייבן מיט אייך גוטע פריינד. איך מיין, אַז איר וועט ניט זיין דאַקעגן צו שאַפן איין געזעלשאַפט. מעגלעך, אַז אויך איך וועל אײַנגיכן חתונה האָבן. גידי, זאָגסטו עס מיר צו?

— איך וועל עס מיט פרייד אויפנעמען, ווייל דו ביסט אַ ווויל מיידל און בכלל האָסטו זיך לעצטנס געענדערט צום גוטן. אַזוי זיינען סאַברעס. זיי יאָקסן גיך, שטעכן זיך פון דרויסן אָבער זיינען גוט און זיס... — האָט גידי געלאַכט. — ס'איז נאָר שווער צוצוקומען צו זייער זאַפטיקן מיטן.

גאַרניט ווי פריער, איז עליזה געווען פריילעך און האָט אַרויסגעוויזן מוט און ענערגיע. שרה דאַקעגן איז געווען ערנסט.

די צייט איז דערווייל געלאָפן.. שרה און גדעון אַרבעטן שוין לאַנג ניט אין שפּיטאָל. זיי באַזוכן פריינד, באַקאַנטע און זי האָט איינגאַנצן פאַר־געסן פון איר ביטע צוצופאָרן אין קיבוץ, ווי גדעון האָט איר צוגעזאָגט. זיי האָבן אַפילו קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן דערפון.

אָן דעם וויסן פון קינדער, האָט ד״ר מאַרקאָוויטש אָפּגעדרוקט אַן אַנאָנס אין דער ענגלישער „ירושלים פּאָסט״, אַז די חתונה פון זייער זון גדעון מיט זיין אויסדערוויילטער שרה דאַנישעווסקאַ, קומט פאָר דעם קו־מענדיקן דינסטיק, אין האָטעל „שרתון״.

פרוי פיינגאָלד, וועלכע איז אַ לייענערין פון דער ענגלישער צייטונג, האָט זיך אינטערעסירט מער אין די רעקלאַמע־זאַכן, ווי אין דער פּאָליטיק. דאָס איז אַן ענין פאַר מענער — פלעגט זי זאָגן. — פרויען דאַרפן זען, אַז די געשעפטן זאָלן גיין גוט און אין שטוב זאָל גאַרניט פעלן. און אַקוראַט האָט פרוי פיינגאָלד באַמערקט צווישן אַ סך אַזעלכע אַנאָנסן, אויך דעם נאָמען. צוערשט האָט איר דער נאָמען שרה אַ צי געטאָן, ווען זי האָט אָבער באַמערקט דעם נאָמען דאַנישעווסקאַ, האָט זיך דערמאָנט אין דעם לעצטן באַזוך פון שרהן, ווו זי האָט איר געהאַט דערציילט איר לעבן.

פרוי פיינגאָלד האָט אויסגעשניטן דעם אַנאָנס פון צייטונג און אים באַהאַלטן. זי האָט געוווסט, אַז רמי דאַרף קומען אויף שבת צו זיי צו גאַסט.

דאָס לעבן אין קיבוץ פליסט אָן ענדערונגען. יעדן פרימאָרגן גייט רמי אַרויס אין פעלד מיטן טראַקטאָר. ער אַרבעט פלייסיק און יעדע מינוט וואָס ער אַרבעט, פילט ער באַפרידיקונג. אויפן פעלד איז שטיל, רמי הערט נאָר דאָס רוישן פון מאָטאָר און אין זיין מוח קלאַפּן אַלערליי געדאַנקען. דאָס געזאַנג פון די זומער־פייגעלעך, וועלכע פליען איבער אים מיט אַ שווישטש, רופט אַרויס אין זיין האַרץ בענקענדיקע מינוטן. און ניט איינמאָל גיט ער אַ טראַכט ביי דער אַרבעט אַפילו וועגן שרהן. ווו איז זי איצט? — האָט זי חתונה געהאַט? ניין! דאָס קאָן ניט זיין. שרה קאָן ניט אַזוי גיך חתונה האָבן, ווייל שרה איז ניט פון די מיידלעך, וואָס וועלן חתונה האָבן אַבי מיט אַ מאַן. שרה דאַרף קאָנען גוט די נשמה פון מאַן. און דאָס איז היינט שווער צו געפינען, ווייל אַלע זיינען פוסט. עס דאָמי־נירט סיי ביים יינגל און סיי ביי דעם מיידל, די קולטור פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אַ שיינע וווינונג, שיינע מעבל, פריזשידער, טעלעפאָן, אויטאָ, טעלעוויזיע און אַנדערע מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן. דער כאַראַקטער פון

מענטש איז היינט אַ ביי־זאַך. און אפשר האָט ער אַ טראַכט געטאָן, ס'איז מאָדערנע צייטן — — —

קריכט דער טראַקטאָר אויף זיין מאָנאָטאָנעם וועג. ציט דער אַקער די איינגעטריקנטע ערד, פּראַלט אויף איר טראַכט. שוואַרצער באָדן קערט זיך איבער און גיט אַרויס אַ גלאַנץ פון דער איבעווייניקסטער פעטקייט. רמי האָט ניט געפילט ווי דער טייל באָדן, וואָס ער האָט היינט געדאַרפט צעאַקערן, אין אַ פּאָר שעה, איז שוין פאַרטיק און ער איז אַוועק אויף אַ צווייטן טייל פעלד אַרבעטן.

* * *

ווען די זון איז שוין געווען גוט הויך, האָט רמי דערפילט הונגער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אונטער דעם איינציקן בוים אין שאָטן און געגעסן זיין פרישטיק. פון ווייטן איז אָנגעפאָרן דער אויטאָ פון קיבוץ. אין אים איז געזעסן העלען און דוד. זיי זיינען געפאָרן אין שטאָט דערליידיקן ענינים פאַרן קיבוץ. זיי האָבן באַמערקט רמין. דוד האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין. העלען, אַ פריילעכע און צופרידענע איז אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָ און צוגעגאַנגען צו רמין. ווען דוד איז אויך צוגעגאַנגען האָבן זיי זיך אַלע געזעצט אויף דער ערד.

— רמי, מען זעט דיך גאָרניט! — האָט העלען אויסגערופן. — ווען איך קום צו דיר טרעף איך דיר ניט. ווו שלעפּסטו זיך אַרום אין די אוונטן? אַ נס, וואָס איך האָב דיך דאָ באַגעגנט.

— צו וואָס דאַרפסטו מיך איצט האָבן? העלען! ס'איז דיר גוט, איך זע עס אויף דיר, דוד איז אויך צופרידן. איר האָט אייער גליק געבויט און אויפגעבויט. און איך?

— לאָז צורו שרהן — האָט העלען אַ זאָג געטאָן. — ווי לאַנג וועסטו נאָך טרויערן נאָך איר. וואָלט זי דיך ליב געהאַט, כאָטש אַ העלפט ווי דו זי, וואָלט זי דיך אויסגעזוכט. זינט זי האָט פאַרלאָזן דעם קיבוץ, איז זי נאָך קיינמאָל ניט געקומען אויף באַזוך. זעסטו דאָך, ווי עס אינטערעסירט איר דאָס גאַנצע ווינקל. דו האָסט מיר געהאַט דערציילט, ווי זי האָט ליב דעם נגב. דאָס בערגל אין נגב. אָט האָסטו דיר. זי האָט זיכער באַקאָנט אַ בחור, חתונה געהאַט און דאָס איז עס? — לאָמיר בעסער רעדן וועגן אונזערע זאַכן, ווען פאָרן מיר צו די עלטערן אַ ביסל?

— מאָרגן העלען; מאָרגן וועל איך זיין ביי מיינע עלטערן. איך האָב זיי צוגעזאָגט צו קומען. זיי זיינען נאָך ביי אין לאַנד. מיין מוטער רעדט

ניט קיין וואָרט. איך פֿיל ווי זי באַדויערט וואָס איך געפֿין זיך אין קיבוץ. שטענדיק רעדט זי, אַז די געשעפֿטן גייען גוט. נאָר עס פֿעלט איר אַן אייגענער אין דער פֿאַבריק. די ישראלדיקע אַרבעטער זיינען ניט אַזוי, ווי די גויים אין אַמעריקע. זי פֿילט, זאָגט זי, ווי זיי שטייען און מאַכן אַ חשבון וויפֿל מיר פֿאַרדינען... און דער לייטער פֿון פֿאַבריק, מאַנט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק העכערונגען, אַז ניט גייט ער אַוועק. אָבער זי זאָגט מיר גאָרניט זינט דאָן מיט די בריוו.

— ווילסט מיר זאָלן אָפּגעבן אַ גרוס פֿון דיר? מיר פֿאָרן פֿאַרביי וועלן מיר אַריינגיין. — האָט דוד זיך אָפּגערופֿן.

— יאָ! — האָט רמי אויסגערופֿן. — פֿאָרט אַריין און זאָגט, אַז מאָרגן וועל איך זיין.

— רמי! איך האָב אַ פֿאָרשלאָג. לאָמיר דעם שבת פֿאַרברענגען צו־זאַמען, מיינע עלטערן, דיינע עלטערן, מיר וועלן אַרויספֿאָרן היינט פֿאַר־נאַכט און דעם פּריטיק אָוונט מיטן שבתדיקן טאָג וועלן מיר זיין צוזאַ־מען. איך וועל בעטן מיין מוטער, זי זאָל צוגרייטן פֿאַר אַלעמען עסן און מיר וועלן פֿאַרברענגען צוזאַמען.

— איך בין ניט קעגן, — האָט רמי געענטפֿערט.

— מיר פֿאָרן, דוד. וואָס פֿריער מיר וועלן דערליידיקן אונזערע ענינים, אַלץ פֿריער וועלן מיר קומען אַהיים. רמי "אַל־רייט" — האָט העלען אויסגערופֿן און זיך אַ הויב געטאָן פֿון איר אָרט, וווּ זי איז געזעסן. זי האָט צורעכט געמאַכט איר קלייד, אָפּגעשטויבט די גרעזעלעך און פֿלינק, ווי אַ קאַץ אַריינגעשפּרונגען אין אויטאָ און זיך געזעצט ביים רעדל.

— שלום רמי! — האָט דוד אויסגערופֿן און אַריין אין אויטאָ, וועל־כער האָט גלייך גערירט פֿון אָרט. איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַ גרויסן שטויב. רמי האָט זיי נאָכגעקוקט, ווי זיי פֿאַרשווינדן פֿון זיינע אויגן.

* * *

ווען העלען און דוד זיינען פֿאַרבייגעפֿאָרן די וווינונג פֿון רמיס על־טערן האָט זיי זיך אָפּגעשטעלט. דוד איז פֿאַרבליבן אינעווייניק און העלען איז אַריינגעשפּרונגען ווי אַ יונג לעבעדיק מיידל אין גרויסן גאָרטן.

פֿרוי פֿיינגאָלד האָט אַקוראַט באַגאָסן דעם גאָרטן. דערזעענדיק העלען, וועלכע זי האָט זייער ליב געהאָט נאָך פֿון די פֿריערדיקע, אַמעריקאַנער צייטן, האָט זי אויסגעשריען: — העלען! אָ, וואָס פֿאַר אַ גאַסט!

— ניט קיין גאַסט, פרוי פיינגאָלד, נאָר פאַרבייפאָרנדיק, ברענג איך אייך אַ גרוס פון אייער זון — ער וועט מאָרגן פאַרנאַכט קומען אַהער... אַזוי האָבן מיר אָפּגערעדט.

— ער האָט געשריבן, אַז ער קומט מאָרגן — האָט פרוי פיינגאָלד געענטפערט און רעדנדיק, פאַרדרייט דעם קראַן פון דער וואַסער, אָפּווישנ־דיק די הענט אין איר כאַלוק. — קום אַריין אין שטוב, העלען, וועסט עפּעס עסן אָדער טרינקען!

— ניין, פרוי פיינגאָלד. מיר איילן זיך זייער, מיר האָבן צו דערליי־דיקן עטלעכע דרינגענדע ענינים, האָבן מיר ניט קיין צייט. פרישטיק האָבן מיר געגעסן אין דער היים.

— איך וויל אייך זאָגן, אַז מיר האָבן באַשלאָסן צוזאַמענטרעפן זיך ביי מיינע עלטערן. איך וויל איר זאָלט קומען. מיר וועלן זיין און אויך רמי. פאַרוואָס זאָל ישראל זיין אַנדערש פון אַמעריקע. די ישראלים שרייען, אַז אין אַמעריקע איז לויטער „ביזנעס". איר געדענקט, ווי מיר פלעגן זיין אַפּטע געסט איינע ביי די צווייטע. און דאָ איז אַקוראַט פאַרקערט. איך וויל באַנייען אונזער טראַדיציע.

— מסכים, העלען. העלען, איך האָב מיט דיר צו רעדן זייער אַ וויכ־טיקע זאַך. איך וויל זיך מיט דיר באַראַטן.

— ניט איצט, פרוי פיינגאָלד. מאָרגן וועלן מיר צייט האָבן, וועלן מיר שמועסן. — האָט העלען געענטפערט.

— אָבער דאָס גייט זייער אָן רמין — האָט פרוי פיינגאָלד ווייטער גערעדט.

— די וועלט וועט ניט אונטערגיין ביז אין אָוונט. „גוד ביי" פרוי פיינגאָלד!

— „גוד ביי", העלען! — האָט פרוי פיינגאָלד געענטפערט. העלען איז אַריין אין אויטאָ און מיט אַ רעש פאַרלאָזט דאָס אָרט.

— די זעלבע ווילדע... גאַרניט געענדערט. קאַנטיק, אַז זי איז צו־פרידן — האָט פרוי פיינגאָלד גערעדט צו זיך.

אין געציילטע מינוטן איז העלען געווען ביי אירע עלטערן אין שטוב. ווען די מוטער האָט איר דערזען, האָט זי איר אַרומגעכאַפּט ווי מען כאַפּט אַ טייערן אוצר.

— העלען! טאַכטער מיינע! וואָס מאַכסטו? ווו איז דוד?

— ער איז אין אויטאָ. מוטער, מיר האָבן ניט קיין צייט, מיר האָבן

באשלאסן צוקומען אהער און זיין דא היינט אוונט און מארגן א גאנצן טאג. איך האב געלאדן פרוי פיינגאלד אהער. מיר קומען מיט רמין. איך פארהאף, אז עס וועט דיר ניט פאלן שווער, איך וועל דיר העלפן. דער קיבוץ האט מיך אויסגעלערנט ניט צו זיין פויל. ווען דו וואלסט געזען, ווי דיין העלען שטייט אויף באגינען און גייט צו איר ארבעט, וואלסטו זיך ניט געגלויבט. אז דיין העלען, וועלכע פלעגט אין ניו־יארק שלאפן ביזן גרויסן טאג, זאל דא אזוי פרי אויפשטיין. פארגעס ניט, אז אין קיבוץ זיינען ניטא קיין נעגערטעס. און די צימערן מוז מען אליין אויפראמען. אמת, דוד העלפט מיר צו, אבער דאך איז עס מענער הענט... — האט זי געלאכט.

דוד איז דערוויל ארײן אין שטוב. א קוש געטאן דער מוטער און זיך געזעצט ביים טיש. דרייענדיק אין האנט די שליסלען פון דער מאשין.

— קום דוד, — האט זיך העלען אפגערופן. — א שאד די צייט.

— מיר וועלן אניאגן, העלען. רו זיך אפ פון וועג ביסט מיד...

— ער מאכט זיך אזוי גוט, פאר דיר, מוטער, אט ווי פאלש עס זיינען די מענער. זאל ער עס אזוי רעדן צו מיר אין קיבוץ? דארטן, אז איך בעט אים אויסוווישן דעם פאל, זאגט ער, אז ער איז מיד...

— העלען, די מוטער קאן דאך מיינען, אז דאס איז אמת. גלויבט איר ניט. ווען איך וויל וואס טאן, רייסט זי ארויס פון מיין האנט די כלים און זאגט: אז דאס איז אן ארבעט פאר ווייבער. ס'איז ניט שיין, אז א מאן זאל אנטאן א פארטוך, פונקט ווי ס'איז ניט שיין צו זען א מאן שוואנגערן... — האט העלען געלאכט.

— טאכטער, ווי רעדסטו?

— אט אזוי פירט זי זיך מיט מיר אויך. — האט דוד זיך אפגערופן.

— וואס? איך טאר ניט רעדן? איך בין דאך שוין א חתונה געהאטע און ווייס שוין אלע סודות פון לעבן... — האט העלען געלאכט און אריינגעלאפן דערביי אין קיך א כאפ געטאן א שטיק עפל־קוכן, וועלכע זי געדענקט עס נאך פון ניו־יארק. אויך דודן האט זי געגעבן עס גלייך אין מויל ארײן.

— מיר פארן! — האט העלען אויסגערופן.

— יא, עס איז א שאד די צייט. — האט דוד געענטפערט. מיר האבן נאך א סך זאכן צו דערליידיקן און די צייט איז קורץ. העלען און דוד האבן געקושט דער מוטער, געלאזט גריסן דעם פאטער, וועלכער איז איצט געווען ביי זיין ארבעט און זיינען ארויס פון שטוב.

— די זעלבע מויד... — האט די מוטער א טראכט געטאן. — קאנטיק,

אזוי ווי מען איז צו צען, אזוי איז מען צו צוואנציק... זאלן זיי נאר געזונט זיין, טייערע קינדער. — האט זי גערעדט צו זיך.

דוד און העלען האבן איינגעקויפט זייערע זאכן אין „המשביר" און ארום צוועלף אזייגער זיינען זיי שוין געווען אין דער היים אין קיבוץ.

פרוי פיינגאלד בארעט זיך מיט פרוי ראזין

זינט רמיס מוטער האט געלייענט דעם אנאנס אין „ירושלים פאסט", אז שרה דאנישעווסקא גייט דינסטיק חתונה האבן, האט זי זיך ניט געפונען קיין ארט. זי האט געוואלט פריער רעדן מיט העלען וועגן דעם, אבער יענע איז יונג און אן דערפארונג. „עס ברענט ניט, זאגט זי", „די וועלט גייט ניט אונטער ביז מארגן". זיי האבן צייט, ווען זי ווייסט אבער איז וואס עס גייט, וואלט זי אנדערש גערעדט. פרוי פיינגאלד האט נאכאמאל ארויסגענומען דעם אנאנס און געלייענט. יא, ס'איז שרה. די זעלבע שרה. דינסטיק האט זי חתונה מיט גדעון מארקאוויטש. ווער איז ער? — האט זי א טראכט געטאן, — ווו קאן מען איר זען? — פרוי פיינגאלד האט א טראכט געטאן, אפשר קאן זי איצט פארריכטן, וואס זי האט קאליע געמאכט. זי האט זיך געפילט שולדיק פאר איר זון. זי האט צעשטערט זיין גליק. זינט די געשיכטע מיט שרהן איז ער געווארן אן אנדערער. זי דערקאנט אים ניט. אומעטיק, איינגעשלאסן אין זיך, רעדט ניט קיין סך. איז אזוי ערנסט, וואס טוט מען? ווו געפינט מען איר?

פרוי פיינגאלד האט באשלאסן זיך דורכצורעדן מיט פרוי ראזין, פארט צוויי מוחות. היינט אוונט קומען די קינדער אהער. מען דארף עפעס טאן, ווייל דינסטיק וועט שוין זיין צו שפעט. דער ערשטער וועג האט איר געפירט צו פרוי ראזין. זי האט אנגעקלונגען און ווען פרוי ראזין האט איר געזאגט, אז זיי זיינען געלאדן אויף מיטאג צו זיי, האט פרוי פיינגאלד געענטפערט, אז זי האט זייער א וויכטיקן ענין א דורכצורעדן זיך איידער די קינדער קומען.

— קומט אהער, פרוי פיינגאלד, אדער אפשר ווילט איר איך זאל קומען צו אייך? דער שבת איז שוין פארטיק.

— קומט אַהער, פרוי ראַזין, איך האָב אייך זייער אינטערעסאַנטע נייעס צו דערציילן.

אַ פרוי פאַר נייעס וועט פאַרן אַזש קיין האָנאָלולו, — זאָגן די מענער. אין אַ שעה שפּעטער איז פרוי ראַזין געזעסן אין פּריוואַטן צימער פון פרוי פיינגאָלד און געשמועסט. צווישן אַנדערן האָט פרוי פיינגאָלד אַרויסגענומען דעם אַנאַנס און געוויזן דער פרוי ראַזין.

— וואָס הייסט דאָס ? — פרעגט פרוי ראַזין.

— אָ ! איר ווייסט ניט. דאָס איז דאָך די זעלבע שרה, רמיס געוועזענע כלה, פאַר וועלכער מיר האָבן געפּעלשט אירע בריוו.

— אָ ! — האָט זי אַ געשריי געטאָן, — שרה גייט ערשט איצט חתונה האָבן ?

— הייסט עס, אַז ביז איצט איז זי נאָך געווען פריי ? — האָט פרוי ראַזין גערעדט מיט אויפרעגונג.

— יאָ ! זי האָט ניט חתונה געהאַט, דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז גראַד זאָל איך קומען אַהער, גראַד זאָל איך זען דעם אַנאַנס אין דער צייטונג. אָבער וואָס טוט מען ? דערציילן עס רמין אָדער ניט. לאָזן אים פאַרגעסן ? ווער דאַרף עס וויסן דערפון ? — האָט פרוי פיינגאָלד גערעדט מיט הארץ. איך ווייס, אַז איך האָב שטאַרק געזינדיקט קעגן מיין קינד. איך האָב געוואָלט זיין טובה. צום סוף האָב איך מיט דעם אים פאַרשאַפט גרויס פּיין. זינט זיין צוריקקומען אַהער, גייט ער אַרום אַן אומעטיקער. אַן אָפּגעלעבטער. אַרבעט פון פרי ביז שפּעט אין קיבוץ. פאַרמאַכט זיך אין זיין צימער און לייענט. צו אונז קומט ער ניט אָפּט. ער האָט געקאָנט אַריין אין די ביזנעס, ער טויג זיך גוט אויס צו דעם. מיר האַלטן אַ דירעקטאָר אין צאַלן אַ סך געלט. יענער וואַרט נאָר פון ערשטן צום ערשטן, כדי צו נעמען זיין לוין. און ווען איך האָב גערעדט אַמאָל מיט רמין וועגן דעם, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וועט פון קיבוץ ניט אַוועקגיין. און כאָטש ער האָט גערן די עלטערן, וויל ער ניט זיין אינדערהיים. ער האַסט מיך, איך ווייס דאָס.

— ראָט איך אייך, אים דאָס צו אַנטדעקן. — האָט פרוי ראַזין אויסגערופן. — ער וועט אין דעם זען אייער טרייקייט, ווייל זאָל ער זיך דערוויסן, אַז איר האָט געוווסט פון איר חתונה און אים ניט געזאָגט — וועט ער זיין אויף אייך זייער בייז. איך מיין, אַז איר דאַרפט פאַרריכטן דאָס, וואָס איר האָט קאַליע געמאַכט. וואָס זאָגט אייער מאַן וועגן דעם ?

— איך האָב מיט מיין מאַן וועגן דעם ניט גערעדט. איך מיין טאַקע,

אַז היינט אָוונט, זאָלן מיר זיך אַלע פיר אַדורכרעדן. עס איז ניט קיין קליי־ניקייט. ווייל דאָ קאָן פּאַרקומען טראַגעדיעס און אומאַנגענעמלעכקייטן. ניט דערציילן רמין, וועל איך מיין קינד דערוואָרבן פאַר אַ שונא אויפן גאַנצן לעבן. יאָ דערציילן, קאָן ער זיך גלייך אָוועקלאָזן איר זוכן און איצט וועט ער איר גלייך געפינען. און ווער ווייסט, וואָס יונגע קאָנען אָפּטאָן.

ביידע פרויען האָבן באַשלאָסן היינט אָוונט זיך באַראַטן מיט די מענער.

רמי טרעפט זיך מיט שרהן

דער אָוונט איז גיך צוגעפאַלן. פּונקט צו ליכט ציגדן איז אָנגעקומען העלען, דוד און רמי. דוד האָט אַריינגעבראַכט עפּל, באַרן, פלוימען פון קיבוץ. רמי איז געקומען אין זיינע שבת־קליידער און העלען? אין איר לייכט העל קליידל די האָר צעוואָרפן, אָבער ווי שטענדיק, לעבעדיק און פיל מיט הומאָר. רמי האָט אַראָפּגענומען פון זיין פּלייצע אַ רוק־זאַק, אים אָוועקגעלייגט אויף דער קיך טעראַסע און אַ קוש טוענדיק דער מאַמען, איר האַרציק אַרומגענומען.

גראָד די דאָזיקע וואַרעמקייט פון רמין, האָט פרוי פיינגאָלד אַריינגע־פירט אין אַ רחמנות געפיל צו איר זון. ניט געקוקט, וואָס ער איז זינט זיין קומען אין לאַנד געוואָרן אַן אַנדערער, אַן ערנסטער, האָט ער דאָך ליב געהאַט זיינע עלטערן. שפּעטער איז ער צו צום פאָטער, האָט אים געדריקט צו זיך און ביידע מענער האָבן זיך געזעצט אין די פאָטעלן פון זאַל.

— נו, פאָטער! ווי גייען עפּעס דיינע געשעפטן אין ישראל?

— ניט צו פאַרזינדיקן. איך האָב זיך אויף דעם ניט גערעכט. דאַכט זיך, אַזאַ קליין לאַנד, אַזוי וויניק מענטשן און סחורה רייסט מען פון די הענט. איך באַוויז ניט עפּעס צו פּראָדוצירן און דער טראַנספּאָרט אַרבעט איז פאַרקויפט. מען רעדט ניט וועגן פרייזן, נאָר גיב. כ'האָב זיך ממש געשראָקן ווען מיר האָבן באַשלאָסן אַריבערפאָרן אַהער.

— אָבער דאָ געפינסטו זיך צווישן יידן. דו הערסט ניט דאָס וואָרט „דזשו" (ייד). עס וועט נאָך בעסער ווערן, ווייל די באַפעלקערונג וואַקסט. און אין 1947 ווען מיר זיינען געווען אַ האַלבער מיליאָן, האָט מען געדאַרפט

שטאָפּן נאָר פּאָר אַ האַלבן מיליאָן. היינט ציילט ישראל קנאַפּע צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן מענטשן. ווייסטו וואָס עס הייסט פינף מאָל מער? און אז מיר וועלן אין גיכן ציילן דריי מיליאָן און מערער, שטעל זיך פאָר, ווי מיר וועלן אויסזען. האָסט גוטע האָפענונגען. פּאָטער.

— נו, מיין זון, אפשר גייסטו אין די ביזנעס? דו ווייסט דאָך, אז קיין סך אַרבעטן טאָר איך ניט. און די פרעמדע זיינען דאָ ניט אַזוי ווי מען דאַרף...

— ניין, פּאָטער, איך קאָן שווין ניט זיין אין שטאָט. מיר ציט אין מיין ווינקל. איך וויל ניט לעבן פון מסחר. איך האָב הנאה, ווען איך באַאַרבעט דעם בוים און ער בליט גוט און שפּעטער גיט ער די פּרוכטן. ווייס איך, אז אָט מיט די הענט האָב איך וואָס געשאַפן. אז איך צעאַקער אַ שטיק באָדן און באַפרוכפּער עס מיט זוימען און וואַסער, וואַקסן אַרויס לעבעדיקע זאַנגען פול מיט קערנער. פאַר מיינע אויגן בליט אויף אַ לעבן, לייגן מיר אַריין אייער אין אינקובאַטאָר, קומען אַרויס לעבעדיקע הינדעלעך. אַ, פּאָטער, ווען דו וואָלסט געפילט די פרייד, וואָס איך האָב, ווען איך זע פאַר מיינע אויגן אויפשפּראָצן בליאונגען. און ווען עס ווערט געבוירן אַ קינד אינעם קיבוץ, פיל איך צו אים אַזאַ נאָענטקייט, אַזאַ וואַרעמקייט, דו קאָנסט זיך עס גאָרניט פאָרשטעלן. אויך העלען איז אַזאַ. זע ווי זי שטראַלט ממש. איך ווייס ניט צי אַ מיידל קאָן זיין אַזוי גליקלעך ווי העלען מיט איר דודן. אמת, זי אַרבעט ניט שווער, זי האָט צו טאָן מיט די קינדער. דאָס וואָס שרה האָט אַמאָל געטאָן.

ביים וואָרט שרה, האָט רמי אַראָפּגעלאָזט זיינע אויגן צו דער ערד און זיך גענומען שפּילן מיטן דיוואַן, באַוועגנדיק מיט די פיס. ביידע מענער האָבן אויפגעהערט רעדן. רמי האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך אָפּגערופן:

— פּאָטער, איך גיי זיך טושן, ביי אייך איז דאָך דאָ נאָר איין טוש.

רמי האָט גענומען אַ ריינעם האַנטוך און זייף און וועלנדיק אַריינגיין אין באָדע צימער, האָט ער געטראָפן פאַרמאַכט די טיר.

— ווער איז דאָרטן? — האָט זיך דערהערט אַ שטים.

— איך, רמי — האָט ער געענטפערט.

— וועסט זיך באָמיען אַ ווייל צוואַרטן. פאַר מענער איז דער אַריינגאַנג איצט פאַרבאָטן! — האָט העלען אַרויסגעשריען. אַ פריילעך געזאַנג האָט געשפּאַרט פון העלענס האַרץ, רמי איז געשטאַנען און זיך צוגעהערט דאָס גיסן זיך פונעם וואַסער, וועלכע האָט געוואַשן העלענס קערפּער און זיך אויסגעמישט מיט די קלאַנגען פון אַ יידיש פאָלקס-לידל.

אַ ווײַלע שפּעטער איז העלען אַ פריילעכע און אַן אָפּגעפרישטע פון האַלטן טוש, אַרויס קושנדיק רמין פון גוטע שטימונג.

— איך וועל עס דערציילן דודן — האָט רמי זיך אָפּגערופן און אַרײַן אין באָדע־צימער.

ווען העלען איז אַדורך דעם קאָרידאָר האָט זי באַמערקט, ווי ביידע פרויען זיצן און שמועסן. ביי העלענס צוקומען, האָבן זיי אויפגעהערט רעדן.

— וואָס פאַר אַ סודות גייען אַן צווישן אייך? — האָט העלען אויסגערופן —, איך שוואַגער ניט. איך האָב צייט — האָט זי געלאַכט און געווישט דאָס פּנים אירס, וועלכעס איז געווען נאָך פייכט.

— ניין, העלען! ניט וועגן דיר רעדן מיר. מיר רעדן גראָד וועגן רמין. מיר זעען ווי גליקלעך דו ביסט און מיר פילן ווי רמי איז אומעטיק. און מיר ווייסן דאָך, אַז מיר זיינען אַליין שולדיק אין דעם. אָבער מיר האָבן נייעס. מיר ווילן זיך טאַקע באַראַטן מיט דיר און מיט דודן.

— וואָס פאַרא נייעס? — האָט העלען אַ נייגעריקע זיך אָפּגערופן.

— גיי, טו זיך איבער און קום אַהער. דערציילט ניט קיינעם, ברענג מיט דודן און מיר וועלן שמועסן.

העלען איז מיט פעסטע טריט אַוועק אין איר צימער. זי האָט זיך אָנגעטאָן אין אירע שענסטע קליידער, וואָס זיינען נאָך געהאַנגען אין דער מוטערס שאַפע. דאָס זיינען געווען אירע לוקסוס קליידער פון אַמעריקע, אין וועלכע דוד האָט זיי נאָך ניט געזען.

ווען העלען איז אַריין אין צימער, וווּ איר מוטער איז געזעסן, איז שוין דוד דאָרט געווען און געזעסן אויף אַ סאָפע אריינקוקנדיק אין אַ צייטונג. מיטן אַריינקומען פון העלען האָט דוד אויפגעהערט לייענען. און ווען ער האָט באַמערקט העלען אין איר נייעם קלייד, איז ער געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל. אַזוי שיין איז זי געווען. ס'איז ריכטיק, וואָס מען זאָגט, אַז קליידער מאַכן לייטן. העלען האָט געשיינט ווי אַ פּרעכטיקע בלום. העלען האָט זיך געזעצט נעבן דודן, האָט אים אַרומגענומען און געקושט. דוד האָט שעמעוודיק אויסגערופן: — העלען שעמסט זיך גאָרניט פאַר די עלטערן?

— וואָס איך טאָר ניט. בין איך דיין פרוי צי ניט? ביזטו מיין מאַן? ווילסט ניט?... — האָט זי קאַפּריזנע שמייכלענדיק זיך אָפּגערופן, — דאַרף מען ניט. און זי האָט זיך אויפגעהויבן און זיך געזעצט נעבן איר מוטער.

פרוי ראָזין האָט געצערטלט די האַנט פון איר טאָכטער און אויסגערופן: — צו לאַנגע יאָר אייך, מיינע טייערע. איך האָב זיך ניט פאַר־

געשטעלט, אַז די דאָזיקע „ווילדע״ העלען, וועט זיך אַזוי איינלעבן אין לאַנד.

דערווייל זיינען אריינגעקומען די מענער. שבתדיק אָנגעטאָן און זיך אויך געזעצט ביים קליינעם טישל, ווו עס זיינען געשטאַנען פּרוכטן און אַ לייכטער טרונק. ערשט ווען רמי איז אָנגעקומען אָנגעטאָן אין אַ פּאָר שוואַרצע הויזן מיט אַ ווייסער בלוזע און מיט אַן אָפענעם האַלדז, האָבן זיך אַלע געזעצט צום טיש עסן.

רמי, ווי אומעטיק ער איז געווען, האָט דאָך באַקומען אַ ביסל שטי־מונג. ער האָט איצט אויסגעזען שיין, און זיין ערנסטקייט האָט אויסגע־דריקט דאָס מענערישקייט.

פרוי ראָזין און פרוי פיינגאָלד האָבן געוואָרפן צו אים בליקן, באַדויערנדע. אין זייערע הערצער האָט זיך אָפּגעשפּילט נערוועזיטעט. דעם סוד, וואָס זיי האָבן געטראָגן אין הארצן, האָט זיי געקוועלט, און רמי האָט עס געמערקט. ער האָט אָבער ניט געוווסט, אין וואָס עס גייט.

דאָס עסן איז צוגעגאַנגען היימיש באַלעבאַטיש. העלען האָט צוגעהאָלפן דער פרוי פיינגאָלד סערווירן און געבן צום טיש. דאָס געזאַנג פון „שלום עליכם״ און „הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד״, האָט געקלונגען ווייט אַרויס פון זייער ווילע. און ווען מען האָט אָפּגעגעסן, איז רמי אַוועק שפּאַצירן אין דער אומגעגנט. ער האָט ליב איינזאַמקייט און די דאָזיקע איינזאַמקייט האָט ער געפונען אויך אין דער סביבה.

פרוי פיינגאָלד און פרוי ראָזין האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט פון רמיס אָפּוועזנהייט, און זיצנדיק אין קרייז, האָט פרוי פיינגאָלד אַרויסגע־נומען דעם אַנאַנאַס, און געוויזן העלען.

העלען האָט דורכגעלייענט דעם אַנאַנאַס, אויפגעעפנט אַ פּאָר אויגן פול מיט שרעק. — גאָט אין הימל! — האָט זי אויסגעשריען. געבנדיק זיך אַ כאַפּ פּאַרן געזיכט מיט די הענט.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט דוד אַ דערשראָקענער אויסגערופן. העלען האָט אים איבערגעגעבן דעם אַנאַנאַס. ביידע מענער זיינען געזעסן פאַרטראַכט און ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ גייט פאָר. וואָס קאָן אַזאַ אַנאַנאַס רעדן.

— דערציילט אויך אונז, וואָס דאָ קומט פאָר? — האָט מיסטער פיינ־גאָלד אויסגערופן.

— שרה גייט דינסטיק חתונה האָבן!

— וואס ? ! — האט פיינגאלד א געשריי געטאן. — און רמי ווייסט ניט דערפון ?

— ניין ! — האבן זיך אלע צוזאמען אפגערופן. — רמי ווייסט ניט. מיר האבן עס אויך ניט געוווסט, ווען ניט דער צופאל, דערזעענדיק דעם אנאנס, וואלטן מיר קיינער ניט געוווסט דערפון. אויב אזוי דארפן מיר זיך באראטן, וואס צו טאן : זאלן מיר עס דערציילן רמין, אדער לאזן אים פאר־געסן און זאל זיך שרה גיין איר וועג.

— גאט איז מיט אייך, — האט הער פיינגאלד אויסגערופן. — צופיל האט רמי ליב שרהן און צופיל האט שרה ליב רמין, אז מיר זאלן אזא זאך דערלאזן. כל־זמן עס איז נאך ניט צו שפעט...

— פרוי פיינגאלד, איר ווייסט דאך יא, אז מיר זיינען שולדיק אין זייער צעשיידונג, איר ווייסט דאך יא וועגן די בריוו, וואס מיר האבן געשריבן צו שרהן — האט פרוי ראזין געזאגט. — צעשיידט זיי האבן מיר דאך אויף א מערדערישן און פשוט פארברעכערישן אופן, איר זעט דאך, פאר איר חתונה האבן איז זי נאך געקומען קיין ניו־יארק און איין באזוכט. דאך האט זי געוואלט זען רמין. אויף דעם שריט וואס זי האט באשלאסן, איז דאך ניט געקומען פון היינט אויף מארגן. מן־הסתם ציט זיך עס שוין לאנג, און נאך האט זי ניט חתונה געהאט. זאלן מיר דאס אויך אויף ווייטער באהאלטן פון רמין ? איינס פון די צוויי : האט זי אים ליב, וועט זי גיין צו רמין, האט זי באשלאסן חתונה האבן מיטן דאקטאר, וועט זי עס דאך אים זאגן. אלנפאלס, מיר מוזן רמין דערפון דערציילן. — האט הער פיינגאלד געזאגט.

— אוי, וועט דא זיין א חתונה ! — האט העלען א געשריי געטאן. — אויב איר ווילט וועל איך עס אים דערציילן. — האט העלען געזאגט. — און איך וויל טאקע האבן שרהן אלס מיינע א חברטע. דוד, וואס זאגסטו צו דיין אמאליקע געליבטע ?

— דיר וועט דאס גארניט שטערן, העלען. זאל נאר שרה זיך דערוויסן, אז רמי איז דא, וועסטו זען באלד, ווי זי וועט קומען צולויפן, ווי א טייבעלע אין איר נעסט. איך ווייס ווי שרה האט ליב רמין. און אויב זי גייט חתונה האבן מיטן דאקטאר מארקאוויטשס זון, איז עס מער צוליב יאוש, ווי צוליב ליבע. רמי מוז עס ויסן, און טאמער וועלן מיר ניט דער־ציילן. וועט רמי וועגן אייך קיינמאל מער ניט וועלן וויכן. גדעדענקט, עלטערן! האט העלען אויסגערופן. — איר וועט רמין פארלירן אויף אייביק, און איך וועל אויך זיין אין כעס. — האט זי ווייטער געזאגט. — וואס צו פארלירן

איז דאָ ניטאָ. זיי גרייטן אַ חתונה אין אַ גרויסן זאַל. עס קאָסט אַ סך געל. מילא, מיר קאָנען נאָך באַשטיין אויף דער הוצאה. קיין סך געסט דאַרפן מיר ניט פאַרבעטן. די נאָענטסטע פריינד, וואָס מיר האָבן זיך דאָ דערוואָרבן און אַ ביסל חברים פון קיבוץ.

— וואָס עס זאָל ניט זיין, אָדער, אָדער. איז אָפּגערעדט ? — האָט העלען געפרעגט.

— אויב דערציילן רמין מוז עס די מוטער טאָן — האָט זיך פרוי ראָזין אַריינגעמישט. — ווייל שנאה האָט ער געטראָגן אויף דער מוטער, וועט זי עס איצט פאַרריכטן. פרוי פיינגאָלד, דערציילט עס אים באַלד, ווייל אַ שאָד יעדער מינוט.

לאַנג האָבן זיי נאָך גערעדט וועגן דעם פאַל און די אויסזיכטן, וואָס זיינען נאָך פאַראַן. אַלע זיינען זיי געקומען צום אויספיר, אַז שרה וועט אָפּלאָזן דעם שידוך מיט איר דאָקטאָר און וועט קומען צו רמין. דערווייל האָט זיך דער זייגער גערוקט. און רמי איז נאָך אַלץ ניט געוועזן אין שטוב. לענגער וואַרטן האָט די משפחה ראָזין ניט געוואָלט און זיי זיינען געגאַנגען שלאָפן. אויך העלען מיט דודן זיינען געגאַנגען אין זייער צימער. נאָר איין פרוי האָט באַשלאָסן וואַרטן ביז רמי וועט קומען. — דאָס איז געווען פרוי פיינגאָלד, — וואָס עס זאָל ניט זיין — האָט זי געטראַכט, — מוז איך אים אָפּוואַרטן.

ערשט אַרום איינס אַזייגער ביינאַכט איז רמי אָנגעקומען. ער איז אַריין שטיל אין צימער. ער האָט די ליכט ניט אָנגעצונדן. פּלוצים האָט ער דערהערט רופן זיין נאָמען.

— רמי, רמי !

— וואָס איז געשען, מוטער ? — האָט רמי אויסגערופן.

— איך וויל מיט דיר רעדן.

— איצט, אַזוי שפּעט, קאָנסטו עס ניט אָפּלייגן אויף מאָרגן פרי ?

— עס קאָן זיין מאָרגן. נאָר איך וויל בעסער מיט דיר רעדן איצט.

פרוי פיינגאָלד האָט אויף זיך פאַרוואָרפן אַ כאַלאַט און זיי זיינען אַרויס אויף דער טעראַסע.

ס׳איז געווען אַ שטילע זומער־נאַכט. פון די מאַראַנצן בוימער האָט זיך געטראָגן אַ געשמאַקער ריח. שטיל איז דער אַרום. ווי פרייטיק צו נאַכט אין אַ קאָלאָניע. אַ גריל האָט נאָר ערגעץ ווייט געגרילט און אַ הונט איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ שטיל בילן.

— מוטער, וואָס איז עס אַזוי פּלוצים ?

— זון מיינער. — האָט פרוי פיינגאָלד זיך אָפּגערופן, — מיך פּיי־ניקט דאָס געוויסן, וואָס איך האָב דיר פאַרשאַפט אַזוי פיל ליידן מיטן שיידן דיך פון שרהן. אַז שרה האָט דיך ליב ביזן היינטיקן טאָג, דאָס ווייס איך, און דאָס טאַקע, ליב — מיט איר גאַנצן פייער פון איר יונגער נשמה. איך האָב עס געפילט און געזען אין אירע אויגן. נאָך איר פאַרלאָזן אַמעריקע, ווייס איך ניט, ווו זי געפינט זיך, אָבער היינט אין דער פרי, האָב איך אין „ירוזאַלעם פּאָסט" געלייענט אַן אַנאָנס, אַז שרה דאַנישעווסקאַ מיט גדעון מאַרקאָוויטש גייען דינסטיק חתונה האָבן. הייסט עס, אַז זי האָט נאָך ניט חתונה געהאַט. אָט האָסטו דעם אַנאָנס, לייען וועגן דער חתונה.

פרוי פיינגאָלד האָט אַרויסגענומען דעם אַנאָנס און אים דערלאַנגט איר זון. רמי, רואיק, קאַלטבלוטיק, האָט ער אים גענומען אין האַנט און גע־לייענט: שרה דאַנישעווסקאַ מיט גדעון מאַרקאָוויטש. זיין בליק איז פאַר־שטיינערט געוואָרן. ער האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. עד האָט נאָר געקוקט אויף דער חתונה־מעלדונג און דערפון ניט אַראָפּגענומען זיינע אויגן.

— וועגן וואָס טראַכטסטו, מיין זון? — האָט פרוי פיינגאָלד אומרואיק געפרעגט. איך האַלט, אַז דו דאַרפסט זי זען נאָך פאַר דער חתונה...

— ווייסט דערפון העלען, דוד און אַלע איבעריקע אין שטוב?

— יאָ, — האָט פרוי פיינגאָלד געענטפערט. — אַלע ווייסן דערפון. מיר זיינען געזעסן און געוואַרט אויף דיר ביז צוועלף ביינאַכט און זיך באַראַטן, וואָס טאָן...

— מוטער, אַ דאַנק דיר! — האָט רמי אַרומגעמענדיק דער מוטערס קאָפּ איר אַ קוש געטאָן. — גיי איצט שלאָפן. נאָך מאָרגן וועל איך זי זען.

פרוי פיינגאָלד האָט געפילט, ווי עס איז איר אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרצן. אפשר, אפשר, — האָט זי צו זיך אַליין געמורמלט, — אפשר וועט שרה אין דער לעצטער מינוט זיך באַדענקען און גיין צוריק צו רמין. זינט שרהס פאַרשווינדן איז רמי אַ גאָר אַנדערער מענטש געוואָרן. ער איז אומעטיק, גייט ניט מיט מיידלעך, האָט זיך נאָר געווידמעט דער אַרבעט אין קיבוץ. לאַנג לאַנג האָט פרוי פיינגאָלד ניט געקאָנט איינשלאָפן. אויך רמי האָט ניט געקאָנט גיין שלאָפן. ער האָט גענומען דאָס טעלעפאָן־בוך, האָט געזוכט דעם נאָמען דאָקטאָר מאַרקאָוויטש, — און האָט געפונען דעם אַדרעס. ער מוז אַהין אָנקלינגען גאַנץ פרי, יאָ, ער וועט קלינגען און זיך נאָכפרעגן אויף שרהן. זיכער געפינט זי זיך לעצטנס ביי זיי אין שטוב. און אויב זי איז דאָרט, שלאָפט זי שוין געוויס צוזאַמען מיט אים אין איין צימער. זיי זיינען דאָך חתן־כלה. און אויב אין איין צימער... איז דאָך

פאַרשטייט זיך אין איין בעט! אַ שטאַרקע אייפערזוכט האָט אים פאַר־כאַפּט, ניט געקוקט, וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין רעכט דערויף.

לאַנג, לאַנג איז רמי געלעגן אין זיין בעט מיט אַ פאַרשטיקט האַרץ דערפון, וועגן וואָס ער האָט זיך נאָר וואָס דערוווּסט. ערשט ווען די זון האָט אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן מיט אירע שטראַלן, איז רמי איינגעשלאָפן. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז דער זייגער שוין געווען אַכט.

רמי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער. אַ באַרוישטער, האָט ער ניט געוווּסט, צי איז דאָס אַלץ געווען אַ חלום, אָדער אַן אמת. ווען ער האָט אָבער דערזען די חתונה מעלדונג, האָט ער ערשט גענומען גלויבן אין דעם.

רמי האָט ניט לאַנג געוואַרט. ער האָט גענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל און אָנגעקלונגען. אַ פרוי האָט געענטפערט. דאָס איז געווען דעם דאָק־טאָרס דינסט־מיידל.

— מיט וועמען ווילט איר רעדן? — האָט די פרוי געפרעגט.

דאָקטאָר מאַרקאָוויטש איז ניט איבערראַשט געוואָרן פון פרימאָרגן געשפּרעך. ווייל יעדן טאָג אָן אויפהער פלעגט דער טעלעפאָן קלינגען צו אים, אַפילו אין די פרימאָרגן שעהן, אַרויסצופאָרן צו אַ קראַנקן. דעריבער האָט ער ניט געלייגט קיין אַכט אויפן פרימאָרגן קלינגען.

— איז פריילין שרה דאַנישעווסקאַ שוין אויפגעשטאַנען? — האָט רמי אָנגעפרעגט.

— ווער פרעגט? — האָט די דינסט מיט אַ פראַגע אָפּגעענטפערט.

— אירס אַ פריינד. — האָט רמי געענטפערט. — קען מען מיט איר אפשר איצט רעדן?

— פריילין דאַנישעווסקאַ איז שוין אויפגעשטאַנען, אָבער מיט פופצן מינוט צוריק איז זי מיטן זון פונעם דאָקטאָר ערגעץ אָפּגעפאָרן. זיי וועלן ערשט אין אָוונט צוריק קומען.

— וויפל אַ זייגער זיי וועלן זיך צוריקקערן, ווייס איר ניט? — האָט רמי נאָך אַלץ נאָכגעפרעגט.

אַזוי ווי דאָס געשפּרעך פון דער דינסט ביים טעלעפאָן האָט זיך פאַר־צויגן, האָט דער דאָקטאָר גענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל אין האַנט און זיך נאָכגעפרעגט „ווער רעדט”?

— עפּעס אַ פריינד פון שרה, — האָט די דינסט געענטפערט.

— דאָ רעדט אַ גוטער פריינד פון שרה דאַנישעווסקאַ. איך וואָלט זייער וועלן מיט איר רעדן.

— אכט אונט וועט זי זיין צוריק. קאָן איך איר עפּעס איבערגעבן אין אייער נאָמען ?

— איך דאַנק אייך זייער דאָקטאָר. זאָגט איר ביטע, אַז דוד וויל מיט איר רעדן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין פאַר איר. זאָל זי באַלד אָנרופן לויטן נומער 753218.

— און בעטן ? —

— בעטי דודן. דאָס איז אַלץ.

— איך האָף, אַז עס וועט זיין אין אָרדענונג.

— נאָך בעסער ווי אין אָרדענונג, הער דוד. ווי זי וועט נאָר אָנקומען וועלן מיר איר איבערגעבן אַלץ, וואָס איר האָט געבעטן.

ד״ר מאַרקאָוויטש האָט פאַרשריבן דעם טעלעפאָן נומער און דאָס צעטעלע אָוועקגעלייגט אויפן נאַכט-טישל פון שרהס צימער.

פון דעם דאָזיקן געשפּרעך האָט זיך העלען די ערשטע אויפגעכאַפּט. נאָך זייענדיק אין דער פּידזשאַמע איז זי אַראָפּ פון בעט און צו צו רמין.

— רמי, איך האָב פאַר דיר נייעס.

— די נייעס איז שוין אַלט געוואָרן. — האָט איר רמי רואיק אָפּגעענטפערט. איך ווייס, איך ווייס שוין אפילו, אַז שרה איז איצט ניטאָ אין דער היים. מיט אַ פערטל שעה צוריק איז זי מיט עמעצן אָפּגעפאָרן פון איר איצטיקער היים.

— זיכער צו אונז אין קיבוץ ! — האָט העלען אויסגערופן.

— און איך מיין, אַז צום ים זיך באָדן.

דערווייל איז שוין אויך דוד אויפגעשטאַנען. ער איז צו צו רמין און אים שמייכלענדיק אין די אויגן געקוקט.

— וואָס זאָגסטו דערצו, וואָס פאַר אַ צרות די קליינע שרהלע טוט אונז אָן ?...

— דוד, איך בעט דיך... אַכט אַזייגער וועט זי זיין אין דער היים. איך האָב געבעטן זי זאָל זיך מיט אונז פאַרשטענדיקן. ווען איר שוועסטער האָט מיך געפרעגט ווער עס רעדט, האָב איך מיין נאָמען ניט געוואָלט אָנגעבן. מעגלעך, אַז זיי ווייסן, ווער איך בין — און אויך מעגלעך, אַז ניט. אָבער צוליב זיכערהייטס טעמים האָב איך אָנגעגעבן דיין נאָמען. אַז דו הייסט עס, ווילסט מיט איר רעדן. באַשטעל זיך מיט איר נאָך היינט אויף אַ טרעפונג אין אַ קאַפע אויף דיזענגאָף גאַס. דו זאָלסט מיט העלען דאָרט וואַרטן אויף שרהן און שפּעטער וועל איך צוקומען.

* * *

שרה איז כמעט די נאַכט ניט געשלאָפֿן. זי איז געלעגן מיט אָפֿענע אויגן און געטראַכט: אייגנטלעך איז עס איר לעצטער פּרייטיק צו נאַכט אַלס מיידל. איבעראַכטאָג אין דער צייט, וועט זי שוין זיין אַ פרוי. און ווער איז איר מאַן? ניט רמי, מיט וועלכן זי האָט אַזוי פיל זיסע אָוונטן פאַרבראַכט און ווי זי האָט זיך עס געשראָקן דעם ערשטן אָוונט ווען זי איז געווען אין זיין צימער, אָבער ווי זיס זיינען געווען דאָן זיינע קושן. ווי וואַרעם און צערטלעך ער האָט עס דאָן גערעדט. ווי ער האָט רואיק געווישט אירע טרערן פון גליק. ווען זי איז מיט רמין געווען צוזאַמען. זי דערמאָנט זיך גראָד איצט, ווען זי האָט אונטערגעלייגט איר געזיכט אונטער זיין האַנט און איר געקושט. און רמי? ווי נאַאיוו ער איז געווען. אַ, רמי, רמי, וואָס האָסטו געטאָן? — האָט זי אויסגעשריען ווי פון שלאָף. — ווי קאָן עס זיין, אַז דו זאָלסט זיין אַזוי פאַלש? דו, וואָס האָסט געשווירן דאָן ביי מיין און דיין לעבן, ביי דיינע עלטערנס לעבן, אַז דו וועסט אויף מיר אייביק וואַרטן. און ווי נאָר ביסט אַריבער דעם ים, האָסטו אין אַלץ פאַרגעסן. אַזוי זיינען מענער — האָט שרה גערעדט צו זיך. — און גידי? ער איז זיכער ניט בעסער פון זיי אַלע. אָבער איך וועל זיי שוין מער ניט גלויבן, די מענער.

איך האָב חתונה, ווייל איך מוז עס טאָן. ס'איז שווער פאַר אַ מיידל, און נאָך אַזאַ ווי איך בין, צו זיין אַליין. מיין קורץ לעבן האָט מיר שוין געלערנט, ווער מענער זיינען. אָבער בלייבן אַליין, אַן אַ באַשיצער איז היינטיקע צייטן שווער פאַר אַ מיידל. נאָר וואָס בין איך אַריין אין פילאָזאָפיע — האָט זי אויסגערופן צו זיך. — דינסטיק וועט עס געשען. זאָל זיין, וואָס עס וויל, האָב איך זיך דעציבירט, דאַרף איך אין אַלעם פאַרגעסן. מען מוז שפּאַנען דעם וועג ווייטער.

שפּעט באַגינען איז זי איינגעשלאָפן. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָבן אירע אייגענע אויגן ניט געגלויבט, וואָס זי האָט געזען. גידי איז געשטאַנען נעבן איר און פון ווייטן געקוקט אויף דער שלאָפנדיקער שרה. קאַנטיק, אַז פון זיינע בליקן, האָט זי די אויגן געעפנט.

— גידי, וואָס טוסטו דאָ? — האָט שרה אויסגערופן.

— עס איז שוין זיבן אַזייגער און דו האָסט פאַרגעסן, אַז מיר פאָרן היינט אין דיין קיבוץ, ווו דו האָסט געבעטן זיך זען מיט דיינע חברים און חברטעס. דו ווילסט דאָך זען דודן מיט צפורהן — האָסטו געזאָגט. — און פאָרן איז גוט אין באַגינען. אויך עליזה פאָרט מיט, ביזטו קעגן?

— גאַט באַהיט, גידי. פּאַרקערט, עס וועט מיר נאָך שטאַרקער פרייען. זי פאָרט מיט אונז אָדער מיט איר מאַשין?

— זי פאָרט מיט אונז. טו זיך אָן, ווייל עס ווערט שפּעט. העלפן דיר זיך אָנטאָן? — שרה! — האָט גידי געלאַכט.

אַזוי געטריי ביסטו מיר גידי? אַ דאַנק. איך וועל זיך אַליין אָנטאָן. זיי אַזוי גוט און גיי אַריין אין דיין צימער. טו זיך איבער, און מיר וועלן זיך טרעפן ביים קאַפע.

— אַלץ איז שוין אויפן טיש. די מוטער און פאָטער זיצן און וואַרטן. די מוטער האָט היינט, לכבוד דיר, געבאַקן גוטן קוכן.

— אַ דאַנק גדעון. אַ שאָד די צייט. — גידי איז אַרויס. שרה האָט צוגעשלאָסן די טיר, און אין געציילטע מינוטן, האָט זי באַוויזן זיך טושן און זיך לייכט אָנטאָן.

— שלום, עלטערן! — האָט שרה אויסגערופן, ווען זי האָט זיך געזעצט צום טיש.

— שלום דיר, טייער קינד — האָט פרוי מאַרקאָוויטש געענטפערט, געבנדיק שרהן אַ קוש אין געזיכט, שרה האָט איר מיט דעם זעלבן געענטפערט.

זיי האָבן גיך געענדיקט דעם פרישטיק און זיבן פינף און פערציק, האָבן זיי גערירט פון פּלאַץ.

* * *

ס'איז שטיל אויף די תל־אביבער גאַסן. טאַקסיס לויפן דורך אין איי־לעניש. די שטילקייט פון דער מינוט, האָט אַ ביסל באַרואיקט אירע נערוון. שרה איז געזעסן נעבן גדעון און עליזה ביי דער זייט. ערשט ווען זיי זיינען אַרויסגעפאָרן אויפן כביש הבטחון, האָבן זיי דערפילט די שיינקייט פון טאָג. דער שאָסיי איז געווען ליידיק. די פעלדער פון אַרום האָבן געגרינט. אַ קיל זומער־ווינטל האָט געטריבן פון מערב צו מזרח און האָט געלאַשן די וואַרעמקייט, וואָס די זומען־שטראַלן האָבן אַרויסגעגעבן.

— הייסט עס, דינסטיק איז אייער חתונה? — האָט עליזה אויסגע־רופן. — איר האָט געגעבן אַ פיינעם אַנאָנס אין „ירושלים פּאָסט".

שרה האָט כמעט פאַרגעסן, וואָס מיט איר קומט פאָר. עליזה האָט איר דערמאָנט.

— יאָ, עליזה! דינסטיק. אַ וועסט טאַנצן? גדעון, האָסט ניט געדאַרפט

אנאנסירן אזוי ברייט אונזער חתונה. ס'איז בעסער, אז ס'איז שטיל, רואיק. אינטערעסירט די לייענער פון דער צייטונג, אז מיר האבן חתונה? זיי זוכן צו לייענען נייעס.

— זאלן מיינע פריינד וויסן דערפון. זיי לייענען די צייטונג, ווייל זיי ווילן זיך איבן אין דער שפראך. וועסט זען וויפל טעלעגראמען און טע־לעפאנען מיר וועלן נאך באקומען.

— אבער מיר איז עס ניט צום הארצן, ווען איך האב מיין נאמען געזען אין לאטיין־שריפט. האט עס מיר שאקירט. איך ווייס ניט צו איך וואלט געפארן אין קיבוץ, ווען ניט דיין אנאנס.

— וואס ארט עס דיר, שרה! ס'איז בעסער אזוי — האט גדעון גע־ענטפערט.

דער אויטא האט זיך געגליטשט אויפן גוט־אספאלטירטן שאסיי צווישן נס־ציונה און רחובות. דער דופט פון די פרדסים־בליאונג האט גערייצט זייערע געפילן. אלץ איז געווען אזוי ווארעם און הארציק.

א שעה שפעטער, זיינען זיי ארייגעפארן אין קיבוץ. שרה האט אפ־געשטעלט דעם אויטא נעבן חדר־אוכל (עס־זאל). אירע ערשטע טריט זיינען געווען צו דודן אין צימער. זי האט אנגעקלאפט. קיינער האט ניט געענטפערט. דערווייל איז אויך צוגעקומען גדעון מיט עליזהן. ביי שרהן האט דאס הארץ געקלאפט ווי מיט האמערס. זי האט זיך צוגעהערט. קיין פיפס האט מען פון דארטן ניט געהערט. שרה האט געעפנט די טיר. גידי האט איר אנגעכאפט ביי דער האנט און אויסגערופן:

— שרה! אינדערפרי גייסטו אזוי פריי ארייון צו א בחור אין וווינונג?

— איך קאן דודן גוט, — האט שרה געענטפערט. — און צווייטנס, אויב די טיר איז אפן, איז ניטא קיין געפאר...

שרה איז ארייון אינעווייניק. נאך איר — עליזה און דער לעצטער — גדעון. זיי האבן ארומגעשפאצירט אין די אנדערהאלבן צימערן. אלץ איז געווען פיין אויסגעשטעלט און אויפגעראמט. אייגנטלעך איז עס דאך געווען זיין וווינונג, וווּ העלענס האנט האט געשטעקט אין דעם.

ווי איבעראשט איז שרה געווארן, ווען זי האט אין שאפע דערזען פרויען־קליידער. שרה האט ניט געקאנט באגרייפן, וואס דא קומט פאר.

— ניין, ס'איז געוויס ניט דודס צימער. ער האט זיך געמוזט בייטן מיט א פארל. אבער זי האט דאך דערקענט זיין ביבליאטעק, זיינע בילדער, פון ווייטן איז אנגעקומען צפורה, זי איז געגאנגען אין עס־זאל.

שרה איז אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן צפורן. צפורה׳ן האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז שרה, אָבער זי האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס איז זי, ווייל ווי קומט זי אַהער. אָבער שפּעטער האָט זי איר דערקאַנט און ביידע מיידלעך האָבן זיך אַרומגעכאַפּט ווי אַלטע גוטע פריינד.

— וואָס מאַכסטו, צפורה? — האָט שרה געפרעגט.

— אַזוי ווי געוועז, שרהלע! און וואָס הערט מען ביי דיר?

— איך האָב דינסטיק חתונה. באַקאַן מיין בחור!

צפורה האָט אָנגעקוקט דעם הויכן מאַן, האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט און האָט דערהערט דעם נאָמען גדעון מאַרקאָוויטש.

— דאָקטאָר פון קאַפּלאַן־שפּיטאַל?

— יאָ! — האָט ער געענטפערט.

— מיר האָבן געהערט פון אייך. אונזער קיבוץ לויבט אייערע פּאַציענטן און וויסן. אייער נאָמען קלינגט שיין.

שרה האָט געשמייכלט. אין אַ מאָמענט, ווען גדעון האָט זיך פאַררעדט מיט עליזהן, האָט צפורה אַ פרעג געטאָן, מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל. — נו? און רמי?

— פאַרשפּעטיקט. — האָט שרה טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. גדעון האָט געפילט ווי שרה רעדט עפּעס. ער האָט גלייך גענומען זיי אָבסערווירן.

— וואָס מאַכט דוד? — האָט שרה אַ פרעג געטאָן. — ער איז ניטאָ אין זיין צימער.

— דוד האָט חתונה געהאַט שוין אַ פּאָר מאָנאַט. זי האָט אים געוואָלט נעמען אין שטאָט. זי איז זייער אַ רייכע. אָבער ער האָט ניט מסכים געווען. און זי האָט אים אַזוי ליב, אַז זי איז מוותר אויף איר היימישע רייכטום און וווינט דאָ אין קיבוץ. זי אַרבעט אין קינדער גאָרטן און האָט זיך צוגעוווינט צו די קליינוואַרג און זיי צו איר. אַמאָל פרעגן זיי: ווו איז דודה שרה? — האָט צפורה געלאַכט.

— אַזוי... אַזוי... האָט שוין דוד אויך חתונה געהאַט. זאָל אים זיין מיט גליק. צפורה, אויב דו וועסט אים זען, גיב אים די קאַרטל. איך לאַד אים מיט זיין פרוי און אויך דיר. מיר וועט זייער פרייען, ווען איר וועט קומען, ווייל וועמען האָב איך פון מיין צד. קיינעם אויסער אייך. דאַן ווען ער האָט אַזאַ גרויסע פאַמיליע. זאָל איך ניט זיין עלנט. דו, דוד און זיין פרוי וועלן זיין מיינע געסט. קאַנסט מיטברענגען וועמען דו ווילסט. זאָגסטו מיר צו?

— אויב כ'וועל באַקומען חופש, וועל איך עס טאָן. איך מיין, אַז דוד וועט פאָרן.

— קום שרה, ווייז מיר דעם קיבוץ — האָט עליזה זיך אָפּגערופן. צפורה האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז איצט איבעריק און זי איז אַוועק אין חדר־אוכל. קיין סך זיינען אין די פּרימאָרגן־שעהן ניט געווען, אָבער צפורה האָט באַוויזן צו דערציילן די חברטעס, אַז שרה איז געקומען מיט איר חתן, אַ דאָקטאָר, און דינסטיק איז זייער חתונה. זי לאַדט אַלעמען.

— און וואָס איז מיט רמי? — האָבן די מיידלעך אַ פרעג געטאָן. — ער וועט עס ניט אויסהאַלטן.

— זי האָט ניט געדאַרפט קומען אַהער, זיך רייצן מיט אים — האָט אַן עלטערע חברה זיך אָפּגערופן. — איך האַלט, ניט פון איר. די שטאָט האָט איר שוין איבערגעפּירט. איך וועל עס איר אויסרעדן.

— שווייג, ס'איז ניט דיין זאַך, זי איז ניט קיין קינד און זי ווייסט וואָס זי טוט — האָט צפורה געענטפערט. דערווייל איז שרה, גדעון און עליזה אַריין אין גרויסן חדר־אוכל. פאַר עליזהן איז עס בכלל ניי געווען. כאָטש זי איז שוין אַ דערוואַקסן מיידל, האָט זי נאָך קיין איין מאָל ניט באַזוכט קיין קיבוץ. משונהדיק איז איר אויסגעקומען דאָס קאָלעקטיווע עסן. אָבער דאָס איז פאַרגאַנגען מיט די פריילעכע אויפנאַמעס פאַר שרהן. שרה האָט אויך געוואָלט ווייזן פאַר גדעון ווי מען האָט איר דאָ ליב. און אַלע האָבן זיך געפרייט מיט איר. פון קיך האָט מען זיי צוגעטראָגן אַנדערע עסנס.

עליזה האָט געגעסן מיט אַפּעטיט און שפּעטער האָבן זיי געמאַכט אַ שפּאַציר איבערן קיבוץ. שרה האָט זיי צוגעפירט צום בערגל פון נגב, ווו עס האָט זיך געפונען דער גרויסער איילבירט־בוים, וואָס שטייט דאָ שוין הונדערטער יאָרן און שטאָלצירט אַרויס פון גאַנצן אַרום. גדעון האָט זיך ניט געקאָנט אָפּקוקן פון דער אַרומיקער ווילדער לאַנדשאַפט, די בערג און טאָלן, די ברוין־אויסגעברענטע שטיינער און פעלזן, אויסגעצוואָגענע פון ווינט און רעגן, האָבן דערציילט פון טויזנטער יאָרן געשיכטע.

זיי זיינען געזעסן אויף דער באַנק און זיך געשיצט אין שאָטן, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אַ קילקייט אין דער שוין אַנגעגליטער וואַרעמקייט פון דער זון. שרה האָט געוואָלט נאָך זיצן, אָבער גדעון האָט גערופן פאָרן. ווייל ער וויל נאָך באַזוכן קאַפּלאַן־שפּיטאָל און זיך טרעפן מיט זיינע פריינד, דאָקטוירים און שוועסטערס.

— מיר וועלן גיין? — האָט גדעון זיך אָפּגערופן. — עס ווערט שפּעט.

שרה האָט זיך שווער אויפגעהויבן, נאָך אַמאָל באַקוקט די גאַנצע לאַנדשאַפט, ווי וואָלט עס געזען דעם לעצטן מאָל, און זיי זיינען אַוועק. אָט שפּאַצירט זי פאַרביי רמיס צימער. עס האָט זיך איר געוואָלט אַ בליק טאָן אינעווייניק, זען ווער עס וווינט דאָרט. אָבער וואָס וועט עס איר געבן. איז איר וויכטיק ווער עס וווינט דאָרט? געוויס אַ פּאָרל. שרה איז פאַרבייגעגאַנגען דעם אַזוי באַקאַנטן אָרט, און עס האָט זיך איר געדוכט, ווי אָט נעכטן איז עס געווען. זי האָט נאָר אַ בליק געטאָן פון דער ווייטנס אויף דער איינגאַנגס-טיר און זי איז עס פאַרבייגעגאַנגען, ווי עס וואָלט איר ניט געאַרט. שרה, עליזה און גדעון האָבן נאָך באַזוכט דעם גערוימען לייען-זאַל. גידי האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט צו טרעפן אַזאַ שיינעם קול-טור-ווינקל, אין וועלכן עס זיינען אויך געהאַנגען בילדער פון באַוווּסטע מאָלער און פון אייגענער פּראָדוקציע.

די שטילקייט אין לייען-זאַל האָט אים דערמאָנט אין זיינע סטודענטן-יאָרן.

ערשט אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבן זיי פאַרלאָזט דאָס אָרט אויפן וועג אין קאַפּלאַן-שפּיטאָל. ווען זיי זיינען אָהין אָנגעקומען און דערציילט וועגן זייער חתונה, האָט שוין דער פּערסאָנאַל געוווּסט, פון דעם. אַלע האָבן זיי געדריקט די הענט און געווונטשן מזל-טוב.

ווען שרה איז צוגעגאַנגען צו אירע באַקאַנטע שוועסטער פון שפּי-טאָל — האָט זי איר שטילערהייט אַ זאָג געטאָן. גידי מאַרקאָוויטש איז איבערעסאַנטער ווי דער טראַקטאָריסט רמי. אַזוי זיינען אַלע מיידלעך. מען וואַרפט אַוועק די ערשטע ליבע און מען גייט מיט אַ צווייטן, איבערלאָזנדיק רמין אַליין. ווי וועט ער עס אויסהאַלטן? ווייסט איך ניט. האָט זי אַ זאָג געטאָן.

— ווער? — האָט שרה אַ פרעג געטאָן.

— נו, ער, רמי.

— וועלכער רמי? — האָט שרה אַ פרעג געטאָן.

— דיין רמי.

— רמי איז אין אַמעריקע און האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט — האָט שרה געענטפערט.

— און איך מיין, אַז איך האָב אים געזען אין לאַנד.

— רעד ניט קיין נאַרישקייטן — האָט שרה געזאָגט לאַכנדיק. דערווייל איז צוגעקומען עליזה מיט גדעון און אַלע האָבן זיך האַרציק געגריסט. נאָכן פאַרברענגען אַ קורצע צייט, האָבן זיי פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל.

מיטאָג האָבן זיי געגעסן אין רהובות און פון דאָרט שפּאַצירט אין דער אומגעגנט.

אַרום זיבן אין אָוונט האָבן גידי און שרה אָפּגעפירט עליזהן און געפאָרן אַהיים. שרה איז געווען זייער מיד. זי האָט אַפילו ניט געגעסן קיין אָוונט־ברויט, נאָר אַריין אין איר צימער און אַ פאַל געטאָן אויף איר בעט, ווו זי איז באַלד איינגעשלאָפן.

ווען גידי האָט זיך אַרומגעוואַשן און זיך געזעצט מיט זיינע עלטערן צום טיש, האָט ד״ר מאַרקאָוויטש געמאָלדן גידין, אַז אַכט אינדערפרי האָט געקלונגען אַ געוויסער דוד און געבעטן זיך זען מיט שרהן.

— אַ, דאָס מוז זיין דוד פון קיבוץ — האָט גידי געענטפערט. — מיר זיינען געווען ביי אים איז ער ניט געווען אין דער היים. ווען האָט ער געבעטן קלינגען? — האָט גידי געפרעגט.

— אַרום אַכט אַ זייגער. גידי האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. עס איז געווען זיבן דרייסיק. גידי איז אַריין צו שרהן און האָט איר געוואָלט זאָגן, אָבער זי איז געשלאָפן אַזוי שטאַרק, אַז ס'איז אים געווען אַ רחמנות איר צו וועקן. גידי איז געשטאַנען און באַטראַכט שרהן. ווי שיין זי איז — האָט ער אויסגערופן צו זיך. — וואָס פאַר אַ גוטע נשמה זי פאַרמאָגט. גידי איז צוגעגאַנגען צו שרהן, האָט זיך איבער איר איבערגעבויגן און אַ קוש געטאָן.

שרה האָט זיך אַ כאַפּ אויף געטאָן: — אַ, גידי, פאַרוואָס האָסטו מיך אויפגעוועקט?

— ווייל איך האָב דיר עפּעס וואָס צו זאָגן.

— עפּעס נייעס? — גידי! — האָט שרה זיך אויפגעהויבן פון איר געלעגער און זיך אָוועקגעזעצט. דערווייל האָט זי באַמערקט אויפן טישל אַ בריוועלע, ווו עס שרייבט זיך: דוד האָט געבעטן קלינגען אויפן נומער 753218. גלייך ווי דו וועסט קומען.

— יאָ, דאָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן. דוד איז קאָנטיק אין תל־אביב און ער האָט זיך דערוווסט ווו דו געפינסט זיך.

— אַ, איך וויל טאַקע אים זען — האָט שרה אויסגערופן. זי האָט אָנגעקלונגען. אַ פרוי האָט געענטפערט:

— איז דאָס דער נומער 753218? — האָט שרה אַ פרעג געטאָן.

— יאָ. ווער רעדט? — האָט זיך דערהערט אַ שטים.

— דאָ רעדט שרה. מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דוד וויל מיך זען. איז דאָס דוד פון קיבוץ ג.?

רמי איז גראָד געווען אין באָדע־צימער. הערנדיק דעם טעלעפאָן־קלונג, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין שרה, אָבער איידער ער האָט באַוויזן אַרויסצוגיין, האָט דוד איבערגענומען דעם טעלעפאָן.

— שרה!? — האָט דוד אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, שרה רעדט, ווער רעדט דאָ, דוד? דו.

— יאָ, איך... — האָט דוד געשטאַמלט. העלען איז צוגעלאָפן צום צווייטן טעלעפאָן און אויפגעהויבן דאָס טרייבל.

— שרה! איך וויל דיך דרינגענד זען. איז עס מעגלעך?

— ווען? דוד, וואָס מאַכסטו? ווו געפינסטו זיך? מיר זיינען געווען אין קיבוץ, געזען דיין צימער, געטראָפן פרויען־קליידער, וועמעס איז עס? האָסטו חתונה געהאַט?

— יאָ, שרה. אָבער ניט דורכן טעלעפאָן. איך וויל דיר דרינגנד זען אין דיינע אייגענע אינטערעסן.

— ווען? — האָט שרה אַ פאַראינטריגירטע אַ פרעג געטאָן.

— איך וואָלט געוואָלט אַכט אַ זייגער. אָבער ס'איז שוין שפעט צו דעם. דאָס מוז זיין אָבער היינט.

— איין מאָמענט, איך וועל פרעגן.

שרה האָט געפרעגט גידין אויב זי איז פריי און קאָן זיך טרעפן מיט איר פריינד.

— וועלן מיר געבן די קינאָ־בילעטן אונזערע עלטערן — האָט גידי געזאָגט.

שרה האָט געזאָגט דודן, אַז זי איז גרייט — ווו זאָלן מיר זיך טרעפן?

— אין קאַפע „בוקי" אויף דיזנגוף — האָט דוד געענטפערט.

— איך קום פינקטלעך! — האָט שרה געענטפערט. — שלום!

אַקוראַט איז רמי אַרויס פון באָדע־צימער. דוד האָט דערציילט פון דער שעה, וואָס זיי האָבן זיך באַשטימט. רמי האָט געציטערט אויפן גאַנצן קערפער, אָבער ער האָט זיך באַמיט צו באַהערשן. ביים טיש, ווען זיי האָבן געגעסן זייער אָוונט־ברויט, האָט קיינער גאָרניט גערעדט.

— ווער גייט פון אונז? — האָט העלען אַ פרעג געטאָן.

— מיר גייען אַלע דריי — האָט רמי אַ זאָג געטאָן. — איר וועט זיצן אינעווייניק און איך וועל וואַרטן אין דער אַלייע פון קרן קיימת.

די עלטערן האָבן גאָרניט גערעדט. רמי, דוד און העלען האָבן זיך אָנגעטאָן אין זייערע שענסטע קליידער. רמי האָט איצט אויסגעזען אַ ריכטיקער פילם אַרטיסט. זיין גוט שוואַרצער אַנצוג, מיט דעם שניי ווייסן

געפרעסטן העמד און עלעגאַנטן קראַוואַט. האָט אים געמאַכט נאָך שענער ווי ער איז. העלען האָט אָנגעטאָן אַ העל זומער־קלייד אין בלומען און דוד — אַ פיינעם ברוינעם אַנצוג. אַקוראַט אַכט דרייסיק זיינען זיי אָנגעקומען מיט דודס מאַשין, וועלכע זיי האָבן געלאָזן שטיין ביי דער אַלייע. דוד און העלען זיינען אַריין אינעווייניק און באַשטעלט קאַפע מיט קוכן. רמי איז געבליבן אין גאָרטן. צוערשט האָט ער אַרומשפּאַצירט נערוועז. דאָס האַרץ זיינס האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. וואָס זאָל ער מיט איר רעדן? ווי וועט ער איר אויפנעמען? איר אַרומנעמען און אַ קוש טאָן אָדער נאָר אַ האַנט־דרוק. ווי וועט זי אים אויפנעמען? אפשר וועט זי אים באַליידיקן? רמי האָט בשום אופן זיך ניט געקאָנט באַהערשן. ער האָט געביסן די נעגל פון זיינע פינגער, פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרויסגיין פון דער אַלייע און זען, צי שרה קומט אָן און מיט וועמען?

* * *

און שרה? די שעה, וועלכע איז איר פאַרבליבן ביז זייער באַגעגעניש, האָט איר באַרוישט. וואָס קאָן דוד פון איר וועלן? פאַרוואָס איז ער ניט געווען שבת אין קיבוץ? פאַרוואָס איז ער געפאָרן קיין תל־אביב? דאָס זיינען אַלץ פראַגן, וועלכע פאַרלאַנגען אַן ענטפער. שרה האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ טונקל גראַנאַט קאָסטיום צוגעפּאַסט צו איר פּראַכטפולער פיגור, וועלכער האָט פאַרמירט אירע ניט גרויסע ברוסטן און שלאַנקן קערפער.

— זאָל איך מיטפאָרן? — האָט גידי אַ פרעג געטאָן.

— פיר מיך נאָר צו ביזן אָרט, און לאָז מיר מיט אים אַליין. איך האָב מיט אים אַ סך צו רעדן. גיי, גידי, מיט די עלטערן אין קינאָ. איך וועל אויף דיר וואַרטן אין קאַפע עלף דרייסיק.

גידי, אַ פריילעכער, האָט געהאָלפן שרהן אָנטאָן איר קאָסטיום. שרה האָט ניט געפאַרבט איר געזיכט, נאָר עטוואָס אויפגענומען פודער און ליפּן פאַרב. און זיי זיינען אַרויסגעפאָרן אַכט דרייסיק. פונקט ניין אַזייגער. האָט זיך ביי דער קאַפע אָפּגעשטעלט אַ פּראַכטפולער אויטאָ, פון וועלכן עס איז אַרויס אַן עלעגאַנטע דאַמע. העלען און דוד זיינען געזעסן ווי צעטומלטע. זיי האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט שרהן אין אַזאַ אויסזען. גידי איז דערווייל אַוועקגעפאָרן און שרה איז מיט ענערגישע טריט אַריין אין קאַפע. מיט די אויגן האָט זי אַרומגעזוכט דודן. זי האָט גיכער באַמערקט העלען, און אָט האָבן זיך זייער ביידנס בליקן באַגעגנט. דוד האָט זיך

אויפגעשטעלט, אנטקעגן געגאנגען א פאר טריט און — צוויי הענט האבן זיך צושרשט צוזאמענגעדריקט און שפעטער א שטארקער קוש. העלען האט די גאנצע צייט געקוקט אויף שרהן און דודן.ביידע זיינען זיי געווען בלאס, אבער שרה האט זיך גלייך באהערשט און א פרעג געטאן:

— איז דאס דיין מיידל?

— ווערט באקאנט! — האט דוד אויסגערופן, צורוקנדיק א שטול פאר שרהן.

העלען האט זיך אויפגעשטעלט און אויסשטרעקנדיק איר האנט, אויסגערופן: — העלען!

— העלען? — האט שרה אויסגעשריען, — אפשר פון ניו־יארק?

— יא! — האט העלען שטייענדיק געענטפערט.

שרה האט זיך פארלוירן, אויף אזא איבערראשונג האט זי זיך ניט דערווארט.

— העלען, מיין פרוי — האט דוד זיך אפגערופן — זעצט אייך — האט ער געבעטן.

שרה האט זיך געזעצט, אראפגענומען איר היטעלע פון קאפ, אויסגעטאן אירע הענטשקעס און אריינגעלייגט זיי אין איר שווארצן טאש.

— העלען פון ניו־יארק, מען האט דאך מיר געזאגט, אז איר האט חתונה געהאט מיט רמי פיינגאלד — האט שרה אויסגערופן.

— ווילט איר וואס באשטעלן? — האט די קעלנערין א פרעג געטאן.

— שרה! וואס פאר דיר? — האט דוד געפרעגט.

— ניט וויכטיק! — האט שרה געענטפערט. — נס קאפע.

— מיט קוכן! — האט דוד צוגעגעבן.

— קודם כל אייך מזל־טוב! — האט שרה געדריקט העלענס האנט און זי דערביי ארומגענומען, צודריקנדיק איר געזיכט צו העלענס געזיכט, — דערציילט מיר דוד, וואס האט עס פאסירט? וואס מאכט רמי? וווּ איז ער? אויב ער האט ניט חתונה געהאט מיט העלען.

— איר ווייסט, אז איך קאן אייך גוט, העלען, רמי האט מיר א סך דערציילט וועגן אייך.

— גוטס אדער שלעכטס? — האט העלען א פרעג געטאן.

— וועט א מאן רעדן שלעכטס אויף א פרוי? בפרט, וועגן זיין מיטשילערין און מיטשותפטע אין די געשעפטן. ווי גייען עפעס די ביזנעס?

— איך האב זיך אין דעם ניט געמישט, און זיי אינטערעסירן מיך ניט.

אַז איך וועל זײַן אַמאָל אין ביזנעס, וועל איך זיך אינטערעסירן, אָבער איך מוז אײַך זאָגן, אַז די ביזנעס זײַנען שוין ניטאָ אין אַמעריקע.

— ליקווידירט ? — האָט שרה געפרעגט.

— ניין, נאָר איבערגעטראָגן אויף אַ צווייט אָרט. — האָט דוד געזאָגט.

— אין אַן אַנדער שטאָט ? — האָט שרה ווייטער געפרעגט.

— ניט נאָר אין אַ צווייטער שטאָט, נאָר אין אַ צווייט לאַנד.

— אפשר אין ישראל ? — האָט שרה געפרעגט, אַ זופּ טועגדיק די קאָפּע, וואָס די קעלנערין האָט דערווייל דערלאַנגט.

— יאָ ! געטראָפן. די גאַנצע פאַבריק פאַרקויפט און אויפגעבויט דאָ אַ נײַע, אַ שענערע, און ווי די שותפים זאָגן, עס גייט גוט.

— ווער זײַנען די שותפים ? — האָט שרה אַ פרעג געטאָן.

— מײַנע און רמיס עלטערן ! — האָט העלען געענטפערט.

— גאָט אין הימל ! — האָט שרה אויסגעשריען. — וואָס קומט דאָ פאָר, אַזוי פיל נײַעס פאַר מיר. און איך האָב עס גאָרניט געוווּסט.

— אויך ביי דיר איז דאָ נײַעס, — האָט דוד זיך אָפּגערופן. — און איך האָב עס אויך ניט געוווּסט.

— ריכטיק, איך גיי דינסטיק חתונה האָבן, זײַנען מיר טאַקע הײַנט געפאָרן דיר, דוד, לאַדן צו מײַן חתונה. אָבער ניט געטראָפן. איך בין געווען אין דײַן צימער און געפינענדיק אַזעלכע שײנע פרויען קליידער, האָב איך ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז דאָ פאָרגעקומען.

* * *

דער זייגער איז שוין פופצן נאָך ניין. רמי האָט פריער פון ווייטן געזען אָנקומען אַן אויטאָ, פון וועלכן ס'איז אַרויס אַ דאַמע אָנגעטאָן ניט אין קיין האַקי־הייזעלעך, נאָר עלעגאַנט אין אַ שוואַרצן קאָסטיום. ער האָט אָבער שרהן דערקענט, זײַן נאַאיוויטעט האָט דערבראַכט צו דעם, וואָס ער האָט אַרומגעשפּאַצירט אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר און פון דער ווייטן געזען שרהן זיצן מיט דודן און העלען. אים האָט זיך געוואָלט צוגיין צו זיי און זיך זעצן ביי זייער טישל. אָבער האָט ניט געהאַט דעם מוט. ער האָט געוואָרט, אַז דוד און העלען זאָלן פריער שרהן צוגרייטן צו זייער באַגעגעניש. רמי האָט ניט געקאָנט באַשטימען ביי זיך, צי וועט זי וועלן מיט אים רעדן אָדער וועט זי אים יאָ אויפנעמען. ער האָט דעריבער באַ־שלאָסן זען וואָס דאָ וועט ווייטער פאָרקומען. זײַן האַרץ האָט געריסן פון

בענקשאַפט און ליידן. די גאַנצע צייט האָט ער זיך באַוועגט הין און צוריק, ביז ער האָט מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן. ער איז אַוועק אין דער אַלייע, זיך געזעצט אויף אַ באַנק אין אַ פינצטער ווינקל און אַ שטראָם פון טרערן האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון זיינע אויגן. וויפל ער האָט זיך געוואָלט באַ־הערשן, האָט ער ניט געקאָנט.

פאַר דער צייט איז גידי אָנגעקומען. ער איז אַריין אין קאַפע, צו־געגאַנגען צו שרהן, זי האָט אים גלייך באַקאַנט געמאַכט מיט דודן און העלען.

— ווּעסט דאָ נאָך לאַנג פאַרבלייבן ? — האָט גידי אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, גידי. אַ סך נייעס האָב איך דאָ געהערט. און מיר ווּעלן זיצן אַ לענגערע צייט. לאָז אונז אַליין, קום אַרום צוועלף אַזייגער, אָדער קום ניט. איך וועל נעמען אַ טאַקסי און פאָרן אַ היים.

גידי האָט זיך געזעגנט און אַוועק.

* * *

— יאָ, שרה, אַ סך וואַסערן זיינען אַדורך פאַר דער צייט, זינט דו האָסט אונז פאַרלאָזן. ביסט אַוועק אין דעם פרייען לעבן. איך געדענק, ווי דו האָסט רמין ליב געהאַט. און פון פאַרצווייפלונג האָסטו פאַרלאָזן דעם קיבוץ און אַוועק אַרבעטן, ווען איך קען ניט דיין כאַראַקטער, וואָלט איך זיכער געמיינט, אַז דו וועסט זיך אַראָפּגליטשן פון וועג. אָבער דו ביסט צו שטאָלץ, אַז דיר זאָל מען קאָנען פאַרפירן.

— נאָר איינער האָט מיך באַהערשט, מיינע טייערע — און דאָס איז געווען רמי. ווּ איז ער ? האָט ער חתונה געהאַט ? ער האָט מיר פון אַנדערע מיידלעך ניט דערציילט, ער האָט נאָר גערעדט פון העלען, ווי פון אַ גאָט און אַז איך האָב אים געזאָגט, האָב מיט איר חתונה — האָט ער מיר גע־ענטפערט, אַז זי איז מיר נענטער ווי אַ פרוי, זי איז מיר אַ שוועסטער. איז ער פאַרבליבן אין אַמעריקע ? און פאַרוואָס זיינען עפּעס די עלטערן געקומען אהער ?

— צוליב דיר, שרה, צוליב דיר ! — האָט העלען זיך אָפּגערופן

— צוליב מיר ? — האָט שרה איבערגעפרעגט און אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף איר לינקער ברוסט.

— יאָ, שרה צוליב דיר. צוערשט האָט מען אים געשריבן, אַז דו האָסט חתונה געהאַט מיט מיר. און דאָס האָט ער ניט געקאָנט פאַרשטיין.

און שפּעטער האָט ער באַשלאָסן קומען אַהער. — האָט דוד זיך אָפּגערופן.

— איז ער דאָ אין לאַנד? — האָט שרה אַ פרעג געטאָן.

— ניט נאָר אין לאַנד, נאָר ער איז פינף מינוט גאַנג פון דאַנען. ער וויל דיך זען. ער מיינט, אַז דו וועסט מיט אים ניט וועלן רעדן, האָט ער דערפאַר געבעטן מיר זיך טרעפן מיט דיר צוערשט. ער האָט ערשט נעכטן געלייענט אין צייטונג, אַז דו גייסט חתונה האָבן.

שרה איז בלאַס געוואָרן. איר האַלדז איז פאַרשטיקט געוואָרן, זי האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען פון מויל, זי האָט נאָר אַ שלונג געטאָן קאַפע און דאָס האָט איר באַרואיקט. פינף מינוט גאַנג פון דאַנען, פאַרוואָס קומט ער ניט צו? — האָט זי אויסגערופן.

— ווילסטו אים זען? שרה!

— יאָ! דוד, איך וויל אים זען. וויל ער מיך אויך זען?

— ווען ער וויל דיר ניט זען, וואָלט ער די באַגעגעניש ניט באַשטעלט. אָבער מיר ווילן ניט, איר זאָלט זיך טרעפן אין קאַפע, ווייל דאָס וועט אַרויסרופן ביי אייך ספּאַזמען. ער זיצט אין גאָרטן און וואַרט.

— אין וועלכן גאָרטן? — האָט שרה געפרעגט.

— אין דער אַלייע קעגן איבער דעם רעסטאָראַן „ניו־יאָרק".

— מיינע טייערע — האָט שרה אָנגענומען זייערע הענט און שטאַרק אַ דריק געטאָן. — דערלויבט מיר צו אים צוגיין אַליין.

— דאָס איז אויך אונזער ווילן. — האָט העלען געענטפערט.

שרה האָט זיך אויפגעהויבן און פליִנק אַרויס פון קאַפע, איבערלאָזנדיק אירע זאַכן. ווי זי איז נאָר אַרויס פון קאַפע, איז זי ניט געגאַנגען נאָר געלאָפן מיט אַלע אירע כוחות אין דער אַלייע. מענטשן האָבן איר נאָכגעקוקט.

אַריינקומענדיק אין דער אַלייע, האָט זי געקוקט רעכטס און לינקס, צי עס זיצט ניט אַ מאַן אָבער זי האָט קיינעם ניט געטראָפן. זי איז דורכגעלאָפן ביזן סוף פון דער אַלייע און געקוקט איןביידע זייטן בענק.

רמי, וועלכער האָט דאָס אַלץ געזען פון דער צווייטער זייט גאָרטן, האָט איר ניט געוואָלט נאָכלויפן. ער איז איר אָבער אַנטקעגן געגאַנגען. שרה איז שוין געווען אין פאַרצווייפלונג. אויב עס גייט דאָ ניט פאָר קיין מיספאַרשטענדעניש און זי האָט געוואָלט זיך אומקערן אין קאַפע אַריין, ווי זי האָט פּלוצים דערהערט אַן אויסרוף: שרה!

זי האָט דערקענט רמיס שטים, און דאָס האָט פאַר איר געקלונגען ווי אַ געזאַנג. שרה האָט ניט באַוויזן אַ באַוועג צו טאָן, ווי זי איז אים אַריינ־

געפאַלן אין די אָרעמס. צוויי פּאָר ליפּן האָבן זיך איינגעזויגן. צוויי קערפּערס האָבן זיך איינגעשלאָסן און אַ לאַנגע צייט אַזוי געשטאַנען, קיין קראַפט אין דער וועלט האָט זיי איצט ניט געקאָנט צעשיידן. שרה האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן, וועלכע זיינען גערונען אויף רמיס געזיכט. איר געוויין איז אַריין אין ספּאַזמען. זי האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט באַרואיקן.

אויך רמיס האַלדז איז געווען פאַרשטיקט. ער האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען פון זיין מויל. לאַנגזאַם האָבן זיי געשטעלט זייערע טריט און זיך געזעצט אויף אַ באַנק.

— שרה! דאָס ביסטו ?, שרה! איך דערקאָן דיך דאָך ניט. — ער האָט אַנגענומען אירע הענט.

— יאָ, רמי, דאָס איז דיין שרה, די, וועלכע האָט דיך געליבט מיט דעם גאַנצן פלאַם פון דער ערשטער יוגנט-ליבע פון אַ נאַאיוו מיידל. געליבט מיט דעם קערפּער און נשמה. נעם מיך אַרום, דריק מיך צו זיך, רמי, איך בין אַזוי גליקלעך. און דו ? האָסטו רעכט מיר אַרומנעמען און קושן ? וואָס וועט דיין פרוי זאָגן ?

— איך האָב ניט קיין פרוי, איך האָב ניט חתונה געהאָט. ווייל איך האָב געוואַרט אויף דיר, שרה. איך בין געווען זיכער, אין דיר.

— איז דאָס אמת ? רמי, ווייז מיר דיינע הענט, — זי האָט זיי באַטראַכט. קיין רינג איז ניט געווען.

— און דו גייסט דינסטיק חתונה האָבן ? שרה!

— אויב דו ווילסט עס ניט וועלן, וועט עס ניט פּאַסירן, רמי. — ווידער האָבן זיךביידע איינגעשלאָסן איינע אין די צווייטע און האַרציק געקושט.

* * *

אין קאַפע איז טומלדיק. ביי די טישלעך זיצן פּאָרלעך, יונג און אַלט. מען רעדט און מ'וויצלט זיך. העלען און דוד זיצן נאָך פּאַרטראַכטע. זייערע געדאַנקען זיינען איצט מיט שרהן און רמין. יעדער פון זיי האָט באַנומען דעם מאָמענט לויט זיין פאַרשטאַנד.

— זי קומט ניט צוריק, אַ סימן, אַז זיי האָבן זיך געטראָפן. — רופט אויס העלען — איך וואָלט אַזוי געוואָלט זיין בעת זייער באַגעגעניש.

— איך אויך, העלען, — האָט דוד אָפּגעענטפערט. — אָבער מיר דוכט זיך, אַז עס וואָלט בעסער געווען ווען זיי טרעפן זיך אין קאַפע. זיי וואָלטן

דאָך געמוזט צוימען זייערע געפילן, און דאָס וואָלט פאַר זיי ביידן געווען א סך גרינגער.

— ביסט ניט גערעכט, דוד, אַזאַ באַגעגעניש איז גוט נאָר אונטער פיר אויגן. אַפּגעזונדערט פונעם מענטשלעכן אויג. בפרט אין אַ פּיצטער אָרט. ס'איז געווען אַ גוטער איינפאַל, אַז זיי זאָלן זיך טאַקע ניט טרעפן דאָ. און מיטגיין מיט איר — האָט עס שרה ניט געוואָלט. האָסט דאָך געזען, ווי זי איז אַרויסגעלאָפן, ווי אַ ווינט איז זי אַדורך די טישלעך. דו האָסט אפשר ניט באַמערקט, אָבער איך האָב איר נאָכגעקוקט. זי האָט ממש געשוועבט אין דער לופטן. זי האָט איר טאַש דאָ געלאָזן, אַפילו אַ נאָז־טיכל אויף צו ווישן די טרערן, האָט זי דאָך ניט מיט זיך.

— מיינסטו, אַז עס וועט טאַקע דערגיין ביז טרערן? — האָט דוד נאַאיוו אַ פרעג געטאָן.

— איר, מענער, האָט האַרטע כאַראַקטערן. — האָט העלען געזאָגט, געבנדיק אים אַ פּאַטש אין דער האַנט. — אויב זיי האָבן זיך נאָר געטראָפן וועט רמי ניט לייכט איר קאָנען באַרואיקן. ווייל דער קוואַל פון ליידן און ליבע האָט זיך אין איר איצט צעעפנט און איך גלויב ניט, אַז מיר וועלן זיי איצט זען דאָ פריער, ווי איין אַ שעה אַרום. דו קאָנסט דאָך דעם כאַראַקטער פון אַ פרוי. בכלל איז אַ פרוי לייכט אויף טרערן, בפרט אין אַזאַ מאָמענט. איר געוויין איז איצט פון גליק און ליבע.

— זי האָט אָבער גידין. זי דאַרף דאָך דינסטיק חתונה האָבן — האָט דוד ווייטער גערעדט.

— אַט דערפאַר טאַקע, זיינען אירע ליידן נאָך גרעסער. שטעל זיך פאָר, זי טרעפט איר געליבטן, דעם, צו וועלכן זי האָט אַזוי געבענקט, און אין איר יונגן מוח דאַרפן זיך וואַרפן געדאַנקען, וועלכע ראַנגלען זיך צווישן דעם איצט און דעם מאָרגן. קאָן מען עס אויסהאַלטן? דו קאָנסט ניט רמיז. איך קאָן אים גוט. צוזאַמען געלערנט, צוזאַמען אין איין און דער זעלבער געזעלשאַפט פאַרבראַכט. תמיד איז ער געווען אַזאַ אַפּגעזונדערטער. פלעגט ליב האָבן די רואיקייט. ער האָט קיינמאָל די מאָדערנע טענץ אַפילו ניט געטאַנצט. ער איז ניט להוט נאָך אַ קליפּ ריטשאַרד. שטיל, געלאַסן, אין אַ ווינקעלע פלעגט ער זיצן און חלומען. עפּעס אַ בענקשאַפט, איך ווייס ניט צו וואָס און צו וועמען, פלעגט זיצן אין זיין האַרצן. און וויפל איך האָב געוואָלט צעשטרייען זיינע געדאַנקען, פלעגט עס מיר ניט געלונגען. אָבער אַ מאָדנעם מזל האָט ער געהאַט, גראַד ווי דערפאַר פלעגן די מיידלעך צו אים קלעפּן. אַלע האָבן געזוכט זיין געזעלשאַפט, זיין באַקאַנטשאַפט. זיי

פלעגן מיר דעם טויט מאַכן, ניט איינמאָל פלעג איך זיי זאָגן, „לאָזט מיך צורו, וואָס איז ער? מיינער אַ ברודער? איך בין אויך די זעלבע פרוי, וואָס איר, אויך איך האָב אים ליב. זאָל איך אים פאַרזאָרגן פאַר אייך?. פלעגן זיי לאַכן, די מיידלעך און אויסרופן: — נו? אָט די ערנסטקייט איז קאָנטיק אַ געבוירנשאַפט. ווייל מיין מוטער פלעגט דערציילן, אַז זיין פאָטער איז אויך אַזאַ, און זיין פרוי לייַדט דערפון. זי וויל, אַז ער זאָל זיין פריילעך. טאַנצן, שפּרינגען, אַרומלויפן. פאָרן דאָ, פאָרן דאָרט. קומען אין געזעלשאַפט מאַכן פאַרטיעס, און ער, — נאָר מיט זיין פאַמיליע. מיט אונז האָבן זיי זיך גוט געפילט, ווייל אויסער וואָס מיר זיינען געווען שותפים אין די ביזנעס, פלעגן מיר זיין גוטע פריינד אויך.

— העלען, מ׳דאַרף אָנקלינגען אין שטוב. זיכער וואַרטן זיי דאָרט און קלערן איבער, ווייל זיין מוטער האָט דאָך אויף איר געוויסן זייער שיידונג.

— ביסט גערעכט, דוד. מיר איז עס גאָרניט איינגעפאַלן.

העלען האָט זיך אויפגעהויבן און צו צום טעלעפאָן. אין אַ פאָר סעקונדן שפּעטער האָט שוין געקלונגען דער טעלעפאָן אין הויז פון רמיס עלטערן. פרוי פיינגאָלד איז צו צום טעלעפאָן.

— העלאָ! — האָט העלען אויסגערופן, — ווער רעדט, מוטער דו?

— ניין, דאָס רעדט פרוי פיינגאָלד, ווער איז?

— העלען.

— אָ, העלען! — האָט פרוי פיינגאָלד ממש אויסגעשריען.

העלענס מוטער איז אויפגעשטאַנען פון שטול און צו צום טעלעפאָן. די מענער זיינען געבליבן זיצן אין דערוואַרטונג.

— פרוי פיינגאָלד! אַ גרוס אייך פון שרהן. איך האָב איר שוין געזען, באמת, ס׳איז דאָ צוליב וועמען צו קעמפן. שיין ווי אַ מלאך, און פון אונזערע ערשטע רייד, וואָס מיר האָבן גערעדט, זעט זי אויס צו זיין זייער אַ קלוגע, אַ „חתיכה", ווי מען רופט עס דאָ, אַ הונדערט פּראָצענטיקע „חתיכה" — האָט העלען זיך געוויצלט. — אָבער אַ טרער האָט זיך אויך איר אַרויסגעקייקלט פון איר אויג — מיר האָבן געהאַט דעם כבוד צו זען אויך איר בחור, גידי. מיינט איר, אַז ער איז אַ מיאוסער בחור? אַ קאָנקורענט אַ הונדערט פּראָצענטיקער.. אָבער אַז מיר האָבן איר געזאָגט, אַז רמי וואַרט אויף איר אין גאָרטן, האָט זי אַלץ איבערגעלאָזט און געלאָפן צו אים. שוין מער ווי אַ האַלבע שעה, ווי זיי זיינען אַליין. מיר ווייסן ניט, ווו זיי זיינען. און איך שטעל זיך פאָר זייער באַגעגעניש! הלוואי קריג איך אַ צענטל קושן פון דודן וויפל שרה פון רמין.

פרוי פײַנגאָלד, װעלכע האָט מיט האַרץ־קלאַפּעניש אױפגענומען יעדעס װאָרט, האָט געװוישט אירע אױגן פון פרייד, און דערבײַ געשמייכלט פון העלענס רייד. העלען האָט עס ספּעציעל געטאָן, כדי צו צעשטרײַטן אירע געדאַנקען, כדי זי זאָל עס אױפנעמען לײַכטער.

— לױט מײַן מײנונג, — זאָגט העלען, — װעט ניט האָבן געהאָלפן דאָס, װאָס מ׳האָט זײ צעשײדט, פאַרקערט. די באַגעגעניש איז זעט אױס געװוען ביז גאָר אַ האַרציקע. אַלנפאַלס, גיט, ביטע, אָפּ די עלטערן אַ גרוס, אַז מיר װעלן קומען מן הסתם שפּעטער אַהײם. איר זאָלט זײ אױך ניט באַאומרואיקן, װײַל אין קיבוץ האָבן מיר במילא מאָרגן חופש דאָ איז זײער אָנגענעם. די שטימונג איז אַ גוטע, און מיר װאַרטן אױף זײער צוריקקער.

— מײַן טײַערע העלען! — האָט פרוי פײַנגאָלד זיך אָפּגערופן, — איך בעט דיך, װעסטו האָבן עפּעס אַ ידיעה פון זײ — קלינג אָן. מיר װעלן װאַרטן. איך װאָלט זײער װעלן, אַז אױב עס איז נאָר מעגלעך, זײ צו ברענגען צו אונז, װאָלט דאָס געװוען זײער גוט.

— זאָל נאָר האַלטן דערבײַ. — האָט זיך העלען אָפּגערופן, — װען מיר װעלן זײ זען, און איך האָף, אַז זײ װעלן דאָ באַלד זײַן, װײַל אױף דער שטול ליגן אירע הענטשקעס, איר היטעלע און דאַמען־טאַש...

— װי איז זי געװוען אָנגעטאָן? — האָט פרוי פײַנגאָלד שױן מער ניט זײַענדיק געדולדיק, אַ פרעג געטאָן.

— אָ, אױף דער פראַגע איז זײער לײַכט צו ענטפערן, װײַל אױסער װאָס איך האָב געקוקט אױף איר געזיכט און קערפּער, האָב איך אױך באַװונדערט איר עלעגאַנץ. זי איז געװוען אין אַ זײער נעט געפּאַסטן שװאַרצן קאָסטיום, אירע אױגן װי צװײ קאַרשן־שװאַרץ. די העל װײַסע בלוזע, האָט איר צוגעגעבן שטאַרק חן צו איר געזיכט: עטװאָס געפאַרבט די ליפּן. אַ פײַנער באַריכט, פרוי פײַנגאָלד?

— די זעלבע װילדע העלען, װאָס געװוען אין ניו־יאָרק! — האָט פרוי פײַנגאָלד געזאָגט. — דײַן הומאָר איז בײַ דיר פאַרבליבן...

— פאַרװאָס עפּעס הומאָר? — פרוי פײַנגאָלד, איך דערצײל אײַך פּשוט געטרײ װי אַלץ, האָט אױסגעזען, איך בין אױף איר ניט אײפערזיכטיק. װײַל איך האָב אים במילא פאַרשפּעטיקט. און דער עיקר — איך האָב שױן אַ מאַן. איר האָט מיך ניט געװאָלט אַלס שנור, מײנט איר, אַז איך װעל דערפאַר אײניקלעך ניט װערן... אַ מאַמע?

דוד האָט געשמייכלט פון העלענס רייד. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פלאַץ און צוגעגאַנגען צו העלען.

אַ קליינער גערענגל איז צווישן זיי פאָרגעקומען. דוד האָט איר גע־בעטן ניט צו שפּאָסן אין טעלעפאָן, ווייל ס'איז ניט שיין פאַר די געסט, און בכלל האָלט זי צו לאַנג דעם טעלעפאָן. העלען האָט פונדעסטוועגן נאָך אַלץ אַריינגערעדט אין טעלעפאָן־טרייבל, אַז דוד שטייט נעבן איר און טשעפּעט זיך צו איר, אַז ער וויל אַליין אויך רעדן.

— מוטער ! — האָט דוד אויסגערופן. — העלען איז באַגייסטערט פון שרהן. איך קאָן זי דאָך. זייט רואיק, לויט מיין מיינונג, וועט שרה היינט שלאָפן ביי אייך. גרייט איר צו, ביטע, אַ באַזונדער צימער. זייט רואיק. אויב אַפילו שרה זאָל רמין ניט וועלן, וועל איך זי דערצו צווינגען. איך בין אירס אַ געוועזענער גוטער חבר. צו מיר האָט זי צוטרוי. אויך אַמאָל, ווען רמי האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע, האָט זי זיך מיט מיר געראָטן, צי זאָל זי טרויען אַמעריקאַנער „באָיס". איך האָב רמיס כאַראַקטער גוט געקענט און האָב דערויף געגעבן מיין צושטימונג. איצט, אַז איך וועל איר ראָטן איבערלאָזן איר גידין, וועט זי מיך האָפּנטלעך פאָלגן. זייט רואיק, דאָס, וואָס עס איז קאַליע געוואָרן וועט אויך ווערן פאַרריכט. ס'איז אין דער צייט. איר דאַרפט אויף אונז ספּעציעל ניט וואַרטן. מיר ווייסן ניט ווען זיי וועלן פאַרענדיקן זייער געשפּרעך. דערווייל מיין איך, אַז זיי האָבן נאָך צווישן זיך קיין וואָרט ניט אויסגערעדט... אַ גרוס פאַר מיינע שוויגער־עלטערן, העלען וויל נאָך עפּעס זאָגן. — שלום!

העלען האָט ווידער גענומען דאָס טעלעפאָן טרייבל אין האַנט און זיך גאָר ניט געקאָנט דערמיט שיידן. זי האָט געוואָלט מיט אַלע אירע געפילן זיך טיילן מיט פרוי פיינגאָלד. העלען האָט אויך צוגעגעבן, אַז זי וועט קומען צוהילף דודן, אין פאַל אויב עס וועט נוטיק זיין.

אַקוראַט אין דעם מאָמענט, ווען העלען איז געשטאַנען מיט דודן ביים טעלעפאָן, האָט זיך אין דער טיר פון קאַפע באַוויזן גידי.

ער האָט פון דער ווייטנס געזוכט זייער טישל און קיינעם ניט באַ־מערקט. דאָס טישל איז געשטאַנען ליידיק. די קאַווע, וואָס שרה האָט אָנ־געהויבן טרינקען איז ניט געווען פאַרענדיקט און דער קוכן איז נאָך אַפילו ניט געווען גערירט. גידי האָט זיי ביידן ניט געזען: העלען האָט אים יאָ באַמערקט. העלען האָט איבערגעגעבן אין טעלעפאָן דער פרוי פיינגאָלד, אַז שרהס חתן איז אָנגעקומען און זוכט זיי. זי פאַרענדיקט דעריבער דעם געשפּרעך.

גידי, וואָס האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, האָט געפּרוווט אוועקגיין, אָבער העלען איז צוגעלאָפן צו אים און זיך אָפּגערופן:

— דאָקטאָר, זעצט זיך ביי אונזער טישל. מיר האָבן מיט אייך עפּעס צו רעדן.

גידי איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט זיך געזעצט אויף שרהס שטול, האָט גענומען אין האַנט שרהס בייטל און אַריינגעקוקט. ער האָט ניט געזען קיין געלט, האָט ער אַרויסגענומען הונדערט פונט און זיי אַריינגעלייגט. העלען גייענדיק מיט דודן צום טישל האָט אַ פרעג געטאָן אויב ס'איז כדאי אים צו דערציילן וו שרה איז. דוד האָט געענטפערט אַז יאָ. פריער אָדער שפּעטער, וועט ער דאָך מוזן וויסן. וועט עס אים שרה זאָגן און דאָס וועט איר שווערער זיין. טאָ לאָמיר אים צוגרייטן דערצו.

דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּילט אין סעקונדן גאַנג פון טעלעפאָן צום טישל.

ווען זיי זיינען געזעסן שוין ביים טישל, האָט דוד אויסגערופן:

— דאָקטאָר גדעון מאַרקאָוויטש, איר וווּנדערט זיך, וואָס שרה איז ניט מיט אונז. ניט געקוקט, וואָס מיר האָבן זיך אָפּגערעדט דאָ צו טרעפן. מוזן מיר אייך זאָגן, אַז זי האָט זיך איצט געטראָפן מיט רמין. איר געוועזענעם חתן און זיי שפּאַצירן אַרום אין דרויסן.

— ווילן זיי באַשטעלן? — האָט די קעלנערין אַ פרעג געטאָן.

— דריי קאָניאַק און אַ פּעקל פּאַפּיראָסן.

— איך טרינק ניט, אַ דאַנק! — האָט העלען אויסגערופן.

— פאַר דער גרויסער געשעעניש — האָט גידי אַרויסגעזאָגט הויך און מיט אַ שמייכל. — עס איז ביי שרהן אַ יום־טוב.

די קעלנערין האָט ניט געוואַרט אויף זייער דעציזיע און אין סעקונדן האָט זיך שוין געפונען דער קאָניאַק און די פּאַפּיראָסן אויפן טיש.

— ווען האָבן זיי זיך געטראָפן? — האָט גידי אַ פרעג געטאָן, עפּענענדיק דאָס שאַכטל פּאַפּיראָסן, פאַרלייגנדיק העלען און שפּעטער דודן צו פאַררויכערן. העלען האָט זיך העפלעך אָנטזאָגט. דוד האָט געענטפערט, אַז ער רויכערט ניט. גידי האָט פאַררויכערט מיט אַ שמייכל און אַרויסגעלאָזן אַ פול מויל מיט רויך. שמייכלענדיק. אָבער עס האָט זיך דייטלעך געמערקט זיין אויפרעגונג. אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ שטיל־שווייגן קיינער האָט פון זיי ניט געפונען די פּאַסנדיקע ווערטער. נאָר גידי האָט זיך אָפּגערופן:

— איך שטעל זיך פאַר זייער באַגעגעניש!

— איך וואָלט עס ניט אויסגעהאַלטן! — האָט העלען אויסגערופן. —

איך קאָן ניט אייערע כאַראַקטערן, מענער מוזן זיין שטאַרק ווי אייזן. איך וואָלט אפשר פאַרחלשט.

שרה וועט ניט חלשן, ווייל זי, אַלס קראַנקן־שוועסטער, האָט זי זיך אַ סך מאָל אָנגעטראָפן מיט האַרץ־רייסנדיקע מאָמענטן. אָ, ווען איר ווייסט, וואָס עס שפּילט זיך אָפּ אין די שפּיטעלער. צום גוטן און ביים שלעכטן: אָבער דאָקטוירים און שוועסטערס מוזן זיין פאַרהאַרטעוועט.

— זיינען דען ביי אייך ניט פאַראַן קיין געפילן? לעבט איר ניט דורך צוזאַמען מיטן פּאַציענט אָדער מיט זיינע פריינד דאָס, וואָס זיי לעבן אַדורך?

— ווען מיר וואָלטן געדאַרפט דאָס אַלץ אַדורכלעבן, וואָלטן מיר גע־וואָרן אויס מענטשן. עס וואָלט אונז געוואָרפן פון קאַלט צו וואַרעם. מיר נעמען אויף אַ טויט מיט לעבן גלייכגילטיק.

— דערפאַר זענט איר אַזוי רואיק, ווען איר ווייסט, אַז שרה האָט זיך געטראָפן מיט איר געוועזענעם חתן.

— פאַרוואָס זאָל איך ניט זיין רואיק? — האָט זי אים ליבער פאַר מיר, און זי וועט פון מיר אַוועקגיין, האָב איך ניט קיין ברירה. עס וועט מיר העלפן מיין אויפרעגונג? זי איז אַ דערוואַקסן מיידל און קאָן שוין איר וועג אין לעבן אַליין געפינען. צווייטנס, קעמפן קאָן איך קעגן אַלץ אין לעבן, אויסער אין ליבע. ווייל דאָס זיינען האַרץ־קאַמפן, און האַרץ־קאַמפן פעכטן זיך ניט אויס אויסערלעך. דרך־אגב האָט זי מיר געהאַט דערציילט, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ געוויסער העלען. זיינע אַ גוטע פריינדין.

העלען האָט אַ שמייכל געטאָן. דוד האָט אַרונטערגעלאָזט זיינע אויגן. גידי האָט זייביידן אָנגעקוקט, לערנענדיק פון דעם: העלען האָט זיך אָפּ־גערופן — דאָס בין איך זיין באַקאַנטע. אָבער מיין מאַן איז דוד און מיט רמין זיינען מיר פאַרבליבן גוטע פריינד, אַזוי ווי מיר זיינען געווען.

— אַזוי גאַר? — האָט גידי אַ שמייכל געטאָן און פאַרלייגנדיק אַ פוס אויף אַ פוס, פאַרצויגן שטאַרק זיין פּאַפּיראָס, און אַרויסגעבלאָזן אַ שטאַרקן רויך. — איז מיר שוין קלאָרער דער ענין, אַנדערש וואָלטן זיי דאָך ניט געדאַרפט זיין אין דרויסן. דאָס הייסט, אַז רמי איז נאָך אַ בחור. אויב אַזוי, מיינע טייערע, וואָלט איך געוואָלט זיי ביידן זען.

— מיר ווייסן אַליין ניט ווו זיי זיינען. דער טאַש מיט אירע זאַכן ליגן דאָ און זי וועט געוויס צוקומען. ווו זי איז ווייסן מיר ניט. מיט וועלן וואַרטן — אַפילו ביזן שליסן די קאַפּע.

— איך וועל שפּאַצירן דאָ אויפן טראָטואַר, אפשר וועל איך זיי באַגעגענען. נאָר טאָמער ניט, זאָגט שרהן, אַז איך וועל איר קומען נעמען אַרום צוועלף אַזייגער, ווייל פריער וועט זי ניט זיין פריי. איך פאַרשטיי זיי ביידן. איר וועט מיר אַנטשולדיקן: ס'איז מיר זייער אַנגענעם אייער געזעלשאַפט, אָבער איך מוז ווו זיין. זאָגט שרהן, אויב איך וועל איר ניט זען, אַז איך בין דאָ געווען. — גידי האָט איבערגעלאָזט פינף פונט אויפן טיש פאַר דער קעלנערין. דוד און העלען האָבן פּראָטעסטירט, גידי האָט געדריקט העלענס און דודס הענט. און פאַרלאָזט די קאַפע.

— אָ, ווי שלעכט מוז זיך פילן שרה! — האָט העלען אויסגערופן. עס גייט אָן אַ קאַמף אין איר האַרצן וועגן גידי און רמי. גידי איז שיין, רייך, דאָקטאָר, עלעגאַנט. און רמי? רמיס כוח ליגט אין די ערשטע ליבע. העלען, דו ביסט דאָך אַ פרוי, זאָג מיר — האָט דוד אַ פרעג געטאָן. — וואָס שטייגט איבער ביי אַ מיידל אָט די דאָזיקע זאַכן?

— ס'איז מיר שווער דיר צו זאָגן, דוד טייערער. יעדער מענטש מיט זיין כאַראַקטער. מיר האָבן געזען אין לעבן ביידע פּראָבלעמען, עס ווענדעם זיך אין די מענטאַליטעט פון מענטשן. עס זיינען דאָ מאַטעריאַליסטן, ביי וועלכע ליבע ליגט אין רייכטום, וואָס אין רעזולטאַט דערפון, איז עס קיין ליבע נאָר מאַטעריאַליזם. און פאַראַן אמתע ליבע, ווו מאַטעריאַליזם שפּילט ניט קיין ראָל. איך האָב וועגן דעם אַ סך געלייענט און זיך אָנגעהערט צווישן מיינע חברים און חברטעס. אַלנפאַלס אין דער היינטיקער וועלט, איז ליידער מאַטעריאַליזם געוואָרן אַ פאַקטאָר, קעגן אַזאַ ריינער זאַך ווי ליבע. אָבער אויף וויפל איך האָב באַקאַנט שרהן און געזען דאָס פייערל אין אירע אויגן, ווען זי האָט דערהערט דעם נאָמען רמי, וועט ביי איר דעצידירן ליבע איבער מאַטעריאַליזם. צווייטנס, וואָס פעלט רמין? איז ער דען אַן אָרעמאַן?

— אָבער איך זע און הער, ווי מיידלעך זוכן איצט אין הייראַט נאָר דאָס רייכקייט, זיי זאָגן, אַז ליבע זיצט ניט אין האַרצן נאָר ליגט אין מאָגן — האָט דוד אויסגערופן.

— דוד, ווער עס קען אַזוי רעדן, אָבער ניט דו. האָב איך געזוכט אין דיר רייכטום? דיין פאַרמעגן זע איך דאָך. די פאַרמאָגסט אַ סך טויזנטער דונאַם באָדן, אַ ווירטשאַפט פון אַ סך פי, הינער, פינף צימער־וווינונג. מיין פאָטער איז רייך, און פון דעם בין איך אַוועק מיט דיר אין קיבוץ וווינען אין אַנדערהאַלבן צימערן, אַ פּרימיטיוו באָדע־צימער מיטן פשוטן

שענקל. דאַרפסט ניט רעדן אַזוי וועגן אונז, פּרויען, — האָט העלען אַרויס־געדעדט ערנסט, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן צו דער ערד.

— זאָג מיר, העלען, ווי אַזוי האָסטו זיך פאַרליבט איר מיר? מיר האָבן זיך דאָך אַזוי ווייניק געקאָנט!

— אָט האָסטו דיר אַ נייע פראַגע — האָט העלען אַרויסגערעדט לאַכנ־דיק, — איך האָב זיך פאַרליבט אין דיר נאָך אין ניו־יאָרק, ניט קאָנענדיק דיך אַפילו. רמי האָט מיר אַזוי פיל דערציילט וועגן דיר. און ווען איך האָב דיך דאָס ערשטע מאָל דערזען אויף דער שיף, ביים רעגיסטרירן די עולים, ניט ווויסנדיק, ווער דו ביסט, האָט מיין האַרץ שוין אַ קלאַפּ געטאָן. אַזוי האָב איך זיך פאָר׳געשטעלט דאַרף זיין רמיס חבר. און דאַן נאָך, האָב איך דיר געוואָלט באַקאָנען. איך בין טאַקע צוגעגאַנגען צו דיר און דו האָסט געפרעגט מיין נאָמען. מיינענדיק, אַז איך בין אַ נייע עולה. ווען דו האָסט געהערט, אַז איך בין אַ טוריסטין, האָסטו מער אויף מיר ניט געקוקט, כאָטש איך בין געגאַנגען רייצנד אָנגעטאָן. איר פאַרמאָגט קאַלט בלוט, מענער. אָט אַזוי ווי גידי רעדט:

— אָ, טייערע, דו האָסט אַ טעות. מיר זיינען שטאַרקער אין כאַראַק־טער פון ליבע ווי איר, נעם אַ פּאַקט רמין. וויפל האָט ער זיך אַנגעליטן צוליב שרהן, ווו ער איז ניט געווען. האָט ער נאָר געטראַכט פון איר. און אָט איז ער אין קיבוץ. גייט ניט מיט קיין איין מיידל כאָטש צפורה מאַכט אים דעם טויט. זי איז אַ שיין מיידל, אַ קלוג מיידל. יונג און מיט אַלע מע־לות, און דאָך? — ער שטייט אויף אין דער פרי, פרישטיקט, און גלייך צום טראַקטאָר און נאָך דער אַרבעט, פאַרנעמט זיין צייט, דער ראַדיאָ, דאָס בוך און דאָס בערגל אין נגב, דער בוים, דאָרט קוויקט ער זיך אין זכרונות.

— אַרעמער רמי, איצט מוז ער ווידער ליידן. דוד, איך וויל אַריבער־גיין אין גאָרטן זיי זוכן וואָס זיצן זיי דאָרט אַזוי לאַנג.

דערווייל איז אַריין גידי און געזאָגט, אַז ער זעט זיי ניט און אַז ער פאַרט אָוועק, ער וועט קומען פאַרן שליסן די קאַפע.

רבקה געווירצמאַן

שרה און רמי אין גאָרטן אַלייע

שרה זיצט נעבן רמי און קוקט אים אָן. אירע אויגן זיינען אַזוי אומע־טיק, און גלאַנצן פון טרערן. אָבער אין איר האַרץ ברענט אַ פייער, אַ הייס פייער פון ליבע, רמי האַלט איר האַנט און שווייגט. זיינע געדאַנקען לויפן אַרום. וואָס וועט דאָ איצט זיין. זאָל ער רעדן מיט שרהן וועגן זייער צו־קונפט. אָדער זאָל ער עס ניט דערמאָנען, ווייל ער וויל ניט קיין אַנטוישונג. אָבער זי האָט דאָך פריער אַרויסגערעדט: „אויב דו וועסט ניט וועלן, וועט עס ניט פּאַסירן". ניט געקוקט וואָס איר חתונה איז באַשטימט אויף דינס־טיק. פּלוצים האָט רמי אַרויסגערעדט:

— שרה! הייסט עס, אַז דינסטיק איז דיין חתונה? זאָל איך דיר ווינטשן מזל־טוב?

— איז דאָס דיין איינציק וואָרט פאַר מיר? רמי, האָב איך דיר ניט פריער געזאָגט, אַז מיין חתונה איז אָפּהענגיק פון דיין ווילן.

— וואָס הייסט עס? שרה!

— פשוט, רמי. איך האָב דיך ליב און וועל דיר קיינמאָל ניט אויפהערן ליבן. מיין באַגעגעניש מיט גידין איז אַ צופעליקע און דאָס איז ליבע פון אַ צווייטער מדרגה. איך האָב פריער בכלל ניט געטראַכט וועגן התונה האָבן. אָבער ס'איז שווער פאַר אַ מיידל צו זיין אַליין. די בחורים לויערן און איך האָב פשוט מורא געהאַט פאַר זיך אַליין. אָבער איך האָב גידין אָפן געזאָגט ניט איינמאָל, אַז ווען איך טרעף איצט רמין, אַפילו אַ שעה פאַר דער חופה, גיי איך צו אים, אויב עס זאָל נאָר זיין אַזאַ מעגלעכקייט און זיין פאָטער, דער באַוווּסטער דאָקטאָר מאַרקאָוויטש האָט עס מיט מיר אויך גערעדט, אַז שטאַרקער פון דער ערשטער ליבע, איז נאָר דער טויט פון אַ מענטשן. דעריבער איז מיר גידי אַ שאָד, אָבער מער שאָדן ביסטו. האָסטו מיר ניט ליב, רמי, ווילסטו איך זאָל חתונה האָבן מיט גידין?

שרהס אויגן זיינען פול געוואָרן און טרערן זיינען גערונען אויף איר געזיכט. רמי האָט אַרומגענומען שרהן. זי האָט איר קאָפּ געלייגט אויף זיין ברוסט — און געוויינט אָן אויפהער. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז רמי האָט איר ניט ליב אַזוי ווי פריער, רמי האָט געגלעט איר קאָפּ און פּנים.

— אַ רמי, ווי גליקלעך איך בין כאָטש אויף דער מינוט ווען איך בין נעבן דיר. ווי איך פיל דיין צערטלעך האַנט אויף מיין געזיכט. — האָט זי אויסגערופן, דערביי געקושט זיין האַנט. איך ווייס, דו האָסט מיך פיינט באַקומען. דו האָסט מיך ווייל איך האָב געגעבן מיין צושטימונג צו גידין.

און אפשר טראַכטסטו, אַז איך בין געווען זיינע, ווי נאַטירלעך אַ כלה מיט אַ חתן דריי טעג פאַר אַ חתונה. נאַר גלויב מיר, טייערער, אַז נאַר איין איינציקן קוש האָב איך פון אים געקראָגן און דאָס איז געווען היינט, ווען איך בין געשלאָפן און ער האָט מיך אויפגעוועקט. איך בין געבליבן דיר טריי, זינט פון אונזער ערשטער באַגעגעניש. אויב דו האָסט מיך, זאָג עס מיר, וועט מיר לייכטער זיין דאָס אַלץ אַדורכצוגיין, אָבער ווייס, אַז איך וועל דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ווען איך וועל זיין מיט גידין אונטער דער חופה, וועל איך נאָר דיך האָבן אין זינען. ווען איך וועל הערן די ווערטער: „הרי את", וועט זיך מיר דוכטן, אַז דאָס ביסטו. און שטענדיק וועל איך טראַכטן פון דיר. ווייל דו זיצט טיף אין האַרצן ביי מיר איינגעוואָרצלט און איך קאָן דיך פון מיר ניט אַרויסנעמען. איך פאַרשטיי, רמי, — האָט זי זעצנדיק זיך גלייך אַרויסגעזאָגט. — דו האָסט אַ מיידל אין קיבוץ אָדער ערגעץ ווו געלאָזן און דיין איידעלער כאַראַקטער דערלויבט דיר ניט איר צו פאַראַטן. זאָג עס מיר. באַהאַלט עס ניט אויס. זיי אָפנהאַרציק, דאָס לעבן האָט קאָנטיק אַזוי געוואָלט.

— ניין, שרה, איך האָב ניט קיין געליבטע.

— זינט דער מינוט, ווען איך האָב דיך פאַרלאָזן אין חיפה'ער פּאָרט, האָב איך אין דיר ניט פאַרגעסן. אויף מיין רייזע מיט דער שיף, האָב איך געמיינט, אַז איך ווער משוגע. איך האָב זיך איינגעשלאָסן אין מיין קאַבינע און פלעג נאָר אַרויפגיין אין עס־זאַל, אָדער שפּאַצירן אויפן דעק. וואָלט עס ניט געווען ים, וואָלט איך פון דער שיף אַראָפּ און צו דיר געגאַנגען צוריק, וויסנדיק אַפילו, אַז מיין פאָטער דאַרף מיר. אָבער ליידער, איז די שיף מיט יעדער מינוט געשווומען אַלץ ווייטער און ווייטער. און אַז איך בין אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, האָב איך דיר טעלעגראַפירט און מיט בריוו באַוואָרפן און דו האָסט ניט געענטפערט. איך האָב דיר ניט פאַרשטאַנען און האָב געמיינט, אַז דו ביסט ווי די מערהייט מיידלעך פון דער היינטיקער צייט. מעגלעך, אַז דו ביסט געווען גערעכט. ווייל דו האָסט זיכער געמיינט, אַז דער ים וועט אויסוועפּן מיין ליבע צו דיר. אָבער, אַז איך האָב דערהאַלטן דיין בריוו, אַז דו גייסט חתונה האָבן מיט דודן און דו בעטסט ביי מיר אַנטשולדיקונג, האָב איך דיך פאַרשטאַנען. דאַן האָב איך אויפגעהערט שרייבן און האָב אַליין ניט געוווסט, וואָס צו טאָן מיט זיך.

— פון מיר אַ בריוו, אַז איך גיי חתונה האָבן מיט דודן? רמי, וואָס רעדסטו? איך האָב עס קיינמאָל ניט געשריבן! — האָט שרה פאַרוווּנדערט אויסגערופן.

— איך ווייס עס, טייערע, ס׳איז שפּעטער קלאָר געוואָרן, אַז מען האָט באַוווסטזיניק געשטערט אין אונזער ליבע. כּוחות האָבן געאַרבעט קעגן אונז. און דאָן האָב איך באַשלאָסן אויך צוליב אַמביציע, פאָרן צוריק. העלען האָט מיר געבאַרגט איר געלט און זי איז מיטגעפאָרן. ערשטן אויף דער שיף האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ס׳איז געווען אַ ליגן די געשיכטע. מען האָט מיר פון ישראל אַ פאַלשן בריוו געשיקט אין דיין נאָמען.

— רמי! גראַד פאַרקערט איז געווען די געשיכטע. — האָט שרה אויסגערופן. — מען האָט מיר געשריבן, אַז דו האָסט שוין חתונה געהאַט מיט העלען. און איך האָב דיך באַשולדיקט אין ניט טרייקייט. איך האָב שוין געטראַכט, אַז אַלע בחורים זיינען אויסנוצערס. מיט פיינע רייד נאַרן זיי אָפּ די מיידלעך, נוצן זיי אויס אונטער אַ מאַסקע פון ליבע, נעמען ביי זיי אַוועק זייער ערע און דאָן גייען זיי אַוועק: אויך דיך האָב איך געהאַלטן פאַר אַזאַ.

— יאָ שרה, איך האָב באַשלאָסן קומען אַהער. זיצן אין קיבוץ און כאַטש באַגעגענען דיר פון מאָל צו מאָל אין קיבוץ מיט דודן. איך האָב באַשלאָסן קיינמאָל ניט חתונה צו האָבן. דערוויסנדיק זיך אויף דער שיף די גאַנצע געשיכטע, האָב איך דיר געשיקט אַ טעלעגראַם. און שפּעטער צו דער שיף גערופן. דו האָסט אויף מיין טעלעגראַמע ניט געענטפערט און צו דער שיף אויך ניט געקומען, טאָ וואָס האָב איך געקאָנט טראַכטן?

— אָרעמער רמי! — האָט שרה אויסגערופן און אים אַרומגענומען.

— אויך דו האָסט געליטן אומזיסטעליידן. דאָס איז געשען דערפאַר, ווייל פון אַנטוישונג אין דיר, און ניט וועלנדיק זיין אין דער נאָענט פון דודן, שעמענדיק זיך פאַר אים, האָב איך פאַרלאָזט דעם קיבוץ און אַוועק אַרבעטן אין עפולה שפּיטאָל און שפּעטער קיין טבריה. האָב זיך אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט. ס׳איז מיר אַפילו אין זינען געקומען זיך צו וואַרפן אין כנרת. אָבער עפעס האָט מיין הארץ אַנדערש מיר געזאָגט. זאָג דעם אמת, האָסטו מיך ליב ווי פריער? נאָכדעם, ווי דו ווייסט, אַז איך האָב דאָך באַשלאָסן חתונה האָבן.

— נאָך ליבער און נאָך שטאַרקער — שרה, און איך וועל דיך קיינ־מאָל ניט אויפהערן ליבן. אַפילו ווען דו וועסט זיין אַ מוטער צו גדעונס קינדער.

— ווילסטו איך זאָל חתונה האָבן מיט גדעונען? רמי, — האָט שרה פאַרוווּנדערט געפרעגט.

— ניין! שרה! איך וויל עס ניט. אָבער גדעון... אַ דאָקטאָר... רייך...

א נאָמען... ס׳איז ניט לייכט צו פאַרלירן דעם נאָמען, די פרוי פון א דאָקטאָר.

— איך טראַכט ניט אַפילו דערפון, רמי. איך האָב אין מיין לעבן זיך ניט געיאָגט נאָך כבוד און ניט נאָך געלט. יאָ, כבוד. פרויען כבוד, אַכטונג, אָבער ניט קאַריערע. רמי איך שווער דיר, איך בין דיינע אויף אייביק. נאָר דער טויט קאָן מיך אָפּרייסן פון דיר.

— אָבער דינסטיק דאַרף דאָך זיין די חתונה? — עס איז דאָך ניט שיין פאַר גדעון און זיין משפחה, זיינע פריינד, וואָס וועלן זיי זאָגן?

— בעסער די מאַמענטאַלע שאַנדע ווי דאָס אומגליקלעכע לעבן, — האָט שרה געענטפערט.

— הייסט עס ביי דיר אומגליקלעך? —

— יאָ, וויסנדיק, אַז דריי טעג פאַר דער חתונה, האָב איך דיר גע־טראָפן, דו ביסט פריי פאַר מיר און איך גיי צו דער חופה מיט א צווייטן.

— ווּעסטו דאָס אים זאָגן?, שרה! — האָט רמי ארויסגערעדט.

— יאָ, נאָך היינט ביינאַכט. ער וועט מיר פאַרשטיין. ווייל ער ווייס, אַז דו ביסט ביי מיר דער ערשטער און היינט דער לעצטער

ביידע זיינען שטיל געוואָרן. ביידע האָבן ניט געקאָנט רעדן, נאָר אַן אויפריכטיקער קוש, אַרויסגעבראַכט פון אויפריכטיקער ליבע, האָט זיי פאַראייניקט.

— שרה; דיינער אויף אייביק! — האָט רמי אויסגערופן נאָכדעם ווי שרה האָט שטאַרק זיך צעוויינט.

העלען אין גאַרטן

מיט גיכע טריט האָט העלען שפּאַצירט פון קאַפּע אין גאָרטן אַרויס. העלען האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע דורכגייער. איר שנע־לער און זיכערער גאַנג האָט אַרויסגערופן חשד. העלען האָט זיך ניט אומ־געקוקט, נאָר געשפּאַנט פעסט און זיכער. דער זייגער איז שוין געווען גוט שפּעט און העלען האָט געטראַכט, אַז רמי און שרה קאָנען אַזוי אָפּזיצן א גאַנצע נאַכט. אַריינקומענדיק אין דער אַלייע, האָט רמי דערקאָנט הע־לענס גאַנג.

— העלען! — האָט רמי אויסגערופן.

שרה האָט זיך אָפּגערוקט פון רמין. פאַרוואָרפן אַ פוס איבער אַ פוס און אָנגעקוקט דאָס בלאָנדע מיידל, וועלכע האָט אויסגעזען אין דער שאָטנ־דיקער פינצטערניש, ווי אַ ווענוס.

— שוין! זיך אָדורכגערעדט? זיך אויסגעקושט, רמי? — ס׳איז אַלץ אין אָרדענונג?

— יאָ, העלען! — האָט שרה אויסגערופן. — אַלץ אין אָרדענונג. זעץ זיך נעבן אונז, טייערע חברה, דיר האָב איך אַ סך צו פאַרדאַנקען.

— פאַרוואָס? — האָט העלען אַ פרעג געטאָן.

— ערשטנס, ווייל דו האָסט ניט חתונה געהאַט מיט רמין, צווייטנס, ביסטו געווען לויט רמיס רייד מיין באַשיצערין. — שרה האָט זיך אויפ־געשטעלט און ארומגענומען העלען, איר אַ קוש געטאָן, אויך העלען האָט געקושט שרהן און אויסגערופן:

— קומט אַריין אין קאַפע. דאָ וועט איר נאָך פאַרפרוירן ווערן.

* * *

דוד און גדעון זיצן ביים טישל אין קאַפע.

אין דער צייט, וואָס העלען איז געווען אין גאָרטן מיט שרהן און רמין, האָט דוד גערעדט מיט גידי. ער האָט אים דערציילט שרהס ביאָגראַפיע און איר גאַנצער פאַרגאַנגענהייט. ווי ער האָט איר ליב געהאַט, און ווי זי איז פאַרליבט אין רמין. און דוד האָט אויסגערופן:

— דאָקטאָר מאַרקאָוויטש, איך מיין, אַז איר מוזט מוחל זיין שרהן, ס׳איז דאָך איר ערשטע ליבע. און דאָס איז שווער אַרויסצוררייסן. מאַכט איר לייכטער. לאָזט זיי ביידן שפּינען זייער לעבן.

— איך וועל איר ניט שטערן. פאַרקערט, אויב רמי געפינט זיך אין לאַנד וועט שרה מיט מיר קיינמאָל ניט זיין צופרידן. איך האָב איר טאַקע ליב, אָבער האָב ניט קיין ברירה. אָבער ווו זיינען זיי? פאַרוואָס באַהאַלטן זיי זיך אויס?

— זיי באַהאַלטן זיך ניט. מיר האָבן פאַרשטאַנען זייער באַגעגעניש און דאָס איז ניט באַקוועם אין אַן עפנטלעכן פּלאַץ. העלען איז אַוועק זיי זוכן. ווייל זיי ביידע, קאָנען אַזוי אָפּזיצן ביזן שפּעטן באַגינען און אַפילו ניט פילן די צייט ווי זי גייט אַדורך. איך מיין, אַז זיי וועלן באַלד אַריינ־קומען.

— האָט זי ניט קיין עלטערן? קיין פריינד אין לאַנד? — האָט גידי אַ פרעג געטאָן.

— ניין! זי איז געקומען מיט דעם עלית הנוער. אַ קליין מיידעלע געוועזן. אונזער בריגאַדע האָט איר געפונען ביי אַ קריסט און יענע האָבן איר אָוועקגעגעבן, זאָגנדיק, אַז אירע עלטערן זיינען פון פינסק און זיינען דאָרט אומגעקומען. נאָר אירס אַ ברודער איז אַנטלאָפן צו די פּאַרטיזאַנער. מ׳ווייסט ניט צי ער לעבט אָדער איז ער אומגעקומען.

— האָט זי אים געזוכט?

— ניין! ווו זאָל זי אים זוכן? און ווי קאָן זי אים זוכן?

— ערשטנס איז פאַראַן אַ „סוכנות״, פאַר זוכן קרובים אין לאַנד. פאַראַן אַ געזעלשאַפט „האיאס״, וואָס זוכט אַרום קרובים אויף דער גאַרער וועלט. צווייטנס איז דאָך פאַראַן אַ פּרעסע.

— זי ווייסט דאָך אַפילו ניט איר יידישן נאָמען, ווייל זי טראָגט אַ נאָמען פון אַ קריסטלעכע פאַמיליע. זי הייסט שרה דאַנישעווסקאַ.

— קאָן מען דאָך אָנפרעגן די קריסטן. זיי ווייסן דאָך יאָ, ווי איר פאַמיליען נאָמען איז געוועזן.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, איך האָב וועגן דעם ניט געטראַכט און זי? ווי אַלט איז זי? פונוואַנען זאָלן קומען צו איר אַזעלכע געדאַנקען? אָבער באמת, דאָקטאָר, איר זענט גערעכט. מען דאַרף קודם־כל אויספרעגן די משפחה.

— איר קאָנט עס מאַכן לייכט. מיר וועלן זיך ווענדן אין אונזער קאָנסולאַט אין וואַרשע און זיי וועלן רעדן מיט דער משפחה. איך האָב איר ליב באַקומען דער קליינער באַאיוועזר מיידל. זי איז אַ טייער קינד. אָבער זי איז קאָנטיק ניט באַשערט פאַר מיר. טאָ זאָל איך איר ניט שטערן אין איר גליק. אומגליקן האָט זי שוין געהאַט גענוג, האָט נאָך איר געפעלט אויסער פיזישע ליידן נאָך ליבע־ליידן. האָט זי דאָס אויך פאַרדינט. אַ שאָד, וואָס זי איז איצט ניטאָ. איך האָב איר ליב, ניט פאַר מיר אַלס פרוי, נאָר אַלס פריינדין. און איך זע דאָך, אַז פאַר מיר איז זי פאַרלוירן, טאָ זאָלן מיר זיין פריינד כאַטש.

— איך האָף, אַז שרה וועט עס אָנגעמען. רמי זיכער. ער איז אַ האַרציקער בחור. מיין צושטימונג גיב איך אייך, און דוד האָט אים אויסגעשטרעקט זיין האַנט. — לאָמיר האָפן, אַז אַלץ וועט גיין אין אָרדענונג. און וואָס עס האָט פּאַסירט? מילא? מענטשן וועלן אונז פאַרשטיין. אָבער זיי זאָמען זיך, באַלד וועלן מיר זיך אַלע איבערטראַגן אַהין. — האָט גדעון אויסגערופן.

— ניין! זיי וועלן זיכער גלייך אָנקומען, מיר וועלן דערווייל טרינקען אַ קאַפּע.

— צוויי הייסע קאַפּע! — האָט דוד אויסגערופן צו דער קעלנערין.

* * *

— מיינע טייערע! — האָט העלען זיך אָפּגערופן. געגוג אייך פאַר היינט. איר וועט זיך נאָך אויסרעדן די הערצער. קומט אַריין אין קאַפע. ס'איז ניט אָנגענעם. מענטשן וועלן איבערקלערן. ס'איז שוין אַזוי אויך אויפפאַלנד, וואָס מיר, ביידע פרויען, זיינען אַוועק פון טיש און די מענער זיצן. קומט אין קאַפע אַריין.

— ס'וועט מיר שווער זיין העלען! — האָט שרה אויסגערופן. — איך האָב פאַרוויינטע אויגן און פאַרוואונדעטע האַרץ.

— נעם אַ ביסל פודער און פאַרב. וויש אויס די אויגן און זיי פריי־לעך, וועט דאָס אַלץ אַדורך.

— אָבער ווי וועל איך אָנקוקן גדעונען? — האָט שרה אויסגעריפן.

— שרה, איך וואונדער זיך אויף דיר. וואָס איז ער, דיין מאַן? דיין טאַטע? האָסט אים עפּעס געטאָן? האָסט אים פאַראומגליקט? זיי ניט נאַריש? ווען ער וועט דיך דערזען, וועט ער גוט פאַרשטיין. ער איז ניט קיין נאַר. און טאָמער איז ער יאָ אַ נאַר, איז עס נאָך בעסער. וואָס? ער האָט דיך אויסגעהאַלטן? האָסט ביי אים אַ פאַרמעגן צוגענומען? ס'איז ניט שרעקלעך. קומט, אַ שאָד די צייט. און צווייטנס, אַלץ מוז נעמען אַן ענדע. אייערע רייד לאָזט אייך איבער אויף שפּעטער.

רמי האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרומגעכאַפּט העלען און איר געקושט.

— די זעלבע ווילדע העלען, ווי אין ניו־יאָרק. מיר דאַרפן אַזעלכע פרויען.

— רמי! הער אויף! דוד קאָן אָנקומען און וועט נאָך דערזען ווי דו קושט מיך, וועט מיר שוין מער ניט פעלן. זע, שרה איז שוין אייפערזיכטיק.

— אויף דיר, העלען, ניט, איך ווייס, אַז דו ביסט אים אַ גוטע חברה. אָבער נאָך מיין חתונה וועל איך עס דיר ניט דערלויבן.

— אַט אַזוי הער איך רייד. „קאָם אָן" רמי, „קאָם אָן" שרה, — העלען האָט זיי ביידן אָנגענומען אונטערן אָרעם און צוזאַמען שפּאַצירט דורך דער אַלייע, איבער דיזנגוף גאַס אין קאַפע אַריין.

ווען זיי זיינען אַריין צוזאַמען אין קאַפע, האָט דוד דערזען צוערשט זיי אָנקומען. ער האָט זיך אָפּגערופן צו גדעון מאַרקאָוויטש.

— דאָקטאָר, זיי גייען.

שרה האָט שפּאַצירט די ערשטע. הינטער איר, העלען און דער לעצ־טער איז געגאַנגען רמי מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. שרה איז רויט געוואָרן, ווען זי האָט דערזען גדעון זיצן ביים טיש, רויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס. כאָטש

אַ שמייכל איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין געזיכט, האָט זי דאָך געפילט, אַז זיין האַרץ ברויזט. אָבער ניט האָבנדיק קיין וועג צוריק, איז שרה צוגע־גאַנגען צו גדעון און אויסגערופן:

— גידי! ווערט באַקאַנט. דאָס איז רמי פיינגאָלד.

גידי האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט אויסגעשטרעקט רמין זיין האַנט, וועלכע רמי האָט אויפגענומען מיט אַ שטאַרקן האַנט־דרוק און געענט־פערט, רמי פיינגאָלד.

— דאָס איז דער זעלבער רמי, וועגן וועלכן איך האָב דיר דערציילט, גדעון, — שרה האָט זיך געזעצט נעבן גדעון אין דער צווייטער זייט איז געזעסן העלען. אַ מינוט האָט געהערשט אַ שטיל שווייגן. יעדער האָט זיך קאָנצענטרירט אין זיינע געדאַנקען און ניט אַרויסגעבראַכט קיין וואָרט. אָבער גראַד גדעון איז געווען דער, וועלכער האָט איבערגעריסן דעם שטיל שווייגן און אויסגערופן:

— מיסטער רמי פיינגאָלד! איר זענט דער גליקלעכסטער מענטש איי דער וועלט. שרה האָט אייך ליב מיט אַלע פיבערן פון איר נשמה. ניטאָ קיין כוח, וואָס זאָל אייך שיידן. און דערפאַר וועל איך אייך ניט שטיין אין וועג. מיר איז ניט לייכט אָנגעקומען דערנעענטערן שרהן צו זיך. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט זי מיר דערמאָנען, אַז אויף דער וועלט עקזיסטירט אַ רמי. און ווען איך וואָלט ניט צוגעזאָגט צו שעצן איר ליבע צו אַ מאַן, וועגן וועלכן זי האָט יאָ און ניט געוווסט, ווו ער געפינט זיך. צי ער האָט יאָ, אָדער ניט חתונה געהאַט. זי, וועלכע פלעגט מיר שטענדיק זאָגן, אַז זי גלויבט ניט דאָס רמי פיינגאָלד וועט איר פאַרלאָזן — וואָלט זי מיט מיר אָפילו רעדן ניט געוואָלט. איך האָב איר אויך צוגעזאָגט צו העלפן אייך געפינען. מיר האָבן אַ פּאָר מאָל אַנאָנסירט אין דער פרעסע, אַז מען זוכט אייך. און ווען שרה האָט געזען, אַז איר ענטפערט ניט, האָט זי געמיינט, אַז איר ווילט איר מער ניט זען. אַזוי האָבן אויך געטראַכט מיינע עלטערן. אָבער דאָס לעבן האָט זיך זיינע וועגן און קיינמאָל קאָן מען ניט אורטיילן געשעענישן פון אויבן אויף. שפּעטער ערשט, האָט זיך באַוויזן, דאָס, וואָס איך זע איצט.

— שרה! דאַרפסט ניט זיצן אומעטיק. דיינע געדאַנקען דאַרפן גאָרניט טראַכטן. דאָס, וואָס עס איז פאַרזאָגט געוואָרן די חתונה איז ניט געפערלעך. עס טוט ניט קיינעם קיין עוולה. מעגלעך, אַז איך וועל יאָ חתונה האָבן מיט עליזהן און מעגלעך אַז ניט. ס'איז איןביידע פאַלן ניט קיין טראַגעדיע. מיך פריידט נאָר, וואָס דו האָסט געטראָפן צוריק דיין רמי. און איך מיין, אַז

איר וועט שוין פאַרבלייבן אַ פּאָר אויף אייער גאַנצן לעבן. דו ביסט ווערט, שרה, געליבט צו זיין. צו זיין אויך געאַכטעט. ווייל דו האָסט רמין ניט פאַראַטן אויף איין מינוט פון דיינע געדאַנקען. ביסט געווען אויפריכטיק און אַפילו מיינע עלטערן האָבן דיר פאַרשטאַנען. עס האָט גאָרניט באַזונדערס פּאַסירט. און איך האָף, אַז מיר וועלן פאַרבלייבן גוטע פריינד.

— איך דאַנק דיר, גדעון, פאַר דיינע שיינע רייד. איך דאַנק דיר אויך פאַר דעם, וואָס אַ דאַנק דיר, בין איך ניט געגאַנגען צום אָפּגרונט. דו ביסט געווען דער, וואָס האָט מיר געטרייסט און געגעבן מוט. און איך וועל עס דיר ניט פאַרגעסן. ווייניק זיינען דאָ אַזעלכע מענער, וועלכע זאָלן שעצן די געפילן פון אַ מיידל, בפרט אין מיין לאַגע. איך קאָן גוט די ווירקלעכקייט און קאָן אויך דער געזעלשאַפט. איך האָב געפונען אַ היים ביי דיינע עלטערן, טייערע עלטערן און מוז דיר זאָגן, אַז עליזה וועט האָבן אַ גוטן מאַן, זאָל זי נאָר דיר פאַרשטיין.

— יאָ, גדעון! — האָט העלען זיך אָפּגערופן. — איר זענט אונז טייער און איר זענט ווערט געשעצט צו ווערן. אויך ביי אונז אין אַמעריקע טרעפט מען זעלטן גוטע בחורים, וועלכע זאָלן זען אין דעם מיידל דעם מענטש און ניט בלויז די פּרוי.

— מיסטער מאַרקאָוויטש! איך האָב ניט קיין ווערטער, מיט וועלכע איך זאָל קאָנען אויסדריקן מיין דאַנקבאַרקייט צו אייך. — האָט רמי גערעדט שטיל. — איך לערן פון אייערע רייד, און פאַרשטיי אייך גוט. דער גורל האָט אַזוי געוואָלט. דאָס לעבן גייט אָפּטמאָל גלאַטיק און אָפּט מאָל מיט זיג־זאַגן. זינט איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזען שרהן, האָב איך זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון איר זיסן און ליבן שמייכל. איר ערנסטקייט איז ניט פון קיין מיידעלע אין אירע יאָרן. צי דאָס איז דערפאַר, ווייל די טראַגישע תקופה פון דער מלחמה האָבן איר אַזוי איינגעוווינט. איך בין געקומען אַהער אין לאַנד, אַקוראַט אין דער מלחמה און בין פאַרבליבן, אַ סך צוליב איר און מיר האָבן באַשלאָסן חתונה האָבן. אָבער איך האָב געמוזט צוריקפאָרן אַהיים כדי צו באַווירקן מיינע עלטערן צו קומען אַהער און דאַן זאָלן מיר אַלע זיין איין משפחה. עס האָט אין דער צייט פּאַסירט וואָס האָט פּאַסירט. קיינעם שולד איז דאָ ניט געווען. נאָר אַ לעבנס געשעעניש אַקוראַט ווי דאָס זעלבע אין לעבן טרעפט אויך אויף אַנדערע געביטן. שרה האָט מיך ליב און איך האָב זי ליב. די פּאָר שעה, וואָס מיר זיינען געווען צוזאַמען איצט, האָבן קלאָר געמאַכט אונזער סיטואַציע. איך מיין, אַז איר האָט

אונז גוט פאַרשטאַנען. איך האָב געמיינט, אַז שרה, נאָכדעם ווי זי האָט אייך באַקאַנט, און האָט געדאַרפט ווערן די פרוי פון אַ דאָקטאָר, האָט דאָך באַשטימט ניט צו קוקן דערויף. נאָר איז גרייט צו גיין אויך מיט מיר אין קיבוץ, דאָס איז ליבע. איך האָב פּרובירט איר זאָגן, אַז אפשר זאָל זי דאָך פאַרבלייבן מיט אייך, האָט זי געענטפערט, אַז איך האָב איר ניט ליב. ווען איך רעד אַזוי און טראַכט ניט צו קעמפן פאַר אונזער פאַרגאַנגענהייט. עס טוט מיר שטאַרק וויי, וואָס אַזוי האָט פּאַסירט. אָבער דאָך בין איך געווען דער ערשטער, וואָס האָט צוגעריבט אירע געדאַנקען און דער ערשטער, ווען זי האָט צוגעזאָגט ליב צו האָבן ביזן טויט. דעריבער זייט מוחל.

— אָן צווייפל, מיינע טייערע. איך וויל זיך אַפילו ניט מאַכן נאַריש און איך טאָר עס ניט אויך. איך ווינטש אייך דאָס בעסטע אין לעבן. עס איז שוין גוט שפּעט און מיינע עלטערן וועלן שוין ניט וויסן וואָס צו טראַכטן, ווייל זיי ווייסן אַז שרה טרעפט זיך מיט דודן און אַזאַ טרעפונג קאָן דויערן אַ שעה צוויי. ס'איז שוין צוועלף דער זייגער. איך מיין, שרה, אַז דו וועסט ניט וועלן פאָרן צו אונז אַ היים, איך פאַרשטיי אייך. כאָטש איך וואָלט זייער געוואָלט, אַז איך האָב דיר גענומען פון שטוב, דאַרף איך דיר צוריקברענגען... און אויף מאָרגן וועסטו מאַכן דיינע צוגרייטונגען.

— איר זענט ניט גערעכט, — האָט דוד זיך אָפּגערופן. — איר זענט דאָך דאָקטאָר. האָט איר שוין געמאַכט די אָפּעראַציע, דאַרף דער קראַנקער איבערגיין צו זיינע פריינד, היילן גייסטיק קאָנען נאָר די משפּחה איך מיין, דאָקטאָר, אַז שרה זאָל צוליב אַ סך טעמים פאָרן צו רמין, אין דער היים פון זיינע עלטערן. ווייל סוף כל סוף איז דאָך אונז קלאָר, אַז די חתונה צווישן אייך וועט ניט פאָרקומען. טאָ צו וואָס זאָל רמי אַ בענקנדער און אַן איבערצוזיכטיקער טראַכטן? אייך וועט דאָס גאָרניט געבן און שרהן מיט רמין וועט דאָס געבן אַ סך. זענט איר שוין אַזוי ווייט אײדל, טאָ זייט שוין ביזן סוף. איך לייג פאָר, אַז שרה זאָל מיטפאָרן מיט אונזער מאַשין און איך וועל אייך צוזאָגן, אַז מאָרגן בייטאָג, וועלן מיר אַלע קומען צו אייך אויף אַ באַזוך. ווייל אויך איך וויל באַקאָנען אייערע עלטערן.

שרה האָט געשוויגן העלעז האָט געגעבן גערעכט דודן, רמי האָט זיך ניט אָפּגערופן. גידי האָט אַ טראַכט געטאָן אַ ווײלע און דאַן זיך אָפּגערופן:

— דוד, איר זענט גערעכט. האָט שרה צוריקגעקראָגן איר געליבטן, איז אַ נאַרישקייט פון מיין זייט געווען פאַרצולייגן איר פאָרן צו מיר. אַנטשולדיקט! — האָט גידי אויסגערופן, אַרויפלייגנדיק זיין האַנט אויף שרהס אַקסל.

— ס׳האָט גאָרניט פּאַסירט, גידי. איך האָב למעשה געדאַרפט רעדן מיט דיינע עלטערן. אָבער זיי מוזן שוין זיכער במילא שלאָפן.

— ס׳איז ניטאָ וואָס צו רעדן — האָט גידי זיך אָפּגערופן — איר האָט אַ סך צום רעדן צווישן זיך און איר וועט זיכער היינטיקע נאַכט ניט שלאָפן. איך האָף אָבער, מאָרגן זיך זען. איך וויל אייך לאַדן צו מיטאָג אַלעמען.

— מסכים! — האָט דוד געענטפערט פאַר אַלעמען. רמי, שרה און העלען האָבן געשוויגן. גידי האָט עס אָנגענומען פאַר אַ פאַקט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אַרויסגענומען געלט און געוואָלט באַצאָלן דער קעלנע־רין. רמי האָט אָבער ניט דערלויבט, זאָגנדיק: — דאָקטאָר, יעדער פרייז אין דער וועלט איז פאַר מיר ניט צו טייער אָפּגעפינענדיק שרהן און דער־פאַר זאָל כאָטש מיט דעם באַדאַנקט ווערן דורך מיר. גידי האָט אַלעמען געדריקט האַרציק די הענט און פאַרלאָזט די קאַפע.

רמי און העלען האָבן נאָכגעקוקט גידין ווי ער גייט אַרויס פון קאַפע־הויז. און ווערט פאַרשוווּנדן צווישן די פאַרבייגייענדיקע פאַרלעך. רמי האָט זיך איבערגעזעצט נעבן שרהן, האָט איר אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן פאַר אַלע אין די אויגן. שרה האָט זיך ניט געוועהרט

* * *

מיט גידיס אַוועקגיין האָט זיך געפילט אַן אָנטשפּאַנונג. עס איז זיי אַלעמען ווי לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן. העלען האָט געדריקט שרהן צו זיך און אויסגערופן: — שרהלע! עס פריידט מיר צו האָבן דיר אַלס פריינדין. איך האָב געבעטן גאָט, אַז רמיס פרוי זאָל זיין שיין, עלעגאַנט און פריילעך. איך מיין, אַז דו וועסט ווערן אַרומגערינגלט מיט ליבע פריינד. מיינע עלטערן זיינען דאָ, רמיס עלטערן אויך. דער קיבוץ וואַרט אויף דיר. לאָמיר פאָרן אַהיים. אויב עס איז אונז געלונגען אַרויסצורייסן דיך פון זיינע הענט, האָט די קאַפע „בוקי״ אָפּגעטאָן איר פליכט. איצט ווייס איך צו וואָס קאַפעען עקזיסטירן אַזוי פיל ביי אייך אין לאַנד. דיזנגוף גאַס איז שוין באַלד איין קאַפע קוואַרטל.

— מיר פאָרן! — האָט דוד אויסגערופן. אַרויסנעמענדיק געלט כדי צו באַצאָלן. אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער. דוד האָט פאַר פרייד קיין רעשט ניט גענומען פון דער קעלנערין. און אין שדרות קרן קימת איז געשטאַנען דודס „סטיישן״. העלען און שרה זיינען געגאַנגען פאָראויס געאָרעמט, ביידע הויכע, שלאַנקע און בילד שיינע מיידלעך. דינ־

טער זיי זיינען געגאנגען דוד און רמי. דוד האט זיך געזעצט ביים שאפערן ראד, העלען בכונה נעבן דודן און שרה מיט רמין זיינען געזעסן אין דער אנדערער ריי. אויף דעם גאנצן וועג איז שרהס קאפ געלעגן אויף רמיס ברוסט און טרערן פון פרייד האבן גערונען פון אירע אויגן, העלען האט אפילו א באוועג זיך ניט געגעבן. אין א קנאפע האלבע שעה, זיינען זיי געווען ביי רמין אין הויז. די עלטערן זיינען שוין געשלאפן. העלען האט ערשט איצט געשטעלט פרוכטן, וואס זי האט ארויסגענומען פון אייז־קאסטן.

א טעות האט אבער געהאט העלען, אז רמיס מוטער שלאפט. זי איז געלעגן אין איר בעט מיט פארמאכטע אויגן און געווארט אויף דעם סוף פון דער באגעגעניש. זי האט געוואלט זען, וואס דערפון וועט ארויסקומען. צי עס איז אלץ פארלוירן אדער ניט. שרה האט זיך געקערט צוריק. ווען זי האט געזען צוויי מיידלעך אנקומען, האט זי פארשטאנען, אז שרה איז דא. זי האט אפגעווישט א טרער פון איר אויג און אנטדרעמלט געווארן.

ניט לאנג איז העלען מיט דודן געזעסן אין דער געזעלשאפט פון רמין מיט שרהן. ס׳איז שוין שפעט — האט העלען אויסגערופן. — יונגע פרויען דארפן גיין שלאפן.. רמי, דו גייסט אויך שלאפן. שרהס בעט זע איך איז גרייט.

— מיר וועלן נאך א ביסל זיצן אויף דער טעראסע. — האט רמי גע־ענטפערט. — דער אוונט איז אן אנגענעמער. די זומער־נאכט, האט ארויס־געגעבן די שמעקעדיקע ביימער בליאונג פון זייער גארטן. העלען און דוד זיינען אוועק אין זייער שלאף־צימער, איבערלאזנדיק שרהן מיט רמין אליין. אין בעט, ליגנדיק האט העלען זיך אפגערופן צו דודן, אז זי איז צופרידן פון שרהן מיט רמין, א, וויפל דער בחור האט עס געליטן — האט העלען גערעדט אויסדריקנדיק אירע מיטגעפילן רמין.

— דערפאר וועט זייער ליבע זיין איצט א שטארקערע — האט דוד זיך אפגערופן. זיי האבן לאנג ארומגערעדט די באגעגעניש אין קאפע מיט גדעון, — איך האב אויף אים רחמנות — האט דוד זיך אויסגעדריקט מיט לייד.

— עס וועט גיך פארגעסן ווערן — האט העלען געענטפערט. עס איז אמאל אינטערעסאנטער אזא גאנג אין דער ליבע, ווי עס גייט נארמאל. — האט העלען גערעדט ווייטער. — גליק ליגט ניט אמאל אין דער ליבע, נאר אין גאנג צו ליבע — האט זי דערמאנט א דיכטערס א מיינונג.

— ביסטו ניט גליקלעך? העלען! — האט דוד א פרעג געטאן.

— פאַרוואָס פרעגסטו מיך אַזוי? פילסטו ניט, ווי איך האָב דיך ליב, דוד? זעסטו ניט ווי איך האָב פאַרלאָזן דעם רייכן און לייכטן לעבן פון דער אַמעריקאַנער יוגנט און געקומען צו דיר אין וויסטן נגב, קומט אַהער דער רייך פון דער פינפטער עוועניו מיטן אַמעריקאַנער גלאַנץ? אַז איך האָב דיך ליב, האָב איך שוין צוזאַמען ליב דיין היים. דיינע פעלדער און וועלדער, גלויב מיר, אַז איך וועל ניט פאַרבייטן די קינדער היים אין קיבוץ, אויף דעם שענסטן פּלאַץ אין ניו־יאָרק. כ׳האָב ליב באַקומען די סאַברעלעך, מיט זייער נאַאיוון בליק און גאַנג. זייער פרייער שטיפערישער שפּיל. איך האָב ליב די שטייגן הינער, אַפילו די הינטעלעך, וועלכע דרייען זיך אַרום אין הויף, זיינען מיר טייער. איך ווייס ניט, וואָס פאַר אַ כוח אין דעם ליגט, אָבער עפּעס פיל איך אַזאַ אַנגענעמקייט.

— צוליב מיר, העלען, אַלץ צוליב מיר. ווי זאָגט זיך? אַז מען האָט ליב דעם מאַן, האָט מען ליב זיינע עלטערן.

— ביסט אַ טייערע מציאה — האָט העלען אויסגערופן און אַרומגענומען דודן געגעבן אים אַ קוש.

לאַנג האָבן זיי נאָך אַרומגערעדט דעם היינטיקן אָוונט, ביז דער שלאָף האָט זיי אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס.

* * *

רמי און שרה האָבן אָבער ניט געשלאָפן. אויף דער טעראַסע סאָפע איז שרה געלעגן און רמי איז געזעסן נעבן איר. די העלע לבנה ליכט האָט געשיינט פון אויבן אַראָפּ און נאָך בלאַסער געמאַכט שרהס אומעטיקע אויגן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין קוקן אויף רמי.

— ווייסט, רמי, עס גלויבט זיך מיר ניט, אַז דאָס ביזטו. ס׳איז עפּעס ווי אַ חלום די גאַנצע זאַך. ווען איך גיב אַ טראַכט, וואָס צווישן אונז איז פאַרגעקומען, קומט מיר אויס, ווי אַ פילם לעבנטע וואָלט זיך געצויגן זינט איך האָב דיך באַקאַנט. ביז היינטיקן טאָג. עס דוכט זיך מיר, אַז עס האָט גאָרניט פּאַסירט. מיר גלויבט זיך ניט, אַז איך בין געשטאַנען דריי טעג פאַר אַ חתונה און מיט אַ פרעמדן. ערשט איצט, זע איך, ווי ווייט ער איז פון מיינע געדאַנקען.

— אָבער דאָך ביסטו געווען גרייט מיט אים חתונה צו האָבן. — האָט רמי ווי אַן אייפערזיכטיקער זיך אָפּגערופן — איך האָב באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אַ בחור כיין גאַנץ לעבן, ווייל צוויי מאָל ליב האָבן קאָן מען דאָך ניט.

— ווייל דו ביסט אַ מאַן, רמי, דיר איז עס לייכטער. מיט אַ פרוי איז עס אַנדערש. אויב איך האָב באַשלאָסן חתונה צו האָבן, איז עס מער ניט דערפאַר, וואָס אַ יונג מיידל איז שווער צו זיין אַליין. זי מוז קומען אין געזעלשאַפט, און די דאָזיקע געזעלשאַפט נעמט דיך אַריין אין איר אַט־מאָספער, איז איר לעבן אַ סך מיט סכנות־פול. ווייל די פרוי איז דאָך דאָס שוואַכערע געשלעכט, און די געזעלשאַפט שטויסט זי צו אַלערליי מאָ־מענטן פונעם לעבן. איין גאָט ווייסט, ווי איך האָב געזוכט זיך אויסצובאַ־האַלטן פון דער געזעלשאַפט. שטענדיק און אומעטום האָט מען מיך נאָר געזען אַליין און די גאַס קאָן ניט פאַרשטיין, וואָס דאָס באַדייט. ווען אַ יונג מיידל באַהאַלט זיך אויס פאַרן אַרום. צו זיך קיין חברות קאָן איך זיך ניט צופּאַסן, ווייל אויב יאָ, מוז איך זיך געפינען נאָך אַזאַ צעבראָכן האַרץ ווי מיינס. דאָס האָב איך ניט געפונען איך בין אַוועק פון מיין אַרבעט אין קאַפּלאַן שפּיטאָל, בין אַריבער קיין חיפה, שפּעטער קיין עפולה און צום סוף קיין טבריה.

— ווו האָסטו זיך באַקענט מיט גדעונען ? — האָט רמי געפרעגט.

— אין שפּיטאָל פון רחבות. ער האָט מיך ניט צורו געלאָזט. יעדער פרייע מינוט האָט ער מיך געפּייניקט מיט זיין ליבע. ביז איך בין געוועזן געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די אַרבעט. איך האָב ניט געוואָלט זיך צוגעוווינען צו אים, ווייל עס זאָגט זיך טאַקע, אַז געוווינהייט איז די צווייטע נאַטור. בין איך אויף מיין וואַנדער־וועג און שטאַרקער בענקשאַפט נאָך דיר, אָנ־געקומען קיין טבריה. דאָרט, זיצנדיק אַמאָל אין אַ קאַפע הויז אויפן ברעג פון כנרת, איז ער פונקט אָנגעקומען מיט זיין מאַשין. ער איז צו מיר צו־געגאַנגען, און אין פאַר מיר ווילד פרעמדער טבריה, זיצנדיק אַליין, וואָס דאָס אַליין איז שוין פאַר אַ מיידל קאָמפּראָמיטירנדיק, איז זיין אָנקומען געווען ווי אַן אָפּפרישונג פון מיינע געדאַנקען און איך האָב זיך אַ טראַכט געטאָן: וואָס איז די סכנה, ווען ער וועט זיך צוזעצן ביי מיין טישל ? מיר האָבן אַ סך גערעדט וועגן דיר. איך האָב אים דערציילט, אַז דו האָסט חתונה געהאַט און איך האָב אויך געזאָגט, אַז מענער טאָר מען ניט גלויבן, ווייל אַלע זיינען זיי אויסנוצערס און מיינען קיינמאָל ניט ערנסט זייערע רייד. בפרט, בנוגע מיידלעך.

— גידי האָט געלאַכט פון מיר. ער האָט צו מיר געזאָגט, אַז גראָד מענער זיינען אויפריכטיקער ווי פרויען, און אַז מיט דיר, רמי, האָט געמוזט פּאַסירן אַ מיספאַרשטענדניש, ווייל, זאָגט גידי ווייטער, ווען דו וואָלסט געגאַנגען חתונה האָבן, וואָלסטו זיך ניט געשעמט און וואָלסט געשריבן.

מענער טוען עס — פּרויען ניט — האָט ער געזאָגט. און אָט דער פּונקט האָט אין מיר געטליעט אויף אַלע מיינע וועגן. ער האָט מיר פאַרגעלייגט פריינדשאַפט, — צוזאַמען אַרויסגיין, באַזוכן זיינע עלטערן און וועגן חתונה האָבן, האָט ער בכלל ניט גערעדט. אָבער דאָס איז שוין געקומען פון זיך אַליין. ער האָט זייער אַ פיינע מוטער און אויך אַ פיינעם פאָטער.

שרה האָט אויסגעמיטן צו דערמאָנען דעם פאַל מיט די בריוו פון רמיס מוטער, ווייל זי האָט ניט געוואָלט באַרירן משפּחה־ווונדן. אָבער גראָד רמי האָט עס יאָ באַרירט. ער האָט געזאָגט, אַז אין אַלעם איז געווען שולדיק זיין מוטער, און טאַקע גראָד זי האָט עס אים איצט געזאָגט וועגן דער חתונה־מעלדונג — ווען ניט, וואָלט אַלץ געווען פאַרשפּעטיקט.

— אָ, רמי! — האָט שרה אויסגערופן, אַרומנעמענדיק אים, צודריקנדיק זיין קאָפּ צו איר האַרצן. — שרעקלעך און שוידערלעך וואָלט געווען ווען איך דערוויס זיך אַ טאָג נאָך מיין חתונה, אַז דו ביסט אין לאַנד און אַז האָסט ניט חתונה געהאַט. איך וואָלט עס דאָך ניט אויסגעהאַלטן.

— אַזוי ליב האָסטו מיך? — האָט רמי כלומרשט מיט איראָניע געפרעגט.

— דאַרף איך דיר דאָס דערציילן, רמי? האָסט עס דען ניט אַרויסגעפילט אין דער צייט פון אונזער פריינדשאַפט? וועגן דיינע פאַרהעלטענישן מיט העלען ווייס איך ניט. ניט איינמאָל האָסטו איר געקושט, און אפשר נאָך מער ווי געקושט... — האָט שרה מיט אַ שמייכל שטיל צוגעגעבן.

— אָבער איך בין דיר מוחל, ווען אַפילו יאָ. אַבי איך האָב דיך איצט ווידער צוריק. אָ, רמי, ווי מיין האַרץ זינגט אין מיר פון פרייד. איך וואָלט איצט, דוכט זיך, אַרומגענומען די גאַנצע וועלט און אַריינגעצויגן אין זיך אַלץ, וואָס איז שיין.

— דו ביסט אַזוי אומעטיק, רמי, פאַרוואָס ביסטו אַזוי פאַרקלערט? גיב מיר דיין האַנט.

שרה האָט גענומען רמיס האַנט אין אירער, געפירט איבער איר געזיכט, צופירנדיק זיין האַנט צו אירע ליפּן האָט זי גענומען קושן די האַנט אָן אַ סוף.

— איך בין אומעטיק, שרה, ווייל איך קען ניט אַרויסברענגען פון זיך מיין גרויסע פרייד. איך בין איבערפולט און עס ווילט זיך מיר פאַר גליק... וויינען. ווייל איך טראַכט נאָר, וואָס עס האָט געקאָנט געשען אין די לעצטע פאָר טעג... ווי וואָלט איך אַוועק אין מיין לעבן און צו וואָס וואָלט איך דערגאַנגען. איך וואָלט מיין מוטער געהאַסט אויף אייביק. איך וואָלט גע־

וואָרן נע־ונד. אפשר וואָלט איך גאָר אַראָפּ אַפילו פון גלייכן וועג. איצט איז אַלץ אַנדערש. שרה, ביסט געוויס מיד פון דער רייזע און פון דער גאַנ־צער איבערלעבעניש. דאָס, וואָס דו האָסט היינטיקן טאָג דורכגעלעבט, איז זייער שווער, אַפילו פאַר אַ מענטש מיט דערפאַרונג. גיי אין דיין צימער. דאָס בעט איז גרייט. דער מאָרגן וועט אונז נאָך אַ סך אַ סך גליק פאַר־שאַפן, און אויך ניט ווייניק שווערע מאָמענטן...

— מיר דוכט זיך, רמי, אַז איך וואָלט בעסער ניט אַוועק פון דיר איצט. עס וועט זיך מיר אויסדוכטן, אַז ביסט ניטאָ. לאָמיך נאָך אַ ביסל זיין צו־זאַמען מיט דיר.

— וועסט מיד האָבן אויף דיין גאַנץ לעבן, שרה. ביסט מיר צו טייער. דו פילסט ניט קיין מידקייט, קום, איך וועל דיר אַריינפירן אין דיין צימער.

שרה האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרומגעכאַפּט רמין מיט ביידע הענט און אים שטאַרק געדריקט צו זיך. אַ לאַנגער און הייסער קוש האָט זיי פאַר־אייניקט. שטיל גייענדיק זיינען זיי אַריין אין איר צימער. ווו אַ ברייט בעט איז געשטאַנען גרייט אויפצונעמען שרהן און זי איינשלעפן

דורכן פענצטער האָט אַריינגעקוקט די לבנה. זיי האָבן זיך נאָכאַמאָל אַרומגענומען, האַרציק זיך געקושט, ביז רמי האָט פאַרלאָזט איר צימער.

רמי האָט ניט געוואָלט אַרויסרופן קיין מחשבות ביי זיין מוטער, וועגן דעם, ווו ער איז געווען, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז זי שלאָפט נאָך ניט. אַזוי העלען מיט דודן.

רמי איז אַריין אין זיין צימער, און שוין ליגנדיק אין בעט האָט ער נאָך אַלץ געחלומט וועגן דעם איבערגעלעבטן טאָג, טראַכטנדיק גלייכצייַ־טיק, וועגן מאָרגנדיק טאָג.

סיי רמי און סיי שרה, האָבן ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. ניט גע־קוקט, וואָס ביידע זיינען זיי שטאַרק מיד געווען. אין גאָר גרויסן באַגינען, ווען פון ערגעץ ווו האָט זיך דערטראָגן אַ קרייען פון אַ האָן, האָט אַזוי רמי, ווי אויך שרה גענומען אַנטשלאָפן ווערן.

רמי איז לאַנג ניט געשלאָפן, ווייל ביים ערשטן רעש פון די אויטאָס אין דרויסן אויפן וועג צום לופט־פּאַרט אין לוד האָט ער זיך אויפגעוועקט. זיין ערשטער וועג. אַראָפּגייענדיק פונעם בעט איז געווען... צו שרהן. ער האָט געזען ווי זי ליגט אַרומגענומען אין אַ טיפן שלאָף און אַ ליכטיקער שמייכל איז צעשפּרייט איבער איר געזיכט. זי האָט ניט טיף געאָטעמט. רמי איז אַרויס, געגאַנגען אין באָדע־צימער און זיך געמאַכט אַ קאַלטן אָפּ־

פרישנדיקן טוש. אַרויסגייענדיק פון באָדע־צימער, האָט ער אָנגעטראָפן אויף העלען.

— גוד מאָנינג, רמי! — האָט העלען הויך אויסגערופן.

— אָ, העלען! אַזוי פרי?

— דוד לאָזט ניט שלאָפן... ער איז אַ ווילדער בחור. בין איך פון אים אַנטלאָפן.

— האָסט ניט גוט געטאָן אין דעם פאַל, העלען, פון אַ מאַן, וועלכן מען האָט ליב, אַנטלויפט מען ניט.

— און מיר האָבן געזען, אַז דו ביסט בכלל צו דיין געליבטע ניט געגאַנגען. ביסט אַריין און באַלד אַרויס. — האָט העלען שטיפעריש געזאָגט.

— מיר האָבן נאָך צייט, העלען. די קליינע איז צופיל צעטומלט פון אירע לעצטע איבערלעבענישן.

עס באַווייזט זיך דוד. העלען איז אַריין אין באָדע־צימער.ביידע מענער, ווי גוטע חברים, האָבן זיך קעגנזייטיק געקלאָפּט איבער די פּלייצעס.

— סוף סוף האָסטו דיינס דערגרייכט

אויך פרוי פיינגאָלד האָט זיך באַוויזן. אַ חוץ „גוט מאָרגן", האָט זי קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. רמי האָט דער מוטער איבערגעגעבן, אַז שרה געפינט זיך דאָ און אַז זי שלאָפט אין איינעם פון זייערע צימערן.

פרוי פיינגאָלד האָט נאָר רעאַגירט מיט אַ שמייכל, און איז אַריין אין קיך.

כאָטש דער פרישטיק איז שוין געווען געגרייט אויף דער גרויסער הויף־טעראַסע, אָנגעשטעלט פונעם שענסטן און בעסטן, איז נאָך שרה אַליין געשלאָפן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן זי ניט צו וועקן. זאָל ביי איר די מידקייט אויף אַזאַ אופן פאַרביי און זאָל זי אַרויסקומען ווען זי וועט וועלן.

אַלע האָבן שוין געהאַט געפרישטיקט, ווען שרהן האָט אַן אינעווייניקסטער געפיל געצומען וועקן. דורכן פענצטער האָט זי באַמערקט ביידע משפחות זיצן נאָך ביים טיש. רמי איז נאָך אויך געזעסן מיטן פנים צו איר פענצטער, ער האָט באַמערקט, ווי זי איז אַראָפּ פון בעט און זיך גענומען אָנטאָן.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און שרה, נאָך מיט פאַרשלאָפענע אויגן, שטיל, ווי אַ קעצל, איז אַרויס אויף דער טעראַסע.

רמי איז אַנטקעגנגעגאַנגען. צוגעפירט זי צו איר שטול, וואָס איז געשטאַנען נעבן זיינעם, ליידיק.

— גוט מאָרגן אייך, מיינע טייערע! — האָט זי אויסגערופן.

אַלע האָבן אויסגעדרייט זייערע קעפּ פונוואַנען עס האָט זיך דערהערט שרהס קול. שרה האָט זיך צעקושט מיט רמיס מוטער, דערלאַנגט איר האַנט רמיס פאָטער און באַקאַנט העלענס עלטערן.

— דאָס איז די שרה? — האָט העלענס מוטער געפרעגט. — באמת געוועזן כדאי פאַר ווענען צו קעמפן אַזוי פיל.

— אַ דאַנק. — האָט שרה שטיל געזאָגט, און זיך געזעצט נעבן רמין.

דער פרישטיק איז צוגעגאַנגען אין אַ גוטער שטימונג, העלען האָט געשטיפט מער ווי שטענדיק. ווען פרוי פיינגאָלד איז געגאַנגען עפּעס ברענגען פון קיך האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. פרוי פיינגאָלד האָט גייענדיק אויפגעהויבן דאָס טרייבל און זי האָט איבערגעגעבן, אַז מ׳רופט רמין צום טעלעפאָן.

רמי האָט זיך אויפגעהויבן, גענומענדיק דאָס טעלעפאָן טרייבל צום אויער האָט ער דערהערט פון דער צווייטער זייט, אַז דאָס רעדט גדעון.

— גדעון. — האָט רמי ווי ספּעציעל הויך אויסגערופן. שרה האָט זיך געמאַכט ווי זי הערט גאָרניט, און זי האָט ווייטער געשמועסט מיט העלען און דודן.

— יאָ, — האָט זיך דערהערט רמיס קול, — מיר קומען איינס אַזייגער. שלום.

רמי, צוריקקערנדיק זיך פונעם טעלעפאָן, האָט ער שרהן אַרומגענומען פאַר אַלעמען אין די אויגן, און געמאָלדן, אַז גדעון לאַדט זיי צו מיטאָג.

— איז עס נויטיק? — האָט פרוי פיינגאָלד געפרעגט.

— מיר האָבן נאָך נעכטן צוגעזאָגט. — האָט דוד געענטפערט, — עס וועט זייער ניט זיין שיין אויב מיר וועלן ניט האַלטן וואָרט. סוף־סוף זיינען זיי דאָך אַריין אין אַ בלאָטע, פון וועלכער עס איז ניט אַזוי לייכט אַרויסצוקריכן. מיר מוזן זיי העלפן מיט אַלעם מעגלעכן.

אויך הער פיינגאָלד איז געווען ביי דער זעלבער מיינונג, אַז זיי זאָלן גיין צו מיטאָג צו גדעונען, און זען אויף אַן איידעלן אופן טאָן אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך טאָן.

פרוי פיינגאָלד האָט זיך מיט קיין וואָרט ניט אָפּגערופן. ערשט נאָכן פרישטיק, אַז העלען מיט שרהן האָבן גענומען אַראָפּנעמען פון טיש, וואַשן די כלים און רוימען, האָט פרוי פיינגאָלד באַוויזן דורך אַ צופאַל צו כאַפּן אַ שמועס מיט שרהן.

— זיי מיר מוחל, קינד. — האָט זי זיך געבעטן ביי שרהן, — איך

האָב דיר ניט געוואָלט ווי טאָן. איך האָב ניט גענוג באַגריפֿן, וואָס דאָס איז אַזוינס ליבע צווישן אַ יונג פּאָרפֿאָלק, בפרט ווען אירביידע זייט ערנסט און אייער ליבע איז באַזירט מער אויף אינעווייניקסטע געפֿילן, ווי אויף אויסערלעכער שיינהייט. איך ווייס, אַז דו זוכסט ניט רמיס רייכטום, ווייל דו קאָנסט באַשטיין צו לעבן לויט אייערע ביידנס מעג־לעכקייטן. איך האָב געהערט, אַז דו ביסט אַ גוטע קראַנקן־שוועסטער. עס טרעפֿט, אַז מען מאַכט אַ טעות אין לעבן.

— מוטער, — האָט שרה געענטפֿערט. — איר דאַרפֿט ניט בעטן ביי מיר קיין אַנטשולדיקונג, איך ווייס, אַז איר האָט גאָרניט געהאַט קעגן מיר. איר זענט דאָך שוין לאַנג אַוועק פֿון צו פֿאַרשטיין די געפֿילן פֿון יונגע מענטשן. דאָס וואָס ביי אונז איז הייליק און טייער, געהערט דאָך שוין ביי אייך צו אַ געשיכטלעכן פּראָצעס. פֿאַרגעסט איר אויך, ווייל איצט דאַרפֿט איר מיר ווערן ניט נאָר אַ שוויגער, נאָר אויך אַ מאַמע. א חברה אין לעבן. איך ווייס, אַז אויב מיר וועלן וווינען צוזאַמען, דאַרפֿן מיר זיך ליב האָבן ווי אייגענע, אַנדערש האָט עס דאָך ניט קיין זין.

איך האָב אַ סך געהערט, אַז שנור און שוויגער קאָנען ניט אויסקומען צוזאַמען, ניט איין גליקלעך לעבן איז צעבראָכן געוואָרן צוליב ניט לעבן בשלום איינע מיט דער צווייטער, איך האָב צו אייך גאָרניט. פֿאַרקערט, איר האָט געבוירן רמין, אים אויסגעהאָדעוועט, דערצויגן און אים דער־בראַכט צו דעם, וואָס ער איז איצט. דערפֿאַר דאַנק איך אייך. איך פֿאַר־שטיי ניט בכלל צו וואָס דאַרף זיך אַ מענטש מיט אַ מענטשן קריגן ?

ביי די דאָזיקע רייד איז צוגעקומען רמי, ער האָט שרהן אַרומגענומען און געדריקט צו זיך, דערביי זיך אָפּגערופֿן:

— זעסט מוטער, כדאי געווען צו קעמפֿן.

— יאָ, מיין זון, מיר רעדן איצט דערפֿון, איך בין מודה איך האָב געמאַכט אַ פֿעלער און ס'איז גוט וואָס מיין פֿעלער איז געוואָרן אויסגע־בעסערט. איר האָט אייך ליב ווי איך זע און זאָל אייך גאָט געבן גליק.

צו דער געזעלשאַפֿט האָט זיך צוגעשטעלט העלען. וועלכע איז דערווייל פֿריי געוואָרן פֿון דער אַרבעט. ווען דער זייגער איז געווען צוועלף דרייסיק, זיינען אַלע פֿיר אַרויסגעפֿאָרן צו גידין אויף מיטאָג.

שרה, רמי, העלען און דוד — ביי גידי

ווען זיי זיינען אָנגעקומען צו דער ווילע פון ד״ר מאַרקאָוויטש, האָבן זיי שוין פון דער ווייטנס געזען שטיין אויף דער גרויסע וועראַנדע טישן מיט שפּייזן, ביי וועלכע עס זיינען געזעסן די משפּחה מאַרקאָוויטש און אויך עליזה מיט אירע עלטערן. גידי איז אַנטקעגן געגאַנגען שרהן מיט אירע חברים, אַלעמענס בליקן זיינען געוואַנדן געוואָרן אויף די אָנקומענדיקע געסט, שרה האָט זיך אויפן מאָמענט געפילט אומבאַקוועם. אָבער זי האָט זיך באַהערשט, אייגנטלעך האָט זי דאָך קיינעם ניט אָפּ־געגנאַרט, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. איי דאָס לעבן האָט זיך אַנדערש אויסגעדרייט, ווי מען האָט זיך פאַרגעשטעלט, איז עס אַ געשיכטעלעכער עפּיזאָד און די מאַרקאָוויטשעס פאַרשטייען איר גוט. לאַנג קלערן האָט זי ניט געקאָנט. ווייל אָט שטייט זי שוין פאַרן דאָקטאָר מיט זיין פרוי, באַגריסט זיך אויך מיט עליזהן און אירע עלטערן. גידי עפנט דעם וועג צום טיש, ווו שרה און רמי זעצן זיך נאָכדעם, ווי אַלע זיינען באַקאַנט געוואָרן.

— שרה! — האָט דאָקטאָר מאַרקאָוויטש אויסגערופן. — איך ווינטש דיר גליק פון טיפן האַרצן. גדעון האָט שוין אונז אַלץ דערציילט און מיר וועלן וועגן דעם גאָרניט רעדן. ווייל דאָס איינציקע און שטאַרקסטע וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט איז ליבע. ליבע איז אַפילו שטאַרקער פונעם טויט. ווייל צוליב ליבע לאָכט מען זיך אויס פון טויט און דאָס וואָס עס איז אָנגעמאָלדן געוואָרן די חתונה צווישן אייך, איז אויך ניט קיין פּראָבלעם. ווייל מיר האָבן באַשלאָסן, אַז די חתונה קומט פאָר אין דער זעלבער צייט, נאָר אַנשטאָט דיר וועט גיין אונטער דער חופּה עליזה. ווערט באַקאַנט, האָט ד״ר מאַרקאָוויטש אויסגערופן.

שרה, אַ גערירטע ביז טרערן האָט זיך אויפגעהויבן פון איר שטול, צוגעגאַנגען צו עליזהן, איר אַרומגענומען און ביידע האָבן זיך געקושט. אויך העלען, רמי און דוד האָבן איר געדריקט די האַנט.

— איך מוז אייך זאָגן, מיינע טייערע — האָט שרה אויסגערופן, — אַז איך בין היינט דאָפּלט גליקלעך. ערשטנס וואָס דאָס לעבן האָט מיך צוזאַמענגעפירט מיט רמין און צווייטנס, וואָס גידי וועט חתונה האָבן מיט עליזהן. עליזה איז שענער פון מיר און ווי איך פאַרשטיי, אויך אייערס אַ גוטע פריינדין. ווייל איר האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען. זאָל הערשן שטענדיק פרייד און גליק אין אייער הויז ד״ר מאַרקאָוויטש, ווייל

איר זענט עס ווערט. איך האָב אַ סך געלערנט פון דער קורצער צייט, וואָס מיר קענען זיך. איר האָט מיך פאַרשטאַנען אַ סך בעסער, ווי היינ־טיקע עלטערן פאַרשטייען זייערע קינדער און איך האָב אַ סך רו געפונען אין מיין געמיט, ווען איך פלעג פאַרברענגען אין אייער געזעלשאַפט. בפרט פרוי מאַרקאָוויטש, וועלכע האָט מיר געגעבן וואַרעמקייט פון אַ מאַמען, וואָס איך האָב עס ניט געפילט. צוליב די פאַרשאָלטענע דייטשן, וועלכע האָבן אומגעבראַכט מיין משפחה. איך בין נאָך שטאָלץ מיט זיך, וואָס איך האָב דערגרייכט צו דעם, צו וועלכן איך בין דערגאַנגען. איך וויל פאַרהאָפן, אַז אויך דער ווייטערדיקער גורל אונזערער זאָל זיין אין די ראַמען פון פרייד און גליק, זאָל נאָר זיין שטיל אין אונזער געגנט און זאָלן נאָר ניט פאָרקומען קיין מלחמות מיט די אַראַבער. זאָל יעדער קאָנען זיך אויסלעבן אין זיינע וועגן.

אַלע האָבן אַפּלאַדירט שרהן פאַר אירע קלוגע און לאָגישע רייד. מען האָט געטרונקען אַ גלעזל וויין לכבוד די געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אַזוי אַנטוויקלט. עליזה האָט געשטראַלט פון פרייד אויך איר חלום איז געוואָרן פאַרווירקלעכט, ווייל די לעצטע צייטן איז זי אַרומגעגאַנגען ווי משוגע. אירע עלטערן האָבן איר ניט געקאָנט באַרואיקן. זי האָט אפילו געהאַט געזאָגט, אַז זי וועט אויף גידיס חתונה ניט גיין. און דאָ האָט זיך עס אַזוי אויסגעוויקלט..

דאָס עסן איז צוגעגאַנגען פאַמיליאַריש און דאָקטאָר מאַרקאָוויטש האָט אין נאָמען פון זיין משפחה, גערופן שרהן, רמין, העלען און דודן אומבאַדינגט קומען צו דער חתונה. שרה האָט אָנגעקוקט רמין און רמי האָט מיט אַ שמייכל און קאָפּ באַוועגונג געוויזן שרהן, אַז ער איז מסכים. אויך העלען האָט צוגעשטימט מיט אירע בליקן. דאַן האָט שרה געענט־פערט, אַז זי איז מסכים און אַז אַלע וועלן זיין אויף דער חתונה.

נאָכן עסן, ווען יעדער האָט פאַרבונדן אַ שמועס צווישן זיך, איז אויסגעקומען פרוי מאַרקאָוויטש צו רעדן אין אַ ווינקל פון גאָרטן מיט שרהן. פרוי מאַרקאָוויטש האָט זיך אָפּגערופן:

— שרהלע, איך האָב דיך ליב באַקומען פון דער ערשטער מינוט, ווען דו ביסט צו אונז אין שטוב געקומען. איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט ווערן אונז ניט נאָר אַ שנור, נאָר אַ טאָכטער. אָבער דאָס לעבן האָט אַנדערש געוואָלט און דו האָסט אויסגעפונען דיין באַשערטן. האָסט גוט געטאָן, וואָס דו האָסט פריער גערעדט מיט גידין און מיט אונז וועגן גאַנצן פאַל דיינעם, און געוויס האָסטו גוט געטאָן, וואָס ביסט צו־

ריקגעגאַנגען צו רמין. ווייל נאָר ביי אייך קאָן הערשן פאַמיליען גליק אין לעבן. אַנדערש וואָלט קיינמאָל דיין לעבן ניט געווען קיין גליקלעכער, אַפילו ווען מיין גידי וואָלט דיר אָפּגעשאָטן מיט גאָלד. גאָלד איז ניט ליבע אָדער ליבע איז גאָלד. דעריבער ווינטש איך דיר גליק פון גאַנצן האַרצן. איך וויל אָבער, מיר זאָלן פאַרבלייבן גוטע פריינד און שפּעטער אַפילו, זיין אונזערע פריינד. ווייל איך ווייס ניט מיין קינד, צי דו ווייסט און פאַרשטייסט, אַז ס'איז זעלטן צו געפינען פריינד און די פריינד, וואָס מען האָט זיינען ניט אַלעמאָל פריינד און ניט איינמאָל רעד איך איבער, „היט מיך גאָט פאַר מיינע פריינד". אין דיר האָב איך געפילט אַן אמתן אויפריכטיקן מענטש. זאָג מיר, שרה, האָסטו כאָטש גוט געטראָפן מיט רמין? מיט זיינע עלטערן? ווייל איך וואָלט אַזוי געוואָלט דו זאָלסט זיין גליקלעך, ווייל אויב עס קומט וועמען גליק, קומט עס דיר אַ סך מער. ווייל דו ביסט אַ געשטראָפטע פון גאָט און פון מענטשן. מען האָט ביי דיר צוגענומען דאָס טייערסטע, וואָס גיט אין לעבן און דאָס איז טאַטע מאַמע.

שרה האָט אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן, האָט זיך אַ ביסל פאַררויטלט און געענטפערט: — אייגנטלעך, האָב איך דאָך חתונה מיט רמין. זיין פאָטער איז זייער אַ ווילער מענטש און די מוטער, — אויך אַ ווילע פרוי — האָט זי אויסגעצויגן די רייד. שרה האָט זיך אויפן אָרט אָריענטירט, אַז פון היינט מוז דאָך די פרוי פיינגאָלד זיין איר מוטער, טאַ צו וואָס זאָל זי רעדן?

— איך פאַרשטיי דיך, מיין קינד. און וועל מער דערפון ניט דערמאָנען. זיי אָבער וויסן, אַז אַ מאַמען איז טייער דער זון. און זי איז גענוג אויסגעשטאַנען, ביז זי האָט אים געבוירן, דערצויגן און געבראַכט אים צו אַזאַ שטאַנד אין לעבן. דאָס מוטער-געפיל לעבט אין יעדער לעבעדיקער באַשעפעניש. אַ שנור דאַרף אַמאָל קאָנען פאַרקוקן אַ קאַפּריז פון אַ מאַמען. איר וועט וווינען צוזאַמען, אָדער באַזונדער? — האָט פרוי מאַרקאָוויטש אַ פרעג געטאָן.

— איך ווייס נאָך ניט — האָט שרה געענטפערט. — רמי וויל גיין אין קיבוץ, אויך איך בין פאַר דעם. אָבער זיין פאָטער איז אַ האָרץ-ליידנדער און ווי ער זאָגט, זיינען די געשעפטן דאָ אַנדערע ווי אין אַמעריקע. זיי זיינען ניט געוווינט צום „האַנדלס-קלימאַט" אין לאַנד. זיי ווייסן פון אַ וואָרט אַ וואָרט. און געזאָגט איז געזאָגט. דאָ — זאָגט הער פיינגאָלד. — איז געזאָגט ניט געזאָגט, געטאָן ניט געטאָן. און דאָס דערגייט אַפילו צו

די רעגירונגס־פירער. מעגלעך, אַז רמי וועט דאַרפן אַריין אין די ביזנעס, וואָס איך וואָלט עס זייער ניט געוואָלט. אין קיבוץ, אויפן בערגל פון נגב איז אַזוי גוט. די נאַטור איז רוי און וויסט ווי נאַטירלעך גוט עס איז די רויקייט און פּוסטקייט. עס ווייסט ניט פון ליגן, שווינדל און רויב. איך וואָלט געוועזן די גליקלעכסטע דוכט מיר, ווען מיר קאָנען דאָרט בויען אונזער לעבן, וועלכער איז באַזאָרגט פון ריינע קוואַלן פון לעבנס־גאַנג. און דאָס איז דאָך דער עיקר. האָב איך אַמאָל געהערט אַ זינגער זינגען אַ ליד:

„צ׳וואָס באַדאַרף מען זיידן,
ווען זיי ברענגען ליידן
די הערצער זיי שניידן,
גאָר אָן אַ ברעג.
אָן ערלעך מיידל,
אין אַ פּשוט קליידל
איז מער געשעצט ביי לייט,
ווי סאַמעט און זייד.

— שרה, רוף צו רמין, איך וויל מיט אים רעדן אַ פּאָר ווערטער — האָט פרוי מאַרקאָוויטש אויסגערופן. — עס קאָן זיין, אַז איך זע אייך דאָס ערשטע און אפשר דאָס לעצטע מאָל. ווער ווייסט, וואָס די צייט קאָן געבן. מיר זיינען עלטערע מענטשן. איר זענט יונג. דאָס לעבן איז פאַר אייך. מיר לעבן היינט אין אַ תקופה פון טעמפּאָ.

מיט אַ בליק האָט שרה צוגערופן רמין, ער איז צוגעגאַנגען.

— זעץ זיך, מיין זון. איך רוף דיך זון, ווייל דו ביסט אויך מיר טייער, איך ווייס ווי דו האָסט ליב שרהן, ווייל איך ווייס ווי איך האָב זי ליב. זי האָט זיך ממש איינגעבאַקן אין מיין האַרצן. איך האָב זי ליב באַקומען ווי מיין לעבן און אויב איר כשוף־בליק האָט מיך, אַן עלטערע פרוי, פאַר־כאַפּט, טאָ ווי איז שוין דיך ? רמי ! אויך גידי האָט וועגן איר גערעדט און רעדט נאָך ווייטער, ווי וועגן אַ מלאך. געדענק רמי, ווען זו עסטו איר האַלטן שלעכט, וועל איך דיר דאָס ניט שענקען. איר זענט זיך ווערט און נאָר דערפאַר, וואָס שרה איז אַזוי אויפריכטיק געווען, האָט זי ביי מיר אַלץ געוואונען. זי האָט מיר אַ סך דערציילט וועגן דיר, רמי, דאָס איז זעלטן צו טרעפן צווישן היינטיקער יוגנט. טאָ זאָל אייך זיין מיט מזל, גריס האַרציק

דיינע עלטערן און מיך וואָלט זייער געפרייט, ווען מיר קאָנען זיי באַקאָנען. זאָלן זיי אַמאָל אַראָפּקומען צו אונז אָדער טעלעפאָנירן. ווייל סוף כל סוף געהערן מיר צו איין גלויבן, צו איין פאָלק.

— איך וועל עס איבערגעבן מיינע עלטערן. און דאַנק אייך, פרוי דאָקטאָר, פאַר אייער גוטער מיינונג וועגן שרהן און מיר. לאָמיר האָפן, אַז דאָס וועט אַלץ גיין ווי איר ווינטשט זיך און איך פאַרזיכער אייך, אַז צום ברית ביי אונז וועל איך אייך אויך לאַדן.

— ווי רעדסטו? רמי! — האָט שרה זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. — שעם זיך! — האָט זי צוגעגעבן.

— אַז ער וועט זיך שעמען, שרהלע, וועסטו בלייבן אָן קינדער, — האָט פרוי מאַרקאָוויטש אויסגערופן. — מיט דעם שעמט מען זיך ניט. די יידישע תורה רעדט אויך וועגן דעם.

— הערט איר ניט, זי וועט מיר געבוירן ניט איין זון, נאָר אַ גאַנצן טוץ... — האָט רמי געלאַכט.

דער זייגער האָט געוויזן דריי. עס איז געקומען די צייט זיך צו געזעגענען. דאָקטאָר מאַרקאָוויטש, וועלכער האָט געדריקט האַרציק די הענט פון זיינע געסט, האָט זיך אָפּגערופן:

— שרה, רמי, העלען און דוד! איך האָב אייער וואָרט, אַז דינסטיק אָוונט, טרעפן מיר זיך אויף דער חתונה פון גידי מיט עליזהן.

— אָפּגערעדט דאָקטאָר.

אַלע האָבן געדריקט עליזהן די האַנט און געווונטשן גליק. פינף מינוט שפּעטער איז אַן אויטאָ מיט פיר גליקלעכע פּאַסאַזשירן געפלויגן אויפן שאָסיי קיין רמת־חן, פיר פריילעכע הערצער האָבן געשטראַלט פון פרייד און גליק, זיי האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז אַזוי וועט צוגיין זייער מיטאָג ביי גידין אין שטוב. זיי האָבן געמיינט, אַז עס וועט קומען צו אַן איבער־רייד מיט טענות. דאָ האָט שרה אויסגערופן:

— מיינע טייערע! מען מוז אַלעמאָל גיין מיטן אמתן וועג, דאָס איז דער בעסטער, דער גלייכסטער און דער גליקלעכסטער.

— האָסט אַ טעות שרה, דו ביסט נאָך ניט געווען אין אַמעריקע. פון בערגל אין נגב, פון דעם ווילדן מדבר ווו בערג און טאָלן טונקען זיך אין ליכט פון דער זון, ווו אַלץ, וואָס ליגט אַזוי דאָ טויזנטער יאָרן, נאַטירלעך, איז ווייט ביז צו דער גרויסער צען מיליאָניקער ניו־יאָרק. ווו עס זיינען פאַראַן געגנטן, וואָס דו קאָנסט די ליכטיקע זון ניט באַקומען אַפילו. איך רעד שוין ניט פון דעם, וואָס זי גיט ניט קיין וואַרעמקייט. אמת איז גוט

נאָר פּאָר אמתע מענטשן. אָבער לאָמיר איצט וועגן דעם ניט רעדן. ערגער איז, וואָס מיר מוזן פאָרן היינט אַהיים. דער קיבוץ וואַרט אויף אונז און דינסטיק מוזן מיר קומען צו דער חתונה.

— איך גאַראַנטיר דיר, העלען, צפורה וועט דיר פולשטענדיק פאַר־טרעטן אין קינדער הויז און דודן וועט דער טייוול אויך ניט נעמען. איז דאָך דער קיבוץ ניט אויסגעשטעלט אויף מאַכן קאַפּיטאַלן. אין קיבוץ לעבט מען ניט צוליבן עסן און ניט צוליב זיידנס. מען עסט דאָרט, ווייל דאָס גיט לעבן. כדי צו בויען, צו שאַפן אַ היים פאַרן יידישן פאָלק. אַקוראַט ווי איך בין געוואָרן אויפגענומען דורך זיי. אויפגעהאָדעוועט, זיי האָבן מיר גע־לערנט, געקליידט, געגעבן אַ היים. זיי זיינען דער פאַרפּאָסטן פון מדינת ישראל. זיי גיבן ברויט דעם לאַנד. שפּילט אַ ראָל די פּאָר טעג, זיי וועלן אונז מוחל זיין דאָס אַלץ.

— איך מיין, אַז מיר וועלן פאָרן און קומען צוריק דינסטיק. איר דאַרפט די צייט פאַר אייך אַליין, שרה. דערציילט ניט קיין מעשיות. דו האָסט דאָך אַזוי פיל צו רעדן מיט רמין, און איך מיין, אַז איר וועט דאָך ניט ציען לאַנג מיט אייער חתונה. טאַ רעדט אייך דורך. ניט ריכטיק, דוד?

— זיכער! האָט דוד אויסגערופן, האַלטנדיק דאָס רעדל פון אויטאָ מיט איין האַנט, און מיט דער צווייטער אַרומגענומען העלען. — מיר האָבן דערווייל אַלץ אויסגעפירט בשלמות, זאָלן זיי זיך איצט אַליין זאָרגן.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אויפן אָרט אין שטוב, זיינען נאָך די עלטערע פּאָרלעך געזעסן ביי זיי אויף דער טעראַסע נאָכן מיטאָג.

— קוים אייך דערוואַרט! — האָט פרוי פיינגאָלד אַ זאָג געטאָן.

— וואָס האָט איר געמיינט, אַז מען וועט אונז אויפעסן דאָרט — האָט העלען געענטפערט. איך מוז אייך זאָגן, אַז די משפחה מאַרקאָוויטש זיינען וואונדערבאַרע מענטשן. — האָט העלען אַ זאָג געטאָן, אַראָפּוואַרפנדיק איר היטעלע פון קאָפּ אויף דער סאָפע. — אַריסטאָקראַטיע איז דאָך עפּעס ווערט. און גדעון? אַ וואונדערבאַרער בחור. ער איז באמת געווען אַ קאָנ־קורענט צו רמין. אַלע מעלות.

— און ווי האָט איר זיך געהאַלטן דאָרט? — האָט פרוי פיינגאָלד געפרעגט, וועלנדיק וויסן אויס נייגעריקייט.

— אויסגעצייכנט! דאָס איז אַ הויז, וווּ מען מוז זיך גוט פילן. ווייל זיי זיינען מענטשן מיט כאַראַקטער, זיי האָבן צו שרהן ניט געהאַט קיין טענות, פאַרקערט, זיי האָבן איר געוואונטשן גליק און זיי האָבן נאָך צוגע־געבן, אַז שרה טוט גוט, וואָס זי איז צוריק מיט רמין.

— און די אָנגעזאָגטע חתונה? עס איז דאָך אַזאַ בזיון פאַר זיי.

— אויך דאָס איז געלייזט געוואָרן, די חתונה קומט פאָר דינסטיק, נאָר אָנשטאָט שרהן, וועט גיין צו דער חופה אַ געוויסע עליזה. דאָס איז אַ חברה גידיס, צו וועלכער ער האָט זיך געהאַלטן שטענדיק מ״ט רעזערוו. כאָטש זי איז געווען אַן אַריינגייערין אַהין צוליב אירע עלטערן און זייער חתונה וואָלט שוין לאַנג פאַרגעקומען ווען שרה וואָלט ניט געווען אין דער מיט. אָבער איצט איז געקומען אַזאַ מאָמענט, וואָס צי ער וויל צי ניט, מוז עס זיין. און אַזוי, ווי זיי האָבן זיך אויך גערן, איז עס ניט קיין פּראָבלעם. זיי האָבן אונז געלאַדן און מיר וועלן מוזן גיין.

— משוגע מיינע שונאים; זענט איר פון זינען אַראָפּ? וואָס הייסט עס, גיין אויף אַ חתונה אין אַזאַ מאָמענט?

— וואָס איז געפערלעך? — האָט רמי אויסגערופן. — די מחותּנים פון דער כלהס צד, קאָנען ניט שרהן און ווען יאָ? איז אויך ניט געפערלעך. מען דאַרף ניט אויסמיידן און פאַרשאַפן זיך שונאים אומזיסט. שרה האָט ניט אָפּגעטאָן קיין בייז און פון גדעון איז ניט אַראָפּגעפאַלן קיין שפּרינקעלע. מוטער, לאָז עס איבער פאַר אונז. די יונגוואַרג זיינען אַריין אין זייער צימער. העלען האָט אָנגעשטעלט דעם פּאַטעפאָן און אין שטוב איז געוואָרן פריילעך. דוד האָט געטאַנצט מיט העלען, שרה מיט רמין, אַפילו די עלטערן זיינען אַריין זיך מיטפרייען.

אויף פאַרנאַכט האָט דוד פאַרגעלייגט העלען צו פאָרן אַהיים און זיי וועלן קומען דינסטיק ביינאַג. עס האָט ניט געהאָלפן די אַלע פאַרשלאָגן זיי זאָלן דאָ בלייבן ביז דינסטיק. דוד האָט אין איבערצייגנדיקע ווערטער אויפגעוויזן, אַז פאַר דער צייט האָט זיך זייער אָנגעזאַמלט דרינגענדיקע ענינים און ער מוז זיין אין דער היים, בפרט, אַז די גאַנצע רייזע דויערט ניט קיין שעה. פאַרנאַכט זיינען זיי טאַקע אָפּגעפאָרן. אויך העלענס עלטערן זיינען געפאָרן אַהיים און אין שטוב זיינען פאַרבליבן שרה מיט רמין און זיינע עלטערן.

אין אָוונט ביי אָוונט-ברויט האָט רמיס פאָטער געהאַט אַ לענגערן געשפּרעך מיט רמין. ער האָט אים אויפגעוויזן, אַז די געשעפטן אין ישראל קאָן ער אַליין ניט פירן און די געשעפטן זיינען גרויסע. רמי מוז אים קומען צו הילף, צווייטנס, איז ער האַרץ-ליידנדער און טאָר זיך ניט אָנשטרענגען. מ׳דאַרף פרישע כוחות.

רמי האָט פּרובירט רעדן צום פאָטער, אַז ער וויל ניט דעם גאַנצן האַנדל, ער דאַרף עס אויך ניט. אין קיבוץ דאַרף מען אים, עס פעלן הענט.

די אַרבעט פּאַדערט, אויך שרה איז דאָרט נויטיק. ער האָט העלען מיט דודן אויפן אָרט. אָבער שרה האָט זיך אָפּגערופן. רמי, דו דאַרפסט פאַר־שטיין דיינע עלטערן, ניט געקוקט, וואָס איך בין מיט אַלע מיינע חושים פאַרן קיבוץ, זיי האָבן מיך אויסגעהאָדעוועט, זיי האָבן מיך דערצויגן, זיי האָט געקאָסט אַ סך געלט ביז זיי האָבן מיר דערבראַכט צו אַ מענטשן, מוז איך דאָך זיי אָפּצאָלן. זיי האָבן מיך אויסגעהאַלטן, ווייל זיי האָבן זיכער געמיינט, אַז איך וועל דאָרט פאַרבלייבן, און אויסער אַלעם, האָב איך דיך דאָרטן באַקאַנט. איז דאָך דאָס ווינקל אויך מיר טייער. אָבער פאַרשטיי דיין פאָטער און מוטער, ביסט איין און איינציקער זון. זיי זיינען אַליין. ס'איז זיי אומעטיק, זיי גייען אין פאַבריק, קומען אַהיים, עסן זייער עסן און בלייבן זיצן ווי אַן עלטער פאַרפאַלק אין שטוב. מענטשן זיינען ניט מער ווי מענטשן, אַז זיי האָבן שוין יאָ דערלעבט נחת פון אַזאַ „פרי", ווי דו ביסט, זיי האָבן פאַרלאָזן אַמעריקע צוליב דיר, דאַרפסטו עס נעמען אין אַכט. אויף מיין אָרט איז געקומען העלען. איר וועט העלפן דעם קיבוץ מיט וואָס איר וועט קענען, זיי נויטיקן זיך אין געלט. זיי נעמען אויף שוואַר־צע פּראָצענטער, וועסטו זיי באַרגן אָן פּראָצענט. צווייטנס, איז דאָס אויך ציוניזם. אַקוראַט ווי מען דאַרף דעם קיבוץ, דאַרף מען אויך די אינדוסטריע. סוף כל סוף באַזאָרגט איר דאָך אַרבעט פאַר צענדליקער משפחות און אויף וויפל איך ווייס, זיינען עס אין רוב נייע עולים. קום אַנטקעגן דיין פאָטער. אַ, ווי איך ווייס, וואָס עס הייסט איינזאַמקייט. ווי איך פאַרשטיי זיי, דיינע עלטערן. האָבן אַ זון געבן זיך און דאָך אים האַלטן אַ צוואַנציק קילאָמעטער ווייט און אים זען אַמאָל אין וואָך אָדער דאָס אויך ניט.

ה' פיינגאָלד האָט געשוויגן. ער האָט טיף דורכגעטראַכט שרהס רייד. רמי האָט אַ טראַכט געטאָן און געענטפערט. — אַ סך אמת איז דאָ אין דיינע רייד, און האָסט מיך איבערצייגט, צווייטנס, בין איך שוין לאַנג פון קיבוץ, זיי קומען אויס אָן מיר אויך. איך וועל עס איבערגעבן אין מזכירות און זיי וועלן מיר פאַרשטיין: אָבער רעדן מוזן מיר מיט זיי, יאָ!

— זיכער, — האָט שרה אויסגערופן. — מיר וועלן צופאָרן. אַ שאָד, וואָס מיר זיינען ניט געפאָרן גלייך מיט העלען. און וואָס עס וועט געבן די צייט, וועלן מיר דאָך זען.

— קום אַהער, מיין קינד, צו מיר — האָט מיסטער פיינגאָלד אויסגע־רופן צו שרהן — דו ביסט ניט קיין מיידל, נאָר אַ מלאך, ביסט ניט נאָר געטריי רמין, נאָר ביסט געטריי אויך אונז. טייער קינד. איך בין גליקלעך צו האָבן דיך פאַר אַ שנור, און אַז די שנור וויל, וועט שוין דער זון זיין

א זון — שרה איז צוגעגאנגען, ארומגענומען דעם פאטער און אים א קוש געטאן, אויסרופנדיק: — פאטער, איך האב אייך ליב, ווייל איר זענט רמיס פאטער. און מען זאגט, אז מען האט ליב דעם זון, דארף מען אויך ליב האבן זיינע עלטערן. איך פארזיכער אייך, אז איך וועל אייך זיין נאך גע־טרייער ווי א טאכטער.

רמי איז געווען אויסערגעוויינלעך גערירט פון שרהס רייד צו זיינע עלטערן און פון גרויס פרייד האט ער איר ארומגענומען און זי הארציק געקושט אין די אויגן פון זיין פאטער און מוטער.

— רמי! ביסט משוגע געווארן?! — האט שרה אויסגערופן. אבער אין הארצן האט איר דאס געפרייט. זי האט זיך פרובירט ארויסדרייען פון זיינע הענט.

— ביסט עס ווערט שרה! — האט פרוי פיינגאלד זיך אפגערופן. — ביסט א טייער קינד און זאל אייך דאס מזל דינען. איך ווייס, אז איך וואלט ביי מיין זון אליין עס ניט אויסגעפועלט און דיך וועט ער פאלגן.

רמי האט פארגעלייגט שרהן צו פארן אין קיבוץ און זיי אויפקלערן די גאנצע לאגע, וואס עס האט זיך געשאפן. שרה האט זיך ניט קעגנגע־שטעלט. זיי האבן צוגעזאגט נאך דעם זעלבן טאג זיין צוריק.

* * *

אז רמי און שרה זיינען אנגעקומען אין קיבוץ, האבן די חברים זיי אויפגענומען מיט פרייד. ביידע זיינען זיי געווען שטארק באליבט און א סך האבן ניט געוווסט, וועגן גאנצן פארלויף פון די געשעענישן. זיי האבן באזוכט זייערע באקאנטע.. זיך געטראפן מיט דודן און העלען, דוד האט שוין באוויזן איבערצוגעבן אין קיבוץ אלץ, וואס ער האט געוווסט, וועגן רמין און צוליב דער געשאפענער לאגע זיינען זיי געצוווּנגען צו פארלאזן זייער היים און אריבערגיין אין שטאט. די חברים פון סעקרעטאריאט האבן עס אויפגענומען אלס נאטירלעך און זיי געווונטשן פיל גליק. שרה און רמי האבן באזוכט אלע ווינקעלעך פון דער ווירטשאפט, אזוי ווי זיי וואלטן זיך געזעגנט פון א טייערע זאך. זיי זיינען אפילו לאנג געזעסן אויפן בערגל אין נגב אונטער דעם גרויסן בוים, אויף דער באנק, וו זיי האבן אזוי פיל זיסע מאמענטן פון זייער יוגנט פארבראכט. אבער אזוי ווי אלץ האט א גרונט איז אויך געקומען די צייט פון געזעגענונג. העלען און דוד האבן צוגעזאגט צו קומען דינסטיק פארנאכט צו דער חתונה.

ווען שׂרה און רמי האָבן זיך שפּעט ביינאַכט אַהיימגעקערט, האָט זיי די מוטער אָפּגעוואַרט און איבערגעגעבן אַז אַ שיפס־קאַפּיטאַן האָט זיי געזוכט, און אַז ער האָט לאַנג ניט געקאָנט וואַרטן, ווייל ער דאַרף נאָך אין דעם זעלבן אָוונט אָפּשווימען פון חיפהער פּאָרט.

זיי האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זיכער געווען דער, וועלכן זיי האָבן באַקענט אויף דער שיף.

— ווען איז ער געווען? — האָט שׂרה געפרעגט.

— באַלד ווי איר זענט אַוועקגעפאָרן. ער איז אָבער געווען ניט אַליין נאָר אין דער באַגלייטונג פון אַ מיידל. זי איז פון חיפה און זי האָט אייך געלאָזט גריסן. זי וועט קומען אַ צווייט מאָל.

— אַ שאָד, אַ שאָד, — האָט שׂרה באַדויערט. — גראָד איז ער אַ גוטער בחור, פון זיך אַליין אַרויפגעאַרבעט צו אַזאַ וויכטיקע שטעלע.

— ער האָט צוגעזאָגט צו קומען, באַלד ווי ער וועט זיך אומקערן קיין חיפה. — האָט פרוי פיינגאָלד צוגעגעבן.

* * *

דער טאָג פון גידיס חתונה האָט זיך דערנעענטערט. שׂרה איז אַ פּאָר שעה אָפּגעווען אין „שיינהייטס סאַלאָן".

ווען זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט איר רמי כמעט ניט דערקענט. די נייע פריזור, און איר צעשטראַלט געזיכט האָט אַלעמען אין שטוב ווי פאַרכישופט. רמי איז געווען אויסערגעוויינלעך איבעראַשט. ערשט איצט האָט שׂרה זיך גענומען צעבליען. אַפילו העלען, אַנקומענדיק מיט איר מאַן דודן, זיינען געווען איבעראַשט.

שׂרה האָט זיך אָנגעטאָן אין אירע שענסטע קליידער און ווען זיי זיינען אָנגעקומען צו דער חתונה, האָט זיי גידי אויפגענומען. עס איז נאָך געווען לאַנג פאַר דער חופּה. כאָטש געסט זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט אַ סך און דער גרויסער זאַל וואָס האָט געבלאַנקט פון צענדליקער לאָמפּן איז געווען סערווירט מיטן שענסטן און בעסטן, וואָס עס קאָן נאָר געגעבן ווערן אויף אַזאַ חתונה.

עליזה איז צוגעקומען. אויך זי איז געווען זייער עלעגאַנט. ווי עס פּאַסט פאַר אַ כלה. איר ווייס חופּה־קלייד האָט געבלאַנקט און זי האָט זיך גוט אָנגעמערקט אינעם גרויסן זאַל.

בשעת שׂרה מיט עליזהן האָבן זיך געקושט, האָבן זייערע הערצער

שטאַרקער געקלאַפּט, ווייל ביידע פרויען האָבן פאַרשטאַנען דעם מאָמענט. אייגנטלעך האָט שרה געדאַרפט זיין אויף עליזהס אָרט, ווי די חתונה־קאַרטלעך האָבן געוויזן, און עליזה, וואָס איר גליק איז געקומען אַזוי פּלוצים. גידי האָט געשמייכלט און זיך געהאַלטן גלייך ער קען שרהן נאָר אַלס גוטע פריינדין. ביי אַ מאָמענט האָט ער אויסגערופן: — שרה איך האָב ניט געגלייבט, אַז דו וועסט קומען צו דער חתונה. דאָס וואָלט מיך גאָר שטאַרק פאַרדראָסן. ווי נאָר אַ גאַסט האָט געעפנט די טיר האָב איך נאָר געקוקט, צו דו ביסט עס ניט. אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט...

— גידי, היינט דאַרפסטו גאָרניט רעדן — האָט שרה געזאָגט. — היינט איז דער גליקלעכסטער טאָג אין דיין לעבן. קאָנטיק, אַז אַזוי האָט עס גע־דאַרפט זיין, און זאָל עס זיין מיט מזל! עליזה איז פּראַכטפול שיין. זע, ווי עס קליידט איר דאָס ווייסע חופּה־קלייד און איר הארץ איז פאַר דיר. זי האָט דיך ליב ביז משוגעת, און איך בין געווען אַנטוישט אין ליבע. עס איז זייער שווער פאַר אַ געליבטן אָדער געליבטער צו זיין אָפּגענאַרט. אַזוי איז גוט. רעד ניט מער אויף דער טעמע. פאַרגעס, וואָס עס איז געווען. זאָל זיך דיר דוכטן, אַז האָסט מיך קיינמאָל אַפילו ניט געזען...

— דיר איז לייכט אַזוי צו רעדן, אָבער דאָך ביסטו גערעכט. זאָל זיך מיר דוכטן... דו זעסט היינט אויס הערלעך, שרה!

עס האָבן זיך דערנעענטערט העלען און רמי. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז איצט איז זיכער ניט קיין פּאַסנדיקער מאָמענט זי לאָזן אַזוי לאַנג שטיין אַליין שמועסן, און העלען אין דער באַגלייטונג פון רמי און דוד זיינען צוגעקומען. זיי האָבן זיך געדריקט די הענט און געווונטשן גליק.

— רמי, דו דאַרפסט דאָך זיין אַ גליקלעכער, וואָס דו האָסט אַזאַ מיידל, ווי עס איז שרה!

— עליזה איז שענער פאַר מיר. — האָט זיך שרה אָפּגערופן.

— זיכער, — האָט גידי געזאָגט מיט אַ שמייכל. — זי ווערט היינט מיין פרוי. נאָר רמי, ווען דו זאָלסט וויסן, ווי שרה האָט דיך ליב!...

— איך ווייס עס ניט נאָר פון היינט, — האָט רמי געענטפערט. — אָבער איך בין זייער צופרידן, וואָס מיר פאַרבלייבן פריינד.

שרה האָט גענומען רמין פאַרן אָרעם און אַלע האָבן שפּאַצירט צו גידיס עלטערן, וועלכע זיינען געווען ניט ווייט פון זיי און האָבן מיט שרהן געוואָלט רעדן. די געלעגנהייט איז געקומען.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט די צייט פון דער חופה, דער אָר־קעסטער האָט געשפּילט חתונה־מוזיק.

ווען גידי איז געשטאַנען מיט עליזהן אונטער דער חופה, איז רמי און שרה געווען פון די נאָענסטע ביי די חופה־שטאַנגען. שרה האָט מיט ערנסטקייט באַטראַכט די חופה־צערעמאָניע. אַז זי האָט דערהערט די ווער־טער: „הרי את״... האָט דאָך איר האַרץ אַ קלאַפּ געטאָן שטאַרקער. זי האָט זיך אויף דער מינוט פאַרלוירן. רמי האָט עס באַמערקט. אָבער אַלץ איז אַזוי צוגעגאַנגען גיך, און שרה האָט דערהערט דעם קלאַפּ פונעם גלעזל וואָס גידי האָט צעבראָכן.

— ניט קיין שיינער צייכן, — האָט שרה אויסגערופן. — פון דעם וויין, וואָס חתן־כלה האָבן געטרונקען אין די ערשטע מינוטן פון זייער אייביקער פאַרבינדונג ביזן סוף פון זייער לעבן, פאַרוואָס מוז מען דעם כוס צעברעכן? גראָד דאַרף דער כוס פאַרבלייבן אַלס הייליקער אָנדענק.

— אַזוי איז דער דין ביי יידן — האָט רמי אָפּגעענטפערט.

— און ביי אונז, רמי, וועל איך אַנדערש טאָן. דעם כוס, פון וועלכן מיר וועלן טרינקען דעם וויין וועל איך האַלטן אינעם הייליקסטן אָרט פו־נעם הויז, און צעברעכן וועסטו אַ צווייטס.

— מזל־טוב! מזל־טוב! — האָבן זיך דערהערט אויסרופן.

שרה איז ווי פונעם שלאָף אויפגעוואַכט געוואָרן. די געדאַנקען האָבן איר געהאַט אָוועקגעפירט ווייט פון דעם מאָמענט, וואָס איז דאָ איצט פאָרגעקומען.

מיטן שטראָם פון מענטשן, וועלכע זיינען געגאַנגען צו די טישן זיינען שרה און רמי מיטגעשלעפּט געוואָרן. אַלע געסט האָבן זיך געקושט מיט גידין און עליזהן.

— רמי, אויך ביי אונז וועט עס אַזוי אויסזען? איך בין דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן אויף אַ חתונה. עפּעס האָט עס זיך מיר אַנדערש פאָר־געשטעלט.

— אַזוי איז עס שוין זינט דורות! — האָט רמי געענטפערט.

ביים טיש זיינען געזעסן העלען מיט דודן און רמי מיט שרהן. גידי האָט זיינע אויגן ניט אָראָפּגענומען פון שרהן. זי האָט עס געפילט און וויפל זי האָט געוואָלט אויסמיידן זיינע בליקן, האָט זי עס ניט געקאָנט. שפּעטער איז גידי צוגעגאַנגען צו זייער טיש און געטרונקען „לחיים״ פאַרן גליק פון אַלע יונגע פּאָרלעך.

ווען עס איז געקומען צום טאַנצן, און גידי האָט געבעטן שרהן צום

ערשטן טאַנץ, האָט שרה ניט געוואָלט אַנטקעגנקומען גידיס בקשה, אָבער רמי האָט איר אַ ווונק געטאָן, אַז זי זאָל עס יאָ טאָן. עליזהן האָט די זאַך פאַרדראָסן און זי האָט געלאַדן רמין. אַזוי טאַנצנדיק נאָענט פון זיך האָבן זיך די בײדע פּאָרלעך געביטן מיט זײערע טאַנץ־פּאַרטנערינס. נאָר געניטע אויגן האָבן געמערקט דעם גאַנצן איבערגאַנג, און די וואַרעמע געפילן אינעם טאַנץ פון די פּאָרלעך.

דער גאַנצער אָוונט איז צוגעגאַנגען אין פולן גלאַנץ און שטימונגס־פול.

ווען דער זײגער איז שוין געווען עלף, האָט שרה געבעטן גײן אַהײם. זי האָט שוין געוואָלט דעם דאָזיקן מאָמענט האָבן הינטער זיך. עס האָבן ניט געהאָלפן גידיס און עליזהס בקשות, אַז זײ זאָלן נאָך אַ ביסל בלײבן. שרהן האָט אַרויסגעהאָלפן העלען, וועלכע האָט געזאָגט, אַז מאָרגן פרי מוזן זײ פאָרן אַהײם אין קיבוץ און אַז איצט איז שוין זײער שפּעט.

הארציק איז געווען דאָס געזעגענען זיך צווישן גידיס עלטערן מיט שרהן און רמין. מ׳האָט זיך געדריקט וואַרעם די הענט און ביים שוועל פון אַרויסגאַנג, האָט פרוי מאַרקאָוויטש אַ קוש געטאָן שרהן אויסרופנדיק:

— שרה! איך וועל דיך קײנמאָל ניט פאַרגעסן, דו ביסט מיר נאָענט, ווי אַן אײגן קינד.

טרערן האָבן זיך באַוויזן אין שרהס אויגן און אַלע פיר האָבן פאַר־לאָזט דעם זאַל.

ערשט איצט האָט זיך עליזה געפילט גוט. שרה איז געזעסן אין אויטאָ אַן אומעטיקע, גראָד נאָך אַזאַ פרײלעכן מאָמענט.

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי אומעטיק? — האָט רמי געפרעגט שרהן.

— אַזוי איז עס שוין אין לעבן — האָט שרה געענטפערט. — די העכסטע פרייד ווערט באַהערשט פון אומעט און טרויער און די אומעטי־קייט מײנע, רמי, האָט אין מיר דערוועקט געפילן צו מײן טאַטן און מײן מאַמען. צו מײנע ברידער און שוועסטער. עס האָט מיר דערמאָנט, אַז איר אַלע האָט עלטערן, פרײנד און איך בין אַלײן, אַ געשטראָפטע פונעם גורל.

— נאַריש קינד. — האָט רמי אויסגערופן און זי אַרומגענומען, צו־דריקנדיק זי צו זײן ברוסט און באַדעקנדיק איר קאָפּ און פּנים מיט הייסע קושן. — ווען דו האָסט מיך, טײערע, דאַרפסטו מער קײנעם ניט און מײנע עלטערן זײנען אויך דײנע עלטערן. דאָס וואָס דיר האָט געפעלט אין אַלע דײנע יאָרן, וועסטו עס געפינען אין מײן הײם. שרה, ווען דו וואָלסט וויסן

ווי איך האָב דיך ליב, וואָלסטו זיכער אַנדערש געטראַכט...

— איך ווייס עס, רמי טייערער, איך ווייס עס און מיין אומעטיקייט איז אַ רעזולטאַט פון גליק. וואָס איך געפין ווארעמקייט און שוץ אין דיינע אָרעמס.

שרה האָט אַרומגענומען רמין, זיך צו אים געטוליעט און אים געקושט. העלען האָט זיך אַזש אָפּגערופן: — איר שעמט זיך ניט פאַר אונז?...

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים אַריינגאַנג אין רמיס וווינונג און אַלע זיינען אַרויס פונעם אויטאָ.

אין דער וווינונג האָט מען נאָך ניט געשלאָפן. די עלטערן זיינען געזעסן אויף דער טעראַסע און איינגעזאַפּט אין זיך דעם אַראָמאַט פון די בוימער בליאונג און בלומען.

— אַזוי פרי? וואָס האָט פּאַסירט? — האָט פרוי פיינגאָלד אַ פרעג געטאָן.

— גאָרניט, אַלץ איז אין אָרדענונג, אָבער רמי האָט געבעטן אַ היים האָב איך אים געמוזט פאָלגן, אַנדערש וואָלט ער געמיינט, אַז איך וויל זיין לענגער נעבן גידין... — האָט שרה געלאַכט.

— ניין! מיר ווילן פאָרן אַהיים. — האָט העלען געזאָגט, — דערפאַר האָב איך זיי גערופן.

פרוי פיינגאָלד האָט געגרייט טיי און פּרוכטן. די יונגע פּאָרן האָבן געטרונקען און געגעסן און אין אַ האַלבע שעה שפּעטער, אַז העלען מיט דודן זיינען אָפּגעפאָרן צו זיך אין קיבוץ, זיינען נאָך לאַנג געזעסן שרה, רמי און פרוי פיינגאָלד און האָבן גערעדט צווישן זיך וועגן פאַרלויף פון דער חתונה און דערביי האָט פרוי פיינגאָלד אַ פרעג געטאָן:

— נו, קינדערלעך, וואָס איז מיט אייך?

— מיר האָבן נאָך צייט, — האָט שרה געענטפערט... — אָבי איך האָב רמין נעבן זיך.

— ניין, מיינע טייערע. האָט אייך גאָט צוזאַמענגעפירט, דאַרפט איר ניט וואַרטן און ליידן. מיר זיינען עלטערע מענטשן און וואָלטן וועלן דערלעבן אַן אייניקל.

— אַ, פרוי פיינגאָלד, ווי גיך עס גייט ביי אייך. איך זע ניט אייערע סך קינדער. און איך מיין, אַז איר האָט אויך ניט חתונה געהאַט צו דריי־סיק יאָר.

— האָב איך טאַקע פּאַרשפּעטיקט, מיין קינד. און עס טוט מיר באַנג,

וואָס וואָלט מיר געאַרט, ווען איך האָב אַזאַ טאָכטער ווי העלען און כאָטש נאָך צוויי זין ווי רמי ?

— וואָלט איר געהאַט מער זאָרג ווי איר האָט געהאַט מיט אייער זון.

— האָט שרה געענטפערט.

— אַ געלעכטער אין אַ זייט, — האָט רמי אויסגערופן — און שרהלע, אונזער חתונה וועט פאַרקומען פונקט צו די זעכציק טעג נאָך גידיס חתונה. צי דו ווילסט צי ניין. דאָס איז עס.

— איך וועל זיך דיר ניט קעגנשטעלן, מיין ליבער, אָבער לאָמיר עס לאָזן אויף מאָרגן, — האָט שרה געענטפערט. — עס איז שוין שפּעט, מיר זיינען אַלע מיד, ווען מיר וועלן זיין מאָרגן ביי די קלאָרע געדאַנקען, וועלן מיר עס גענויער באַטראַכטן. מיר דאַרפן קלערן, ווו מיר וועלן וווינען. איך וואָלט געוואָלט דעם קיבוץ. דאָס אָרט ווו איך האָב זיך דערצויגן, בעסער געזאָגט, ווו מען האָט מיך דערנערט און פאַר אַ מענטש געמאַכט. אויך דאָרט האָב איך געטראָפן און די חברים וואָלטן עס אויך געוואָלט, ווייל זיי נויטיקן זיך אין אונז.

— שרהלע, לאָמיר עס טאַקע לאָזן אויף מאָרגן. די געדאַנקען זיינען טאַקע ניט קלאָר, ווו דו האָסט עס פריער געזאָגט. אַ גוטע נאַכט אייך, מיינע טייערע. — פרוי פיינגאָלד האָט אַ קוש געטאָן שרהן און רמין און אַוועק מיט איר מאַן אין איר שלאָף־צימער. רמי און שרה זיינען געבליבן אַליין. שרה האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט פון דער טעראַסע און זיך צוגעשפּאַרט אויף דער ווייכער סאָפע, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט. רמי האָט זיך געזעצט נעבן איר. אויפן הימל האָט זיך דורך די פאַרביישוועבנדיקע וואָלקנס ביים אָפּשיין פון דער לבנה נאַכט געמערקט אַלערליי פיגורן, געשטאַלטן. רמי איז געזעסן נעבן איר און אַריינגעקוקט אין אירע אויגן. עס האָט אים באַהערשט אַ שטאַרקע ליבע און איבערגעגעבנקייט צו דעם דאָזיקן מיידל, וועלכע האָט אים פולשטענדיק מענעריש צעבראָכן.

— שרה! פאַרוואָס קוקסטו אַזוי אין הימל און מיידסט אויס מיינע בליקן ?

— אַ טייערער רמי! — האָט זי אויסגערופן אַרומנעמענדיק אים און צוציענדיק צו זיך. — לייג זיך נעבן מיר טייערער, לאָמיר דיך האָבן נעבן זיך. גענוג האָב איך דיך געהאַט ווייט.. — זי האָט געדריקט זיין קאָפּ צו איר ברוסט און געגלעט זיין געזיכט. — רמי, טייערער רמי. זאָג דעם אמת, האָסטו מיך אַזוי ליב. ווי איך דיך ? מיר דוכט, אַז ניט. דו ביסט עפּעס אין אַזאַ מאָדנער שטימונג, וואָס האָט פּאַסירט ?

שרה האָט זיך אויפגעזעצט, לאָזנדיק אים ליגן אויפן קישן.

— גאָרניט, שרה, איך בין אַזוי גליקלעך און די מאָמענטן פון גליק זיינען גראַד די, ווען מען רעדט ניט, איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דו וועסט אַזוי לייכט אויפנעמען גידיס חתונה. איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט ליידן, ווען דו וועסט זען גידין ביי דער חופּה.

— נאַרעלע, וואָס דו ביסט. ווען איך בין מיט אים געגאַנגען, האָב איך אים ניט ליב געהאַט. איך האָב אים געשעצט, געאַכטעט, אָבער ניט גע־ליבט. ווייל ליבן צוויי מאָל קאָן מען ניט. מיט אים חתונה האָבן, וואָלט עס געווען אַ חתונה דורך אַכטונג, אָבער ניט פון ליבע. מען קאָן טאַקע אָפּלעבן אַ לעבן מיט רעספּעקט איינעם צום צווייטן, אָבער ניט מער. דיר האָב איך ליב. און דאָס איז טייערער פון אַלץ.

— טאָ פאַרוואָס, זאָגסטו, אַז מיר האָבן נאָך צייט צו דער חתונה?

— וואָס זאָל איך זאָגן, אַז מאָרגן זאָלן מיר חתונה האָבן? הלוואי קאָנען מיר עס טאָן, וואָלט איך ניט געווען דאָקעגן, אָבער עס איז דאָך ניט מעגלעך, און צווייטנס, פאַר דיר בין איך דיינע אויף אייביק. רמי, קיי־נער האָט מיך פון דיר ניט אַוועקגענומען. — שרה האָט אים אַרומגענומען און אַ שטאַרקן קוש אָפּגעדריקט אויף זיינע ליפּן.

— דאַרפסט וויסן, רמי, אַז איך וויל לאַדן צו מיין חתונה די קריסטן וועלכע האָבן מיך אויסבאַהאַלטן אין וואַרשע. דאָס זיינען די דאַנישעווסקיס, עס קאָן זיין, אַז זיי וועלן קומען. ווייל זיי זיינען איצט אויף גוטע פּאָסטנס און זיי וואָלטן זיכער געקומען.

— איך האָב ניט דאָקעגן, — האָט רמי אויסגערופן — רוף וועמען דו ווילסט.

— גוטער רמי, איך האָב עס שטענדיק געוווסט, אַז דו ביסט אַ טייע־רער בחור. איצט מעג איך דיר דאָס דערציילן. דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב דיך דערזען, האָט מיין האַרץ צו דיר אַ צי געטאָן. איך האָב זיך אָבער געשעמט דאָס צו זאָגן. איך האָב געוואָלט דאָס הערן פון דיר. און ווען דו האָסט עס מיר אַמאָל אויפן בערגל אין נגב דערקלערט, ווען מיר האָבן שפּאַצירט אין די אַלייע. האָט מיין האַרץ געוויינט פון פרייד. ליידער האָבן זיך אונזערע וועגן צעשיידט. און מיר האָבן געמוזט דורכמאַכן דאָס, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט. אָבער ס'איז בעסער אַזוי. מיר וועלן אָפּשאַצן שטאַרקער איינער דעם צווייטן.

לאַנג זיינען זיי געזעסן אויף דער טעראַסע און ווי פאַרליבטע זיך ניט געקאָנט שיידן. ביז יעדע פון זיי איז אַוועק אין זייער צימער.

און אויף מאָרגן האָט פרוי פיינגאָלד,ביים פרישטיק איבערגערעדט נאָך אַמאָל וועגן די קינדערס חתונה.

— אויף וואָס זאָלן זיי וואַרטן? זיי האָבן זיך ליב און ביי אונז איז עס אויך באַשטימט.

שרה האָט געשוויגן. די חתונה איז באַשטימט געוואָרן טאַקע אין צוויי חדשים אַרום.

* * *

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ וואַרעמער, כאָטש אין דער פרי איז נאָך געווען אַ ביסל קאַלט, ווען שרה מיט רמין זיינען געפאָרן אין קיבוץ און דאָרטן אָנגעזאָגט וועגן זייער חתונה. העלען און דוד זיינען געווען אויסער זיך פון פרייד. דוד האָט פאַרגעלייגט, אַז די חתונה זאָל פאַרקומען אין קיבוץ, ווייל ער פאַרהאָפט, אַז זיי וועלן פאַרבלייבן חברים.

— דאָס פרעג רמין — האָט שרה געענטפערט. — ווו ער וועט מיך פירן, דאָרטן וועל איך גיין. האָב איך חתונה, איז ער מיין מאַן און די דעה איז ביי אים. — האָט שרה געלאַכט. — אַקוראַט ווי דו האָסט באַהערשט העלען.

— וועגן דעם וועלן מיר טראַכטן. — האָט רמי געענטפערט. — איך וואָלט עס זייער געוואָלט. אָבער ווי קאָן מען איבערלאָזן טאַטע און מאַמען אין שטאָט אַליין און דעם איינציקן זון מיט דער שנור, האַלטן ווייט פון זיך. איך מיין ניט, אַז מיינע עלטערן וועלן עס וועלן. אָבער, מיר וועלן זען. דערווייל נעם איך אורלויב, ווייל סוף כל סוף, דאַרף מען זיך צוגרייטן.

— נעם חופש, וויפל דו ווילסט, — האָט דוד געזאָגט. — און ווי דו וועסט מאַכן, וועט זיין גוט.

רמי און שרה האָבן באַזוכט אַלע חברים און געזעגענענדיק זיך מיט העלען און דודן, זיינען זיי געפאָרן אַ היים.

* * *

די חתונה קאַרטלעך זיינען געדרוקט און צעשיקט. אויך די משפחה דאַנישעווסקי אין פוילן, האָט באַקומען אַן איינלאַדונג. צוערשט האָבן זיי געהאַט פאַרגעסן, אָבער שפּעטער האָבן זיי זיך דערמאָנט פון דעם קינד, וואָס איז זיי געשיקט געוואָרן דורך דער משפחה דיאַמאַנט פון פינסק. פרוי דאַנישעווסקי האָט זיך אָנגערופן צו איר מאַן, אַז איצט איז געקומען די צייט צו דערציילן איר, ווער זי איז, ווייל זי טראָגט אַ קריסטלעכן נאָמען.

דו געדיינקסט דאָך, רעדט זי צום מאַן, ווי דאָס קליין מיידעלע פלעגט פרעגן ווו איז איר מאַמע? ווו איז איר טאַטע? ווו איז איר ברודער? און פאַרוואָס האָט מען דאָ זי איבערגעלאָזן? מיר פלעגן איר דערציילן אַז די דייטשן פאַרכאַפּן קליינע מיידעלעך און שיקן זיי אַוועק ערגעץ ווייט און די עלטערן פון די קינדער שיקט מען אַוועק אויף אַרבעט. זי פלעגט דאַן ווערן אומעטיק גאַרניט זאָגן, נאָר שטיין אַזוי טרויעריק און בענקען, ביז מיר האָבן איר אָפּגעוווינט רעדן יידיש. ביז מיר האָבן איר צוגעוווינט צום פּוילישן לעבנס שטייגער. ווי שווער עס איז אונדז דאָן עס אָנגעקומען. עס דערמאָנט זיך מיר די לעצטע באַגעגעניש מיינע מיט איר מוטער — זאָגט פרוי דאַנישעווסקי, דו ביסט דאָן ניט געווען אין דערהיים זי האָט מיר אָנגעבעטן: אויב דאָס קינד וועט דורכלעבן די קריג און אויב זיי וועלן ניט דערלעבן די באַפרייאונג, און אויב עס וועט בלייבן לעבן נאָר איין ייד אפילו, זאָל דאָס קינד גיין צום יידישן פאָלק.

איך דערמאָן מיך דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב איר גענומען אין קלויסטער, ווו זי האָט עס מאָדנע אָנגעקוקט, אָבער אַ קינד איז אַ קינד זי האָט זיך צו אונדז גיך צוגעוווינט, האָט פאַרגעסן איר טאַטע מאַמען און מיט די קינדערלעך אין קינדער־גאָרטן זיך געשפּילט.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דאָס געזעגענען זיך פון דער מאַמען מיט איר טאָכטער, נאָר איך, ווי אַ מאַמע האָב איר פאַרשטאַנען. איך ווייס ניט ווי איר, מענער נעמט עס אויף. אָבער מיין האַרץ האָט געריסן פאַר ווייטיק, דאָן איז אַריין אין מיין האַרצן אַ שטאַרקערער האָס צו אונדזערע באַדריקער, די דייטשן.

— דו מיינסט אַז די מענער לעבן עס ניט איבער אַזוי ווי די פרויען? אַ פאָטער איז ניט קיין פאָטער? האָט אַ פאָטער פיינט אַ קינד? איך האָב דאָן דאָס אַלץ צוגעזען און צוגעהערט. איך האָב ניט געוויינט, נאָר דאָס האַרץ האָט געפרעסט פון צער. אָבער וואָס קאָן מען מאַכן. ס׳איז אַזאַ צייט און קעגן די צייט קאָן מען ניט גיין. די מלחמה וועט אַדורך — עס וועט ביי אונדז ווערן צוריק אַ לעבן, אונדזער פאָלק וועט אויפשטיין, אָבער די פאַרלאָרענע יידן? — דאָס איז אויף אייביק אַ ווונד, דאָס וועט פאַרבלייבן אַ פלעק פאַר דער היסטאָריע, דאָס איז די שאַנדע פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט. טויזנט יאָר האָבן יידן מיט אונדז מיטגעלעבט, מיט אונדזערע עלטערן, זיידעס און עלטער זיידעס. אַ פּאָר משפחות אין אַ דאָרף האָבן זיי געוווינט און קיין שלעכטס איז זיי ניט געשען, אַזאַ פיינע משפחה זייערע. איך וואָלט געוואָלט זען דאָס מיידעלע — זאָגט דער מאַן דאַנישעווסקאַ.

— אויב אַזוי, פאָרן מיר — האָט פרוי דאַנישעווסקי זיך אָפּגערופן. — די דאָזיקע משפחה איז ווערט, אַז מיר זאָלן פאָרן צו זייער טאָכטערס חתונה. מיר האָבן דאָ אַ ביסל זייערע זאַכן, וואָס די מוטער פון שרהן האָט אונז געגעבן, ווייל זי האָט דאַן געזאָגט, אַז במילא וועט מען עס פון זיי צונעמען. מיר וועלן איצט אָפּגעבן עס שרהן און זאָל זי ווייטער זיי נוצן אין גייסט פון זייער טראַדיציע. די אויסגעניייטע טיש סערוועטן, די זילבערנע לייכטער און די אַלע צירונג, מיטן אַלבאָם לאָמיר עס איר אומקערן. מיר דאַרפן עס ניט. און עס פּאַסט אויך ניט פאַר אונזער שטאַנד, אַז ביי אונז זאָלן זיך געפינען יידישע זאַכן. און מען זאָל מיינען, אַז מיר האָבן עס צוגענומען ביי יידן.

— דו האָסט רעכט! — האָט דער מאַן דאַנישעווסקי זיך אָפּגערופן. — מיר פאָרן. איך וויל נעמען אורלויב און לאָמיר פאַריינס זען ישראל. די מדינה, וואָס איז אויפגעשטעלט דורך יידן.

זיי האָבן אָפּגעשיקט אַ טעלעגראַמע, אַז זיי גרייטן זיך צו קומען און אַז זיי וועלן איר מאַכן אַן איבעראַשונג.

ווען שרה האָט דערהאַלטן די טעלעגראַמע, האָט עס איר זייער געפרייט. זי האָט רמין אַ סך דערציילט וועגן די קריסטן. אויף וויפל זי געדענקט, האָבן זיי איר אויסבאַהאַלטן, געהאַדעוועט אַלס זייערס אַ קינד און ס'איז קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז זי איז אַ יידיש מיידעלע. און נאָך שפּעטער, ווען די יידישע בריגאַדע איז געווען אין פּוילן, האָבן די קריסטן אַליין, מיט זייער גוטן ווילן, דערציילט פון איר און איר אָפּגעגעבן צום יידישן פאָלק.

רמי און די משפחה פיינגאָלד האָבן זיך ניט קעגנגעשטעלט, אַז די משפחה דאַנישעווסקי זאָל בייזיין אויף דער חתונה.

דערווייל איז די צייט געלאָפן און עס האָבן זיך גענומען אונטעררוקן די לעצטע טעג פאַר דער חתונה.

רמיס עלטערן האָבן פאַרלאַנגט דורך אויס, אַז די חתונה זאָל פאָרקומען אין זעלבן זאַל, ווו גידיס חתונה און אַז די זעלבע מוזיק, די זעלבע קעלנער, אַפילו דער זעלבער רב, זאָל זיי געבן חופּה־וקידושן. ניט געווען קיין כוח, וועלכער זאָל זיך קעגנשטעלן און קיינער האָט עס אויך ניט געוואָלט.

אַ וואָך פאַר דער חתונה, ווען די משפחה דאַנישעווסקי איז אָנגעקומען אויפן פלי־פעלד אין לוד, האָט זיי שרה און רמי אָפּגעוואַרט. שרה האָט זיי ניט דערקענט און זיי אויך ניט שרהן. אָבער דאָס האָט גאָרניט געשטערט פון אַ פיינער אויפנאָמע. די דאַנישעווסקיס זיינען אַריין ווינען

אין האָטעל „דן" און זיך געגרייט צום טאָג פון דער חתונה. זיי האָבן דערווייל באַזוכט דאָס לאַנד. אויסגעוועהלט פון אילת ביז מתולה. באַזוכט די יידישע קאָלכאָזן, ווי זיי האָבן עס אָנגערופן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן ביי זיי התפעלות, ביז דער טאָג פון דער חתונה איז אָנגעקומען.

אינדערפרי, ווען שרה מיט רמין האָבן באַזוכט די קריסטן אין האָ־טעל — האָט פרוי דאַנישעווסקי זיך אָפּגערופן צו שרהן:

— מיין טייער קינד! איך מוז דיר היינט אַנטדעקן אַ סוד, וואָס מיר האָבן געטראָגן אין אונזערע הערצער, און עס איז אונז ניט געלונגען דיר עס צו אַנטדעקן, ווייל מיר האָבן פשוט ניט געוווסט, ווו די געפינסט זיך. אמת, מיר האָבן געמאָלדן אין ישראל־קאָנסולאַט אין וואַרשע, און דאָרט איז עס פאַרשריבן. — דיין נאָמען איז ניט דאַנישעווסקי, דיין נאָמען איז שרה דיאַמאַנט. דיינע עלטערן זיינען געווען יידן און האָבן געוווינט אין פינסק. ווען זיי האָבן געזען וואָס דער פאַרשאָלטענער דייטש טוט מיט די יידן, האָבן זיי דיך געשיקט מיט אַ קריסטין צו אונז. דיין פאָטער איז געווען אונזער בעסטער פריינד און מיר האָבן זיך גערן געהאַט. שפּעטער האָט דיין מוטער צוגעשיקט אַ פּעקל פאַר אונז. דאָרט, אין דעם פּעקל זיינען געווען אַ סך זאַכן אייערע, פון אייער הויז, צווישן זיי, די זילבערנע לייכ־טער, אויף וועלכע דיין מוטער פלעגט אָנצינדן ליכט אין די פרייטיק צו נאַכטן. אויף די לייכטער איז אויסגעקריצט, אַז דאָס איז אַ מתנה פון חתנס עלטערן צו זייער זונס חתונה.

פרוי דאַנישעווסקי איז אויפגעשטאַנען פון דעם שטול, צוגעבראַכט אַ פּאָר זילבערנע לייכטער און האָט געלייענט די אויפשריפט.

אין דער צייט, ווען שרה און רמי האָבן באַטראַכט די לייכטער און פאַר זייערע אויגן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די מאַמענטן פון ליכט צינדן, האָט פרוי דאַנישעווסקי צוגעבראַכט אויך עטלעכע טישטעכער, וועלכע שרהס מוטער האָט אַליין געשטריקט מיט אייגענע הענט. אונטן, ביי דער זייט, איז ווידער אויסגענייט געווען דער נאָמען „דיאַמאַנט".

די קריסטין האָט אויך איבערגעגעבן אַ גאָלדן זייגערל, וואָס פרוי דיאַ־מאַנט פלעגט טראָגן אויף איר ברוסט.

שרה און רמי זיינען ווי צוגעשמידט געוואָרן צום אָרט. שרה האָט געקוקט אויף די לייכטער און טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן. — איר מאַמע, איר ליכטיקע מאַמע, פלעגט יעדן פרייטיק צו נאַכט צינדן ליכט און איבער זיי בענטשן, זאָגן תפילות, געוויס וועגן געזונט פון אירע

קינדער, ווי אַ בליץ האָט פאַר אירע אויגן אַ שיין געטאָן דאָס אַלץ, און זי האָט אויסגערופן:

— פרוי דאַנישעווסקי, איך דאַנק אייך האַרציק, וואָס איר זענט גע־קומען צו מיין חתונה און בפרט, וואָס איר האָט מיר געבראַכט דעם אָנדענק פון מיינע עלטערן. דאָס וועט מיר זיין טייער ביזן סוף פון מיין לעבן. איך זאָג צו אייך אויף ווייטער צו ציען די קייט פון דער יידישער טראַדיציע און יעדן פרייטיק אָוונט און יום־טוב אָנצינדן ליכט אין די דאַזיקע לייכ־טער. דערמיט וועל איך דערמאָנען מיין יונג אומגעקומענער טייערער מאַ־מען, וועלכע איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די פאַרשאָלטענע דייטשן, אומזיסט. דאָס וועט זיין פאַר אונז אַ דערמאָנונג, ווי ביי די דאַזיקע לייכ־טער און אפשר אויך ביי די טישטעכער, פלעגן זיי עסן זייערע שבתדיקע און יום־טובדיקע מאכלים.

— פרוי דאַנישעווסקי, איך האָב ניט קיין ווערטער, מיט וועלכע איך זאָל קאָנען געהעריק אָפּדאַנקען פאַר דעם אַלעם.

— אָט דאָ האָסטו אויך אייערס אַן אלבום מיט בילדער פון אייער הויז־געזינט.

שרה און רמי האָבן אויף גיך אַ בלעטער געטאָן און פאַר זייערע אויגן איז דערשינען אַ משפחה־בילד, ווו אירע עלטערן מיט דער משפחה, שטיי־ען צוזאַמען. שרה איז אויף די הענט פון איר פאָטער, און אַרום שטייען גרעסערע קינדער, — ייִנגלעך און מיידלעך, שרהס ברידערלעך און שוועס־טערלעך. — אָבער זי האָט פון זיי קיינעם ניט געקענט...

לאַנג האָבן זיי אַזוי גערעדט צווישן זיך און זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אין זאַל.

ווען שרה און רמי זיינען אַרויס פון „דן”־האָטעל האָבן זיי מיט זיך געהאַט אַ פּעקל, וואָס זיי האָבן באַקומען ביי פרוי דאַנישעווסקי, זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין זייער אויטאָ און אַהיים־געפאָרן.

אין שטוב האָט רמי דערציילט זיין מוטער אַלץ, וואָס איז דאָ פאָרגע־קומען און אַז שרהס נאָמען איז ניט דאַנישעווסקי נאָר דיאַמאַנט. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז אין דער כתובה זאָל פאַרשריבן ווערן שרהס נייער נאָמען.

אַ פּאָר שעה פאַר שרהס חופּה איז אָנגעקומען דער שיפס־קאַפּיטאַן עמוס דיאַמאַנט קיין תל־אביב. ער איז פאַרפאָרן אין האָטעל „שרתון”. נאָכדעם, ווי ער איז שוין געווען אין זיין צימער, האָט ער געמאַכט אַ שפּאַ־ציר איבער די האָטל זאַלן, אָנקומענדיק אין גרויסן זאַל האָט ער געזען אַ שיין סערווירט אָרט מיט בלומען אַן אַ צאָל. די קעלנערין האָט אים דער־

ציילט, אַז היינט קומט דאָ פאַר אַ חתונה. עפּעס האָט אים אַ צי געטאָן גראָד היינט צו זיין דערביי.

ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז אַלס שיפס־קאַפּיטאַן וועט מען אים ניט שטערן און ער האָט געטראַכט דאָ צו טרעפן געוויס יונגע מיידלעך, בפרט פון רייכן שטאַנד, ווייל דאָ פּראַוועט מען חתונות געוויס פון אַן אַנדערן סאָרט.

זיין באַשלוס האָט ער געהאַלטן. ער האָט אין זיין באָדע־צימער זיך גוט אַרומגעוואַשן און זיך אָנגעטאָן אין די שענסטע קליידער, וואָס ער פלעגט זיי נוצן נאָר אויף שמחות.

ער האָט ניט געפרעגט, ווער עס האָט היינט חתונה, ווייל עס איז אים בכלל ניט וויכטיק געווען, ווער דאָס איז.

דורכן פענצטער, האָט ער באַמערקט אָנקומען שיינע לימוזינעס, „פּריי־וועטס" פון די בייעסטע מאָדעלן. עלעגאַנטע מענער און פרויען. דאָס זיינען געווען סוחרים פון דער טעקסטיל אינדוסטריע מיט זייערע משפחות און דאָס גלייכן.

דער עולם האָט זיך געגומען פאַרזאַמלען. חתן־כלה זיינען שוין לאַנג געווען אין זאַל. די מחותנים האָבן זיך גרופּ־רט גרופּנווייז, געשמועסט, זיך פריילעך געמאַכט, טייל האָבן גערעדט וועגן ביזנעס.

דוד מיט העלען האָבן זיך פאַרשפּעטיקט, — און לויט ווי זיי האָבן דערציילט, פאַר חתן־כלה, — האָט זיי אַקוראַט שוין נאָענט צו תל־אביב געטראָפן אַ „פאַנטשער" מיט זייער „סטיישן" און זיי האָבן שטאַרק גע־האָרעוועט ביז זיי האָבן דאָס צערעכט געמאַכט און האָבן געקאָנט ווייטער פאָרן.

אַהיימקומענדיק איז שוין אין שטוב פון רמין קיינער ניט געווען און זיי האָבן געמוזט פאָרן צו העלענס עלטערן זיך אַרומוואַשן און איבערטאָן.

שרה, וועלכע האָט געשטראַלט פון גרויס פרייד, איז שוין געווען אַ ביסל אומרואיק, וואָס זי האָט געמוזט אַזוי לאַנג וואַרטן אויף דודן מיט העלען. ביי זייער אָנקומען, איז זי ממש צוגעלאָפן צו העלען, כדי זיך צו דערוויסן די סיבה פון זייער פאַרשפּעטיקונג.

די דאָזיקע באַגעגעניש האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די געסט. ביי שרהן איז עס געקומען פון האַרצן אַרויס. זי האָט געבענקט נאָך איר טייערער העלען און נאָך איר קיבוץ־חבר דוד. זי האָט אַפילו געוואָלט אָפּלייגן אויף שפּעטער די חתונה. דעריבער דערזעענדיק זיי, איז איר פרייד איצט געווען אַ דאָפּלטע.

ווען עמוס דיאַמאַנט איז אַראָפּ אין זאַל אַריין האָט ער זיך אויסגעמישט מיטן גרויסן פּאַרזאַמלטן עולם און איז דערפאַר ניט באַמערקט געוואָרן, — אָדער ווי שרה האָט שפּעטער דערקלערט, — זי האָט געזוכט אין זאַל נאָר העלען און דודן, — דעריבער האָט זי מער אויף קיינעם ניט געלייגט קיין אַכט.

דער שיפס־קאַפּיטאַן האָט אָבער יאָ באַמערקט שרהס צעטראָגנקייט און ווען רמי מיט שרהן האָבן זיך געטראָפן מיט העלען, האָט ביי עמוסן אַ קלאַפּ געטאָן דאָס האַרץ. ער האָט געזען באַקאַנטע פּנימער און ניט געקאָנט זיך דערמאָנען, וואו האָט ער זיי שוין אַמאָל געזען...

ער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, דורך קיינעם ניט באַמערקט.

פּלוצים איז אין זיין קאָפּ אַריין אַ געדאַנק: יאָ! דאָס זיינען זיי! דאָס זיינען די, וועלכע ער האָט אַמאָל געפירט מיט דער שיף פון אַמעריקע, יאָ! אָט איז רמי, דער שיינער אַמעריקאַנער בחור, מיט די געקרייזלטע האָר. אָט איז דער שעמעוודיקער דוד, און אָט איז די בלאָנדע העלען. ער זעט זי אין איר גאַנצער הויך מיט די ווייסע ספּאָרט־הויזן. און אָט איז די כלה, די שיינע, באַצויבערנדע שרה, די, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקענט אויף דער שיף.

יאָ! דאָס איז זי טאַקע, — וועט זי מיך דערקענען? — האָט ער געטראַכט.

זאָל איך צו איר צוגיין? ניין! — האָט ער באַשלאָסן. — ס'זיינען גע־ציילטע מינוטן פאַר איר חופּה. און צוואָס שטערן איר אין אַזאַ מאָמענט, וועלכער קאָן אַרויסרופן זכרונות. ער וועט מיט איר רעדן נאָך דער חתונה. אָדער — אפשר איר באַזוכן שפּעטער אין שטוב.

עמוס איז אַזוי געשטאַנען אין דער זייט און באַטראַכט שרהן, איר שיין געזיכט, איר פיין געבויטער קערפּער, האָט אים אַלס מאָן גערייצט, ער דערמאָנט זיך ווען זי איז געווען אויף דער שיף, האָט ער געמיינט, אַז ער וועט מיט איר רעדן וועגן חתונה האָבן, כאָטש ער האָט אַ סך פּרויען געזען אויף זיינע רייזעס. אין ניו־יאָרק, און אין לאָנדאָן, אין פּאַריז ווי אין יאַפּאַן.

קיינער האָט אים ניט געצויגן, ווייל אין יעדן קריסטלעך מיידל, האָט ער געזען אַ מערדערין פון זיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער. ער געדענקט ווי אין חלום, אַז ביי זיי איז געווען אַ קליין מיידעלע, מיט שוואַר־צע האָר, אַזאַ לעבעדיקע. און עפּעס אַזוי ענלעך צו שרהן. אפשר די דאָ־זיקע פאַרשטעלונג האָט אויף אים געווירקט, אַז ער זאָל ליב באַקומען שרהן. און איצט?

— יאָ איצט. שרה שטראַלט פון פרייד. זי האָט חתונה מיט איר רמין. מיט דעם, צו וועלן זי איז געפאָרן אַן אַנטוישטע און צוריקגעקומען אַן אַנטוישטע. ווי אומעטיק זי איז עס דאַן געווען. ווי קלוג און לאַגיש זי האָט דאַן גערעדט, ניט נאָך אירע יאָרן, נאָר עפּעס ווי אַ דערפאַרענער מענטש. עמוס איז פאַרזונקען געוואָרן אין חלומות, ווי ער האָט פּלוצים דערהערט שפּילן דעם באַוווסטן יידישן ניגון, וועלכן מען שפּילט צו דער חופה. ער האָט אַפילו ניט געמערקט, ווי שרה איז געפירט געוואָרן צו דער חופה פון פרוי מאַרקאָוויטש מיט איר מאַן, און רמי — דורך זיינע עלטערן. ביי דער חופה האָט זיך געדוכט, אַז שרה וועט אַרויספּראַלן מיט אַ געוויין. עס האָט אויסגעזען, ווי אָט, אָט, און אַ קוואַל פון טרערן וועט אַ רין טאָן פון אירע אויגן. אַלע קינדער ווערן געפירט פון זייערע טאַטע מאַמע, און זי — עלנט — אַליין אָן אַפילו אַ וויטן קרוב פון דער משפחה. אָבער העלען און דוד האָבן מיט זייער פאַנטאַזיע עס באַגריפן און האָבן מאַמענ־טאַל איבערגעריסן שרהס שטימונג מיט אומאַרמונג, דער קהל האָט באַגלייט מיט געזאַנג און אָט שטייט שוין שרה אונטער דעם פיינעם חופה־פּאַראַנג. רמי שפּרייזט לאַנגזאַם און אַ צופרידענער שמייכל שפּילט זיך אָפּ אויף זיין געזיכט. ער קוקט איצט נאָך מער אויף שרהן, זי איז אים איצט נאָך מער געפעלן ווי שטענדיק. עפּעס איר טרויעריקער בליק איז אַזוי האַרצ־רייסנדיק. אַ, ווי ער וואָלט עס איצט געוואָלט איר פאַרשטיין און באַרואיקן. אָבער ער גייט לאַנגזאַם געפירט פון זיינע עלטערן און אָט שטייט ער זייט ביי זייט נעבן שרהן. דער רב גיט חופה וקדושין. רמיס ווערטער ביים זאָגן דעם „הרי את", קלינגט אין שרהס אויערן ווי זיסע ליבע געזאַנגען. און אָט טרינקען זיי ביידע פונעם בעכער דעם ווין, וועלכן יונגע לעבנס וועלן שפּעטער טרינקען פון בעכער פון ליבע און גליק אָדער...

פרוי דאַנישעווסקי שטייט מיט איר מאַן נעבן שרהן, ווייגט פון פרייד און זי ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס. נאָר עפּעס פרעסט אין איר ברוסט, עפּעס פילט זי אַזאַ רחמנות צו שרהן. אָט דערמאָנט זי זיך שרהס מוטער און פאָטער אין פינסק. אַזעלכע טייערע האַרציקע יידן, עפּעס זעט מען גאָרניט היינט אַזעלכע יידן. געפינען זיך דאָך היינט אין פוילן אויך יידן, אָבער ניט אַזעלכע, ווי זי האָט געקאָנט די משפחה דיאַמאַנט. און ווען עס האָבן זיך דערהערט די אויסגעשרייען מזל־טוב — האָט פרוי דאַנישעווסקי שוין מער ניט געקאָנט זיך באַהערשן. זי האָט אַריינגענומען שרהן אין אירע אָרעמס, געדריקט צו איר האַרצן און געוויינט, געוויינט ווי באמת אַ גוטע פריינדין.

עמוס, וועלכער איז געשטאַנען אין אַ זייט און האָט עס אַלץ צוגעזען, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ווילן אויך צו זיין צווישן די באַגריסער צו שרהס שמחה. ער האָט, ווי געטריבן פון אַן אינעווייניקסטן כוח גענומען צוגיין צו שרהן. זיין אויסזען און די קאַפּיטאַן־קליידער האָבן געצויגן שרהס אויפמערקזאַמקייט. און ביידנס אויגן האָבן זיך באַגעגנט. אויך רמי, העלען און דוד האָבן באַמערקט עמוסן. שרה, דערזעענדיק עמוסן האָט זיך געגעבן אַ ריס צו אים. און דערקענענדיק, אויסגעשריען: עמוס, דער שיפס־קאַפּיטאַן, אַ, טייערער פריינד, ווי קומט איר אַהער? — און ווי נאָ־טירלעך אויף אַ חתונה האָבן זיי זיך צעקושט. אָבער דער קוש איז ניט געווען ווי צוויי פרעמדע. עפּעס האָט אַן אינעווייניקסטער אינסטינקט זיי נעענטער געמאַכט. אויך העלען מיט דודן האָבן זיך האַרציק געקושט מיט עמוסן. נאָר רמי איז געבליבן רעזערווירט. דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין סעקונדן, און קיינער פון די געסט, האָט כמעט ווי ניט געמערקט. אַלע זיינען געזעסן אַרום די טישן און זיך געוויילט.

ווען שרה איז אַ מינוט געווען אַליין, איז צוגעגאַנגען גידי און האַרציק און ליבליך געדריקט פעסט איר האַנט אויסרופנדיק:

— טייערע שרה, נעם צו מיין האַרציקן גליק־ווונטש. ביסט מיר נאָך טייערער ווי געווען. און איך וועל דיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן. איך וואָלט דיר געוואָלט זען, אין איינע פון דיינע פרייע טעג. נאָר וועסטו באַשליסן צו אַרבעטן אַלס קראַנקן־שוועסטער, איז דיין ווילן גרייט פאַר מיין דינסט.

— אַ דאַנק! — האָט שרה דריקנדיק די האַנט, שמייכלענדיק געענט־פערט. — פאַרגעס גידי, וואָס צווישן אונז איז געווען. זאָל עס פאַרבלייבן, ווי אַ פאַרבייגייענדיקער עפּיזאָד, האָסט אַ ווילע און טייערע פרוי עליזה. איך האָב איר זייער גערן. און אַזוי ווי אַלע פרויען, איז אויך עליזה ווערט די שעצונג פון אַ מאַן און זאָל שטענדיק הערשן צווישן מאַן און פרוי די פולע האַרמאָניע פון צוזאַמענלעבן, פאַרבינדט מענטש און גאָט אַ פּאָר, זאָלן זיי זיך עלטערן אין פריידן איינער פאַרן צווייטן. דאָס שטערט ניט פון אַ באַגעגעניש ווי פריינד מיט פריינד. אָבער לאָמיר איצט דערפון ניט רעדן. איך וועל דיר נאָר זאָגן, אַז איך מיט רמין וועלן ניט איינמאָל באַזוכן דיין היים, אויב דו וועסט אונז אויפנעמען.

דער זאַל האָט געשטורעמט פון געלעכטער, רייד און מוזיק. שאַמפּאַן האָט זיך געגאָסן און געקלאַפּט אַן אויפהער. אין צווייטן זאַל האָט דער אָרקעסטער געשפּילט טאַנץ־מוזיק און יונגע פּאָרלעך האָבן זיך אויפ־

געהויבן פון זייערע ערטער און אוועק אין אַ טאַנץ, וועלכער האָט וואָס ווייטער און ווייטער אַריינגעצויגן אַלץ ברייטערע קרייזן. אויך פרוי דאַני־שעווסקי האָט געטאַנצט מיט איר מאַן, און זי האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס זי פאַרברענגט אַזוי גוט אין דעם פרייען ישראל, אין אַ פרייער אַט־מאָספער. קיין זאַך האָט קיינעם ניט געפעלט, יעדער איז געקומען אויף זיין באַפרידיקונג אין אַלע הינזיכטן. און ווען דער אָוונט האָט זיך געענדיקט שליסן און געסט האָבן אָנגעהויבן זיך שוין פאַנאַנדערגיין, האָט זיך ערשט די משפחה און די נאָענטסטע געזעצט זיך ביי אַ ספּעציעל געגרייטן טיש, ווו מען האָט ערשט אָנגעהויבן צו טרינקען און זיך באַגריסן.

נאָכדעם, ווי שרה מיט רמין האָבן איבערגעגעבן זייערע ווונטש־טעלעגראַמעס, וועלכע זיי האָבן באַקומען, האָט שרה זיך אָפּגערופן:

— און איצט, מיינע טייערע פריינד, וועל איך אייך איבערגעבן, וואָס פאַראַ טייערע געסט מיר האָבן דאָ. ס׳זיינען געקומען פון פוילן, ספּעציעל צו מיין חתונה, די פרוי דאַנישעווסקי מיטן מאַן, וועלכע האָבן מיך אויס־באַהאַלטן פון די פאַרשאָלטענע דייטשן. — שרה האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף דער עלטערע פּאָר, וואָס איז געזעסן נעבן איר און דערביי ווייטער גערעדט. — איך און איר אַלע האָבן צו פאַרדאַנקען זיי, וועלכע האָבן ריזיקירט מיט זייער לעבן, האַלנדיק מיך אַלס זייערס אַ טאָכטער. ערשט די טעג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איך הייס ניט שרה דאַנישעווסקי, ווי ס׳איז געמאָלדן געוואָרן אין די חתונה־קאַרטן, נאָר מיין נאָמען איז שרה דיאַמאַנט. ווי פרוי דאַנישעווסקי האָט מיר היינט דערציילט, בין איך אַלס קליין קינד אָפּגעגעבן געוואָרן צו זיי, וואָס זיינען געווען גוטע פריינד פון מיין פאָטער, דאָס אַלץ איז פאַר מיר געווען אַ סוד ביז היינט. עס פריידט מיך, וואָס איך וועל ווייטער ציען די קייט פון אונזערע אָפּ־שטאַמיקע. און דאָס איז צו פאַרדאַנקען דער דאַזיקער קריסטלעכער משפּחה. וועלכע איך האָב ניט קיין ווערטער און קיין מתנות מיט וועלכע איך זאָל זיי קאָנען אָפּדאַנקען. מיין באַצאָלונג וועט זיין, ווען איך וועל דערקלערן פאַר אייך, מיינע, טייערע, אַז איך וועל אַלץ טאָן, וואָס פרוי דאַנישעווסקי מיט איר מאַן וועלן פון מיר פאַרלאַנגען, און וועלכע וועלן זיין אין מיינע מעגלעכקייטן פאַר אַזאַ פיינעם טאַט. וואָס אַפילו דער פויפּסט אַליין האָט עס ניט געטאָן.. און משפחה דאַנישעווסקי זיינען ביי מיר הייליקער פונעם פויפּסט, ווייל זיי האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן מיט פּראַקטישע מעשים, דאַן, ווען דער פויפּסט האָט אַפילו מיט קיין וואָרט ניט גערופן די קריסטן, אַז זיי זאָלן אויסבאַהאַלטן גאַטס־קינדער.

פרוי דאַנישעווסקי און איר מאַן, איר זענט ביי מיר הייליקע, און זאָל דער גאָט, וואָס לעבט אייביק באַצאָלן אייך פאַר אייערע גוטע מעשים.

אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן האָט אָפּגעהילכט נאָך שרהס רייד. שרה איז טייערער געוואָרן אין די אויגן פון רמיס עלטערן, פון העלענס עלטערן און פון דאָקטאָר מאַרקאָוויטש משפחה. ביים זעלבן געשפּרעך, האָט פרוי פיינגאָלד געבעטן אַנטשולדיקונג ביי שרהן פאַר האַנדלונגען, וואָס האָבן ניט געדאַרפט פאַרקומען צוליב איר. ווייל זי האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז עס קאָנען נאָך ביי דער היינטיקער וועלט, זיין אַזעלכע קינדער, ווי שרה. בפרט, ביי אַ ניי געקומענע, געבראַכטע פון אַ קריסטלעכער וועלט, ניט קיין דערצויגענע אין אַ יידישער היים. איך זע אָבער, זאָגט פרוי פיינגאָלד, אַז שרה האָט זיך אַליין דערצויגן און זי איז אַנדערש, ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט. דערפאַר ווינטשט זי שרהן אַ גליקלעך לעבן מיט איר איינ־ציקן זון רמי, וועלכער איז איר קרוין און אויג פון קאָפּ.

שרה האָט אויף דעם געענטפערט, אַז די דערציאונג האָט זי צו פאַר־דאַנקען דעם קיבוץ ווו זי האָט פאַרבראַכט אירע ערשטע יאָרן אין לאַנד.

נאָך אַ ווײַלע שטיל־שווייגן, האָט דער מאַן דאַנישעווסקי זיך אָפּגערופן:

— שרה! און איר אַלע געסט, באַענטע, וועלכע געפינען זיך דאָ. איך קאָן אייך ניט. איר זענט אַלע יידן, ווי איך פאַרשטיי און עס פרייט מיך אייך אַלעמען צו זען, ווייל איך האָב שטענדיק געזען אין אייך בע־סערע מענטשן. איר האָט מיט אייער קולטור אַ סך בייגעשטייערט פאַרן ניוואָ פון אונזער פאָלק, וואָס איז אין דער מערהייט געווען צו אייך ברוטאַל און נאָכגעגאַנגען היטלערס רוף. אָבער עס זיינען אויך געווען אַ סך פון אונז, וועלכע האָבן איינגעשטעלט זייערע לעבנס, ניט נאָר פאַר געלט, נאָר זיי האָבן פאַרמאָגט גאָט אין האַרצן. זיי האָבן זיך געזען אַלס פליכט צו טאָן דאָס, וואָס עס טוט אַ מענטש צו אַ מענטש.

— אייערע עלטערן, שרה, זיינען געווען אין פּינסק זייער אַנגעזען. מען האָט זיי ליב געהאַט און ווען איך האָב געאַרבעט ביי אייער פאָטער, האָט ער זיך צו מיר באַצויגן מיט רעספּעקט, ניט אַזוי, ווי אַ סך אַנדערע. איך האָב געפונען אין אייער הויז אַ היים. ער האָט מיך אַפילו חתונה גע־מאַכט מיט מיין פרוי פונעם דאָרף מאַטעלע, ווו עס איז געבוירן געוואָרן אייער גרויסער פּראָפעסאָר ווייצמאַן. ער האָט מיר פאַרזאָרגט מיט אַ ווױ־נונג, מעבל און אַ דאַנק אים, האָב איך געבויט מיין הויז, ווען יצחק — אַזוי האָט מען גערופן דיין פאָטער, — און זיין פרוי צפורה — ער האָט ניט באַוויזן ענדיקן רעדן, ווייל אין דעם מאָמענט האָט זיך געהערט אַן

אויסגעשריי, — מיין מוטער און מיין פאָטער. דער געשריי איז געקומען פון שיפס־קאַפּיטאַן, וועלכער האָט נאָכן אויסגעשריי געחלשט.

עמוס איז אָבער באַלד געקומען צו זיך. די געסט, וואָס זיינען געזעסן ביים טיש, האָבן געוועגדעט זייערע בליקן אַהין ווו דער קאַפּיטאַן איז געזעסן. שרה איז בלאַס געוואָרן, זי האָט ניט פאַרשטאַנען אויפן אויגנבליק, וואָס דאָ איז פאַרגעקומען. אויך פרוי דאַנישעווסקי מיט איר מאַן, האָבן געוואַנדן זייערע בליקן אַהער.

עמוס איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו שרהן און אויסגערופן:

— אויב אַזוי, ביסטו מיר אַ שוועסטער, שרהלע. ערשט איצט זע איך אין דיר די ענלעכקייט פון מיין אומגעקומענער מוטער. אויף דער שיף נאָך האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך האָב דיך ווו געזען. אַז איך קאָן דיך. אָבער וועמען האָט עס געקאָנט איינפאַלן אַזאַ צופאַל. אמת, איך האָב אַ סך געהערט וועגן ענלעכע פאַלן, בפרט אויף די שיפן, אָבער אַז דו זאָלסט האָבן לעבן געבליבן איז מיר ניט אַריין אין געדאַנק.

— משפחה דאַנישעווסקי — האָט עמוס זיך אָפּגערופן אין פויליש. — איך בין דער זון פון יצחק דיאַמאַנט. איך בין דאַן געווען אַ קליין יינגל. איך געדענק אייער חתונה. איך בין מיטגעגאַנגען מיט מיינע עלטערן. יאָ, עס שטימט, שרה איז מיין שוועסטערל. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, געדענק איך, ווי די עלטערן האָבן געזאָגט, אַז זיי שיקן איבער זייער טאָכטער קיין וואַרשע, ווו איר האָט געוווינט. איך בין אַנטלאָפן אין וואַלד. זיך אויסבאַהאַלטן בשעת אַן אַקציע אין פינסק. געפּאַשעט הזירים און שפּעטער ביי די פּאַרטיזאַנער, — ביז איך האָב דערגרייכט אַהער. בין פון די ערשטע אַריין אין ים־פּלאַט, אַליין זיך געלערנט און בין דערגאַנגען דערצו, וואָס איך בין איצט.

— איך האָב אָבער ניט אויפגעהערט דיך זוכן, שרה, איך האָב געוווסט, אַז דו ביסט ביי קריסטן. איך האָב געזוכט — און ליידער ניט געפונען. מ'האָט מיר דערציילט, אַז דו ביסט אומגעקומען אָדער פאַרלוירן געגאַנגען פאַרן יידישן פאָלק. אַקוראַט ווי ביים היינטיקן טאָג געפינען זיך נאָך הונדערטער יידישע קינדער געוויס ביי קריסטן און זיי גיבן עס ניט אַרויס.

— ריכטיק! — האָט פרוי דאַנישעווסקי אויסגערופן. — איך קאָן עטלעכע קינדער, וואָס שטאַמען פון יידן. ווו זיינען אייערע פרומע יידן? זאָלן זיי קומען צו מיר, איך וועל זיי דערציילן, איבערגעבן וועמען זיי קאָנען ראַטעווען. אָבער איר שווייגט, — זאָגט פרוי דאַנישעווסקי — זאָגט

אייערע, אז זיי טוען אַ פעלער. פאַר אַ ביסל געלט קאָנען זיי ראַטעווען די רעשטלעך לעבנגעבליבענע יידישע קינדער. איך האָב עס געטאָן אויס טרייהייט צו אייערע עלטערן, וועלכע איך האָב גערן געהאַט.

שרה איז אַרויס פונעם אָרט, וווּ זי איז געזעסן, צוגעלאָפן צו עמוסן, אים אַרומגענומען און וויינענדיק אויסגערופן:

— ברודער מיינער, טייערער ברודער! ווי גליקלעך איך בין, וואָס איך האָב כאָטש איינעם געטראָפן פון אונזער גרויסער משפחה.

זי האָט אים געקושט, גענומען אים צום טיש און געזעצט אים נעבן זיך. עמוס האָט זיך געקושט מיט רמין, העלען און דודן. די שמחה איז איצט געווען אַ דאָפּלטע. לאַנג נאָך האָבן זיי פאַרבראַכט אין האָטעל „שרתון" צו וועלכן עס זיינען געווען געלאַדן די דינערשאַפט.

שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע זיינען געפאָרן אַהיים, איז עמוס מיטגע־פאָרן. דאָרט אין שטוב, האָט שרה אַרויסגענומען די לייכטער און די טיש־טעכער און דאָס געוויזן עמוסן. עמוס האָט דערקאָנט די לייכטער. ער געדענקט, ווי אַלס קינד פלעגט ער זיי שטעלן אויפן טיש, שטיין און קוקן, ווי זיין מוטער פלעגט אָנצינדן די ליכט און בענטשן איבער זיי, אַ קוש טוענדיק שפּעטער איר זון. איינעם פון די טישטוכער, וועלכן זי האָט אַליין געשטריקט, פלעגט זי לייגן אויפן טיש יעדן שבת לכבוד דעם הייליקן טאָג. עמוס האָט אַפילו זיך דערקאָנט אין בילדער אַלבום, וווּ ער איז געשטאַנען מיט זיין משפחה.

לאַנג איז שרה, רמי און עמוס געזעסן און געשמועסט צווישן זיך וועגן אַלץ, וואָס זיי האָבן אַדורכגעמאַכט. עמוסעס געשיכטע אין די וועל־דער, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען איז אַ דערציילונג פאַר זיך, וואָס די יידן זיינען אויסגעשטאַנען פון די פאַרטיזאַנער־גויים.

שפּעט, זייער שפּעט זיינען זיי געגאַנגען שלאָפן.

אויף מאָרגן פרי האָבן זיי אַלע זיך צונויפגעקליבןביים פרישטיק, צווישן זיי זיינען אויך געווען די קריסטן דאַנישעווסקי, העלען און דוד.

די קריסטן האָבן פאַרבראַכט אין לאַנד אַ וואָך צייט. צוזאַמען מיט שרהן און רמין, האָבן זיי באַזוכט דאָס גאַנצע לאַנד אין זייער אויטאָ. די פאַמיליע דאַנישעווסקי האָבן איינגעלאַדן שרהן מיט רמין צו קומען קיין וואַרשע אַלס געסט, וווּ זיי וועלן פאַרברענגען זייער האָניק־חודש.

רמי האָט די איינלאַדונג אָנגענומען, ווייל ער איז נאָך אין פּוילן קיינמאָל ניט געווען. אים האָט זיך געוואָלט זען די טויט־לאַגערן מיט די גאַז־אויוונס, מיט די בערג שיך, קליידער, וועגן וועלכע ער האָט אַזוי פיל

זיך אָנגעהערט. און רמי האָט טאַקע געזען שפּעטער די דייטשישע „ציווי־ליזאַציע" פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט.

שטייענדיק מיט שרהן האָט רמי פון האַרצן אַרויסגעשיקט אַ קללה צום דייטשישן „הערן־פאָלק", וועלכעס האָט זיך גענומען די רעכט צו מאָרדן אומשולדיקע מענטשן, אַזאַ באַרג אַש, האָט געדאַרפט ווערן פונעם דייטשישן פאָלק, אַזוי ווי זיי האָבן עס געמאַכט מיט אונזער פאָלק — האָט רמי אויסגערופן. עס איז ממש ניט צום גלייבן, אַז אַ מענטש קאָן טאָן אַזוי אַן אַנדער מענטש.

— אַזוי זיינען זיי געווען — האָט פרוי דאַנישעווסקי אויסגערופן, — און עס איז ניטאָ קיין כוח אין דער וועלט, וואָס זאָל דאָס דאָזיקע „הערן פאָלק" באַשטראָפן. באַשטראָפן פאַר אַלע גרויזאַמקייטן, וואָס אַזעלכע פאַרשאָלטענע זיין און טעכטער האָבן געטאָן צו אַנדערע. — פרוי דאַני־שעווסקי האָט נאָך צוגעגעבן, אַז זי מיינט ניט בלויז דאָס, וואָס דאָס יידי־שע פאָלק האָט געליטן פון די דייטשן — „אויך מיר האָבן ניט ווייניק פון זיי געליטן, אויך אונז האָבן זיי געמאָרדעט. נאָך מער האָבן זיי געמאָרדעט די רוסן און קאָמוניסטן, פראַנצויזן, אונגאַרן, טשעכן, אַ סך, אַ סך, זיינען דאָ אַהער געבראַכט געוואָרן. די גאַז־אויוונס האָבן געאַרבעט אָן אויפהער, טאָג און נאַכט".

— דאָס פּוילישע פאָלק — זאָגט דאַנישעווסקי — וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן די דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף אונזער ערד און צווישן אונזערע מענטשן, פון וועלכע איר זענט עדות.

* * *

ווען עס איז געקומען די צייט, זיינען רמי און שרה אָפּגעפאָרן אַהיים און אָנגעהויבן בויען זייער לעבן פונדאָסניי. העלען און דוד זיינען פאַר־בליבן לעבן אין קיבוץ. רמי און שרה זיינען פאַרבליבן אין הויז פון רמיס עלטערן, ווו רמי האָט איבערגענומען די געשעפטן פון זיין פאָטער.

דוד האָט פאָרגעלייגט אויף אַ זיצונג פון קיבוץ־סעקרעטאַריאַט, אַז דער קיבוץ זאָל צוטרעטן אַלס שותף צו די געשעפטן פון רמיס עלטערן, דאָן וועט שרה מיט רמין מסכים זיין אַריינצוטרעטן אין קיבוץ און צוזאַמען פירן די בשותפותדיקע געשעפטן. דוד האָט מאָטיווירט, אַז די רווחים וועלן אַריין אין קיבוץ.

אויף דער פראַגע, צי רמי מיט שרהן וועלן מסכים זיין, האָט דוד

געענטפערט, אַז ער האָט גערעדט מיט זיי און זיי זיינען מסכים. דער קיבוץ האָט מסכים געווען און ווען דוד און העלען האָבן איבערגעגעבן רמין דעם באַשלוס פונעם קיבוץ, איז שרה געווען די גליקלעכסטע, וואָס זי וועט קאָנען צוריק ווינען אין דעם אָרט, וווּ זי האָט זיך דערצויגן, אויפגעהאָדעוועט און געפונען איר גליק.

די עלטערן פון ביידע משפחות, — העלענס און רמיס — זיינען אויך אַריין ווינען אין קיבוץ, וווּ זיי האָבן באַקומען אַ גוטע באַציאונג.

די פאַבריק האָט אַריינגעבראַכט גוטע איינקונפטן פאַרן קיבוץ.

ווען עמוס איז געקומען אויף אורלויב איז ער פאַרפאָרן צו זיין שוועסטער און שוואָגער אין קיבוץ. גראַד דאַן האָט זיך געפונען צופעליק חנה, די טאָכטער פונעם ישראל־דיפּלאָמאַט. שרה האָט זיי באַקענט און האָט זיך איינגעשטעלט, אַז איר ברודער זאָל חתונה האָבן מיט חנהן.

חנה האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט, אָבער עמוסעס שטאַנד, — שיפס־קאַפּיטאַן, — האָט איר געצויגן און זי האָט אים ליב באַקומען.

מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער איז אויך עמוסעס חתונה פאַרגעקומען אין דעם זעלבן זאַל, אויך מיט דעם זעלבן פּראַכט און גלאַנץ וואָס ביי שרהס חתונה.

* * *

און צום קנאַפּן יאָר צייט, זיינען אין שפּיטאָל „קאַפּלאַן" אין רחובות געבראַכט געוואָרן צוויי יונגע שיינע פרויען צום געבורט. עס זיינען געבוירן געוואָרן צוויי שיינע מיידעלעך, וועלכע ד״ר גידי האָט איבערגענומען ביי דער געבורט.

היינט, אַז איר וועט קומען אין נגב און אַריינקומען אין קיבוץ, וואָס שטייט אויפן בערגל, וועט איר אין דער קינדער־היים טרעפן צוויי שיינע קינדערלעך, וועלכע שפּילן זיך שטענדיק צוזאַמען — דאָס זיינען די קינדער פון שרה און העלען. ניט ווייט פון דעם בוים, שטייען צוויי שיין־געבויטע הייזעלעך, איינגעאָרדנט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, אַפילו מיט טעלעוויזיע. זאָלט איר וויסן, אַז דאָרט ווינען די צוויי ליבע משפחות — רמי מיט שרהן, דוד מיט העלען. און ניט איינמאָל קומען די עלטערן מיט די קינדער און אייניקלעך און צעלייגן אַ פייער ניט ווייט פונעם דיקן בוים, וווּ שרה האָט באַקומען דעם ערשטן קוש פון איר טייערן בחור רמי.

ניט איינמאָל האָט עס שרה דערמאָנט רמין, און אויך די עלטערן,

אַז דאָ האָבן זיי געשלאָסן זייער אייביקן בונד און הלוואי זאָלן אַלע יידישע קינדער לעבן אַזוי גליקלעך, ווי עס לעבן די דריי פּאָרלעך: רמי מיט שׂרהן, מיט זייער טעכטערל אירית; העלען מיט דודן מיט זייער טעכטערל נילי; און עמוס מיט חנהן. שׂרה מיט העלען סודן זיך, — זיי זאָגן, אַז באַלד, באַלד, וועט דוכט זיך, אויך חנה באַרייכערט ווערן מיט אַ קינדעלע.

דאָס בערגל אין נגב איז שטאָלץ, וואָס עס האָט צונויפגעקליבן די צעשפּרייטע קינדער פונעם יידישן פאָלק אין זייער היימלאַנד, וואָס איז געשטאַנען וויסט טויזנטער יאָרן, און זיי דאָ געגעבן אַ גליקלעכע צוקונפט.

סוף